STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06433

AVRAHAM-BER GOTLOBER UN ZAYN EPOKHE

Isaac Fridkin

•

Permanent preservation of this book was made possible in honor of Abraham Baer Gottlober by his great-great and great-great-great grandchildren

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם־בער גאָטלאָבער

און זיין עפּאָכע

לויט פאַרשיידענע קוועלן

א. פרידקין

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

1925

A. Fridkin. „Gotlober i jego epoka“.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina,
Wilno, M.-Stefańska 23.

אברהם=בער גאָטלאָבער

(1899 - 1811)

1־טער טייל

גאָטלאָבערס מעמואַרן

תקע"א (1811) — תר"י (1850)

הקדמה.

איינע פון די מערקווירדיקסטע פערזענלעכקייטן פון דער השכלה־עפאכע, וואס איז אזוי נאענט און דאך שוין אזוי ווייט אוועק פון אונז — פון דער עפאכע, וואס האט געהאט אזעלכע קאלאסאלע רעזולטאטן פאר אונזער ווייטערדיקער אנטוויקלונג און געגעבן איר אזא מעכטיקן שטויס פאראויס, אז איר באפרוכפערנדיקער כח שפירט זיך נאך ביז היינטיקן טאג, — איז בלי שום ספק געווען אברהם־בער גאטלאבער. ער איז געווען איינער פון די, ארום וועלכע די גאנצע אקס פון דער השכלה־באוועגונג האט זיך געדרייט: ער איז כמעט געשטאנען ביים וויגעלע פון דער השכלה, ביי איר אנהייב, און האט זי אויך באגלייט ביי איר סוף, ווען זי האט אומבאמערקט אפגעטראטן איר פלאץ פאר אנדערע, פאזיטיווערע שטרעמונגען אין יידישן לעבן, און איז אויך געווען איר אקטיווסטער שטיצער און טוער. אויף זיינע אייגענע אקסלען האט גאטלאבער דעם שווערן עול פון דער פארצייטיקער טראדיציאנעלער יידישקייט אויסגעפרווט און האט אליין דעמאזיקן עול אראפגעווארפן און איז ארויף אויף א נייעם וועג צו א נייי לעבן. גאטלאבער איז געווען דער רעוואלוציאנער פון זיין דור און האט מיט ברויזנדיקער ענערגיע, צוזאמען מיט זיינע צייט־חברים, געהאלפן צו צעשטערן די יסודות פון דער אלטער יידישקייט, אראפשארן דעם שימל און שטויב, וואס האבן זיך אויסגעקליבן פון הונדערטער יארן און אריינגיסן א נייעם אינהאלט אין די אלטע פארמען.

ערשט־איצט, ווען די השכלה־באוועגונג איז שוין אפגעטראטן אין דער פארגאנגענהייט, האבן מיר די מעגלעכקייט אביעקטיווער אריינדרינגען אין דער טיף פון דער אזוי מערקווירדיקער עפאכע און אפשאצן איר גוואלדיקע באדייטונג. ערשט איצט האבן מיר

די מעגלעכקייט צו באַגרייפֿן, וויפֿל מוט עס האָבן געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן די השׂכּלה־קעמפֿער פֿון יענער צייט, זיי זאָלן בײַ דעם דעמאָלטיקן קאָנסערוואַטיוון ייִדישן לעבנסשטייגער, ווען יעדער יחיד איז געווען אַריינגענומען אינם פּרעס פֿון דער קדמונים איינגעשטעלטער טראַדיציע — וויפֿל מוט און גבֿורה יענע ערשטע שוואַלבן האָבן באַדאַרפֿט האָבן, אָפֿן אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג און ווירקן פֿאַר זייערע אידעען — און איינער פֿון די דאָזיקע דרייסטע און מוטיקע איז געווען גאָטלאָבער.

און נאָך אַזאַך: מע דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז מיט ניט קיין סך צייט פֿאַר אים לערך האָבן נאָך געלעבט און געווירקט דער בעש״ט, דער ווילנער גאון און משה מענדלסאָן, און בלויז מיט אַ דור פֿאַר אים — ר׳ שניאור־זלמן ליאַדיער, ר׳ נחמן בראַסלאַווער, ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער און פֿיל אַנד.; אַ סך פֿון די פֿירער פֿון ייִדישקייט האָבן נאָך געלעבט אין זיין צייט; עס האָט זיך ערשט געהאַט אָפּגעשפּילט דער היסטאָרישער קאַמף צווישן חסידות און מתנגדות, און גלייך נאָכדעם אָדער פּאַראַלעל מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פֿון השׂכּלה קעגן חסידות און לומדות צוזאַמען פֿאַר דער פֿאַרוועלטלעכונג און פֿאַרמענטשלעכונג פֿון אונדזער לעבן. דאָס זיינען געווען עפּאָכן פֿון טיפֿע און שטאַרקע יויחונגען און דאָס עכאָ פֿון די דאָזיקע גייסטיקע קאַמפֿן האָט זיך נאָך אין גאָטלאָבערס צייטן הילכיק געלאָזט הערן, און זיי האָבן נאָך געהאַט אַ דירעקטע השפּעה אויף זיין דור — און מחמת דעם אַלעם האָבן זיינע מעמואַרן, ווי זיין ביאָגראַפֿיע בכּלל, אַן אומגעהייערן ווערט פֿאַר אונדזער קולטור־געשיכטע; גאָטלאָבערס ביאָגראַפֿיע איז אַ פֿראַגמענט פֿון יענער הערלעכער, פֿול מיט שאַפֿערישע כּוחות עפּאָכע, וואָס איר וואַרעמען הויך שפּירן מיר נאָך אויף אונדזער פּנים.

געוויס קען מען אין די מעשׂים און מיינונגען פֿון די השׂכּלה־טוער געפֿינען אַ סך קוריאָזיטעטן און גוזמאות. ס׳איז אָבער קיין חידוש ניט, וואָס זיי האָבן אָפֿטמאָל איבערגעכאַפּט די מאָס סיי אין זייערע התפּעלות פֿאַר די נייע רעגירונגען אין ייִדישן לעבן סיי אין זייער אָפּשאַצן די אַלטע ייִדישע לעבנספֿאָרמען: רייסנדיק זיך צו דער ברייטער פֿרייער וועלט, איז געווען גאַנץ נאַטירלעך,

אַז זיי האָבן, פֿאַרבלענדט און פֿאַרבלינעט פֿאַר דעם גלאַנץ און ליכט פֿון זייערע אידעאַלן, אין דעם יידישן לעבן געזען נאָר חושך, פֿוילקייט און אָפּגעשטאַנענקייט: דאָס איז אייגנטימלעך פֿאַר יעדער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע, פֿאַר יעדער איבערגאַנגס־צייט, וואָס זעט אין דעם עבֿר בלויז נעגאַטיווע מאָמענטן. אָבער דערהויפּט וויכטיק איז געווען דער קאַמף גופֿא צווישן אַלטן און יונגן דור, וואָס האָט אויפֿגערודערט דאָס פֿאַרשלאָפֿענע יידישע לעבן, די נייע כּוחות, וואָס האָבן אויפֿגעוואַכט און גענומען בויען אַ נייע וועלט.

און מיט אַזאַ מאָס דאַרף מען אויך צוגיין צו די שאַפֿונגען פֿון דער השכּלה־ליטעראַטור אויף יידיש, בתוכם אויך צו גאָטלאָבערס יידישע ווערק. ניט קיין קונסט איז דאָרטן געווען דער עיקר, ניט דאָס דאַרף מען דאָרטן דערהויפּט זוכן — אַזעלכע זאַכן האָט די זיך ניט שטענדיק געקענט פֿאַרגינען. דאָס איז דער עיקר געווען אַ קאַמפֿס־און אַגיטאַציע־ליטעראַטור, אַ צעשטערערישע ליטעראַטור איז עס געווען, אַ ליטעראַטור, וואָס האָט באַדאַרפֿט ברעכן די אַלטע פֿעסטונג פֿון דער יידישער טראַדיציע, וועלכע האָט געדריקט ווי אַ באַרג אויף דעם יידישן מאַסן־מענטשן. „יענע עלטערע צייט אָבער האָט זיך ליטעראַטור ניט געקאָנט פֿאַרגינען קיין ווייכע הענטשקעס, און דער יידישער קינסטלער האָט געמוזט זיך אָפֿט נעמען פֿאַרן מלמדישן טייטל, וואָרן ס׳האָט נאָך פֿריער געמוזט באַשאַפֿן ווערן אַן אַטמאָספֿער אין יידישן פֿאָלק, דאָס וואָס מיר צו אונדזער צייט האָבן שוין געפֿונען גרייט און פֿאַרטיק". *) דאָס איז געווען אַ ליטעראַטור, וואָס האָט געהאַט די אויפֿגאַבע צו שטורעמען דאָס אַלטע פֿאַרגליווערטע לעבן, אויפֿצוטרייסלען דעם איינגעשטאַנענעם און איינגעפֿונדעוועטן לעבנסשטייגער און אַרויספֿירן די יידישע מאַסן אין דער ברייטער וועלט און ווייזן, אַז אויסער די פֿיר איילן תורה־יידישקייט, איז אויך פֿאַראַן אַ לעבן. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אויפֿריכטיק־ערלעך, מיטן הייסן גלויבן אין די הומאַניטאַרע אידעען און מיט דער טיפֿער כּוונה אַרייַנצוברענגען ליכט אין אַלע יידישע ווינקעלעך.

*) בעל־דמיון „הומאַניזם אין דער עלטסטער יידישער ליטעראַטור", ז. 62.

*
*   *

גאָטלאָבערס אויטאָביאָגראַפישער מאַטעריאַל איז צעוואָרפן אין דרייַ ערטער: אין „זכרונות ימי נעורי“ (אין „הבוקר אור“), אין „הגזרה והבניה“ (אויך דאָרטן), אין שלום-עליכמס „יוד. פאָלקס-ביבליאָטעק“, אין „יעווր. סטאַרינאַ“ און אין די קאָרעספּאָנדענציעס פון „המגיד“ *). דעמדאָזיקן גאַנצן מאַטעריאַל צו קאָנצענטרירן און סיסטעמאַטיזירן איז געווען אונזער אויפגאַבע.

די גרונד-אויטאָביאָגראַפיע בילדעט זיין אייגנטימלעכע לעבנס-געשיכטע, „זכרונות ימי נעורי“, דער איבעריקער מאַטעריאַל קומט אַריין אַלס דערגאַנצונג צו די געהעריקע שטעלן אין די מעמואַרן, וואו עס ווערט וועגן דעם דערמאָנט בקיצור אָדער עס פעלט לגמרי און דאַרף, לויט דעם כראָנאָלאָגישן סדר, אַהער אַריינקומען **).

---

*) צו אונזער באַדויערן, האָבן מיר די וויכטיקע און אינטערעסאַנטע מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן געפונען אין „המגיד“ 1864, אין גאָטלאָבערס קאָרעספּאָנדענצן פון זיין רייזע איבער בעסאַראַביע, „מסע ברוסיא החדשה“, נום. 8—33, ניט געקאָנט אויסנוצן, ווייל מיר האָבן עס געקראָגן צו שפּעט.

**) קאַפּיטל ג, ז. 25—32 גענומען פון „Евр. Старина“ 1910, ז. 284—285; קאַפּיטל ז, ז. 63—68 גענומען פון „הגזרה והבניה“, „הבוקר אור“ תרל״ח, ז. 527—529; קאַפּיטל ח, ז. 69—73 פון „הגזרה והבניה“, „הב״א“ תרל״ח, ז. 529—531, 589; קאַפּיטל ט, ז. 77—78, פון „הגזרה והבניה“, „הב״א“ תרל״ט, ז. 845—846; קאַפּיטל י, ז. 84—85, 85—87, 87—89— „הגזרה והבניה, „הב״א“ תרל״ח, ז. 642—643, 641—642 און „הב״א“, תרל״ט, 847—848; קאַפּיטל י״ב, ז. 104 (וועגן ר׳ לוי-יצחק באַרדיטשעווער, אַז ער איז געווען אַ שונא פון השכלה)—פון „הגזרה והבניה“, „הב״א“, תרל״ח, ז. 643; קאַפּיטל כ״ב כ״ג, פון „זכרונות ימי נעורי“, „הב״א“ (תרמ״ו, ז. 19—20), פון די זכרונות אין ש״ע „יוד. פ״ב“ 1888, ז. 251 און „המגיד“ תרל״ג, נום. 37 38; קאַפּיטל כ״ד, ז. 184—185 (ביז דעם אָבזאַץ „איינער פון דידאָזיקע“), 185—186 (ביז דעם אָבזאַץ: „בעת איך בין געקומען קיין אָדעס“), פון „הגזרה והבניה“, „הב״א“, תרל״ט, 691 783; קאַפּיטל כ״ח, ז. 207 (פון דעם אָבזאַץ: „בעת די משכילים פון אָדעס“)—212, „הגזרה והבניה“, „הב״א“ תרל״ט, ז. 779—789 און (פון דעם אָבזאַץ: „עס האָט קיין סך ניט געדויערט“, ז. 212 ביזן סוף

דערביי האָבן מיר דעם צוגעגעבענעם מאַטעריאַל אַריינגעגעבן אָדער אין טעקסט גופא, אָדער אַלס הערה צו דעם געהעריקן טעקסט, געווענדט אָן דער אָרגאַנישער שייכות פון דעם מאַטעריאַל.

חוץ דעם האָבן מיר אויך זיינע מעמואַרן גופא געדאַרפט אויפשטעלן לויט דעם כראָנאָלאָגישן סדר: דען פיל פאַסירונגען קומען שפעטער, בעת די דאַרפן קומען פריער, פיל זאַכן חזרן זיך איבער; פיל זאַכן, ווידער, וואָס דאַרפן קומען געקייטלט און געבונדן — זיינען צעוואָרפן איבער פאַרשיידענע ערטער אין פאַר־שיידענע פעריאָדן. מיר האָבן אויך אַרויסגעוואָרפן די־יעניקע שטעלן, וואָס האָבן ניט — ניט קיין דירעקטע, ניט קיין אומדירעקטע שייכות מיט זיינע מעמואַרן און האָבן אויך ניט קיין שום אינטערעס פאַרן יידישן לעזער****).

מיר האָבן זיך אויך געפלייסט, אויף וויפל דאָס איז מעג־לעך געווען אין יידיש, איבערצוגעבן ליליענטאַלס און גאָטלאָבערס בריוו, וואָס זיינען אַ דאָקומענט פון זייער צייט און אַ כאַראַקטעריסטיק פון זייערע פאַרפאַסער — אין זייער מליצהדיקן און געהויבענעם טאָן.

דער גאַנצער מאַטעריאַל ווערט צעטיילט אויף צוויי טיילן: דער אויטאָביאָגראַפישער, זיינע אייגענע מעמואַרן, בילדעט דעם ערשטן

עמוד) 910; ק א פ י ט ל כ״ט, ז. 213—217, פון „הגזורה והבניה״, „הב״א,״ תרל״ט, ז. 163, 783, 845, 841, תרל״ח, ז. 644; ק א פ י ט ל ל, ז. 218—224, פון „הגזורה והבניה״, „הב״א״, תרל״ט, ז. 841—843, 844 און „המגיד״, תרל״ג, ז. 392; ק א פ י ט ל ל״א, ז. 225—229, פון „הגזורה והבניה״, „הב״א״ תרל״ט, ז. 779 און 910; ק א פ י ט ל ל״ב, ז. 230—243, „הגזורה, והבניה״ „הב״א״ תרל״ט, ז. 912—918; ק א פ י ט ל ל״ג, ז. 244—247, „הגזורה והבניה״, „הב״א״, תרל״ט ז. 918—919, 291—292 און תרל״ח, ז. 644—645; ק א פ י ט ל ל״ד, ז. 248—254, „הגזורה והבגיה״, „הב״א״, תרל״ט, ז. 922—924, און 973—974; ק א־פ י ט ל ל״ה, ז. 255—260, „הגזורה והבניה״, תרל׳ט, 274—276 און. (פון דעם אַבזאַץ: „אין יענע צייטן״ ז. 257) „המגיד״ תרל״ג ז. 392.

*) צו דעם טעקסט פון די מעמוארן קומען הערות פון גאָטלאָבערן, וועלכע זיינען באַצייכנט מיט דער אונטערשריפט א. ב. ג. אונזערע הערות זיינען באַצייכנט מיט דער אונטערשריפט א. פ.

טייל און פֿאַרנעמט דעם פּעריאָד 1811 — 1850 ; דער ביאָ־
גראַפֿישער מאַטעריאַל, וואָס איז דורך אונז אויפֿגעזאַמלט געוואָרן
און דערפֿירט געוואָרן ביז זיין טויט, בילדעט דעם 2־טן טייל און
פֿאַרנעמט דעם פּעריאָד 1811 — 1899.

אַזוי אַרום גלויבן מיר, אַז דער לעזער וועט האָבן אַ פֿולשטענדיק
בילד פֿון גאָטלאָבערס לעבן און זיין עפּאָכע.

א. פּ.

אריינפיר.

געבורט און ערציאונג פון גאטלאבערס פאטער. — דעם פאטערס רבי. — חסידות און מתנגדות. — זיין פאטער פארזוכט דעם האניק פון דער השכלה. — יידן שילטן מענדעלסאנען מיט טויטע קללות. — חסידים רייסן אראפ דעם אווטאריטעט פון די רבנים און דערהויבן אנשטאט דעם די חזנים. — די חזנים ענדערן דעם נוסח פון דאוונען. — דער ערשטער תנאי פון א רבין איז — צו זיין א חזן. — גאטלאבערס פאטער נעמט זיך צו חזנות. — ר' לוי-יצחק בארדיטשעווער מאכט אים פאר א חזן אין אלט-קאנסטאנטין. — ער איז באליבט און געאכט ביי שטאט. — א הויכער סארט מענטש.

מיין פאטער, דער גרויסער למדן, חסיד און ירא-שמים, ר' חיים בר' אברהם-דוב הכהן ז"ל, איז געבארן געווארן אין טאראשטשע, קיעווער גובערניע, ארום יאר תק"ם און האט זיך דערצויגן אין סמילע ביי דעם בארימטן רב און חסיד ר' יעקב, און איז געווען זיינער א תלמיד מובהק.

פונקט ווי עס איז ניטא אין דער נאטור קיין אבסאלוט קעגנזעצלעכע זאכן, וואס זאלן ניט האבן זייער דרך-הממוצע, זייער סינטעז, אזוי איז עס אויך ניטא ביי אידעען און שיטות בכלל און ביי דער מתנגדישער און חסידישער שיטה בפרט.

פון זינט עס האט זיך צווישן יידן גענומען פארשפרייטן די חסידישע שיטה, פון בעש"ט און זיינע תלמידים, און די פאנענטרעגער פון דעם תלמוד מיט דעם ווילנער גאון בראש האבן זיך פאר איר שטארק דערשראקן, ווייל זיי האבן אנגענומען, אז די חסידות איז אן אפשפראצונג פון דער שבתי-צבי-באוועגונג — פון דעמאלט אן האבן זיך די חסידים מיט די מתנגדים צעטיילט אויף צוויי פיינדלעכע צדדים, וואס באקעמפן זיך תמיד מיט גרויס העפ-

טיקייט. און אַזוי ווי בשעתו האָט זיך נאָך דער־יעניקער סינטעז, וואָס זאָל די דאָזיקע צדדים פֿאַראייניקן און אויסגלייכן — דערוויילע ניט געהאַט אַרויסגעוויזן, האָבן זיך דעריבער אָפּגעזונדערט יחידי־סגולה, וואָס מיט זייער גרויסקייט און תורה און יראה האָבן זיי איינגעפֿונען, אַז ס׳איז אוממעגלעך יוצא צו זיין אַנטקעגן די ביידע שיטות, און די בעסטע זאַך איז: ביידע אַ ביסל אַרומצישניידן. איינער פֿון די דאָזיקע איז געווען ר׳ יעקבֿ פֿון סמילע. ר׳ יעקבֿ איז געווען איינער פֿון די גדולי הדור און אַ גרויסער אָנהענגער פֿון תלמוד, איז ניט אָפּגעטראָטן פֿון יידישן דין אַפֿילו אויף אַ האָר; אין הערזועלבער צייט איז ער אָבער אויך געווען אַ פֿייערדיקער חסיד פֿון בעש״ט און פֿון זייערע תלמידים אין עבֿודה און דבֿיקות, און אַזעלכער איז ער פֿאַרבליבן זיין גאַנץ לעבן.

איידער איך וועל איבערגיין צו דער לעבנס־געשיכטע פֿון מיין פֿאָטער, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט מיינע אייגענע זכרונות, וויל איך מוסר־מודעה זיין מיינע לעזער, אַז וועגן דער השכלה, צו וועלכער איך בין נאָכדעם געקומען און וועלכע איז געוואָרן דער פֿאַקעל אויף מיין לעבנס־וועג, וועל איך איצט להלוטין ניט רידן; דער עיקר וועל איך דאָ באַהאַנדלען די דאָזיקע צוויי שיטות, וואָס האָבן דאַן געהערשט ביי יידן.

די מתנגדות האָט געקיניגט אין גאַנץ ליטע, און די חסידות האָט אויסגעשפּרייט איר ממשלה אין פּוילן, רוסלאַנד, אונגאַרן און מאָלדאַוויע. די השכלה איז נאָך דעמאָלט געשטאַנען אָן אַ זייט און האָט ערשט גענומען בליען אין פּרייסן דורך דער הילף פֿון משה מענדלסאָן און זיינע תלמידים; צו פּוילן און ליטע האָט זי נאָך קיין צוטריט ניט געהאַט: דאָ האָבן נאָך געהערשט די חסידים מיט די מתנגדים, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק שטאַרק באַקעמפֿט.

אַזעלכע קלוגע און פֿרומע לייט, ווי ר׳ יעקבֿ פֿון סמילע, וואָס זאָלן קאָנען געפֿינען אַ פּשרה צווישן די ביידע שיטות, אויסקלייבן דאָס גוטע און פֿאַרמיאוסן דאָס שלעכטע, און דערביי ניט באַציִענדיק זיך מיט שנאה און ניט אויסטראַכטנדיק אויף זיי ניט געשטויגענע, ניט געפֿלויגענע זאַכן — איז כמעט ווייניק געווען, און אפֿשר איז ער געווען דער איינציקער; ווי עס זאָל ניט זיין,

די דאָזיקע מידה איז אויך איבערגעגאַנגען צו מיין פֿאָטער, וואָס האָט געהאַט אַ ברייטן פֿאַרשטאַנד, אַ גליַיכן שכל, אַ גוט האַרץ און דער מיטעלער וועג איז אים געווען צום ליבסטן.

היות קיין זאַך שטייט ניט אויף איין אָרט, איז אויך מיין פֿאָטער ניט געבליבן שטיין אויף דעמזעלבן אָרט, אויף וועלכן עס האָט אים איבערגעלאָזן זיין רבי ר׳ יעקבֿ, נאָר האָט געמאַכט אַ טריט פֿאָראויס און האָט פֿאַרזוכט פֿון דעם האָניק פֿון דער השׂכּלה, ניט שפּירנדיק אַפֿילו, אַז ס׳איז אין אים אַריינגעקומען איגעוויינט. בלויז איצט, אומקערנדיק זיך צוריק און פֿונאַנדער-קלייבנדיק זיך אין די מחשבֿות און אין די דרכים פֿון מיין פֿאָטער, זע איך בחוש, אַז אַ ביסל האָבן זיך ביי אים געעפֿנט די אויגן צו פֿאַרשטיין, אַז תּורה און פֿרומקייט קענען גיין האַנט אין האַנט מיט חכמה און וויסנשאַפֿט.

ניט געקוקט, וואָס די בידע איבנדערמאָנטע שיטות זיינען גע-מיינזאַם אויפֿגעשטאַנען קעגן דער השׂכּלה און קעגן איר גרעסטן בייער רבנו משה בן מנחם פֿון דעסוי, האָבן אים געשאָלטן מיט טויטע קללות און פֿלעגן זיין נאָמען ניט קענען דערמאָנען אָן אַ מיאוסן צונאָמען דערביי — פֿלעגט אים מיין פֿאָטער קיינמאָל ניט רופֿן מיט אַ באַליידיקנדיקן צונאָמען, נאָר: „דער דעסויער"; גיין קעגן כּלל-ישׂראל און רופֿן אים „רבי" — האָט ער גיט געקענט. ער האָט געהאַט גרויס דרך-ארץ פֿאַר אים און פֿאַר נפֿתּלי-הערץ וויַיזל, און האָט מיר אויך ערלויבט צו לערנען תּנך מיטן ביאור, דיקדוק און לייענען מליצה-ספֿרים. ער פֿלעגט בלויז אַכטונג געבן, איך זאָל ניט אַוועקוואַרפֿן דאָס לערנען.

צו לערנען האָב איך געהאַט גרויס השק; איך בין געווען אַ גרויסער מתמיד אין תּלמוד און פּוסקים, און פֿלעג אַריינקוקן אויך אין חסידישע ספֿרים. און אַפֿילו נאָכדעם, ווי איך בין געוואָרן אַ משׂכּיל און האָב געפֿונען דעם ריכטיקן וועג, האָב איך אויך ניט אויפֿגעהערט צו לערנען חסידות און קבלה.

בעת די חסידים האָבן גענומען פֿאַרשפּרייטן זייערע נעצן איבערן גאַנצן לאַנד, וואו ייִדן האָבן נאָר געוואוינט, האָבן זיי זיך אַרומ-געזען, אַז די רבנים זיינען פֿאַר זיי אַ גרויסער שטער, ווייל

די רבנים האָבן געצויגן קיין ליטע, וואו עס זיינען געזעסן די תּלמידים פֿון ווילנער גאון, די פֿיינד פֿון חסידים און חסידות, און האָבן דעריבער אין די רבנים געזעמען זען זייערע קעגנער. הגם די חסידים זיינען דעמאָלט ניט געווען אַזוי תּקיף, זיי זאָלן קאָנען אָפּזאָגן די רבנים, מחמת קיין אייגענע מענטשן פֿון זייער סביבֿה, וואָס זאָלן קאָנען פֿאַרנעמען פּאָסטנס פֿון רבנים, האָבן זיי נאָך ניט געהאַט, האָבן זיי, לפּחות, גענומען וואַכעדיק מאַכן די רבנים אין די אויגן פֿון דעם המון, וואָס פֿלעגט זיך זאַמלען אַרום די רביים. זיי פֿלעגן זיך פֿלייסן מיט אַלע מיטלען צו מזלזל זיין דעם כּבֿוד פֿון די רבנים און מבֿטל מאַכן זייער אַוו־טאָריטעט, אַזוי לאַנג, ביז די רבנים זיינען אונטער דער השפּעה פֿון די חסידים ביסלעכווייז געוואָרן אויס דעה־זאָגער אין די ענינים פֿון דער קהילה, און זייער מאַכט האָט זיך באַגרעניצט מיט פּסקענען שאלות. אָנשטאָט דעם זיינען די חסידישע רביים געווען פֿאַראינ־טערעסירט צו הייבן דעם אַווטאָריטעט פֿון די חזנים אין אַלע יידישע קהילות. דער טעם דערפֿון איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס כּדי צו פֿאַרשפּרייטן די חסידישע שיטה, איז געווען זייער נייטיק צו ענדערן דעם אַלטן נוסח פֿון דאַוונען, דעם נוסח אשכּנז, אויף נוסח ספֿרד, וואָס איז אַ געמיש פֿון ביידע נוסחאות צוזאַמען; און ניט נאָר דעם נוסח־התּפֿילה אַליין האָט מען באַדאַרפֿט ענדערן, נייערט אויך דעם נוסח פֿון דער נגינה און איר אַרט פֿאָרטראָגן פֿאַרן עולם; דען מיט זייער נייער נגינה, וואָס קיינער האָט נאָך ביז דאַן ניט געהערט, מיט זייער גרויסער התלהבֿות, מיט זייער הדורה און שפּרינגען בעתן דאַוונען, פֿלעגן די חסידים נעמען דעם עולם. זיי זיינען געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער ביים יידישן המון; פֿלעגן זיי זיך דעריבער פֿלייסן צו באַשטימען חזנים פֿון זייערע מענטשן, וועלכע פֿלעגן אָננעמען די התּמנות ניט אויס געלט, נאָר אויס אידעע, ווייל דאָס רובֿ חזנים זיינען געווען פֿרומע יידן, פּשוטע חסידים און קונצן.

די דאָזיקע חזנים, אויב זיי איז ניט געלונגען צו באַזייטיקן אינגאַנצן דעם אַלטן נוסח פֿון די שולן, האָבן זיי אָבער געענ־דערט דעם אַלטן סקאַרבאָווע ניגון פֿון דאַוונען. די חזנים פֿלעגן

אריינטאן אין זייער נגינה אביסל חסידישע התלהבות און דורכדעם פלעגן זיי געווינען דעם פראסטן המון.

אלס סימן, אז די חזנות איז ביי זיי געווען וויכטיקער פאר רבנות, קען דינען דער פאקט, וואס די רביים גופא פלעגן דאס רוב דאווענען פארן עמוד מיט קולות און גוואלדן, בשעת־ווען א רב פלעגט קיינמאל ניט גיין צום עמוד, ווייל ביי די רבנים זיינען חזנים און חזנות געווען זייער געפאלן. היוצא מזה, אז ס'איז געווען א גרויסער חילוק צווישן די ליטווישע און פוילישע חזנים: דאס רוב חזנים אין פוילן זיינען געווען ערלעכע יידן און גרויסע חסידים, און אייניקע פון זיי זיינען אליין געווען רביים, בשעת־ווען די ליטווישע חזנים זיינען דאס רוב געווען ניט איבעריקס פרום און זיינען געווען השוה אין ניט קיין שיינע זאכן.

היות ניט אלע חסידים האבן פארשטאנען דעם אמתן טעם, פארוואס די חסידישע רביים האבן דערהויבן די חזנים, האבן זיי געמיינט, אז ביי די רביים איז, בכלל, די רבנות א געמיינע זאך; דעריבער פלעגן זיי, אויסער אייניקע אויסנאמען, אויסמיידן אנצונעמען דעם פאסטן פון א רב, הגם זיי זיינען געווען ראוי הדרצו. אבער אינדערעמתן איז דער ערשטער שטאפל צו רביישקייט געווען חזנות, און א חסיד, וואס האט פארמאגט איניציאטיוו צו שטעלן זיך בראש פון א מהנה חסידים, איז זיין ערשטע עבודה געווען צו דאווענען פארן עמוד, דערנאך ערשט איז ער געווארן רבי.

אבער ניט אלע חסידים האבן אויסגעמיטן דאס רבנות, און ניט אלע חזנים זיינען געווארן רביים. איך רייד דא וועגן די אמתע איבערגעגעבענע חסידים. איינער פון זיי איז געווען מיין פאטער. הגם ער איז געווען א גרויסער מופלג און בקי, האט אים ניט געצויגן צו רבנות, און איינמאל, בעת איך בין אלט געווען א יאר צוועלף, און מיר איז אויסגעקומען צו פרעגן ביי אים א דין אין חושן־משפט, האט ער מיר, נאכדעם, ווי ער האט פארענטפערט מיין שאלה, געזאגט, אז אויסער די טיילן „אורח־חיים", וואס יעדער ייד מוז וויסן, האט ער ניט געלערנט ניט חושן־משפט און ניט אפילו די איבעריקע טיילן שולחן־ערוך, ווייל ער האט מורא געהאט, טאמער וועט אים דער יצר־הרע איינריידן צו ווערן רב.

אַזוי ווי מיין זיידע, דעם פֿאָטערס שווער, האָט אין יענע צייטן געשמט אַלס גרויסער חזן, און אַזוי ווי מיין פֿאָטער איז פֿון קינדווייז-אויף געווען אַ יודע-נגן, האָט געהאַט זייער אַ שיינע שטים און איז געווען קלאָר אין אַלע נוסחאות פֿון די סקאַרבאָווע ניגונים, האָט ער פֿאַר זיין אומנות אויסגעקליבן חזנות.

אַז ר׳ לוי-יצחק באַרדיטשעווער איז איינמאָל אַרויסגעפֿאָרן אויף דער סביבה און איז אָנגעקומען אויף שבת קיין אַלט-קאָנסטאַנטין, האָט ער אַהין אויך פֿאַרבעטן מיין פֿאָטער, ער זאָל דעם שבת זיין דאָרטן חזן. נאָך שבת האָט ר׳ לוי-יצחק אויפֿגערופֿן אַלע שטאָט-גבאים און האָט זיי אַזוי געזאָגט: „איך ווייס וואויל, אַז אינדעראמתן מאָג ביי אייך ר׳ חיים (מיין פֿאָטער) זיין רבֿ, נאָר אַזוי ווי אים ציט ניט צו רבנות, לייג איך דעריבער פֿאָר, איר זאָלט אים נעמען פֿאַר אַ חזן, און גאָט וועט אייך בזכות זה שיקן זיין ברכה“. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט ר׳ לוי-יצחק באַרדיטשעווער געפֿאָלגט, בפֿרט, אַז מיין פֿאָטער האָט זייער אויסגענומען ביי קהל מיט זיין שיין זינגען און מיט זיין הדרת-פּנים, מיט זיין פֿרומקייט און חסידות, מיט זיין לומדות און בקיאות, און קיינער האָט ניט געוואַגט אַ פּיפּס צו טאָן קעגן, אויסער עטלעכע מתנגדים, ווייל די חסידות האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרשפּרייט אין וואָלין, פּאָדאָליע, פּוילן און רוסלאַנד, אויסער ליטע. קהל האָט אַפֿילו געוואָרפֿן אַן אויג אויף דעם טאַרנאָפּאָלער חזן, וואָס איז געוועזט געקומען מיט אַ שבת פֿריער און האָט אויך אייסגענומען ביים עולם, אָבער ר׳ לוי-יצחק האָט זיך פֿון דעם דערוואוסט און איז באַשטאַנען אויף מיין פֿאָטער. אַזוי אַרום איז מיין פֿאָטער אויפֿגענומען געוואָרן פֿאַר אַ חזן אין אַ נאָמן אין אַלט-קאָנסטאַנטין, מען האָט אים געהאַלטן מיט גרויס כּבֿוד און זיין וואָרט איז געווען הייליק. און נאָך ביז היינטיקן טאָג, שוין אַ מעשה פֿון זעקס-און-פֿערציק יאָר נאָך זיין טויט *), דערמאָנט מען אים מיט גרויס יראת-הכּבֿוד, און זיינע שבֿחים דערציילט אויך

*) דאָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר תרל״א, און מיין פֿאָטער איז געשטאָרבן איסרו-חג סוכּות תקפ״ט. — א. ב. ג.

דער נייער דור, וואָס האָט עס געהערט פֿון זיינע עלטערן, דען גרויס און געאַכפֿערט און באַליבט איז ער געווען ביי אַלעמען. ער איז ווירקליך געווען אַ הויכער סאָרט מענטש. זיין פֿרומקייט, זיין צידקות און זיין רחמנות האָט גאָר קיין ברעג ניט געהאַט. און כאָטש ער איז קיין גרויסער גביר ניט געווען, האָט ער שטענדיק געהאַט אַן אָפֿענע האַנט, ווער עס האָט נאָר גענייטיקט זיך אין זיין הילף: עלנטע געפּלאָגטע אָרעמעלייט האָט ער אַריינגעבראַכט צו זיך אין הויז, נאַקעטע האָט ער באַקלײדט, קראַנקע האָט ער מבקר־חולה געווען, הונגעריקע האָט ער זאַט געמאַכט, האָט מיטגעפֿילט דעם צווייטנס צרה און מיטגעוויינט אויף זיין אומגליק. קיין איין טאָג איז ניט פֿאַרביי, ער זאָל ניט טאָן קיין גוטס און קיין גענאָד. וועגן דעם האָבן געוואוסט אַלע, ווער עס פֿלעגט אַריינקומען אין די טויערן פֿון אַלט־קאָנסטאַנטין, און יונג און אַלט זיינען עדות, אַז איך האָב דאָ ניט מגזם געווען.

איצט וועל איך איבערגיין צו מיינע אייגענע זכרונות. די ווייטערדיקע פּאַסירונגען פֿון מיין פֿאָטער וועלן קומען אין דעם המשך פֿון מיין ביאָגראַפֿיע.

א.

גאטלאבערס געבורט. — גאטלאבערם פאטער ווייזט חידושים אין נגינה.—אין אים טליעט א פונק פון אפאעט.—גאטלאבערס פאטער חלומט זיך א חלום.—גאטלאבער מיטן פאטער פארלאזן אלט־קאנסטאנטין.—זיי קומען צוריק.—מע גיט גאטלאבערן אוועק אין חדר.—אמאליקע חדרים.—דער מלמד, דער באהעלפער.—גאטלאבערס געליבטע.—ער אנטלויפט פון חדר.

געבאָרן בּין איך 18 טעג אין טבֿת תּקע״א, צו דער גרויסער פֿרייד פֿון מײַנע עלטערן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין יינגלעך. אין טאָג פֿון מײַן בּרית האָט דער פֿאָטער געמאַכט אַ גרויסע סעודה פֿאַר זײַנע פֿילע פֿרײַנד אין אַלט־קאָנסטאַנטין. אויפֿן דריטן טאָג פֿון בּרית האָט ער ווידער אויפֿגערופֿן אַלע זײַנע פֿרײַנד און באַקאַנטע און האָט פֿאַר זיי ווידער געמאַכט אַ סעודה. אַז ער איז געוואָרן גוט אויפֿגעלייגט, איז אויף אים אַרויף די מוזע און ער האָט עקספּראָמט געזונגען אין בּענטשן אַן אייגענעם פֿאַרפֿאַסטן „והרחמן“, נאָכגעמאַכט דעם והרחמן, וואָס מען זינגט אין טאָג פֿון בּרית. פֿאַר דעם עולם איז עס געווען אַ גרויסע איבּעראַשונג. אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז דער פֿאָטער האָט געוויזן וואונדער. אַ סך יאָרן נאָכדעם פֿלעגן אַלטע לײַט איבּערדערציילן דידאָזיקע מעשׂה.

זײַענדיק אַ יינגל פֿון אַ יאָר נײַן, האָבּ איך אַליין אויך געזען אַ שיר פֿון מײַן פֿאָטער. דעמאָלט האָט זיך בּײַ אונז געהאַט געגרינדעט אַ „חבֿרה משניות“ און דער פֿאָטער האָט געמאַכט דעם פּינקס פֿון דער חבֿרה, האָט געשריבּן צו אים אַ הקדמה און צום סוף — אַ שיר אין דער פֿאָרם פֿון אַן אַקראָסטיך. בּדרך כּלל איז מײַן פֿאָטער געווען אַן אָריגינעלער סאָרט מענטש אין אַלע פּרטים, און אין אים האָט געלעבּט אַ גייסט פֿון אַ פּאָעט.

אַז איך בין אַלט געוואָרן פֿיר יאָר, איז מיין פֿאָטער אויפֿגעקומען אַ רעיון צו פֿאַרלאָזן אַלט־קאָנסטאַנטין און אַריבערקלייבן זיך קיין יאַסי, דער הויפּט־שטאָט פֿון מאָלדאַוויע. וואָס זיינען געווען די סיבות — האָב איך ניט געוואוסט, דען מיין פֿאָטער איז געווען זייער באַליבט און געאַכט ביי אונז אין שטאָט. ער האָט באַקומען אַ גאַנץ פֿיינעם געהאַלט, אויסער דעם האָט ער געהאַט הכנסה פֿון שרייבן פֿאַרשיידענע קאָנטראַקטן. ער איז געווען אי חזן, אי נאמן, אי שטאָט־שרייבער, און אין אַלע אָנגעלעגנהייטן, סיי בנוגע געשעפֿט, און סיי בנוגע פֿאַמיליען־סיכסוכים, פֿלעגט מען קומען צו אים; דען אין יענע צייטן פֿלעגן אַלע עסקים צווישן יידן גופֿא געשלאָסן ווערן אין יידישן בית־דין און לויט דעם יידישן דין. און יעדער אָפּמאַך און ענין, וואָס פֿלעגט פֿאַרשריבן ווערן ביי דעם פֿאָטער אין פּינקס, איז אָנגענומען געווען פֿון בית־דין, ווי צוויי כשרע עדות. אַ סך אָפּמאַכן פֿלעגן דורכגיין דורכן פֿאָטערס האַנט יעדן טאָג, און ער האָט געלעבט באַלעבאַטיש און אין כבוד. דאָך האָט ער אַלץ געטרוימט צו פֿאַרלאָזן די שטאָט און באַזעצן זיך אין יאַסי, פֿונוואַנען מען האָט אים געבעטן צו פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן פֿון אַ חזן און אַ נאמן ביי דער דאָרטיקער געמיינדע.

איידער דער פֿאָטער האָט פֿאַרלאָזן די שטאָט, חלומט זיך אים, אַז ער פֿאָרט אויף אַ גרויסן און ברייטן טייך. אַז ער איז אַריבערגעקומען אויף יענער זייט, האָט אים גענומען פֿאַרדריסן, וואָס ער איז געפֿאָרן; ער וויל זיך אומקערן צוריק, אָבער ער קאָן ניט. האָט ער גענומען וויינען און קלאָגן, האָט תּפֿילה געטאָן צו גאָט, און גאָט האָט צוגעהערט זיין געבעט און האָט אים אומגעקערט צוריק. דער פֿאָטער האָט פֿון דעם חלום ניט געמאַכט קיין וועזן, איז אַוועק מיט דער פֿאַמיליע קיין יאַסי און איז דאָרטן געוואָרן שטאָט־חזן און שטאָט־שרייבער.

ס'איז אַריבער אַ קליינע צייט און דער פֿאָטער האָט גענומען בענקען צוריק קיין אַלט־קאָנסטאַנטין, צוריק צו זיינע גוטע־פֿריינד און באַקאַנטע; טאָג און נאַכט פֿלעגט ער וויינען און קלאָגן, האָט ניט גערוט און געראַסט, ביז ער האָט זיך צוריקגעקערט פֿון יאַסי אין דער אַלטער היים אַריין, האָט געקושט די ערד פֿון אַלט־

קאָנסטאַנטין און האָט דאָס גאַנצע לעבן געדענקט יענעם חלום. שטענדיק פלעגט ער אים דערציילן פאַר זיין פאַמיליע און זיינע גוטע פריינד. דערדאָזיקער חלום האָט זיך אים איבערגעחזרט אַ צווייטן מאָל, גאָר ווענן דעם — שפּעטער.

בעת מיין פאָטער האָט זיך אומגעקערט פון יאַסי, בין איך אַלט געווען פינף יאָר. דער פאָטער האָט מיך אָפּגעגעבן אין חדר און איך האָב אָנגעהויבן שפּירן אויף מיין קאַרק דעם יאָך פון דעם באַהעלפער. דאָס איז דערזעלבער באַהעלפער, וואָס דער שטן האָט געמאַכט פאַר אַ הילף צו דעם מלמד און וואָס אָן אים קאָן ער זיך ניט באַגיין; דאָס איז דער שטן, דאָס איז דער יצר־הרע, דאָס איז דער, וואָס רעדט אָן יעדע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אַ זון אָדער אַ טאָכטער פון דריי ביז זעקס־זיבן יאָר, אָפּגעבן זיי צו אַ מלמד; מיט זיין גלאַטן צינגל שמועסט ער זיי איין, אַז אויסער זיין מלמד זיינען אַלע מלמדים טויגעניכטסן און גאָרנישטן. ווען אַ מלמד דערזעט, אַז עס גייט אים שלעכט, און עס רוקט זיך אויף אים אָן דער דלות, רעדט ער זיך צונויף מיט אַ באַהעלפער פון אַ צווייטן חדר, שטייגט אים אויס פון יענעם מלמד, און דער גאַנצער חדר צוזאַמען מיטן באַהעלפער גייען אַריבער צו אים, און יענער מלמד בלייבט אָן אַ קנעלונג. דאָס איז דער באַהעלפער, וואָס שלאָגט מכות אַכזריות אַלע קינדער פון פרי ביז אָוונט, און זיין געשריי קלינגט אין זייערע אויערן אַ גאַנצן טאָג, כדי צו האַלטן זיי אין מורא, צו מאַכן צעגיין זייער האַרץ, אָפּצוטויטן זייער גייסט און פאַראומערן זיי דאָס לעבן. אַ סך פון זיי ווערן אונטערגעשניטן פאַר דער צייט, איידער זיי האָבן געזען די ליכטיקע שיין; דאָס איז דער באַהעלפער, וואָס קעניגט איבער אַלע יידן אין אונזער לאַנד און אַלע זיינען ביי אים אין דער האַנט. ער איז עס דער מחנך פון קינד, און אַפילו אַז דאָס קינד ווערט שוין אַ גרויסער און אַ דערוואַקסענער מענטש, טוט ער אויך פון אים ניט אָפּ זיין השגחה; הערדאָזיקער צורר לאָזט ניט אַרויס זיין קרבן, ביז ער מאַכט אים ניט אינגאַנצן צורעכט. ער הערט אים ניט אויף צו פייניקן מיטן קאַנטשיק אַפילו, ווען ער האָט שוין חתונה און ווערט שוין אַ מאַן. פון איין באַהעלפער צום צווייטן ווערט ער

אַרומגעשליידערט אין דעם כּף־הקל פֿון די הדרים, פֿון איין בּיזן מחבּל צו נאָך אַ שרעקלעכערן טיוול. וואָרעם וואָס איז אין תּוך דער מלמד, וואָס לערנט נאַרישקייטן, טיפּשות און לעכערלעכע זאַכן? — אַן אַלטער אויסגעדינטער בּאַהעלפֿער, וואָס האָט אַ היפּש בּיסל קינדער געמאַכט פֿאַר קאַליקעס. אַ בּחור, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָזט אַ בּאָרד מיט לאַנגע פּאות, אויפֿן קאָפּ בּיי אים איז אַ הויכער האָריקער שוואַרצער ספּאָדיק פֿון אָנגעראַטהאַלבּן איילן די גרייס, אַ בּחור אַ דעמבּ, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אָנאַניזם, קריכט צו אַלע דינסט־מיידן פֿון זיינע בּאַלעבּאַטים, קומט זיך אויף מיט יעדער גאַסן־פּרוי — אָט־דער־אָ, אַז ער האָט התונה, ווערט ער אַ מלמד! דאָס איז אי דער בּאַהעלפֿער, אי דער מלמד, אי דער ערציער, וואָס איז מגדל יידישע קינדער לתורה, לחופּה ולמעשים־טובֿים! —

אונטער דעם יאָך פֿון אַזאַ בּאַהעלפֿער בּין איך אַרונטערגעפֿאַלן אין בּאַגינען פֿון מיין קינדהייט. אָבּער זיין ממשלה האָט איבּער מיר ניט לאַנג געדויערט, גאָט האָט מיך מציל געווען פֿון אים און פֿון אַלע איבּעריקע בּאַהעלפֿערס און האָט מיר צוגעשיקט אַ מלאך אין דעם געשטאַלט פֿון אַ קליין מיידעלע, וועלכע ניט איך האָבּ זי געקענט, ניט זי האָט מיך געקענט, און וועלכע האָט מיך בּאַפֿרייט פֿון דעם גלות־חדר און האָט מיך אויסגעלייזט פֿון דער־דאָזיקער תּפֿיסה.

די מעשה איז אַזוי געווען.

אין דער צייט פֿון מיין בּיטערן פּיין, בּעת איך האָבּ געזיפֿצט אונטערן יאָך פֿון חדר, פֿלעג איך נאָכן לערנען אַרויסגיין שפּילן זיך אויפֿן פּלאַץ לעבּן חדר. דאָס לערנען איז בּאַשטאַנען אין זיצן עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אויף אַ לאַנגן און שמאָלן בּאַנק, וואָס האָט זיך געצויגן פֿון איין עק חדר בּיזן צווייטן. דעם קאָפּ האָבּ איך געהאַלטן איינגעבּויגן בּיז די קני, אַריינגעקוקט אין אַן אַלטן צעריסענעם סידור, וואָס איז געלעגן אויף אַ נידעריק צעבּראָכן טישל. בּיי יעדן ריר מיטן קלענסטן פֿינגער האָט זיך דאָס טישל געוויגט און געשאָקלט, און איך האָבּ געדאַרפֿט שרייען אויף אַ הויכן קול צוזאַמען מיטן בּאַהעלפֿער „קמץ־אַלף—אָ! קמץ־בּית—בּאָ!“ בּיז מיינע הענט און פֿיס און דאָס גאַנצע לייבּ פֿלעגט

באַדעקט ווערן מיט אַשוויס, און אין האַלז פֿלעגט מיר ווערן טרוקן. דערביי פֿלעג איך זיך טרייסלען ווי אַבלאַט פֿאַרן געברום פֿון דעם צורר, וואָס פֿלעגט שטיין איבער מיר, ווי אַשטן המשחית און עפֿענען אַמויל, ווי אַפֿינסטערע גרוב, גרייט איינצושלינגען מיך לעבעדיקערהייט. נאָך אָט דער אַרבעט פֿלעגט מיין אָפּרו זיין אויפֿן פּלאַץ, וואָס לעבן הדר.

אפֿשר קענסטו מיינען, ליבער לעזער, וואָס האָסט דערלעבט צו בעסערע צייטן, און אפֿשר האָסטו גאָר קיינמאָל אַזאַ מין הדר ניט געזען (און אפֿשר ווייסטו גאָרניט, אַז אַמאָליקע צייטן איז דער הדר געווען די שול, וואו אַלע יידישע קינדער האָבן זיך געלערנט), אַז דער פּלאַץ — דאָס איז געווען אַסאָד, אָדער, לכּל־הפּחות, אַריינער זויבערער שולהויף, וועל איך דיר זאָגן, אַז ס'איז ניט אמת: דער הדר־פּלאַץ — דאָס איז געווען אַבערגל אָדער אַקופּע מיכט, וואָס מע פֿלעגט וואַרפֿן פֿון אַלע יידישע היזער, וואָס זיינען געווען גערעכט אָנגעזעצט איינע לעבן די אַנדערע און איינע אַנטקעגן די אַנדערע אין אַן ענג געסל, וועלכע הייסט די מלמדישע גאַס. אַהין גייען אַלע אינדערפֿרי אָפּטאָן זייערע באַדערפֿענישן די מלמדים מיט זייערע ווייבער און קינדער, און די תלמידים — אַגאַנצן טאָג. אָט אויף דעם פּלאַץ שפּילן זיך עס די קליינע קינדער, בעת זיי ווערן באַפֿרייט פֿון זייער קאַטאָרגע, און דאָרטן פֿלעג אויך איך, ליבער לעזער, אָפּרוען. —

ווי טייער ס'איז מיר געווען די דאָזיקע צייט פֿון רו, כאָטש עס האָט מיר אָפּגעעקלט דאָס האַרץ אין דעם דאָזיקן ברודיקן אָרט, וואָס איז געווען פֿול מיט בלאָטע און מיט שמוץ! גאָט האָט מיר אָבער דערפֿאַר צוגעשיקט אַיונג קליין מיידעלע און מיין עלטער, וואָס פֿלעגט אַהין קומען צו גיין אַלע טאָג, און מיט איר פֿלעג איך זיך שפּילן. מיר זיינען ביידע געוואָרן חבֿר, און יעדעס מאָל, ווען איך פֿלעג זי דערזען, פֿלעגט מיר ליכטיק ווערן אין די אויגן, און מיין יונג האַרץ פֿלעגט ווערן פֿול מיט פֿרייד, און איך פֿלעג פֿאַרגעסן אָן אַלע מיינע צרות. איך בין צו איר גע־וואָרן זייער שטאַרק צוגעבונדן.

איינמאָל קום איך צוגיין אין הדר, לויף שנעל אַרויס אין

מײַן לוסטגאָרטן, איך גיב אַ קוק — ניטאָ זי; לאָז איך זיך אַװעק זי זוכן — און געפֿין ניט מײַן טײַער מײדעלע. האָב איך זיך ביטער צעװײנט. אויף מאָרגן בין איך שנעל געקומען אין חדר, און האָב זי דאָס מאָל אויך ניט געפֿונען. אַז ס'איז אַריבער בײַ אַ װאָך צײַט און זי איז נאָך אַלץ ניט געװען, האָב איך גענומען װײנען און קלאָגן. קײנער האָט ניט געקענט דערגײן, װאָס איז מיט מיר געװאָרן און פֿאַרװאָס בין איך אַזױ אַראָפּ פֿון געזיכט. אײנמאָל רופֿט מיך דער באַהעלפֿער לערנען און מיר האָט זיך עפּעס ניט געװאָלט, האָט ער מיך מיט רוגזא גענומען שלאָגן מיטן קאַנטשיק. דיװת איך בין געװען אַ בן־יחיד, האָט עס מיך שטאַרק פֿאַרדראָסן, און איך בין אַנטלאָפֿן אַהײם, האָב זיך ביטער צעװײנט, זיך אַרײַנגעלײגט אין בעט און געװאָרן קראַנק. דער פֿאָטער האָט געמײנט, אַז איך בין קראַנק געװאָרן פֿון דעם באַהעלפֿערס קלעפּ, און האָט אין דעם טאָג זיך געגעבן דאָס װאָרט, ניט לאָזן מיך מער אין חדר. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך מער ניט אָנגעזען ניט דעם באַהעלפֿער, ניט דעם חדר. דער פֿאָטער האָט פֿאַר מיר גענומען אַ מלמד אַהײם. ער פֿלעגט צו מיר קומען אַלע טאָג און מיך געלערנט זאָגן עבֿרי לויט זײַן אײגענער מעטאָדע, װאָס איז געװען אַ װיסטע און אַ קלאָגעדיקע, דען ער האָט אַלײן ניט געקענט קײן עבֿרי לויט די כּללים פֿון דיקדוק.

אויסגעלערנט זאָגן עבֿרי, האָט ער מיט מיר אָנגעהױבן חומש, אָבער ניט כּסדר, נאָר לויט דער סדרה פֿון דער װאָך. טײלמאָל פֿלעגט ער ניט באַװײַזן צו ענדיקן די סדרה פֿון אײן װאָך און פֿלעגט שױן אָנהײבן די סדרה פֿון דער צװײטער װאָך, אָן אַ סיסטעם, אָן אַ צוזאַמענבונד, אַזױ אַז איך האָב אַפֿילו די מעשׂיות פֿון חומש ניט גוט געװאוסט.

העמדאָזיקן חסרון פֿלעגט מיר ממלא זײַן דער פֿאָטער: אַלע נאַכט, פֿאַרן שלאָפֿנגײן, פֿלעגט ער מיר דערצײלן די מעשׂהלעך פֿון חומש; און אַזױ מײסטערהאַפֿט פֿלעגט ער דערצײלן, אַז איך האָב פֿון זײ געהאַט דעם גרעסטן תענוג. איך פֿלעג אַנדערש ניט קענען אײַנשלאָפֿן, סײדן איך פֿלעג הערן זײַנע זיסע דערצײלונגען.

ב.

דער גמרא־מלמד.—פונוואנען רעקרוטורן זיך די מלמדים.—דאָס ערשטע השכלה־ביכל — דער „צוהר התבה“. — ער שלינגט דעם „תלמוד לשון עברי“.—זיין לערער.

אַז איך האָב שוין געהאַט דורכגעגאַנגען דעם־דאָזיקן קורס און האָב שוין געהאַט געלערנט פֿאַרשיידענע שטיקלעך אין אַלע פֿינף חומשים מיט אַ ביסל רש״י, האָט דער פֿאָטער גענומען פֿאַר מיר אַ גמרא־מלמד. דאָס איז שוין בײַ ייִדן אַן אַלטער מנהג צו לערנען מיט קינדער תלמוד, אײדער זיי האָבן נאָך די מינדסטע השגה וועגן אים. בײַ ייִדן זײַנען געווען לומדים־מופֿלגים, צווישן די אַזעלכע, וואָס פֿלעגן זיך טיטולירן „גאון“, „חריף ובקי“, „סיני ועוקר הרים“, און בײַזן טויט אַרײַן האָבן זיי ניט געוואוסט ווער איז שמאי און הילל און אין וואָסער צײַט האָבן געלעבט אַביי און רבא. מע דערציילט איף איינעם אַ גרויסן רב און אַ באַוואוסטן למדן, אַז בשעת איינער פֿון זײַנע תלמידים האָט בײַ אים געפֿרעגט: וואו געפֿינט זיך דער פּסוק „כי יגוף שור איש את שור רעהו“. (אַז איינעמס אַן אָקס שטויסט אַן אָקס פֿון אַ צווייטן)? האָט ער געענטפֿערט בתמימות: אין מסכתא בבא קמא...

דער נײַער גמרא־מלמד האָט זיך אונטערגעשיידט פֿון דעם ערשטן מיט דעם, וואָס יענער איז געווען אַ דרדקי־מלמד, אַ געוועזענער באַהעלפֿער, בעת די גמרא־מלמדים ווערן רעקרוטירט פֿון די קלויז־בטלנים. פֿון זייער יוגנט־אָן ווייסן זיי נאָר איין זאַך: די קלויז, דאַוונען בײַז האַלבן טאָג מיט ווילדע קולות, דערנאָך — זיצן און זופֿן גמרא. און הויות אין וועלטלעכע ענינים האָבן זיי קיין שום ידיעה ניט, האָבן ניט צו טאָן מיט קיין מענטשן, בלײַבט זיי נאָר איבער איין זאַך: ווערן מלמדים, דערציילן די מופֿתים פֿון די חסידישע רבּיים און זייער גרויסקייט און הייליג־

קיִיט. פֿון דער גאַנצער וועלט־געשיכטע ווייסן זיי נאָר פֿון אַלכּסנדר מוקדון, וואָס האָט איינגענומען די גאַנצע וועלט ביז די הרי חושך, און פֿון אַלע חכמים פֿון די אומות העולם ווייסן זיי נאָר פֿון אַריסטו, —וואָס ביי אים האָט זיך דער רמב״ם געלערנט די חכמת הדאָקטאָריע, און אַריסטו האָט אים אַנטפּלעקט דעם סוד, ווי צו באַשאַפֿן אַ מענטשן, וואָס זאָל לעבן אייביק: מע דאַרף נעמען אַ לעבעדיקן מענטשן, צעשניידן אים אויף שטיק־שטיקלעך און אַריינלייגן אין אַ גלעזערנער כּלי; הערנאָך דאַרף מען אַריינטאָן אַהין קרייטעכער און בשׂמים, און די אַלע שטיקלעך וועלן זיך צונויפֿנעמען און ווערן אַ נייער געזונטער מענטש. דער מענטש וועט זיך דאָרטן האָדעווען, ביז ער וועט אויסוואַקסן און אַרויס פֿון דער כּלי און לעבן אייביק. דער רמב״ם מיט אַריסטון האָבן צווישן זיך געוואָרפֿן גורל, ווער זאָל וועמען צעשניידן, און דער גורל איז אויסגעפֿאַלן אויפֿן רמב״ם, ער זאָל צעשניידן אַריסטון. האָט אים דער רמבם צעשניטן און אַריינגעלייגט אין דער כּלי. אַז דער רמבם האָט דערזען, ווי דער צעשניטענער אַריסטו וואַקסט וואָס ווייטער אַלץ מער אין דער כּלי, האָט ער זיך דערשראָקן, טאָמער וועט ער טאַקע אויסוואַקסן, אַרויס פֿון דער כּלי, לעבן אייביק און זאָגן אַז ער איז אַ גאָט — האָט דער רמבם איפֿגעהויבן זיין שטעקן און געוואָלט צעברעכן די כּלי. האָט אָבער דער קליינער אַריסטו אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט פֿון דער כּלי אַרויס, כּדי אים צו דערמאָנען, אַז צווישן זיי איז דאָ אַ תּקיעת־כּף. דער רמבם האָט אים אָבער ניט געהערט און האָט די כּלי צעבראָכן.

אַזעלכע וכּדומה מיני מעשׂיות ווייסן די מלמדים צו דערציילן אין די הונדערטער, און שטאָפּן אָן די מוחות פֿון זייערע תּלמידים מיט שטותים און ווילדע פֿאַנטאַזיעס אָן אַ ברעג.

אויך דידאָזיקע מלמדים האָבן ניט אויסגענומען ביי מיין פֿאָטער, און ער האָט לסוף באַשלאָסן אַליין מיט מיר צו לערנען. ער לערנט מיט מיר דעם רמבמס הקדמה צו „יד החזקה“, גמרא און פּרקי אָבות. קומענדיק צום זאַץ: „זאָלסט ניט מאַכן (די תּורה) קיין קרוין צו גרויסן זיך מיט איר און קיין האַק צו גראָבן מיט איר“, פֿלעגט דער פֿאָטער נעמען ריידן מיט היץ קעגן די לייט,

וואָס רופֿן זיך צדיקים, פֿאָרן אין קאָטשן און גענים פֿון אַלע פֿאַרגעניגנס אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע, גיבן אוים אוצרות געלט צו שטילן זייערע תאוות. אַזעלכע רייד פֿלעגט ער ריידן צו מיר זייער אָפֿט, און די פֿלעגן זיך אַריינשנײַדן טיף אין האַרצן בײַ מיר און געהאַט אַ גרויסע פּעולה: איך האָב אויפֿגעהערט גלייבן אין אַלץ בלינדערהייט; איך האָב אָנגעהויבן פֿאָרשן און דערגיין אַלץ מיט מיין אייגענעם שכל.

דעמאָלט בין איך אַלט געווען ניין יאָר. איינמאָל האָט מיר דער פֿאָטער געבראַכט אַ צוהר התבה. ווען זאָל איך דערציילן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער רגע, בעת איך האָב אויפֿגעעפֿנט דעם ספֿר און אָנגעהויבן לייענען? די זון פֿון גערעכטיקייט האָט שוין ביסלעכווייז גענומען שיינען אויף די יידן פֿון אונזער לאַנד, און אין דער צוקונפֿט, האָף איך צום אויבערשטן, וועט זי נאָך מערער שיינען; מיך אָבער קען פֿאַרשטיין בלויז דער, וואָס איז געזעסן אין שטאָק־פֿינסטערניש, אַזוי ווי איך דעמאָלט, און פּלוצלונג האָט ער דערזען אַ גרויס ליכט. איך וועל בעסער שווייגן און איבערלאָזן פֿאַר אַ מענטשן מיט פֿאַרשטאַנד, ער זאָל זיך פֿאָרשטעלן מיינע דעמאָלטיקע איבערלעבענישן.

ביז דעמאָלט האָב איך שוין געהאַט איבערגעלייענט אַ היבש ביסל ספֿרים, דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען אַזוינע ספֿרים, אויף וועלכע ס'איז דאָ אַ חסידישער הכשר, ד. ה. אַזעלכע, אין וועלכע ס'איז ניטאָ קיין טראָפֿן חכמה און וויסנשאַפֿט. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט געלייענט דעם שבחי הבעש"ט, שבחי האר"י און שבחי ר' חיים וויטאַל, ספֿרי־צוואות פֿון רביים און ספֿרי מוסר, וואָס וואַרפֿן אַרויף אַן אימה אויף זייערע לעזער און אַ סך אַנדערע ספֿרים. אָבער די אַלע ספֿרים האָבן מיך ניט צופֿרידן געשטעלט. איך געדענק אויך, אַז צווישן דער מעניגע ספֿרים איז צו מיר איינמאָל אַריינגעפֿאַלן דער ספֿר יוסיפֿון בן גוריון, וואָס איז פֿאַר מיר געווען אַן אוצר. פֿון דאַן אָן פֿלעג איך אָפֿט זוכן אַזעלכע ספֿרים, האָב אָבער ניט געקענט געפֿינען; בלויז איינמאָל האָט מיר דער פֿאָטער געבראַכט אַ ספֿר מיטן נאָמען קאָלומבוס, אויף יידיש־דייטש (זשאַרגאָן). דער דאָזיקער ספֿר האָט מיך פֿאַרכאַפּט

אינגאַנצן, האָט צעאַקערט און פאַרזייט אויף די בייטן פון מיין האַרץ אַ גאָטס־געבענטשטע זריעה; וואָרעם דורך די דערציילונגען פון דעם ספר האָב איך זיך איך דערוואוסט וועגן דער ערד און די פעלקער, וואָס באַוואוינען זי, וועגן וועלכע איך האָב ביז דאַן קיין השגה ניט געהאַט *).

---

*) וועגן דער פּאָפּולערקייט פון דעם ספר „קאָלומבוס" און וועגן זיין מחבר חייקל הורוויץ שרייבט גאָטלאָבער פאָלגנדיקס אין זיינע „זכרונות" אין שלום־עליכמס „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" (1888, ז. 6 — 255):

„.... פריער מיט אַ יאָר אַכציק אָדער ניינציק האָט געלעבט אין דער שטאָט אומאַן אַ זייער געבילדעטער ייד, ר' חייקל הורוויץ.

דער ר' חייקל הורוויץ האָט געשריבן זשאַרגאָן. ער האָט איבערגעזעצט אויס דעם דייטשן קאַמפּעס „ענטדעקונג פאָן אַמעריקאַ" מיטן נאָמען „קאָלאָמבוס", מיט דער הסכמה פון דעם זעלוועד מגיד. אין יענער צייט, עס איז שוין דריי־נען געוויס 70 יאָר, איך בין נאָך גאָר אַ קינד געוועזן, איז דאָס ספר אַזוי שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן, אַז כמעט אַלע יידן האָבן עס געלעזן; פון ווייבער האָט מען ניט וואָס צו ריידן: זיי האָבן פאַרבויגן דעם „צאינה וראינה" מיט די תחינות, אַפילו די בבא־מעשה און מע האָט נאָר געלייענט דעם „קאָ־לאָמבוס". ביז יענער צייט האָבן נאָך זייער ווייניק יידן געוואוסט, אַז עס גע־פינט זיך אַן אַמעריקע אויף דער וועלט; היינט, אין אונזערע צייטן, ווייסט מען שוין אַמעריקע, ווי אַ בייזן שילינגער. דער קאָלאָמבוס איז אַזוי ריין גע־שריבן, אַז מע קאָן אים לייענען און פאַרשטיין אומעדום, אין רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, רומיניע, און אין יעדן אָרט, וואו יידן געפינען זיך; ער איז נאָך דערצו זייער שיין געדרוקט, אַז עס איז אַ פאַרגעניגן אים צו לעזן.

אַז איך בין גאָר אַ יונג קינד געוועזן, האָב איך פון אים גאָר אָנגע־קוועלט, און שפּעטער, נאָך מיין חתונה, אַז איך האָב שוין אַ סך געלערנט, און אַפילו חסידישע און חבדסקע ספרים, האָב איך דעם קאָלאָמבוס באַקומען אין טשערניכאָוו און האָב מיר פאַרגעניגן געמאַכט נאָכאַמאָל אים צו לעזן, מיין פאַנטאַזיע האָט מיך געטראָגן מיט קאָלאָמבוסן אין איינעם קיין אַמעריקע. איך בין מיט אים געוועזן אין שיף אויף דעם ים, איך האָב באַוואונדערט די אַמע־ריקאַנישע ווילדע מענטשן, און אַפילו אינ'ם שלאָף זיינען זיי מיר אויך פאַר די אויגן געשטאַנען.

כאָטשע דער קאָלאָמבוס איז אַזוי אין דער מאָדע געוועזן, אַז כמעט אַלע יידן, אַפילו גאַנץ פרומע, האָבן אים געלעזן, האָט מע דאָך, ווי עס זעט אויס, פון ר' חייקלען אַליין אין דער פרומער וועלט ניט געהאַלטן. דענכטמאָל איז נאָך ניט געווען אַזאַ גרויסער אונטערשייד צווישן פרומע און ניט־פרומע

דידאָזיקע אַלע ספרים האָבן אָבער קיין שום ממשות ניט געהאַט לגבי דעם ספר צוהר התבה, וואָס האָט אויפגעעפנט מיינע אויגן, וואָרעם ביז איצט האָב איך אַפילו עברי ניט געקאָנט זאָגן ווי געהעריק, לויט די כללים פון דיקדוק.

אַז עס זיינען אַריבער עטלעכע טעג און איך האָב דערזען, אַז אָן דער הילף פון אַלערער וועל איך ניט קענען אויסקומען, האָט דער פאָטער פאַר מיר געקראָגן אַלייכטערן לערנבוך, דעם תלמוד לשון עברי. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב דערזען אַספר פיין געדרוקט, מיט קלאָרע אותיות און אין אַפיינעם איינבונד. דאָס רוב פון די ספרים, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען ביז דעמאָלט, זיינען געווען פון אונזערע שלעכטע דרוקן, מיט ווייסן פאַרב אויף שוואַרצן פאַפיר, וואָס האָבן קיין שום פנים ניט געהאַט. די ערשטע צייט האָב איך דעם ספר ממש געשלונגען. דאָס ערשטע מאָל, אַז איך האָב באַקומען דעם ספר, בין איך אָפגעזעסן ביז שפעט נאָך האַלבע נאַכט פאַר אַקליין שמילקענדיק לעמפעלע און ניט מיד געוואָרן לייענענדיק. און אַפילו נאָכדעם ווי איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן, זיינען מיר די פאַרשידענע עלעמענטן פון דיקדוק, אַשוואָ—נע, אַדגש-חזק, און אַנד. געקומען מיר צו חלום. וואָס ווייטער איז מיר אָבער געוואָרן אַלץ שווערער, ביז איך בין ווידער געבליבן שטיין, און מיין פאָטער האָט פאַר מיר געמוזט קריגן אַלערער, אַגעוויסן יוסף ווייזנער, אַייד אַמשכיל, וואָס האָט גוט געקענט העברעאיש, דיקדוק, געקענט פיין שרייבן און האָט איך געהאַט אַהיבשע ידיעה אין

(דאָס וואָרט „אויפגעקלערטע” האָט מען נאָך גאָר ניט געוואוסט), דאָך איז געווען הכמה—אחוץ תורה און חסידות—גאָר אַן איבעריקע זאַך, אזוי אז אַ חכם האָט ניט געקאָנט הייסן אַן ערלעכער ייד. איר קאָנט אייך פאָרשטעלן, אז בעת ר׳ חייקל הורוויץ איז געשטאָרבן, איז אַרויס אַ קלאַנג, אז ער גייט אַרום אינם עולם התוהו. מע האָט דערציילט מעשיות, ווי מע האָט אים געזען אַרומגייענדיק ביינאַכט אין דער און אין יענער שטאָט. דאָ האָט דערציילט אַ בעל-עגלה, אז עס האָט זיך עמיצער אַ פרעמדער ביי אים אויפגעדונגען, און ווי ער האָט זיך אויפגעזעצט, האָבן די פערד אָנגעהויבן בלאָנזשען און האָבן געבלאָנזשעט אַ גאַנצע נאַכט! אינדערפרי איז דער פרעמדער ניט געבליבן — און דאָס איז געווען ר׳ חייקל הורוויץ! אַן טיפּשות קאָן זיך די וועלט ניט באַגיין!”

דייטש, רוסיש, פּויליש און אַ ביסל פראַנצויזיש, וואָס אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ גרויסע זאַך. דערדאָזיקער ווייזנער האָט זייער יונג חתונה געהאַט מיט אַ בראָדער מיידל און האָט זיך דאָרט באַזעצט אויף אייניקע יאָר, און אַזוי ווי ער האָט געשטרעבט צו השכלה, האָט ער אין בראָד געקאָנט פאַרווירקלעכן זיינע שטרעבונגען, ווייל בראָד איז פון קדמונים אָן געווען אַ שטאָט פון משכילים און געבילדעטע לייט. יוסף ווייזנער האָט דאָרטן געשעפּט פון די קוואַלן פון חכמה, און אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט ער דאָרטן אָנגעצונדן דאָס ליכט פון דער ריינער השכלה. אַרום אים האָבן זיך דעמאָלט גענומען זאַמלען אייניקע יונגע־לייט און ער איז געוואָרן זייער לערער און פירער. אַזוי ווי קיין סך זייגען זיי ניט געווען און האָבן זייער אַרבעט געטאָן אין דער שטיל, האָט מען זיי ניט געשטערט; אַגב, האָבן זיך די דאָזיקע משכּילים געפירט ווי אַלע יידן און זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון דער יידישער רעליגיע אויף קיין האָר.

ווייזנערס השפּעה איז געווען אויף מיר זייער גרויס. איך בין געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט מיר דערציילט וועגן משה מענדעלסאָנען, זיין ביאָגראַפיע, האָט מיך באַקענט מיט לעסינגס „נתן דער חכם“, האָט מיר אין קורצן דערקלערט, וואָס איז אַזוינס טעאַטער, האָט מיר פאָרגעשטעלט אַלץ, וואָס אין בוך קומט פאָר, אין פאַרשיידענע כצענעס, און האָט מיר אויך דערציילט די ביאָ־גראַפיע פון לעסינגן, ווי אַזוי ער פלעגט זיך חברן מיט מענדל־סאָנען.

ג.

צו 12 יאָר פאָרט מען מיט אים טאָן אַ שידוך.— מע פאַרהערט אים.—מע ברעכט טעלער און מע זאָגט מזל־טוב. — ער ווערט אַ חתן. — זיין מחותן גיט אים אַ זילבערנעם זייגער און אַ זילבערנע טאַבאַק־פושקע.— זיין כלה—אַ צעניאָריק מיידעלע.— מע ווייזט אים פון ווייטן די כלה. — אמאָליקע מנהגים ביים געבאָרן און ביי מחנך זיין קינדער.

זומער תקפ״ב — מיר איז דעמאָלט געגאַנגען דאָס צוועלפטע יאָר — בין איך אַוועק מיטן פֿאָטער קיין באַרדיטשעוו, וואָס ליגט אַ צוועלף מייל פֿון אַלט־קאָנסטאַנטין. איינגעשטאַנען זיינען מיר ביי דעם באַרדיטשעווער רבֿ, מיין פֿאָטערס אַ ידיד. איינמאָל, זיצנדיק אַזוי, לאָזן זיך צו אונז אַריין צוויי מענטשן, איינער—דער מורה־הוראה פֿון שטעטל טשערניכאָוו, לעבן זשיטאָמיר, מיט פֿאַרגאָסענע אויגן פֿון בראַנפֿן און הערצו אויך אַ שטאַמלער. געקומען איז ער מיך פֿאַרהערן אין לערנען און זען, צי וועל איך מיט דער צייט קענען ווערן דער איידעם פֿון זיינעם אַ שטעטלשן גבֿיר, מיטן נאָמען נחמן־לייב; דער צווייטער, וועלכן איך קען ניט ביז היינטיקן טאָג, איז געווען דער שדכן, וואָס איז געקומען ריידן דעם שידוך. זיי ביידע האָבן זיך איבערגערעדט דורך בריוו מיט מיין פֿאָטער, מע זאָל זיך צונויפֿקומען קיין באַרדיטשעוו, כּדי מיך דאָרטן צו פֿאַרהערן און משדך זיין מיך מיטן דערמאָנטן גבֿיר. דער רבֿ האָט מיך פֿאַרהערט, און איך האָב ביי אים זייער אויסגענומען.

אינאָוונט האָט מען מיך מיטן פֿאָטער איינגעלאַדן צו דעם נגיד אהרן טשודנאָווער, נחמן־לייב טשערניכאָווערס מחותן. אַז מיר זיינען אַהין געקומען, האָבן מיר שוין געפֿונען אַ סך מענטשן. מיך מיטן פֿאָטער האָט מען אַוועקגעזעצט אויבנאָן און איינער איז געזעסן און האָט געשריבן תּנאָים. דערנאָך האָט מען זיי פֿאַר אונז איבערגעלייענט, געבראָכן טעלער און געזאָגט מזל־טובֿ.

אַז מיר האָבן זיך געהאַט אויפֿגעהויבן פֿון טיש, האָט דער מחותּן מיר דערלאַנגט אַ זילבערנעם זייגער מיט אַ זילבערנער טאַבאַקפּושקע; אין יענע צייטן און אויך שפּעטער פֿלעגט מען זיך נוהג זיין צו געבן אַזעלכע מתּנות עלפֿיאָריקע חתנים, וואָס מעסטן נאָך ניט די צייט פֿון זייער לעבן, און דער טאַבאַק־ריח דרינגט נאָך ניט אַריין אין זייערע נאָזלעכער — אפֿשר צוליב דעם, כּדי צו דערמאָנען זיי, אַז בעת זיי האָבן חתונה, ענדיקט זיך זייער גאָלדענע צייט; זיי וועלן אַ קוק טאָן אויפֿן זייגער און זען, וויפֿל שעה פֿון זייער לעבן איז ביי זיי אַוועק, זיי וועלן אַ שמעק טאָן דעם טאַבאַק, כּדי צו פֿאַרטרייבן דעם שלעכטן ריח פֿון לעבן, וואָס וועט זיי אָנהייבן דערווידער צו ווערן.

בעת מיר האָבן זיך געקליבן אַוועקצוגיין, האָט מען פֿאַרביי מיר דורכגעפֿירט אַ שיין מיידעלע פֿון אַ יאָר צען, מיט דער מאַמעס מילך אויף אירע ליפּן, און די רויזן אויף אירע באַקן האָבן ערשט גענומען בליִען. דער פֿאָטער האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז די כּלה, וואָס גאָט האָט מיר באַשערט, און אינגיכן וועט זי ווערן מיין פֿרוי.

גאַנץ פֿרי זיינען מיר אויפֿגעשטאַנען און אַוועק צוריק קיין אַלט־קאָנסטאַנטין.

איידער איך וועל נעמען דערציילן די ווייטערדיקע געשיכטע פֿון מיין לעבן, פֿון זינט איך בין געוואָרן חתן, וויל איך שילדערן פֿאַרן לעזער דעם לעבנסשטייגער און די מנהגים פֿון יידן אין יענע צייטן (און מיט קליינע אויסנאַמען — נאָך היינט אויך) ביי קינדער־האָבן, קינדער־ערציִען און חתונה־מאַכן, כּדי די שפּעטערדיקע דורות זאָלן וויסן, ווי זייערע עלטערן האָבן געלעבט.

ווי נאָר עס ווערט געבאָרן אַ קינד, נעמען די באָבעס (הייבינס) אָן מיטלען, אָפּצוהיטן די געווינערינס און דעם נייגעבאָרענעם פֿון שדים, די שלוחים פֿון לילית און אַשמדאי. די שדים פֿלייסן זיך, לויט דער פֿאָלקס־גלויבונג, איינצושלעפֿערן די קימפּעטאָרינס און מיט געוואַלד אַוועקטראָגן די נייגעבאָרענע קינדער צו לילִיתן, אַלס מתּנה. כּדי אויסצומיידן די דאָזיקע געפֿאַר, טוט די הייבין פֿאָלגנדיקס: 1) זי פֿאַרצאַמט די בעט פֿון דער קימפּעטאָרין מיט אַ

לײלעך אָדער אַ פּאָרטיערע; 2) לײגט זי אַװעק בײַ איר צוקאָפּנס אַ הײליקן ספֿר — אַ תּנך אָדער אַ סידור — און אַ מעסער; 3) אױף דער פּאָרטיערע, אױף די פֿענסטער און די טירן קלעפּט זי אָן שיר־המעלותן.

אונטערן שיר־המעלות זײַנען אָנגעשריבן די נעמען פֿון דרײַ מלאָכים: סיני, סנסיני און סנמנגלוף, און נאָך דעם: „אדם וחוה וכל כת דיליה חול". אױב די הײַבין זאָגט, אַז עס איז געבאָרן געװאָרן אַ ײנגל, מאָלט מען אױס אױפֿן שיר־המעלות אַ דרײַ־עק אין דער פֿאָרם פֿון אַ בױגן מיט אַ פֿײַל פֿון אינעװײניק; איבער־זשע אַ מײדל, מאָלט מען אױס אַ פֿירעק. אין בײדע פֿאַלן מאַכט מען אַרום דעם געמעל אָן אונטערשריפֿט: „שדי קרע שטן". אין די קמיעות פֿון די נײַ־געבאָרענע קינדער בײַ די קאַראַאימער אין לוצק (בײַ מיר איז די פֿראַגע ניט קלאָר, צי דערדאָזיקער מנהג עקסיסטירט אױך בײַ אַלע איבעריקע קאַראַאימער; די לוצקער קאַראַאימער האָבן איבערגענומען אַ סך מנהגים בײַ ײדן) איז אױף דעם בױגן דאָ אָן אױפֿשריפֿט: „ללמד בני יהודה קשת", און אױף דער פֿײַל: „כחצים ביד גבור כן בני הנעורים"... פֿון בײדע זײַטן געמעל איז אױפֿגעשריבן: „אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה". רעכטס — די אָבֿות, און לינקס — די אמהות. אין אײניקע קמיעות װערט דערדאָזיקער סדר ניט אָפּגעהיט. אונטערן געמעל — װערט דרײַ מאָל איבערגעחזרט אַהין און צוריק דער פּסוק „מכשפה לא תחיה".

די שבתדיקע נאַכט װאָס פֿאַר דעם ברית, קלײַבן זיך אױף אין דער װאױנונג פֿון דעם ײנגעלע קרובֿים און גוטע פֿרײַנד, מע עסט אײערקיכלעך, אַרבעס, פֿלױמען צוגעריכט מיט האָניק, מע טרינקט ביר און מעד, און מע זינגט. עס קומט אױך דער שטאָט־חזן מיט זײַן כאָר און מע זינגט זמירות.

די דאָזיקע סעודה הײסט „בן־זכר". דער זין פֿון דערדאָזיקער סעודה באַשטײט, לױט מײַן מײנונג, אין דעם, װאָס די ײדן האָבן פֿון אַלטע צײַטן אָן אַרױסגעװיזן אַ באַזונדער פֿרײד, בעת עס פֿלעגן געבאָרן װערן ײנגלעך, האַלטנדיק זײ העכער, אײדער

די מיידלעך*). און ניט נאָר יידן — אַלע אַלטע פֿעלקער האָבן מערער ליב געהאַט זין, איידער טעכטער; דערהויפּט זיינען געווען זייער חשוב די עלטערן, וואָס גאָט האָט זיי געבענטשט מיט אַ סך זכרים. דערצו דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז די זין טראָגן ווייטער די עלטערנס נאָמען און זאָגן נאָך זייער טויט אַ גאַנצן יאָר קדיש...

צוליב די אַלע טעמים איז דער טאָג, ווען עס ווערט געבאָרן אַ יינגל — אַ טאָג פֿון יום־טוב און שמחה. נאָר הוות די מאַטעריעלע דאגות פֿון אַ יידן בכלל ערלויבן אים ניט צו רוען אַ גאַנצע וואָך, און אין דעם פֿאַל קומט נאָך צו דער קלאַפּאָט, וואָס איז פֿאַרבונדן מיט דער קימפּעטאָרין, לייגט מען אָפּ די שמחה ביז דער נאָענטסטער פֿרייער צייט. און די פֿרייע צייט איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿרייטאָג צו נאַכט. דעמאָלט קלייבן זיך אויף די פֿריינד אין דער וואוינונג פֿון דעם בעל־ברית און מע איז זיך משמח מיט זיין שמחה. שבת אינדערפֿרי נאָכן דאַוונען קלייבן זיי זיך ווידער אויף אין זיין וואוינונג געוואָר ווערן, וואָס מאַכט דאָס יינגעלע. דאָס ווערט אָנגערופֿן: „שלום זכר". מע מאַכט ברכה און מע פֿאַרבייסט פֿאַר־שיידענע זיסע זאַכן.

די נאַכט פֿאַר דעם ברית הייסט „וואַכנאַכט". אין דערדאָזיקער נאַכט פֿאַרדאָפּלט מען די וואַך פֿון גוטע פֿריינד, כדי צו פֿאַרהיטן דאָס קינד און די קימפּעטאָרין פֿון דער סכנה פֿון שדים און מזיקים. אין דער וואוינונג פֿון דער קימפּעטאָרין קלייבן זיך צו־נויף די תלמידים מיט זייער באַהעלפֿער, אײנגעטיילט אין גרופּעס, און אַלע שרייען אויס מיטאַמאָל: „גוט נ'אָוונט! מזל־טוב! שמע־ישראל!" און אַז. וו. ביז גאַנץ קריאת־שמע. דאָס אַליץ ווערט אַרויסגערעדט הויך מיט אַ פֿעסטער שטים, בכדי אָפּצושרעקן די לילית, און פֿאַרטרייבן זי אין דעם פֿאַרשאָלטענעם לאַנד — אין מדבר אַריין. אַז מע ענדיקט זאָגן די תפֿילה, טיילט מען די קינדער לעקעך.

---

*) פֿון דענען שטאַמט דער חסידישער מנהג, בעת עס ווערט געבאָרן א מיידל, צו קלאַפּן מיטן פויסט אין פלייצע דעם פאָטער פון ניי־געבאָרענעם קינד, אלס הויפּט־חייב... א. ב. ג.

נאָך זייער אַוועקגיין, קומען אָרעמעלייט, בלינדע, הינקעדיקע — אַלע זאָגן די קריאת־שמע, טרינקען ביר אין בראָנפֿן, און פֿאַרבייסן מיט לעקעך. נאָך זיי קומען גוטע פֿריינד, זעצן זיך אויס אַרום טיש און טוען דאָס זעלבע, וואָס די קינדער מיט די אָרעמעלייט. אין אייניקע ערטער איז אַ מנהג צו זאָגן אין דעם חדר, וואו די געווינערין ליגט, תפֿילות ביז אין דער פֿרי; די גאַנצע זיבן טעג פֿון האָבן פֿאַרלעשט מען ניט דעם פֿייער אין שטוב.

אויפֿן אַכטן טאָג אינדערפֿרי שטייט אויף די קמפעטאָרין פֿון בעט און טוט אָן נייע וועש און אַ נײַ קלייד. דערדאָזיקער טאָג איז אַ יום־טובֿ פֿאַר איר, דער טאָג, אין וועלכן איר זון באַהעפֿט זיך מיט דער יידישער אמונה, בעת אויף זיין קערפּער ערשײַנט דער אות ברית־קודש... אויפֿן ברית קומען זיך צונויף קרובֿים און גוטע פֿריינד. פֿון די גוטע פֿריינד קלייבט מען אויס דעם קוואַטער, אויף וועלכן עס ליגט די מצווה אַוועקצוטראָגן דאָס קינד אין שול אַריין און איבערגעבן דעם מוהל. קוואַטער זיינען צוויי מענטשן: אַ מאַן מיט אַ פֿרוי, אָדער אַ חתן מיט אַ כּלה, אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, אַפֿילו אַ פֿאָטער מיט אַ טאָכטער. נאָכן ענדיקן דאַווענען שחרית, קלייבן זיך אויף די פֿרייען אויפֿן שולהויף, די הייבין טראָגט אַרויס אויף די הענט דאָס קינד און גיט אים איבער אין די הענט דער קוואַטערין, וועלכע גייט מיט אים אַריין אינעווייניק אין שול. דאָ שרייט אויס דער שול־שמש: „קוואַטער"! דער קוואַטער, אָנגעטאָן אין טלית (און תפֿילין, אויב ס'איז ניט שבת), גייט איר אייליק אַנטקעגן. בעת ער נעמט פֿון איר צו דאָס קינד און הייבט אים אויף אין דער הויך אַנטקעגן דעם אָנגעזיכט פֿון גאָט, שטייען אַלע אויף פֿון זייערע ערטער און שרייען אויס הויך: „ברוך הבא!"

כּדי אַלע איינגעלאַדענע זאָלן קענען אָנטייל נעמען אין דער הייליקער צערעמאָניע, שטעלן זיי זיך אויס אין אַ ריי, פֿון די טרעפּ פֿון שול ביז דעם אָרון־קודש, און גיבן איבער דאָס קינד פֿון האַנט צו האַנט. דער לעצטער, וואָס נעמט צו דאָס קינד, לייגט אים אַוועק אויף אַ שטול, וואָס הייסט „כּסא של אליהו". אויף דעמדאָזיקן שטול זיינען דאָ צוויי ערטער: רעכטס אַן ערן־אָרט פֿאַר אליהו הנבֿיא, און לינקס — פֿאַר דעם סנדיקא".

נאָכן אויספֿירן די אָפּעראַציע דורכן מוהל, זאָגט דער גאַנצער עולם וואָס אין שול דעם בעל־ברית: „מזל־טובֿ! זאָל זיין מיט גליק!“ מע ענדיקט שחרית און אַ סך גייען אַוועק צו דעם בעל־ברית צו דער סעודה. דאָרטן איז שוין דער טיש געגרייט מיט אַ ווייסן טישטעך, אויפֿן טיש פֿלעשלעך בראָנפֿן, גלעזלעך און פֿאַרשיידענע זיסע זאַכן, וואָס וואַרטן אויף די געסט. די געסט גיבן אָפּ מזל־טובֿ דער קימפּעטאָרין און זעצן זיך פֿונאַנדער אַרום טיש לויטן גראַד און יחוס. דעם סאַמע איבנאָן פֿאַרנעמט דער רבֿ אָדער דער סנדיקאָ, וואָס פֿאַרבייט אים, נאָך אַ לייכטער ביסל משקה און פֿאַרבייסן, וואַשט מען זיך, מע מאַכט המוציא איף חלה און מע נעמט זיך צו דער סעודה. בעת דער סעודה מאַכט דער חזן מי שברך די געסט, און צום סוף סעודה — דעם בעל־הבית, און דער עולם צעגייט זיך.

אין דעם יסוד פֿון מחנך זיין יידישע קינדער ליגט פֿאָלגנדיקער געזעץ: „אַ פֿאָטער איז מחויבֿ זיין קינד, וואָס קאָן שוין ריידן, צו לערנען תורה“... ווי נאָר דאָס קינד האָט זיך אויסגעלערנט פּלאַפּלען אויף זיין אייגענער שפּראַך „דראָשן“ אָנשטאָט גראָשן, „לעטעך“ אָנשטאָט לעקעך — פֿאַלן אויף אים אַרויף די הרדקי־מלמדים אַזוי ווי פֿליגן. די מלמדים און זייערע באַהעלפֿער שלאָגן אָפּ די טירן פֿון די עלטערן — ווער עס פֿלייסט זיך צו ווירקן אויפֿן פֿאָטער, און ווער אויף דער מוטער, אַז זיי זאָלן אים אָנטרויען דאָס קינד. איינער באַזוכט אַליין די עלטערן אין די חדשים ניסן און אלול, וואָס הייסן בין הזמנים, און סטאַרעט זיך צו אימפּאָנירן מיט זיין לאַנגער בכּבֿודיקער באָרד, מיט זיינע גראָע האָר און מיט זיין קיילעכדיקן בייכל. אַ צווייטער, וועמען גאָט האָט ניט געבענטשט מיט קיין באָרד און מיט קיין כּאָלידן בייכל; שיקט זיין באַהעלפֿער, וועלכער פֿלייסט זיך צו געווינען מיט חניפֿה, מיט זיסע ריידלעך און פֿאַלשקייט דעם צוטרוי פֿון אַלע מענטשן פֿון הויז — ביז דעם משרת און דער קעכין. כּדי צו דערוועקן דעם חשק פֿון דעם יינגעלע, ברענגט אים דער באַהעלפֿער אַ פֿייגעלע

אין אַ שטייגעלע. נאָך דעם הייבט אָן דאָס יינגעלע צו גיין אין חדר.

יעדן פרימאָרגן קומט דער באַהעלפער, גיכט אָפּ דעם יינגעלע נעגלוואַסער און לערנט אים זאָגן „מודה אני" און קושן ציצית, דערנאָך טראָגט ער אים אויף די פּלייצעס אין חדר אַריין, וועלכער געפינט זיך געוויינלעך אין שמוציקע געסלעך... דאָ לערנט מען דאָס יינגל זאָגן עבֿרי פון אַ סידור, מחמת קיין ספּעציעלן „אַלף־בית" צו לערנען די קינדער לייענען האָבן ניט די מלמדים. אין סידור זוכט אים דער מלמד און ווייזט דעם יינגל פאַרשיידענע אותיות פון אַלף־בית און נקודות. און אַזוי אַרום לערנט ער אויס דאָס יינגל אָן קיין שום מעטאָדע אויסזאָגן פאַרשיידענע קלאַנגען. דאָס יינגל באַווייזט נאָך ניט צו באַנעמען ווי עס באַדאַרף צו זיין די דיקדוקיע חכמה, און דער מלמד טרעט שוין צו צונויפלייגן מיט אים ווערטער. דאָס יינגעלע פּלאָנטערט זיך נאָך אין די אותיות און נקודות, פאַרשטייט גאָרנישט פון דעם, וואָס ער לייענט, און דער רבי איילט שוין צו אָנהייבן מיט אים חומש; נאָר די ערשטע זאַך זיינע איז צוגרייטן דעם תּלמיד צו דער „דרשה". אין איינעם אַ שבת נאָך האַלבן טאָג, מאַכט דער פאָטער פון קינד אַ שמחה, רופט צונויף גוטע פריינד און מע טרינקט וויין און ביר. דאָ קומט אַריין דאָס יינגעלע דער בעל־דרשה, אַרומגערינגלט מיט אַ קאָמפּאַניע חבֿרים פון חדר, מיט דעם מלמד און באַהעלפער בראש. דעם בעל־שמחה שטעלט מען אַוועק אויף אַ טיש, און קעגן אים שטעלט זיך אַוועק איינער פון זיינע חבֿרים, דער חבֿר גיט אים אויף פראַגן, און דער בעל־דרשה ענטפערט; דער פרעגער באַגריסט אים דערביי מיט דער „ברכת כּוהנים". דער גאַנצער עולם קלייבט נחת, קוקנדיק, ווי קליינע יינגלעך, וואָס זיינען נאָך ניט פעאיק צו באַנעמען דעם זין פון זייערע אייגענע ווערטער, הקירהן זיך, ווי גרויסע לומדים, וועגן טיפע תּורה־זאַכן, איבערהזרנדיק אינדעראמתן, וואָס דער רבי האָט מיט זיי אויסגעלערנט...

אויפן צווייטן טאָג, זונטאָג, באַקומען דער באַהעלפער מיטן מלמד מתּנות פון דעם קינדס פאָטער. די ערציער פאַרגעסן ניט

איינהורן מיטן ייִנגעלע, ער זאָל בעת זיין דרשה דערמאָנען וועגן געלט: בעת הער קליינער בעל־דרשער שטעלט זיך אַוועק אויפֿן טיש, דערמאָנט ער הויך דעם פֿאָטער וועגן דרשה־געלט פֿאַר דעם רבין און באַהעלפֿער, און פֿאַרענדיקט מיט אַ חכמה: „דעם קליינעם בעלפֿער אויך אַ מכּה אין דער זייט"... *) דער עולם קיילט פֿון געלעכטער.

חומש הייבט מען מיט אים אָן לערנען ניט פֿון בראשית, נאָר פֿון ויקרא. דאָס זעקס־יאָריקע ייִנגל הייבט אָן פֿון עלערהייט צו לערנען דעם טייל חומש, וואָס האָט בלויז אַ שייכות צו קרבנות! דאָס איז אַפֿילו ביי מיר אויך אַ גרויסער חידוש. און אַפֿילו דעמדאָזיקן ספֿר ויקרא לערנט ער אויך ניט בהדרגה, נאָר אַלע וואָך לערנט ער אַן אַנדער פרשה... ווי נאָר דאָס ייִנגל וואַקסט אַ ביסל אונטער, הייבט מען מיט אים אָן צו לערנען חומש מיט רש"י, וואָס איז אינגאַנצן געבויט אויף תּלמוד און פֿאָדערט אַ היבשע צוגרייטונג. בלויז צוליב דער שולד פֿון די מלמדים אָדער מחמת זייער עם־הארצות, איז דער פּירוש פֿון רש"י געוואָרן אַ וועגווייזער פֿאַר קליינע עופֿעלעך. דעמדאָזיקן טעות וואָלטן די ייִדן אַליין ניט מתקן געווען, ווען ניט די ענערגישע אָנשטרענגונג פֿון אונזער געאַכפּערטער רעגירונג, וואָס זאָרגט זיך וועגן דעם גליק פֿון אַלע אירע אונטערטאַנער, און האָט אויף זיך גענומען די שווערע משא — צו רעפֿאָרמירן די סיסטעם פֿון ייִדישן חינוך. זאָל־זשע דערפֿאַר דאָס האַרץ פֿון די יעניקע ייִדן, וואָס זיינען דורך דער רעגירונג באַשטימט געוואָרן פֿאַר לערער און אויפֿזעער, זיין אַזוי גוט און אידל, ווי דאָס האַרץ פֿון דער רעגירונג, און זייערע כּוונות זאָלן אויך זיין אַזעלכע אָרנטלעכע און גערעכטע, און זאָלן זיי ניט קאַליע מאַכן דאָרטן, וואו די געהויכטע רעגירונג פֿלייסט זיך מתקן צו זיין.

נאָך אַן אויבנאויפֿיקן באַקאָנען זיך מיטן חומש, הייבט מען אָן מיטן ייִנגל צו לערנען גמרא, ניט לערנענדיק מיט אים די נביאים און אַנדערע ספֿרים פֿון תּנך.

---

*) דאָס דאָזיקע ווערטל ווערט געבראַכט ביי גאָטלאָבערן אין ייִדיש. — א. פ.

דערפאַר אַז אײנגל װערט נײן־צען יאָר, האָט ער שױן אַ היפּשע ידיעה אין איסור־והיתּר, אין דיני ממונות, און דאָס רובֿ אױך אין די דינים, װאָס זײנען נוגע קידושין און גיטין, ניט האָבנדיק נאָך קײן שום השגה װעגן געשלעכטלעכע באַציאונגען. דעמאָלט לערנט ער שױן דעם תּלמוד מיט אַלע מפרשים און מיט די מפרשים פון די מפרשים, ביז דעם לעצטן מפרש, װאָס האָבן קײן ברעג און קײן סוף ניט, מיטן גאַנצן שקלא־וטריא, מיטן פּילפּול און מיט אַלע פּרטים, אַפילו מכּוח די דינים פון בית־המקדש און זײנע הײליקײטן, גלײך דער בית־המקדש װאָלט איצטער עקסיסטירט און די כּהנים װאָלטן געדאַרפט שטײן בײ דער עבֿודה, די ייִדן װאָלטן זיך געהאַט אומגעקערט אין זײער לאַנד אַרײן, און יעדע שװערע זאַך װאָלט מען באַדאַרפט ברענגען פאַר דעם ייִדישן שופט.

ד.

זוי מע פלעגט אמאָל חתונה מאכן קינדער. — צו וואָסער יאָר הייבן די עלטערן אָן טראכטן וועגן א שידוך פאר זייער קינד. — שדכנים. — מחותּנים. — חתן־כלה. — ערב־חתונה. — חתונה־צערע־מאָניע.

אין יענע צייטן פלעגן די שדכנים וואַרפן אַן אויג אויף אַ יינגל אַ וואוילערנער, און יעדערער פון זיי פלעגט אים פאַרצייכענען ביי זיך אין ביכעלע; דאָרט אין ביכעלע זיינען אויך געווען פאַרשריבן אָן אַ שיעור מיידלעך, יעדערע מיט אירע מעלות: איינע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר שיינקייט, די צווייטע מיט איר עשירות, די דריטע—מיט איר יחוס. אַלע טאָג קומען די שדכנים צום יינגלס פאָטער און דרייען אים אַ קאָפּ, אַז ס'איז צייט חתונה צו מאַכן זיין זון, אַז דעם־און־דעם גבירס טאָכטער איז פאַר אים אַ באַשערטער זיווג, אַז אַזאַ יפת־תואר איז גאָרניט צו געפינען אין דער גאַנצער וועלט; זי רעדט פּויליש ווי וואַסער. דעמאָלט, אין יענע צייטן, איז די לאַנד־שפּראַך פון וואָלין און פּאָדאָליע, אַפילו נאָכדעם, ווי די רוסן האָבן איינגענומען דעם קאַנט, נאָך אַלץ געווען פּויליש. און אַזוי ווי די גאַנצע פּרנסה־געבערינס, די אשת־חילס, זיינען דעמאָלט געווען די ווייבער, און די מאַנען פלעגן זיצן פאַרשטעקט אָדער אין שטיבּ אָדער אין קלייז און לערנען—האָט זיך דעריבער גערעכנט פאַר אַ גרויסע מעלה פאַר אַ יידיש מיידל צו קענען פּויליש. און אַפילו יענע מאַנען, וואָס פלעגן אַוועקוואַרפן דאָס לערנען, זיינען אויך געווען בלויז משרתים ביי זייערע ווייבער אין קראָם, און בעת אַ פּוילישער שררה פלעגט אַריינגיין אין געוועלב אַריין, פלעגן זיך די מאַנען פאַרשטעקן אין אַ ווינקל און די ווייבער זיינען געווען די גאַנצע בעלי־בתים.

אַז אַ יינגל ווערט עלף יאָר און איז נאָך ניט קיין חתן, שעמט ער זיך פֿאַר זיינע איבעריקע חבֿרים פֿון זיין עלטער, וואָס זיינען שוין אַלע חתנים און טראָגן יאַרמלקעס מיט גאָלדענע קאַנטן. דעם יינגלס עלטערן פֿלעגן זיך דערפֿון שטאַרק מצער זיין און פֿלעגן גאַנצע נעכט ניט שלאָפֿן. אינמיטן נאַכט, ליגנדיק אין בעט, פֿאַרפֿירן זיי אַזאַ מין שמועס: „וואָס טוט מען מיט אונזער זון, וואָס עס זוכט זיך פֿאַר אים ניט קיין רעכטער שידוך?“ דער מאַן דערציילט דער ווייב, אַז דער זון פֿרעגט שוין אַזעלכע קשיות ביי זיין מלמד, אַז יענער האָט אים ניט וואָס צו ענטפֿערן, און די ווייב דערציילט דעם מאַן, אַלע אינדערפֿרי, בעת דער זון דאַוונט, איידער ער גייט אַוועק אין חדר, שאָקלט ער זיך מיט אַזאַ דבֿיקות, אַזוי ווי אַ גרויסער צדיק, אַפֿילו בעתן עסן הערט ער ניט אויף צו שאָקלען זיך, און זיין גרויסקייט אין תּורה דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז ער איז ניט מבֿחין צווישן אַ זילבערנער און אַ קופּערנער מטבע. דאָ נעמט דער פֿאָטער אויסריידן זיין ביטער האַרץ: „אונזער זון ווערט דאָך שוין באַלד עלף יאָר און אויב מיר וועלן זיך ניט צואיילן, אויסגעפֿינען פֿאַר אים אַ גוטן שידוך — וועלן מיר חלילה, ניט זוכה זיין צו מאַכן די חופּה צוזאַמען מיט דער בר־מצווה? וואָרעם מענטשן פֿון אונזער גראַד מאַכן ניט חתונה זייערע קינדער, איידער זיי זייגען צוויי יאָר נאָכאַנאַנד ניט געווען פֿאַרקנסט“.

אַ שפּראָץ אויף טאָג קומט אַ שדכן מיט אַ בריוו פֿון אַ צווייטן שדכן, אַז דער און דער גרויסער גבֿיר און מיוחס פֿון דער און דער שטאָט. האָט אַ מיידל פֿון אַ יאָר צען, אַ גרויסע יפֿת־תּואר, קאָן דאַוונען, לייענען און שרייבן ציפֿער; דער פֿאָטער איז זיך מתחייבֿ צו געבן אַזויפֿיל און אַזויפֿיל נדן, חוץ כּלה־מתּנות און צען יאָר קעסט, און דערפֿאַר וויל ער אַ בחור אַ בן־תּורה. דער שדכן, וואָס קען גוט זיין מלאכה, ליגט נאָך צו אַ פּאָר אייגענע ליגנס, און נאָך אַ סך אַמפּערנישן און ריידערייען מצד דעם יינגלס פֿאָטער, וואָס וויל דערווייזן, אַז דער שידוך איז פֿאַר אים אַ נחת הרגא, גייט דער שדכן אַוועק מיט אַ באַשלוס, אַז נאָר אויף די תּנאים, וואָס עס שרייבט אים דער צווייטער שדכן, איז ער מרוצה

אויפֿן שידוך. אין דעמזעלביקן טאָג שרייבט אַוועק דער שדכן אַ בריוו צום צווייטן שדכן פּונקט קאַפּיר, ווי דעם יינגלס פֿאָטער האָט אים געזאָגט: ער שרייבט, אַז דעם חתנס פֿאָטער איז זיך מתחייב צו געבן דעם זון אַזויפֿיל נדן אַנטקעגן, וואָס איז גאָר ניט געשטויגן-ניט-געפֿלויגן. אויך דער שדכן פֿון דער כלהס צד הערט ניט אויף צו בראָקן ליגנס פֿאַר דער כלהס פֿאָטער. דער כלהס פֿאָטער שטייט ניט אָפּ אין גאווה און גדלות פֿון דעם חתנס פֿאָטער; ער ווייזט אים אויך אויף מיט ראיות, אַז דער שידוך איז ניט נאָך זיין כבוד און נאָך זיין עשירות.

אין אַ קורצער צייט אַרום שיקט דער כלהס פֿאָטער אַ ספּעציעלן שליח, אַ רב אָדער אַ מלמד אַ גרויסן למדן, צו פֿאַרהערן דעם חתן. נאָכן פֿאַרהערן, וועלכער ענדיקט זיך דאָס רוב בשלום און עס גייט אים בלויז צו געלט, פֿאָרן זיך אויף די מחותּנים אין אַ באַשטימטן טאָג און אָרט, מע זעט זיך און מע רעדט אַרום בײדנס התחייבֿותן. דאָ ווייזט זיך אַרויס, אַז די שדכנים האָבן בײדן אָפּגענאַרט. די מחותּנים ווערן ברוגז, הייבן זיך אָן צו קריגן און ווילן זיך גאָר פֿונאַנדערפֿאָרן, נאָר דאָ ליגט זיך אַריין דער בעל-אכסניא, וואו זיי שטייען איין, מיט נאָך מענטשן און מע מאַכט שלום. מע גרייט צום טיש, מע שטעלט אַוועק אַ פֿלעשל בראַנפֿן מיט האָניקטייגלעך, עס קומען גוטע פֿריינד, און דער חזן קומט מיט אַ טינט-און-פֿעדער און זעצט זיך גלייך שרייבן תנאים. בעת ער קומט צו די התחייבֿותן, ווענדט ער זיך צו די מחותּנים, און אַזוי ווי זייער כּעס איז נאָך ניט געשטילט פֿון פֿריער, נעמען זיי זיך פֿונדאָסניי קריגן, אָבער דער עולם שטילט זיי איין און גלייכט זיי אויס.

דער חזן לייענט איבער די תנאים, און קומענדיק צו די לעצטע ווערטער, שפּרינגט אַרויס דער שדכן, וואָס איז די גאַנצע צייט פֿון די קריגערייען געווען פֿאַרבאַהאַלטן, און שרייט אויס: מזל-טובֿ! און גיט אַ וואָרף אַ ליימענעם טעלער און צעבּרעכט אים. באותו הרגע כאַפּט יעדערער, וואָס עס קומט אים אין האַנט אַריין, און וואַרפֿט אויף דער ערד, כּדי צו מקיים זיין, וואָס עס שטייט געשריבן: „אם אשכּחך ירושלים, תשכּח ימיני".

פּלוצלונג כאַפּט אַלעמען אַרום אַ שמחה, מיט אַ פרייד, מע עסט און מע טרינקט, פון אַלע זייטן הערן זיך פריילעכע קולות: „לחיים, לשלום!" נאָכן מאָלצייט גיבן די מחותּנים מתּנות פאַר חתן־כּלה: דער כּלהס פאָטער (ער אַליין, אָדער דורך אַ שליח) גיט פאַר דעם חתן: אַ זילבערנעם אָדער אַ גילדערנעם זייגער, אַ זילבערנע טאַבאַק־פּושקע, אַ יאַרמולקע מיט גאָלדענע קאַנטן און אַ קליין חומש מיט אַ זילבערנעם איינבונד; און דעם חתנס פאָטער גיט פאַר דער כּלה: גילדערנע און זילבערנע אוירינגלעך, אַ גילדערנע קייט און אַנד. דאָס אַלץ הייסט קליינע מתּנות, די גרויסע מתּנות שיקט מען ערשט צו דער חתונה — פאַר דעם חתן: אַ טלית מיט אַ סויבלנע שטריימל, און פאַר דער כּלה: פּערל און אַ שטערנטיכל (אין דער פאָרם פון אַ דיאַדעם געשטיקט מיט פּערל און טייערע שטיינער). אין יאָר תּר"ד האָט ניקאָלאַי דער I אָפּגעשאַפט דאָס שטערנטיכל מיטן שטריימל — זיי זיינען געפאַלן און װעלן שוין מער ניט אויפשטיין!

פון דעם מאָמענט אָן, װען דער פאָטער דערציילט דעם זון, אַז ער איז געוואָרן אַ חתן — דאָס רוב שרייבט מען תּנאים אָן די קינדערס וויסן — און גיט אים איבער דעם מחותּנס מתּנות, ווערט ער אינגאַנצן אַן אַנדער מענטש. שבּת קומט ער צו גיין אין שול אָנגעטאָן אין זיידענע מלבּושים מיט אַ סויבלנער שטריימל, און פון אונטערן שטריימל זעט זיך אַרויס דאָס גאָלד פון זיין יאַרמלקע; ער שטעלט זיך אַוועק אויף זיין אָרט, מיטן פּנים צו מזרח, און לויפט שוין מער ניט אַרום איבערן שול מיט זיינע חברים, אַזוי ווי פריער; מע איז אים מכבּד מיט מפטיר און בעתן אויפרופן טיטולירט מען אים: יעמוד החתן... אין די קליינע שטעטלעך ווערט ער אַ חסיד און פאַרשאַפט דערמיט פיל כּבוד זיינע עלטערן, ער דאַוונט מיט קולות און שאָקלט זיך שטאַרק.

דערמאָלט גיט מען אים אַוועק צו אַ גרויסן מלמד, און דער פאָטער שיקט אָפט בריוו צום מחותּן, רעכנט אויס די מעלות פון זיין זון און זיין גוטער הנהגה. אויף דעם ערשטן יום־טוב, אויף שבועות, װען דער וועג איז גוט, אַלכט דער כּלהס פאָטער צו זיך אַראָפּ דעם חתן. פאָרן פאָרט דער חתן אָדער מיטן מלמד

אָדער מיט אַן אַנדער אָנגעזעענעם שליח, וועלכן דער פֿאָטער שיקט מיט מיט זיין זון. גרויסע לומדים נעמען זיך דאָרטן פֿאַרהערן אים און לערנען, נאָר זיין באַגלייטער שטייט איבער אים און היט אים, ער זאָל ניט געשטרויכלט ווערן; טאָמער זיינען די פֿאַרהערער ניט צופֿרידן פֿון דעם חתן, פֿאַרשטאָפּט ער זיי דעם האַלז מיט משקה און מיט נאַרישע דרשות, און דערווײלע שרייבט ער אַהיים אַ בריוו, אַז אַלץ, דאַנקען גאָט, גייט על צד היותר טוב.

דער עלפֿיאָריקער חתן, וואָס די ליידנשאַפֿט האָט נאָך ניט אָנגעקלאַפּט אויף די טירן פֿון זיין האַרצן מיט שווערע האַמערס, נאָר האָט אים בלויז באַרירט מיטן שפּיץ פֿון איר כּישוף־שטעקעלע; דאָס סטעזשקעלע אויף וועלכן ער גייט איז באַדעקט מיט יוגנט־טוי און איז נאָך פֿול מיט די מעשיות וואָס דאָס יינגל לערנט אַלע טאָג אין חדר, און אַלע מענטשלעכע פּאַסירונגען זיינען ביי אים ווי געטלעכע זאַכן — דאָס דאָזיקע בחור'ל שטעלט זיך פֿאָר זיין כּלה, ווי אַ מתּנה פֿון גאָט. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געקוקט אויף אַ מיידל, אַ שענערע פֿון זיין כּלה האָט ער נאָך קיינמאָל ניט געזען; מיט קיין פֿרוי האָט ער נאָך קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, זי איז די ערשטע, וואָס וועקט זיינע ליבע־געפֿילן. די צניעות און די בושה פֿאַרגרעסערן זיין כּוח־הדמיון און פֿילן אָן די פֿאַרבאָרגענע ווינקלען פֿון זיין האַרץ מיט אַ ריינער תּשוקה, וואָס ער ווייס נאָך אַליין ניט איר באַדייטונג; די נשמה ווערט פֿול מיט גייסטיקן תּענוג. ער זעט אויפֿן וואָר בילדער און פֿאַנטאַזיעס, וועלכע ער קען ניט באַשיידן. און אַזוי קערט ער זיך אום אַהיים מיט אַ האַרץ פֿול מיט וואונטשן, און וואַרט אויפֿן טאָג, ווען ער וועט קענען זען זיין געגאַרטע כּלה ביי זיין פֿאָטער אין הויז אויפֿן קומענדיקן יום־טוב, וועט מיט איר ווידער קענען פֿאַרברענגען אויפֿן וואונק, אָן ווערטער. די כּלה ווידער טרוימט אויך מיט פֿרייד וועגן איר אויסדערוויילטן חתן, דערציילט אירע חבֿרטעס זיינע גרויסע מעלות, ווי די פֿאַרהערער האָבן אים געלויבט און ווי אַזוי ער האָט שבת אויסגענומען מיט די שיינע ניגונים פֿון זמירות, וואָס ער האָט געזונגען אויף אויסווייניק, ווי דער גרעסטער חזן; און ריידן פֿאַרגעסט זי אויך ניט

צו דערציילן, אַז ער האָט קאָטשערעווע האָר מיט רויטע קאַרשנליפּן... יעדער מאָל, ווען זי זעט אים, וועקט זיך אין איר אויף די לײַדנשאַפֿט, אָבער אין דערדאָזיקער לײַדנשאַפֿט איז ניט פֿאַרמישט קיין אומרײַנע מחשבה און קיין קערפּערלעכע תאווה, פֿון וועלכע בײדע האָבן נאָך קיין השגה ניט. זי קוקט אים אירע אויגן אויפֿן טאָג, ווען דער מחותּן וועט נאָך איר שיקן אַ קאָטש און אָפּאַכטן זי צו זיך אויף דעם קומענדיקן יום־טובֿ.

דידאָזיקע טעג זײַנען דאָס אײנציקע גליק אין דעם לעבן פֿון אַ ייִדן, אײדער ער ציט אויף זיך אַרויף דעם יאָך פֿון דאגת־פּרנסה, צו זוכן היונה מיט זײַנע צען פֿינגער. ניט פֿאַרמאָגנדיק ניט קיין ווײַנגערטענער און פֿעלדער און ניט קיין לאַנד, וואָס טריפֿט מילך און האָניק — איז זײַן פֿאַרמעגן אַ וויסטער מדבר און זײַן האָפֿענונג — ווינט און רויך. ער פֿאַרדינט אין אַלעלערדיקן זאַק אַרײַן, ער בויט אים לופֿטשלעסער און גראָבט אים צעבראָכענע ברינימער, אין וועלכע דאָס וואַסער קאָן זיך ניט האַלטן; מיט גרויס מי קומט אים אָן מפֿרנס צו זײַן ווײַב און קינדער. דעריבער האַלט איך, אַז די בעסטע צײַט פֿון אַ ייִדן איז די קינדהייט, בלויז זי אַליין איז זײַן אײגנס, און בלויז אין איר אַליין קען ער גענישן, אײדער ער דערקענט נאָך די וועלט און די מענטשן.

בעת דער חתן קערט זיך אום אַהיים, פֿול באַשאָנקען מיט מתּנות פֿון זײַן שווער (דאָס רובֿ באַשטייען די מתּנות פֿון אַש״ס און פּוסקים, אַלפֿס און רמב״ם וכדומה), קלײַבן פֿון אים טאַטע־מאַמע נחת, לײענענדיק דעם בריוו פֿון מחותּן, אין וועלכן ער רעכנט אויס די שבֿחים פֿון זײער טײַערן זון, און קושן זײער זון מיט טרערן פֿון פֿרייד. זײ הייבן אָן צו מאַכן די הכנות, אַראָפּצובריינגען די כּלה צו זיך אויף דעם קומענדיקן יום־טובֿ. די טעג לויפֿן אַוועק ווי אַ חלום, און אָט קומט צו פֿאָרן די יונגע כּלה, באַגלייט פֿון אַן עלטערער ייִדענע.

ווער קען אויסדערציילן דעם נחת־רוח פֿון די עלטערן? ווער קען אָנטפּלעקן, וואָס עס איז פֿאַרבאָרגן אין האַרצן בײַ די יונגע חתן־כּלה? קיין פֿעדער איז עס ניט אומשטאַנד צו באַשרײַבן, די פֿאַנטאַזיע פֿון אַזעלכע מענטשן, ווי מיר, וואָס זײַנען שוין

פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון גן=עדן, איז צו=קליין, זי זאָל קענען באַנעמען אַלץ, וואָס זיי שפּירן אין יענע טעג. אָבער אויך דידאָזיקע טעג פֿליען געשווינד אַוועק. די כּלה קערט זיך אום צו אירע עלטערן, איר האַרץ ברענט פֿון ליבע צו איר באַשערטן, וואָס איז בײַ איר דער איינציקער אויף דער גאַנצער וועלט, און ער קושט אײַך יעדעס בריוועלע אירס מיט אַ פֿלאַמענדיק האַרץ און געפֿיל, אָבער קיינער ווייס ניט דערפֿון; זיינע געפֿילן טאָרן ניט אַריבערגיין איבער זיין מויל, זיי זיינען נאָך אַפֿילו ניט אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פֿון זיין האַרצן. אַז איר זאָלט אים אַ שטייגער פֿרעגן: וואָס באַטייט פֿאַר אים דידאָזיקע ליבע, וועט ער אײַך ניט וויסן וואָס צו ענטפֿערן, ווייל ער ווייס אַליין ניט, וואָס זי איז אַזוינס.

צו יענער צייט הייבט אָן דער חתן אויסצולערנען די דרשה, וועלכע ער דאַרף האַלטן אין טאָג פֿון דער חתונה, בעת דער חופּה=וועטשערע. די טעמע פֿון דער דרשה איז אַ תּלמודישער פּילפּול מכּוח אַ געווויסן דין וועגן מקדש זיין אַ פֿרוי.

אין עטלעכע טעג אַרום פֿאָרן אַרויס די מחותּנים פֿון ביידע צדדים מיט זייערע קרובֿים צו דעם באַשטימטן אָרט, וווּ מע האָט אָפּגערעדט צו מאַכן די חתונה, איינלייגנדיק תּחילת דעם נדן בײַ אַ שליש. דעם שבּת, איידער זיי פֿאָרן אַרויס, מאַכט התּנם צד אין כּלהס צד יעדערער בײַ זיך אַ שׂמחה. שבּת אינדערפֿרי רופֿט דעם התנס פֿאָטער צונויף צו זיך אַהיים זיינע פֿריינד, אַלע טוען זיך אָן אין טייערע קליידער, דער חתן פּוצט זיך אויס אין זיינע חתונה=מלבּושים, טוט אָן צום ערשטן מאָל די סויבלנע שטריימל. אויף די בגדים טוט ער אָן אַ טוליק — אַ מין לאַנגער זיידענער בגד, וואָס דערגרייכט ביז די פּיאַטעס און איז זייער ברייט, און די אַרבל זיינען אַזוי לאַנג ווי דער בגד, נאָר מע טראָגט אים ניט אויף די אַרבל, נייערט אויף די אַקסלען, און מיט דער האַנט האַלט מען צו די זיידענע שנירלעך לעבן האַלז, וואָס פֿאַרשנירלען דעם טוליק, ער זאָל ניט אַראָפּפֿאַלן. דערדאָזיקער בגד איז שוין אויך לאַנג אַרויס פֿון דער מאָדע, בלויז אין גאַליציע טראָגט מען אים נאָך. און אַזוי פֿירט מען דעם חתן אין דער גרויסער שול אַריין.

דער מחותּן מיט זיינע קרובֿים זיינען דעמאָלט שבּת אין

שול דאָס אויבערשטע פון שטויסל. זיי זיינען די ערשטע צו אַלע רעליגיעזע כיבודים, זיי פאַרנעמען דעם סאַמע אויבנאָן, דעם מזרח, זיי טיילן די עליות אויף דער בימה *). נגידים טרעטן אָפּ זייערע שטענדיקע ערטער אין מזרח־וואַנט דעם חתן מיט די מחותנים. דער חתן שטעלט זיך אַוועק לעבן רב און פון ביידע זייטן — די מחותנים. בעת מע רופט אים אויף צו דער תורה, שרייט אויס דער חזן זיין נאָמען העכער פון אַלע אַנדערע אויפגערופענע, דער־נאָך זינגט ער מיט זיינע משוררים. פונקט דעמאָלט לאָזן זיך אַריין פון דער ווייבערשער שול די ווייבער און גיבן אַ שאָט אויף דעם עולם הויפנס ניס. די אָרעמע קינדער פאַלן אַרויף אויף דעם און נעמען זיי קלייבן. נאָכן דאַווענען גייט דער גאַנצער עולם צום חתן אויף ברכה.

ביי דער כלה אין שטוב קלייבן זיך דעם טאָג אויף אַסך מיידלעך, אויסגעפוצטע און אויסגעצירטע, די קלעזמער, קריסטלעכע, שפילן און די מיידלעך טאַנצן אַ גאַנצן טאָג, כדי משמח צו זיין די כלה, וואָס זיצט צווישן זיי, ווי אַ לבנה צווישן שטערן, אויס־געפוצט אין איר צירונג, מיטן באַגילדטן באַנדאַליק אויפן קאָפּ, וואָס דער חתן האָט איר געשיקט. נאָך דער חתונה טוט זי אויס דעם באַנדאַליק און טוט אָן אַ פּראַכטפול שטערנטיכל, באַדעקט מיט פּערל, און דאָס גאָלד פון אים ווערט אַראָפּגענומען און פאַרנוצט אויף צו באַפּוצן דאָס ברוסט־טוך, וועלכן זי טראָגט שטענדיק נאָך דער חתונה, אַזוי איז איינגעפירט ביי יידישע טעכטער צו טראָגן נאָך דער חתונה אַ דעקטוך אויף די בריסט, כדי זייער הערלעכע שיינקייט זאָל זיך ניט אַרויסווייזן פאַר פרעמדע

---

*) אין דעם בוך ערציילונגען (דייטש. פּראַג, 1835) פון יאָאַכים ראָזנ־אויער, 2־טער טייל, ז. 62, וויל דער מחבר ערקלערן, אז דאָס וואָרט אלבע־מער אויף יידיש־דייטש שטאַמט פון דער גריכישער בימה אָדער פון דער העבּרעאישער בָּמָה. דאָס איז אָבער אַ ווייטע השערה. איך האָב דעם נאָמען אלבעמער קיינמאָל ניט געהערט; נאָר אייניקע רופן אָן די בימה בעלעמער און אייניקע — אלמעמער. אַזוי ווי דער עיקר איז די בימה געמאַכט אויף צו לייענען די תורה, און ס'איז ידוע, אז בשעת קריאת התורה טאָר מען ניט ריידן, דעריבער, דוכט מיר, אז דער נאָמען אלמעמער באַטייט: ניט ריידן — אַל־מֵימֵר אָדער אַל־מֵימְרָא.

מאַנסביל. מיט פערציק יאָר צוריק פלעגן אונזערע מאַמעס אויך זיך פאַרשטעלן די האַלדז מיט אַזאַ מין טוך, וואָס האָט געהייסן העלזל, ווייל זיי זיינען געווען צנועות אין זייער גאַנצן פיר, זיי זיינען געווען די גליקלעכסטע אויפן הימל און אויף דער ערד און זייערע מאַנען זיינען מיט זיי געווען זיכער; און היינט זיינען די יידישע טעכטער אַוועק פון זייערע מוטערס דרכים, זיי גייען מיט אויסגעשטרעקטע העלזער און זייערע בריסט באַדעקן זיי ניט, אַלעמענס אויגן זיינען אויסגעשטעלט אויף זיי, און זיי פאַלן אַריין, ווי פייגלען, אין דער נעץ אַריין. היינטיקע צייטן קוקן די טעכטער אויס, ווי צו פאַנגען יונגעלייט און רויבן זייערע הערצער. ניט אַזוי איז געווען אין אַמאָליקע גוטע צייטן: די מיידלעך פלעגן אַליין ניט אויסקלייבן פאַר זיך קיין בחור; נאָר דער, וואָס דער פאָטער האָט פאַר זיי אויסגעקליבן, — דער איז פאַר זיי געווען הייליק.

גלייך נאָך שבת, זונטאָג אָדער מאָנטאָג, מאַכן חתן־כלהס עלטערן, יעדערער ביי זיך אין שטאָט, אַ מאָלצייט פאַר אָרעמעלייט, אַן אמתע סעודה, מיט פיש, פלייש און אַנדערע מאכלים, און ביר. פאַרמעגלעכע גיבן אויך צום טיש מעד און ווייַן. די אָרעמעלייט זעצן זיך אויס אַרום טיש און די מחותנים מיט די פאָרנעמסטע פון זייערע משפחות און זייערע פריינד באַדינען זיי. נאָך דער סעודה לאָזן זיך די אָרעמעלייט אַוועק טאַנצן, כדי משמח צו זיין חתן־כלה. דערנאָך טיילט מען זיי נדבות, יעדערער נאָך זיין פאַרמעגלעכקייט.

דינסטאָג פאָרן די מחותנים אַרויס אויף דער חתונה (ווייל מאָנטאָג איז ניט קיין מזלדיקער טאָג). דער ערשטער קומט צו דעם אָרט, וואו עס איז באַשטימט די חתונה, כלהס צד: ווייל זיי מאַכן די חופה־וועטשערע, דאַרפן זיי אַלץ צוגרייטן. דערנאָך פאָרט מען אַרויס מיט קאָטשן מקבל־פנים זיין דעם חתן. מיט גרויס פּאַראַד און מיט קלעזמער פירט מען אים אין דעם הויז, וואו ער דאַרף איינשטיין. ס'איז אַ מנהג, אַז דער, וואָס פאַרמאָגט ניט קיין קאַרעטע מיט אַ פּאָר ברענענדיקע פערד, אַנטלייַט ביי זיין פריינד אָדער שכן, אַפילו ביי קריסטלעכע שררות, כדי צו פאָרן מקבל־פנים זיין דעם חתן, און מע איז דעמאָלט ניט מקפיד אויף שעטנז.

בעת דער חתן קומט אין שטאָט אַריין, דרייט ער זיך דריי מאָל אַרום אַרום דעם צענטער שטאָט און אַרום די קראָמען, און נאָכדעם פאָרט ער אַוועק אויף זיין אַכסניה.

דער לעצטער טאָג פאַר דער חתונה הייסט חתן־מאָל. און דאָס איז די צערעמאָניע פון יענעם טאָג: נאָך האַלבן טאָג פירט מען די כלה מיט קלעזמער אין מקווה אַריין און אַלטע ווייבער טאַנצן פאַר איר. דעמאָלט לערנען זי די אַלטע ווייבער די דינים פון געשלעכטלעבן, די דינים פון חלה־נעמען און ליכט־בענטשן; דאָס הורט מען מיט איר איין אַ סך מאָל, כדי זי זאָל עס שטענדיקע געדאַנקען, דען בלויז אין דעם זכות וועט זי האָבן די וועלט און יענע־וועלט, וועט געפינען חן ביי גאָט און ביי איר מאַן, וועט זוכה זיין צו כשרע קינדער און שיינע צניעותדיקע טעכטער, וועט האָבן אַ גרינגן קימפּעט און אָפּלעבן אירע יאָרן אין נחת און פריידן. נאָך דער מקווה פירט מען זי אַוועק צוריק אין איר הויז און זי פאַרברענגט דאָרטן מיט אירע חברטעס אין טענץ ביז אָוונט.

ביי דעם חתן קלייבן זיך דעמאָלט צונויף די בחורים. דער חתן זיצט אויבנאָן אָנגעטאָן אין די חתונה־קליידער מיטן שטריימל אויפן קאָפּ, און די בחורים אַרום אים. אָבער ניט יעדערער קאָן באַקומען אַ פּלאַץ נאָענט לעבן חתן: אַ פּלאַץ קאָסט געלט, און דעם פּרייז דערפון נעמט דעם חתנס באַהעלפער. דער באַהעלפער טראָגט אויפן קאָפּ זייער אַ הויכן כפּאָדיק, וואָס איז העכער פון אַלע ספּאָדקעס, זיינע האָר, שוואַרץ און געקרייזלט, זיינען אויפגעשמעלט און פאַרגליווערט פון פלוימען־יויך אָדער ביר, אין וועלכע ער נעצט זיי אָפּ, כדי זיי זאָלן שטיין און קריגן אַ גלאַנץ; אָנגעטאָן איז ער אין אַ לאַנגן בגד פון שוואַרצן קיטײַ, פאַרגאַרטלט מיט אַ שוואַרצן גאַרטל אַרום די לענדן, און אויף די פיס — שוואַרצע אויסגעפּוצטע שטיוול.

ער שטעלט זיך אַוועק פאָראויס פאַר די בחורים, מיט איין פוס אויפן דיל און מיט דעם צווייטן אויף אַ בענקל, און רופט אויס מיט אַ שטים פון אַ צערייצטן בער: „חתן דומה למלך—בחורים, שאַץ־געלט!“ דאָס מיינט מען, די בחורים זאָלן זיך קויפן פּלעצער אַרום דעם חתן. דאָ הייבט זיך אָן דער האַנדל: דער גיט, און

יענער שטייגט, דער שטייגט, און יענער שטייגט איבער, ביז איינער שטייגט אויס אַלעמען און פֿאַרנעמט אַ פּלאַץ לעבן דער רעכטער זייט פֿון חתן; דעמאָלט נעמט זיך דער באַהעלפֿער פֿאַר דער לינקער זייט און פֿאַר די דערבייאיקע פּלעצער רעכטס און לינקס, איינשמועסנדיק די בחורימלעך, אַז עס איז אַ גרויסער כּבֿוד צו זיצן אַפֿילו רעכטס פֿון דעם בחור, וואָס זיצט צו דער רעכטער אָדער לינקער זייט פֿון חתן, ביז אַלע ערטער ווערן אויספֿאַרקויפֿט. נאָכדעם טיילט מען די בחורים כּיבוד און זיי שמועסן זיך מיטן חתן וועגן זיין דרשה וכדומה זאַכן; אַזוי פֿאַרברענגען זיי די צייט ביז מנחה, דערנאָך הייבן זיי זיך אויף און גייען אַוועק צו דער כּלה. דאָרט באַגעגנט מען זיי מיט קלעזמער, און די פֿרויען טאַנצן אַרום זיי ביז דער סעודה: אין יענעם אָוונט מאַכט דעם חתנס פֿאָטער אַ מאָלצייט פֿאַר דעם חתנס חבֿרים. אַז מע דערלאַנגט דעם צימעס, קערט איינער פֿון די בחורים איבער שיכורערהייט דאָס שיסל, און דער גאַנצער עולם לאַכט. נאָכן עסן צעגייט מען זיך אַהיים.

דער טאָג פֿון דער חופּה איז אַ תּענית ביי חתן־כּלה, אין יענעם טאָג ווערט פֿאַרגעבן זייערע זינד. ביז האַלבן טאָג זיינען די מחותּנים פֿאַרנומען מיט אָפּשרייבן די התחייבֿותן, וועלכע מע מאַכט ביים רבֿ און ביים חזן, וואָס איז אין דערזעלבער צייט אויך דער שרייבער. נאָך דעם שיקט מען דעם שמש צום חתן, ער זאָל מקבל־קנין זיין אויף דער כּתובה. דערנאָך קומען די קלעזמער באַזעצן די כּלה. דאָס באַזעצנס קומט פֿאָר אויף אַזאַ מין אופֿן: אינמיטן שטוב שטעלט מען אַוועק אַ שטול און אויף אים זעצט מען אַוועק די כּלה. מע פֿלעכט איר פֿונאַנדער די צעפּ און מע שערט זיי איינציקווייז אָפּ. די כּלה זיצט שטום, ווי אַ שעפּס פֿאַר אירע שערער, און די ווייבער באַוויינען זי. ביז היינטיקן טאָג ווייכן נאָך ניט די יידישע טעכטער, אַז אָפּשערנדיק זייערע האָר, נעמט מען ביי זיי אַראָפּ די קרוין פֿון זייער קאָפּ; אדרבא, פֿיל פֿון זיי האַלטן די האָר פֿאַר אַ איבעריקער משא — בלויז איינע פֿון טויזנט וויינט אויף דעם אין דער שטיל.

עס טרעפֿט אַמאָל, אַז די כּלה (דאָס רעדט זיך וועגן אַ דערוואַקסן מיידל, ניט וועגן אַ 12־יאָריק קינד) פֿאַרליבט זיך אין אַ קריסט,

און בעת עס קומט דער טאָג פֿון איר חתונה, איידער מע דאַרף זי אָפּשערן, כאַפּט זי זיך אַרויס און אַנטלויפֿט צוזאַמען מיט איר געליבטן. תּחילת, איידער מע איז דערגאַנגען די סיבּה פֿון איר פֿאַרשווינדן, האָט מען געגלייבּט, אַז זי איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דעם אַשמדאַי, און מע פֿלעגט וויינען און קלאָגן, דעריבּער האָט מען איינגעפֿירט, אַז חתן־כּלה טאָרן ניט אַרויסגיין אַליין בּיינאַכט אָן אַ שומר. איצט זיינען יידישע טעכטער קליגער געוואָרן און זיינען צופֿרידן פֿון דעם קיסרס בּאַפֿעל, יתום הודו, מע זאָל זיי ניט שערן. אַ בּרכה זאָל קומען אויפֿן קאָפּ פֿון דעם הערשער דעם צדיק, וואָס גיט השגחה אויף דער פֿירונג פֿון די, וואָס שיצן זיך אין זיין שאָטן.

דעמאָלט הייבּן אָן די קלעזמער צו שפּילן טרויעריקע ניגונים, כּדי אַרויסצורופֿן בּיי די ווייבּער טרערן (הגם זיי וויינען אַזוי אויך, ווען יעדער יידענע האָט געבּראַכט מיט זיך איר בּיטער האַרץ: דער פֿעלט בּרויט, די ליידט פֿון צער־גידול־בּנים, דער שטייט שטענדיק פֿאַר די אויגן דעם מאַנס פּויסטן, וואָס שלאָגט זי אָן רחמנות — מיט איין וואָרט: יעדערע איז שטענדיק גרייט צו וויינען). עס שטעלט זיך אַוועק דער בּדחן, וואָס אין דעם מאָמענט ווערט ער אויך אַ מגיד, און שרייט אויס: שטיל זאָל זיין! די ווייבּער הייבּן אָן נאָך שטאַרקער צו טומלען. דעמאָלט הייבּט אָן דער בּדחן זיין מוסר אויף מאַמע־לשון אין גראַמען, צערגעט אין צעקאַליעטשעט, אָן טעם און אָן ריח, אָן געדאַנק און אָן שׂכל, פּירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, ווערטער אין דער וועלט אַריין, וואָס קלעפּן זיך ניט איינע מיט די אַנדערע. אַ שטייגער, ער דערציילט דער כּלה, אַז „היינט איז בּיי איר יום־הכּיפּורים, און זי דאַרף בּעטן רחמים, זי זאָל ניצול ווערן פֿון יסורים, די היינטיקע נאַכט איז בּיי איר אַ ליל־שימורים, איר בּאַשערטער איז דער שענסטער פֿון בּחורים, דערום זאָל זי אויפֿהייבּן ווי אַ שופֿר איר קול און געוויין און מספּר תּמרורים, צו בּעטן בּיי גאָט, אַז בּיידע זאָלן (אויף אייבּיק זיין צרורים וקשורים; דערום זאָל זיך יעדער מיידל פֿרייען מיט טענץ און יעדער בּחור מיט שירים", וכדומה שטותערייען. תּוך־כּדי־דיבּור פֿאַרגעסט ער, אַז ער האָט אָנגעהויבּן מיט טרויער און געוויין

און גייט איבער צו אַ פרײלעכס. שטענדיק איז ער מסיים מיט אַ ווערטל, אַ שטייגער: „ער וועט דיך פּאָלגן אין פייער, און דו אים — אין וואַסער!״ *)

אַז דער בדחן ענדיקט, הייבן די קלעזמער אָן צו שפּילן אַ פרײלעכס, די ווייבער ווערן פלוצלונג מלא שמחה און טאַנצן און שפּרינגען — גאָר קיין מעשה ניט, הגם עס רינט נאָך ביי זיי די טרערן און עס קאַפּעט פון די נעזער פון צופיל וויינען.

אין הערהאָזיקער צייט קלייבן זיך אויף די מאַנסביל ביי דעם חתן. דאָרט ווייזט דער בדחן קונצן אין גימטריאות און ראשי־תבות און סופי־תבות וכדומה. ד׳איז ניטאָ קיין ברעג צו זיין נאַריש מאַכן זיך, ביז דער רב אָדער איינער פון די לומדים, וואָס איז מקנא זיין הריפות, שרייט אויף אים אָן און ער ענדיקט. דעמאָלט נעמט מען דעם חתן און מע גייט צו באַדעקנס. דער ערשטער גייט אַריין דער חתן, און נאָך אים אַלע איבעריקע מחותנים. תיכף ווי מען גייט אַריין, שפּילן די קלעזמער אויף אַ פרײלעכס און דער בדחן שרייט אויס: „וויוואַט!״ דער חתן וואַרפט אַרויף אויף דער כלה אַ פאַטשיילקע אָדער אַ טוך (אַ דעקטוך) און גייט אַפּ. איידער ער קערט זיך אום אַוועקצוגיין, וואַרפן די ווייבער אויף אים און אויף די מחותנים אַרויף האָפּן, חתן־כלהס עלטערן בענטשן זיי און וויינען דערביי.

אויפן שולהויף קלייבן זיך דערווייל אייף ייגגלעך און מייד־לעך און אַלטע לייט און וואַרטן אויף חתן־כלה. אָרעמע אַרומגעריסענע יינגלעך האַלטן די חופה־שטאַנגען, איבער וועלכע ס׳איז איבערגע־צויגן אַ זיידן טוך פון הימל־קאָליר. דער שמש פון שול שטייט גרייט מיט צוויי פלעשלעך, איינע מיט ווין און די צווייטע פאַרן חתן, צו צעברעכן. פאַר אַ גבירישן חתן נעמט מען אַ דינע פלעשל, עס זאָל אים זיין לייכטער צו צעברעכן, און פאַר אַן אָרעמאַן איז רעכט אַ דיקע אויך.

פון דער ווייטנס דערהערן זיך שוין די טענער פון דעם חופה־מאַרש, וועלכן מע שפּילט אויף אַ פידל, אַ קלאַרנעט, אַ פויק,

---

*) דאָס דאָזיקע ווערטל ברענגט גאָטלאָבער אין יידיש.—א. פ.

און טאַצן און אַ פּייפיאָל, בײַ אַ סך ליכט. פאָראױס גײט דער חתן, אין אַ װײַסן קיטל, און אױפן קיטל אַ שװאַרצער טיזליק; פון בײדע זײַטן גײען די אונטערפירער מיט װעקסענע הבדלות אין די הענט. מע גײט נחתדיק, טראָט בײַ טראָט, ביז מע קומט צו דער חופה און מע שטעלט זיך אָפּ. נאָך זײ ברענגען די אונטערפירערינס מיט פרײלעכער מוזיק די כלה. מע שטעלט זי אַװעק בײַ דעם חתנס רעכטער זײַט און דער חזן מיט די העלפער הײבן אָן צו זינגען „מי אַדיר על הכל“... די אונטערפירער מיט די אונטערפירערינס נעמען די כלה און דרײען זי זיבן מאָל אַרום דעם חתן, שטעלן זי װידער אַװעק צו זײַן רעכטער זײַט און דער מסדר־קדושין הײבט אָן די ברכות. דער חתן איז מקדש די כלה און דער שמש לײגט אַרונטער דאָס גלעזל אונטערן חתנס פיס און ער צעברעכט זי, אַלס זכר לחורבן. אַרױסגײענדיק פון אונטער דער חופה, טרעט אָן די כלה אױף דעם חתנס גראָבן פינגער, כדי עס זאָל הײסן, אַז זי זאָל אױף אים געװעלטיקן.

מע קערט זיך אום מיט מוזיק און טענץ צו דער כלה אין שטוב אַרײַן. חתן־כלה זעצט מען אַװעק אין אַ באַזונדערן חדר און מע דערלאַנגט זײ די גאָלדענע יױך. צו זײ קומען אױך די מחותנים מיט די מחותנעסטעס און דער סאַרװער טײלט זײ יױך פון חתן־כלהס טעלער. יעדערער באַצאָלט דערפאַר דעם סאַרװער לױט זײַן מעגלעכקײט.

עס הײבט זיך אָן די סעודה: פיש, זופּ, הון, געבראָטענע און געקאָכטע פלײש מיט אַ סך װײַן און בראַנפן. צװישן אײן געריכט און דעם צװײטן הײבט אָן דער חתן צו זאָגן זײַן דרשה. דעמאָלט שטעלט זיך אַװעק דער בדחן, רײסט איבער דעם חתן און הײבט אַלײן אָן זאָגן אַ דרשה אױף אַ ליצנותדיקן שטײגער. נאָך דעם רופט ער אױס: „דרשה־געשאַנק!“ און דער גאַנצער עולם, פון חתן־כלהס עלטערן ביז די װײַטע קרובים, גיבן מתנות, װער געלט און װער זילבערנע און װער נײטיקע כלים. דער בדחן רופט אױס יעדערן פון די געבער און װאָס פאַר אַ דרשה־געשאַנק ער גיט, ביז עס ענדיקט זיך די צערעמאָניע.

נאָך דער חופּה־וועטשערע זעצן זיך אַוועק חתן־כּלה אויף שטילן אינמיטן שטוב (אין אַנדערע ערטער זעצט מען זיי אַוועק ביידן אויף איין שטול) און דער בדחן הייבט אָן זאָגן גראַמען. מיט דידאַקטישע גראַמען רופט ער אויס די מחותּנים צו טאַנצן מיט דער כּלה, דרינגט אַרויס פון די ראשי־תּבֿותן פון יעדערנס נאָמען, אַז פאַר אים איז אָנגעמאָסטן צו טאַנצן מיט דער כּלה. געענדיקט זיין זאָגעכץ, שפּילן די קלעזמער אַ וויוואַט און דער בדחן רופט אויס: „שבּם!"*), ד. ה. שמש, בדחן, סאַרווער, וועלכע צעטיילן זיך מיטן געלט, וואָס מאַכט זיך פון די נדבֿות פון די מחותּנים בעתן טאַנצן. דערנאָך שפּילן די קלעזמער אַ פּאָלאָנעז און דעם חתנס פאָטער טאַנצט מיט דער כּלה פאַר אַ ברעג פאַטשייל־קע, מיטן האַנט רירט ער אָבער די כּלה נישט אָן. נאָר איידער ער באַווייזט מיט איר אַ טאַנץ צו טאָן, נעמט זיך דער גאַנצער עולם פאַר די הענט, די קלעזמער גייען תּיכּף אַריבער פון דעם פּאָלאָנעז אויף אַ פריילעכס און אַלע שפּרינגען און האָטשקען זיך, אויבער דער כּלה, און מע טרינקט אַלץ מער און די שמחה שטייגט אַלץ העכער. דעמאָלט וואַרפט אַוועק דער בדחן זיינע מגידות און ווערט אַ קאָמעדיאַנט, שטעלט זיך אויפן קאָפּ, טוט אָן אַן איבערגעקערטן פּעלץ, גייט אויף אַלע פיר, ברומט ווי אַ בער און מאַכט קונצן. אַזוי מאַכט ער זיך נאַריש ביז פאַרטאָג. פאַרטאָג פירט מען חתן־כּלה אין זייער צימער אַריין צו באַלייגנס מיט מוזיק און געזאַנג און מע פאַרשליסט הינטער זיי די טיר.

ס'איז אַ מנהג, אַז אויף מאָרגן נאָכן באַלייגנס, מאַכט מען אַ מילכיקע סעודה פון קרעפּלעך געפילט מיט קעז. אין דעם טאָג ברענגט דער כּלהס מוטער פאַר די עלטסטע פון שטאָט, וואָס זיינען איינגעלאַדן צום מאָלצייט, דעם ליילעך און ווייזט, אַז די כּלה איז געווען אַן אָרנטלעך מיידל, און אויב דער מאַן וועט איר ווען עס איז וועלן גטן, זאָל ער אויף איר ניט קענען אַרויסלאָזן קיין שם־רע.

---

*) אין „הכּרמל", צווייטער יאָרגאַנג, נום. 21 האָב איך געפונען, אַז אין פּערסיע איז אויך אַמנהג צו זאָגן: „שאַבאַש!" וואָס איז טייטש: מאַכט אַ וואַרע! און אפשר האָבן מיר עס איבערגענומען ביי די פּערסישע יידן.—א. ב. ג.

מיין פריינד, כ'האב שוין צופיל מאריך געווען וועגן די אלע מנהגים, וואס א סך פון זיי זיינען שוין לאנג בטל געווארן, און ווער ווייס, צי די איבערגעבליבענע וועלן אויך ניט בטל ווערן. איך האב פארשריבן על-פי זכרון דאס אלץ, וואס האט ‏מיט מיר אליין פאסירט. און הגם פון א סך מנהגים לאך איך אליין אפ, אבער בדרך-כלל זיינען זיי פאר מיר וויכטיקער פון א סך נייע, וואס זיינען אויסן בלויז צו פארדארבן יעדע גוטע מידה ביי אונזער פאלק.

ה.

גאָטלאָבערס חתונה צו 13 יאָר אלט. — די כלה—צוועלף יאָר אלט.—ער פאָרט אריבער צום שווער אויף קעסט.—זיין שווער און שוויגער.— זיין שווער — א רוזשינער חסיד. — גאָטלאָבער ווערט אויך א רוזשינער חסיד. — ער זיצט און לערנט. — זיין נייער רבי—א מקובל און א שיכור. — ווילדע זאכן. — זיין רבי טרייבט ארויס דיבוקים.—גאָטלאָבער לערנט קבלה און קריגט חשק צו מאכן עקספערימענטן.—ער וויל זיין א „רואה ואינו נראה״.—א לעמבערגער ייד מיט אלטע קאַבאַליסטישע כתבים. — ער אנטפלעקט דעם סוד זיינעם א חבר. — ביידע נעמען זיך אויספרווון זייער כוח דורך שמות און השבעות.—ווילן האָבן קפיצת הדרך און לויפן 25 וויאָרסט צו פוס נאָך א קארעטע. — זיי קומען קוים מיטן לעבן.

אַלט טעג אין טבֿת תקפּ״ה איז מיר געוואָרן 13 יאָר און אין דעמזעלבן יאָר, הצי אלול, האָט מען מיך געפֿירט צו דער חופּה מיט אַ צוועלף־יאָריק מיידל מיטן נאָמען יהודית (איראַכיע), די טאָכטער פֿון דעם טשערניכאָווער גבֿיר נחמן־לייב, וואָס האָט געהאַלטן אין אַרענדע די פּראָפּינאַציע מיטן מיל מיט פֿעלדער און גערטנער אין דעם שטעטל טשערניכאָוו און אין די דערפֿער אַרום. נאָך דעם, ווי גאַנץ שטאָט, קליין און גרויס, האָט אָפּגעהוליעט אַ גאַנצע וואָך נאָכאַנאַנד, אויפֿגעגעסן אַלערליי טאָרטן און לעקאַך און אויסגעטרונקען אַלערליי בראַנפֿנס און ווייַנען פֿון מיין שווערס ווייַנקעלער, נאָכדעם ווי מיין משפּחה האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און איך מיטן פֿאָטער האָבן זיך גוט אָנגעזעגנט — איך, וואָס איך דאַרף זיך צעשיידן מיט מיין טייערן טאַטן, צו וועלכן איך בין געווען שטאַרק צוגעבונדן, און דער טאַטע — וואָס ער דאַרף אַוועקלאָזן זיין איינציקן זון, נאָך אַ יונג קינד, אין דער פֿרעמד, אָן אַ פֿירער און אָן אַ מדריך — נאָך דעם אַלעם, וואָס מיט ווערטער בין איך עס ניט בכּוֹלת אויסדערציילן און מיט

מיין פֿעדער — אויסצושרייבן, בין איך אָנגעקומען צום שווער אין שטוב אויף קעסט. מיין שוויגער דבורה איז געווען אַ פֿרומע יידענע און אַ גרויסע בעל־צדקה, און ביזן היינטיקן טאָג געדענק איך זי, צוליב אירע גוטע מדות. מיין שווער איז געווען אַ בלאָנדער, שוין אַ ביסל גראָלעך, ניט אַזוי פֿון אַלטקייט ווי פֿון גרויס האָרעוואַניע, ווייל קיין פֿאַרמעגן האָט אים זיין פֿאָטער ניט איבערגעלאָזט, דען ער האָט געשטאַמט פֿון אָרעמע עלטערן, און בלויז מיט זיין אייגענער מי האָט ער זיך דערשלאָגן צו עשירות און איז געוואָרן אַ בעל־גהלה. הגם ער האָט זיך אויפֿגעהאָדעוועט ביי אָרעמע עלטערן אין אַ קליין שטעטל, וואו אַפֿילו היינט קומען אַהין ניט צו די שטראַלן פֿון דער השכלה, ווער רעדט נאָך אַמאָל, און די געלטזעק גייען דאָרטן נאָך היינט אויך אין דער פֿינסטער, ווער רעדט נאָך אָרעמעלייט אַמאָל, האָט ער דעריבער, אויסער זיין מסחר און דעם רבין, צו וועמען ער פֿלעגט פֿאָרן איינמאָל אָדער צוויי מאָל אַ יאָר, און די איבעריקע רביים, וואָס פֿלעגן אַראָפּקומען פֿון צייט צו צייט און איינשטיין ביי אים אין שטוב — אין אַנדערע זאַכן קיין שום השגה ניט געהאַט.

דער רבי, צו וועמען מיין שווער פֿלעגט פֿאָרן, איז געווען ר׳ ישראל רוזשינער. אייגנטלעך, האָט מיין שווער ניט געוואוסט, וועמען ער זאָל אויסקלייבן פֿאַר אַ רבין, ווייל אין אַלע רביים האָט ער געהאַט אַן אומבאַגרענעצטן גלויבן. פֿאַרוואָס־זשע האָט ער אויסגעקליבן דעם רוזשינער? נחמן־לייב האָט געהאַט אַ זון, אליעזר, וועלכער האָט התונה געהאַט אין ראַדאָמישל. אַזוי ווי ער איז געווען צו דער התונה זייער יונג, אין מיינע יאָרן, האָבן אים די רוזשינער חסידים אַוועקגעפֿירט אין זייער שטיבל און געמאַכט אים פֿאַר אַ רוזשינער חסיד. אַז אליעזר איז געקומען אַהיים אָפּעסן דעם טייל קעסט ביי זיין פֿאָטער, נאָכדעם, ווי ער האָט געענדיקט עסן דעם טייל קעסט ביים שווער, האָט אים דער פֿאָטער גאָרניט דערקאָנט: פֿריער איז ער געווען אַ קליין ייִנגל, וועלכן דער טאַטע פֿלעגט אַלע טאָג שמייסן פֿאַר זיינע ווילדע שטיפֿערייען, און איצט ער געקומען חסידיש געקליידט, מיט אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, פֿאַרשפּיליעט מיט אייזערנע העקלעך, מיט אַ גרויסער שוואַר־

צער פּעלצענער היטל, מיט אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ זילבערנער גאַלקע. די פּאות פֿאַרפֿלאָכטן און די אויערן שטאַרצן בײַ אים אַרױס אַהינטער, װי בײַ אַ האָז. די אויגן זײַנען בײַ אים אױסגעקערט אַרױפֿצו, אַזױ װי בײַם רוזשינער, און זײַן גאַנצער פּיר איז װי ניט בײַ אַ נאָרמאַלן מענטשן. נחמן־לײב האָט פֿאַר זײַן זון געקראָגן גרױס אַפּשײ, זעענדיק, װי ער גײט אין די װעגן פֿון אַלע הײליקע לײט, האָט געהאַט דערפֿון גרױס נחת־רוח, און איז פֿון דעמאָלט אָן אױך געװאָרן אַ רוזשינער חסיד, פֿלעגט פֿאָרן אַ פּאָר מאָל אין יאָר קײן רוזשין, און דער רבי האָט אים ליב באַקומען. און צוליב אים בין איך אױך געװאָרן אַ רוזשינער חסיד.

גלײַך װי איך בין געקומען, האָב איך זיך צוריק גענומען צו גמרא און פּוסקים, אַמאָל בײַ זיך אין שטיבל, װאָס דער שװער האָט מיר אָפּגעגעבן, אַמאָל אין בית־מדרש און אַמאָל בײַם רבין אין שטוב.

מײַן רבי, ר׳ יצחק דײַן, געװעזענער ראַטשעװער רבֿ, איז געװען אַ גרױסער למדן און בקי אין תּלמוד בבֿלי און ירושלמי, פּוסקים, ראשונים און אחרונים, האָט אױך געשריבן תּשובֿות אין ענינים פֿון איסור והיתּר און האָט אױך מתּיר געמאַכט עגונות. ער האָט געהאַט אַ זעלטן שײנעם כּתבֿ און האָט אױך געקאָנט שרײַבן תּורה־כּתבֿ. פֿון אים האָב איך די דאָזיקע קונסט זיך אױך אױסגעלערנט. הגם ער האָט ניט געהאַלטן פֿון די חסידישע רבײם, פֿלעגט ער זײ דאָך עפּנטלעך אָפּגעבן כּבֿוד, בעת זײ פֿלעגן אַראָפּקומען קײן טשערניכאָװ. ער האָט זיך געקלײדט װי אַ חסידישער רבי און שבת צו שלש־סעודות פֿלעגט ער אַרום זיך אַרומקלײַבן אַן עולם און זאָגן חסידות. ער פֿלעגט אױך ניט פֿײַנט האָבן דעם ביטערן טראָפּן, און עס פֿלעגט ניט אַװעקגײן קײן אײן טאָג, ער זאָל ניט זײַן שיכּור.

אײנמאָל, אין אַ װינטערדיקן אָװנט, בין איך מיט זײַן זון געזעסן און געלערנט בײַ אים אין שטוב, און האָבן זיך פֿאַרזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. מײַן רבי, װאָס האָט דעם טאָג צופֿיל געטרונקען, איז געלעגן און געשלאָפֿן. כ׳איז שטיל, בלױז אונזער בײדנס גמרא־ניגון הילכט אָפּ איבערן שטוב. אַ קלײן

ליכטל ברענט, און פון אַלע ווינקלען, דוכט זיך אונז, קריכן אַרויס טויזנטער טייוולאָנישע געשטאַלטן. פּלוצלונג הייבט זיך אויף דער „ראַטשעווער רבי", שטעלט זיך אַוועק אויפן בעט, קערט זיך אָפּ צום וואַנט און איז משתּין פֿאַר אונז אין די אייגן...

כ'האָב שוין אַסך שיכּורים געזען אין מיין לעבן. מיין שווערס שטוב איז געווען אַ פּונקט פֿאַר חסידים פֿון פֿאַרשיידענע רביים, וואָס האָבן אַלע געהאַט איין טבע: שטענדיק שיכּורן, און דער וואָס האָט מערער געטרונקען, איז געווען אַן אמתער צדיק. זיי פֿלעגן דערציילן אַסך מעשׂיות פֿון צדיקים, וואָס די גאַנצע וועלט לעבט אין זייער זכות בלויז צוליב איין מצווה, וואָס זיי האָבן געטאָן אין זייער לעבן, און אַ גאַנץ יאָר ניכטערן זיי זיך ניט אויס פֿון זייער שיכּרות: גלייך כּביכול וואָלט מורא געהאַט, זיי זאָלן זיך ניט אויסניכטערן און אָפּטאָן עפּעס אַן עבֿירה, האָט ער זיי דעריבער אַריינגעגעבן אַ רוח פֿון שיכּרות, זיי זאָלן שטענדיק ליגן און שלאָפֿן און גאָרנישט ניט טאָן, ניט גוטס און ניט שלעכטס. אַזאַ הנהגה איז ביי גאָט זייער טייער, און ווען עמיצער וואָלט געקענט צוטרעפֿן די מינוט, ווען אַזאַ צדיק כאַפּט זיך אויף און בעטן ביי אים עפּעס, איידער ער נעמט די כּוסע צו די ליפּן, וואָלט ער אַלץ געקענט פּועלן. גאָט־ברוך־הוא לעכצט נאָך דער תּפֿילה פֿון שיכּורע צדיקים, ווי אַ הינד, וואָס גאַרט נאָך די וואַסער־קוואַלן.

איך האָב זיי אַליין געזען, די דאָזיקע חסידים, און האָב גענומען אַ חלק אין זייער שׂמחה, הגם איך האָב ניט דערגרייכט צו דער דאָזיקער מדרגה און האָב ניט זוכה געווען שיכּור צו ווערן.

כ'האָב אויך געזען שיכּורים פֿון אַן אַנדער מין. מיין שווערס שטוב איז געווען אַ שענק פֿאַר אַלע פּויערים פֿון טשערניכאָוו און אַרום. דאָרטן פֿלעגט אַריינקומען יעדערער, וואָס האָט געהאַט אַ ביטער האַרץ: אַ פּויער, וועלכן מע האָט צעהרגעט ביים פּריץ אין הויף, איינער, וואָס האָט אָנגעשלאָגן די וייב אָדער וואָס לעבט מיטאַ צווייטנס וייב. אַז אַ פּויער פֿלעגט אויסגעבן אַ טאָלער און איז ניט געווען בּיכולת צו מאַכן אַ גרויסע חתונה, פֿלעגט ער די חתונה אָפּריכטן אין שענק, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גרויסע סטאַדאָלע, דאָרטן פֿלעגן שטיין לאַנגע טישן מיט בענק,

אויף די טישן פֿלעשער מיט גלעזלעך און אַ שיעור. מע שפּילט און מע טרינקט — און ס'איז פֿריילעך! אַז איין פֿויער פּאַרקט פֿאַ צווייטן אַ קו, אַ שעפּס אָדער זיין גאַרטל, קומען זיי ביידע אין שענק אַריין מאַכן אַלהיים און אַלע, וואָס קומען דעמאָלט אין שענק, טרינקען מיט זיי; מע טרינקט אַזוי לאַנג, ביז מע פֿאַרטרינקט די אויסגעלייזטע געלט מיט נאָך געלט — ביז מע ווערט טויט־שיכּור.

דאָס אַלץ און נאָך אַ סך אַזעלכעס האָב איך זיך אָנגעזען, נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזען פֿון מיין רבין, האָב איך נאָך ערגעץ ניט געזען.

מיין רבי פֿלעגט זיך אויך עוסק זיין אין קבלה, ניט בלויז אין טעאָרעטישער, נאָר אויך אין פּראַקטישער. אַ סך מאָל האָב איך אים געזען שרייבנדיק קמיעות און רפֿואות פֿאַר קראַנקע. פֿאַר מיר האָט ער זיך באַרימט, אַז ער האָט געהאָלפֿן צו פֿאַרשיידענע הילאָתן און האָט אַרויסגעטריבן אַ סך דיבוקים.

בהרוויז, בעת איך בין נאָך געווען אינדערהיים און בין נאָך קיין דרייצן יאָר ניט אַלט געווען, פֿלעגט זיך מיר זייער געלוסטן צו וויסן אַלע סודות פֿון דער קבלה; לייענענדיק אָפֿט פֿאַרשיידענע הסידישע ספֿרים, האָב איך זיך אָנגעשמעקט מיט דעם לשון פֿון די מקובלים, ניט פֿאַרשטייענדיק נאָך דעם פּירוש המילות, ביז צו מיר איז אַריינגעפֿאַלן דער ספֿר שערי גן־עדן פֿון דעם מקובל יעקבֿ־קאָפּל מעזשעריטשער. כ'האָב אים אויסגעלערנט פֿון אָנהייב ביזן סוף און האָב געקראָגן אַן אַלגעמיינעם מטושטשדיקן באַגריף וועגן קבלה. פֿון דעמאָלט אָן, וואו איך פֿלעג נאָר כאַפּן אַ קבלה־ספֿר, פֿלעג איך אים לערנען, אַזוי אַז מער קיין פֿאַרבאָרגענע זאַכן זיינען שוין פֿאַר מיר נישט געווען. כ'האָב זיך שוין ניט באַגנוגנט מיט דעם בלויזן וויסן פֿון קבלה, נאָר כ'האָב געקראָגן אַ חשק צו מאַכן עקספּערימענטן, צו ווייזן וואונדער: צו שאַרן פֿייער מיט די הענט און זיך ניט אָפּברענען, צו צאַפּן בראַנפֿן און ביר פֿון די ווענט, אָפּלייפֿן אין עטלעכע מינוט אַ דריפּיל, וויפֿל עס לויפֿט איין אַ פֿערד אין אַ גאַנצן טאָג, אויסרייסן שלעסער און פּאַלאַצן פֿון זייערע ערטער און אַריבערטראָגן זיי מיטן ווינט אין

אַן אַנדער שטאָט, און זייערע באַוואוינער זאָלן מיך מוזן פֿאָלגן אַלץ, וואָס איך וועל זיי הייסן.

איך האָב זיך דערוויסט זייער דערפֿרייט, דערווייסנדיק זיך, אַז מיין רבי איז זיך אויך עוסק אין עקספּערימענטאַלער קבלה. ער איז פֿאַר מיר געווען ווי אַ מלאך פֿון גאָט, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו ווייזן מיר דעם וועג. איין זאַך איז מיר נאָר געווען קשה: צווישן די מלאכים, וואָס זיינען ממונה איבערן הימל און איבער דער ערד, איז דאָך פֿאַראַן אַ מלאך, וואָס איז אויך ממונה אויף משקה, פֿאַרוואָס־זשע זאָל ר׳ יצחק ניט מאַכן, אַז דער מלאך זאָל אים ברענגען דאָס בעסטע ביסל משקה און דערביי זאָל ער, ר׳ יצחק, ניט ווערן שיכור — און ניט ער זאָל דאַרפֿן קויפֿן בראָנפֿן פֿאַר געלט? — משמעות, ער האָט נאָך פֿון דעמדאָזיקן מלאך ניט געוואוסט.

איבער מיין רבין ר׳ יצחק, וואָס האָט מיר אַ קליין ביסעלע מגלה געווען פֿון זיינע גרויסע ידיעות אין פּראַקטישער קבלה, האָט מיר אויך מיטגעהאָלפֿן אין דעם אַן אַלט־קאָנסטאַנטינער מלמד, וואָס האָט אויפֿגעזאַמלט אַלע ספֿרים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם געביט, און נאָך מערער האָט ער אויפֿגעזאַמלט כּתבֿים, אָנגעפֿילטע מיט ווילדסטע פֿאַנטאַזיעס און נאַרישקייטן; און היות די־דאָזיקע כּתבֿים זיינען געווען צעפֿליקט און צעפֿאַלן פֿון אַלטקייט, האָב איך זיך גענומען איבערשרייבן זיי מיט מיין שיינעם האַנט־שריפֿט, און איבערשרייבנדיק, האָב איך געמאַכט אַ קאָפּיע אויך פֿאַר זיך.

מאַכט זיך אַ מעשה און צו אונז אין שטאָט קומט אַ לעמבערגער ייִד, מיטן נאָמען ר׳ בעריש, און ביי דעמדאָזיקן ייִדן, האָט מען מיר געזאָגט, געפֿינט זיך אין כּתבֿ־יד דער ספֿר „חכמתא רבתא דשלמה מלכּא“ (די גרויסע חכמה פֿון שלמה־המלך). בין איך אַוועק צו דעם ייִדן, האָב אים דערציילט פֿון מיינע ידיעות אין דער פּראַקטישער קבלה, האָב אים באַוויזן אַלע מיינע כּתבֿים און האָב אים צוגעזאָגט צו געבן אַ קאָפּיע, אויב ער וועט מיר באַווייזן דעמ־דאָזיקן הייליקן ספֿר. איך האָב ביי דעם ייִדן געפֿונען חן און ער האָט מיר פֿאַרנאַכט געגעבן דעם ספֿר, און ערלויבט מיר צו האַלטן אים ביז מאָרגן פֿרי, בתּנאי, איך זאָל ניט מאַכן פֿון אים קיין

קאָפּיע. איך האָב אָבער דעם נסיון ניט געקענט בײַשטיין, און האָב פֿון אים דאָך געמאַכט אַ קאָפּיע.

דער אײנציקער מענטש, וועמען איך האָב אויסגעקליבן צו אַנטפּלעקן מײַן סוד, איז געווען מײַן חבֿר יעקבֿ־יוסף, אַ ייִנגל, וואָס האָט שוין געהאַט אַ ווײַב, אַזוי ווי איך, האָט זיך ערצויגן אויף נאַרישע גלויבונגען, פֿלעגט דאַווענען, אויס פֿולקייט און אָפּגעלאָזנקייט, ביז נאָך האַלבן טאָג; נאָכן דאַווענען פֿלעגט ער לערנען הויך אויפֿן קול אַ ביסעלע גמרא און אַ סך זוהר און תּיקונים, ניט פֿאַרשטייענדיק קיין איין וואָרט דערין. ער האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט מײַן אַנטפּלעקונג, און מיר האָבן בײדע גענומען מאַכן הכנות צו אויספּרוּוון אונזער כּוח אין ווײַזן וואונדער מיט דער הילף פֿון שמות און השבעות.

פּונקט דעמאָלט איז אין טשערניכאָוו אָראָפּגעקומען דער ראַדאָמישלער חסידישער רבֿ ר׳ לייבּיש ראַפּאָפּאָרט אויף דין־תּורהס, ווי זײַן שטייגער פֿלעגט זײַן אַלע יאָר, און איז דאָרטן אָפּגעזעסן אַ חודש צײַט. אַז ער האָט געדאַרפֿט אַוועקפֿאָרן, איז אים גאַנץ שטאָט געגאַנגען באַגלייטן. אייניקע האָבן אים באַגלייט אַ מײַל פֿינף מיט פֿור. דעמאָלט האָב איך מיט מײַן חבֿר באַשלאָסן צו מאַכן דעמאָלטיקן עקספּערימענט: אַזוי ווי מיר האָבן געוואוסט פֿון אַ קמיע, דורך וועלכער מע קען האָבן קפֿיצת־הדרך, צו וואָס־זשע זאָלן מיר פֿאָרן באַגלייטן, מיר וועלן בעסער אָנטאָן די קמיע און לויפֿן.

דער עולם פֿאָרט־נאָך נאָך דעם רבֿס קאַרעטע, און איך מיט יעקבֿ־יוספֿן לויפֿן נאָך צופֿוס. מיר זײַנען אַזוי אָפּגעלאָפֿן אַהין און צוריק אַ ווערסט 25, ביז מיר זײַנען מנחה־צײַט אָנגעקומען אין בית־מדרש. אויפֿן שוועל איז געזעסן אַ קליין ייִנגעלע, איבער וועלכן מיר זײַנען אַריבערגעלאָפֿן און צעשעדיקט אים דעם קאָפּ. אַז דאָס ייִנגעלע האָט גענומען שרײַען — האָבן מיר זיך ערשט דערמאָנט אָן אונזערע קמיעות, האָבן זיי אויף גיך אויסגעטאָן און געבליבן שטיין.

אַ לאַנגע צײַט נאָכדעם האָב איך געמוזט זיצן אין שטוב און ניט געקענט אַ טראָט טאָן, ווײַל די פֿיס זײַנען בײַ מיר געווען געשוואָלן.

ו.

גאָטלאָבער פאַראינטערעסירט זיך מיט דער חסידות פון חב״ד און שטודירט מיט התמדה זייערע ספרים און כתבים. — זיין נשמה צינדט זיך אָן מיט זייער התלהבות און ער ווערט אַ חבדער חסיד. — ער מאַכט נאָך זייערע ספרים און זאָגט חסידות פאַר יונגעלייט. — ער שרייבט אויך שירים. — זיין פרוי געבערט אים אַ זון. — דער פאָטער קומט אויפן ברית און געפינט אים אַ פאַרענדערטן. — ער גיט אַ נאָמען זיין זון נאָך ר׳ שניאור־זלמן דעם ליאַדיער. — זיין פאָטער קאָן ר׳ שניאור־זלמנען פערזענלעך.

זיצנדיק ביים שווער אויף אַלעם פאַרטיקן, פלעג איך, אויסער תלמוד און תנך, אויך לערנען חסידישע ספרים, דערהויפט די ספרים פון די חבדער רביים ר׳ שניאור־זלמן און זיין זון ר׳ בער. זיי האָבן מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, און כ׳האָב קיין איין ספר זייערן ניט דורכגעלאָזט: אין זיי האָב איך געפונען שפייז פאַר מיין הונגעריקער נשמה. כ׳האָב אויך געקראָגן די כתב־ידן פון ר׳ בערן און כ׳האָב זיך מיט זיי געקוויקט ווי מיט גוטן האָניק. איך האָב אַפילו אָנגעשריבן אַ העפט מיטן נאָמען „שערי תפילה", נאָכגעמאַכט ר׳ בערס חסידישע דרשות אונטערן זעלבן נאָמען. די ספרים פון אונזערע רביים, וואָס פאַרמאָגן אַ פאַרדאָרבענע שפּראַך, אָן אַ סיסטעם, האָבן ניט געקענט צופרידנשטעלן מיין נשמה, וואָס האָט ליב געהאַט אָרדענונג. ניט אַזוי די ספרים פון די חבדער רביים מיט זייער קלאָרער און דייטלעכער שפּראַך, וואָס שטיצט זיך אויף דער היילִיקייט פון דער עבודה, און נאָך מערער באַגייסטערן זיי דעם דיכטערס פאַנטאַזיע, און אַזוי ווי מיין גורל איז אויסגעפאַלן צו זיין אַ דיכטער, האָב איך אין דיזאָזיקע ספרים געפונען אַן אָפּרו.

געהאָלפן צו פאַרשטיין די קבלה־ספרים האָט מיר דער ספר „שפע טל", פון וועלכן איך האָב געמאַכט אַ קיצור מיטן נאָמען

„פּתח תּקוה“, מיטן ציל צו פֿאַרלייכטערן פֿאַר אַנדערע דעם אַריינגאַנג אין דעמדאָזיקן פֿאַרשלאָסענעם גאָרטן.

כ׳האָב אויך די פּאָעזיע, וואָס האָט מיך דעמאָלט גענומען באַפֿליגלען, ניט אַוועקגעוואָרפֿן. אויף דעם איבנדערמאָנטן כּפֿר „שפע טל“ האָב איך אָנגעשריבן אַ קאַבאַליסטישן שיר וועגן די צען ספֿירות און פֿיר עולמות און אַנד., אין דער פֿאָרם פֿון אַן אַקראָסטיך, וואָס האָט אויסגעדריקט מיין נאָמען און דעם טאַטנס נאָמען. יענער שיר איז ניט געווען מיין ערשטע פּאָעטישע פּרוכט, איך האָב שוין דאַן געהאַט אין כּתב־יד אַ העפֿטל מיט שירים און חידות אונטערן נאָמען „נתיב דעת“ לויטן מוסטער פֿון די משוררים פֿון יענער צייט משה־חיים לוצאַטאָ, וויזל, לויט די שירים פֿון די „מאספֿים“ און די שירים פֿון די פֿריערדיקע צייטן, פֿון תּחכּמוני און אַנד. דידאָזיקע ספֿרים האָב איך געקראָגן ביי מיין זשיטאָמירער פֿריינד יהודה וויינראָב. ער האָט געהאַט אַ ביבליאָטעק פֿון אַנטיקן, צווישן זיי אַזעלכע, וואָס איך האָב ביז היינט אין ערגעץ ניט געזען, אַ שטייגער דעם ספֿר הגדרים (מיט אַ פּירוש פֿון ר׳ יצחק סאַטאַנאָוו), דעם כּוזרי מיטן איבנדערמאָנטן פּירוש, די ערשטע וויגער אויסגאַבע פֿון ספֿר „נפֿוצות יהודה“ פֿון ר״י מוסקאַטאָ און אַנד. כ׳האָב ביי אים אויך געפֿונען דעם ספֿר „נחמד ונעים“, דורך וועלכן איך האָב געקראָגן אַ באַגריף וועגן דער אַלטער אַסטראָנאָמיע. ער האָט מיר אויך באַוויזן אַ גלאָבוס, וואָס ער האָט אַליין געמאַכט, און פֿלעגט מיר ווילפֿל מאָל ווייזן ביינאַכט דעם גאַנג פֿון די שטערן און די פּלאַנעטן.

הגם איך ווייס ניט, אויב די שירים וואָלטן מיך היינט צופֿרידנגעשטעלט, צי מחמת דער מינדערווערטיקייט פֿון דער פֿאָרם, צי מחמת דער אומרייפֿקייט פֿון דער שפּראַך, דאָך בין איך נאָך איצט צופֿרידן, וואָס די מוזע האָט זיך צו מיר באַוויזן נאָך אין דער קינדהייט; יעדנפֿאַלס, זיינען צווישן די שירים געווען אַזעלכע, וואָס מבֿינים האָבן זיי געלויבט, דערהויפּט די עלעגיע אויף אַלעקסאַנדער דעם I טויט און די גראַטולאַציע צו ניקאָלאַי דעם I אַרויפֿשטייגן אויפֿן טראָן, וואָס איך האָב פֿאַרפֿאַסט אין יאָר 1826 — אַ סך מענטשן זיינען זיי געפֿעלן געוואָרן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 15 יאָר.

דייענדיק אין דער היים, פֿלעג איך מיטן פֿאָטער שטענדיק דאַווענען לויטן נוסח אַשכּנז, וואָס איז געווען דער אָנגענומענער נוסח, ווייל די חסידים האָבן נאָך ניט באַוויזן איינצונעמען די גרויסע בתּי־מדרשים, נייערט די קליינע קלייזלעך. לויט דעם־דאָזיקן נוסח בין איך אויך געווען געוויינט צו זאָגן דעם פּיוט פֿון דעם אַלטן געשריבענעם פֿאַרמעטענעם סידור מיטן נאָמען „כּל־בּר“, וואָס פֿלעגט ליגן אויפֿן עמוד. ווי אַטוי, וואָס טרינקט אָן די ערד, אַזוי האָבן מיך אָנגעטרונקען די פּיוטים מיט דער רייכקייט פֿון זייערע מליצות, דערהויפּט די פּיוטים פֿון ר׳ יהודה הלוי און ר׳ שלמה בן גבּירול. אַז איך בין אָבער געקומען קיין טשערניכאָוו, וואָס איז שוין געווען אַ חסידיש שטעטל, האָב איך געמוזט אָנהייבן דאַווענען לויט דעם געמישטן נוסח ספֿרד. אינגיכן בין איך אַריבער צום נוסח חבּ״ד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך אַרום מיר גענומען זאַמלען יונגעלייט און איך פֿלעג מיט זיי לערנען קבּלה לויט רבּס (ר׳ שניאור־זלמנס) ביאור. שבּת פֿלעגן זיי קומען צו מיר אָפּריכטן שלש־סעודות און הערן פֿון מיר תּורה. תּחילת פֿלעג איך פֿאַר זיי איבערזאָגן פֿון די ספֿרים, וואָס איך האָב געלערנט, דערנאָך — האָב איך גענומען זאָגן אייגענע תּורה.

אין יענער צייט האָט מיין פֿרוי (זי איז אַלט געווען 15 יאָר) מיר געבוירן אַ זון. דריי טעג פֿאַרן בּרית איז מיין פֿאָטער געקומען קיין טשערניכאָוו און איז פֿאַרפֿאָרן צום שווער. איך בין דעמאָלט געשטאַנען און געדאַוונט אין מיין באַזונדער צימער. אַז ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון מיין צימער און האָט דערהערט די קולות מיט די געשרייען פֿון מיין דאַווענען, איז ער געבליבן שטיין פֿאַרוואונדערט און מיך ניט איבערגעריסן ביז איך האָב געענדיקט. אַז ער האָט אויפֿגעעפֿנט די טיר און איך האָב אים געגעבן שלום, האָט דער פֿאָטער דערהערט, אַז איך האָב אויסגערעדט דאָס וואָרט „שלום“ מיט דער ליטווישער אויסשפּראַך. האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ געלעכטער: — ביסט געוואָרן אַ ליטוואַק?

האָב איך אים געענטפֿערט:

— אַ חבֿרניק, און דאָס וואָרט שלום רייד איך אַרויס ווי מיין רבי.

איך האָב אים דערנאָך דערציילט, אַז מיין זיין האָב איך אַ נאָמען געגעבן נאָך רב שניאור־זלמנען, וועלכער האָט זיך מיר באַוויזן אין חלום, און מאָל אים אָפּ, ווי ער זעט אויס. האָט זיך דער פֿאָטער שטאַרק געחידושט, דען ער האָט אים געקענט פּערזענלעך, בעת ר' שניאור־זלמן האָט זיך אומגעקערט פֿון זיין נסיעה קיין טולטשין, וואוהין ער איז געפֿאָרן דורכשמועסן זיך מיט ר' ברוכן, און איז פֿאַרבייגעפֿאָרן אַלט־קאָנסטאַנטין. דער פֿאָטער האָט פֿאַרגעסן, אַז דאָס בילד, וואָס איך האָב פֿאַר אים אויסגעמאָלט, איז ביי מיר פֿאַרבליבן אין זכרון פֿון זיינע אייגענע דערציילונגען, וואָס איך האָב פֿון אים וויפֿל מאָל געהערט.

דאָ, אויפֿגעקלערטער לעזער, וועל איך זיך אַ ביסל אָפּשטעלן, אײדער איך וועל איבערגיין צו מיין ווייטערדיקער לעבנס־געשיכטע. היות איך האָב דיר שוין דערציילט, אַז כּמעט איך בין געגאַנגען אין דעם וועג פֿון השכּלה פֿון קינדווייז אויף, האָבן דאָך די מוטוויליקע וואַסערן, וואָס האָבן זיך אין יענע טעג צעגאָסן איבערן גאַנצן לאַנד, אויך מיך מיטגעריסן מיט זייער קראַפֿט, אַוועקגעזעצט אויף דעם רוקן פֿון זייערע כוואַליעס און אַוועקגעטראָגן ווייט־ווייט פֿון דעם אָרט, וואו די חכמה האָט אויסגעבויט איר הויז; היות איך האָב דיר שוין געוויזן, ווי די חסידים האָבן פֿאַרשפּרייט זייערע פֿליגל אויך אויף מיר און געפֿאַנגען מיין יונג האַרץ — וועל איך דיר איצט דערציילן וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון חסידות, ווי זי איז געקומען געוועלטיקן און איז געוואָרן אַ נעץ פֿון שטרויכלונגען פֿאַר יידן און אונזער שיינעם פֿאָטערלאַנד.

ז.

איבערבליק איבער דער אנטשטייאונג פון חסידות. — פונוואנען שטאמט דער נאָמען חסיד. — דער בעש"ט — דער גרינדער פון חסידות. — זיין כוח צוצוציען מענטשלעכע הערצער. — ער דארף אויף חיונה — און ווערט א בעל־נס. — דעם בעש"טס נייע שיטה. — זי ברענגט א ישועה אויף יידן. — זי ברענגט אויך צו מחלקות און צו א קאמף צווישן די מתנגדים און די חסידים. — די רבנים פארשטייען ניט די צילן פון חסידיזם. — חסידות גרייט צו דעם באָדן פאר השכלה. — חסידים מאכן אן איבערקערעניש אין דעם יידישן ריטואל. — די פאָזיציע פון פאָלק בעת דעם קאמף צווישן די מתנגדים מיט די חסידים.

דער נאָמען חסיד איז די ערשטע צייטן געווען אַ זעלטנהייט. איינער אין כמה דורות האָט זוכה געווען באַרימט צו ווערן מיט אַזאַ נאָמען, אַ שטייגער: ר' יהודה הסיד פון אַמסטערדאַם, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון רמב"ם (1133), ר' אַברהם הסיד, וואָס האָט געלעבט אין די צייטן פון משה־חיים לוצאָטו (1740) וכדומה באַרימטע חסידים. זיי זיינען אַלע געווען גרויסע יראי־שמים, האָבן זיך אויסגעטאָן פון דער וועלט, פלעגן שטענדיק פאַסטן און זיך עוסק זיין יומם ולילה אין תורה און עבודה און גמילות־חסדים, ליב געהאַט צו לעבן אין דחקות, ווייל דאָס איז געווען דער וועג פון דער תורה, זיך געפרייט מיט זייערע יסורים, ניט געטרונקען קיין משקאות, ניט גערעדט און ניט געוויזן זיך צו אַ פרעמדער פרוי, און אַפילו מיט זייערע אייגענע ווייבער פלעגן זיי אויף אַזוי־פיל האָבן באַציאונגען, אויף וויפל זיי האָבן געדאַרפט מיט זיי האָבן קינדער, כדי מקיים זיין די מצווה פון פריה־ורביה.

היות יענע חסידים האָבן זיך פאַרנומען נאָר מיט דער מיסטישער קבלה, לויט וועלכער זיי האָבן זיך אויך נוהג געווען אין

טאָג=טעגלעכֿן לעבן, מחמת זיי האָבן געוואָלט אַרויפֿציִען אויף זיך וואָס מער פּרישות, האָט מען שוין מיט דער צייט גענומען רופֿן חסיד יעדערן, וואָס האָט געלערנט קבלה און זיך אויפֿגעפֿירט לויט איר אַפֿילו בלויז אין קלייניקייטן. און ניט נאָר דער, וואָס לערנט קבלה, נייערט אַפֿילו דער, וואָס גלויבט אין איר בלינדערהייט, ניט פֿאַרשטייענדיק אין איר קיין וואָרט, און בכלל יעדערער, וואָס פֿירט זיך אויף משונהדיק, מיט דער כוונה אַרויסצורופֿן די פֿאַרחידושונג פֿון המון — ווערט אויך אָנגערופֿן חסיד.

פֿאַרהאַן, לויט מיין מיינונג, נאָך אַ גרונד, צוליב וועלכן ס'איז אַנטשטאַנען דער נאָמען חסיד. תחילת, בעת די חסידים האָבן זיך באַוויזן, האָט מען זיי חושד געווען, אַז זיי האָבן אַ שייכות צו שבתי=צבֿיס הבריא, ווייל זיי האָבן טאַקע איבערגענומען אַ סך מנהגים, וואָס שטאַמען פֿון דעמדאָזיקן פֿאַרדאָרבענעם מקור, הגם קיינער פֿון זיי גלויבט ניט אין דעם פֿאַלשן משיח, אַדרבא — זיי שילטן אים מיט שרעקלעכֿע קללות. געטאָן האָבן זיי דאָס אויס לייכטזיניקייט, ווייל אין זייער טבֿע ליגט ניט פֿונאַנדערצוקלייבן זיך אין מנהגים, פֿונוואַנען זיי שטאַמען, און ס'איז זיי דעריבער זייער לייכט אַריינצופֿאַלן אין נעץ פֿון נאַרישע גלויבונגען. אַזוי אַ שטייגער האָבן זיי איבערגענומען אומבאַוואוסטזיניק דעם מנהג צו מאַכֿן הוליאַנקעס אום תשעה=באָב און שרייבן קמיעות אויף פּאַרמעט פֿון אַ הירש, וואָס איז אַ רמז אויף דעם נאָמען פֿון דעם נידערטרעכטיקן פֿאַרפֿירער (שבתי צבֿי). אַ סך ספֿרים פֿון מחברים שבתי=צבֿיניקעס האָבן זיי, צוליב זייער אומוויסנהייט, אויפֿגעמישט מיט דער חסידישער ליטעראַטור, ווי דעם ספֿר „חמדת דימים", וואָס זיין מחבר האָט געגלויבט ניט נאָר אין שבתי=צבֿי, נאָר אויך אין קריסטוסן, און דעם ספֿר „נחלת צבֿי", וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, כדי צו פֿאַנגען די נשמות פֿון די פֿרויען — ממש, ווי עס טוען די מיסיאָנערן, און נאָך אַ סך ספֿרים. צוליב דעם אַלעם פֿלעגן זיי בײַ די אמתע גאָטספֿאָרכטיקע יידן, די בעלי=התלמוד, הייסן חשודים, ד. ה. פֿאַרדעכטיקע, ווייל זיי זיינען געווען פֿאַרדעכטיק אין געהערן צו די שבתי=צבֿיניקעס. די רבנים תלמודיסטן, וואָס האָבן זיך די ערשטע צייטן

די אַנטקעגנגעשטעלט, האָבן דאָס רובֿ געוואוינט אין דער ליטע, וואו די יידן, בפֿרט דער פּראָסטער המון אין די שטעטלעך און אין די דערפֿער, איז ניט מבֿחין צווישן אַ שין און אַ סמך. בעת עס האָט זיך צעפֿלאַקערט די מחלוקת צווישן די מתנגדים מיט די חסידים, פֿלעגט מען אין דער ליטע שטענדיק הערן דאָס וואָרט „השודים“, נאָר פֿאַרגרייזט: „חסודים“, און אַז די געשיכטע איז דערגאַנגען אין וואָלין, פּאָדאָליע, גאַליציע און בכלל אין פּוילן, וואו בײ די דאָרטיקע יידן ווערט דער קלאַנג אֻ אַרויסגערעדט ווי אִ, איז פֿון חסודים געוואָרן „חסידים“. די חסידים האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט, וואָס זייערע קעגנער האָבן זיי געקרוינט מיט אַזאַ פֿיינעם נאָמען, און ער איז שוין בײ זיי פֿאַרבליבן אויף שטענדיק.

דער גרינדער און פֿירער פֿון דער־אָזיקער סעקטע איז געווען ר׳ ישׂראל בעל־שם־טובֿ (בעש״ט). ער האָט געלעבט אין איין צייט מיט ר׳ משה מענדלסאָנען, ד. ה. אינמיטן 18־טן יאָרהונדערט לויט דער קריסטלעכער צייטר. אָדער אין תק״י לויט דער יידישער צייטר. געשטאַמט האָט ער פֿון פּאָדאָליע. מע דערציילט, אַז ער איז געבאָרן געוואָרן בעת זיין פֿאָטער איז געווען אַן אַלטער מאַן, ווייל זיין מוטער האָט אַ לאַנגע צייט קיין קינדער ניט געהאַט. פֿון די מעשׂיות וועגן זיין ביאָגראַפֿיע און זיינע וואונדער, הגם זיי זיינען פֿול מיט נאַרישע פֿאַנטאַזיעס און ליגנס און פּוסטע זאַכן, קען מען דאָך זען, אַז ר׳ ישׂראל האָט געהאַט אַ כּוח צוצוציִען מענטשלעכע הערצער, און ווען ער וואָלט געווען אַ געבילדעטער מאַן, וואָלט ער באַלויכטן די וועלט מיט זיין חכמה; ס׳איז אָבער באַשערט געווען, ער זאָל ערצויגן ווערן אין ליידיקגייעריי, אין אָבערגלויבן, בײ אַ טאַטן אַ קבצן און הונגערן אין דער קינדהייט, און דאָס איז געווען די סיבה, וואָס ער איז געוואָרן אַ בעל־נס: ער האָט געדאַרפֿט געפֿינען מיטלען אויף חיונה און זעענדיק, אַז אַלע יידן פֿון זיין לאַנד גאַרן נאָך וואונדער, און וויסנדיק, אַז אין זיין צייט איז נתגלה געוואָרן דער באַרימטער שווינדלער יעקבֿ פֿראַנק, איז ער געווען זיכער, אַז גייענדיק אין דעם וועג, וועט ער אויך ווערן גרויס און באַרימט.

היות זיין כוונה איז ניט געווען ממשיך צו זיין די טעטיקייט פון שבתי-צבי, נאָר בלויז מיטציען נאָך זיך דאָס פאָלק און ציען היונה פון זייער אומוויסנהייט, ווייל בכלל איז ער געווען אַ גאָטס-פאַרכטיקער און געטרייער ייד, האָט ער דעריבער ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן, און אים האָט אויסגעמיטן דאָס, וואָס האָט פאַ-כורט מיט שבתי-צבי און זיינע אָנהענגער*).

די נייע שיטה, וואָס דער בעש"ט האָט אַריינגעבראַכט אין יידנטום, האָט אַריינגעבלאָזן אין איר אַ ניי לעבן און האָט זי אויפגעוועקט פון איר שלאָף, אין וועלכן זי איז געווען פאַרזונקען אַ סך יאָרן אין דעם שוים פון דעם רבניזם, און איז געווען כמעט אַ פאַרהלשטע, אָן אַ פונק לעבן. אין אַלע בתי-מדרשים, ישיבות און רבנישע הייזער האָט מען בלויז געהערט דעם קול פון די מלמדים מיט זייערע תלמידים ווי זיי פלעגן לערנען גמרא, ווי זיי פלעגן פרעגן און פאַרענטפערן קשיות אין דינים און ענינים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום פאַרווענדונג אין לעבן, און פון טאָג צו טאָג און יאָר צו יאָר זיינען די תלמידים געוואָרן אַלץ מער און מער, און דאָס וויסן איז געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער, ווייל זיי האָבן דאָס וויסן פאַרמיאוסט און פאַרטריבן ווי אַ בייזע קרענק. און הגם דער בעש"ט האָט מיט זיין נייער שיטה ניט פריי געמאַכט דעם אָרט פאַר די ידיעות, וואָס זיינען נייטיק יעדער מענטשן אַלס מענטש, און קיין אייביקן לעבן האָט ער ניט איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון זיינע תלמידים און נאָכפאָלגער, האָט ער אָבער על-כל-פנים אַראָפּגעריסן דעם אויטאָ-

*) דער בעש"ט האָט ניט איבערגעלאָזן קיין באזונדערע ספרים, וואָס זאָלן ציי־גן אויף זיינע ידיעות און בקיאות אין תלמוד און קבלה. נאָר אויב מיר זאָלן גלויבן זיינע תלמידים, דערהויפט דעם רב ר' מאיר מרגלית פון אָסטראָה, איז דער בעש"ט געווען א גרויסער למדן אין נגלה און נסתר. אין די ספרים פון באוואוסטן חסיד יעקב־יוסף, וואָס איז געווען רב און מגיד אין ראשקאָוו, שאריגראָד, נעמיראָוו און פּאָלאָנע, ווערן געבראכט א סך מאמרים פון זיין רבין דעם בעש"ט; שפּעטער האָט מען זיי אויפגעזאמלט אין א באזונדערן ספר מיטן נאָמען „כתר שם טוב" (פאר מיר ליגט די אויסגאבע פון לעמבערג 1858). פאַרהאַן דאָרטן שטעלן וואָס באווייזן, אז דער בעש"ט האָט ניט גלאט בעפּלויי־דערט, נאָר זיין ציל איז געווען די עבודה.—א. ב. ג.

ריטעט פֿון די רבנים און האָט מעורר געווען זיינע תּלמידים צו פֿאַרבעסערן זייערע מידות, וואָס זיינען דער עיקר, און דער לימוד פֿון תּלמוד איז נאָר אַ טפל צו זיי. אָנשטאָט דעם טויטן לימוד פֿון תּלמוד און פּוסקים, האָט ער אַריינגעבראַכט דעם לעבעדיקן שמועס מכּוח מוסר־זאַכן און מכּוח פֿאַרפֿיינערן די מדות, דער־הויפּט די שמועסן פֿון חסידישע רביים פֿאַר אַ גרויסן עולם, וואָס פֿלעגן זיך איינקלייבן לעבן זייער טיש שבת און יום־טוב. וואָס פֿאַר אַן אונטערשייד דיראָזיקע שמועסן זיינען לגבי די דרשות פֿון די רבנים, די גרויסע לומדים, וואָס זייער עיקר כּוונה איז ניט אויס־ברענגען עפּעס אַ מוסר־השכל, נאָר בלויז אַרויסווייזן זייערע גרויסע חריפֿות, ניט געבנדיק זייערע צוהערער גאָר נישט.

אויב מיר זאָלן אַזוי קוקן אויף דעם בעש״ט, וועלן מיר געפֿינען, אַז ער איז געווען אַ קלוגער און אַ פֿאַרשטאַנדיקער מענטש, זיין האַרץ האָט וויי געטאָן פֿאַר יידן, און ער האָט געזוכט מיטלען, ווי צו באַפֿרייען זיי פֿון דעם שווערן רבנישן יאָך, וואָס ברענגט אונטער דאָס וויסן און דאָס געפֿיל צום לעבן. מיר קענען כּמעט באַשטימט זאָגן, אַז דאָס איז געווען זיין באַרוף, אים האָבן בלויז געפֿעלט די אמתע מיטלען צו דעראָזיקער גרויסער זאַך, און די סיבה דערפֿון איז געווען דאָס, וואָס ער איז געבאָרן געוואָרן אין אַ ווילדן לאַנד, וואו עס איז ניט געווען קיין סימן פֿון בילדונג און אויפֿקלערונג, דאָס, וואָס ער האָט זיך דערצויגן אויף קבלה און אויף חסידות; ס'איז גענוג, אַז ער האָט געפֿינען אַ שטעגעלע אין דעמדאָזיקן מדבר און האָט פֿון דעם פֿעלד אַרויס־געצויגן וואַסער צו אָנטרינקען זיינע שאָף, כּדי צוצוגרייטן זיי און קרעפֿטיקן זיי, דען זייערע אייערן האָבן זיך שפּעטער, בעת די אויפֿקלערונג האָט אַ שיין געטאָן איבער זייערע קעפּ אין זייער געבורטסלאַנד, אויך געעפֿנט פֿאַר אַנדערע לימודים.

דיראָזיקע שיטה האָט פֿון איין זייט געבראַכט אַ גרויסע ישועה אויף יידן, אויסלייזנדיק זיי פֿון דעם טיראַנישן יאָך פֿון די רבנים: יעדער ייד, וואָס האָט ניט געקאָנט קיין תּלמוד און פּוסקים, ראשונים און אחרונים, מיט אַלע פּילפּולים און דריידלעך, איז קיין מענטש ניט געווען, האָט קיין שום ווערדע ניט געהאַט, מע

פֿלעגט אים רופֿן עם־הארץ, און אָן דעם רבֿ דעם „מאור הגדול“ אָדער „דרבֿ הגאון עמוד הימיני פּטיש החזק“ האָט ער זיך ניט געקענט אַריר טאָן פֿון אָרט, און אויף יעדן טראָט האָט ער עובֿר געווען אויף דער תּורה, און פֿאַרבייגן דעם געזעץ, ווייל ער האָט ניט געוואוסט קיין דין, זיינען אָבער געקומען די חסידישע רביים און האָבן איסגעלייזט דאָס פֿאָלק פֿון זייער תּפֿיסה. יעדער ייד, וואָס איז געוואָרן אַ חסיד, איז פּטור געוואָרן פֿון דעם יאָך פֿון שולחן־ערוך און פֿון רבֿ: ער האָט בלויז באַדאַרפֿט דאַווענען מיט גרויס כּוונה און אויפֿן קול און פֿירן זיך אויפֿן חסידישן שטייגער, וואָס איז געווען זייער לייכט. ער איז געווען באַליבט און געאַכט ביי דעם צדיק און האָט זיך איסגעלאַכט פֿון די לומדים. אָט דאָס איז געווען די סיבה, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די חסידישע באַוועגונג איז געוואָרן אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז די האָט אין אַזאַ קורצער צייט באַוויזן מיטרייסן מיט זיך אַלע יידן און הערשן איבער זיי אומבאַגרענעצט.

אָבער פֿון דער צווייטער זייט האָט די דאָזיקע באַוועגונג געבראַכט מיט זיך אויך אַ סך שלעכטס: צוליב איר זיינען געוואָרן אַ כּך מחלוקת ביי יידן, און מע האָט זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, וואָס באַקעמפֿן זיך שרעקלעך. די רבנים, וואָס האָבן געשמאַק געשלאָפֿן אין דעם לעטאַרגישן שלאָף, איינגעהילט אין דעם טיפֿן נעפּל פֿון תּלמוד און פּוסקים, אין וועלכן זיי האָבן זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן, ניט זוכנדיק קיין שום אַנדער תּכלית אין דעם לעבעדיקן לעבן — און זיי האָט קיינזאַך ניט געפֿעלט אויך, דען זייער אַווטאָריטעט איז געווען זייער גרויס ביי די פֿאָלקס־מאַסן, מע האָט זיי געהאַלטן אַזוי ווי מלאכים — האָבן פּלוצלונג דערוואַכט, דערשמעקנדיק, אַז זיי שטייט פֿאָר אַ מוראַדיקע מלחמה. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן צו באַוואָפֿענען זיך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, כּדי צו שיסן מיט זייערע חרם־פֿיילן אין זייערע שונאים, און פֿון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען באַווייזן קעגנער און גענומען זיי אַטאַקירן. זיי האָבן דערזען, אַז ס'איז שלעכט, האָבן זיי אָנגעשטרענגט זייערע לעצטע כּוחות און מלחמה געהאַלטן

מיט גרויס פֿאַרביטערונג. די מהומה און דער כּאַאָס בּיי יידן איז דעמאָלט געווען זייער גרויס.

די רבּנים מיט דעם ווילנער גאון בּראש, האָבּן גענומען אויספאָרשן, פונוואַנען שטאַמט די חסידות, און וואָס איז איר ציל און תּכלית, און האָבּן לייכט געקענט דערגיין, אַז זי שטאַמט פֿון קבּלה און פֿון זוהר, וועלכע איז בּיי זיי אויך געווען הייליק, און האָבּן דעריבּער מיט איר קיין מלחמה ניט געקענט פֿירן; לסוף אָבּער, אַז זיי האָבּן זיך אונטערגעגראָבּן אונטער איר טרייַנשטול און האָבּן דערזען, אַז חסידות גייט ניט בּיי דער ליכט פֿון דער קבּלה, נאָר אויף אַ פֿינסטערן גליטשיקן וועג און אַז זי איז גאָר אַן אָפּשפּראָץ פֿון דעם פֿאַרפֿירער שבּתי-צבי — דעמאָלט זיינען זיי אַרויס מיט דער גאַנצער קראַפֿט אַנטקעגן די חסידים, האָבּן זיי אַריינגעלייגט אין חרם, פֿאַרבּרענט זייערע ספֿרים, זיי גערודפֿט אָן רחמנות, ערקלערט זיי פֿאַר הפֿקר און געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געלעגן אין זייער מעגלעכקייט, כּדי צו אויסראָטן זיי פֿון דער ערד.

די צייט האָט אונז אָבּער בּאַוויזן, אַז די דאָזיקע רבּנים האָבּן אַ טעות געהאַט אין דעם חסידיזם און האָבּן אים ניט פֿאַרשטאַנען. וואָרעם אָט איז שוין אַריבּער מער פֿון הונדערט יאָר פֿון זינט די דאָזיקע בּאַוועגונג האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן, זי איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און מעכטיקער, און דאָך שטייט זי פֿעסט מיט בּיידע פֿיס אין דעם יידנטום; און די גאַנצע שטרעבּונג אירע איז דאָך געווען — אָפּרייסן די חסידים, וואָס האָבּן זיך געפֿירט לויט דער קבּלה און זוהר, פֿון די שבּתי-צביניקעס מיט די פֿראַנקיסטן, און איינפֿלאַנצן זיי אין דעם יידנטום, הגם זיי האָבּן אַראָפּגעוואָרפֿן דעם יאָך פֿון די רבּנים און אַ סך פֿון זייערע דינים, וועלכע זיי האָבּן אַרויסגעבּראַכט פֿון זייער פּילפּול. אמת טאַקע, די חסידישע רבּיים האָבּן אין דעם פֿאָלק קיין וויסן און חכמה ניט אַריינגעבּראַכט, און די מנהגים, וואָס זיי האָבּן איינגעפֿירט, זיינען ניט געווען בּעסער פֿון די, וועלכע זיי האָבּן געהאַט אַוועקגעוואָרפֿן: אַנשטאָט דעם קופּער האָבּן זיי קיין גאָלד ניט געבּראַכט; אומבּאַוואוסטזיניק האָבּן זיי אָבּער געבּראַכט אַ סך גוטס דורך זייער קעג-

נערשאַפֿט צו די רבנים, ווייל דורכדעם זיינען ביי פֿיל מענטשן אויפֿגעעפֿנט געוואָרן די אויגן און זיי האָבן דערזען, אַז סיי די רבנים, סיי די חסידים האָבן ביידע ניט געטראָפֿן אין ציל, און זיי האָבן גענומען זוכן אַן אַנדער וועג. דער וועג פֿון בילדונג און אויפֿקלערונג.

אין אַמאָליקע צייטן, בעת דער תּלמוד מיט די פּוסקים זיינען געווען די גרעסטע יידישע הייליקייטן, און דער וואָס האָט זיך אָן זיי אָנגערירט, איז געווען אַלצאיינס, ווי ער וואָלט זיך אָנגערירט אָן דעם שוואַרצאַפּל פֿון זיין אויג, און זייערע פֿאָנענטרעגער האָט מען געהאַלטן אַזוי ווי מלאכים, איז קיינעם אויפֿן זינען ניט אַרויף אָפּצושפּעטן פֿון אַ געווינסן מנהג, האָט ער געמאָגט זיין דער סאַמע ווילדער, און דער וואָס האָט מקיל געווען אין אַ דין פֿון שולחן־ערוך— איז געווען דער גרעסטער אַפּיקורס און אויף אים איז געווען אסור לרחם, און אויב עס זיינען אויף דעם געווען עדות, האָט אים בית־דין באַשטראָפֿט אין ער האָט נאָך געהאַט אויסצושטיין בזיונות פֿון לייטן... טאָ ווער האָט עס זיך געקענט פֿאָרשטעלן, אַז עס וועט אויפֿשטיין אַ נייער דור, אַ דור פֿון צדיקים און חסידים, וואָס וועלן ניט לייגן קיין אַכט אויף אַ סך דינים פֿון שולחן־ערוך, וועלן עובר זיין זמן קריאת־שמע בפּרהסיה, וועלן ניט לייגן קיין תּפֿילין אום חול־המועד, וועלן משנה זיין דעם נוסח פֿון דאַוונען, אַרויסוואַרפֿן אַ סך שטעלן פֿון אים, און וועלן ניט שפּרינגען קדוש, אויף אַלץ וואָס די רבנים זאָגן, נייערט וועלן פֿאַרגעטערן און פֿאַר־הייליקן די רביים? ווער האָט זיך עס געקענט פֿאָרשטעלן, אַז די־דאָזיקע חסידים, וואָס זיינען אַראָפּ פֿון דעם איינגעטראָטענעם דורך די רבנים וועג, וועלן גאָרניט נתפּעל ווערן פֿון די רדיפֿות און אויסלאַכן זיך פֿון דעם גאַנצן מבול חרמס, וואָס די רבנים האָבן אויף זיי גערעגנט און וועלן זיך גיין רואיק זייער וועג, איינצונעמען די גאַנצע וועלט און איינפֿירן זייער ממשלה?

דאָס פֿאָלק האָט געזען, אַז די חסידים האָבן מנצח געווען די רבנים און האָבן דערביי גאָרנישט ניט געליטן, דאָס פֿאָלק האָט ביי געוואוינט דעם גאַנצן רעש פֿון דער מלחמה, וואָס די רבנים האָבן אָנגעפֿירט קעגן די חסידים, אַלע זייערע זידלערייען און פֿאַר־

וואורפֿן, אַז די חסידים שטאַמען פֿון שבתי־צבֿי און זיי טאָרן זיך ניט רופֿן יידן — האָט עס אים אָפּגעשראָקן און ער האָט זיך געשטעלט אָן אַ זייט פֿון דידאָזיקע צוויי לאַגערן. די רבנים האָבן בײַ אים אויפֿגעהערט צו זײַן הייליקע, וועלכע מע דאַרף אין אַלץ פֿאָלגן, זייער אויטאָריטעט איז שוין אַרונטערגעריסן געוואָרן דורך די חסידים; צו די חסידים ווידער זיינען זיי אויך ניט צוגע־שטאַנען, ווייל די רבנים האָבן געשטערט — איז דעריבער געבליבן אַ ליידיק אָרט צווישן דידאָזיקע צוויי קעמפֿנדיקע כּוחות, אין וועלכן מע האָט געקענט אַריינברענגען דאָס ליכט פֿון וויסן און אויפֿ־קלערונג.

ח.

צי איז דער בעש״ט געווען א שווינדלער אָדער א האלוציגאַטאָר. — זיין בריוו צו ר׳ גרשון קיטיווער. — וואָס האָט אויפגעטאָן דער בעש״ט און וואָס האָט אויפגעטאָן דער ווילנער גאון. — דער ווילנער גאון קימערט זיך ניט וועגן די נייטן פון פאָלק. — דאָס פאָלק גייט ניט צו אים. — דער בעש״ט אלס רעפאָרמאטאָר. — די אמתע ליכטיקייט קומט פון אַן אנדער אָרט.

מיט נאָך אַ זאַך קענען מיר זיך ניט באַרויקן: מיט די אַלע מעשיות, וואָס מע דערציילט פון בעש״ט, זיינע ווילדע און אויסטערלישע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן קיין שום יסוד ניט, און וועלכע צווינגען אונז אָנצונעמען איינס פון די ביידע: אָדער ער איז געווען אַ שווינדלער און פלעגט אויסטראַכטן מיט אַ כיוון די אַלע ליגנס, כדי צו פאַנגען די הערצער פון פאָלק, אָדער ער איז געווען אַ משוגענער און געהאַט האַלוצינאַציעס — ביידע זאַכן זיינען אונז דערווידער, און מיר ווייסן ניט וועלכע איז די ריכטיקסטע.

צי איז עס ניט קיין וויץ דער בריוו, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטיווער קיין ארץ־ישראל:

*) „דעם ערשטן טאָג ראש־השנה פון יאָר תק״ז (1746) האָט זיך מיין נשמה אַהייב געטאָן אין דער הייך דורך השבעות און באַשווערונגען פון יענעם מין, וואָס איז דיר באַקאַנט, און איך האָב דערזען וואונדערלעכע זאַכן, וועלכע איך האָב צייט איך לעב און זינט איך בין אַ דערוואַקסענער מענטש, ניט געזען, און דאָס וואָס איך האָב געזען און זיך דערוואוסט, בעת איך האָב זיך אויפגעהויבן, קאָן קיין שום מענטשלעך לשון ניט אויסדריקן און דערציילן. בעת איך האָב זיך אָבער אומגעקערט צוריק צום גן־

---

*) די איבערזעצוגג פון דעם בריוו איז גענומען פון האָראָדעצקיס „חסידיזם“ איז זעליגמאַנס איבערזעצונג. — א. פ.

עדן התחתון, האָב איך דערזען נשמות פֿון טויטע און לעבע־דיקע אָן אַ שיעור און אָן אַן עק, הן באַקאַנטע, הן אומבאַקאַנטע, וואָס זיינען אַרומגעפֿליגן אַהין און אַהער פֿון איין וועלט צו דער אַנדערער אויף יענעם שטראַל, וואָס איז אַלעמען באַקאַנט, ווער ס'איז באַהאַוונט אין סתרי־תורה; און די פֿרייד פֿון דידאָזיקע נשמות איז געווען אַזוי מוראדיק גרויס, אַז נישט דאָס מויל קאָן באַווייזן עס אויסצודערציילן, און נישט דער אויער קאָן באַווייזן עס אויס־צוהערן. און אויך אַ סך רשעים און פּושעים האָבן תשובה געטאָן, און מע האָט זיי מוחל געווען זייערע עבֿירות, ווײַל עס איז דאַן געווען אַ גרויסע שעת רצון, אַ מולדיקע שעה. און אויך פֿאַר מיר איז עס געווען אַ גרויסער חידוש, וואָס אַזוינע אין אַזוינע, וואָס זיינען אויך דיר באַקאַנט, זיינען צוגעלאָזט געוואָרן צו תשובֿה; און אויך צווישן זיי איז די פֿרייד געווען זייער גרויס און אויך זיי האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין דער הויך אויף דעם אויבנדער־מאָנטן אופֿן. און זיי אַלע זיינען צוגעשטאַנען צו מיר און האָבן מיך געבעטן: צוליב דעם כּבֿוד פֿון דיין תּורה האָט דיך גאָט באַשאָנקען מיט קלוגשאַפֿט און וואוילערנען, כּדי דו זאָלסט קענען תּופֿס זיין און דערקענען אַזעלכע זאַכן; מיט אונז אינאיינעם זאָלסטו זיך אויפֿהויבן אין דער הויך, כּדי דו זאָלסט פֿאַר אונז זיין אַ גוטער בעטער". און צוליב דער גרויסער פֿרייד, וואָס איך האָב געזען אין זייערע אויגן, האָב איך זיי צוגעזאָגט אויפֿצוהויבן זיך אין דער הויך מיט זיי אינאיינעם. און אין דער אייגענער צייט האָב איך אויך געזען דעם שטן, אויפֿהייבנדיק זיך אין דער הויך מיט אַ שמחה אָן אַ ברעג, כּדי מקטרג צו זיין; און ער האָט אויך זיין אַרבעט אָפּגעטאָן: אַ סך יידישע נשמות האָט מען דן געווען למיתה, אין טאַקע למיתה משונה. און עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ גרויס פּחד און אַ גרויס ציטערניש, און איך האָב אויף אַן אמת אָפּגעגעבן מיין נשמה און האָב געבעטן מיין רבין, ער זאָל מיך באַגלייטן, ווײַל איך געדענק מיך, האָב איך אַזוינע עליות ניט געמאַכט; און אַזוי אַרום האָב איך זיך געהויבן פֿון מדרגה צו מדרגה, בּיז איך בין אַריינגעקומען אין דעם היכל המשיח, דאָרטן, וואו משיח לערנט תּורה מיט אַלע תּנאים און צדיקים

און איך מיט די זיבן פּאַסטוכער. און איך האָב דאָרטן דערזען אַ שמחה אָן אַ ברעג. און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס די דאָזיקע שמחה באַטייט, און איך האָב שוין געמיינט, אַז עס איז חס־ושלום צוליב דעם, וואָס איך גיי אַוועק פון דער וועלט. אָבער שפּעטער האָט מען מיך געלאָזט וויסן, אַז איך בין נאָך גאָרנישט געשטאָרבן, און אַז אויבן פרייט מען זיך, ווען איך בין מיחד יהודים דורך דער הייליקער תורה, פונדעסטוועגן אָבער איז מיר דער תמצית פון יענער שמחה נאָך נישט קלאָר געוואָרן ביז דעם הייגטיקן טאָג. און איך האָב געפרעגט משיחן: „ווען וועט ער קומען", און ער האָט מיר געענטפערט בזה הלשון: „אָט האָסטו אַ סימן: ווען דיין תורה וועט פאַרשפּרייט ווערן און דו וועסט אַנטפּלעקט ווערן פאַר דער וועלט, און דיינע קוואַלן — אַלץ, וואָס איך האָב מיט דיר געלערנט און דו האָסט תופס געווען, וועלן זיך אויסגיסן כלפּי חוץ, צום דרויסן צו, אַזוי אַז אויך מיר וועלן זיין בכוח מיחד צו זיין יהודים און נתעלה ווערן פונקט אַזוי ווי דו — דאַן וועט צעשטערט ווערן די קליפּה, די בייזע מאַכט, און עס וועט אָנקומען אַ צייט פון חסד, אַ צייט פון ישועות ונחמות". און איך האָב זיך זייער דערשראָקן, וואָס עס באַדאַרף אַזוי לאַנג געדויערן, ביז דאָס אַלץ זאָל מקיים ווערן. אָבער צווישן אַלעם דעם, וואָס איך האָב דאָרטן געלערנט, זיינען פאַראַן דריי באַזונדערע ווערטער, דריי הייליקע נעמען פון גאָט, וואָס עס איז זייער גרינג אויסצולערנען און צו דערקלערן. און דאַן בין איך ווידער געקומען צו זיך און האָב געטראַכט ביי זיך אין האַרצן, אפשר וועלן דורך זיי אויך די מענטשן פון מיין דור קאָנען דערגרייכן פונקט אַזאַ מדרגה און אַזאַ בחינה ווי איך. אפשר וועלן זיי אויך קענען הייבן זייערע נשמות צו דער הייך און לערנען און תופס זיין פונקט אַזוי ווי איך... אָבער איך האָב זיי נישט געטאָרט אַנטפּלעקן פאַר קיין שום מענטשן אויף דער וועלט, אַפילו פאַר דיר אויך ניט, הגם איך האָב פון דיינטוועגן געבעטן און איך קאָן דערפון נישט אָפּטרעטן. אָבער דאָס זאָג איך דיר, און גאָט זאָל דיר העלפן, און דיין וועג זאָל ליגן אָפן פאַר גאָט און טרעט דערפון נישט אָפּ, באַזונדער אין ארץ־ישראל:

בעת די דאַוונסט און לערנסט, אין איטלעכן שמועס, אין איטלעכן וואָרט וואָלסטו עס האָבן אין זינען, וואָרעם אין איטלעכן אות זיינען פאַרהאַן וועלטן, נשמות און די שכינה, און זיי הייבן זיך אויף אין דער הויך און באַהעפטן זיך מיט אַנאַנד, און דערנאָך באַהעפטן זיך די אותיות און פון זיי ווערט אַ וואָרט, און זיי באַהעפטן זיך אין אַ וואָרער אחדות אין דער שכינה. און דיין נשמה זאָל זיין מיט זיי אויף איטלעכער פון דיזאָזיקע מדרגות. דעמאָלט פאַראייניקן זיך אַלע וועלטן אינאיינעם, ווערן נתעלה און עס ווערט געבאָרן אַ שמחה אָן אַ ברעג, אַזוי ווי די פרייד פון דעם חתן און דער כלה אויף דער אונטערשטער וועלט און נאָך אַזוינע פריידן פון דער צייגענער הויכער מדרגה. און גאָט וועט דיר בוודאי העלפן, און וואו דו ווענדסט זיך נישט קערן, זאָלסטו מצליח זיין. זאָל דער חכם האָבן הצלחה און זאָל זיך מערן זיין חכמה".

ווער קען זאָגן, וואָס דאָס באַטייט? צי האָט ער דאָס געזען אין חלום, אָדער ער האָט געהאַט האַלוצינאַציעס, ווי אַ מענטש, וואָס איז שיכור?

איך האָב שוין געזאָגט, אַז די שיטה פון בעש"ט האָט בשעתו געבראַכט פיל גוטס צווישן יידן, צוליב דיזאָזיקע טעמים: 1) האָט זי אָפּגעהאַלטן די שבתי־צבי־באַוועגונג און דעם פראַנקיזם, און האָט אומגעקערט די קאַבאַליסטן פון די וועגן, וואָס פירן צום אָפּגרונט, און 2) האָבן דורך דערדאָזיקער שיטה אויפגעוואַכט פיל מענטשן, וואָס זיינען געשמאַק געשלאָפן אין דעם ש"ס פון תלמוד און האָבן פאַרוואָרלאָזט דאָס אַרומיקע לעבן. מער איז דער בעש"ט נים געווען בכוח צו טאָן, מחמת אים גופא האָט געפעלט אַלע וועלטלעכע ידיעות; דען ער האָט זיך אויפגעצויגן בלויז אויף קבלה און אויף חסידות, איז געוואָרן אַ פאַנטאַסט און אַ האַלוצינאַטאָר און האָט דער וועלט נים געקאָנט געבן מער, וויפל ער האָט אַליין פאַרמאָגט.

אַ סך מער פון אים האָט געקענט אויפטאָן דער ווילנער גאון, וואָס איז געווען ווירקלעך אַ יחיד במינו מיט זיין גרויסקייט אין לערנען, און ווען עס איז אויך נים פרעמד געווען די וועלטלעכע

לימודים; מאַנכע ווילן האָבן, אַז ער האָט אויך געוואוסט שפּראַכן. ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָט ער זיך וועגן דער נייטיקייט צו רעפאָרמירן דאָס לעבן פון פאָלק — ווייניק וואָס געקימערט; דען זייענדיק פאַרנומען מיט לערנען, איז ביי אים קיין צייט ניט געבליבן צו טראַכטן וועגן דעם מצב פון פאָלק און זאָרגן זיך וועגן זיינע נייטן. און אויב ער האָט שטרענג פאַרזאָגט זיינע תלמידים, זיי זאָלן זיך לערנען אייראָפּעאישע וויסנשאַפטן, איז דאָס נאָר געווען צוליב דעם, כדי זיי זאָלן דורכדעם בעסער קענען פונאַנדערקלייבן זיך אין אַסך ערטער אין תלמוד, וואָס האָבן אַ שייכות צו מאַטעמאַטיק. ממילא — איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ מענטש האָט, ביי זיין גאַנצער גרויסקייט און ברייטקייט פון פאַרשטאַנד, ניט געקענט טאָן גאָרניט פאַר דעם פאָלק, און דאָס פאָלק איז דעריבער צו אים ניט געגאַנגען. זיין כבוד ווערט פון קיינעם ניט געמינערט, טאַטעס גיבן איבער צו קינדער זיין ריזיקע גאונות אין תלמוד, אָבער וואָס איז שייך דעם תיקון האומה — האָט ער אין דעם קיין שום חלק ניט.

ניט אַזוי איז געווען דער בעש"ט, וועלכער האָט אויך געשטרעבט צו רעפאָרמען אין יידנטום, און האָט טאַקע רעפאָרמירט, לויט זיין שטייגער און השגה, האָט פאַרטריבן די פינסטערניש פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג און פון פראַנקיזם און האָט אַראָפּגענומען די קרוין פון דעם רבניזם, וואָס איז געווען דער איינציקער הערשער. אָבער דערדאָזיקער אויפטו זיינער האָט ניט געקלעקט צו עפענען בלינדע די אויגן און צו מאַכן ליכטיק אויף דער וועלט, ווייל אים גופא האָט נאָך געפעלט ליכט. און ס'איז געווען באַשערט פון גאָט, אַז דאָס דאָזיקע ליכט זאָל זיך דורכשלאָגן אַ וועג פון אַן אַנדער אָרט און פון אַן אַנדער לאַנד און ניט מיט אַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער.

ט.

דער ווילנער גאון רודפט די חסידים. — נאָך זיין טויט פירן די מתנגדים ווייטער דעם קאַמף. — די מסירה אויף די ווילנער חסידים. — די יידן צעטיילן זיך אויף דריי לאַגערן. — די מתנגדים—די שטאַרקסטע פּאַרטיי. — זייער ראָלע אין רעליגיעזן לעבן. — די ליטווישע רבנים גיט קיין קעגנער פון השכלה. — א ליטווישער רב גיט א הסכמה אויפן ספר „תעודה בישראל". — די קאָנסערוואַטיווקייט פון די ליטווישע יידן. — זייער באַציאונג צו קבלה. — די סעקטע פון די חסידים. — זייערע גלויבונגען. — דער כוח פון צדיק אָדער רבין. — אין תלמוד און אין די דינים שטעקן סודות. — בילדונג איז א חטא. — די חבדער חסידים. — זייער באַציאונג צו בילדונג, צו מסחר און מלאכה. — די איבעריקע חסידישע סעקטעס. — זייער קליידונג. — קישעלעך אָנשטאָט א בויך.

בעת אין ווילנע איז דערגאַנגען די ידיעה וועגן דעם בעל־שם, וואָס וויזט וואונדער אין פּאָדאָליע, וואָלין און מאָלדאַוויע, האָט דער ווילנער גאון זיך זייער דערשראָקן, טאָמער וועלן אומוויסנדיקע מענטשן געשטרויכלט ווערן, הלילה, און פאַרפירט ווערן דורך אים, ווי עס האָט געטראָפן מיט די שבתי־צביניקעס, האָט ער אָנגעוורט די לענדן און איז אַרויס אויף מלחמה קעגן די חסידים, וואָס האָבן גענומען שפּראָצן, ווי גראָז, אין די שטעט און אין די דערפער; ער האָט זיי אַריינגעלייגט עפנטלעך אין חרם אין די שולן און קלויזן, איז אַרויס קעגן זיי בכתב מיט דער גרעסטער שאַרפקייט און האָט אויך באַפוילן צו פאַרברענען זייערע ספרים. צווישן די ביידע צדדים האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט אַ שטאַרקע מחלוקת.

אַ ווילנער זקן, ר' זלמן מיליאַטער, פון דער משפחה דון יחייא, האָט מיר דערציילט, אַז אין דעם טאָג, ווען דער ווילנער גאון איז געשטאָרבן, האָבן זיינע אָנהענגער מורא געהאַט, טאָמער וועלן די חסידים איצט אויפהייבן דעם קאָפּ, האָבן זיי גלייך

אויפֿן בית־עלמין אויפֿגעקליבן צווישן זיך אַ סומע פֿון פֿינף טויזנט רענדלעך, כּדי אונטערצושטיצן די מתנגדים און רודף זיין די חסידים. באַלד דערנאָך האָבן זיי געמסרט זיבן חסידישע פֿירער, אויף וועלכע די גאַנצע גרופּע האָט זיך געשטיצט, אַז זיי האַלטן מיט נאַפּאָלעאָנען, וואָס האָט דעמאָלט געפֿירט מלחמה אין מצרים, און זיי שטיצן זיין חיל. מע האָט זיי אַרעסטירט און פֿאַראורטיילט אַרויסצושיקן קיין סיביר. בעת מע האָט זיי אַרויסגעשיקט פֿון ווילנע באַגלייט פֿון אַ מיליטערישע וואַך, האָבן די ווילנער מנהיגים צוגעשטעלט צו זיי אויך אַ יידישע וואַך, כּדי זיי זאָלן ניט אונטערקויפֿן דאָס מיליטער און אַנטלויפֿן. דורכגייענדיק דורך אַ קליין שטעטל, זיינען זיי אַריינגעקומען אין אַ יידישער שטוב און געבעטן עסן; האָט מען זיי דערלאַנגט טרייפֿע פֿלייש, דען די יידן האָבן געזאָגט: „זיי זיינען דאָך „קאַרלינער" (אַזוי האָט דער המון אין ליטע דעמאָלט גערופֿן די חסידים, אויפֿן נאָמען פֿון דעם חסידישן רבין, וואָס האָט געוואוינט אין קאַרלין), צו וואָס דאַרפֿן זיי עסן פֿון כּשרער שחיטה?" דערפֿון קענען מיר זען, אַז די מחלוקת צווישן דידאָזיקע צוויי גרופּן איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך כּמעט צעטיילט אויף צוויי אומות. די זיבן מענטשן האָט מען אינגיכן, דורך דער השתדלות פֿון זייער כּיתה, אומגעקערט פֿון ריגע פֿון מיטן וועג, און די פֿינפֿטע ליכטל, דער טאָג פֿון זייער באַפֿרייאונג, איז ביי די ליטווישע חסידים אַ שמחה ביז היינטיקן טאָג.

דעמאָלט האָבן זיך די יידן צעטיילט אויף דריי פּאַרטייען: א) אויף חסידים, אונטער דער פֿירונג פֿון בעש"ט און זיינע תּלמידים. דידאָזיקע כּיתה האָט זיך זייער שטאַרק צעוואַקסן אין די צייטן פֿון זיינע תּלמידים, און הערן ניט אויף צו פֿאַרשפּרייטן זיך ביז היינטיקן טאָג, ווי מיר וועלן עס זען ווייטער; ב) אויף לומדים אָדער מתנגדים, וואָס פֿאַלן אַרונטער אונטער דעם אויטאָריטעט פֿון די רבנים תּלמודיסטן, די שטרענגע היטער פֿון דער תּורה שבכּתב און תּורה שבעל־פּה, ניט געקוקט אויף קיינע שינויים פֿון דער צייט און פֿון דעם אָרט און אויף דער אויפֿגעקלערטקייט פֿון די אַרומיקע פֿעלקער, בשעת ווען די חסידים

ערלויבן זיך צו ענדערן די דינים לויט דער קבלה און לויט דעם פּאַרזאָג פון זייערע רביים. דער פירער פון דערדאָזיקער כּיתה איז געווען דער ווילנער גאון; G) די דריטע כּיתה האָט זיך בעסער גענומען פאַר בילדונג, פאַר שפּראַכן און וויסנשאַפטן, ווי זייערע ברידער אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און אַנדערע לענדער. היות זיי זיינען נאָך דעמאָלט געווען זייער קליין און שוואַך און ניט שטאַרק באַוואוסט אויך, האָבן זיי ניט געהייסן מיט קיין ספּעציעלן נאָמען, ביז זיי האָבן זיך גענומען אַלץ מער און מער פאַרפּע־מטיקן אין די דייטשע לענדער, פון דאָרטן — זיך אויסשפּרייטן אין גאַליציע, און ביסלעכווייז אויך אַריינדרינגען אין אונזער לאַנד — דעמאָלט זיינען זיי געוואָרן באַוואוסט מיטן נאָמען משכּילים אָדער אויפגעקלערטע. דער פירער פון דערדאָזיקער גרופּע איז גע־ווען ר׳ משה דעסעווער, אָדער דער רמב״מן, מיט זיינע תּלמידים.

די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע גרופּע, וואָס אירע טראַדיציעס וואָרצלען אין פאָלק פון די עלטסטע צייטן אָן, זיינען די לומדים; זיי זיינען עס די הויפּט־טרעגער פון תּלמוד מיט אַלע זיינע דינים און מינהגים; נאָך זיי גייען אַלע יידן, צו זיי ווענדט מען זיך מיט אַ שאלה און אַ דין, און קיין שום שטורעמווינטן זיינען ניט בכּוח צו רירן זיי פון אָרט. זיי שטייען פעסט, ווי אַ באַרג. די־דאָזיקע כּיתה וואוינט גרעסטנטייל אין ליטע. זיי פאַרנעמען די פּאָסטנס פון רבנים און דיינים ביי יידן; זיי מאַכן ספרים וועגן דינים און שאלות־תּשובות וועגן איסור־והיתר; מיט אַלע סיכסוכים און דין־תּורות ווענדט מען זיך צו זיי: זעלטן־ווען מע נעמט אַ רב ניט פון זייער כּיתה. אַפילו די חסידים קומען אויך צו זיי מיט פאַרשיידענע דין־תּורות און מיט שאלות, אויך מיט מסדר־קידושין זיין, מיט גטין און חליצות וכדומה. פון זינט די חסידים האָבן זיך פאַרפּעסטיקט אין וואָלין, פּאָדאָליע און אוקראַינע, און די מתנגדים האָבן אויך פאַר זיי מורא געקראָגן, זיינען פאַראַן אַ סך לומדים, וואָס הנפנען זיי און האַלטן זיך פאַר חסידים, אָבער אין האַרצן זיינען זיי ניט מיט זיי. דאָס איז אַ כּלל: צווישן אַ מתנגד און אַ חסיד איז אַן אייביקע שנאה.

בעת די שטראַלן פֿון דער השׂכּלה זיינען אַריינגעדרונגען פֿון פּרייסן קיין ליטע און פֿיל יידישע יונגעלייט האָבן זיך גענומען ציען צו איר ליכט, האָבן די ליטווישע רבנים ניט איינגעזען אין דעם קיין שום חטא, כּל־זמן זיי זיינען געשטאַנען מיט איין פֿוס אין דעם ים פֿון תּלמוד און די צווייטע — אויף דעם באַרג פֿון השׂכּלה. זיי האָבן אויך ניט געזוכט קיין עבֿירות אויף משה מענדעלסאָנען, ניט געהאַסט אים פֿאַר זיין אָפּגעבן זיך מיט וויסנשאַפֿטן: וויבאַלד זיי האָבן געהערט, אַז ער איז אַ כּשרער און פֿרומער ייד, איז ער ביי זיי געוואָרן אַן אָדם גדול, ווי אַלע יידישע גדולים אין די אַלטע צייטן, וואָס פֿלעגן זיך עוסק זיין אין חכמות חיצוניות און געשריבן זייערע ספֿרים אין דעם לשון פֿון דעם פֿאָלק, צווישן וועלכן זיי זיינען געזעסן. אַזוי האָט זיך צום סוף אָפּגעדרוקט דער גאַנצער תּנך מיט דער דייטשער איבערזעצונג און מיטן ביאור פֿון רמב״מן מיט זיינע תּלמידים, און קיינער האָט קיין פּיפּס ניט געטאָן. ניט אַזוי איז געווען, בעת דער תּנך האָט זיך אָפּגעדרוקט אין וואַרשע — די וועלט האָט געציטערט, די חסידים זיינען געווען אש־להבֿה און עס האָט זיך געטאָן מעשׂים.

ביי זיי איז דער רמבמ״ן געווען אומווערדיק און זיינע ספֿרים זיינען געווען אַפּיקורסישע און דער, וואָס האָט זיי געלערנט, איז געווען אַן אַפּיקורס. דעריבער, בעת ס׳איז אַרויס דער ספֿר „תּעודה בישׂראל“, האָבן אים די חסידים געשאָלטן מיט טויטע קללות; בלויז דאָס הייפֿל משׂכּילים האָט זיך געפֿליסט אים צו פֿאַרשפּרייטן צוליב דעם גרויסן נוצן, וואָס זיי האָבן אין אים דערזען. ניט אַזוי איז אָבער געווען אין ליטע, וואו קיינער האָט אויף אים ניט מערער געווען, און אַלע, וואָס קענען האַלטן אַ ספֿר אין האַנט, האָבן גלייך דערקענט, אַז אין אים ליגט אַ בענטשונג, אַז ער איז אויסן נאָר גוטס, ווי עס האָט אויף אים געשריבן דער באַרימטער ווילנער רבֿ ר׳ אַבאַלי אין דער הסכּמה אויפֿן ספֿר:

„ער האָט אונז געלערנט, ווי מיר זאָלן איינשטעלן דעם חינוך פֿון יידישע קינדער; מע זאָל זיי לערנען תּורה און וועלטלעכע לימודים; ער האָט אויסגעטראָטן דעם ריכטיקן וועג פֿאַר יידן צו

בילדונג, צו מלאכה און צו מסחר, צו ווינטשן גליק פארן לאנד און זיין געטריי צו גאט און צום קייסער".

אזעלכע ווערטער וואלטן פון מויל פון א חסידישן צדיק קיינמאל ניט ארויס.

אזוי ארום איז אין ליטע די תורה מיט דער השכלה געגאנגען האנט אין האנט און ס'איז ניט געווען קיין אונטערשייד צווישן א משכיל און א למדן.

נאר הגם זיי האלטן טייער די בילדונג און די וויסנשאפט, גיט עס זיי דאך קיין פלאץ ניט צווישן די אויפגעקלערטע פעלקער, דען זוכנדיק בילדונג, פארווארפן זיי ניט זייערע אוראלטע טראדיציעס און מנהגים, וואס שטאמען פון אזיע: דער גייסט פון אמת, וואס הערשט ביי זיי אין ענינים פון אמונה און מסחר, לאזט זיי ניט אראפגיין פון וועג און אנערקענען זאכן, אפילו דערוויזענע מיט פאקטן, אויב זיי גייען קעגן זייערע פארהייליקטע מנהגים. דער גייסט פון שלום, וועלכן זיי זוכן אין זייערע בתי־מדרשים, ישיבות און קהילות, קען זיי ניט איבערמאכן, זיי זאלן אוועקווארפן געוויסע ווילדע מנהגים, וואס זיינען געהייליקט געווארן בלויז על־פי רגילות און האבן קיין שום יסוד ניט — ניט אין דער תורה שבכתב און ניט אין דער תורה שבעל־פה, א שטייגער די לאנגע קליידער פון די פוילישע יידן, הגם זיי זיינען ניט געגעבן געווארן מסיני, הגם ס'איז באוואוסט, אז פון דעראזיקער רעפארם און פון איינפירן די לאנד־שפראך — איז אפהענגיק אונזער גליק און וואוילשטאנד צווישן דעם פאלק, צווישן וועלכן מיר וואוינען. בלויז דער ווילן פון קייסער, ירום הודו, קען זיך שטעלן קעגן זייער ווילן. פארהאן ביי זיי אויך אזעלכע, וואס גייען ניט ארויס מפתח ביתם, כדי זיי זאלן ניט דארפן אויסטאן די לאנגע קליידער.

בנוגע קבלה — איז פארהאן צווישן זיי אזעלכע, וואס גלייבן אין איר, האבן אבער מורא פאר איר, ווי פאר פייער, און היטן זיך צו לערנען זי, ווייל זי איז זייער שווער; פארהאן אויך אזעלכע, וואס באקעמפן זי שטארק און האלטן זי פאר א פרעמד געוויקס. אבער סיי די און סיי יענע זיינען זיך ניט נוהג לויט איר, נאר

לויט די דינים פון תלמוד און פוסקים, וואס הייסט מנהג אשכנז ופוילן. זיי זיינען שטארק מדקדק צו דאווענען אין דער צייט, סיידן אין איבערגעוויינלעכע פאלן פון קראנקהייטן און סכנה; זיי זיינען מקפיד צו לייענען די תורה און צו דאווענען לויט די כללים פון דיקדוק און מיטן נוסח פון דער מעלאדיע, וואס איז איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור; זיי פלייסן זיך אפצוהיטן די געבאטן פון דער מלוכה און פליכטן פון לאנד: (פון זיך גופא טיילן זיי אויס ממונים, כדי אויפצומאנען פארשיידענע אפצאלונגען און שטייערן. זיי האבן ליב דעם מלכות און ווינטשן אים גליק.

די סעקטע פון חסידים, וואס האבן זיך מיט א קורצער צייט צוריק שטארק פארפעסטיקט אין רוסלאנד, פוילן און גאליציע, האט זיך דערהויפט עוסק געווען אין קבלה און מוסר, וואס איז געבויט אויף קבלה. זיי האבן ניט קיין איינגעשטעלטע סיסטעם אין דעמדאזיקן לימוד, זיי לערנען ניט די קבלה, ווי מע לערנט אוועלכע־עס־איז אנדער וויסנשאפט: מע קלייבט תחילת אויס די ספרים, וואס האנדלען די כללים פון דער וויסנשאפט לויט א געוויסן סדר, דערנאך גייט מען ווייטער, פון לייכט צו שווער. זיי זיינען זיך אזוי ניט נוהג — וואס פאר א קבלה־ספר עס פאלט ניט אריין צו זיי אין האנט, דעם נעמען זיי; דעריבער זיינען צווישן זיי פארהאן זייער ווייניק, וואס קאנען ווירקלעך קבלה, הגם אלע טראגן זי אויף די ליפן און אירע טערמינען קענען זיי אויף אויסווייניק; און אפילו די וואס קאנען — קאנען זי אויך נאר פון אויבנאויף, ניט פארשטייענדיק דעם אינהאלט. זיי טוען בפועל ממש אזוי ווי יענער, וואס קאכט אויס דעם רעצעפט אין וואסער, אנשטאט אוועקצוגעבן אים אין אפטייק צו אויספארטיקן: זיי שרייבן־אויף אויף א שטיקל פאפיר די נעמען פון די מלאכים, וואס באמת באדייטן זיי גאר אבסטראקטע באגריפן, און גיבן עס טרינקען קראנקע מיט וואסער. זיי טוען עס דערפאר, ווייל זיי ווייסן ניט דעם תוך פון דער זאך; דעריבער פארגעטערן זיי איר אויסערלעכע זייט. זיי באגרייפן ניט די אידעע, און נעמען אן דעם רויען חומר פאר דער אידעע. דאס האט שטענדיק געטראפן מיט די אוראלטע געצנדינערישע פעלקער: די געלערנטע,

די חכמים האָבן שטענדיק געוואוסט די פאַרבאָרגענע כוונה פון דעם אָפּגאָט, אַז ער איז מער ניט, ווי אַ קערפּערלעכער סימן, וועלכער באַצייכנט אַ אינטעלעקטועלן אַבסטראַקטן עצם, אָבער דער פינסטערער המון איז געשטרויכלט געוואָרן און אָנגענומען דעם אָפּגאָט פאַר אַ גאָט און געדינט צו אים.

מע דאַרף נעמען אין אַכט נאָך אַ זאַך: די עטיק פון דערדאָזיקער סעקטע באַזירט ניט אויף דעם צייטווייליקן און אייביקן גליק פון דעם מענטשן, נאָר איר יסוד איז מיסטיק און סודות. אויב אַ מענטש טוט אַן עבירה, מאַכט ער דערמיט אַ פּגם אין אַ געוויסער ספירה און באַשאַפט אַ טייוול. זיין שטראָף איז: מגולגל צו ווערן אין אַ חיה, אָדער אין אַ בהמה, אָדער אין אַן אַנדער אומרייניקער באַשעפעניש. בלויז דער רבי אָדער צדיק, וואָס נאָר צו זיי אַליין זיינען אַנטפּלעקט די סודות פון דער קבלה, קענען זיין נשמה מתקן זיין. דערדאָזיקער רבי, גלייבן זיי, קען ריידן מיט מתים, מיט רוחות און מלאכים סיי אין חלום, סיי אויפן וואָר. ער קען ווייזן מופתים אויפן הימל און אויף דער ערד, קען איבערמאַכן און איבערשטעלן די געזעצן פון דער נאַטור. ליט זיין ווילן, קען אין הרף=עין ברענגען אַ מענטשן פון גאַנץ ווייט רייטנדיק אויף אַ שטעקן. אַז איין שטיקל ערד ווערט באַרעגנט, און אַ צווייט — ניט, שטעקט אין דעם דעם רבינס האַנט; אַז אינעווייניק אין לאַנד הערשט שלום, איז עס אַ רעזולטאַט פון דעם רבינס רצון; אויב צווישן צוויי מלכים ברעכט אויס אַ מלחמה, קריגן זיך דאָס די רביים, און די מלכים זיינען ביי זיי נאָר שפּילצייג; און אויב די רביים מאַכן שלום, מאַכן צווישן זיך די שרים אין הימל אויך שלום, און די מלכים שטעלן אָפּ די מלחמה.

זייערע ידיעות אין תלמוד זיינען זייער שוואַכע, ווייל דער עיקר איז ביי זיי די סודות פון דער קבלה, וואָס שטעקט אין תלמוד, די מעשה=בראשית און די מעשה=מרכבה, און יעדער רבי דרשנט אַרויס פון תלמוד, וואָס זיין האַרץ געלוסט, און קיינער דערוועקט זיך אים ניט צו שטעלן אַנטקעגן. אין די דינים זיינען זיי מחמיר נאָך מערער, ווי די מתנגדים, דען זיי גלייבן, אַז

די דינים האָבן סודות און רמזים אין תיקונים אין די אייבערשטע עולמות, און דעריבער קלאַמערן זיי זיך אַפילו אָן אַזעלכע מנהגים, וואָס זיינען בלויז אַ זאַך פון טראַדיציע, האָבן אָבער ניט קיין יסוד אין תלמוד; דען יעדע זאַך, וואָס האָט זיך ביי זיי איינגעוואָרצלט, האָט זיין באַהאַלטענעם טעם אין קבלה, און דער, וואָס איז זיי מבטל, מאַכט אַ פגם אין די ספירות, האַקט אונטער די צווייגן און מאַכט חרוב וועלטן, גאָט=ברוך=הוא פאַרגיסט אויף אים טרערן און די שכינה קלאָגט, און דער צדיק, דער רבי, איז געצוואונגען אַוועקצוגיין צוליב דעם פון דער וועלט. בילדן זיך אין לערנען שפּראַכן איז ביי זיי אַ גרויסער חטא, און דער וואָס באַגייט אַזאַ אומווערדיקע זאַך, איז ערגער, ווי דער, וואָס איז עובר אויף אַלע געבאָטן — ער איז אַן אַפּיקורס. דער וואָס לייענט ספרים היצונים (ספרים ניט פון תנך, משנה, גמרא, קבלה און חסידות), מאָג אַפילו דאָס לערנען זיין ניט קיין ערנסטער, ווערט זיין מויל און זיינע אויגן טמא און ער דאַרף באַקומען תיקון ביי אַ רבין. ער קען ניט ריינוואַשן זיך, ביז ער מיט דער גאַנצער חברה חסידים שווענקען ניט דורך די העלזער מיט בראַנפן עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד, און ער גיט ניט אַ געווויסע סומע פדיון=געלט דעם רבין פאַר זיין נשמה, וואָס איז טמא געוואָרן דורך די אויגן.

צווישן דידאָזיקע חסידים טיילט זיך אויס איין כיתה מער פון אַלע אַנדערע כיתות — דאָס זיינען די חב"דער חסידים. די חב"דער חסידים זיינען דערהויפט פאַרשפּרייט אין ליטע, אַ ביסל אויך אין מאָלדאַוויע און וואָלין, אונטער דער פירונג פון ר' מנחם=מענדל (ער איז אויך איינגעלאַדן געוואָרן דורך ה"ר ליליענטאַל אויף דער קאָנפערענץ קיין פעטערבורג), ר' בערס אַן אייניקל און ר' שניאור=זלמנס אַן אייניקל. ער איז אויך אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער חסיד. פיל פון דידאָזיקע חסידים האַלטן פון ביידע זאַכן, אי פון חסידות און קבלה, אי פון תלמוד; זיי פאַרנאַכלעסיקן אויך ניט בילדונג און וויסנשאַפטן, דערהויפּט די לאַנד=שפּראַך, און זיינען געניט אין די געזעצן פון דער מלוכה, פאַרנעמען זיך מיט מסחר און טיילווייז אויך מיט מלאכה. די חב"דער

חסידים האָבן אויפֿגענומען וואַרעם דעם „התעודה בישראל" און פֿיל פֿון זייערע גבֿירים האָבן געשטיצט דעם מחבר, ער זאָל קענען אַרויסגעבן די איבעריקע ספֿרים.

אָבער די איבעריקע חסידישע סעקטעס בכּלל האָבן פֿאַראומווערדיקט דעם פּראָגרעס פֿון דער וועלט און זיינען גאָרניט קיין מענטשן פֿון ישובֿ. פֿיל פֿון זיי לעבן אין גרויס דחקות, דערנערן זיך בלויז מיט נדבֿות. דאָס זיינען די בטלנים, וואָס טוען גאָרנישט, זיצן אין די בתי-מדרשים אין קלויזן און ברענגען אויס די צייט אין פּוסטע זאַכן און אין נאַרישע מעשׂיות וועגן מופֿתים פֿון רביים, און זייער גאַנצער פֿאַרמעגן באַשטייט אין דירדאָזיקע פֿיר איילן מיסט און בלאָטע, און אין קוויקן זיך מיט די אויסגעטראַכטע וואונדער. פֿאַרהאַן צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען פֿון עפּעס אַ רבין סמיכה און האָבן דערפֿאַר געכאַפּט, אַלס אבֿן-טובֿ, אַ גרויסן נדן, אָדער האָבן באַקומען אַ רייכע ירושה — אַזעלכע מענטשן, ניט האָבנדיק קיין שום ידיעה אין וועלטלעכע זאַכן, ניט טויגנדיק צו קיין שום מלאָכה און מסחר, און דערצו אויסגעטאָן פֿון אַלע חובֿות, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן לגבי זיין מלך, זיין לאַנד און זיין פֿאַמיליע — נעמען זיי זיך גאָר צו קאָנטראַבאַנד. אַזוי, אַ שטייגער ווייסן מיר קלאָר, אַז פֿיל חסידים פֿאָרן אין גאַליציע צו ר' ישׂראל רוזשינער, בלויז כּדי צו ברענגען פֿון דאָרטן קאָנטראַבאַנד. דערהויפּט האָבן זיי פֿיינט און זיינען מבֿזה די בעלי-מלאָכות, וואָס לעבן פֿון אייגענער האַרצע, און צווישן זיי איז כּמעט ניטאָ איינער, וואָס זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט אַ וועלכער-עס-איז מלאָכה, הגם די בעלי-מלאָכות גייען נאָך זיי נאָך, צוליב זייער אומוויסנהייט, גלייבן אין צדיקים און גיבן זיי פּדיונות.

כּדי צו שאַפֿן זיך אַן אויטאָריטעט, כּדי צו זיין פּריווילעגירט, האָבן די חסידים פֿון דערדאָזיקער סעקטע פֿאַרוואָרפֿן די אַלטע מנהגים און האָבן איינגעפֿירט דעם מנהג ספֿרד, הגם די גרעסטע מקובלים, מיט ר' יצחק לוריאָ בראש, זיינען געווען אַשכּנזים און האָבן זיך דאָסרובֿ געפֿירט לויטן מנהג אַשכּנז סיי אין זייער לשון, סיי אין זייער הלבשה. די חסידים פֿון אָט דער סעקטע טראָגן

ווייסע אָדער קאָלירטע קליידער, מיט ברייטע צעשפּאָלטענע אַרבל, און דער גאַרטל אויף זייערע לענדן באַדעקט אַ האַלבן גוף. זייערע גראָבע בייכער זיינען ביי זיי אַרויסגעשטאַרצט אויף אַ האַלב אַרשין פאָרויס, ווי אַ מין צירונג. ווער עס מיט זיך מערער לטובֿת זיין בויך, יענער איז אַ פיינער מאַן און אַ שיינער ייד. און וואויל איז דעם, ווער עס האָט נאָך דערצו אַ לאַנגע באָרד, דער הייסט אויך אַ ט י י ע ר ע ר ייד. אויף זיי האָט זיך מליצהדיק אויסגעדריקט דער באַרימטער רבֿ יש"ר מקאַנדיאה, אַז „אויב אַ בויך מיט אַ באָרד זיינען אַ סימן פון חכמה, זיינען ניטאָ קיין גרעסערע חכמים אויף דער וועלט, ווי ציגן מיט בעק". אויב איינער פאַרמאָגט ניט קיין גרויסן בויך, נעמט ער אַ קישן און לייגט אונטער אונטערן בגד, כדי עס זאָל אויסזען ווי אַ גרויסער בויך."

ווער קען עס אויסדערציילן און אויסרעכענען זייערע נאַרישע מנהגים און זייערע ווילדע גלייבונגען, וואָס זיינען באַשריבן אין דעם ים קליינינקע ספרימלעך, ווי די ספרי מוסר פון זייערע רביים? למשל, דער גלייבן אין השארת־הנפש האָבן זיי צונויפגעמישט מיט פּוסטע מעשיות און ליגנס, וואָס האָבן קיין שום גרונט ניט: זיי גלייבן, אַז נאָכן טויט בלייבן די צדיקים אויף דער וועלט, אָדער לעבן אין ביידע וועלטן צוזאַמען, ריידן מיט זייערע קינדער און גוטע פריינד סיי אין חלום, סיי איבן וואָר, קומען שבת און יום־טובֿ צו זיי אַהיים, זעצן זיך אויף זייערע ערטער, עסן אָפּ און גייען אַוועק אין זייער רו אַריין; צו ריידן מיט מלאכים און מיט אליהו־הנביא איז ביי זיי אַ קנאַפּע מעשה — אַפילו די מדרגה פון משה רבינו איז ביי זיי ניט פון די גרויסע ענינים.

י.

די יידן פון גאַליציע נעמען די ערשטע אויף די השכלה. — די בראָדער סוחרים טראָגן אָן די השכלה אין רוסלאַנד. — דער אַפּטער שילט די בראָדער מיט טויטע קללות. — די רדיפות אויף די משכילים. — ווי הייסן די משכילים אין ליטע — מענדיל לעפין. — אין יעדער שטאָט ווערט אַ חברה פון משכילים. — מענדעלסאָנס ביאור, די „מאספים" און ווייזלס שירים. — די השכלה געפינט אַ גינסטיקערן באָדן אין וואָלין איידער אין ז'ער ליטע. — פאַרשפּרייט זיך אָבער ניט אין כּמות. — די סיבות דערפון.

די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די גרויסע גאַליציש שטעט זיינען געווען די ערשטע, וואָס אויף זיי האָט איינגעשיינט דאָס ליכט פון דער חכמה פון דעם רמבמ"ן און זיינע תלמידים. צוליב זייערע מסחר־ענינים פלעגן זיי אַרומפאָרן אין פאַרשיידענע רוסישע שטעט און ברענגען מיט זיך פאַראיינס די געווירצן פון זייער אויפקלערונג און וויסן; די יוגנט האָט פאַרזוכט און עס איז איר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. דערהויפט האָט זיך מיט דעם אויסגעצייכנט בראָד, אַ שטאָט פון געלערנטע און משכילים, וואָס פלעגן דאָס רוב האָבן געשעפטן מיט רוסלאַנד. אומעטום, וואו אַ בראָדער סוחר פלעגט קומען, פלעגט ער נעמען די יוגנט מיט זיין שיינעם ריידן; ביי זיי פלעגט זיך עפענען די אויגן און זיי פלעגן דערזען, אַז זיי זיינען מוטער־נאַקעט פון יעדער בילדונג און וויסן, און זיי פלעגן זיך נעמען צו בילדונג. אין דעם פרט איז דער בראָדער סוחר געווען פאַר זיי אַ וועגווייזער און אַ פירער. מחמת דעם האָבן די חסידים ניט געקענט פאַרטראָגן די בראָדער יידן און דער אַפּטער רבֿ האָט זיי געשאָלטן מיט ביטערע קללות, געזאָגט, אַז זיי האָבן אַריינגעבראַכט אַפּיקורסות אין רוסלאַנד.

אייב גאָט בויט אַ הויז, איז אומזיסט די מי פון די צעשטערער איינצוּוואַרפן דעם באַלקן און צעשטערן דעם גרונדפעסט; זיי וועלן

טאַקע אומקומען, און דאָס הויז וועט בלייבן שטיין, דען גאָט דער האַר פֿון די הערשאַפֿטן האָט אים געבויט. זייער פֿיל צרות האָבן געהאַט אויסצושטיין די קעמפֿער פֿאַר ליכט פֿון דעם צאָרן פֿון די פֿינסטערע לייט, וואָס האָט געברענט, ווי אַ העליש פֿייער. אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן, כּדי צו פּייניקן זיי און צו מאַכן צו נישט זייערע האָפֿענונגען און זייערע באַמיאונגען — האָבן זיי געטאָן: זיי האָבן זיי אַרויסגעטריבן פֿון שטאָט, צוגענומען בײַ זיי די דירה, מחרים געווען, געמאַכט זיי צו שאַנד און צו שפּאָט, אָנגעצונדן דאָס פֿייער פֿון מחלוקת צווישן איידימס און זייערע שווערן, וואָס זיינען געווען פֿינסטערע מענטשן אָן קיין שום וויסן; האָבן דערציילט פֿאַר זיי, אַז זייערע איידימס האָבן זיך אויסגעטאָן פֿון ייִדישקייט און זיך איבערגעגעבן צו הפֿקרות; האָבן דערציילט ליגנס זייערע יונגע פֿרויען, אַז זייערע מאַנען האָבן איבערגעהערט גלייבן אין גאָט און באַלד וועלן זיי זיך שמדן, און אַזוי אַרום האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ תּהום צווישן זיי און זייערע פֿרויען און זיי געצוואונגען צו געבן גט, בכּדי מען זאָל זיי אַרויסטרייבן פֿון דעם שווערס הויז און זיי זאָלן ניט האָבן וואָס צו עסן — און במילא וועלן זיי זיך אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ די בילדונג מיט דער השׂכּלה. אַ סך מענטשן האָבן דידאָזיקע לייט דערשלאָגן אויף אייביק, ווייל זיי האָבן ניט געקענט בײַשטיין קעגן זיי. ס'איז ניט געווען דער מיטל און די תּחבולה, וועלכע די פֿאַנאַטיקער זאָלן ניט אויסגעפֿינען, אַבי אָפּצומעקן דאָס געדעכעניש פֿון דער השׂכּלה פֿון דער ערד. אָבער אומזיסט! גאָט האָט געזאָגט: עס זאָל זיין ליכטיק!

ווי אַ האַמער, וואָס צעפּיצלט אַ פֿעלז, אַזוי האָבן זיך צעשפּריצט די ליכטשטראַלן אומעטום אין אַלע שטעט, אויף צו להכעיס די וועכטער פֿון אָבערגלויבן, וואָס זיינען אַרומגעפֿאָרן איבער די שטעט, כּדי איינצוצאַמען און איינהאַלטן דעם שטראָם פֿון דער השׂכּלה.

אין ליטע זיינען די שטראַלן אַריינגעדרונגען דירעקט פֿון דער נאָענטער פּרייסן און פֿון בערלין. (דעריבער הייסן דאָרטן די משׂכּילים ביז היינט „בערלינער“; קיין וואָלין און פּאָדאָליע איז

די השכּלה געקומען פֿון בראָד און לעמבערג. דיזאָזיקע שטראַלן האָבן זיך ביסלעכווייז אויפֿגעזאַמלט און זיינען געוואָרן צו גרויסע פֿאַקלען.

פֿון דעם קליינעם שטעטל מיקאָלאַיעוו, לעבן אַלט־קאָנסטאַנטין, איז אַוועק קיין בערלין היילן זיך איינער ר׳ מנחם־מענדל לעפֿין, וועלכער האָט געהייסן מענדל סאַטאַנאָווער; דערדאָזיקער לעפֿין איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער קענער אין מאַטעמאַטיק. אין בערלין האָט ער זיך אויפֿגעטראָפֿן מיט ר׳ משה מענדל־סאָנען און איז געוואָרן זיינער אַ פֿריינד און אַ תּלמיד מובֿהק. אומקערנדיק זיך דערנאָך צוריק אַהיים, האָט ער גענומען פֿאַרשפּרייטן זיין רבינס תּורה און האָט געקראָגן אַ סך תּלמידים אין די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך. און היות די טבֿע פֿון דער ליכטיקייט איז צו פֿאַרטרייבן די פֿינסטערניש, ווי דער אַלטער שפּריכוואָרט זאָגט:

ווען דער אמת שיינט אויף העל
מאַכט דער שקר פּליטה שנעל... —

האָט דעריבער אין אַ קורצער צייט די ליכט פֿון חכמה אָנגעפֿילט דאָס גאַנצע לאַנד. ס׳איז ניט געווען קיין איין שטאָט, וואו עס זאָלן זיך ניט געפֿינען משכּילים. הגם זיי זיינען אויסגעשטאַנען אַ סך רדיפֿות פֿון די חסידישע רביים, וואָס זיינען געווען פֿול ווי די היישעריקן, האָט דאָך זייער השכּלה זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג אַלץ וויטער, זי איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און קיין שום שטערענישן האָבן זיי ניט געקענט אָפּהאַלטן.

אַן ערך פֿינף און דרייסיק יאָר נאָכן טויט פֿון דעם רמבמ״ן, אין יאָר תּקפ״א, בעת איך בין אַלט געווען צען יאָר, האָבן זיך שוין ביי אונז אין שטעטל געפֿונען דער תּנ״ך מיטן ביאור און דער דייטשער איבערזעצונג, די ווערק פֿון ר׳ נפֿתּלי־הערץ וויזל, די ספֿרי דקדוק פֿון בן־זאבֿ, די „מאספֿים״ און אַנדערע השכּלה־ספֿרים, וועלכע האָבן ליכטיק געמאַכט מיינע אויגן, און אַזוי איז געווען אויך אין די איבעריקע אַרומיקע שטעטלעך.

און פּונקט ווי עס איז אויפֿגעקומען ר׳ מענדל סאַטאַנאָווער, זיינען אויך אויפֿגעקומען אַנדערע אויפֿגעקלערטע לייט אין דער

פראָווינץ, וואו די חסידות האָט זיך שטאַרק פאַרפעסטיקט, און מיט זייער ברייטן פאַרשטאַנד האָבן זיי געקענט מאַכן, אַז פון דער פינסטערער נאַכט זאָל ווערן העלער טאָג. זייער ווויסן איז זיי בייגעשטאַנען אין דעם געראַנגל מיטן חסידיזם, וואָס האָבן געזיגט.

בעת אָבער די השכלה האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושפּרייטן, האָט זי געפונען אַ גרעסערן באָדן אין די חסידישע געגנטן, איידער אין די מתנגדישע, מחמת די השכלה האָט זיך דורכגעלייגט אַ וועג צום לעבן, און זעענדיק, אַז זי האָט אַ סך שטרויכלונגען און שטערונגען דורך די איבעריקע חומרות און פאַלשע נאַרישע מנהגים, וואָס האָבן זיך צוגעקלעפּט צום דת אין מיטלעלטער, בעת די יידן זיינען געווען אַרויסגעשטויסן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און די משכילים האָבן זיך גענומען אָפּראַמען דיזאָזיקע שטערונגען — האָבן זיך קעגן זיי אַוועקגעשטעלט די מתנגדים מיט דער גאַנצער קראַפט, ווייל ביי זיי איז דער תלמוד מיט אַלע מפרשים די שטאַרקסטע שטיצע, און יעדער נאַרישער מנהג, וואָס איז פאַרהייליקט געוואָרן אויס אַלטקייט, איז ביי זיי געווען הייליק, ווי די תורה אַליין. דאָס האָט זיי געגעבן קראַפט און דרייסטקייט אַרויסצוגיין קעגן דער השכלה, וואָס צעשטערט, לויט זייער מיינונג, די עיקרים פון דת.

ניט אַזוי זיינען געווען די חסידים, וואָס הגם זיי האָבן געהאַסט די השכלה נאָך מער, ווי די מתנגדים — און ווען אַפילו די משכילים וואָלטן אָפּגעהיט אַלע חומרות און מנהגים נאָך מער פאַר די חסידים גופא, וואָלט מען זיי אויך געהאַלטן פאַר אַפּיקורסים, בלויז דערפאַר אַליין, וואָס זיי האָבן געלערנט שפּראַכן און קענטענישן — האָבן זיי דאָך ניט געקענט ביישטיין קעגן דער השכלה, מחמת זיי גופא האָבן זיך אויך געשטיצט ניט אויף די יסודית פון דער אַלטער תורה, נאָר אויף אָבערגלויבן און סודית פון קבלה און חסידות, וואָס האָבן זיך ערשט ניט לאַנג באַוויזן צווישן יידן, און אויף וועלכע די קאָנסערוואַטיסטן זיינען געווען פלאַם-פייער. אַז אַ מתנגד אַ תלמודיסט פלעגט אויפוואַרפן אַ משכיל, נאַכסאָל

ער באַציט זיך בקלות־ראש צו אַ געוויסן נאַרישן מנהג, האָט יענער געמוזט זיך באַוואָפֿענען קעגן אים מיט כּלי־זיין, גענומענע פֿון דער תּורה גופֿא און אים אויפֿווייזן, אַז ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען די אמתע כּוונה פֿון די חכמי התּלמוד, וואָס זיינען אויסן געווען, אַז יידן זאָלן זיין גליקלעך, זאָלן זיך פֿאַרפֿולקומען. אַ חסיד אָבער, וואָס איז אַליין געווען פֿאַררעכנט ביי די תּלמודיסטן פֿאַר אַן אויסגעלאַסענעם און אַפּיקורס, אַז ער פֿלעגט אַריינטרעטן אין אַ וויכּוח מיט אַ משׂכּיל, פֿלעגט אים דער משׂכּיל גאָר ניט וועלן ענטפֿערן; ער פֿלעגט אים צאָלן מיט זיין מטבּע און זאָגן אים דאָס אַלטע שפּריכוואָרט: „אוידער דו גייסט אַראָפּנעמען ביי יענעם אַ שפּענדל, נעם אַראָפּ ביי זיך אַ באַלקע“.

דאָס האָט מיטגעבראַכט דערצו, אַז די השׂכּלה־באַוועגונג זאָל זיך מערער פֿאַרשפּרייטן אין די ערטער, וואו די חסידים האָבן שוין געמאַכט אַ גרויסן בּראָך אין דער פֿעסטונג פֿון דעם שולחן־ערוך, אוידער אין די ערטער, וואו די מתנגדים האָבן זי נאָך מער פֿאַרפֿעסטיקט און אויפֿגעבויט איף איר גרויסע שטאַרקע מורעמס צו שטיצן זי און אונטערהאַלטן זי.

מיר מיינען אָבער ניט, אַז די השׂכּלה האָט זיך אין כּמות מער פֿאַרשפּרייט אין וואָלין, אוידער אין דער ליטע, ד. ה. די משׂכּילים זיינען דאָרטן געווען מער, אוידער דאָ; דאָס איז קעגן דער פֿאַקטישער ווירקלעכקייט. איך מיין נאָר איר אויסשפּרייטונג אין איכות, ד. ה. איר גרעניץ האָט זיך פֿאַרבּרייטערט און אויסגעשפּרייט און האָט זיך ערלויבּט דאָס, וואָס זי וואָלט זיך אַנדערש־וואו, וואו די מתנגדישע אָרטאָדאָקסן הערשן אומבּאַגרעניצט — ניט ערלויבּט. אין ליטע האָט די השׂכּלה, וואָס האָט געוואָלט היילינגן פֿאַר זיך אַ וועג צו דעם פּאָליטישן לעבּן, געמוזט פֿריער גוט צעאַקערן די ערד, אויסרייסן די איינגעוואָרצלטע אוראַלטע ביימער און איינפֿלאַנצן איף זייער אָרט דעם עץ־הדעת — אָנשטאָט וואָס אין וואָלין איז שוין די ערד געווען צעאַקערט פֿון אַנדערע, און די השׂכּלה האָט דעריבּער לייכט געקענט זייען און שניידן.

די סיבּה, פֿאַרוואָס די משׂכּילים האָבן זיך אויך ניט פֿאַר־

שפּרייט אין כּמות און די חסידישע קאַנטן, איז געווען דאָס ליידיקגיין און דאָס אויפֿהערן צו לערנען בכלל, וואָס די חסידות האָט מיט זיך געבראַכט. זי האָט מבטל געמאַכט דאָס לערנען מיט קאָפּ און געמאַכט פֿאַרן עיקר דעם פּוסטן שמועס, די מעשׂיות פֿון צדיקים און דעם אויבנאויפֿיקן לערנען מוסר־ספֿרים און חסידות. הערבֿדעם האָט זיך אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פֿון דער קריטיק פֿון שׂכל, וואָס איר מקור איז אין דעם טיפֿן אַרײַנטאָן זיך אין לערנען, און עס האָט גובֿר געווען די בטלנות, וואָס איז זייער ווייט פֿון יעדער אַרײַנטראַכטונג און שׂכלדיקן דענקען.

אַז בײַ דער יוגנט פֿון דעם נײַעם דור אין ליטע, וואָס האָט זיך ערצויגן אויף לערנען און התמדה, האָט זיך געעפֿנט די אויגן דורך דער השׂכּלה, זײַנען זיי אַוועק אויף דעם נײַעם וועג מיט דערזעלבער התמדה, וואָס ביז אַהער. ניט אַזוי אָבער די חסידישע יונגעלײַטלעך, וואָס זײַנען געווינט אַרומצוגיין אַ גאַנצן טאָג ליידיק, בלויז הערן די נאַרישע חסידישע שמועסן — זיי איז כּמעט געווען אוממעגלעך צו עפֿענען די אויגן, צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס לעבן און די צײַט פֿאָדערן פֿון זיי, ניט זייענדיק געשטויסן צו דעם דורך אַנדערע אָדער דורך אַ צופֿאַל. דאָס רובֿ פֿון זיי האָט טאַקע ניט געוואוסט ניט קיין תּורה, ניט קיין קענטעניש און איז געבליבן הינטערשטעליק פֿון ביידע זײַטן.

יא.

איבערבליק אויף די פארשיידענע חסידישע סעקטעס. — דער מעזשעריטשער מגיד. — דער אסטרער רב. — שווינדלער פארשפרייטן צווישן המון מעשהלעך וועגן די מופתים פון בעש"ט — און דרוקן זיי דערנאך אפ. — דעם מעזשעריטשער מגידס תלמיד ר' שניאור-זלמן — דער גרינדער פון חב"ד. — דער „תניא". — זיינע גרויסע ידיעות אין דקדוק און אסטראנאמיע. — ניט פרעמד פון אנדערע וויסנשאפטן. — זיין כוח איבערצוגעבן קלאר און לאגיש זיינע געדאנקען. — ער רעפארמירט דעם נוסח פון דאווענען. — ר' שניאור-זלמנס יורש ר' בער. — ר' שניאור-זלמנס עלטערער זון זיך געשמדט. — ער ווערט א בעל-תשובה און ריבט אפ גלות. — ר' אהרן סטראשעלער. — ער גרינדעט א באזונדער כיתה.

איצט וועל איך זיך אפשטעלן גענויער אויף איניקע פרטים פון די חסידישע סעקטעס, וואס האבן זיך פארשפרייט אין אונזער קאנט פון זינט דעם בעש"ט אן ביז היינט. און אויף איניקע פון זייערע רביים, וואס דער אנדענק וועגן זיי לעבט נאך אין המון, וועלכער דערציילט זייערע מופתים, און טאטעס צו קינדער גיבן איבער זייער גרויסקייט און זייער מעכטיקייט.

אין די צייטן פון בעש"ט האט אין מעזשעריטש, אין וואלין, געלעבט זיין גרעסטער תלמיד, ר' בער מעזשעריטשער, אדער דער מעזשעריטשער מגיד, וואס איז געווען א מופלג אין נגלה און אין נסתר. ער האט זיך פארשאפט א גרויסן נאמען מיט זיין תורה און מיט זיין יראה. אין זיינע צייטן האט אין מעזשעריטש אויך געלעבט דער מקובל ר' יעקב-קאפל; דערדאזיקער ר' יעקב-קאפל האט געמאכט א סידור, וועלכער הייסט „ר' יעקב-קאפלס סידור", און א ספר שערי גן-עדן אויף די כללים פון קבלה. (דעם ספר האבן די מתנגדים פארברענט אויפן ווילנער שולהויף). צווישן אים און דעם מגיד איז געווען א מחלוקת; מע זאגט אפילו, אז ער האט ליב געהאט דעם ביטערן טראפן, און דער מגיד האט אים דערפאר פארטריבן פון מעזשעריטש.

הגם דער מגיד איז געווען אַ גדול אין תורה, אָבער דאָס, וואָס אים האָט געפעלט די קלאַסישע וויסנשאַפטן, וואָס בלויז זיי אַליין זיינען דער פרוושטיין, מיט וועלכן מען קען אונטערשיידן צווישן אמת און שקר, האָט גורם געווען, ער זאָל זיך לאָזן פירן נאָך דעם בעש"ט דעם בעל-מופת; דען בלויז מיט זיינע מופתים, מיט וועלכע ער האָט איבערראַשט די גרעסטע תלמודיסטן, האָט ער זיי צו זיך צוגעציגן; זיי האָבן אָבער אויף אים אויך ניט געפונען קיין שום חטא קעגן דער יידישער אמונה. ווען דיזאָזיקע תלמודיסטן וואָלטן אָבער זיין געבילדעט און אויפגעקלערט, וואָלט פאַר זיי דער פאַקט גופא פון וויזן וואונדער, וואָס איז אינדעראמתן בלויז שווינדל און פאַלשקייט, זיין גענוג, כדי צו שטעלן זיך אים אַנטקעגן און וואָרענען דאָס פאָלק, מע זאָל זיך ניט לאָזן פון אים פאַרפירן. אָבער דיזאָזיקע פרומע לייט זיינען אויך געווען פאַרפירטע, און אויסער די חכמה פון דער תורה, האָבן זיי פון קיין אַנדער וויסנשאַפט, און דערהויפט פון נאַטורוויסנשאַפט, וואָס צעשטערט אין גרונד אַלע שווינדלערישע וואונדער, קיין שום השגה ניט געהאַט. און ניט נאָר ר' בער אַליין איז געווען פאַרפירט פון אים, נאָר אַפילו גרעסערע פון אים זיינען אויך געווען פאַרפירט: אַ שטייגער אַזאַ מאַן, ווי דער באַרימטער אָסטרער רב, ר' מאיר מרגליות, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן זייער שאַרף קעגן די גאונים פון זיין צייט, למאַי זיי האָבן אונטערגעמורמלט אויפן בעש"ט, אַז הדרך זיינע מופתים קען ער נאָך, חלילה, פאַרפירן דאָס פאָלק, אַזוי ווי די שבתי-צביניקעס. ער האָט אויפגעוויזן, אַז אין דעם בעש"טס הנהגה איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין קעגן דער אמונה, און האָט אויסגעפירט, אַז דער בעש"ט איז אַ הייליקער מאַן, אַ פאָרזעצער פון די געדאַנקען פון דעם אר"י, און האָט אים אַליין אָנגערופן „מיין רבי און מיין לערער".

נאָר אויב דער אָסטרער רב האָט אַליין געגלויבט אין דעם בעש"ט, האָט ער אָבער אַנדערע ניט אַראָפּגעפירט פון וועג: ער האָט זיך בלויז עסק געווען מיט לערנען און רבנות און איז ניט געגאַנגען אין דעם חסידישן דרך. אַנדערש איז אָבער געווען מיט

דעם מעזשיריטשער מגיד, וואָס איז מער נוטה געווען צו די חסידישע מנהגים, און האָט ניט געלערנט מיטן פֿאָלק קיין תּורה, נאָר ווי צו דינען גאָט. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געמאַכט אַ ספֿר וועגן דער עבֿודה לויט דעם חסידישן שטייגער און לויט דעם שטייגער פֿון זיין רבין דעם בעש"ט. פֿון דאַן אָן האָט דידאָזיקע סעקטע, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין פֿעסטן באָדן, זיך שנעל גענומען פֿאַרפֿעסטיקן. עס האָבן זיך ביי איר אָנגעהויבן צו ווייזן מחבּרים און כּתבֿים, און זי האָט אַלץ מער גענומען וואַקסן, ביז זי איז געוואָרן זייער שטאַרק.

און בעת די טעאָרעטיקער פֿון החסידות האָבן זיך געפֿליסן טעאָרעטיש צו באַגרינדן זייער שיטה דורך ספֿרים (אַ שטייגער, דער ספֿר „ליקוטי אַמרים“ פֿון דעם מעזשעריטשער מגיד, „תּולדות יעקבֿ־יוסף“ פֿון דעם פּולנאָער מגיד, און בערך מיט פֿופֿציק יאָר שפּעטער ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער אין זיין ספֿר „קדושת לוי“, „נועם אלימלך“ פֿון ר׳ אלימלך ליזשענסקער, „מאור עינים“ פֿון ר׳ נחום טשערנאָבילער, „אור המאיר“ פֿון ר׳ זאבֿ זשיטאָמירער, „תּולדות אהרן“ פֿון זשיטאָמירער מגיד און נאָך אַ סך אַנדערע), האָבן די שווינדלער זיך געפֿליסן צו פֿאַרשפּרייטן צווישן דעם פּראָסטן המון אָן אַ שיעור מעשהלעך, וועלכע האָבן געבראַכט מערער שאָדן, איידער די אויבנדערמאָנטע ספֿרים. מיט דער צייט זיינען זיי ביי זיך געוואָרן אַזוי דרייסט, אַז זיי האָבן גאָר אָן שום בושה אויפֿגעזאַמלט אַלע זייערע וואונדער־מעשיות און עס אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער ספֿר מיטן נאָמען שבֿחי הבעש"ט, וואָס איז אַרויס אין אַ סך אויפֿלאַגעס אין לשון־קודש און אין זשאַרגאָן, מיט געדרוקטע אותיות און מיט רש"י־אותיות אין דייטש אין מעדזשיבאָזש, באַרדיטשעוו און אַ סך אַנדערע דרוקערייען, און קיינער האָט זיי ניט געשטערט.

און מערער נאָך, וויפֿל זיי האָבן דידאָזיקע מעשיות געדרוקט, פֿלעגן זיי אַליין דערציילן מעשיות, וואָס האָבן איבערגעשטיגן די געדרוקטע. ווען די רעגירונג וואָלט ניט אויפֿמערקזאַם געוואָרן אויף דידאָזיקע מעשים־תּעתּועים און וואָלט ניט געמאַכט צו זיי אַ סוף, וואָלטן מיר איצט געהאַט מעשיות פֿון די רביים, וואָס

האָבן געלעבט אין אונזער צייט, אַ שטייגער: ר' זוסיע אַניפּאָלער, ר' פּנחס קאָרעצער, דער שפּאָלער זיידע, ר' ישראלצע רוזשינער, ר' מאָטעלע טשערנאָבילער, ר' משהלע קאָוראַנער, און אין איסלאַנד: ר' אורי סטרעליסקער, ר' הירשעלע זידיטשויווער, ר' מאירל פּרעמישליאַנער און אַ גוזמא אַנדערע, וואָס וואָלטן אַריבערגעשטיגן די מעשׂיות פֿון בעש"ט און זיינע מקורבים. אַן אויסנאַם איז געווען ר' נחמן בראַסלאַווער, וואָס דורך דער השתדלות פֿון זיין הויפּט־תלמיד ר' נתן האָט ער זוכה געווען, אַז זיינע אויסגעטראַכטע מעשׂיות (זיי שיידן זיך, אמת, אונטער פֿון די מעשׂיות פֿון „שבחי הבעש"ט" מיט דעם, וואָס אין זיי ווערט ניט דערציילט זיינע וואונדער, נאָר זיי זיינען אַזוי ווי די מעשׂהלעך, מיט וועלכע מע שלעפֿערט איין קינדער, אָדער אויף דעם שטייגער פֿון די אַראַבישע מעשׂהלעך און לעגענדעס. לויט דער מיינונג פֿון זיינע חסידים, שטעקן אין די מעשׂיות טיפֿע כוונות, ווי מיר וועלן עס זען שפּעטער) און זיינע מנהגים, וואָס האָבן קיין שום יסוד ניט, זאָלן אָפּגעדרוקט ווערן אין אַ באַזונדער ספֿר מיטן נאָמען „ליקוטי מהר"ן". אָבער אויף זיי האָט אויך די רעגירונג געוואָרפֿן אַן אויג און האָט זיי פֿאַרבאָטן, און די מעשׂהלעך צירקולירן בלויז ביי די בראַסלאַווער חסידים, וואָס פֿאַרגעטערן זיי און פֿאַרהייליקן זיי ביז היינטיקן טאָג.

בעת די חסידות האָט זיך ערשט גענומען פֿאַרשפּרייטן — פֿון איין זייט דורך די ספֿרים וועגן עבֿודת הבורא, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן דורך אמתע גאָטספֿאָרכטיקע מחברים, וועלכע זיינען אומבאַוואוסטזיניק אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער נעץ פֿון אָבערגלויבנס, און פֿון דער צווייטער זייט — דורך שווינדלער, וואָס פֿלעגן דערציילן פֿאַרשיידענע אויסגעטראַכטע שטותערייען, כדי צו ציען דערפֿון הנאה, אין יענער צייט איז פֿון ליטע געקומען צום מעזשעריטשער מגיד אַ וויכטיקער תלמיד ר' שניאור־זלמן פֿון ליאָזנע, וואָס די פֿאָרשונג פֿון גאָטס חכמה האָט אים ניט געלאָזט רוען. נאָכדעם, ווי ער איז אָפּגעזעסן אַ צייט ביי דעם מגיד, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, באַלאָדן מיט דער תורה פֿון זיין רבין, און האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן אין ליטע אַ נייע שיטה, קעגן דעם ווילן פֿון דעם ווילנער גאון. אַרום אים האָבן

זיך געגומען קליינע יידן לומדים, וואָס די נייע שיטה האָט זיי צוגעצויגן, און האָט פאַר זיי געזאָגט חסידות, ערקלערט זיי דעם זוהר און דעם אופן פון דינען גאָט לויט דער קבלה פון דעם אר״י, ווי ער האָט געלערנט ביי דעם מעזשעריטשער מגיד. דורך זיין ספר „תניא״ האָט ער געלייגט דעם גרונדשטיין פון דער נייער סעקטע אין דער ליטע. זיינע חסידים האָבן אים א נאָמען געגעבן „דער רב״ און זייער כיתה האָבן זיי אָנגערופן חב״ד (וואָס איז טייטש: חכמה, בינה, דעה, — אפשר כדי אונטערצושיידן פון די איבעריקע חסידישע כיתות אין וואָלין, פאָדאָליע און גאַלי-ציע, וואָס האָבן ניט—ניט קיין חכמה, ניט קיין בינה, ניט קיין דעת).

ר׳ שניאור-זלמן האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע גרויסע ידיעות אין תלמוד און אין קבלה, און ווי עס איז באַוואוסט, האָט ער געהאַט גרויסע ידיעות אין וועלטלעכע וויסנשאַפטן אויך און האָט אין זיי ניט מזלזל געווען, יעדנפאַלס זיינען זיי אים געווען ניט פרעמד. דערהויפט גרויסע ידיעות האָט ער געהאַט אין דיקדוק און אַסטראָנאָמיע (אפשר האָט ער זיך מתקנא געווען אין דעם ווילנער גאון, וואָס האָט געהאַט קאָלאָסאַלע ידיעות אויף דעם געביט). ווי דער קאָפּוסטער מדפיס ר׳ ישראל יפה האָט מיר דערציילט, האָט ר׳ שניאור-זלמן, בעת ער האָט אים איבערגעגעבן דרוקן זיין סידור, אים געהייסן מגיה זיין פון וואָלף היידלהיימס סידור פון רעדלהיים, ווייל ער איז געדרוקט לויט די כללים פון דיקדוק. אַזוינס וואָלט קיינמאָל אויפן זינען ניט אַרויף אַ וואָלינער רבי, ווייל ביי זיי איז היידלהיימס סידור טרייף, פונקט ווי אַלע השכלה-ספרים.

איסער זיין גרויסער בקיאות אין נגלה און אין נסתר, האָט ער אויך באַזעסן די פעאיקייט קלאָר און לאָגיש אויסדריקן זיינע געדאַנקען סיי אין ריידן סיי אין שרייבן. דיזאָזיקע מתנה האָט ער אויך איבערגעגעבן זיינע קינדער און אַ סך פון זיינע חסידים, וואָס האָבן געהייסן „חוזרים״, ווייל זיי פלעגן איבערזאָגן פאַרן עולם די חסידות, וואָס זיי האָבן געהערט פון רבין, נאָר מיט אַ ברייטערן ביאור. דערמיט האָבן זיך די חב״דער חסידים אויס-

געצייכנט פֿון אַנדערע, חסידישע שטרעמונגען, וואָס פֿאַרמאָגן ניט — ניט קיין לשון, ניט קיין שפּראַך און ניט קיין פֿאַרשטאַנד. די חב״דער חסידים האָבן זיך ניט אומגעקערט מיט דער פֿלייצע צו בילדונג און מלאכה, און זיינען ניט געווען אַריינגעטאָן אין שטותערייען, ווי דאָס האָט געטראָפֿן מיט די איבעריקע חסידים. ר׳ שניאור=זלמן האָט רעפֿאָרמירט דעם נוסח פֿון דאַווענען און האָט געמאַכט אַ שולחן=ערוך אויף די פֿיר טורים, אין וועלכע ער האָט באַוויזן זיינע גרויסע בקיאות און חריפֿות אין נגלה.

נאָך ר׳ שניאור=זלמנען האָט פֿאַרנומען זיין אָרט אין ליבאַוויטש זיין זון ר׳ בער, וועלכער האָט אָנגעשריבן אַ סך חסידישע ספֿרים אויף פֿאַרשיידענע ענינים.

ר׳ שניאור=זלמנס עלטערער זון, משה, האָט זיך געשמדט, זיך באַזעצט אין פּעטערבורג און איז דערנאָך אַראָפּ פֿון זינען, מחמת זיין מוח האָט ניט געקענט באַנעמען די טיפֿקייטן פֿון דער קבלה. אין דער יוגנט, בעת איך בין געזעסן ביי דעם שווער אויף קעסט, האָט מען איינמאָל געבראַכט צו פֿירן אין בית=המדרש אויף אַ פֿיר אַ קראַנקן אָרעמאַן אַ בעל=יסורים. ער האָט זיך איינגעאָרדנט אין חדר שני. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן אין בית=מדרש, האָט ער געפֿאַסט, און אָפּפֿאַסטן זיך פֿלעגט ער בלויז מיט ברויט און וואַסער. ער איז געשלאָפֿן אויף דער ערד, אָן אַ קישן צוקאָפּנס, און האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, אויסער וואָס ער פֿלעגט דאַווענען לויט דעם נוסח און מיט די דבֿיקות פֿון אַ חב״דניק.

מיין פֿאָטער, וואָס איז דעמאָלט ביי מיר געווען צו גאַסט, איז אים געגאַנגען זען. האָט זיך דער אָרעמאַן אַוועקגעשטעלט און האָט אויפֿן וואונק געגעבן צו פֿאַרשטיין מיין פֿאָטער, אַז ער האָט אַ הדרת=פּנים. אויף איינציקע פֿראַגן, וואָס דער פֿאָטער האָט אים געשטעלט, האָט ער געענטפֿערט שריפֿטלעך מיט אַ קלאָרער שפּראַך און מיט אַ שיינער האַנטשריפֿט; ווער ער איז אָבער און צוליב=וואָס ער פֿאַסט, האָט ער בשום אופֿן ניט מגלה געווען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אים צוגעשטעלט אַ פֿור און ער איז אַוועקגעפֿאָרן. דערנאָך איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז דאָס איז

געווען משה, ר' שניאור-זלמנס געשמדטער זון. מיין פאָטער, וואָס האָט פערזענלעך געקענט ר' שניאור-זלמנען, האָט אויך באַשטעטיקט, אַז ער איז געווען אויף אים ענלעך.

ר' זלמן האָט אויך געהאַט אַ באַרימטן תלמיד, ר' אהרן סטראַשעלער. דערדאָזיקער תלמיד איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיין רבינס זון, ר' בער, אין איניקע פרטים פון עבודה, אין ווייל ער האָט געהאַט אַן אַנדער גאַנג, דעם גאַנג פון זיין רבין, און די חב"דער חסידים האָבן זיך דעמאָלט צעטיילט אויף צוויי כיתות, אויף ליבאַוויטשער און סטראַשעלער, און האָבן זיך איינע די אַנדערע באַקעמפט.

יב.

דעם בעש״טס אייניקל ר׳ ברוך.—ר׳ הערשעלע אָסטראָפּאָלער.— ר׳ ברוכס הויף־לץ.—ער זאָגט אריין ר׳ ברוכן דעם אמת און ברענגט אויף זיך דעם טויט. — ר׳ שניאור־זלמן ליאַדיער פּאָרט צו ר׳ ברוכן.—ר׳ נחמן בראַסלאַווערס ווערטל.— די באַגעגעניש פון ר׳ שניאור־זלמן ליאַדיער מיט ר׳ ברוך מעזשיבושער. — ר׳ שניאור־זלמן אַנטטוישט פון ר׳ ברוכן. — ר׳ ברוך ווייט פון די באַדערפעניש פון פאָלק. — ער פאַרטיפט זיך אין חסידות און דערהויבט זי צו אַ פילאָסאָפישער שיטה.

נאָך דעם בעש״טס טויט האָט זיין אָרט פאַרנומען זיין אייניקל ר׳ ברוך. תּחילת האָט ער זיך באַזעצט אין טולטשין, דערנאָך האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין מעזשיבוזש, די חסידישע רוים, וואו ער האָט זיך געשטיצט אויף דער פעסטונג, אויף זיין זיידן, און האָט ווידער געוועבט די פאָדים פון חסידות אין פּאָדאָליע. דערדאָזיקער צדיק איז געווען אַ צעפּיעשטשעטער זון ביי זיין מאַמען, האָט ניט באַקומען קיין שום חינוך, ניט געלערנט און ניט געלייענט, ניט געדענקט און ניט געטראַכט, ניט געוואוסט ניט קיין תורה, ניט קיין וועלטלעכע זאַכן, ניט דעם מצב פון זיין פאָלק און ניט די נויטווענדיקייט אַריינטראָגן אין אים רעפאָרמען. זיין האַרץ האָט ניט וויי געטאָן אויף דעם, וואָס דאָס פאָלק ווערט פאַרדאָרבן און ער האָט ניט פאָראויסגעזען די צוקונפט — אָט־אָ־דער־אָ איז עס געווען אַראש און אַמנהיג ביי יידן.

זיין ערשטע עבודה איז געווען צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט און מאַכן געלט, און דער, וואָס האָט געגעבן מער געלט, דעם האָט ער געגעבן אַ שענערן פּלאַץ לעבן זיך, איידער אַלע איבעריקע גבירים. ער פלעגט אַרומפאָרן אין אַן אייגענעם קאָטש, אַזוי ווי אַ גרויסער שׂררה, פלעגט שטענדיק אָפּריכטן סעודות מיט וויין און פליישׁ, זיינע חסידים פלעגן זיין שיכּור און אַרומגיין ליידיק.

דורות אין יענע צייטן איז געווען אַמנהג ביי קיניגן און

שררות, דערהייבט ביי די פוילישע מאגנאטן, צו האלטן אין זייערע הויפן אליין, האט דערדאזיקער צדיק איבערגענומען דעם מנהג און האט אים ביי זיך אויך איינגעפירט. (און נאך אים — אלע צדיקים און רביים אין אלע צייטן). ער האט ביי זיך געהאט א יידן מיטן נאמען הערשל אסטראפאליער, וואס איז געווען א גרויסער לץ און האט געקענט אפווענדן דעם צדיקס הארץ פון טרויער צו פרייד און פון כעס צו געלעכטער (דער הייליקער אין גייסטלעכער מאן איז געווען א גרויסער כעסן!). פון די מעשיות און גלייכווערטלעך פון הערשעלע אסטראפאליער, וואס אלע דערציילן נאך איבער, קען מען זען, אז ער איז ניט געווען אזא גרויסער מאמין אין דעם צדיק, וועלכן ער פלעגן משמח זיין, און פיל מאל פלעגט ער אים פארשטעלטערהייט, דורך א וויץ אין א משל, געבן א קאפולער אנצוהערעניש וועגן זיין הנהגה, וואס איז ניט מעשה=צדיק — איינמאל האט ער אפילו דורך א ליצנותדיקן משל ערלויבט זיך אנצווייזן ר' ברוכן אויף זיינע שווינדלערייען. דער צדיק האט פארשטאנען, וואוהין ער צילעוועט, און עס האט אים שטארק פארדראסן. האט ער געהייסן זיינע חסידים, אויך בדרך הלצה, ארופווארפן הערשעלע אסטראפאליער פון די טרעפ. די חסידים האבן עס מקיים געווען, און ביי הערשעלען האבן זיך די ביינער אויסגעטאן פון די געלענקען. ער האט אפגעקרענקט א צייט און איז אוועקגעשטארבן.

דאס זיינען געווען די הייליקע מדות פון דעם צדיק ר' ברוכל, דעם איינקל פון בעש"ט.

ר' שניאור=זלמן האט אבער געהאט א ברייט הארץ און האט געוואוסט, אויף וואס פאר א מחלה זיין פאלק ליידט, און ביי זיין גאנצן אריינטאן זיך אין הסודות און די קבלה, פלעגט ער אבער אויך ווייזן דעם פאלק דעם וועג אין וועלטלעכע ענינים. פלייסנדיק זיך מתקן צו זיין די נשמות פון זיינע חסידים, פלעגט ער אין דערזעלבער צייט זיך אויך פלייסן מתקן צו זיין דעם עקאנאמישן מצב פון די יידן.

ווען ר' שניאור=זלמן האט דערהערט, אז ר' ברוכס נאמען איז זייער פאפולער און בארימט אין פאדאליע און אין וואלין,

און אַלע ייִדן פֿאַלגן אים, האָט ער זיך געטראַכט: „לאָמיך אַוועק צו דעם הייליקן מאַן, מגלה זיין אים אַלע מיינע געדאַנקען און געפֿילן, און אַז מיר וועלן זיך דורכשמועסן, וועט ווערן רעכט: מיר וועלן זען ראַטעווען אונזער פֿאָלק, מע זאָל פֿאַר אים אַרויס־געבן גוטע געזעצן, זיי זאָלן דורך זיי קענען איינאָרדענען זייער לעבן, זייער האַנדל, כּדי זיי זאָלן. נושא־חן זיין ביים קיניג און ביי גאָט; ווי זיי זאָלן מחנך זיין זייערע קינדער אין בילדונג און אין זיטלעכקייט, כּדי זיי זאָלן ניט אויסוואַקסן קיין ווילדע; ווי אַזוי אַטייל ייִדן זאָלן זיך נעמען פֿאַר ערד־אַרבעט און זאָלן ניט פֿאַלן צו לאַסט אויף דעם לאַנד, און וועלכן זיי וואוינען. אָט מיט אַזעלכע רעיונות, וועלכע רעגן אויף דאָס האַרץ פֿון יעדן, וואָס פֿילט זיך, אַז ער איז דערהויבן איבער צענדליקער טויזנטער פֿון זיין פֿאָלק, און זיין ליבע און רחמנות לאָזן אים ניט רוען, ביז ער געפֿינט ניט קיין תּרופֿה, — האָט זיך ר׳ שניאור־זלמן געלאָזט אין וועג אַריין, רעכענענדיק, אַז ר׳ ברוך, וועלכער טראַכט און פֿילט געוויס אויך דאָס זעלבע וואָס ער, וועט אים געוויס העלפֿן דורכפֿירן זיינע פּלענער, און ער וועט נאָך זוכה זיין צו זען ייִדן גליקלעך אין דעם גרויסן רוסלאַנד. ער האָט מיט זיך גענומען איינעם פֿון זיינע מקורבֿים, דעם גבֿיר און חסיד ר׳ פּנחס שקלאָווער, און איז אַוועקגעפֿאָרן.

אויפֿן וועג איז ער אָפּגעשטיגן אין בראַסלאַוו, וואו עס האָט געוואוינט דער באַרימטער ר׳ נחמן בראַסלאַווער. דערוויסנדיק זיך, אַז ער פֿאָרט צו זיין פֿעטער ר׳ ברוך מכּוח אַן ענין פֿון כּלל ישׂראל, האָט זיך ר׳ נחמן שטאַרק פֿאַרוואונדערט, דען ער האָט גוט געוואוסט זיין פֿעטערס דרכים און האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז אַרויסגעוואָרפֿן ר׳ שניאור־זלמנס פֿאָרן; בכּלל איז אים געווען אַ חידוש, וואָס אַזאַ חשובֿער מאַן, ווי ר׳ שניאור־זלמן, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן אין פּעטערבורג מיט גרויסע שררות און האָט זיך פֿאַר־שאַפֿט אַזאַ גרויסן נאָמען, זאָל זיך לאָזן אין אַזאַ וויטן וועג צו האַלטן אַן עצה מיט אַזאַ פֿאַרנאַרישטן מאַן וועגן כּלל־ישׂראל! און אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען צו ריידן קורץ און מיט אַ רמז, פֿרעגט אים ר׳ נחמן: פּעטער־ברוך — פֿעטער

ברוך?!" ווי איינער זאָגט: וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער פעטער ברוך צו אַ מענטשן, וואָס איז געווען אין פעטערבורג ביי די הויכע לייט וועגן יידישע ענינים? (נאָך ר' שניאור-זלמנס אויספראַך, וואָס איז געווען נאָענט צו דער רוסישער, איז אויסגעקומען: פע-טערבורך). ר' שניאור-זלמן האָט זיך געמאַכט ניטהערנדיק, דען ער האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַטייט, און איז אַוועקגעפאָרן קיין טולטשין.

אָבער — ווי דערשראָקן איז געוואָרן ר' זלמן, בעת ער האָט דערזען, אַז דער מענטש איז טויט און קאַלט צו דעם גליק און אומגליק פון זיין פאָלק; אַז דאָס פאָלק אינטערעסירט אים אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער קען אים, ר' ברוכן, אויסהאַלטן אויף זיינע פלייצעס. תחילת, אַז זיי זיינען געקומען קיין טולטשין, האָט ר' שניאור-זלמן געשיקט ר' פנחס שקלאָווער צו ר' ברוכן אָנזאָגן, אַז זיי זיינען געקומען. ר' ברוך האָט זיך שטאַרק דער-פרייט, ער האָט געמיינט, אַז ר' שניאור-זלמן איז אים געקומען אָפגעבן כבוד אַלס אייניקל פון בעש"ט. נאָר אויף מאָרגן איז אויף אים אַרויף אַן אַנדער רוח.

מע זיצט זאַלבעדריט און מע טרינקט קאַווע און ר' שניאור-זלמן דערציילט, אַז היות ער האָט זיך דערוואוסט אין פעטערבורג, אַז עס גרייטן זיך אויף יידן שווערע גזירות און אַזוי ווי ער ווייס אויך, אַז די גדולי ישראל קענען מאַכן פון דער גזירה אַ ישועה, איז ער עס געקומען אַן עצה האַלטן זיך מיט אַזאַ באַרימטן און גרויסן מאַן ווי ר' ברוכל, וואָס מע זאָל טאָן. אגב, האָט ער אים מגלה געווען זיין מיינונג, וועגן דער נייטיקייט דורכצופירן רעפאָרמען אין דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן מצב פון יידן, כדי זיי זאָלן זיין נוצלעך פאַר זיך, פאַר דער געזעלשאַפט און פאַרן לאַנד, ווייל די הויכע שררות גיבן אויף זיי שטאַרק השגחה און אויב זיי וועלן ניט אַוועק אויף אַ בעסערן דרך, וועט מיט זיי זיין זייער ביטער.

ר' ברוך, וואָס איז געווען פאַרטאָן מיט הימל-זאַכן און די ערד מיט אַלץ, וואָס אויף איר, האָט ער פאַרמיאוסט, איז געוואָרן שטאַרק ברוגז, דערהערנדיק, אַז ר' שניאור-זלמן איז צו אים גע-

קומען ניט כדי צו פאלן כורעים פאר זיין הייליקייט און גרויס־קייט, ניט כדי בעטן זיך ביי אים, ער זאל אים ארונטערנעמען אונטער זיינע פליגלען און געבן אים דארשטיק טרינקען פון זיינע רייד, נייערט וועגן עפעס ענינים פון טובת הכלל, וועגן מתקן זיין דעם יידישן מצב וכדומה „קלייניקייטן", וואס האבן ניט צו טאן מיט קיין הימל־זאכן. ווארעם־טאקע, וואס איז דא פארהאן וואס מתקן צו זיין ביי א פאלק, וואס איז שוין אלזייטיק רע־פארמירט און פארפולקומט: דאוונט דריי מאל א טאג, גייט אלע טאג אין מקוה און היט אפ שטרענג די דינים פון נקיות... און די איבעריקע צייט פארקויפט ער בראנפן אדער הערינג וכדומה, און שבת קומען זיי אלע הערן תורה פון גאטס אדיוטאנט... ר' ברוך האט דעריבער ניט פארשטאנען, וואס מע רעדט צו אים.

אז ר' שניאור־זלמן האט אים אויפמערקזאם געמאכט, אז ס'איז נייטיק אויפצוזאמלען א סך געלט פאר דעם ענין, איז ער געווארן אן אנגעצונדענער, ווארעם אויב מע זאל נעמען זאמלען געלט פאר כלל־ישראל, טא וואו וועט דערדאזיקער צדיק נעמען געלט פאר זיינע פערד און קאטשן, און זילבערנע מיט גילדערנע כלים, און טייערע זיידענע קליידער און אנדערע גוטע זאכן? האט זיך ר' ברוך אפגערופן:

— גאט וועט העלפן!

ענטפערט אים ר' שניאור־זלמן, אז אויף א נס פארלאזט מען זיך ניט, אז גאט וויל, די יידן זאלן ערוועבן זייער גליק.

זאגט אים ר' ברוך:

— ווי אזוי איז דאס דער גייסט פון גאט אריבער פון מיר צו אייך און פונוואנען ווייסט איר, וואס גאט וויל? ענטפערט אים ר' שניאור־זלמן, אז ער איז געקומען, ניט כדי צו קריגן זיך, נייערט לטובת הכלל. פרעגט אים ר' ברוך:

— ווער בעט אייך?

ענטפערט אים ר' זלמן געלאסן:

— אין יעדער מענטשן טליעט דאך א ליבשאפט צו זיין פאלק, בפרט ביי יידן, וואס ווערט געיאגט און געפלאגט — טא ווי אזוי קענט איר ריידן מיט אזא הארט הארץ אזעלכע ווערטער?

ר׳ בּרוך האָט דערזען, אַז ר׳ שניאור־זלמנס טענות זיינען צו שטאַרקע און לאָגישע, איז ער אַריבּער אויף אַן אַנדער ענין, אַ פּערזענלעכן, כּדי צו געבּן אים אַ שטאָך.

— מע זאָגט אויף אייך — זאָגט ר׳ בּרוך, — אַז בּעת איר זייט געזעסן אין פּעטערבּורג, האָט איר מיט אַ גוי געשמועסט וועגן קבּלה־זאַכן?

— אמת, האָט אים ר׳ שניאור־זלמן געענטפערט, — אָבער יענער גוי ווייס מער קבּלה, ווי אַ סך וואָלינער און פּאָדאָליער רבּיים.

ר׳ בּרוך איז געוואָרן רויט פאַר כּעס און געגעבּן אַ געשריי: שווייגט! איר זעט דען ניט, אַז מיין זיידנס, דעם בּעש״טס, תּפילין זיינען אויף מיר? האָט אים ר׳ שניאור־זלמן געענטפערט, אַז זיי זיינען געווים פּסולע, ווייל זיבּן יאָר, אַז מע איז ניט בּודק קיין תּפילין, זיינען זיי פּסול, און ער האָט זיי געווים ניט דורכגעזען, ווייל זיי זיינען דאָך הייליקע, און צווייטנס ווייס ער ניט דעם דין. דאָס האָט נאָך מער אַריינגעבּראַכט ר׳ בּרוכן אין גרימצאָרן. ר׳ שניאור־זלמן האָט זיך דעמאָלט אויפגעהויבּן און איז אַוועק.

דערווייל האָבּן זיך די חסידים דערוואוסט, אַז ר׳ שניאור־זלמן האָט מעיז פּנים געווען ר׳ בּרוכן. האָבּן זיי, בּעת ער מיט ר׳ פּנחס שקלאָווער זיינען געקומען אויף דער אַכסניה, אַרומגערינגלט די שטוב, און אים געוואָלט שלאָגן. ר׳ שניאור־זלמן איז אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פענסטער און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

אַ נידערגעשלאָגענער, מיט אַ צעבּראָכן האַרץ אויף די פירער, וואָס פאַרפירן דאָס פאָלק, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים און זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבּן דעם לימוד פון חסידות און וועלטלעכקייט מיט זיינע חסידים; און אים איז געלונגען די בּיידע שיטות זאַכן צו פאַראייניקן און מאַכן פון חסידות אַ פילאָסאָפישע שיטה גלייך מיט אַלע פילאָסאָפישע שיטות, וועלכע עקסיסטירן אויף דער וועלט און בּרענגען ניט קיין שאָדן ניט דער געזעלשאַפט און ניט דעם לאַנד.

יג.

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער. — זיין הנהגה. — ר׳ לוי־יצחק רופט צונויף אַ גרויסע אסיפה קיין באַרדיטשעוו. — ווער זיינען געווען צווישן די פאַרזאַלטע. — ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווערס שטעלונג צו השכּלה. — דער שפּאָלער זיידע. — זיין הנהגה. — זיין פּאָפּולער־קייט ביים פאָלק. — די שנאה צווישן ר׳ ברוכן און דעם שפּאָלער זיידע. — די באַרדיטשעווער אסיפה ברענגט צו גאָרנישט. — ר׳ לייב שרהס. — זיינע אויסטערלישע דרכים. — ר׳ לייב שרהס אַ רואה ואינו נראה. — ר׳ לייב שרהס אַ שפּיאָן. — ר׳ לייב שרהס און דער עסטרייכישער קייסער. — דער ספר רזיאל המלאך. — ר׳ לייב שרהס יורשים.

אין באַרדיטשעוו איז אין יענע צייטן געווען רב דער רעלט־פּאַרטיקער און גאָטספּאָרלטיקער מאַן ר׳ לוי־יצחק, וואָס איז פריער געווען רב אין זשעליכאָוו (פּוילן). ר׳ לוי־יצחק האָט געקראָגן אַ גרויסן שם מיט זיין אָריגינעלן דרך אין עבודה: מיט שטורעם און געפּרים, מיט געבעט און געוויין פלעגט ער אַריינקומען אין שול אַריין, אַז די ווענט פלעגן ציטערן. ערב־ראש־השנה צו מנחה פלעגט ער ניט גיין שטייענדיקערהייט, נאָר פלעגט פּויזען אויפן בויך, און ביידע הענט פלעגט ער האַלטן צוויי שופרות, און אַז ער פלעגט געבן אַ בלאָז, פלעגט אויף אַלעמען אָנפאַלן אַ פּחד פון דעם יום־הדין. און מע פלעגט צעגאָסן ווערן אין גע־וויין. דאַוונענדיק ביים עמוד, פלעגט ער ניט שטיין אויף איין אָרט, נאָר פלעגט זיך געבן אַ ריס און נעמען אַרומלויפן און שרייען מיט שרעקלעכע קולות, פּלוצלינג אָנכאַפּן איינעם און געבן אַ געשריי: „וועמען דינסטו?״ יענער פלעגט דערשראָקענערהייט ענט־פערן: „גאָט דין איך״. איינמאָל האָט ער, לויפנדיק איבערן בית־מדרש, אָנגעכאַפּט אַ יינגל און אַ פרעג געטאָן, וועמען ער דינט. דאָס יינגל האָט זיך פאַרלאָרן און געענטפערט: „איך דין ביי יענעם אין יענעם שוסטער אַלס געזעל״.

נאָך דעם פֿלעגט ר' לוי־יצחק נעמען אויפֿן קול מלמד־זכות זיין אויף יידן: „רבונו של עולם! יידישע קינדער דינען דיך! נאָר דיך אַליין הייליקן זיי און אַכפּערן, און וואו איז נאָך פֿאַרהאַן אַזאַ פֿאָלק, ווי יידן!“...

ר' לוי־יצחק איז לויט זיין חסידישן גאַנג געווען דער ערגסטער שונא פֿון השׂכּלה, ער האָט זי געהאַסט און פֿאַראומווערדיקט, ווי אַן אומריינע זאַך. דערקעגן איז אַרויסגעטראָטן אַלס פּראָטעזשע פֿון די משׂכּילים און דער השׂכּלה — דער כּעלמער רבֿ ר' יהושע־העשל, וואָס איז אויך געווען אָנגענומען ביי דער רעגירונג. ביי אים אין הויז איז געווען אַן אייגענער דער גרויסער מדקדק און משורר טוביה פֿעדער. אַרום דעמדאָזיקן רבֿ פֿלעגן זיך גרויפּירן אַלע שטאָטישע משׂכּילים, און פֿלעגן זיך עוסק זיין אין ענינים פֿון השׂכּלה און וויסנשאַפֿט.

ווען מע האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז אויף יידן גרייט זיך אַ גרויסע גזירה, האָט ר' לוי־יצחק פֿונאַנדערגעשיקט אַן אויפֿרוף צו אַלע צדיקי הדור, וואָס שטייען בראש פֿון פֿאָלק, זיי זאָלן זיך צונויפֿקומען קיין באַרדיטשעוו, כּדי מיישבֿ צו זיין זיך וואָס צו טאָן. צווישן די געקומענע זיינען געווען ר' ברוך, וואָס האָט דאַן געהאַט געוואוינט אין מעדזשיבאָזש, דער שעפּעטאָווקער רבי, דער „שפּאָלער זיידע“, ר' משה מענדלסאָנס תּלמיד ר' מענדל לעפֿין, וואָס איז דעמאָלט געווען אויף אַ קאָנדיציע ביי פֿירשט טשאַרטאָריסקין אין הויף, אַלס לערער צו זיינע קינדער, און דער כּעלמער רבֿ ר' יהושע־העשל.

דער שפּאָלער זיידע איז ניט געווען קיין בעל־יחוס. ער האָט געשטאַמט פֿון אָרעמע עלטערן און האָט זיך מפֿרנס געווען בדוחק פֿון מלמדות, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ פֿרייע פּראָפֿעסיע פֿאַר יעדער טויגעניכטס און לא־יוצלח. ווען אַ מלמד פֿלעגט ניט קענען קריגן קיין קנעלונג אין שטאָט, צוליב דעם, וואָס ער האָט ניט געקענט קיין מהרש"א און מהר"ם שיף, פֿלעגן ער זיך אויסזוכן אַ קנעלונג אויפֿן דאָרף, וואו דער צוואַנציק־יאָריקער בחור הייבט ערשט אָן לערנען עבֿרי. אָט פֿון אַזעלכע סאָרטן מלמדים איז

געווען דער שפּאָלער זיידע. צום סוף האָט ער פֿאַרוואָרפֿן די מלמדות, איז געוואָרן אַ רבי און גענומען ווייזן מופֿתים און פֿאַנגען נשמות.

הגם ער האָט ניט געשטאַמט פֿון רביים און איז ניט געווען קיין תּלמיד פֿון אַ רבין, האָט ער דעריבער מורא געהאַט צו רופֿן זיך רבי און פֿלעגט פֿאַרבאָטן די אַלע, וואָס פֿלעגן קומען צו אים בעטן אַ רפֿואה צו אַ קרענק, צו בלינדקייט וכדומה, צו רופֿן אים „רבי“, נאָר „זיידע“. דערדאָזיקער נאָמען איז אים פֿאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג. דער שפּאָלער זיידע איז געוואָרן וואָס ווייטער, אַלץ מער באַרימט און באַוואוסט, פֿלעגט אַרומפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט און פֿון דאָרף צו דאָרף און אויפֿזאַמלען אוצרות גאָלד. קיין קאָטשן מיט פֿערד האָט ער זיך אָבער ניט פֿאַרשאַפֿט, כּדי מע זאָל אויף אים ניט מורמלען, אַז ער איז ניט פֿון דעם בעש״טס דינאַסטיע, וואָס נאָר זיי האָבן אויף דעם רעכט. פֿון דעם אויפֿגעזאַמלטן געלט פֿלעגט ער טיילן אָרימעלייט, פֿלעגט מיט זיי עסן און טרינקען צוזאַמען און איז ביי זיי געוואָרן אַ ראש.

כּדי די טיפּשים זאָלן האָבן צו דערציילן פֿון זיינע מופֿתים, פֿלעגט ער זיך ניט אויפֿפֿירן ווי אַלע רביים: בעת מע פֿלעגט קומען צו אים נעמען זיין ברכה אָדער בעטן ביי אים אַ רפֿואה, פֿלעגט ער שילטן מיט טויטע קללות און אַרויסטרייבן; בעת די באַזוכער פֿלעגן אָבער צושטיין צו אים מיט געוויין און תּחנונים, פֿלעגט ער זיך אַנידערשטעלן, אָנכאַפּן מיטן האַנט אַ ברעג באָרד, איבערקערן די אויגן און נעמען מאַכן ווילדע העוויות, ברומען ווי אַ בער „דושים-דושים-דושים“, אַזוי אַ דרייסיק מאָל נאָכאַנאַנד. אויף אַלעמען פֿלעגט אָנפֿאַלן אַן אימה. אויפֿגעהערט צו ברומען, פֿלעגט דער באַזוכער אים אָפּגעבן דאָס פּדיון-געלט און אַוועקגיין אַ צופֿרידענער; דאָך האָט געהייסן, אַז די בקשה איז אָנגענומען געוואָרן און סיוועט העלפֿן.

מחמת דעם טאַקע, וואָס דער שפּאָלער זיידע איז געווען פּאָפּולער ביים פֿאָלק, האָט אים ר׳ לוי-יצחק איינגעלאַדן קיין באַרדיטשעוו. פֿאַר דער אַסיפֿה האָבן זיך ר׳ ברוך מיטן שפּאָלער זיידן גענומען קריגן און אָפּלאַכן איינע פֿון די אַנדערע. ר׳ ברוך, וואָס האָט

מקנא געווען די פאפולאריטעט פון שפאלער זיידן, האט אים אויפגע־ווארפן, אז ער דארף זיך ניט רופן זיידע, נאר באבע, ווייל ער היילט מיט דיזעלבע מיטלען און רפואות, וואס אן אלטע באבע; דער זיידע ווידער האט אים געענטפערט, אז זוען ניט דער זיידע, (דאס הייסט — דער בעש״ט) וואלט ער, ר׳ ברוך, געווען א געוויינ־לעכער איינקל און ניט קיין מפורסם.

די אסיפה האט אבער צו גארנישט געבראכט: די דעלעגאטן, וואס מע האט געשיקט קיין ווארשע, האבן זיך אומגעקערט מיט ליידיקן, די רביים האבן ניט געוואוסט ניט די קראנקהייט פון זייער פאלק און ניט מיט וואס מע היילט ז׳.

אין יענע צייטן האט יעדע שטאט און שטעטל געהאט איר רבי, איינקע פון זיי גרויסע און בארימטע, און איינקע — קליינע און באוואוסט נאר אין זייער צייט.

איינער פון די רביים, וואס האט זיך געמאכט אן אייביקן נאמען, איז געווען ר׳ לייב שרה׳ס פון יאלטישקאוו. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע אויסטערלישע און וואונדערלעכע געגנ, וואס קיין מענטש אין דער וועלט האט ניט געוואוסט זייער מיין. דאס גאנצע לעבן פלעגט ער ארומפארן, און קיינער האט ניט געוואוסט - - דעם ציל פון זיינע נסיעות און וואו ער נעמט געלט אויף דעם. דען קיין געלט ביים פאלק, אזוי ווי אלע אנדערע רביים, פלעגט ער ניט נעמען, ער פלעגט אויך ניט זאגן קיין חסידות פארן עולם און אפריכטן של־סעודות ווי אלע רביים. אנשטאט דעם פלעגט ער אלע שבת פארנאכט אויסדערציילן פאר די חסידים דעם גאנצן יחוס פון די פוילישע פירשטן און גראפן, א שטייגער פאטאצקי, ראדזיוויל, טשארטאריסקי וכדומה. ער פלעגט אזוי אנהייבן: „יענער און יענער פירשט ראדזיוויל, דעם און דעמס זון, האט אזויפיל זין און טעכטער און אזוי און אזוי הייסן זיי... די עלטערע טאכטער האט חתונה געהאט פאר יענעם און יענעם גראף, און די צווייטע — פאר דעם און דעם גראף... זיין זון האט גענומען פאר א ווייב יענעם און יענעמס טאכטער... און אז. וו. און וו. דעם גאנצן יחוס־בריוו מיט אלע פליטערלעך. געענדיקט מיט איין פירשטלעכער משפחה, פלעגט ער אנהייבן

מיט אַ צווייטער, ביז מע פֿלעגט אָפּבענטשן, אָנצינדן פֿייער און שטעלן זיך דאַווענען מעריב. דאָס איז געווען זיין גאַנצע תּורה.

ער פֿלעגט ליב האָבן אַרומצופֿאָרן איבער די שטעט און דערפֿער וואָס לעבן גרעניץ, פֿלעגט זיצן אין ראַדזיוויל, אין מאָהילעוו אויפֿן דניעסטער וכדומה גרעניץ־ערטער. אין מאָהילעוו האָט מען אים איינמאָל געזען שפּילנדיק ווי אַ קינד אין „לאָזן קאַטשקעלעך" אויפֿן וואַסער. טיילמאָל פֿלעגט ער זיך פֿאַרדינגען פֿאַר אַ דרדקי־מלמד אין אַ קליין שטעטל אויפֿן גרעניץ, און איידער עס פֿלעגט זיך נאָך ענדיקן דער זמן, פֿלעגט ער לאָזן דעם שכר־לימוד, נעלם ווערן פֿון שטעטל און קיינער פֿלעגט ניט וויסן, וואוהין ער איז אַהינגעקומען. אָפּטמאָל פֿלעגט מען אים אויך זען אַרומדרייענדיק זיך אויף דעם גרויסן יאַריד אין באַרדיטשעוו, ניט האָבנדיק דאָרטן קיין שום געשעפֿטלעכן אינטערעס, ווייל ער האָט קיין שום מסחר ניט געפֿירט; ער פֿלעגט בלויז דינגען אַ קראָם און פֿלעגט די גאַנצע צייט פֿון יאַריד אָפּשטיין אָנגעשפּאַרט־הייט אָן זיין שטעקן ביים טיר פֿון קראָם און קוקן. געענדיקט דער יאַריד, פֿלעגט ער פֿאַרמאַכן די קראָם, דינגען אַ פֿיר, באַצאָלן פֿאַר דער קראָם און פֿאַר דער פֿיר מיט גלאַנציקע נייאינקע גילדערנע דוקאַטן און אַוועקפֿאָרן. וואו פֿלעגט ער נעמען אַזעלכע נייע געלט, האָט קיינער ניט געוואוסט.

איין געשיכטע, וואָס האָט מיט אים פּאַסירט, האָט אים ביי יידן געמאַכט אַ שם פֿאַר אַ רואה ואינו נראה. דאָס איז געווען אין דעמהעלבן טאָג, ווען פּאָניאַטאָווסקי איז אַרויף אויפֿן פּוילישן טראָן אין וואַרשע און אַסך גרויסע שׂררות פֿון פּוילן האָבן זיך אויפֿגעקליבן אויף דעם מאָלצייט, וואָס דער קיניג האָט לכּבֿוד דעם געמאַכט. אַ גרויסער המון יידן איז געשטאַנען פֿון וויטן און צוגעקוקט, ווי עס פֿאָרן זיך אויף די מאַגנאַטן מיט די פֿירשטן, ערשט מע זעט, ווי עס קומט אָן ר׳ לייב שׂרהס, אויסגעפּוצט אין די חסידישע קליידער מיטן ספּאָדיק און מיטן טוליק, און גייט מיטן שטעקן אין האַנט גלייך אין קיניגלעכן הויף אַריין. די וועכטער האָבן אים פֿריי דורכגעלאָזט אינעווייניק אין הויף און

האָבן אים קיין וואָרט ניט געזאָגט. דער גאַנצער עולם האָט דאָן פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ רואה ואינו נראה! דיזאָזיקע מעשה דערציילט מען ביז היינטיקן טאָג און מען קען זיך אַלץ ניט אָפּחידושן, ווי האָבן עס אים די זעלנער ניט דערשטאָכן מיט זייערע שווערדן — אַנדערש ניט, אַז זיי האָבן אים ניט געזען *).

אין יענע צייטן פלעגט די מאַכט ניט אַזוי שטאַרק אַכטונג געבן אויף אַלץ, אַזוי ווי היינט, בעת די פּאָליציי אין זשאַנדאַרמען קוקן נאָך מיט זיבן אויגן יעדע באַוועגונג פון אַ פרעמדן בירגער. ווען זיי וואָלטן אָבער שכל געהאַט נאָכצושפּירן אַלע אויסטערלישע גענג פון ר׳ לייב שרה׳ס, וואָלטן זיי דערגאַנגען, אַז אַרומפאָרנדיק איבער די גרעניץ־ערטער, פלעגט ער דערווײַלע איבערגעבן אָדער באַקומען סודות פון יענער זייט גרעניץ; אַז וואַרפנדיק שטיינדעלעך אין וואַסער אַריין, פלעגט ער דערווײַלע אָנבינדן אַ בריוול צו אַ שטיין און אַוועקגעלאָזן אויף יענער זייט טײַך, און דאָרטן פלעגט שוין שטיין אַ מענטש און עס איבערנעמען אין געשיקט צוריק אַ בריוו, ווי עס טוען נאָך ביז היינטיקן טאָג די קאָנטראַבאַנדיסטן. ר׳ לייב איז, חלילה, ניט געווען קיין קאָנטראַבאַנדיסט, ער האָט מיט קיין זאַך ניט געהאַנדלט, אָבער — איר מאָגט עס גלייבן אָדער ניט — זיינע מופתים באַווייזן, אַז ער איז געווען אַ שפּיאָן ביי דער פוילישער רעגירונג. אין איר שליחות פלעגט ער מאַכן אַלע זיינע נסיעות איבער די גרעניץ־שטעט און ביים ברעג דניעסטער, אין איר שליחות פלעגט ער פאָרן אויפן יאַריד אין באַרדיטשעוו, כדי ער זאָל אַלץ קענען אויסקוקן און איבערגעבן. אונטער דעם מאַנטל פון חסידות און מופתים איז אים דאָס געווען זייער לייכט צו טאָן. די רעגירונג פלעגט אים שטענדיק געבן אָן אַ שיעור געלט, און מחמת דעם האָט מען אים אויך ניט געשטערט אַריינצוקומען אין קיניגלעכן

---

*) דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1774, און אין יאָר 1833 האָב איך דיזאָזיקע מעשה געהערט פון איבער אַ ניינציק־יאָריקן זקן. ער איז גראָד דעמאָלט געווען אין ווארשע און האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען ר׳ לייב שרה׳ס אריינגייענדיק צווישן דער ריי מיליטער אין קיניגלעכן הויף. און קיינער האָט אים ניט פאַרהאַלטן, ווייל, לויט זיין מיינונג, האָבן אים די זעלנער ניט געזען. — א. ב. ג.

הויף אַריין, ווייל ער האָט געהאַט אַ פּאַראָל אַזאַ, דורך וועלכן די וואַך האָט אים דערקענט און דורכגעלאָזט — און דער יידישער המון האָט עם אָנגענומען, אַז ער איז אַ הייליקער מאַן, אַ רואה ואינו נראה.

און אַז אַ מענטש ווערט אַ הייליקער, שרייבט מען אים צו אַזעלכע זאַכן, וואָס נישט געשטויגן נישט געפֿלויגן. אַזוי אַ שטייגער האָט דאָס פֿאָלק אויסגעטראַכט אויף ר׳ לייב שרהס ווילדע פֿאַנטאַסטישע מעשיות, אַז זיבן יאָר נאָכאַנאַנד האָט ער זיך געראַנגלט מיט דעם עסטרייכישן קייסער יאָזעף דעם II, וואָס איז געווען אַ רעכטפֿאַרטיקער מאַן און אַ צדיק, האָט איפּגעהויבן דעם יידישן מצב אין זיין לאַנד, און פֿון דעמאָלט אָן לעבן דאָרטן די יידן גליקלעך. נאָר היות ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפֿעל, מע זאָל יידן צונעמען אין מיליטער אַריין און דערפֿאַר וועלן זיי קריגן בירגער־רעכט, און יידן האָבן אין סאָלדאַטן ניט געוואָלט גיין, האָבן זיי דעריבער אויף אים געהאַט אַ שנאה. איז געקומען ר׳ לייב שרהס צו רייטן אויף אַ וואָלקן, ווי אַ רואה ואינו נראה, האָט אַריינגענומען פֿון בוידים אַ קליין מעסערל און גענומען שניידן דעם קייסער און אים אַזוי געזאָגט: וועסטו מבטל מאַכן די גזירה, איז גוט, אלא ניט — וועל איך דיין פֿלייש אַרויסוואַרפֿן פֿאַר די פֿייגלען. און דער קייסער האָט האַרט געמאַכט זיין האַרץ, אַזוי ווי פּרעה, און האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן. אָבער ווי ער פֿלעגט דערזען ר׳ לייב שרהס פֿלעגט ער מאַכן שרעקלעכע קולות: „אָט דער „לייבל" וויל מיך צעשניידן מיט אַ מעסער!" זיינע מקורבים האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר זיינע רייד און אַזוי ווי זיי האָבן קיין מענטשן ניט געזען, האָבן זיי דעריבער געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פֿון זינען.

אַזוי האָט ר׳ לייב מלחמה געהאַלטן מיטן עסטרייכישן קייסער זיבן יאָר. און פּונקט ווי ער האָט מיט אים מלחמה געהאַלטן אויף דער ערד, פּונקט אַזוי האָט דעם קייסערס שר זיך געראַנגלט מיט ר׳ לייבן אויפֿן הימל. ביידע זיינען צוליב דעם געראַנגל קראַנק געוואָרן און אָפּגעקרענקט זיבן יאָר. אין דער צייט פֿון דער קראַנקהייט איז ר׳ לייב שרהס זיבן מאָל געפֿלויגן אין דער לופֿטן פֿון יאַלטישקאָוו קיין ווין, און פֿון ווין קיין יאַלטישקאָוו. אַז ר׳ לייב שרהס

האָט דערזען, אַז ער קען אים ניט בייקומען, האָט ער זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן און האָט אויף זיך געבעטן דעם טויט. זיין בקשה איז אָנגענומען געוואָרן און צום סוף פֿון די זיבן יאָר ראַנגלעניש זיינען זיי ביידע געשטאָרבן.

אַ צופֿאַל, וואָס האָט פּאַסירט אַ שטיק צייט נאָך זיין טויט האָט ווידער געגעבן שטאָף דעם פֿאָלק צו גלייבן, אַז ער איז געווען אַ הייליקער מאַן. אין מעדזשיבאָזש האָט זיך געהאַט גע־דרוקט דער אַנאָנימער ספֿר „רזיאל“, וואָס מע זאָגט אויף אים, אַז רזיאל המלאך האָט אים געגעבן צו אָדם הראשונען. אין דעמ־דאָזיקן ספֿר געפֿינען זיך אַ סך נעמען פֿון דער גריכישער מיטאָלאָגיע; דאָרט זיינען אויך פֿאַראַן אייניקע תּפֿילות, וואָס דער מלאך האָט געלערנט מיט אָדם הראשונען. ווי עס ווייזט אויס, איז דערדאָזי־קער ספֿר געבאָרן געוואָרן אין אַראַביע, און זיין שעפֿער האָט אַ גרויסע שייכות צו דעם אַלקאָראַן, ווייל אין דעם אַלקאָראַן לער־נען אויך די מלאכים מאַכמעדן מתפּלל צו זיין און זאָגן נביאות. אין דעמדאָזיקן ספֿר „רזיאל“ געפֿינט זיך אויך אַ תּפֿילה, וואָס באַציט זיך אויף איינעם „לייב בן שׂרה“. דערדאָזיקער נאָמען איז אַריינגעפֿאַלן צוליב דער שולד פֿון דעם עם־הארצותדיקן דרוקער, וועלכער האָט אָנשטאָט „פּלוני בן פּלוני“, וואָס גילט פֿאַר אַלעמען, אַריינגעשטעלט זיין אייגענעם נאָמען. בעת דער ספֿר האָט זיך גענומען פֿאַרשפּרייטן צווישן די חסידים, האָבן זיי אָנגענומען, אַז דער מלאך האָט עס געווים מכוון געווען אויף ר׳ לייב שׂרהס, וואָס זיינע מופֿתים האָבן נאָך געלעבט ביי זיי אין זכרון, און האָבן דאָס גופֿא געהאַלטן פֿאַר אַ גרויסן מופֿת.

ר׳ לייב האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין זון, וואָס זאָל פֿאַרנעמען זיין אָרט, נאָר דער אָנטרייבער פֿון זיינע פֿערד, ר׳ עזריאל, האָט איבערגענומען די הערשאַפֿט און איז געוואָרן רבי אין קאָזין, לעבן קרעמעניץ.

ר׳ לייב שׂרהס איז ניט געווען קיין שעפֿער פֿון אַ נייער חסידישער שיטה, און זיין ממשלה האָט ניט געהאַט קיין אריכות ימים.

יד.

ר׳ פנחס קאָרעצער — דער אפּאָסאָל פֿון ענוות. — זיין אויסער־געוויינלעכער האַס צו שקר. — זיין באַגיין זיך מיט צרעמעלייט, וואָס זאָגן ליגן. — ער גייט ניט ארויס מפּתח ביתו. — ער ווירקט אויף די קינדער, זיי זאָלן ניט ווערן קיין רביים. — די סלאַוואַוטער דרוקעריי. — ר׳ רפֿאל בערשעטער. — ער איז ממשיך דעם רבינס הנהגה. — „טאָר ניט זאָגן ליגן, טאָר ניט האָבן גדלות". — אַ מעשה מיט אַ יידן, וואָס האָט געפֿירט קאָנטראַבאַנד. — ר׳ רפֿאל וויל ניט שווערן פֿאַלש און שטאַרבט.

פֿון גאָר אַן אַנדער שניט איז געווען דער קאָרעצער רבי, ר׳ פּנחס, אַ תּלמיד מובהק פֿון בעש״ט. נאָך פֿאַרן לעבן פֿון בעש״ט האָט ער זיך געמאַכט אַ גרויסן שם. זיין פֿאָטער איז געווען אַ ליטווי־שער מגיד און פֿלעגט אַרומפֿאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך מיט מוסר־דרשות, ווי אַלע ליטווישע מגידים פֿון יענער צייט. כאָטש ר׳ פּנחס איז געווען אַ חסידישער רבי, איז אין אים דאָך קאָנטיק געווען די שטריכן פֿון אַ ליטוואַק: ער איז געווען אַ בן־תּורה, אַ גרוי־סער עניו און איז שטענדיק געווען אַ נחבא אל הכּלים. דערהויפּט האָט ער ניט געקענט פֿאַרטראָגן גאווה און גדלות, אַזוי אַז ריידנ־דיק וועגן דעם, פֿלעגט ביי אים ממש פֿייער שפּריצן פֿון מויל. ער פֿלעגט ניט אויפֿהערן צו פּראָפּאַגאַנדירן ענוות און געפֿאַלנ־קייט, און פֿלעגט שטענדיק ברענגען אַ ביישפּיל פֿון די מענטשן, וואָס האָבן אין דעם פּרט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. און פּונקט ווי ער האָט פֿיינט געהאַט גאווה, האָט ער אויך פֿיינט געהאַט שקר. דער אמת איז ביי אים געווען טייערער, ווי אַלץ אין דער וועלט. אמתע מענטשן האָט ער געאַכט און שטאַרק מקרב געווען. דיזעלבע באַציאונג האָט ער אויך אַרויסגעוויזן צו אַנדע־רע גוטע מדות: ער פֿלעגט ניט אויפֿהערן זיי צו פּראָפּאַגאַנדירן און איינצופֿלאַנצן אין די הערצער פֿון זיינע מקורבים.

אַלס אינטערעסאַנטער שטריך פֿון זיין כאַראַקטער, ווי אַ שונא פֿון שקר, קען דינען דידאָזיקע הנהגה זיינע: אין יענע צייטן זיינען די יידישע אָרימעלייט, וואָס פֿלעגן אַרומגיין איבער די הייזער, געווען אַ באַזונדער קאַסטע, אַ פֿאַרהאַסטע און אַ נבֿזהדיקע; זיי פֿלעגן זיך אומשלעפֿן איבער דער וועלט מיט די ווייבער און קינדער און מיט אַלע זייערע בעבעכעס, ווי די באַנדעס ציגיינער. איפֿהאַלטן פֿלעגן זיי זיך אין „הקדש“, אַ שמוציקן הויז, וואָס איז געשטאַנען אין אַ קופּע מיסט. דאָרטן פֿלעגן זיי זיך איפֿזאַמלען פֿון אַלע עקן=קאַנטן, אויסלייגן זיך איף די פֿאַרעיפּושטע בעטן און איף דער הוילער ערד, ווייבער מיט מאַנסביל צוזאַמען אָן שום בושה. אינדערפֿרי פֿלעגן זיי איפֿשטיין און אַוועקגיין איבערן שטאָט קלייבן נדבֿות ביז אָוונט. וויי פֿלעגט זיין יענעם מענטשן, וואָס האָט בשעת=מעשה ביי זיך ניט געהאַט קיין געלט צו געבן זיי אַ נדבֿה: דער אָרעמאַן פֿלעגט זיך פּלוצלונג פֿאַרשטעלן פֿאַר אַ משוגענעם, פֿלעגט אַנידערפֿאַלן איף דער ערד, ווי חולי=נופֿל, נעמען זיך שרעקלעך וואַרפֿן און שרייען, און פֿלעגט אַלע שטוביקע איבערשרעקן איף טויט. אייניקע אָרימעלייט פֿלעגן טראָגן איף די אַקסלען פֿאַרשיידענע קאַליקעס אָן הענט און אָן פֿיס און בלינדע, כּדי אָנצוּוואַרפֿן אַן אימה און אַרויסבאַקומען וואָס גיכער אַ נדבֿה.

ר׳ פּנחס האָט דידאָזיקע לייט פֿיינט געהאַט שנאת מות, האָט זיי געהאַלטן פֿאַר אויסוואורפֿן, וואָס פֿאַרמאָגן ניט קיין שום מדה, פֿאַר הפֿקר=לייט, וואָס האָבן זיך אויסגעטאָן פֿון יעטווידער יידישן מנהג און דין, ביטן זיך מיט די ווייבער און טוען אָפּ כּל הפּכלנות שבעולם. איינמאָל איז צו ר׳ פּנחסן געקומען אַזאַ אָרימאַן נאָך אַ נדבֿה. אין יענע צייטן איז די אָנגענומענע נדבֿה פֿאַר אַן אָרימאַן געווען אַ שילינגער, וואָס האָט געהאַלטן אַ דריט=חלק פֿון אַ פּוילישן גראָשן, אָדער אַ האַלבע קאָפּיקע. דאָס איז געווען דער איינגעשטעלטער סדר אין אַלע יידישע הייזער. ר׳ פּנחס האָט אים געגעבן אַ גראָשן און געבעטן צוויי שילינגער רעשט, דער אָרימאַן האָט אָבער מער ניט געגעבן ווי איין שילינגער, מיטן תּירוץ, אַז ער האָט מער ניט. ר׳ פּנחס נעמט די מטבע און זאָגט

אים: ס'איז אַ גלאַטע, קיינער וועט זי ניט נעמען. רוקט דער אָרימאַן גלייך אַריין די האַנט אין בוזים און נעמט אַרויס פֿון דאָרטן אַ צווייטן שילינגער. ר' פּנחס האָט ביי אים דעמאָלט צוגענומען די נדבֿה און אַרויסגעטריבן, ווייל ער איז געווען אַ ליגנער. אויף אַזאַ מין שטייגער פֿלעגט ר' פּנחס נאָכשפּירן די שלעכטע מדות פֿון זיינע חסידים און פֿלייסן זיך זיי אויסצוראָטן.

אין די ערשטע צייטן, בעת די חסידישע באַוועגונג איז אַנטשטאַנען, איז ניט געווען אַזוי ווי היינט: די רביים זיינען ניט געפֿאָרן אין טייערע קאַראָטן, קיין פֿערד־שטאַלן האָבן זיי ניט געהאַלטן און פֿלעגן אויך ניט אַרומפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט אויסצולייזן טייערע ברכות אויפֿן פֿאָלק און אויסליידיקן דערפֿאַר זיינע געלט־ביטלען. דעם גרעסטן טייל פֿון זייער לעבן זיינען זיי געזעסן ביי זיך אויף תּורה און עבֿודה. געלעבט האָבן זיי אין גרויס דחקות, אַלס רבנים אָדער מגידים, פֿלעגן אָפּקומען מיט גאָרנישט, די תּאווה צו לוקסוס איז געווען וויט פֿון זיי. דעמאָלט פֿלעגט מען אויך אַזוי ניט לויפֿן צו די רביים אַזוי ווי היינט, און די גבאים זיינען אויך ניט געווען קיין שווייצאַרן, וואָס לאָזן קיינעם ניט צו צום רבין אָן פּדיון־געלט: יעדערער, וואָס האָט געהאַט צו פֿרעגן עפּעס אַן עצה אָדער בעטן מתפּלל צו זיין בעת אַ צרה אָדער אַ קראַנקהייט, האָט געקענט אַריינגיין צום רבין פֿראַנק און פֿריי.

פֿון אַזעלכע רביים איז אויך געווען ר' פּנחס קאָרעצער: כּל־ימיו איז ער געזעסן ביי זיך אין שטוב, זעלטן־ווען ער פֿלעגט ערגעץ־וואו אַרויספֿאָרן; אין פֿאַר יעדן איז זיין טיר געווען אָפֿן, יעדער האָט מיט אים געקענט שמועסן און הנאה האָבן פֿון זיינע קלוגע רייד. דער עיקר האָט ער געווירקט אויף זיינע קינדער, זיי זאָלן ניט ווערן קיין רביים. דאָס רובֿ פֿון זיינע זין האָבן זיך פֿאַרנומען מיט וועלטלעכע עסקים. דערהויפּט איז געוואָרן באַרימט דער סלאַוואַטער רבֿ ר' משה, דער גרינדער פֿון דער באַוואוסטער סלאַוואַטער דרוקעריי, וואָס האָט געשמט אין גאַנצן געגנט. זי האָט זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט איר שלעכטער הגהה, ווייל ער איז געווען אַ שונא פֿון דקדוק און האָט אַרויסגוואָרפֿן אַלע גראַמאַטיקאַלישע סימנים,

אַלע דגשן, אויסער אין די אותיות ב, כ, פ, ת. זיין שנאה צו דיקדוק איז איבערגעגאַנגען אויך צו זיינע קינדער און קינדס־קינדער. אַפילו נאָכדעם, ווי מיט אים האָט געטראָפן דער שרעקלעכער אומגליק, בעת זיינע צוויי זין האָט מען געשמיסן און אָפגעגעבן אין מיליטער (נאָכדעם, ווי זיי האָבן אָפגעדינט 20 יאָר האָט מען זיי לויט דער השתדלות פון קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר פירשט וואַסילטשיקאָוו באַפרייט), ער אַליין איז פון צער געשטאָרבן, און די דרוקעריי, וועלכע די רעגירונג האָט אַריבערגעפירט קיין זשיטאָמיר, האָבן איבערגענומען די קינדער, האָבן זיי אויך ווייטער געפירט זיך לויט דער אַלטער טראַדיציע: ניט מקפיד געווען אויף דער פינקטלעכער הגהה אין תנ״ך. און ביזן היינטיקן טאָג פירן זיי זיך אַזוי, און קיינעם אַרט עס ניט. זיי האָבן דערווייטערט פון זייער דרוק יעדן משכּילישן ספר, און פאַרנעמען זיך מיט דרוקן תלמוד און פוסקים און חסידישע ספרים אין די הונדערטער און אין די טויזנטער עקזעמפלאַרן. אין יאָר תרכ״ז האָט די רעגירונג, מחמת דעם טאַקע, פאַרמאַכט די דאָזיקע דרוקעריי פון די שאַפּיראָס.

צווישן די, וואָס פלעגן קומען צו ר׳ פנחסן נאָך אַן עצה און הערן פון אים אַמאָל תורה, איז אויך געווען ר׳ רפאל פון בערשעט. ר׳ רפאל איז געווען אַ מענטש פון אַ קליינעם גייסט און אַ קליינעם פאַרנעם, אַ מענטש, וואָס זיין מוח האָט ניט געקאָנט תופס זיין די עמקות פון חסידות און קבלה, און איז דעריבער אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה, פלעגט מאַכן סיגופים און תעניתים, און איז שיר ניט משוגע געוואָרן. ביז איינמאָל, דערזעענדיק, אַז ער קומט אום, איז ער אַוועק צו ר׳ פנחסן פרעגן אַן עצה. ר׳ פנחס האָט אים שטאַרק מקרב געווען און גענומען מיט אים לערנען זיין דרך אין חסידות, אַז דער עיקר איז טאָן גוטס, האַלטן זיך קליין און דערווייטערן זיך פון ליגן און פון אַנדערע שלעכטע מדות. ר׳ רפאל האָט עס געהערט אַלץ אָפטער און אָפטער, ביז ער האָט זיך אינגאַנצן אומגעביטן, די מרה־שחורה איז פון אים פאַרשוואונדן, און ער איז געוואָרן ר׳ פנחסעס אַ תלמיד. נאָך ר׳ פנחסעס טויט איז ר׳ רפאל, דער קלענסטער פון

זיינע תּלמידים, געוואָרן אויף זיין אָרט רבי. ער האָט זיך אויפ־געפירט אַזוי ווי זיין רבי: האָט פיינט געהאַט געלט און פלעגט אַנטלויפן פון כּבוד. ער פלעגט שטענדיק אַרומפאָרן איבער די שטעטלעך, קיין געלט פלעגט ער אָבער ניט נעמען, בלויז אויף הוצאות, דאָס איבעריקע פלעגט ער צעטיילן אָרימעלייט. ער פלעגט אויך לערנען דאָס פאָלק צו ריידן אמת און צו דערווייטערן זיך פון גאווה און גדלות. צוליב ענוות פלעגט ער ניט זאָגן „מיין רבי האָט געזאָגט", ווייל ער האָט זיך געהאַלטן צו קליין צו זיין ר׳ פּנחסעס אַ תּלמיד; ער פלעגט אויך ניט זאָגן פּשוט ר׳ פּנחס האָט געזאָגט, ווייל דאָס וואָלט געווען אַ פּחיתת הכּבוד, פלעגט ער זאָגן פאַרשטעלט. און אַזוי ווי ער איז געווען אַ שטאַמלער, פלעגט דאָס ביי אים אַרויסקומען אַזוי: „ער ז״ל האָט געזאָגט טאָר ניט האָבן גדלות, טאָר ניט זאָגן ליגן". דאָס פלעגט ער איבערזאָגן פאַר זיינע חסידים טויזנט מאָל אַ טאָג, און אין דעם איז כּמעט באַשטאַנען די גאַנצע תּורה.

ר׳ רפאל איז געווען אַ גרויסער בעל־יסורים, האָט שרעקלעך געליטן אויף אַ ברוך, דאָך פלעגט ער קיינמאָל ניט גיין אין גאַס מיט קיין שטעקן, ווייל „ער ז״ל האָט געזאָגט, טאָר ניט האָבן גדלות", און אַ שטעקן איז אַ סימן גדלות. גייענדיק, פלעגט ער זיך וואַרפן אין אַלע זייטן, גלייך ווי ער וואָלט פאַרטריבן פון זיך די מדה פון גאווה.

אויף דער עלטער האָבן זיך ביי אים אויסגעשניטן נייע ציינער. די חסידים האָבן דערציילט, אַז ר׳ פּנחס האָט אים געבענטשט, אַז, ער וועט דערלעבן ביז משיח וועט קומען, און דער סימן דערפון וועט זיין — נייע ציין.

אָבער אייביק איז קיין זאַך ניטאָ, און אויך אויף ר׳ רפאלס לעבן איז געקומען אַ סוף. פאָלגנדיקער צופאַל האָט אים געבראַכט דעם טויט.

אין בערשעט אָדער אין אַ דערביייאיק שטעטל האָט געלעבט אַ ייד, אַ קאָנטראַבאַנדיסט. היות דער ייד האָט מורא געהאַט צו פירן אַליין די סחורה איבער דער גרעניץ, האָט ער אויסגעזוכט אַ פּוילישן שלאַכטשיץ, און יענער פלעגט עס פאַר גוט געלט

אַריבערפֿירן אין זײַן אייגענעם געשעפֿט און ס׳פֿלעגט אַדורכגיין בשלום, מחמת אַ פּריץ וועט מען דאָך געוויס ניט חושד זײַן אין אַזעלכע זאַכן, און מע פֿלעגט זיי ניט באַזוכן. אַזוי האָט געדויערט אַ געוויסע צײַט, ביז מע האָט אים איינמאָל פֿאַרהאַלטן און געמאַכט אַ רעוויזיע בײַ אים אין קאָטש און געפּאַקט די קאָנטראַבאַנדע סחורה. אַז דעם פּריץ איז געוואָרן זייער ענג, ווײַל אויסער די בזיונות, האָט מען נאָך קעגן אים פֿאַרפֿירט אַ פּראָצעס און אַרויפֿגעלייגט אַ גרויסע שטראָף אויך — האָט ער די גאַנצע שולד אַרויפֿגעוואָרפֿן אויפֿן ייִדן, וואָס האָט אים געדונגען. אַז מע האָט געבראַכט דעם ייִדן, האָט ער געלייקנט שטיין און ביין, אַז ער ווייסט ניט פֿון וואָס צו זאָגן, און אַז דער גאַנצער חייב איז דער פּריץ, וועלכער האָט אויף אים אויסגעקלערט אַ בילבול, כּדי זיך ריינצוּוואַשן. אַזוי ווי קיין עדות זײַנען דערבײַ ניט געווען, האָט דער פּריץ פֿאָרגעלייגט, מע זאָל רופֿן די צוויי ייִדישע רבּיים, וואָס וואוינען דערבײַ, ר׳ משה, דעם סאַוראַנער און ר׳ רפֿאל בערשעטער — זיי קענען געוויס דעם ייִדן און ווייסן, מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך, זאָלן זיי שווערן, וועמען געהערט די סחורה.

מע דערציילט, אַז דער סאַוראַנער רבי, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ דרייקאָפּ, האָט געפֿונען אַ היתר, כּדי מציל צו זײַן דעם ייִדן, וואָס איז נאָך דעם צופֿאַל שוין געווען אַן אָרימאַן, און ר׳ רפֿאל האָט זיך ביטער צעוויינט, אַנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד און גענומען שרײַען מיט שרעקלעכע קולות: „איך, וואָס האָב קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט ליגן פֿון מײַן מויל און געהיט זיך פֿאַר יעדן וואָרט, וואָס האָט געקענט אויסזען פֿאַר אַ ליגן, — זאָל איך אַליין אויף דער עלטער שווערן פֿאַלש? ניין, דאָס וועט ניט זײַן! בעסער שטאַרבן! גאָט פֿון אמת, נעם צו מײַן נשמה, איך וויל שטאַרבן" — און איז באַלד אויפֿן אָרט געשטאָרבן.

דאָס איז די געשיכטע פֿון אַ ריכטיקן צדיק, וואָס האָט גערעדט אמת מיט זײַן מויל און מיט זײַן האַרץ. אמת טאַקע, ער איז ניט געווען אַזאַ גרויסער מענטש, האָט ניט געהאַט קיין גרויסן פֿאַר-

שטאַנד, אָבער זיין צדקות און זיין איסגעהאַלטענער גאַנג פאַר־שאַפן אים כבוד און ליב.

נאָך זיין טויט פלעגן זיינע חסידים זיך אויך אַזוי פירן ווי ער און פלעגן שטענדיק ריידן און שמועסן וועגן גוטע מדות, און פלעגן עס אויך איבערגעבן אין זיין נאָמען און ממתיק זיין מיט זיין לשון: „ער ז״ל האָט געזאָגט פון זיינטוועגן ז״ל טאָר ניט האָבן גדלות".

דער לעזער וועט שוין אַליין משפטן, וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַזאַ חסידות.

איך האָב ר' רפאלן געקענט אין מיין קינדהייט. ער איז געווען דעם פאָטערס אַ ידיד, און יעדעס מאָל, פאַרביי־פאָרנדיק פאַרביי מיין געבורט שטאָט, פלעגט ער איינשטיין ביי אונז אין שטוב און עסן ביי אונז. די חסידים האָבן געהייסן אויף זיין נאָמען: „בערשעטער חסידים".

טו.

ר׳ אברהם מלאך. — זיין אפזונדערן זיך פון דער וועלט. — ר׳ ישראל רוזשינער. — זיין הויף און זיין פירונג. — זיין ארעסט. — ער פארט אריבער קיין גאליציע. — א זילבענער טיש מיט א גילדערנער מנורה. — זיינע יורשים. — ר׳ מאטעלע טשערנאבילער און ר׳ משה סאווראנער. — דעם סאווראנערס און ר׳ מאטעלעס יורשים. — דאס צעטיילן זיך מיט דער ממשלה. — די יורשים רודפן איינע די אנדערע און זיינען זיך איינע די אנדערע מבזה. — זיינען להוט נאך געלט און כבוד. — דער „אפטער״. — זיינע יורשים. — ד״י אויפשריפט אויף זיין מצבה. — די אייניקלעך גייען איבער די הייזער.

איך האב שוין געשריבן, וואס דעם מעזשעריטשער מגידס תלמיד, ר׳ שניאור־זלמן, האט איפגעטאן אין דער ליטע.

דער מעזשעריטשער מגיד האט אויך געהאט א זון ר׳ אברהם, ר׳ שניאור־זלמנס א חבר. ער איז געווען א גרויסער צדיק, האט זיך איבגעטאן פון דער וועלט, זיך פארשפארט אין זיין חדר און טאג און נאכט געלערנט נגלה און נסתר, לויט זיין פאטערס דרך און לויט דעם גייסט פון יענער פינסטערער צייט.

נאטירלעך, קען מען ניט באשולדיקן דאס רוב פון דידאזיקע לייט, וואס זיינען נאכגעגאנגען נאך דעם גייסט פון זייער צייט און אנשטאט צו זוכן חכמה און וויסנשאפט, האבן זיי זיך אראפגעלאזן אין דעם תהום פון חסידות און ארויפגעבראכט פון דארטן צעבראכענע שטיקלעך שערבלעך. אויב זייערע מעשים זיינען ניט געווען קיין גוטע, איז אבער זייער כוונה געווען א גוטע. פאראיבל דארפן מיר האבן בלויז אויף די, וואס ווילן באשווינדלען און אפנארן דאס פאלק; נאר אזעלכע זיינען נאך דעמאלט קיין סך ניט געווען. אבער ניט נאר פון די חסידים אליין שטאמט דאס שלעכטס — פארהאן א היבש ביסל משכילים, וועלכע זיינען אויך ניט אזוי מהודרדיק.

דערדאזיקער ר׳ אברהם האט ניט געשטרעבט גרויס צו ווערן, דאט אין דער שטיל געדינט גאט און איז טאג און נאכט געזעסן

על התורה ועל העבודה. ער האָט זיך געשטעלט פֿאַר אַ ציל די אייגענע השלמה. זיינע צייט־מענטשן האָבן אים גערופֿן אברהם מלאך. נאָך זיין זון, ר' שלום פּאָהרעבישטשער, האָט זיך מתקנא געווען אָן ר' ברוך מעדזשיבאָזשער און האָט זיך אויך פֿאַרשאַפֿט אַ קאָטש מיט פֿערד און איז געוואָרן רבי. נאָך אים איז געוואָרן רבי זיין זון ר' אַברהם, וואָס איז יונגערהייט געשטאָרבן, און אים האָט געירשנט זיין קלענערער ברודער ר' ישראל אָדער ר' ישראלצע רוזשינער. ער איז אַרויף אויפֿן רבישן טראָן נאָך אַלס יינגל, ניט באַוויזנדיק זיך אויסצולערנען זיך יידיש ווי עס באַדאַרף צו זיין און ער האָט זיך קוים־קוים געקענט אונטערשרייבן. דאָס איז דער ר' ישראל, וואָס האָט אויפֿגעשטורימט אַ וועלט מיט זיין הויף, מיט זיינע קאָטשן און פֿערד, מיט זיינע הינט און בעק און מיט זיינע זעלטענע קאַפּעליעס קלעזמער. ער האָט זיך געפֿירט, ווי אַן אמתער מאָנאַרך. דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער רעגירונג און מע האָט אים אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין קיעווער פֿעסטונג. ער איז אָפּגעזעסן אַ צייט, ביז מע האָט אים באַפֿרייט; אַרויסגייענדיק פֿון תּפֿיסה, איז ער תּיכף אַנטלאָפֿן קיין גאַליציע, קיין סאַדיגורע, מורא האָבנדיק, מע זאָל אים ווידער ניט אַרעסטירן. צו אים האָבן גענומען פֿאָרן חסידים פֿון גאַנץ רוסלאַנד און ברענגען אים טייערע מתנות: זיי האָבן אים געמאַכט אַ זילבערנעם טיש מיט אַ גרויסער גילדערנער מנורה. ער האָט זיך אויך פֿאַרשאַפֿט אַ סך ערד און גיטער, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה צו זיינע קינדער *).

נאָך זיין טויט האָט אים געירשנט זיין עלטערער זון ר' שלום, וועלכער איז באַלד געשטאָרבן, און זיינע זין האָבן זיך צעטיילט מיט דער ירושה: איינער, אברהם־בער, אין סאַדאַגורע, און דער צווייטער, ר' מאָטעלע, אין סטריסעוו.

*) ס'איז אינטערעסאַנט צו פֿאַרצייכענען, אַז ר' ישראל רוזשינער איז אויך געווען צווישן, די וועלכע האָבן אָנערקענט די נוצלעכקייט פֿון ריב"לס „תעודה בישראל" און האָט אים אַרויסגעזאָגט זיין דאַנק אין אַ בריוו „תעודה באישראל", ריב"לס פֿאָרוואָרט צו דער צווייטער אויפֿלאַגע און הערה.—א. פּ.

אין דעם רוזשינערס צייטן זיינען אויפגעקומען נאָך צוויי גרויסע און באַרימטע רביים, ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער, דעם רוזשינערס אַ פעטער, און ר׳ משה סאַוראַנער. דערדאָזיקער ר׳ מאָטעלע האָט איבערגעשטיגן אַלע רביים, וואָס זיינען געווען ביז אים, מיט זיין תאווה צו געלט. ער פלעגט נעמען געלט מיט גוטן און מיט בייזן. ביי יעדערן, וואָס פלעגט קומען נעמען זיין ברכה; מיט זיין ברכה פלעגט ער האַנדלען, און פלעגט זיין זייער בייז, ווען מע פלעגט אים געבן ווייניק. דער צווייטער צדיק, ר׳ משה סאַוראַנער, איז געווען ר׳ ברוכס אַן איינקל און תחילת ר׳ ברוכס אַ חסיד, נאָר נאָך זיין טויט איז ער אַליין געוואָרן רבי; דאָך פלעגט ער זיך די גאַנצע צייט, וואָס דער פעטער האָט געלעבט, אונטערוואַרפן דעם פעטער, און נאָך זיין טויט איז ער געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער מושל. ר׳ משה איז געווען אַ גרויסער למדן און איז געווען באַ־האַוונט אויך אין וועלטלעכע זאַכן. צו אים פלעגן קומען גרויסע סוחרים מיט פאַרשיידענע דין־תורות, וואָס אַפילו געניטע דיינים פלעגן ניט קענען זיך פון זיי אַרויספּלאָנטערן, און ער האָט גע־קענט געפינען דעם דרך הממוצע און ברענגען זיי צו אַן אויסגלייך. ער פלעגט פשוט באַוווּנדערן וואונדער. אין דערזעלבער צייט אָבער איז ער געווען אַ שרעקלעכער אָבסקוראַנט, אַ פאַנאַטיקער, האָט גע־ברענט די טריט פון די, וואָס פלעגן זיך לערנען שפּראַכן און וויסנ־שאַפטן.

ער איז פיל יאָרן געווען רב. שבת צו שלש־סעודות פלעגט ער באַוואונדערן דעם עולם מיט זיין תורה, אין וועלכער ער האָט איבערגעשטיגן אַלע חסידישע רביים פון זיין צייט, און אומ־דערוואָכן איז ער געווען רב און מורה־הוראה, וואָס רייסט אויס בערג מיט זיין חריפות, מיט זיין למדות און מיט זיינע ידיעות אין הויות העולם.

דידאָזיקע דריי זיילן, דער רוזשינער, דער טשערנאָבילער און דער סאַוראַנער — זיינען דעמאָלט געווען די מושלים בכיפה נאָך דעם טויט פון דעם „אַפּטער" און האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד אויף אַלע יידן אין רוסלאַנד. אָן זייער עצה און באַפעל האָט קיינער

ניט געוואַגט אַריר צו טאָן זיך. שרייבנדיק דידאָזיקע שורות *), זיינען זיי שוין אַלע אויפֿן עולם האמת, פֿון וואַנען זיי וועלן זיך מער ניט אומקערן צו פֿאַרדעקן די וועלט מיט פֿינסטערניש.

נאָך דעם סאַווראַנער טויט האָט פֿאַרנומען זיין אָרט דער איינציקער זון זיינער, וואָס איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן און אויף דעם טראָן איז אַרויף זיין איניקל, וואָס איז נאָך דע־מאָלט געווען אַ יינגל. דאָך פֿלעגט מען אים אָפּגעבן כּבֿוד ווי אַ רבין, און עלטערע לייט פֿלעגן שטיין פֿאַר אים מיט גרויס פּחד.

דעם טשערנאָבילער רבין האָט גאָט געבענטשט מיט אַכט זין, וואָס זיינען אַלע געווען רביים און צעטיילט צווישן זיך די הערש־שאַפֿט, און האָבן בדלות געשטעלט יידן: ר' אהרנצע אין טשערנאָביל, ר' משהלע—אין קאָראָסטישעוו, ר' יעקבֿ־ישראל—אין טשערקאָס, ר' אבֿרהמעלע—אין טריסק, ר' דודל—אין טאַלנע, ר' איציקל—אין סקווערע, ר' יוחנצע—אין ראַכמעסטריווקע און ר' נחומל—אין מאַ־קאַראָוו. אומעטום, וואו זיי קומען, לייזיקן זיי אויס די קעשענעס פֿון דעם יידישן המון, וואָס לויפֿט־נאָך נאָך זייערע קאָטשן, און זיי האַלטן זיך נאָך דערמיט גרויס. יעדער איינער פֿון זיי האָט געהאַט אַ סך זין און אַלע זיינען זיי גרייט געווען צו ווערן רביים נאָך אין דער מאַמעס בויך און צו נעמען געלט יעדער איינער, מערער וויפֿל זיין טאַטע און זיין זיידע האָבן גענומען, צונעמען ביז דעם לעצטן גראָשן, ביז משיח וועט קומען און וועט אונדז אויסלייזן פֿון דידאָזיקע פּאַראַזיטן.

די אויבנדערמאָנטע ברידער קריגן זיך און זיינען איינער דעם אַנדערן יורד לחיים, פֿאַרגינען ניט, וואָס איינער איז רייכער און האָט מער חסידים פֿאַרן צווייטן; יעדערער פֿון זיי איז להוט נאָך כּבֿוד. און וויל, די גאַנצע וועלט זאָל נאָך אים נאָכגיין. איינע די אַנדערע רודפֿן זיי זיך, זייערע חסידים זיינען זיך איינע די אַנדערע מבֿזה, און די רביים לייגן נאָך צו אַ האַנט.

אַלס ביישפּיל וועל איך דאָ ברענגען אַ קאָפּיע פֿון דעם צירקו־לאַר־בריוו, וואָס איינער פֿון די ברידער, ר' יעקבֿ־ישראל, האָט

---

*) כ"ח כסלו, תרכ"ה, אלט־קאָנסטאַנטין.

פֿונאַנדערגעשיקט צו אַלע זיינע חסידים וועגן זיין עלטערן ברודער ר׳ אהרן, מיט וועמען ער איז געווען אין אַ גרויסער מחלוקת:

„ס׳איז ניט פֿאַרהוילן פֿון מיר וועגן יעדערן פֿון אנשי שלומנו, וואָס עס טוט זיך מיט אים, און איך בין זיך משתדל צו העלפֿן מיט מיין תפֿילה, די תפֿילה פֿון אַן איינזאַמען, פֿאַר כלל־ישראל. איך זע, מיט דעם איבערשטנס הילף, בחוש, אַז מיין תפֿילה צו גאָט וועט דורכגיין דורך די אַלע (מחיצות), וואָס שטערן מיר, מאָגן זיי אַפֿילו זיין די גדולי הדור, אַפֿילו מפֿורסמים אין אַפֿילו קינדער פֿון אונזער פֿאָטער, דעם געטלעכן מאַן. איר זאָלט וויסן זיין, אַז ביז איך האָב דערהערט, אַז גאָט ווילן איז מיט מיר, האָב איך וועגן דעם ניט אָנגעהויבן צו ריידן; איצט אָבער, אַז איך האָב מיין וואָרט געזאָגט, וועט מיך קיין שר און קיין שטורעמווינט אין דער וועלט ניט רירן פֿון אָרט. און ניט נאָר מיך אַליין—אַלע ווערימלעך יעקבֿס. כ׳האָב אַפֿילו אין דעם קלענסטן פֿון מיינע חסידים אַריינגעגעבן חכמה און גבֿורה, ער זאָל קענען לעבן אויף דער וועלט גליקלעך און צופֿרידן; ווייל מיין גאַנצער ווען איז אַריינגעטאָן אין דעם טיפֿסטן תוך פֿון יעדערן פֿון אנשי־שלומנו. איר זאָלט ניט צוהערן צו דער שטים, וואָס שרעקט אייך, פֿון דעם יינגל ביז דעם זקן גופֿא. און אין אַז. וו. ניט איצט וועט זיך יעקבֿ שעמען, און ניט איצט וועט בלייך ווערן זיין פּנים אין אַז. וו. פֿון איצט אָן זאָלט איר זיך פֿרייען מיט דער פֿרייד פֿון דער תורה, און זאָלט מוסיף זיין צו אייער לערנען מער, ווי איר האָט זיך ביז איצט נוהג געווען, ווייל ס׳איז דאָ אין דעם אַ פֿאַרבאָרגענע כוונה. דאָס זיינען די רייד פֿון דעם, וואָס בעט פֿאַר כלל־ישראל“.

דער מחבר פֿון דעם בריוו האָט זיך שוין געהאַט אָנגעשמעקט מיט חב״ד, ווייל ער איז געווען ר׳ בער ליובאַוויטשערס אַן איידעם, און דעריבער איז זיין סיגנון ענלעך צו זייערן. אָבער פֿון דעם עצם בריוו וועט דער לעזער אַרויסזען דעם פֿיר און די מעשים פֿון דידאָזיקע רביים, וואָס נאַרן אָפּ זייערע חסידים און באַרימען זיך, אַז זיי ווייסן זייערע מחשבֿות און געוועלטיקן איבער זייערע נשמות.

אין דעם רוזשינערס צייטן איז אויף ר׳ ברוך מעדזשיבוזשערס שטול אַרויף דער אַפּטער רבֿ, פֿון פּוילן, אַן אַלטער מאַן פֿון גרויסן יחוס. ער האָט צו זיך צוגעצויגן אַלעמענס הערצער און מע האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ הייליקן. פֿאַר אים פֿלעגן זיך בויגן אַלע חסידישע רביים, אויסער ר׳ ישראל רוזשינער, וועלכער האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפֿן דעם מושל און דער חסידישער רוים, וואָס איז געזעסן אויף דער שטול פֿון בעש״ט, הגם ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן און דער אַפּטער — שוין אַ זקן.

דער אַפּטער רבֿ האָט נאָך זיך איבערגעלאָזן זין און איידימס רביים. אויף זיינע טעכטער האָט מען דערציילט, אַז אין דער יוגנט האָבן זיי געפֿירט אַן אויסגעלאַסענעם לעבן. זיין עלטערער זון ר׳ יצחק־מאיר האָט געהאַט אַ גרויסע נחלה און האָט די איבערגעגעבן בירושה זיין זון ר׳ זיסל *), וואָס האָט זיך אַריבערגעצויגן פֿון מעדזשיבוזש קיין זינאָקוו. ר׳ איסל האָט אָפּגעדרוקט זיין זיידנס תורה און האָט אויסגעקריצט אויף זיין מצבֿה „אוהבֿ ישראל“. די אור־אור אייניקלעך פֿון דעם אַפּטער, ווי די אור־אור אייניקלעך פֿון דעם בעש״ט שלעפּן זיך איצט אום איבער דער וועלט און בעטן נדבֿות.

---

*) ר׳ זיסל האָט איבערגעלאָזן נאָך זיך דריי זין, וואָס האָבן צווישן זיך צעטיילט די הערשאַפֿט: ר׳ העשל האָט צוגענומען בעסאַראַביע מיט דעם דערבייאיקן ראַיאָן; ר׳ חיימל האָט אויסגעשפּרייט זיין נעץ אין פּאָדאָליע און וואָלין, און דער דריטער, ר׳ שמואל, האָט צוגענומען פֿאַר זיך דעם גרעניץ פֿון פּאָדאָליע, באַלטע מיטן ראַיאָן. אַלע זיינען זיי זייער רייך — און דאָס פֿאָלק לאָזט זיך מעלקן. — א. ב. ג.

טז.

ר׳ נחמן בראסלאווער. — זיין חתונה. — זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל. — זיין גייסט קען קיין רו ניט געפינען. — זיין נטיה צו התבודדות. — זיין פּאָעטישער כּוח־הדמיון. — א דואליסטישע נאטור. — ער בלאָנדזשעט אין דער פינסטער. — די רדיפות אויף אים מצד די חסידישע רביים. — זיינע מעשהלעך, זיינע געדאנקען און חקירהס. — זיין שנאה צו השכלה. — זיין טויט. — די רדיפות אויף זיינע תלמידים.

פון דעם בעש״ט אַן אוראייניקל שטאַמט ר׳ נחמן בראסלאווער. פון קינדוויי־אויף האָט ער זיך שוין געפירט לויט דעם חסידישן שניט, פאָראויסזעענדיק, אַז ער וועט מיט דער צייט דאַרפן זיין אַ רבי. צו 13 יאָר האָט מען אים חתונה געמאַכט. תחילת האָט ער געוואוינט אין מעדוועדיעווקע, וווּ איז, ביי זיין שווער, און פון דאָרטן איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל. (18 טעג אין אייר תקנ״ח). דידאָזיקע נסיעה איז געווען פאַרבונדן מיט אַ סך געשעענישן, און זיינע מקורבים מיט ר׳ נתן בראַסלאַווער בראש, וואָס איז געווען די צווייטע האַנט פון ר׳ נחמנען און דער גאַנצער רעדלפירער ביי די בראַסלאַווער חסידים, האָבן דידאָזיקע רייזע־דערציילונגען אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט נאָך מעשיות אין דעם ספר „שבחי הרן“, און אין אַ באַזונדער ספר מיטן נאָמען „מסעות הים“ (יוזעפאָוו, תר״ז). קומענדיק פון ארץ־ישראל, האָט ער זיך באַזעצט אין בראַסלאַוו.

ר׳ נחמן בראַסלאַווער איז געווען אַן איסטערלישער מענטש און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הנהגה און מיט זיינע מעשים פון אַלע חסידישע רביים. דער, וואָס וועט זיך פאַרטיפן אין זיינע ספרים, וועט געפינען, אַז אין אים האָבן געקעמפט צוויי קעגנזעצלעכע עלעמענטן: פון איין זייט, זיין נאַטירלעכע נטיה צו אויפקלערונג און דער איינגעבאָרענער פּאָעטישער טאַלאַנט, און פון דער צווייטער זייט, די רגילותן און די ערציאונג אין ווילדע חסידישע מנהגים און וויסטע

נאַרישע אָבערגלויבנס, וואָס האָבן אים אַראָפּגעפֿירט פֿון וועג, ווי די גאַנצע יידישע מאַסע אין יענער צייט.

זיין פֿלאַמענדיקע פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע זעט מען קלאָר אַרויס פֿון זיינע מעשיות, וואָס זיין איבערגעגעבענער תּלמיד ר׳ נתן האָט אָפּגעדרוקט. ער האָט אַליין ניט געוואוסט, ווי ווייט זיין פּאָעטישע קראַפֿט גרייכט. ער פֿלעגט ליב האָבן צו מתבודד זיין זיך אין פֿעלדער, אין וועלדער, דערהויפּט פֿרילינג־צייט. איינמאָל האָט מען פֿון אים געהערט אַזאַ מימרה: „ווינטער זיינען אַלע גראָזן און אַלע געוויקסן טויט, עס ווערט בטל זייער כּוח, און בעת עס קומט פֿרילינג, וואַכן זיי אויף פֿון זייער טיפֿן שלאָף און ווערן צוריק לעבעדיק. ווי גוט איז דעמאָלט אַרויסצוגיין אין פֿעלד" און אַז. וו.

איינמאָל האָט ער געזאָגט צו זיין באַגלייטער, וואָס איז מיט אים געגאַנגען שפּאַצירן אויסן שטאָט: „ווען דיין אויער וואָלט געקענט פֿאַרנעמען די שירה פֿון די דאָזיקע גראָזן, וואָס דערציילן די הערלעכקייט פֿון גאָט און זיינע וואונדער אָן קיין שום מחשבֿה־זרה און האָפֿן ניט אויף געצאָלט — ווי שיין וואָלט עס געווען צו הערן דידאָזיקע שירה!"— און נאָך אַסך אַזעלכע רייד, וואָס באַווייזן אויף פּאָעטישער פֿאַנטאַזיע און דערהויבענעם גייסט; אין אים האָט געברענט אַ שטאַרקער, אַ בענקענדיקער גייסט, וועגן וועלכן ער האָט אַליין ניט געוואוסט. נאָר הוות, צוליב זיין אייגענעם מצבֿ און צוליב דעם מצבֿ פֿון זיינע עלטערן, איז ער ניט געווען בכּוח אַליין צו געפֿינען דעם נאַטירלעכן וועג, האָט ער דעריבער שטענדיק געבלאָנדזשעט, זיך געוואָרפֿן צו הימל־זאַכן, און האָט אומעטום קיין רו צו זיין גייסט ניט געקענט געפֿינען. צוליב דערזעלבער בענק־שאַפֿט איז ער געפֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל און האָט זיך צוריק־געקערט, איז אַוועק פֿון מעדוועדיעווקע און האָט זיך באַזעצט אין זלאַטאָפּאָליע, אין בראַסלאַוו, און שפּעטער אין אומאַן. פּלוצלונג פֿלעגט ער זיך אויפֿהייבן און נעמען רייזן, און קיינער האָט ניט געוואוסט די סיבה דערפֿון, און אפֿשר האָט ער אַליין אויך ניט געוואוסט — זיין גייסט האָט אים געטראָגן.

אויב ס'איז ערלויבט צו פֿאַרגלייכן געוויסע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע, קען מען, אַריינטראַכטנדיק זיך אין ר' נחמן בראַסלאַווערס דרכים, אין זיינע שמועסן און דרשות געפֿינען אין אים אַ מיניאַטור־בילד פֿון אַ אוניווערסאַלן מאַן, וואָס האָט געלעבט אין פּאַלעסטינע מיט 18 הונדערט יאָר צוריק.

ס'קען זיין, אַז די חסידישע רבים פֿון זיין צייט האָבן עס אומקלאָר געשפּירט, דעריבער האָבן זיי אים געהאַסט און אים גערודפֿט, הגם זיי האָבן קיין שום חטא בנוגע דעם יידישן דת און די יידישע מנהגים ניט געקענט געפֿינען. דערהויפּט איז אויף אים געווען אָנגעשטויסן דער שפּאָלער זידע, וועלכער האָט אים געשאָלטן מיט ביטערע קללות און אים אָנגערופֿן הולטאַי און אַפּיקורוס. ער האָט אויך געפֿאָדערט פֿון אַלע זיינע מקורבים, זיי זאָלן אים שילטן און מבזה זיין. איינמאָל האָט מיר דער פֿאָטער פֿאַרציילט, אַז דער שפּאָלער זיידע האָט אים בפּירוש געזאָגט: „איך בין דיר ערב, אַז דו וועסט האָבן עולם־הבא, אויב דו וועסט שילטן נחמנען“. האָט אים דער פֿאָטער געענטפֿערט: „איך וויל אים ניט שילטן און וויל ניט אַזאַ עולם־הבא“.

זיין שטאַרקער כוח־הדמיון, וואָס האָט געבלאָנדושעט אין דער פֿינצטער, ווייל אויף אים האָט ניט אַרויפֿגעשיינט דאָס ליכט פֿון דער אייראָפּעאישער השכלה — האָט עס געבאָרן די מעשה'לעך, וואָס זיין תלמיד ר' נתן האָט זיי איינגעהילט אין סודות און רמזים פֿון קבלה. און אפֿשר האָט ר' נחמן גופֿא געזוכט אַ שטיצע צו זיינע מעשהלעך אין די נאַרישע פֿאַרבאָרגענע רמזים, דען ער איז געווען אַ דואַליסטישע נאַטור: פֿון איין זייט האָט ער פֿאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעכן פּאָעטישן גייסט, און פֿון דער צווייטער זייט האָט ער זיך געשטיצט אויף דער קאַבאַליסטישער מיסטיק, און וועלכע ער האָט געגלויבט לויט זיינע רגילותן. זיין נשמה האָט געשוועבט אויף דעם ים פֿון פֿאַנטאַזיע, ווי אַ שיף אָן אַ רודער, און זיין גאַנץ לעבן האָט ער ניט געקענט צוקומען צו אַ ברעג. דעריבער איז זיין גייסט געווען צעריסן אויף צוועלף שטיקער, און ער האָט פֿאַר זיך קיין רו ניט געקענט געפֿינען.

כדי דער פֿאַרשטאַנדיקער קריטיקער זאָל אַליין קענען משפּטן וועגן דעם, אויף וויפֿל אונזער פֿאַרגלייך פֿון ר׳ נחמן בראַצלאַווער מיט דעם כּאַמע ע ר ש ט ן פֿון אַלע רביים, וואָס זיינען אַמאָל געווען ביי יידן, און פֿאַר וועמעס ליכט עס זיינען געגאַנגען אַלע פֿעלקער, וועל איך דאָ ברענגען אייניקע מוסטערן פֿון זיינע שמועסן (פֿון שבחי הר״ן און שיחות הר״ן, נייע אויפֿלאַגע, לעמבערג 1864).

„דער יצר־הרע זעט אויס, ווי ער וואָלט שטענדיק אַרומליפֿן צווישן מענטשן מיט אַ פֿאַרמאַכטער האַנט, און קיינער ווייס ניט, וואָס איננווייניק איז. און ער נאַרט מענטשן און פֿרעגט ביי יעדן איינעם: וואָס האַלט איך? און יעדערן דוכט זיך, אַז ער האַלט אין האַנט דאָס, וואָס אים געלוסט זיך. דעריבער לויפֿן אים אַלע נאָך. אָבער ווען ער עפֿנט די האַנט, זעט מען, אַז זי איז אַ ליידיקע. ווייל ס׳איז ניטאָ קיינער, ווער עס זאָל קענען שטילן ביי אים זיין תּאווה.

אַלע תּאוות זיינען אויך געגליכן צו זיילן ליכט, וואָס דרינגען אַריין אין שטוב אַריין פֿון דער זון. און פּונקט ווי מע וואָלט וועלן כאַפּן די ליכט־זיילן: מע כאַפּט און מע כאַפּט און אין האַנט איז פּוסט, — אַזוי זיינען אויך אַלע תּאוות פֿון עולם הזה“.

„בעוונותינו הרבים, ליגן פֿיל מענטשן אין הדרים און שרייען מיט ביטערע קולות: גיט אונז עסן! און בעת מע קומט צו זיי און מע זאָגט זיי: נאַט אייך, עסט און טרינקט, ענטפֿערן זיי: ניין! מיר ווילן ניט אַזאַ עסן, מיר ווילן די אכילה ושתיה פֿון תּורה און עבֿודה. אַזוי אויך ליגן כּמה מענטשן אינדרויסן נאַקעטע און שרייען שטאַרק: גיט אונז מיט וואָס זיך צוצודעקן! קומט מען דאָך צו זיי און מע זאָגט זיי: נאַט אייך מלבושים! ענטפֿערן זיי: ניין! ניט אַזעלכע מלבושים דאַרפֿן מיר; מיר דאַרפֿן מלבושים פֿון תּורה ומעשים־טובֿים“...

... „און ע ר האָט גערעדט מיט גרויס איפֿרעגונג און מיט מוראדיקער התלהבֿות: אייערע קינדער זאָלט איר דערציילן, וואָס דאָ האָט זיך געטאָן. און ער האָט געזאָגט: ווייס און גלויב, אַזוי ווי ס׳איז מעגלעך אַרויסשלעפּן וועמען עס איז פֿון בלאָטע, אַזוי איז מעגלעך אויך אַרויסשלעפּן דעם, וואָס האַלט זיך אָן אים“.

דער, וואָס וועט זיך שטאַרק פאַרטיפן אין זיינע ספרים, וועט געפינען אַ סך ראיות צו מיין פאַרגלייך, הגם דידאָזיקע צוויי פיגורן זיינען ווייט איינע פון די אַנדערע, ווי ס'איז ווייט די צייט און די אומשטענדן, וואָס רינגלען זיי אַרום, און דער פאַרגלייך גופא צווישן זיי איז צו דמיונדיק.

אַז מיר וועלן זיך גוט אַריינטראַכטן אין אַזעלכע מיני מענטשן, וועלן מיר באַגרייפן, וויפל מיר דאַרפן דאַנקען גאָט פאַר זיינע חסדים, וואָס ער האָט אונז געבראַכט צו דער צייט פון השכלה, ווען אין פיל אייראָפּעאישע לענדער גיבן שוין די יידן זייערע קינדער אַ געוויסע ערציאונג, און אפילו ביי אונז האָבן שוין אויך אַ סך געעפנט זייערע אויגן צו בילדן און ערציען זייערע קינדער, און לאָזן זיי ניט איבער אויף הפקר, זיי זאָלן זיך אַנטוויקלען בלויז לויט זייערע אינסטינקטן. דען אויב אַ מענטש האָט ניט קיין פירער און קיין לערער, איז קנאַפּ זיינע נאַטירלעכע נטיות וואָס ער האָט, בפרט, ווען עס רינגלען אים אַרום פאַרדאָרבענע מענטשן — דעמאָלט איז אים זייער לייכט אַראָפּצופירן פון וועג.

נאָך דעם, ווי מיר האָבן געזען, אַז ר' נחמן האָט געהאַט אַ נטיה צו השכלה, איז פשוט נשתומם צו ווערן אויף די פילע מאמרים פון זיינע ספרים, וועלכע מע קען כמעט ניט הערן; אַ שטייגער (שבחי הר"ן): „בעסער צו זיין אַ שוטה און גלייבן אין אַליץ, אפילו אין שטותערייען און ליגנס, אַבי נאָר צו גלייבן אין אמת, איידער צו זיין אַ חכם און לייקענען, חס־ושלום אין אַליץ, ד. ה. צו לייקענען אין שקרים און שטותים, און דורך דעם זאָל ביי אים אַליץ ווערן ליצנות און ער זאָל לייקענען, חס־ושלום, אין דעם אמת". און אַז. וו.

לויט דער בחינה פון ימים־נוראים איז געוואונטשן, מיר זאָלן האָבן אַ שיינעם אתרוג, ווייל די וועלט זאָגט: יעדער יונגערמאַן האָט אַ שיין ווייב, און דער אתרוג איז דאָך בבחינת ווייב וכדומה, און ימים־נוראים זיינען יידן בבחינת ווינענדיקע יונגעלייט, דעריבער איז געוואונטשן, אַז אַ ייד זאָל האָבן אַ שיינעם אתרוג".

„מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל דערקלערט, אַז מיט חקירה־ספרים טאָר מען זיך ניט פאַרנעמען, מע טאָר אפילו אין זיי

ניט אַריינקוקן, און אַפֿילו אין חקירה־ספֿרים פֿון יידישע געלערנטע — אויך ניט, ווייל עס איז אַ האַרבע עבֿירה וכדומה. דאָס, וואָס מיר זעען, אַז מאַנכע מענטשן זיינען גלייכגילטיק צו זייערע הייליקע און גוואַלדיקע ספֿרים, אַ שטייגער דער זוהר, די ספֿרים פֿון אר״י זצ״ל וכדומה, הגם אין זיי געפֿינען זיך מוראדיקע חידושים, וואָס מאַכן ליכטיק די אויגן און זיינען זיסער פֿון האָניק, און זיי ציט דווקא צו חקירות — זאָלסטו וויסן זיין, אַז דאָס איז מחמת דעם, וואָס זייער טבֿע איז אַ שלעכטע, קענען זיי דעריבער ניט סובל זיין אַן אמת הייליקע זאַך", וכדומה.

נאָך דעם גייט אַוועק אַן אַנדער מאמר: „און זאָלסט טאַקע וויסן זיין, אַז די גאַנצע וועלט איז אין דער בחינה פֿון אַ דריידל"... און אַז. וו. ברענגען דעם מאמר אינגאַנצן איז ניט כדאי, ווייל ער איז זייער לאַנג און פֿון דעם אָנהייב אַליין קען מען שוין זען, וואָס ער איז אַזוינס.

„אין פֿאַרהאַן חכמים, וואָס ווילן זיין איינגעקלערט אַפֿילו אין דער חכמה פֿון דער תורה און האָבן ניט קיין אמונה — ביי אַזעלכע לייט זיצט אַ שרץ אין קאָפּ, און מע דאַרף זיך פֿון זיי דערווייטערן, אַפֿילו נאָענט לעבן זיי ניט שטיין, ווייל זייער אָטעם קען ברענגען אַ כשרן יידן צו דער תאווה פֿון זנות".

אפֿשר ווילסטו, ליבער לעזער, וויסן די סיבה פֿון באַנקראָטן אין דער מסחר־וועלט, זאָלסטו זיך ניט ברעכן דעם מוח אומזיסט און ווען געפֿינען דעם טעם און דעם גאַנצן פּלאָנטער פֿון מסחר און וועקסלען — לייען בעסער דעם איבנדערמאָנטן ספֿר השבֿחים, וועסטו דאָרט געפֿינען פֿאָלגנדיקס:

„פֿאַרהאַן אַן עבֿירה, וואָס איר עונש איז, דער בעל־עבֿירה זאָל בלייבן אַ שטענדיקער בעל־חובֿ, ער מאָג אַפֿילו טאָן די בעסטע מעשים, און קיין זאַך קען אים ניט העלפֿן. אַמאָל איז די עבֿירה גורם, ער זאָל אויך אַ צווייטן אַריינשלעפּן אין בלאָטע און מאַכן אים פֿאַר אַ בעל־חובֿ; דערפֿון נעמט זיך עס, וואָס אין אַ געוויסער צייט ווערן באַנקראָטן איבער דער וועלט. די עצה דערצו איז: טאָן תשובֿה מיטן גאַנצן האַרצן און בעטן גאָט, ער זאָל איסהיטן פֿון דעראָזיקער עבֿירה".

אפשר ווילסטו, ליבער לעזער, שטארק וויסן דעם מהות פון דעם נאענטסטן פלאנעט צו דער ערד, וואס אלע חכמי האסטראנאמיע האלטן, אז ער איז דער באגלייטער פון אונזער ערד — די לבנה — און אלע זיינען פה אחד מסכים, אז אין אים איז דא בערג און טאלן אזוי ווי אויף דער ערד — טא לייען די פאלגנדיקע זאצן אין דעם אויבנדערמאנטן ספר:

„און ער האט שטארק חוזק געמאכט פון די געלערנטע, וואס זאגן, אז אויף דער לבנה איז דא א ישוב, אזוי ווי אויף דער ערד. ער האט פון דעם געלאכט און געזאגט, אז ס'איז א גרויסער שטות, ווייל די לבנה איז אזוי ווי א שפיגל, און אלץ, וואס שטייט אנטקעגן איר, שפיגלט זיך אפ אין איר. דעריבער זעען זיך אויף דער לבנה א סך זאכן, וואס עקסיסטירן אויף דער ערד. אין דער אמתן אבער איז דארטן ניטא קיין איין זאך, וואס ס'איז דא אויף דער ערד, און די אלע מחקרים ריידן טיפשות".

„איינמאל האט ער געזאגט צו איינעם:

איך וועל דיר מגלה זיין א סוד; אויף דער וועלט וועט אנשטיין א גרויסע אפיקורסות און אז. וו. און טאקע באלד נאך זיין פטירה ז"ל האבן מיר עס געזען מיט אונזערע אויגן: תיכף האט זיך אנגעהויבן צו פארשפרייטן אויף דער וועלט א גרויסע אפיקורסות. הגם דידאזיקע מגפה האט זיך שוין לאנג אנגעהויבן צו פארשפרייטן אין די ווייטע מדינות דורך די שלעכטע חיבורים פון די דארטיקע באוואוסטע אפיקורסים, דערהויפט די „מאספים" וכדומה, אבער צו אונזער מדינה איז זי נאך ניט דערגאנגען. איצט, נאך זיין פטירה און נאך דער פטירה פון נאך גרויסע און הייליקע צדיקים, האט זיך די פלאג אויסגעשפרייט ביי אונז אין קאנט. די כשרע צדיקים פון אונזער דור האבן שוין לאנג אויף דעם מרעיש עולמות געווען, אבער קיינער הערט זיי ניט, ווייל, בעוונותינו הרבים, זיינען זיי (די אפיקורסים) זייער שטארק. דורך זיי איז אויך ארויסגעקומען די ביטערע גזירה (וועגן נעמען יידן אין סאלדאטן)".

אלם ביישפיל, אז ר' נחמן איז „געווען א פתי מאמין לכל דבר, וועל איך דא ברענגען א מעשה פון „ספר שבחי השבחים", וועלכע

וועט איבערגעחזרט אין אייניקע ערטער פֿון זיינע ספֿרים און צום סוף פֿון דעם ספֿר „מסעות הים“:

„און ער האָט דערציילט אַ מעשה וועגן אַ מענטשן, וואָס האָט ניט געגלייבט אין „ניט-גוטע“ און אין שדים, אַז זיי קענען אָפּטמאָל פֿאַרפֿירן מענטשן, ווי עס האָט שוין ניט איינמאָל אַזוינס פּאַסירט. איינמאָל ביינאַכט איז צו אים געקומען אַ „ניט-גוטער“ און אים אַרויסגערופֿן אינדרויסן און באַוויזן, אַז ער האָט אַ טייערן פֿערד צו פֿאַרקויפֿן. דער פֿערד איז באמת געווען אַ גוטער. פֿרעגט ער ביי דעם „בעל-דבר“: וויפֿל ווילסטו? — ענטפֿערט יענער: פֿיר דוקאַטן. דערזען, אַז דער פֿערד איז אַ מציאה אַכט דוקאַטן, האָט ער ביי אים אָפּגעקויפֿט דעם פֿערד. אויף מאָרגן פֿירט ער אַרויס דעם פֿערד אויפֿן מאַרק צו פֿאַרקויפֿן. ער איז מושווה געוואָרן אויף אַזאַ און אַזאַ מקח און מע האָט אים שוין געוואָלט באַצאָלן דאָס געלט. נאָר פּלוצים גיט ער אַ טראַכט: אויב מע גיט אַזאַ מקח, איז דאָך דער פֿערד מסתמא ווערט צוויי מאָל אַזויפֿיל, און ער האָט חרטה געקראָגן און אַוועקגעפֿירט דעם פֿערד ווייטער. דאָרטן האָט מען אים שוין געוואָלט באַצאָלן צוויי מאָל אַזויפֿיל, וויפֿל ער האָט אַליין געוועלט; איז ער זיך אָבער מיישב: אויב מען גיט אַזויפֿיל, איז ער דאָך מסתמא ווערט צוויי מאָל מערער. הכּלל, ער האָט זיך אַזוי לאַנג אַרומגעפֿירט מיטן פֿערד, ביז ער האָט אים אַריינגעטריבן אין די טויזנטער אַריין, און ער האָט אַליין ניט געקענט מושווה ווערן און אַליין געבעטן טייערער. לסוף האָט ער אויסגעבעטן אַזאַ מקח, וואָס נאָר דער מלך אַליין האָט אים געקאָנט געבן. האָט ער אַוועקגעפֿירט דעם פֿערד צום מלך. דעם מלך איז דער פֿערד געפֿעלן געוואָרן און ער האָט אים געוואָלט געבן אַ ממון מיט געלט, האָט ער אָבער ווידער חרטה געהאַט, טראַכטנדיק, אַז מסתמא איז ער ווערט מערער, און דער מלך האָט ביי אים אויך ניט געקענט קויפֿן דעם פֿערד. נעמט ער דעם פֿערד און פֿירט אים אַוועק אָנטרינקען זיך צו אַ פּלומפּ — איז דער פֿערד אַריינגעשפּרונגען אין פּלומפּ און איז נעלם געוואָרן. האָט ער גענומען שטאַרק צו שרייען, איז זיך איבערגעלאָפֿן אַ גרויסער המון מענטשן. פֿרעגט מען ביי אים:

וואָס שרייסטו? ענטפֿערט ער: דער פֿערד איז אַריינגעשפּרונגען אין פּלומפּ. האָט מען אים גענומען שטאַרק שלאָגן, ווייל ער האָט געראָדעט ווי אַ משוגענער: דען דאָס לעכל פֿון פּלומפּ איז געווען זייער אַ שמאָלס, און אַ פֿערד האָט גאָר אַהין ניט געקענט אַריין. קלייבנדיק זיך אַוועקצוגיין, זעט ער, ווי דער פֿערד שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון פּלומפּ. האָט ער ווידער גענומען שרייען, זיינען זיך ווידער צונויפֿגעלאָפֿן מענטשן און אים ווידער געשלאָגן. אַז ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָט דער פֿערד ווידער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, און ער האָט ווידער געמאַכט קולות, און ווידער זיינען זיך אייפֿגעלאָפֿן מענטשן און אים ווידער געשלאָגן, און אַז. וו. און וו.".

ר' נחמן בראַסלאַווער האָט געגלייבט באמונה שלמה, אַז די מתים גייען אַרום צווישן אונז און ריידן מיט אונז אין חלום און אויפֿן וואָר? אַזוי אַ שטייגער שטייט געשריבן אין „ספֿר השבֿחים":

„איינמאָל האָט ער געלאַכט און געזאָגט: אַז מע וואָלט געלאָזט איין מת אַריינגיין צווישן די פֿילאָזאָפֿן, בעת זיי זיצן און שטודירן זייערע חכמות, וואָלטן אַלע זייערע חכמות בטל געוואָרן".

אויף דעם קען מען נאָר ענטפֿערן, אַז אויב אַזוינס וואָלט טאַקע געטראָפֿן און מיר וואָלטן עס געזען מיט אונזערע אויגן, ביי אַלע אונזערע חושים, און אין אַ מסיבה פֿון אַ סך חכמים — וואָלט טאַקע זייער חכמה גאָרנישט ניט ווערט געווען, אָבער ווי זאָגט של'ער:

זעקס טויזנט יאָר האָט דער טויט געשוויגן —

איז דען אַ טויטער פֿון קבֿר געשטיגן?...

ר' נחמן בראַסלאַווער איז געשטאָרבן פֿון אַ ברוסט-פֿעלער אויפֿן דריי-און-דרייסיקסטן יאָר פֿון זיין לעבן. ער האָט געליטן אויף אַ שרעקלעכן הוסט און אַ צייט קורירט זיך ביי די לעמבערגער דאָקטוירים. זיי האָבן אים אָבער זיין קראַנקהייט ניט געקענט אויסהיילן, און דעריבער האָט ער אויפֿגעהערט אין זיי צו גלייבן און האָט מבטל געמאַכט די גאַנצע דאָקטאָריע. קומענדיק פֿון לעמבערג, האָט ער נאָך געלעבט צוויי יאָר צייט און איז געשטאָרבן אין אומאַן.

כ'האָב שוין דאָ, אויפֿגעקלערטער לעזער, צופֿיל מאריך געווען וועגן די פֿאַרשיידענע חסידישע סעקטעס בכלל און פֿון ר' נחמן בראַצלאַווער בפֿרט, ווייל ער איז געווען אַ וואונדערלעכער און אייגנאַרטיקער...

כ'האָב שוין דאָ, אויפֿגעקלערטער לעזער, צופֿיל מאריך געווען וועגן די פֿאַרשיידענע חסידישע סעקטעס בכלל און פֿון ר' נחמן בראַצלאַווער בפֿרט, ווייל ער איז געווען אַ וואונדערלעכער און איי־כטערלישער מאַן אין זיין גאַנצער הנהגה. מע האָט אים דערפֿאַר גערודפֿט, און זיינע חסידים רודפֿט מען נאָך עד־היום, דערהויפּט אין טאָג פֿון זיין יאָרצייט, בעת זיינע חסידים קלייבן זיך צונויף אויף זיין קבֿר, קומען אַהין חסידים פֿון אַנדערע רביים און שלאָגן זיי ביז בלוט, און רופֿן זיי מיט צונעמעניש „בראַצלאַווער הינט“, „נחמנטשוקעס“.

איסער דעם שפּאָלער זיידן, האָט אים גערודפֿט ר' משהלע סאַווראַנער, וואָס האָט פֿונאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע זיינע חסידים, מע זאָל אים רודפֿן עד חרמה. איצט האָבן זיך צו אים גענומען די רביים פֿון דער טשערנאָבילער דינאַסטיע.

איסער די רביים, וואָס איך האָב דערמאָנט, זיינען פֿאַרהאַן נאָך אַ סך, און זיי מערן זיך פֿון טאָג צו טאָג; איך האָב אָבער גערעדט בלויז וועגן די גרויסע. דאָ וועל איך זיך אָפּשטעלן און פֿאַרענדיקן דעם ערשטן פּעריאָד פֿון מיין לעבנס־געשיכטע.

יז.

די גזורה וועגן נעמען יידן אין מיליטער. — ניקאָלאַיס שווערע האַנט. — טרערן, טרויער און תּעניתים. — די רביים און צדיקים קויפן זיך אויס פון סאָלדאַטן. — אַ מעשה מיט אַ מלמד, וואָס ערקלערט זיך פאַר אַ בעל־שם. — ער זאָגט־צו צו העלפן יידן פון דער גזירה. — ער לייגט אריין אַ בר־מינן אַ צעטל צום רבונו־של־עולם. — אַ שפּיצל פון כאַפּערס. — חיים־מיכל דער כאַפּער. — גאָטלאָבער באַפרייט זיך פון מיליטער־דינסט. — זיין פאָטער חלומט זיך ווידער דער אַלטער חלום. — דאָס מאָל ווערט ער מקוים.

אַ שטיק צייט האָבן יידן געלעבט אין איינע שרעק און זיינען אומגעגאַנגען חושך ווי די ערד, איבער די קלאַנגען, וואָס עס האָבן זיך געטראָגן, אַז דער קייסער גרייט זיך צו נעמען יידן אין סאָלדאַטן. זאָל דער לעזער ניט מיינען, אַז יידן ווייסן ניט דעם חוב פון יעדן פאָלק, וואָס געניסט דעם שוץ פון דער מלוכה, צו פאַרטיידיקן זי בעת אַ צרה, צו מלחמה האַלטן מיט אירע שונאים און צו זוכן איר גליק און איר הצלחה. דאָך איז יידן געווען זייער ביטער אַוועקצולאָזן זייערע קינדער פאַר זעלנער, דערהויפּט אין יענער צייט, בעת יידן זיינען געווען אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט מיט אַן אייזערנער וואַנט פון די איבעריקע פעלקער דורך זייער רעליגיע און לעבנסשטייגער; האָבן זיי דעריבער געוויינט און געקלאָגט אויף דער גזירה: דען אַ ייד, אַז מע גיט אים אָפּ פאַר אַ זעלנער, גאָלט מען אים אָפּ די באָרד, מע גיט אים עסן טרפות און מע טוט אים אָן שעטנז; חוץ דעם פלעגן יידן אַמאָליקע צייטן — און טיילווייז אויך הײַנט — חתונה מאַכן זייערע קינדער יונגערהייט, און בעת עס פלעגט קומען די צייט פון גיין דינען, פלעגן זיי שוין האָבן ווייבער מיט קינדער. דינען האָט מען באַדאַרפט 25 יאָר, און דער עצם דינען איז געווען אַ מין קאַטאָרגע. דאָס אַלץ האָט געמאַכט ציטערן די הערצער פון פאָלק, וואָס זיינען צו דעם ניט געווען געוווינט, און אַלע יידן זיינען געווען אין גרויס פּחד.

אין יאָר תקפ״ח, דאָס פערטע יאָר פון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטשעס רעגירן, איז דערדאָזיקער קלאַנג פאַרווירקלעכט געוואָרן, און דאָס יידישע פאָלק האָט דערשפירט די שווערע האַנט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיינע פּלייצעס, כדי צו איינפירן נייע אָרדענונגען אין אַלע געביטן פון דעם פּאַרטייטיקן לעבנס־שטייגער — דאָס איז געווען די אייזערנע האַנט פון ניקאָלאַי I, וואָס האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּגעשטעלט.

קיין שרייבער איז ניט אומשטאַנד איבצושרייבן, אַלס זכר פאַר די קומענדיקע דורות, און קיין מענטש — אויסצודערציילן, די געוויינען מיט די געשרייען וואָס האָבן זיך געהערט אין די תעניתים, וואָס יידן האָבן דעם יאָר געמאַכט! די פאַלשע פירער פון פאָלק, די צדיקים און רביים, האָבן דעם פאָלק געזאָגט פאַלשע נביאות, אַז אַלץ וועט אַראָפּ בשלום, און אַליין האָבן זיי זיך פאַרשריבן צווישן דעם סוחרים־שטאַנד, וואָס צאָלן גילדע, און האָבן זיך איבגעקויפט פון סאָלדאַטן.

בשעת עס איז אַרויס דער איבנדערמאָנטער באַפעל, בין איך מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אַוועק פון שווער, פון טשערניכאָוו, קיין אַלט־קאָנסטאַנטין, געוואָר צו ווערן וואָס מאַכט מען ביי אונז. הגם איך בין געווען זיכער פון דער גזירה, וויל איך בין געווען אַ בן־יחיד, און בן־יחידס האָט מען ניט גענומען; אויסער דעם איז מיין פאָטערס אויטאָריטעט געווען גרויס ביי שטאָט, און איך האָב ניט געהאַט וואָס מורא צו האָבן — אָבער דער פאָטער האָט ניט געקענט צוזען די צרות פון זיינע ברידער און האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק, אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און אַוועקוואַנדערן די אייגן טראָגן.

געקומען בין איך אין אַלט־קאָנסטאַנטין פאַר יום־כיפור, און מיט אַ טאָג פריער האָט פּאַסירט אַ טשיקאַווע מעשה, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם אָבערגלויבן פון די יידן אין יענער צייט.

אין אַלט־קאָנסטאַנטין איז געווען אַ ייד אַן אָרימאַן, וואָס האָט געקענט אַ ביסעלע לערנען און געלעבט פון מלמדות — געווען אַ גמרא־מלמד. קיין איבערגעשפּיצטער איז ער ניט געווען, האָט זיך אָבער פאַרשטאַנען, ווי צו פירן לייטן פאַרן נאָז און האָט גע־

נומען דערציילן, אַז ביי אים געפינען זיך כתבים, הורך וועלכע מע קען פֿאַרשווערן די מלאכים און דעם שטן. בימלעכווייז האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרויסגעבן פֿאַר אַ בעל־שם, און די פֿאַרנאַ־רישטע שטאָט האָט אים געגלויבט און גענומען גיין צו אים, איבערציילן זייער פֿאַרביטערטע האַרץ און בעטן אויף פֿאַרשיידענע זאַכן. אַז עס איז אָנגעשטאַנען די גזירה וועגן מיליטערדינסט, איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, מע זאָל צו אים ניט גיין פֿרעגן, ווען וועט די גזירה בטל ווערן, און ער פֿלעגט אַלץ ענטפֿערן מיט פֿאַר־שיידענע ביטריקעס: אַמאָל פֿלעגט ער צוזאָגן צו שטילן דעם גרימצאָרן פֿון דעם קיסער, אַמאָל ווידער, פֿלעגט ער זיך בעטן ביי דעם עולם, מע זאָל צו אים ניט גיין און ניט אַרויפֿלייגן אויף אים אַזאַ שווערע משא, ווייל זיין לעבן איז אין סכנה. איינמאָל האָט ער זיך אַפֿילו באַרימט, אַז ווען ער זאָל וועלן, קען ער שלאָגן דעם קייסער מיט די חסידישע שטיוול — און דער פֿינצטערער המון האָט אים אַלץ געגלויבט.

ויהי היום, איז געשטאָרבן אין בית־מדרש אַן אַלטער ייד אַ למדן. „איצט — זאָגט דער בעל־שם צו זיינע מקורבים — איז געקומען די אמתע צייט. איך דאַנק דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט אונז צוגעשיקט אַ באַגלויבטן שליח, דורך וועלכן מיר וועלן קענען שיקן אַ בקשה צום רבונו־של־עולם, ער זאָל זיך אויף אונז דערבאַרימען און מבטל מאַכן די גזירה. שרייבט אָן אַ בריוו און גיט אים איבער דעם טויטן אין האַנט אַריין, נאָכדעם ווי איר וועט אים אויסלייזן פֿון אַלע זיינע עבֿירות, און איך וועל אים באַשווערן מיט די השבעות, וואָס איך ווייס, און ער וועט אַרויף אויפֿן הימל און איבערגעבן גאָט אונזער בקשה. איך וועל אים אייך באַשווערן, ער זאָל אונז קומען זאָגן, וואָס גאָט האָט אים געענטפֿערט".

יענער טאָג איז אין שטעטל געווען יום־כיפור: גאַנץ שטאָט האָט זיך אויפֿגעקליבן אויפֿן בית־עלמין, ס׳איז ניט געבליבן קיין קינד אין וויג, אויסער מיין פֿאָטער, וואָס האָט עס געהאַלטן פֿאַר ניט קיין יידישן מנהג. מע האָט אַריינגעלייגט דעם מת אין האַנט אַריין דעם בעל־שמס בריוו, אַלע האָבן אים באַוויינט און געשריען

מיט קלות, וואָס זיינען דערגאַנגען עד־לב השמים, און דער בעל־שם האָט אים פֿאַר אַלעמען באַשוואָרן, ער זאָל מיט ליידיקן צוריק ניט קומען. פֿון יענער צייט אָן איז שוין אַוועק זיבעצן יאָר — און דער שליח האָט זיך נאָך אַלץ ניט אומגעקערט...

אינמיטן סוכּות איז פּלוצלונג אַרויס אַ קלאַנג, אַז דער קייסער האָט מבֿטל געווען די גזירה. דער גרויסער טרויער איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער שמחה און די גאַנצע שטאָט האָט געטאַנצט און געזונגען אין די שולן און געדאַנקט גאָט פֿאַר דעם נס.

אָבער דערדאָזיקער קלאַנג איז בלויז געווען אַ שפּיצל פֿון די יידישע כאַפּער — צווישן זיי זיינען אויך געווען חסידים — כּדי די בחורימלעך, אויף וועלכע זיי האָבן געוואָרפֿן אַן אויג, זאָלן ניט מאַכן פּליטה.

אין אַלט־קאָנסטאַנטין איז דעמאָלט געווען אַ חסיד אַ צבֿועק חיים־מיכל, ימח שמו, וועלכן די רעגירונג האָט באַשטימט פֿאַר אַ דעפּוטאַט, ער זאָל ליט זיין איינזען נעמען יידישע קינדער פֿאַר זעלנער. געווען איז ער אַ רשע־מרושע, אַ נידערטרעכטיקער מענטש, מיט אַן אייזערן האַרץ, וואָס האָט זיך ניט געקימערט פֿאַר די טרערן פֿון די אומגליקלעכע. און אַזוי ווי ער איז דערצו נאָך געווען אַ פֿינסטערער פֿאַנאַטישער חסיד, וואָס איז מסוגל געווען אומברענגען יעדערן, ווער עס איז ניט געגאַנגען אין די חסידישע דרכים, פֿלעגט ער זיך דעריבער אָפּרעכענען מיט די אָרימע קינדער, וואָס פֿלעגן ניט טראָגן קיין לאַנגע פּאות, קיין פּאַנטאָפֿל מיט זאָקן און ניט פֿאַרמאָגט קיין קנאָפּ אין גאַרטל. אַזעלכע זיינען ביי אים געווען פֿאַררעכנט פֿאַר אַפּיקורסים. אָט־ער האָט עס אַרויסגעלאָזן די פֿריילעכע בשורה און אַליין זיך דער ערשטער שטאַרק משמח געווען, האָט געטאַנצט און געשפּרונגען אין מעשבֿוזשער „שולכן" מיט דעם אמתן חסידישן ברען. קוקנדיק אויף אים, האָט דער גאַנצער עולם זיך אויך גענומען משמח זיין, און אַלע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פֿריילעכע און זיכערע.

ווי זיי זיצן אַזוי ביי זיך אין די הייזער און פֿרייען זיך, ערשט מיליטער מיט חיים־מיכלען בראש האָבן אַרומגערינגלט זייערע הייזער, געכאַפּט די יונגע קינדער, געשמידט זיי אין קייטן

און אַריינגעזעצט אין תּפֿיסה. דעמאָלט האָבן אַלע פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אַ שפּיצל, כּדי אַריינצונאַרן זיי אין נעץ אַריין, און האָבן ווידער גענומען וויינען און קלאָגן, יעדעס האַרץ איז צעגאַנגען געוואָרן פֿון צער און פֿון יעדערנס אויגן האָט גערונען טייכן טרערן. אין דערזעלבער צייט האָט מען לויט חיים־מיכלס אָנווייזונג געכאַפּט אין אָדעס דעם טאַטנס אַ ברודערנזון, געבראַכט אים אין זשיטאָמיר צו דער קאָמיסיע און אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן, — און ביז היינטיקן טאָג ווייס איך אַפֿילו ניט, וואו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

איך האָב זיך אומגעקערט צוריק צום שווער מיט אַ פּאַפּיר, אַז איך בין פֿריי פֿון מיליטער־דינסט. דעם זומער פֿון זעלבן יאָר הופּט מיך דער פֿאָטער ווידער קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און דערציילט מיר גאָרנישט, צוליב וואָס ער דאַרף מיך. קומענדיק, געפֿין איך אים זייער צערודערט און אומעטיק. איינמאָל דערציילט ער מיר, אַז זיין אַלטער חלום וועגן דעם, ווי ער פֿאָרט אַריבער איבער אַ גרויסן טייך אין אַן אַנדער לאַנד אַריין, און אַריבערפֿאָרנדיק, בענקט זיך אים צוריק אַהיים, האָט זיך אים ווידער געחלומט.

פֿון די ווייטערדיקע זכרונות וועט דער לעזער זען, אַז דאָס מאָל איז דער חלום מקוים געוואָרן. דעם פֿאָטער איז באַלד נאָכדעם אויסגעקומען צו מאַכן אַ נסיעה, און פֿון איר האָט ער זיך שוין מער ניט אומגעקערט. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך אָנגעהויבן גלויבן אין חלומות.

יח.

די כאַפּערס באַזעצן זיך בשכנות מיט גאָטלאָבערס הויז.—געוויי־נען פון טאַטעס און קינדער.—גאָטלאָבערס פאָטער קען עס ניט אריבערטראָגן. — ער פאַרבריינגט די טעג אין תעניתים און די נעכט אין געוויין. — ער פאָרט אריבער מיט גאָטלאָבערן קיין גאַליציע.—זיי שווארצן דעם גרעניץ—קומען אָפּ מיט שרעק.—גאָטלאָבער זוכט השכלה און געפינט חסידים. — טאַרנאָפּאָל. — ר׳ יוסף פערל.—גאָטלאָבערס באַגעגעניש מיט ר׳ יוסף פערל.—גאָטלאָבער ווערט אַן אנדער מענטש.

די כאַפּערס אין מיין שטעטל האָבן זיך באַזעצט מיט אַ שטיב ווייטער פון אונז. אַהין פלעגן זיך דידאָזיקע איסוואורפן צונויפ־קלייבן און מאַכן מסחר מיט יידישע קינדער: נאָכדעם ווי זיי פלעגן כאַפּן און פאַרשפּאַרן די קינדער, פלעגן זייערע עלטערן קומען צולויפן מיט יללות און געבן פאַר זיי אויסקויף־געלט. די קינדער פלעגט מען אַרויסלאָזן און כאַפּן אַנדערע אויף זייער אָרט. אין דעמדאָזיקן הויז האָט מען שטענדיק געהערט געוויינען און געשרייען פון עלטערן מיט קינדער, וואָס פלעגן זיך אויסמישן צוזאַמען. מיין פאָטער, ז״ל, האָט עס ניט געקענט אַריבערטראָגן, זיין האַרץ איז צעריסן געוואָרן פון די געוויינען און דאָס לעבן איז אים נמאס געוואָרן. ער פלעגט ביינאַכט ניט צו־טאָן מיט אַן אויג; די טעג פלעגט ער פאַרברענגען אין תעניתים און אין די נעכט פלעגט ער אין געוויין אויסגיסן זיין האַרץ פאַר גאָט.

איינמאָל מיטוואָך, 13 טעג אין חודש תמוז תרפ״ה, איז מיין פאָטער אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, אָפּגעדאַוונט, גענומען די קישנס מיט די קליידער און מיר געהייסן זיך מאַכן גרייט אין וועג אַריין. איך האָב נאָך ניט באַוויזן אַ פרעג צו טאָן ביי אים, וואוהין מיר פאָרן, און צו אונזער שטוב איז צוגעפאָרן אַ פור מיט צווי פערד. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גרויס געוויין, די מאַמע מיט

דער שוועסטער זיינען אַרויפֿגעפֿאַלן צום פֿאָטער אויפֿן האַלז און גענומען פֿרעגן וואוהין ער פֿאָרט; ער האָט זיי אָבער ניט גע־ענטפֿערט, נאָר האָט זיך מיט זיי אַ צווייטן מאָל צעזעגנט. איך בין אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דער מאַמעס און דער שוועסטערס האַלז און האָב זייער פֿיל געוויינט, און מיר זיינען אַוועקגעפֿאָרן. אין דעם מאָמענט איז מיר אַרויפֿגעקומען אויפֿן זינען מיין פֿרוי און מיין זון, אָבער איך האָב זיך פֿאַרלאָזן אויפֿן גאָט און אויף מיין פֿאָטער און האָב גאָרנישט ניט גערעדט.

איך האָב ניט געוואוסט, וואוהין מיר פֿאָרן, ביז מיר זיינען געקומען קיין סאַטאַנאָוו. מיר זיינען פֿאַרפֿאָרן צו מיין פֿאָטערס אַ פֿריינד ר׳ יעקב־יוסף, אַ יונגערמאַן אַ גביר און אַ גרויסער למדן. איך האָב געזען, ווי מיין פֿאָטער איז אַריין מיט אים אין אַ באַזונדער צימער און זיך געסודעט — וועגן וואָס, האָב איך ניט געוואוסט.

גלייך נאָך שבת זיינען מיר אַוועק פֿון סאַטאַנאָוו אין דעם קליינעם שטעטל טאַרנאָרידע, וואָס ליגט אויף דער גרעניץ פֿון גאַליציע. די גרעניץ איז געווען דאָס טייכעלע. מיר זיינען דאָרט געבליבן נעכטיקן. ביינאַכט זיינען צום פֿאָטער געקומען מענטשן און זיך מיט אים וועגן עפּעס געסודעט. אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט בין איך אַוועק מיטן פֿאָטער צום שוחט פֿון שטעטל. דורך איין טיר זיינען מיר אַריין און דורך אַ צווייטער אַרויס — און פֿאַר אונז איז געלעגן דאָס אויבנדערמאָנטע טייכל. געגאַנגען זיינען מיר שטי־לערהייט. דער פֿאָטער איז געווען שרעקלעך בלאַס און צעשראָקן און קוקנדיק אויף אים, האָט מיר אויך גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ און אַ פּחד איז מיר באַפֿאַלן. מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און זיינען אַריין אין טייך. דאָס וואַסער האָט אונז געגרייכט ביזן האַלז, מיר זיינען שיִר ניט דערטרונקען געוואָרן. מיר זיינען אָבער, מיט גאָטס הילף, דעם טייך אַריבער בשלום, אויפֿן ברעג האָבן מיר געפּייזעט, אוים מורא, מע זאָל אונז ניט באַמערקן, אין אינגאַנצן זיינען מיר געווען אויסגעווייקט, און פֿון אונז האָט געגאָסן שטראָמען וואַסער.

מיר האָבן אויפֿגעהויבן די הענט צו גאָט און געדאַנקט אים פֿאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן און אונז מציל

געווען פון א סכנה. מיר זיינען שנעל אוועק צו דעם דארטיקן רב, ר' ישעיה, וועלכער האט אונז זייער פריינדלעך איפגענומען, מחמת ער האט שוין געהאט געהערט פון מיין פאטער, האט אונז געגעבן זאכן איף איבערטאן זיך, ביז אונזערע וועלן זיך איסטריקענען. מיר זיינען ביי אים געזעסן צוויי טעג און געווארט, ביז מע האט געבראכט אונזערע פעקלעך, וואס מיר האבן איבערגעלאזן איף יענער זייט.

איך בין דעמאלט אלט געווען 17 יאר. איסער אונזער שטיב אין אלט־קאנסטאנטין און דעם שווערס אין טשערניכאוו און א ביסל מענטשן אין בארדיטשעוו און אין זשיטאמיר, בעת איך פלעג פארן פון שווער צום פאטער, האב איך כמעט קיין מענטשן ניט געזען. דאס זיינען אלץ געווען חסידים, וואס זייער גאנצע עבודה איז געווען פארן צום רוזשינער, אדער זיצן אין בית־מדרש. איך האב אויך געמוזט גיין אין זייערע דרכים, טרינקען (איך בין אבער קיינמאל ניט געווען שיכור) און זינגען מיט זיי און בין געווארן א חסיד גלייך מיט אלע חסידים. הגם אינעווייניק אין מיר האט טאג אזוי נאכט גערופן א שטים: „ניט דאס איז דער וועג פון השכלה, ניט דאס וויל גאט“! אבער די דאזיקע שטים איז געבליבן בלויז אין הארצן, און אליין האב איך געטאפט ווי א בלינדער, געזוכט מיין געליבטע, געבענקט נאך בילדונג און וויסנשאפט, און האב אלץ איסגעפרווט: זיך פארטיפן אין דער תורה, פון די רביים און אין די סודות פון קבלה, געלערנט דיקדוק און לאגיק, שטודירט די ספרים פון רמב"ם און ר' יהודה הלוי, געווארן א חב"דער חסיד און געלערנט זייערע ספרים — און אזוי ווי טשערעט און וואסער, האב איך זיך געשאקלט פאר יעדעס ווינטעלע און ניט געהאט אן וואס זיך אנצושפארן.

געהערט האב איך, אז גאליציע איז דער ארט פון השכלה, כ'האב זי אבער ניט געפונען אין טארנארידע: — דיזעלבע חסידים, ווי ביי אונז, בלויז מיט אן אנדער איסשפראך: ביי אונז שרייען די חסידים: „אי־ווי, טאטע!“ און די גאליציאנער: „איי־ויי, טאטע!“ כ'איז אויך אן אונטערשייד אין די נעמען פון זייערע צדיקים: דארטן פארגעטערט מען ר' אורי סטרעליסקער, ר' הירש זידיטש־

ווער, ר' מאיר פּרעמישלאַנער, אָנשטאָט דעם רוזשינער קיניגט דאָרט דער קאָסאָווער, אָנשטאָט דעם סאַוראַנער — דער זאַלאָסיצער. אָבער בײדע זײַנען גרײט אױסצוראָטן מיטן וואָרצל יעדן סימן פֿון בילדונג און אױפֿקלערונג.

מיר זײַנען אַרױסגעפֿאָרן פֿון טאַרנאָרידע, איבערגענעכטיקט אין סקאַליט און געקומען קײן טאַרנאָפּאָל. טאַרנאָפּאָל איז אַ גרױסע שטאָט, און איר געפֿינט זיך שױן, אױסער חסידים, אױך אַזעלכע, וואָס אױף זײ האָט אױפֿגעשײַנט די זון פֿון השׂכּלה און ליכטיקײט. דאָ אין דער שטאָט איז אױפֿגעשטאַנען אַ שטאַרק באַגײַסטערטער מאַן, ר' יוסף פּערל ז"ל, וועלכער איז אַרױס אױף מלחמה פֿאַר בילדונג און וויסנשאַפֿט, זײַן נאָמען וועט אײביק בלײַבן אין דער ייִדישער געשיכטע. ער איז געווען דער פּיאָנער פֿון די גאַליציִשע ייִדן, וועלכער האָט געגרינדעט די ערשטע ייִדישע באַרימטע פֿאָלקס־שול אין טאַרנאָפּאָל, בעת גאַנץ גאַליציע האָט נאָך קײן אײן שול ניט פֿאַרמאָגט און איז געווען פֿאַרזונקען אין פֿינסטערן פֿאַנאַטיזם, נאָך מער אײדער מיר. בײַ די חסידים איז ער דעריבער געווען שרעקלעך פֿאַרהאַסט, זײַן נאָמען פֿלעגן זײ באַגלײטן בלױז מיט קללות און זידל־ווערטער. דעם אמת גערעדט, הגם איך פֿלעג מיט זײ טרינקען און טאַנצן צוזאַמען, בין איך דאָך ניט געווען קײן פֿאַרברענטער חסיד, און שטיל אין האַרצן האָט מיך געצױגן צו דערמאָזיקן ר' יוסף פּערל.

ר' יוסף פּערלס ספֿר „מגלה טמירין" האָב איך נאָך געהאַט געלײענט פֿאַר דער חתונה בײַ מײַנעם אַ חבֿר, אַ זון פֿון אַ רײַכן משׂכּיל, אַ מיליטער־ליוועראַנט, קראַסנאָסעלסקי. די נטיה צו אױפֿקלערונג איז געלעגן אין מײַן טבֿע. כ'האָב דעריבער זיך שטאַרק דערפֿרײט, דערוויסנדיק זיך, אַז אין טאַרנאָפּאָל וואױנט דערדאָזיקער באַרימטער מאַן, וועלכן אַלע חסידים שילטן, און האָב גענומען זוכן עצות, ווי אַזױ אַרום צו זען אים און רײדן מיט אים, ווײַל איך בין געווען זײער אַ שעמעוודיק ייִנגל.

אײַפֿן וועג קײן טאַרנאָפּאָל זאָג איך צום פֿאָטער, אַז איך וואָלט זיך וועלן זען מיט ר' יוסף פּערלען און האָבן [illegible] אַ וויכּוח.

— וואָס וועסטו אים אַ שטייגער זאָגן — פרעגט מיך דער פאָטער.

— איך וועל אים אויפווייזן — זאָג איך — מיט קלאָרע ראיות, אַז פונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך אויסצוקומען אָן שפייז פאַר דעם גוף, אַזוי איז אוממעגלעך אויסצוקומען אָן שפייז פאַר דער נשמה, ד. ה. אָן דאַווענען.

לאַכט דער פאָטער:

— פינוואַנען ווייסטו, אַז ער דאַוונט ניט? ער האָט דאָך אַליין אויסגעבויט אַ שיינע קלויז און פאַרבאָטן אַלע מתפללים דעם מינדסטן שמועס בעתן דאַווענען. כ׳בין געווען איבערראַשט, וואָס דער פאָטער האָט אים מיט איין וואָרט אַפילו ניט דערמאָנט לגנאי, אַזוי ווי אַלע חסידים פלעגן זיך נוהג זיין.

קומענדיק קיין טאַרנאָפּאָל, איז דער פאָטער מיט מיר אַוועק אָנקוקן ר׳ יוסף פערלס קלויז. דעמאָלט האָב איך גענומען און בין אַוועק אַליין, אָן דעם פאָטערס ידיעה אין דער פאָלקס-שול, וואָס האָט עקסיסטירט ביי דער קלויז. אַריינגעקומען אין שול, האָב איך דערזען אַ שיינעם מאַנספערשוין, אייראָפּעאיש געקליידט און אָפּגעראַזירט (דאָס איז געווען דער ערשטער מענטש, וואָס איך האָב געזען אַ געראַזירטן). כ׳האָב ביי זיך געטראַכט, אַז דאָס מוז זיין ר׳ יוסף פערל, און אויף מיר איז אָנגעפאַלן אַ גרויסע אימה, און איך האָב געוואָלט אַראָפּנעמען דעם ספּאָדיק פון קאָפּ. ער האָט מיך געפרעגט, וועמען איך דאַרף, און האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ דער-ביי׳איקן צימער, וואו עס איז געזעסן ר׳ יוסף פערל. האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט: „און ווער זייט איר?“ האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז אַ לערער אין דער שול און הייסט שטערן (דאָס איז געווען דער באַרימטער שטערן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דירעקטאָר אין אָדעסער שול, נאָך איידער עס האָבן זיך געעפנט די קאַזיאָנע שולן). ער האָט געעפנט די טיר און מיך פאָרגעשטעלט פאַר ר׳ יוסף פערלען, וועלכער איז געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר.

ר׳ יוסף פערל האָט מיך צוגערופן מיט אַ שמייכל, איך בין צוגעגאַנגען און געבליבן שטום, ניט געוואוסט, וואָס צו ריידן. האָט ער אויף מיר עטלעכע מינוט געקוקט, ווי איך שטיי אַזוי

געלײמט און קען דעם מויל ניט עפֿענען, און שעם זיך אױפֿהײבן דעם קאָפּ; דערנאָך האָט ער מיך גענומען אױספֿרעגן, װאָס איך דאַרף, נאָך װאָס איך בין געקומען, און צי װיל איך אָנקומען צו אים אין שיל.

— ניין, האָב איך אים געענטפֿערט, איך האָב גענוג געלערנט בײַ מײַן פֿאָטער און בײַ מײַנע רבײם. האָט ער מיך גענומען פֿרעגן, צי האָב איך געלערנט דיקדוק, און אַז איך האָב אים געענטפֿערט, אַז איך האָב געלײענט פֿיל ספֿרי דיקדוק און לאָגיק און איך געפּרוּװט שרײַבן שירים — האָט ער מיך געבעטן זיצן און געפֿרעגט אײניקע פֿראַגן פֿון דיקדוק און פֿון לאָגיק.

אין דעם המשך פֿון שמועס בין איך מיט אים אַרײַן אין אַ פּאָלעמיק װעגן זײַן ספֿר „מגלה טמירין". איך האָב אים אױפֿגעװיזן, אַז מיט אַזױנע מיטלען, װי אָפּלאַכן פֿון חסידים, װעט ער דעם ציל ניט דערגרײכן, װײַל די חסידים װעלן דעם ספֿר צערײַסן און ניט לײענען, און די אױפֿגעקלערטע נוצן אים סײ־װי ניט, סײַדן אַלס פֿאַרװײַלונג, און פֿאַרװײַלן זיך מיט ליצנות איז אַן עבֿירה.

אַז איך האָב געענדיקט, האָט ער מיר געגעבן צו פֿאַרשטײן, װי פֿרעמד עס זײַנען די מנהגים פֿון די דאָזיקע חסידים צו אונזער אמונה און צו אונזער תּורה, אַז זײ ברענגען אונז שאָדן אין אַלע לענדער, און צוליב זײ זײַנען מיר געװאָרן צו שפּאָט און צו שאַנד בײַ אַלע פֿעלקער אַרום.

„אַז דו װעסט עלטער װערן, — װעסטו פֿאַרשטײן, אַז מײַנע רײד זײַנען ריכטיקע; איך בין זיכער, אַז דו װעסט אױך מיט זײ קעמפֿן, און אפֿשר מיט די זעלביקע כּלי־זײַן, װאָס איך. דאָס, װאָס דו זאָגסט, אַז בײַ אונז װעט קײנער דעם ספֿר ניט לײענען, ביסטו נאָך אַ ייִנגל. פֿאַרהאַן נאָך בײַ אונז אַ סך ייִדן ניט קײן חסידים און ניט קײן משׂכּילים, און זײ װעלן עס לײענען, און בײַ זײ װעט זיך עפֿענען די אױגן. אײנער פֿון די דאָזיקע ביסטו אַלײן. הגם דו געהערסט נאָך אַלײן צו די חסידים, האָסטו זיך שױן פֿון זײ אױף דער העלפֿט באַפֿרײַט און װעסט שױן מער צו זײ זיך ניט אומקערן".

דערנאָך האָט ער בײַ מיר גענומען פֿונאַנדערפֿרעגן, וואָס איך טו דאָ, און וואוהין איך פֿאָר. איך האָבֿ אים אַלץ אויסדערציילט און אויך דאָס, וואָס איך האָבֿ מיטן פֿאָטער גערעדט וועגן אים פֿאָרנדיק אַהער, און מיר האָבן ביידע געלאַכט. נאָכדעם, ווי ער האָט מיר אָנגעוויזן, אין וואָס פֿאַר אַ וועג איך זאָל גיין און וואָס פֿאַר אַ ספֿרים איך זאָל לייענען, האָבֿ איך זיך מיט אים צעזעגנט און אַוועק.

אַרויסגייענדיק, האָבֿ איך דערשפּירט, ווי איך בין פּלוצלונג געוואָרן אַן אַנדער מענטש. אַ נייער גייסט האָט מיך באַהערשט און מיך אויפֿגעהויבן אין דער הויך, פּונקט אַזוי ווי דעמאָלט, אין מיין קינדהייט, בעת עס איז צו מיר דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפֿאַלן דער ספֿר „צוהר התבֿה“ און איך האָבֿ זיך דערוואוסט, אַז אויף דער וועלט איז פֿאַראַן אַ חכמה, וואָס הייסט דיקדוק. פֿון גרויס התפּעלות, האָבֿ איך מיטן פֿאָטער ניט געקענט ריידן. אַז איך האָבֿ אים שפּעטער דערציילט וועגן דעם באַזוך ביי ר' יוסף פּערלען, איז ניט נאָר וואָס ער איז אויף מיר ניט געווען ברוגז, נאָר ער האָט, אַדרבא, מיט צופֿרידנקייט געזאָגט: „זעסטו, איך האָבֿ מיט דיר טאַקע געלערנט לויט זיין סדר“.

יט.

זיי וואנדערן פון שטעטל צו שטעטל. — בראָד. — דער נאָמען „בראָדער" — סינאָנים פון אפיקורוס. — א חָסיד, וואָס לאכט אָפּ פון משכּילים. — גאָטלאָבער שליסט באַקאַנטשאַפט מוט בראָדער בחורימלעך. — משה מענדלסאָנס ביאָגראַפיע. — ער טרוימט איבער־צוזעצן אין העברעאיש מענדעלסאָנס בוך „ירושלים". — א שטרײמל מיט א ספּאָדיק. — סאדיגורע און טשערנאָוויץ. — זיי פאָרן אריבער אין דער שטאָט הערצע. — גאָטלאָבערס פאָטער ווערט דאָרטן חזן. — ר' מאיר פּרעמישליאַנער. — גאָטלאָבערס פאָטער נעמט שטארק אויס ביי די הערצער באלעבאטים. — גאָטלאָבער שטודירט דייטש פון מענדלסאָנס „ביאור". — דער הערצער גוטער־ייד.

פֿון טאַרנאָפּאָל זיינען מיר אַוועק קיין זלאָטשעוו און די גאַנצע וועג האָבן מיר נאָכדעם גערעדט וועגן ר' יוסף פּערלען. אין זלאָ־טשעוו האָבן מיר אָפּגעוואַרט ביז איבער שבת און אַוועק קיין ב ר אָ ד. וועגן בראָד האָב איך נאָך געהערט אין מיין קינדהייט, כ'האָב איך געוואוסט, אַז דאָרטן זיינען פֿאַרהאַן משכּילים און פֿון דאָרטן איז אַרויס די השכּלה פֿאַר אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך. דעריבער איז דער נאָמען „בראָדער" ביי אַ חסיד — אַ סינאָנים פֿון אַן אַפּיקורוס. אין בראָד זיינען אויך פֿאַרהאַן פֿאַרשיידענע חסידים, פֿאַרהאַן אמתע חסידים און אַזעלכע, וואָס טרינקען בראַנפֿן און דערציילן דעם רבינס נסים. אויף אונזער אַכסניה פֿלעגט אַריינקומען איינער אַ חסיד, וואָס האָט געשמט פֿאַר אַ וויצלינג און אַן אָפּ־לאַכער פֿון די משכּילים, די „דייטשן". מיר פֿלעגט עס שטאַרק ערגערן. איך האָב אָבער געפֿונען אין אים אַ נקמה דורך דעם ספֿר „כּתב יושר", אַן אַפּאָלאָגעטיק אויף ר' נפֿתלי־הערץ וויזלס שירים, אויך געשריבן אין אַ הומאָריסטישער פֿאָרם.

אַרויסגייענדיק אין בראָד אין גאַס, פֿלעגן זיך אַרום מיר יעדעס מאָל אויפֿגעפֿלאַמלען יונגע בחורימלעך, און ווי דער שטייגער איז פֿון ייִנגלעך, פֿלעגן מיר תּיכּף שליסן באַקאַנטשאַפֿט און אייגנע פֿאַר די אַנדערע אויסדערציילן אַלע אונזערע מחשבֿות און געפֿילן. אַ טייל פֿון זיי האָבן פֿאַרשטאַנען, וואָס בײַ מיר אין האַרצן טוט זיך, אַז אין מײַנע מחשבֿות בין איך ניט אַזאַ חסיד, ווי איך זע אויס אין מײַנע חסידישע קליידער; האָבן זיי מיך דעריבער גענומען מקרבֿ זײַן, געבן השׂכּלה־ביכער. איינער האָט מיר געגעבן אַלס מתּנה די ביאָגראַפֿיע פֿון משה מענדעלסאָן מיט זײַן בילד. איך בין גלײַך געוואָרן צוגעוואַקסן צו דעם בילד און האָב זיך מיט התמדה גענומען צום בוך.

לייענענדיק די איבערזעצונג פֿון דעם בוך „ירושלים", האָט זיך מיר שטאַרק פֿאַרגלוסט צו קענען עס אין אָריגינאַל, און טיף אין האַרצן האָט זיך צו מיר פֿאַרגנבֿעט אַ טרוים: „ווען איך וואָלט געקענט בײדע לשונות, וואָלט איך עס גאָר איבערגעזעצט אין העברעאיש". דער פֿאָטער האָט מיר ניט געשטערט צו לייענען די ספֿרים און פֿלעגט טיילמאָל אַליין אויך אַרײַנקוקן אין זיי; זײַן מיינונג אָבער וועגן זיי האָט ער מיר ניט געזאָגט.

דאָס רובֿ בראָדער ייִדן זײַנען ניט געווען קיין חסידים און האָבן זיך געפֿירט ווי אַלע ייִדן. שבת־חזן פֿלעגן זיי זיך ניט פּוצן ווי אַלע שבת, און אַנשטאָט אַ שטריימל פֿלעגן זיי טראָגן אַ ספּאָדיק. די חסידים, וואָס די גאַנצע נשמה־יתירה ליגט בײַ זיי אין שטריימל, האָבן עס בײַ זיך ניט געקענט פּועלן; דאָך אַרויסגיין מיט אַ שטריימל אין גאַס האָבן זיי ניט געוואָגט, מע זאָל זיי ניט פֿאַרשטיינען; פֿלעגן זיי זיך דעריבער אויפֿקלײַבן אין דעם טאָג אין אַ קרעטשמע אויסן שטאָט און דאָרטן אָפּריכטן שבת. מיך מיטן פֿאָטער האָט מען אויך אַהין פֿאַרשלעפּט. די חסידים האָבן אַ גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט אין שיכּרות און געזאַנג, ווי זייער שטייגער איז, אָבער מײַן פֿאָטער האָט זיך מיט זיי ניט געחבֿרט און האָט דעם גאַנצן טאָג פֿאַרבראַכט אין טרויער און געוויין אויפֿן חורבן בית־המקדש.

פֿון בראָה זיינען מיר אַוועק אין דעם קליינעם שטעטעלע פֿידאַיעץ, און פֿון דאָרטן קיין בוטשאַטש, אַ גרויסע יידישע שטאָט מיטן אַלטן באַוואוסטן חסידישן רבין. פֿון בוטשאַטש זיינען מיר דורך זאַלעשטשיק אָנגעקומען אין אַ מאַרק־טאָג קיין סאַדיגורע, און פֿון סאַדיגורע—קיין טשערנאָוויץ, אַ גרויסע שיינע שטאָט מיט אַ סך רייכע יידן. הגם טשערנאָוויץ ליגט ניט ווייט פֿון סאַדיגורע, שיידן זיי זיך שטאַרק אונטער. סאַדיגורע איז אַ שטאָט פֿון פֿאַנאַטיזם און אָבערגלויבן, די איז אַ פֿעסטונג פֿון חסידות, און בעת דאָרטן האָט זיך באַזעצט ר׳ ישראל רוזשינער, און אַהין האָבן זיך גענומען ציען חסידים פֿון אומעטום—איז די נאָך מער געוואָרן איבערפֿולט מיט אָבערגלויבן און פֿאַנאַטישער חסידות.

דערפֿאַר איז די דערבייאיקע טשערנאָוויץ געווען פֿיל מיט אַלעם גוטן פֿון השכלה: אַ שול פֿאַר יינגלעך און מיידלעך, אַ כאָר־שול, אַ ראַבינער אַ משכיל, וואָס פֿלעגט האַלטן רעדעס אין דער לאַנד־שפּראַך; אין די איבעריקע זאַכן זיינען אויך די טשערנאָוויצער יידן געגאַנגען מיט דעם גייסט פֿון דער צייט. אין יאָר תקפ״ח, בעת איך בין דאָרטן געווען, איז די נאָך ניט געשטאַנען אויף אַזאַ הויכער מדרגה, די האָט זיך אָבער אונטערשיידט פֿון סאַדיגורע.

אָפּגעהאַלטן שבת אין טשערנאָוויץ, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין סאַדיגורע, כדי פֿון דאָרטן צו פֿאָרן קיין יאַסי, מאָלדאַוויע, וואו דער פֿאָטער האָט געזאָלט פֿאַרבלייבן חזן.

דערווייל, זייענדיק אין סאַדיגורע, האָט זיך דער פֿאָטער דאָרטן איבערגעטראָפֿן מיט יידן סוחרים פֿון הערצע, איבן מאָלדאַווישן גרעניץ, וואו מען האָט געוואוסט וועגן פֿון מיין פֿאָטער בעת ער איז נאָך געווען חזן אין יאַסי, און זיי זיינען צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל ווערן ביי זיי חזן. דער פֿאָטער האָט איינגעשטימט און מיר זיינען אַוועקגעפֿאָרן קיין הערצע.

אַריבערגייענדיק דעם גאַליצישן גרעניץ, האָבן מיר הינטער דעם שטעטל ביאַן באַזוכט דעם באַרימטן חסידישן רבין ר׳ מ א י ר פּ ר ע מ י ס ל י אַ נ ע ר. דערדאָזיקער רבי האָט געהאַט פּאָסטעמקעס פֿון אַן אמתן משוגענעם. איבער די תורה פֿון אַלע חסידישע רבי׳ם

איז שטות, איז זיין תורה — חוזק. ער פֿלעגט איבערדרייען די ווער־טער, פֿלעגט פֿאַרדאַרבן די כוונה, צונויפֿפֿירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, ניט כּדי אַרויסצוברענגען עפּעס אַ מוסר־השׂכּל אָדער אַ גוטע מדה, נאָר גלאַט געבּאַלבעט. פֿונדעסטוועגן פֿלעגט מען פֿון דער גאַנצער וועלט צו אים פֿאָרן הערן תּורה און בענטשן זיך. ער האָט גע־האַט טויזנטער חסידים, וואָס פֿלעגן דערציילן זיינע מופֿתים. ער האָט ליב געהאַט אַרומצופֿאָרן איבער די גרעניץ־ערטער און פֿלעגט אָפֿט בייטן דעם אָרט.

זיין פּרצוף־פּנים איז אויך געווען, ווי ביי אַ משוגענעם: זיינע אויגן האָבן געבּליצט און אַרומגעלאָפֿן אין די אויגנלעכער, די באַקן האָבן געפֿלאַמט, דער פּנים באַוואַקסן מיט אַ ציגן בערדל, און דערצו פֿלעגט ער אַרויסלאָזן משונה־ווילדע קולות.

מיר זיינען אַוועק פֿון דאָרטן און אָנגעקומען קיין הערצע, 26 טעג אין אלול. דעמזעלבן טאָג, נאָך איידער מע האָט געהערט דעם פֿאָטערס דאַוונען, האָט מען אים דערלאַנגט אַ כּתב, אַז ער ווערט שטאָט־חזן, מיט אַ פֿיינעם געהאַלט דערצו — אַזאַ גרויסן נאָמען האָט ער געהאַט. ער איז געווען באַרימט ניט אַזוי מיט זיין געזאַנג, ווי מיט זיין פֿרומקייט, מיט זיין חסידות און מיט זיין גרויסער לומדות. אויף מאָרגן האָט ער געדאַוונט פֿאַרן עמוד און האָט געבּענטשט ראש־חודש. די גבּאים זיינען געקומען צו אים אויף דער אַכסניה, האָבן אים געדאַנקט און זיך שטאַרק געפֿרייט. דער פֿאָטער האָט באַשלאָסן גלייך נאָך סוכּות אַראָפּברענגען די מאַמען מיט די שווע־סטער.

גאָט האָט אָבער ניט אַזוי געוואָלט.

אין הערצע האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ לעמבערגער יונגנ־מאַן אלימלך, וועלכער האָט זיך פֿאַרנומען מיט געבן לעקציעס אויף דייטש און מאָלדאַוויש אין גבירישע הייזער. ביי דעמדאָזיקן יונגנמאַן האָב איך איינמאָל געטראָפֿן אַ תּהילים מיט מענדלסאָנס ביאור. איך האָב ביי אים אָנטליען דעם תּהילים און גענומען שטו־דירן די איבערזעצונג. די דייטשע שפּראַך איז פֿאַר מיר דעמאָלט געווען אַזוי ווי סאַנסקריט. נאָר מיט גרוים מי האָב איך בּיסלעכווייז גענומען פֿאַרשטיין און ס'איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, דערהויפּט פֿון אייגלס קאָמענטאַר.

אין דער שטאָט הערצע איז געווען אַ חסידישער רבי ר׳ אַבֿרהמל; זיינע חסידים פֿלעגן אָפּלאַכֿן פֿון ר׳ מאיר פֿרעמיסלאַנער און זיינע חסידים און פֿלעגן זיך איינע מיט די אַנדערע קריגן און אַרומרייסן. דאָס האָט געבראַכֿט דערצו, אַז אייניקע, מער פֿאַרשטאַנדיקע, האָבן אָנגעהויבן צו צווייפֿלען און צו זוכֿן דעם אמת. בײַ די ליטווישע טפּשים, וואָס האָבן געלעבט פֿאַר זיי און וואָס קוּניגן נאָך היינט אויך אין די גרויסע ליטווישע שטעט, איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג פֿאַרבאָטן צו באַגרייפֿן זאַכֿן מיטן אייגענעם שׂכל; דעריבער גלויבן זיי אין אַלץ בלינדערהייט. פֿאַרקערט, בײַ די חסידים, הגם נאָך זייערע אייגענע רביים גייען זיי נאָך מיט פֿאַרמאַכֿטע אויגן, אָבער צו אַנדערע רביים האָבן זיי שוין אַ געווויסע באַוואוסטזיניקע באַציאונג, און דאָס גופֿא איז גורם, זיי זאָלן אָנהייבן צווייפֿלען אין זייערע אייגענע רביים — און דער צווייפֿל איז די מוטער פֿון דענקען.

ב.

גאָטלאָבער מיטן פאָטער ווערן קראַנק אויף פיבער. — גאָטלאָבערס פאָטער דערמאָנט זיך אָן זיין אַמאָליקן חלום. — די קראַנקהייט פאַרערגערט זיך. — זיי קערן זיך אום אַהיים. — בלייבן שטעקן אין וועג. — גאָטלאָבער ליגט צום בעט און זעט, ווי זיין פאָטער גוססט. — גאָטלאָבערס פאָטער שטאַרבט מתוך שמחה. — גאָטלאָבער בלייבט אַן עלנטער יתום אין אַ פרעמדער שטאָט. — ער פאַרקויפט זיין פאָטערס זאַכן. — ער לאָזט זיך אין וועג אַריין. — שטעלט דאָס לעבן אין סכנה און גנבעט דעם גרעניץ. — האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן די גרעניץ-שמוגלער און פאַרמשכנט די זאַכן. — זיין שווערס קאָמיסיאָנער לייזט אים אויס פון דער לאַגע. — דער רושם פון זיין פאָטערס טויט אין אַלט-קאָנ־שטאַנטין. — צוריק ביים שווער.

ערבֿ-ראש-השנה זיינען מיר ביידע, איך מיטן פֿאָטער, קראַנק געוואָרן אויף אַ שרעקלעכן פֿיבער. פֿונדעסטוועגן האָט דער פֿאָטער נאָך געדאַוונט מיט די לעצטע כּוחות פֿאַרן עמוד. אַז מיר זיינען געקומען ערבֿ-ראש-השנה צונאַכטס אין שול, האָבן מיר דאָרטן נאָך קיינעם ניט געטראָפֿן. דער פֿאָטער האָט זיך דערפֿון שטאַרק מצער געווען. מיר האָבן זיך געזעצט אויפֿן גראָז לעבן שול און דער פֿאָטער האָט מיר געזאָגט: „דו געדענקסט דעם חלום, וואָס איך האָב האָב דיר אַמאָל דערציילט?“ איך האָב געענטפֿערט, אַז יאָ. האָט ער זיך טיף אָפּגעזיפֿצט און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָך ראש-השנה האָט זיך אונזער קראַנקהייט פֿאַרערגערט; דער פֿאָטער האָט נאָך אָבער אַליין געדאַוונט פֿאַרן עמוד. נאָך יום-כּיפּור, אַז ער האָט דערזען, אַז די קראַנקהייט לאָזט אים ניט אָפּ און עס ווערט אַלץ ערגער, האָט ער זיך געווענדט צו די פֿאָרשטייער פֿון דער קהילה, מע זאָל אים באַפֿרייען פֿון זיין פֿאַסטן און לאָזן זיך אים אומקערן צוריק קיין אַלט-קאָנסטאַנטין. זיי האָבן אים אָבער זייער ליב געהאַט און ניט געוואָלט אָפּלאָזן. עס זיינען אַריבער די ערשטע טעג סוכּות און דער פֿאָטער האָט דערזען, אַז די קראַנקהייט ווערט געפֿערלעך, האָבן מיר זיך דעם ערשטן טאָג חול-המועד געלאָזן פֿון הערצע אויפֿן וועג צו דער היים. לעבן כאָטין האָבן מיר געדאַרפֿט אַריבערפֿאָרן דעם פּרוט, אָבער

מחמת עס איז ניט געווען קיין גאַנץ שיפֿל און אַ שטאַרקער ווינט האָט דעמאָלט געבלאָזן, האָבן מיר מורא געהאַט צו לאָזן זיך אויפֿן טייך און זיינען אַוועק אין אַן אַנדער אָרט, אַריבערגעפֿאָרן דעם טייך מיט אַ פּראָם און אָנגעקומען קיין ליפּקאַן. דאָרטן זיינען מיר פֿאַרבליבן אויף די אַנדערע טעג יום־טובֿ, ווייל די זאַכן אונזערע זיינען פֿאַרבליבן אויף יענער זייט און מיר האָבן ווייטער ניט געקענט פֿאָרן.

פֿון יענער צייט (13 טעג אין חשוון תרכ"ט) איז שוין אַריבער פֿערציק יאָר, און דער טרויעריקער טאָג שטייט נאָך מיר היינט פֿאַר די אויגן. איך האַלט די פֿעדער אין האַנט און זיץ און שווייג, און שרעקלעכע פֿאָרשטעלונגען גייען דורך פֿאַרביי מיינע אויגן, אַזוי ווי געשפּענסטער, טרויעריקע געשטאַלטן שטויסן זיך אין מיין געדאַנק און ווילן אַלע פֿאַראַמאָל אַרויסגיין.

וויי צו יענעם טאָג! — פֿון זינט מיין טייערער פֿאָטער, וואָס איז מיר געווען ליבער פֿון אַלץ אין דער וועלט, איז געשטאָרבן, רעכן איך יעדן יאָר, וויפֿל וואָלט ער איצט אַלט געווען, ווען ער וואָלט געלעבט? בעת ער איז געשטאָרבן, איז ער בלויז אַלט געווען אַכט־און־פֿערציק יאָר, און ווען ער וואָלט איצט געלעבט, וואָלט ער נאָך אַפֿילו קיין ניינציק יאָר ניט אַלט געווען, אַסך מענטשן אין דעם עלטער לעבן דאָך נאָך. ווי גוט און ווי גליקלעך וואָלט איך געווען, ווען איך וואָלט געקענט אויפֿהאַלטן אויף דער עלטער דעם ליבן פֿאָטער, וואָס אונזערע נשמות זיינען געווען אַזוי פֿאַרקניפּט און פֿאַרבונדן און וואָס זיין פֿאַרשטאַנד האָט מיר געהאָלפֿן צו זוכן בילדונג און וויסן און דעם וויסטן מדבר; וואָס טראָץ זיין פֿרומקייט און חסידות, האָט ער מיר ניט נאָר ניט פֿאַרשטעלט די וועגן פֿון בילדונג, וועלכע די חסידים האַסן אַזוי, נייערט ער פֿלעגט מיר אַליין ברענגען פֿאַרשידענע השכּלה־ביכער. איצט, ווען איך וואָלט געקענט הערן זיין מיינונג וועגן מיינע ביכער, אַן עצה האַלטן זיך מיט אים יעדעס מאָל, ווען מיר קומט אים שרייבן אַ ווערק — ווי גליקלעך איך וואָלט געווען!

ווער וואָלט מאַכן פֿון מיין פֿעדער אַ קוואַל פֿון טרערן, איך זאָל קענען אויסשרייבן אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט די לעצטע

צוויי טעג יום־טובֿ און דעם טאָג פֿון אסרו־חג, ווען מיין פֿאָטער, זכר צדיק לבֿרכה, איז געשטאָרבן.

הושענא רבה האָט ער זיך נאָך געשטאַרקט און אָפּגעזונגען די הושענות, פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט געדאַוונט פֿאַרן עמוד. אין זעלבן טאָג האָט זיין קראַנקהייט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט, און איך בין אויך געלעגן צוגעשמידט צום בעט. וואָס עס האָט זיך דעמאָלט בײַ אונדז געטאָן, געדענק איך ניט, איך געדענק בלויז, אַז שמחת־תורה פֿאַרנאַכט זיינען צו אונדז אין שטיב געקומען אומבאַקאַנטע מענטשן, כּדי זיצן לעבן אונדז. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דאָס האָט זיי געשיקט חבֿרה־קדישא צו דערהיטן מיין פֿאָטערס נשמה, נאָך דעם, ווי ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז זיין צושטאַנד איז אַ האָפֿענונגסלאָזער.

אין יענער נאַכט האָב איך, ליגנדיק אויפֿן בעט, געהערט, ווי דער פֿאָטער האָט מיט די דאָזיקע מענטשן גערעדט הויכן וואונק, כּדי איך זאָל ניט הערן און זיך ניט דערשרעקן:

— אינגיכן וועל איך דאַרפֿן אָנקומען צו אייך, איר זאָלט מיר טאָן מיין לעצטע רעכט — זאָלט איר וויסן זיין, אַז מיין גאַנץ לעבן האָב איך געדינט גאָט מיט שמחה, און דעריבער זאָלט איר איך ניט אַריינפֿאַלן אין עצבֿות און מיט שמחה זאָלט איר טאָן דאָס, וואָס איר זייט מחויבֿ צו טאָן.

געענדיקט ריידן, האָט ער אויפֿגעהויבן די האַנט מיט אַ פֿריי־לעכער מינע און עטלעכע מאָל אויסגעשריען מיט אַזאַ פֿרייד און רעליגיעזן עקסטאַז, אַז זיין גאַנצער קערפּער האָט זיך אַראָפּגערוקט פֿון בעט און איז געבליבן שטיין אויפֿן דיל. די מענטשן, וואָס זיינען געווען אַרום אים, האָבן זיך אין גרויס שרעק אָפּגערוקט, זעענדיק, ווי אַ מענטש, כמעט אַ געשטאָרבענער, דינט גאָט מתוך שמחה אין זיין לעצטער מינוט.

דער פֿאָטער האָט דערזען, אַז זיי האָבן זיך פֿאַר אים שטאַרק דערשראָקן, האָט ער זיי באַרואיקט: „האָט קיין מורא ניט! קומט נעענטער! און ביסלעכווייז האָט ער זיך צוריק אַרויפֿגערוקט אויפֿן בעט און מער מיט זיי ניט גערעדט.

איך האָב דאָס אַלץ צוגעהערט פֿון בעטל און געוויינט אינ־דערשטיל, כּדי ניט מצער צו זיין דעם פֿאָטער, וויסנדיק, ווי ער באַהאַלט פֿון מיר זיין טויט.

אַז ס'איז געוואָרן טאָג, בין איך איילניק אויפֿגעשטאַנען, דערשפּירט, אַז מיר איז געוואָרן בעסער, זיך געוואַשן און געשטעלט דאַווענען מיטן פּנים צום וואַנט און ביטער געוויינט. רופֿט מיך דער פֿאָטער צו און פֿרעגט מיך: „זון מיינער, וואָס וויינסטו?“ — און אַ שטראָם פֿרישע טרערן האָט אַ פֿלייץ געטאָן פֿון מיינע אויגן.

— פֿאָטער, טייערער פֿאָטער! וואָס וועט זיין מיט מיר? אויף וועמען לאָזטו מיך איבער?

— האָב קיין מורא נישט, מיין זון! פֿאַרהאַן אַ פֿאָטער אין הימל, וואָס לעבט אייביק! דין אים און זיי אַן ערלעכער ייד, וועט ער דיך ניט פֿאַרלאָזן.

דערזען, אַז אים איז שווער צו שטאַרבן בשעת איך בין דערביי, האָט ער מיר געהייסן, איך זאָל גיין אין בית־מדרש און בעטן, מע זאָל פֿאַר אים מתפּלל זיין און זאָגן תּהילים.

תּיכּף, ווי איך בין נאָר אַרויס פֿון שטוב, איז ער אויסגעגאַנגען. איך האָב חרטה געהאַט, וואָס איך בין אַרויס און זיך תּיכּף אומגעקערט צוריק, אָבער אינעווייניק האָט מען פֿון מיר פֿאַרשלאָסן די טיר. איך בין געלאָפֿן צום פֿענסטער; דאָ האָב איך דערזען, אַז מע האָט אים שוין אָפּגעהויבן און ער ליגט אויף דער ערד. מע האָט באַלד געעפֿנט די טירן און איך האָב זיך גענומען צו באַקלאָגן מיין פֿאָטער.

איסרו־חג סוכּות תּקפּ"ט איז ער געשטאָרבן און אין זעלבן טאָג איז ער געקומען צו קבֿורה אין ליפּקאַן, בעסאַראַביע, לעבן דעם רוסישן גרעניץ, און איך, זיין איינציקער זון, בין געבליבן איינזאַם און עלנט אויף גאָטס וועלט, אין אַ פֿרעמד לאַנד און אין אַ פֿרעמדער שטאָט.

מיט פֿיל געוויין און טרערן האָב איך זיך אומגעקערט פֿון דער לוויה צוריק אויף דער אַכסניה, און אַ פֿאַרצאָגטער אַוועקגעזעצט זיך שבֿעה מיט קריעה אין די קליידער און מיט קריעה אין האַרצן, געקלאָגט און געוויינט, ביז די טרערן האָבן אויסגעטריקנט אין

איך האָב שוין מער קיין כּוח ניט געהאַט צו וויינען. איך בין דעמאָלט אַלט געווען סך־הכּל זיבעצן יאָר מיט צען חדשים און זעקס טעג.

נאָכן פֿאָטערס טויט בין איך געבליבן ווי איך שטיי און גיי, אָן אַ גראָשן געלט און האָב ניט געהאַט וואָס צו עסן. אין שטאָט האָב איך קיינעם ניט געקאָנט אויסער צוויי לאַנדסלייט פֿון אַלט־קאָנסטאַנטין, וואָס האָבן מיך געשטיצט מיט אַ ביסל געלט. כ׳האָב פֿאַרקויפֿט דעם טאַטנס זאַכן, די קישעלעך און האָב איינגעזאַמלט עטלעכע רובל אויף הוצאות אַהיים, אָנצוזאָגן דער מאַמען די ביטערע בשורה. כ׳האָב אויך ניט געהאַט, מיט וואָס צו שטעלן אַ מצבֿה (אין אַ צייט אַרום איז דאָרט געווען מיין שוועסטער און געשטעלט אַ שטיינערנע מצבֿה; דערפֿאַר האָב איך שפּעטער אים געשטעלט אַ מצבֿה אין מיין בוך „הנצנים“, ווילנע תרי״א).

פֿאַרן אָפּפֿאָרן פֿון ליפּקאַן, בין איך געווען ביים פֿאָטער אויפֿן קבֿר און האָב זיך גוט אויסגעוויינט. ס׳איז מיר געווען שווער צו שיידן זיך פֿון דעם פֿערגל ערד. פֿון קינדווייז־אויף האָט ער מיך געהאָדעוועט, ווי אַ האַרציקער פֿאָטער, און האָט מיך שטאַרק ליב געהאַט. ער איז געווען מיין לערער און מיין ראָטגעבער, אָן אים האָב איך קיין טראָט ניט געמאַכט — און איצט האָב איך אַלץ פֿאַרלאָרן. איך האָב אויף זיך גענומען, איך זאָל דעם פֿאָטער שטענדיק האָבן פֿאַר די אויגן, ניט טאָן די קלענסטע זאַך, איידער איך וועל באַרעכענען, וואָס וואָלט אויף דעם געזאָגט דער פֿאָטער, ווען ער וואָלט געלעבט. אַ שטיק צייט האָב איך זיך אַזוי געפֿירט, דער פֿאָטער איז מיר שטענדיק געשטאַנען פֿאַר די אויגן און זיין בילד האָט מיר שטענדיק געדינט פֿאַר אַ וועגווייזער. ווי גוט מיר וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אין דעמאָלדיקן וועג געגאַנגען מיין גאַנץ לעבן.

נאָך שבֿעה האָב איך זיך געלאָזן אין וועג אַריין, אַ הוילער, אַ נאַקעטער, דורך כאָטין קיין אַלט־קאָנסטאַנטין. כ׳האָב געהאַט אַ היבש ביסל אויסצושטיין פֿון בײדע זייטן גרעניץ, איידער איך בין אַריבערגעפֿאָרן דעם דניעסטער, ווייל אין יענע צייטן האָט מען אויף די גרעניצן פֿון מאָלדאַוויע, בעסאַראַביע און רוסלאַנד געדאַרפֿט

דורכמאַכן אַ קאַראַנטין, און אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט קיין אויס־לענדישן פּאַס, האָב איך ניט געקענט אַריבערגיין דעם גרעניץ און דורכמאַכן דעם קאַראַנטין לעגאַל; איך האָב עס אויך ניט געקענט טאָן צוליב מאַנגל אין געלט. האָב איך דעריבער געמוזט שוואַרצן דעם גרעניץ און שטעלן דאָס לעבן אין סכנה.

מיט שרעק און פּחד בין איך אַריבערגעפאָרן דעם טייך, איבער וועלכן די גרעניץ־שמוגלער האָבן מיך אַריבערגעפּקלט פאַר אַ סומע געלט, און איך בין אָנגעקומען קיין זשוואַנעץ. זיי האָבן אויך אַריבערגעפירט מיין קאָרב מיט די זאַכן, נאָר אַזוי ווי איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס זיי צו באַצאָלן, ווייל עס האָט מיר קיים געקלעקט אויף צוויי טעג עסן, האָבן זיי פאַרהאַלטן די קאָרב.

וואָס זאָל איך דאָ טאָן? — אין אַ פרעמדער שטאָט און צו ווּעמען צו ווענדן זיך. האָב איך ניט! האָב איך זיי געבעטן, זיי זאָלן מיך כאָטש אָוועקפירן אויף אַן אָנשטענדיקער אַכסניה און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך זיך שוין ווי עס איז אַן עצה געבן און אויסלייזן די קאָרב, אַניט — וועט די קאָרב בלייבן ביי זיי. זיי האָבן מיין בקשה ממלא געווען און מיך אַוועקגעפירט אויף אַן אַכסניה.

אַ פאַרמאַטערטער און איבערגעשראָקענער פון דער נסיעה, האָב איך ניט געטראַכט, וואָס מיט מיר וועט זיין אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָב געהייסן מיר מאַכן וואָס צו עסן, און אַליין וואַרף איך זיך אַריין אין אַ ווייכער בעט, און האָב הנאה פון די וואָלקנס רויך, וואָס איך לאָז אַרויס פון דער לולקע צום באַלקן אַרויף.

ליגנדיק אַזוי, עפנט זיך די טיר און אין צימער קומט אַריין אַ גאַסט. ער טוט אויס זיין מאַנטל מיטן גאַרטל און לייגט עס אַוועק אויפן טיש. איך האָב שטאַרק פאַראיבל, וואָס מע שטערט מיר מיין רו. דערווייל קומט אַריין דער פורמאַן מיט זיין קאָרב זאַכן, שטעלט עס אַוועק אינמיטן שטוב און גייט אַוועק. דער יונגערמאַן האָט גענומען שפּרייזן הין און צוריק איבערן צימער און וואַרפן צו מיר פון הינטן־אַרום בליקן. איך האָב זיך אין אים אויך גענומען אויפמערקזאַם איינקוקן. פּלוצלונג שטעלט ער זיך אָפּ און גיט אַ זאָג:

— אַבֿרהם־בער?

— יאָ, זאָג איך — און שפּרינג אַראָפּ פֿון בעט — ווער זייט איר, וואָס טוט איר דאָ? ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז דעם שווערס אַ קאָמיסיאָנער, וואָס איז געקומען אַהער וועגן געשעפֿט און איז צופֿעליק פֿאַרפֿאָרן אויף דער אַכסניה. ביי אים האָב איך שוין געקראָגן הונדערט רובל, האָב אויסגעקויפֿט די קאָרב, באַצאָלט פֿאַר דער אַכסניה, געדונגען אַ פֿור קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און פֿאַרנאַכט בין איך אַוועקגעפֿאָרן.

אַז אין אַלט־קאָנסטאַנטין האָט מען זיך דערוואוסט וועגן פֿאָטערס טויט, האָט די גאַנצע שטאָט געקאָכט, מע האָט געוויינט און געמאַכט הספּדים. די, פֿאָרנעמסטע באַלעבאַטים האָבן דערווײַלע געוואָרפֿן אויף מיר אַן אויג, איך זאָל ביי זיי ווערן חזן און נאמן אָנשטאָט דעם פֿאָטער. מיך האָט אָבער צו דעמדאָזיקן פּאָסטן ניט געצויגן, בפֿרט אַז מיין שווער איז געווען אַ ייד אַ גבֿיר און האָט מיר געקענט געבן אייביקע קעסט, און פֿון דעם נדן האָב איך נאָך אויך גאָרנישט גערירט.

איינגיכן האָב איך פֿאַרלאָזן אַלט־קאָנסטאַנטין און זיך אומגעקערט קיין טשערניכאָוו, צו דער גרויסער פֿרייד פֿון דעם שווער און מיין פֿרוי.

כא.

ער פאַרגעסט זיינע ספרים אינדערהיים. — די מאַמע שיקט אים אָפּ — און זיי פאַלן אַריין צו די חסידים. — „טרייפע" ספרים. — מע פאַרמאַסרט אים פאַרן גוטן-יידן. — מע צווינגט אים צו גטן זיין פרוי, ווען זייערע ליבע-געפילן ערוואַכן ערשט. — ער פאַרלאָזט דעם שווערס הויז. — שווערט נקמה צו נעמען פון די חסידים. — ער וויל פאָרן קיין דייטשלאַנד און זיין פריינד ראָט אים איבערבעטן זיך מיטן זשיטאָמירער צדיק. — ער מיינט, אַז ליבע איז אַ פּוסטע זאַך, און איבערצייגט זיך, אַז ס'איז אַ טעות. — דער שווער גט אים אָפּ און האָט חרטה. — אומזיסטע פרייד. — די לעצטע פאָדעם ווערט איבערגעריסן. — דער פונק פון ליבע קען ניט פאַרלאָשן ווערן.

אוועקפאָרנדיק פון דער היים, האָב איך ביי דער מוטער איבערגעלאָזט מיין ביסל ספרים, צווישן זיי איך די ספרים „עמודי בית יהודה" פון ר' יהודה אסיא פון ווילנע, מיט אַ הסכמה פון ר' משה מענדעלסאָן, „תכונת הרבנים" פון ר' לייבוש מיזיס און נאָך אייניקע ספרים, וואָס ביי חסידים זיינען זיי טריף, און אפשר טאַקע האָב איך זיי דערפאַר ניט מיטגענומען אין דעם חסידישן נעסט אַריין. מיין מוטער האָט אָבער געמיינט, אַז איך האָב זיי פאַרגעסן און וויסנדיק, ווי אַזוי איך בין פון קינדווייז אויף אַ גרויסער ליבהאָבער פון ספרים, האָט זי מיר געוואָלט אָנטאָן אַ נחת-רוח און אָפּגעשיקט זיי קיין באַרדיטשעוו צו מיין שווערס מחותן ר' אהרן טשודנאָווער, ער זאָל זיי מיר דורך אַ געלעגנהייט איבערשיקן קיין טשערניכאָוו. ר' אהרן האָט איר בקשה ממלא געווען און אָפּגעשיקט מיר דורך אַ פאַנאַטישן טשערניכאָווער חסיד. אויפן וועג האָט ער אויפגעעפנט די קאָרב און געפונען די אויבנדערמאָנטע ספרים, וועלכע ער האָט צוגענומען צו זיך, און די איבעריקע האָט ער מיר אָפּגעבראַכט.

קומענדיק קיין טשערניכאָוו, האָט ער זיי באַווייזן זיינע באַקאַנטע חבֿרים און מען האָט זיך גענומען סודען צווישן זיך, אַז איך בין אַרויס לתּרבות רעה און געוואָרן אַן אַפּיקורס.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זיך איבער מיין קאָפּ גענומען קלייבן אַ געוויטער.

די אויבנדערמאָנטע ספֿרים זיינען אַריינגעפֿאַלן צו די חסידישע רבּיים אין די הענט, דערהויפּט צו דעם אָוורוטשער רבּי, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין זשיטאָמיר, אַ צוואַנציק ווייאָרסט פֿון טשערניכאָוו. דערדאָזיקער צדיק איז געווען אַ גרויסער פֿאַנאַטיקער און דערהערנדיק אַזאַ זאַך, איז ער געוואָרן אַן אויפֿגעבּרענטער. בעת מיין שווער איז איינמאָל צו אים געקומען, האָט ער אים איבערגעגעבן, אַז זיין איידעם איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, און מע דאַרף אים אָפּגטן. דער שווער איז געוואָרן אַ צעציטערטער, ווייל ער האָט מיך זייער ליב געהאַט און געהאַלטן פֿאַר אַן אבֿן־טובֿ — און פּלוצלונג אַזאַ שרעקלעכע זאַך: אַן אַפּיקורס!

אין דעמדאָזיקן משך צייט איז אויך פֿאָרגעקומען אַ שינוי אין די באַציאונגען פֿון מיר צו מיין פֿרוי. בעת מיין פֿאָטער האָט מיך חתונה געמאַכט, בין איך אַלט געווען 13 מיט אַ האַלב יאָר. איך בין דעמאָלט געווען גלייכגילטיק צו מיין פֿרוי — כ'האָב בכלל ניט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס ליבע. איצט, אומקערנדיק זיך אַהיים, בין איך שוין אַלט געווען 18 יאָר, אונדזערע ליבעגעפֿילן האָבן ערשט גענומען פֿונאַנדערבליען און אונדז האָט זיך געדוכט, אַז מיר זיינען ערשט אַרויס פֿון אונטער דער חופּה. מיר האָבן איינס אָן דעם אַנדערן ניט געקענט לעבן קיין איין מינוט. בעת איך פֿלעג אַרויס פֿון שטוב, פֿלעגט זי נאָכגיין נאָך מיר, און אַז זי פֿלעגט זיך אומקערן אַהיים, פֿלעג איך אויך גיין אַהיים.

פּלוצלונג, בעת די זון פֿון ליבע האָט אויף אונדז אויפֿגעשיינט, איז אָנגעפֿלויגן אַ פֿינסטערע כמאַרע פֿון דער פֿאַרפֿלוכטער חסידות און אַ שטורעם־ווינט האָט אויסגעבראָכן און מיך געוואָלט צעמורשטן.

כ'האָב אומזיסט געטענהט מיט מיין שווער און דערוויזן אים מיין אומשולדיקייט, אומזיסט האָב איך אויסגערעדט מיין האַרץ

פֿאַרן זשיטאָמירער צדיק, וואוהין מע האָט מיך געפֿירט ווי אַ שעפּס צום שעכטן; עס האָבן ניט געהאָלפֿן מיינע געוויינען, מיינע תּחנונים, מיינע טענות און מיין אַמפּערן זיך מיט אים — דער צדיק איז געבליבן האַרט און ניט געוואָלט וויסן פֿון רחמנות: דער שווער מוז מיך אָפּגעטן און אַרויסטרייבן פֿון שטוב.

אַז די פֿרוי האָט דאָס דערהערט, האָט זי גענומען וויינען און קלאָגן און איז שיער ניט געשטאָרבן פֿון עגמת־נפֿש. גאָר ווער הערט עס אַ ייִדישע טאָכטער? דער צדיק האָט גוזר געווען — ווער קען זיך אים שטעלן אַנטקעגן?

איך האָב זיך אָבער אַזוי גיך ניט אונטערגעגעבן.

אַ דערשלאָגענער, האָב איך פֿאַרלאָזן די שטאָט און דאָס הויז, וואו מיינע כּשרונות האָבן זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און וואו די ריינע ליבע האָט אָנגעפֿילט אַלע קעמערלעך פֿון מיין האַרצן און איך בין געווען גליקלעך. איך האָב ביי זיך אַליין געזוכט און גענישטערט, וואָס פֿאַר אַ חטא בין איך דאָ באַגאַנגען, צוליב וועלכן איך בין געוואָרן אַזוי אומווערדיק ביי די חסידים? איך וואָלט געווען גרייט חרטה צו האָבן און נעמען אויף זיך אַ תּשובֿה מיטן גאַנצן האַרצן. ניט געפֿינענדיק אָבער קיין שמץ פֿון די אַלע מיאוסע זאַכן, וואָס עס טוען אָפּ יונגעלייט בעת זיי גייען אַראָפּ פֿון גלייכן וועג און גיבן זיך איבער זייערע תּאוות — איז מיין נשמה פֿול געוואָרן מיט האַס און זשלאַנגען־גיפֿט צו די דאָזיקע לייט, וואָס האָבן מיך אַזוי אַכזריותדיק באַהאַנדלט, און מיין שנאה צו זיי האָט אַרויסגעבראַכט גיפֿטיקע פֿרוכט אין מיין האַרצן.

נייע געדאַנקען האָבן אויפֿגעבליצט ביי מיר אין מוח און אַזוי ווי איינער, וואָס וואַכט אויף פֿון אַ חלום, האָב איך אויפֿגעוואַכט צו אַ נייעם לעבן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די דרכים פֿון די פֿינסטערע פֿאַנאַטישע חסידים — און זיי זיינען מיר נמאס געוואָרן צוזאַמען מיט זייערע פֿאַרפֿירערישע רביים. איך האָב באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן דאָס דאָזיקע לאַנד, וואו עס שווימלט און גריבלט מיט די לייט, וואָס זיינען פֿאַרזונקען אין ווילדע אָבערגלויבנס, און זוכן גליק אין אַן אַנדער לאַנד, וואו די אויפֿקלערונג האָט זיך שטאַרק פֿאַרפֿעסטיקט.

מיט אַזעלכע רעיונות בין איך אַוועק פֿון טשערניכאָוו און אָפּגעשטיגן אויפֿן וועג קיין זשיטאָמיר מיישבֿ צו זיין זיך מיט מיין אויפֿגעקלערטן פֿריינד יודל וויינראַב. דער־דאָזיקער וויינראַב איז געווען אַ פֿרומער ייד, הגם ניט קיין חסיד, דעריבער האָבן אים די חסידים ניט געשטערט צו שטודירן מיט התמדה די יידישע וויסנשאַפֿטן, דעם מורה־נבֿוכים און אַנדערע חקירה־ספֿרים; זיי פֿלעגן אים בלויז רופֿן מיט איראָניע „פֿילאָזאָף“, וואָס האָט באַטייט: שוטה — אָבער ניט „רשע“.

אַז איך האָב אים דערציילט, אַז איך וויל פֿאָרן קיין דייטשלאַנד, וואו די בילדונג וואַלגערט זיך אין די גאַסן, אַזוי ווי זאַמד, און מענטשן, וואָס קומען הין בילדונג, נעמט מען דאָרטן אויף מיט אָפֿענע אָרעמס, מע גיט זיי עסן און טרינקען און אַלע זייערע אויסקומענישן, האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ רחמנותדיקן בליק און האָט מיר אויפֿגעוויזן, אַז איך בין אַ צו גרויסער פֿאַנטאַסט, אַז איך בין נאָך יונג און האָב נאָך ניט געפּרוווט אַליין עפּעס פֿאַרדינען; אַז ס׳איז זייער ביטער אין אַ פֿרעמד לאַנד אָן געלט, אָן אַ פֿריינד און אָן אַ מדריך. ער האָט מיר דעריבער געראָטן, איך זאָל ניט זיין אַזאַ והאַסטיקער און אומקערן זיך צוריק צום שווער און איבערבעטן זיך מיט אים; דערווייל וועל איך דאָרטן קענען זיצן, ביז איך וועל עפּעס צוקלערן אַן עצה, ווי אַזוי אַרויסצוקריכן פֿון דער לאַגע. איך זאָל אויך איבערבעטן דעם זשיטאָמירער צדיק און צוזאָגן, אַז אויף להבא וועל איך מער ניט לייענען קיין השכּלה־ביכלעך, „אפֿשר וועט ער דיר מוחל זיין — און מיט דער צייט וועלן מיר זען וואָס צו טאָן“.

די־דאָזיקע עצה איז מיר ניט געפֿעלן געוואָרן — ערשטנס, האָב איך ניט געוואָלט שטיין ווי אַ נכנע פֿאַרן בעל־מופֿת, און צווייטנס האָב איך געוואוסט, אַז ס׳איז סיי־ווי אַרויסגעוואָרפֿן: די חסידים וועלן מיך נאָכשפּיאָנירן אויף שריט און טריט און וועלן מיך נאָך מערער פֿאַרמסרן.

טראַכטנדיק אַזוי, איז מיר איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק, אַז ס׳איז נישט גוט, וואָס איך בין צוגעבונדן צו מיין פּרוזי: סוף־כּל־סוף איז די דאָך אַ פּשוטע יידענע, און איך גרייט זיך צו שטודירן און

צו בילדן זיך; מיט דער צייט וועט זי מיר ווערן נמאס, און די ליבע צו איר וועט זיך אויסוועבן, ווייל די ליבע צו איר איז געקומען בלויז מחמת דעם, וואָס איך האָב זי שטענדיק געזען פֿאַר די אויגן; אָבער אַז זי וועט זיין ווייט פֿון מיר, וועל איך זי פֿאַרגעסן, און וועל זיך טיילן מיט דער ליבע מיט אַ בעסערער פֿון איר, וואָס די צייט וועט מיר באַשערן, בעת איך וועל שוין זיין אַ געבילדעטער מאַן.

די צייט האָט מיר אָבער באַוויזן, אַז איך האָב זיך טועה געווען: די ליבע צו איר איז ניט געווען קיין פּוסטע זאַך; זי האָט געברענט אינעווייניק אין מיר ווי אַ פֿייער, און קיין שום מעכטיקע וואַסערן, וואָס האָבן מיך אין דעם משך פֿון דער צייט פֿאַרפֿלייצט, האָבן זי ניט געקענט פֿאַרלעשן. דאָס אייגענע האָט אויך די ליבע פֿון מיין פֿרוי צו מיר זיך טיף איינגעוואָרצלט אין האַרצן און זי געפּלאָגט דאָס גאַנצע לעבן. איך האָב עס באַשריבן אין דעם שיר „קולי אל האלהים“ („הנצנים“).

ווען איך זאָל געווען געפֿאָלגט מיין פֿריינד יודל וויינראָב, זיך אומגעקערט צוריק צום שווער און למראית עין זיך איבערגעבעטן מיטן צדיק, אָדער איך זאָל לפּחות געווען אַוועק צו דער מאַמען און דאָרטן געזעסן, ביז דער צאָרן וואָלט אַריבער — וואָלט גאָרנישט ניט געווען: איך וואָלט זיך אומגעקערט צום שווער און געלעבט מיט דער פֿרוי, ווי געווען. איך האָב זיך אָבער געלאָזט אָנריידן פֿון יונגעלייט משכּילים, און בין אַנטלאָפֿן פֿון זשיטאָמיר, וואו די חסידים האָבן מיך געהיט, אין דעם שטעטל קאָדניע, צווישן זשיטאָמיר און באַרדיטשעוו, און האָב זיך באַהאַלטן ביי איינעם לייביש ראַבינאָוויטש, אַ ייד, וואָס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן דעם עול פֿון די חסידים און האָט פֿאַר זיי קיין מורא ניט געהאַט. אינגיכן איז אַהין געקומען דער שווער מיט מיין פֿרוי מיך אָפּצוגטן, און איך האָב איר גלייך געגעבן גט. אַזוי ווי אין גט איז געפֿונען געוואָרן אַ פּסול, בין איך געפֿאָרן קיין באַרדיטשעוו און דאָרטן זי נאָכאַמאָל געגט, און בין אַוועק אַהיים, קיין אַלט-קאָנסטאַנטין, ווי איך שטיי און גיי.

מיין שווער האָט אונגיכן חרטה געקראָגן אויף דעם גאַנצן ענין: די טאָכטער פלעגט טאָג און נאַכט וויינען און קלאָגן און פאַרביטערן אים דאָס לעבן. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, אַז אומזיסט האָט ער צו מיר געהאַט טענות. די חסידים האָבן אים פאַרפירט אין אַ בלאָטע.

גראָד דעמאָלט איז מיר אויסגעקומען צו שיקן אַ מענטשן צום שווער, אָפּצונעמען מיינע זאַכן מיט די ספרים. דערוויסנדיק זיך, אַז דער מענטש איז געשיקט פון מיר, האָט זיך דער שווער מיט מיין פרוי שטאַרק דערפרייט: זיי האָבן געמיינט, אַז איך האָב געשיקט אָנזאָגן, אַז איך וויל מיין פרוי צוריקנעמען; ווי גרויס איז אָבער געווען זייער צער, בעת דער מענטש האָט זיי געזאָגט, אַז איך קען זי צוריק ניט נעמען, ווייל איך בין אַ כהן! — די אומגליקלעכע פרוי האָט מען קוים אָפּגעמינטערט און דער שווער האָט האַלבנבלאָזן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

אונטער דער צייט פון אונזער צעשיידן זיך איז אויך מיין קליין יינגעלע, אוים בענקשאַפט צו מיר, קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן. אַזוי אַרום איז איבערגעריסן געוואָרן דער לעצטער פאָדים, וואָס האָט מיך פאַרבונדן מיט דער פרוי, און מיט דער צייט איז אַלץ פאַרגעסן געוואָרן — בלויז אַ פונק פון יוגנטליבע איז ביי מיר נאָך פאַרבליבן, און אָפטמאָל טליעט ער אויף אין פאַרשיידענע בילדער אין חלומות פון דער נאַכט.

כב.

גאָטלאָבערס קרובים האָבן מורא, ער זאָל ניט פאָרן קיין דייטש־לאַנד שטודירן — און פארשלייערן אים א צווייטן מאָל. — גאָטלאָבער קען זיך מיט דער נייער פרוי ניט איינלעבן און גייט פון איר אוועק. — מענדל לעפינס איבערזעצונגען אין יידיש און העברעאיש. — מענדל לעפינס ביאָגראפיע.

אַז איך בין געקומען קיין אַלט־קאָנסטאַנטין, האָבן מיינע קרובים מורא געקראָגן, איך זאָל ניט אַוועקפאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן (ווי עס פלעגן זיך נוהג זיין אין יענער צייט יונגעלייט, וואָס האָבן זיך געוואָלט בילדן און ניט געקענט עס דערוויזן אין רוסלאַנד, וואו דער צוטריט צו די שולן איז פאַר זיי געווען פאַרמאַכט) און האָבן מיך איינגערעדט, איך זאָל אַ צווייטן מאָל חתונה האָבן. מע האָט מיך פאַרשלייערט מיט אַ ישובניקס אַ טאָכטער לעבן באַר (פאָדאָליע), כ'האָב שוין אַפילו פאַרגעסן איר נאָמען און איר פאָטערס נאָמען און ווי דאָס דאָרף האָט געהייסן. איך האָב אָבער מיט איר זיך ניט געקענט צוזאַמענלעבן, דען זי איז מיר געווען פרעמד, און כ'האָב שטאַרק חרטה געהאַט, וואָס איך האָב געפאָלגט די עצה פון מיינע משפחה־לייט. איך בין מיט איר אָפּגעווען אַ קורצע צייט, און תחילת ווינטער פון תק״צ האָב איך זי געלאָזן און אַוועק צוריק קיין אַלט־קאָנסטאַנטין צו דער מוטער, וואו איך בין אָפּגעזעסן אַ גאַנצן ווינטער און האָב זיך גענומען פלייסיק צו דייטש. מיין פריינד ר׳ יוסף ווייזנער האָט מיר אין דעם מיטגעהאָלפן. כ'האָב געלייענט אַ סך דייטשע ביכער און געהאַט אַ גרויסע פעולה. כ'האָב אויך געלערנט תנ״ך מיטן ביאור און האָב אים כמעט געקענט אויף אויסווייניק.

פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך בין געווען אין באַר, האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם מאיר רייך, מענדל לעפינס אַ תלמיד, און ביי אים האָב איך געזען מענדל לעפינס לשון־קודשדיקע ספרים

און זיין איבערזעצונג אויף יידיש־דייטש פון משלי, וואס ער אליין האט נאך ארויסגעגעבן אין טארנאפאל אין דעם יאר 1812 (1814 ?). דאס איז דער ספר, וואס אויף אים איז ארויס דער צארן פון דעם משורר ר' טוביה פעדער, וואס ניט פארשטייענדיק זיין ציל, האט ער אויף אים אויסגעגאסן זיין שפאט אין דער בראשיר „קול מחצצים" *). אויסער דידאזיקע געדרוקטע ספרים, האב איך דעמאלט אויך געזען ביי ר' מאיר רייך תהילים, שיר השירים און קהלת איבערגעזעצט אויף יידיש**). (קהלת איז ארויס אין אדעס אין תרל"ג דורך מיינע פריינד הירש רייך, מאיר רייכס אן אײדעם, און ר' לייבוש כארי ז"ל). „איך האב דארט געזען אגעשריבן ספר פון ר' מענדל לעפין „דער ערשטער חסיד", וואס וואלט זייער ווערט געווען, עס זאל זיין געדרוקט און באקאנט אונזער פאלק" ***).

---

*) א צייט לאנג איז די בראשור ארומגעגאנגען אין כתב־יד, און האט זיך אפגעדרוקט מיט א קורצער צייט צוריק אין לעמבערג (1853).—א. ב. ג.

**) דעם מאטעריאל וועגן מענדל לעפינען האבן מיר גענומען פון דריי מקורים: פון גאטלאבערס מעמוארן אין „הבוקר אור" (סעפטעמבער־ביכל, תרמ"ו, ז. 19—20), פון זיינע „זכרונות" אין יידיש (אין שלום־עליכמס „יודישע פאלקס־ביבליאטעק", I־טער באנד, ז. 251) און פון זיינע דערגאנצונגען אין „המגיד" (תרל"ג, נומ. 37—38, אין די קארעספאנדענצן פון זשיטאמיר). ניט אומעטום שטימען זיינע דאטן בנוגע די געדרוקטע ווערק און די מאנוסקריפטן, וואס ער האט געזען ביי מענדל לעפינס תלמיד, מאיר רייך. אין „הבוקר אור" שרייבט ער, אז אויסער משלי, וואס איז נאך געווען געדרוקט פאר מענדל לעפינס לעבן, האט ער דארטן געזען תהילים, שיר השירים און קהלת; אין שלום־עליכמס „יודישע פאלקס־ביבליאטעק" שרייבט ער, אז לעפין האט בלויז איבערגעזעצט תהילים, משלי און קהלת, אין כתב־יד האט ער געזען תהילים און „דעם ערשטען חסיד"; אין „המגיד" ווידער זאגט ער, אז, אויסער משלי און תהילים האט ער ביי מאיר רייכן געזען אלע פינף מגילות.—א. פ.

***) די אלע שטעלן, וואס זיינען גענומען אין קלאמערן, זיינען ציטירט פון גאטלאבערס זכרונות אין יידיש אין שלום־עליכמס „יודישע פאלקס־ביבליאטעק".

אין גאטלאבערס בריוו צו זיין פריינד יעקב בודק אין גאליציע, וואס איז געדרוקט אין דער הקדמה צו טוביה פעדערס שירים „שם ושארית" (אלס ביילאגע צום „הבוקר אור" תרל"ז) שרייבט גאטלאבער, אז אין פאדאליע זיינען פארשפרייט פיל מאנוסקריפטן פון מענדל לעפין, און צווישן זיי אויך אזא וויכטיקער מאנוסקריפט, ווי „דער ערשטער חסיט".—א. פ.

דער גרויסער געלערנטער ר׳ מנחם־מענדל לעפין ז״ל איז געבאָרן געוואָרן אין סאַטאַנאָוו אַן ערך אין יאָר תק״י און איז געשטאָרבן בעת ער איז אַלט געווען 77 אָדער 78 יאָר: אַן ערך אין תקפ״ז. (ביי מיין גאַנצער מי צו געפינען אַ גענייעם חשבון פון זיין געבורטסטאָג און טויט, האָט זיך עס מיר ניט איינגעגעבן, ווייל אַפילו מיין פריינד, דער ישיש און געלערנטער ר׳ מרדכי סוכאָסטאַווער, וואָס האָט אים געקאָנט פערזענלעך, און וואָס פיל זאַכן שרייב איך פון אים, ווייס אויך ניט אויף קלאָר זיין געבורטסטאָג. מענדל לעפין איז אויפגעצויגן געוואָרן אין גייסט פון טראַדיציאָנעלער יידישקייט און איז יונגערהייט געווען קלאָר אין גאַנץ ש״ס און פוסקים, אַזוי ווי אַן אמתער גדול, און האָט געשמט פאַר אַ גרויסן חריף און עילוי. זיצנדיק אין בית־מדרש, האָט ער דאָרטן געטראָפן דעם ספר „אלים״ פון יש״ר מקאַנדיאָ (יוסף־שלמה דעלמעדיגאָ). בטבע גענייטיגט צו ספעקולאַטיווע איבונגען, האָט ער זיך פאַרלייענט מיטן דאָזיקן ספר און האָט אויף אים געמאַכט וויכטיקע הערות. ער האָט געטאָן אַ גרויסע פעולה אויף דעם געביט, פונקט ווי ער האָט נאָכדעם געהאַט ערפאָלג אויך אויף אַנדערע וויסנשאַפטלעכע געביטן. פון טאָג אין נאַכט לערנען מיט התמדה פאַרשיידענע ספרים, איז ער קראַנק געוואָרן אויף די אויגן און איז אַוועק זיי היילן קיין בערלין, וואָס איז דעמאָלט געווען באַרימט מיט אַן אויסגעצייכנטן שפיטאָל, און אַהין האָבן זיך געצויגן אַ שיעור יידישע פאַציענטן. ר׳ מענדל לעפין איז אויך געווען צווישן זיי. ר׳ משה מענדעלסאָן, וואָס האָט געהערט פון אים, האָט אים זייער שטאַרק מקרב געווען און איז געוואָרן זיינער אַ גוטער פריינד און פאַרערער די גאַנצע צייט, וואָס ער איז דאָרטן געוועסן. צוויי יאָר האָט ר׳ מענדל לעפין אָפּגעוואוינט אין בערלין און איז זיך אויך אַזוי נאָענט אויפגעגאַנגען מיט ר׳ משה מענדעלסאָנען, אַז ער האָט אין אים געפונען אַ רבי און אַ לערער.

ס׳איז דעמאָלט געווען די צייט, ווען עס איז צייטיק געוואָרן די השכלה־באַוועגונג ביי יידן. דאָס פאָלק, וואָס איז געגאַנגען אין דער פינסטער בנוגע אַלע וועלטלעכע וויסנשאַפטן, וועלכע

האָבן געהייסן חכמות חיצוניות, האָט דערזען אַ גרויס ליכט אין דער פּערזאָן פֿון ר׳ משה מענדעלסאָן ז״ל. בײַ אים האָבן זיך באַהעפֿט צוזאַמען תורה, חכמה און יראת שמים. זײַן חבֿרן זיך מיטן באַרימטן שרײַבער לעסינג האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ גרויסן נאָמען אין דײַטשלאַנד, אַזוי אַז מע האָט אים גערעכנט צווישן די דײַטשע געלערנטע. די ייִדישע יונגעלײַט האָבן מקנא געווען זײַן גרויסקייט און האָבן אים געוומען נאָכטאָן, לערנען שפּראַכן און געשיכטע, און כּדי אַלע זאָלן גיין אין זייערע וועגן און עס זאָל זיך מערן דאָס וויסן, פֿלעגט מען זיך אויפֿקלײַבן חבֿרותווײַז און מאַכן פֿאַראײנען צו בילדן זיך און צו לערנען שפּראַכן.

בעת דער רמבמ״ן האָט איבערגעזעצט דעם חומש אויף דײַטש, האָבן זיך שוין געפֿונען פֿיל מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט טאָן דאָס זעלבע מיטן גאַנצן תנך (און ס׳איז זיי אויך געלונגען), כּדי צו פֿאַרשפּרייטן זייערע אידעען עפֿנטלעך, און די גאַנצע סיסטעם פֿון לערנען האָט זיך ראַדיקאַל געביטן, און אַ נײַער גייסט האָט באַהערשט די ייִדישע יוגנט. דער, וואָס וויל קריגן אַ שטיקל השגה פֿון דעם גייסט, וואָס האָט דעמאָלסט געהערשט אין דײַטשלאַנד, דערהויפּט אין פּרײַסן, זאָל זיך פֿאָרשטעלן אונזער איצטיקע צײַט אין אונזער געבענטשט רוסלאַנד.

אין דערדאָזיקער כאַאָטישער צײַט פֿון איבערגאַנג פֿון איין שיטה צו אַ צווייטער, אין דער צײַט, בעת אין בערלין האָבן נאָך געלעבט צוויי אויסגעצייכנטע מענער, וועלכע האָבן זיך אונטער־געשיידט איינער פֿון צווייטן אין זייערע צילן, ר׳ יצחק כאַטאַנאָוו, וואָס האָט ניט אַרויסגעלאָזן קיין שום וויסנשאַפֿט, ער זאָל פֿון איר ניט טועם זײַן, הגם ער האָט זיך אין קיינע פֿון זיי גרונטלעך ניט פֿאַרטיפֿט, אַ מאַן, וואָס האָט געמאַכט פֿיל ספרים כמעט אָן שום נוצן (אויסער אייניקע, ווי דער „ספר המידות“ און אַנד., וואָס געפֿינען זיך ניט בײַ אונדז אין האַנט), און דער חכם און שאַרפֿער מוח, וואָס זײַן האַרץ איז געווען ברייט און אָפֿן פֿאַר יעדער וויסנשאַפֿט און פֿעסט פֿאַרשלאָסן פֿאַר יעדער גוטע מידה, דער מאַן, וואָס האָט פֿאַרשטאַנען עמאַנועל קאַנטן כמעט מערער, ווי אַלע זײַנע צײַטגייער, און האָט ניט פֿאַרשטאַנען, ניט זיך

אַליין, און ניט זיין תּכלית אויף דער וועלט — אָט אין יענער צייט האָט אין בערלין געוואוינט אויך ר׳ מענדל לעפין, וועלכער האָט געהערט חכמה און וויסנשאַפט פון ר׳ משה מענדעלסאָן.

דער גרויסער שטורעם, וואָס האָט איסגעריסן בערג און דאָט אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט אים ניט אָנגערירט, און ער איז אַרויס גאַנץ פון בערלין מיט זיין אמונה און מיט זיין תּורה, אַזוי ווי ער איז אַהין געקומען. דעמאָלט, ווייזט אויס, איז אים אַרויף אויפן זינען דער זעלטענער רעיון צו טאָן אין זיין לאַנד דאָס, וואָס ר׳ משה מענדעלסאָן האָט געטאָן אין פּרייסן, און איבערזעצן דעם תּנך אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער דאָס פאָלק רעדט אין די לענדער, וואָס הייסן פּוילן. דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים ניט אָפּגעלאָזט, ביז ער האָט אים אין אַ געוויסער מאָס פאַרווירקלעכט.

ר׳ מענדל לעפין איז געקומען קיין בערלין בעת ער איז אַלט געווען איבער 30 יאָר. אין בערלין איז ער אָפּגעזעסן צוויי יאָר, און אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך זיין אומקערן זיך אַהיים, איז משה מענדלסאָן געשטאָרבן. ר׳ מענדל לעפין האָט זיך באַזעצט אין דעם קליינעם שטעטל מיקאָלייעוו, וואָס האָט געהערט צו די גיטער פון דעם גרויסן מאַגנאַט אַדאַם טשאַרטאָריסקי, איינער פון די באַרימטע פירשטן אין פּוילן. דער פירשט אַליין האָט געוואוינט אין מעדזשיבאָזש, ניט ווייט פון מיקאָלאַיעוו, און פון צייט צו צייט פלעגט ער אין באַגלייטונג פון זיין פריינד דאָקטאָר אַקעלשמידט קומען באַזוכן זיינע גיטער און אויך דאָס קליינע שטעטל מיקאָלאַיעוו, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט יידן אָרעמעלייט, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה פון גראָשנדיקע געוועלבלעך. אין איינעם אַזאַ געוועלבל איז געזעסן ר׳ מענדל לעפינס פרוי און פאַרקויפט ליימענע כּלים.

אַז דער פירשט טשאַרטאָריסקי איז איינמאָל אַריין צו איר אין קרעמל, האָט ער דערזען ליגנדיק אויפן טאָמבאַק וואָלפס „מאַטעמאַטיק“. איז ער נשתּומם געוואָרן און האָט געפרעגט די פרוי, צו וועמען געהערט דאָס בוך? די קרעמערין האָט אים געזאָגט, אַז דאָס בוך איז דאָס באַליבטסטע ביי איר מאַן, וועלכער

לערנט עס טאָג און נאַכט, און „אַפילו קומענדיק אַמאָל צו מיר אין קראַם, קאָן ער זיך אויך מיט אים ניט שיידן און לייענט אים אויך דאָ". פרעגט דער פירשט: „וואו איז דיין מאַן?" שנעל רופט איר אים אַהער, איך וויל זיך מיט אים באַקענען". ר' מענדעל לעפין איז געווען זייער אַ מיאוסער, דערצו האָט ער געהאַט אַ געשטיבלט פנים פון פאָקן, אָבער אַז ער האָט נאָר אויפגעעפנט דאָס מויל, האָט אויף אים אַ שיינקייט אַראָפגענידערט און אַ גייסט פון וויכן און חכמה האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן, וואָס זיינען געווען פיל מיט חן.

דער פירשט האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט און געהערט זיין גרויס וויסן, און האָט זיך אויך דערוואוסט פון אים, אַז ער איז אַ תלמיד און פריינד פון ר' משה מענדעלסאָן, וואָס האָט שוין געקראָגן אַ שם צווישן די באַרימטע דייטשע געלערנטע, איז ער ביי אים געוואָרן זייער חשוב. פון דעמאָלט אָן האָט ער געהייסן צו באַזאָרגן לעפינען פון זיינע מאַגאַזינען מיט אַלעם נייטיקן. אויך בראַנפן און ביר האָט ער אים געגעבן אַלע חודש, אַזוי אַז עס איז אים נאָך, דערפון איבערגעבליבן, און די ווייב פלעגט די איבעריקע ביר און בראַנפן פאַרקויפן. חוץ דעם האָט טשאַרטאָריסקי באַשטימט אַ מזומנעם גאָלדענעם רענדל פון זיין קאַסע אויף פאַרשיידענע הוצאות. דאָס דאָזיקע געלט פלעגט לעפין אָפּשפּאָרן און זאַמלען עס, כדי צו צעטיילן אָרעמעלייט.

כג.

מענדל לעפין טוט פאַר די יידן אין רוסלאַנד, וואָס מענדלסאָן אין דייטשלאַנד. — דעם וועג צום פאָלק אויף זיין שפּראַך. — די ווירקונג פון מענדל לעפינס ווערק. — מע לערנט זיך היילן קראַנקע און מע גרינדעט עטישע חברות לויט מענדל לעפינס ספרים. — זיינע העברעאישע ספרים דרינגען אריין אין די קלויזן און רופן צו בילדונג. — ער איבערזעצט אויף אַ פּאָפּולערער שפּראַך דעם „מורה נבוכים“. — הסכמות צו זיינע ספרים פון באַרימטע רבנים און משה מענדעלסאָנען. — די נוצן פון לעפינס חיבורים. — טוביה פעדערס פּאַמפלעט אין „קול מחצצים“. — טוביה פעדער זאָגט ליגן. — טוביה פעדער פאַרשטייט ניט, אַז אַ שפּראַך ווערט מיט אַ מאָל ניט געבאָרן. — ביקס ענטפער פעדערן. — פעדער ענטפערט צוריק. — די אמתע כוונה פון לעפינס איבערזעצונגען. — דער תנך אַלס מקור פון השכלה. — ווען פעדער וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר. — ווער איז געווען קליגער. — מענדל לעפינס נאָכטוער: מרדכי סוכאָסטאַווער, ד״ר שלמה עטינגער, א. ב. גאָטלאָבער.

אַז ר׳ מענדל לעפין האָט, זייענדיק אין בערלין, געזען, וואָס משה מענדעלסאָן האָט אויפגעטאָן פאַר די דייטשע יידן, און פאַרשטייענדיק גוט דעם וויכטיקן תכלית, צו פירן די יידן שטאָלץ אַנטקעגן דער השכלה, וועלכע איז זיי געווען פרעמד, האָט לעפין זיך אריינגענומען אין זינען נאָכצוטאָן מענדעלסאָנס ביישפּיל אין זיין געבורטסלאַנד. און היות קיין אַנדער וועג צו העלפן זיין פאָלק אין רוסלאַנד (וועלכן יעדע אַנדער שפּראַך אויסער זיין אייגענע שפּראַך איז געווען פרעמד) האָט ער ניט געפונען, האָט ער דעריבער אָנגעגורט זיינע לענדן און האָט איבערגעזעצט אויף דער פאָלקס־שפּראַך, קהלת, משלי, שיר השירים, איכה און תהלים; ער האָט אויך אויפגעטאָן אַ גרויסע זאַך דערמיט, וואָס ער האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג צו די לערנער און קלויזניקעס, צו מעורר זיין זיי, זיי זאָלן זיך נעמען בילדן, און צו דעם צוועק האָט ער אָנגעשריבן אין אַ פּאָפּולערער און לייכטער

תּלמוד-און משנה-שפּראַך דעם ספר „אגרות חכמה“ (אַרויס אין בערלין אין 1788), „חשבון הנפש“ (לעמבערג 1811), וואָס לויט אים האָבן זיך געגרינדעט אין אַסך שטעט עטישע חברות און האָט איבערגעזעצט פֿון פֿראַנצויז דעם פּאָפּולערן מעדיצינישן ספר פֿון שווייצער טיסאָ, מיטן נאָמען „רפֿואות העם“, געדרוקט אין זשאָלקעווע אין 1793 (בערלין 1789?). ער האָט אויך איבערגעזעצט אויף אַ פּאָפּולערער העבראַאישער שפּראַך דעם מורה-נבוכים, דעם אבן-תּיבונס איבערזעצונג איז געווען צו האַרב. (ער האָט אָבער באַוויזן צו איבערזעצן בלויז דעם ערשטן חלק, וואָס איז אַרויס נאָך זיין טויט אין זשאָלקעווע, אין יאָר תּקפ״ט, דורך ר' מרדכי סטאָבסטאַווער). ער האָט אָנגעשריבן אַן אַריינפֿיר צו דערדאָזיקער איבערזעצונג, „אַלון מורה ששרשיו מרובים“, וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אַלס הוספה צום „המליץ“. (אין יאָר 1865 האָט סלאָנימסקי אויך אַרויסגעגעבן דעם „אַלון מורה“. ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן אויף אַזאַ פֿאַרשטענדלעכער און פּאָפּולערער שפּראַך.

דער ספר רפֿואות העם האָט זיך אָפּגעדרוקט אין זשאָלקעווע אין תּקנ״ד מיט דער הסכמה פֿון די באַרימטע רבנים, גאונים פֿון סאַטאַנאָוו, פֿראַנקפֿורט-איבער-אָדער, לעמבערג און זשאָלקעווע. דער סאַטאַנאָווער רב מרגליות שרייבט אַזוי אין דער הסכמה: „נאָכדעם ווי איך האָב געזען, אַז מיין פֿריינד, דער געלערנטער מאַן, האָט באַשלאָסן מזכּה את הרבים צו זיין מיט דער איבערזעצונג פֿון דעם ספר „רפֿואות העם“, וואָס איז שוין באַרימט געוואָרן און דער גאַנצער וועלט, אויך מיטן פֿיינעם און לייכטן פּירוש אויף מגילת קהלת, מיט דער איבערזעצונג פֿון קהלת אויף אונזער שפּראַך און אויך מיט אַ זאַמלונג „אגרות החכמה“, צו קלוג ווערן אין די נפֿלאות הבורא, ישתּבח, איך האָב געזען און האָב זיך געפֿרייט מיט דער אַרבעט פֿון זיינע הענט—און איך זאָג אים פֿאַר דעם גוטן אויפֿטו אַ יישר כּוח. און איך בין גוזר בחרם יב״ן (יהושע בן נון), אַז פֿרעמדע מענטשן טאָרן ניט איבערדרוקן די חיבורים פֿון דעם למדן און משכּיל מוה' מנחם-מענדל במהו' יהודה-לייב זבאַרושער פֿון סאַטאַנאָוו אין אַ משך פֿון 12 יאָר.

היום יום א' סיון תּקמ״ח, פּה סאַטאַנאָוו. נאום דקטן אלכּסנדר-זענדער מרגליות מבּראָד.

דערפֿון זעען מיר, אַז נאָך אין יאָר תקמ"ח, מיט פֿינף און אַכציק יאָר צוריק, האָט שוין לעפֿין געהאַט איבערגעזעצט קהלת אויף אונזער שפּראַך, און שוין דעמאָלסט האָבן אים דערפֿאַר געדאַנקט באַרימטע גאונים, ווי דער (רב מרגליות, וואָס איז באַרימט ביז היינטיקן טאָג בכל תּפוצות ישׂראל; ער רופֿט זאָגאַר ר׳ מענדל לעפֿין „מיין פֿריינד".

ר׳ משה מענדעלסאָן שרייבט אַזוי אין זיין הסכּמה אויף דעם ספֿר „רפֿואות העם": „הגם איך בין ניט באַהאַוונט אין דערדאָזיקער וויסנשאַפֿט און איך בין ניט געקומען אין אירע טיערן, אָבער די גרויסע וויכטיקייט פֿון דעמדאָזיקן חיבור איז באַוואוסט אויף דער גאַנצער וועלט, און אַלע באַרימטע געלערנטע פֿון אונזער צייט באַציען זיך מיט גרויס כּבוד צו דעם געלערנטן טיסאָ. דעריבער, נאָכדעם ווי ער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַלע אייראָפּעאישע לשונות, האָב איך אויפֿגעמונטערט מיין פֿריינד, ער זאָל אים איבערזעצן אויף לשון-קודש פֿאַר דעם תּועלת פֿון אונזערע יידישע ברידער, וואָס קאָנען ניט און פֿאַרשטייען ניט קיין ספֿרים אין פֿרעמדע שפּראַכן. און אומעטום, וואו עס איז ניטאָ קיין דאָקטאָר קיין ספּעציאַליסט, קען מען זיך אויף דעמדאָזיקן באַרימטן געלערנטן דאָקטאָר פֿולשטענדיק פֿאַרלאָזן. און ס׳איז אַ חזקה אויף מיין פֿריינד, וואָס איז אַ בקי אין ביידע לשונות, אַז די איבערזעצונג וועט אַרויס פֿון זיינע הענט פֿולקום ריין און פּאָפּולער און אויסגעצירקלט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. בערלין, י"ב אָדער תקמ"ה. משה בן ר׳ מענדל ז"ל מדעסויא.

וועגן דעם נוצן פֿון דעם ספֿר „רפֿואות העם" האָבן אויך געגעבן זייער הסכּמה צוויי באַרימטע דאָקטוירים בלאָך און אָפּענהיימער.

ר׳ מענדל לעפֿין האָט אַ סך נוצן געבראַכט מיט זיינע חיבורים, דען עס האָט זיך ווירקלעך ביי אַ סך געעפֿנט די אויגן און עס האָט זיך געמערט דאָס וויסן, איך אַליין האָב געקאָנט אין מיין יוגנט אַ סך מענטשן, וואָס דער שטויס צו בילדונג האָבן זיי באַקומען בלויז דורך ר׳ מענדל לעפֿינס איבערגעזעצטע העבראישע ספֿרים, וועלכע זיי

האבן געלייענט אין מאנוסקריפט, און דאס האט זיי אויך געשטויסן צו בילדן זייערע קינדער און לערנען זיי שפראכן. איינער פון זיי איז געווען ר׳ חיים מאלאגא אין מעדזשיבוזש, וועלכער האט געשעפט זיין גאנצע בילדונג פון ר׳ מענדל לעפינס ווערק, האט געשיקט זיין זון שטודירן און איז לסוף געווארן א בארימטער דאקטאר. אזוי האט אויך געטאן דער משכיל ר׳ מאיר רייך אין באר און נאך פיל אנדערע. זאל נאר דער לעזער זיך פארשטעלן די פינסטערניש פון יענער צייט אין דיזאיקע געגנטן, וועט ער פארשטיין, וואס ר׳ מענדל האט אויפגעטאן מיט זיינע חיבורים.

טא ווי אזוי שעמט זיך דאס ניט זיין קריטיקער ר׳ טוביה פעדער צו לעכמערן און זידלען אים?

און פונקט ווי ער איז אנגעפאלן אויף דער איבערזעצונג פון משלי, פונקט אזוי האט ער אויסגעגאסן כל־חמתו אויף די ספרים „רפואות העם“ און „חשבון הנפש“, אז: „זיי אלעמען וועט אוועק־טראגן דער ווינט, ווען די שטורעמען אויף מיסט און בלאטע, יעדערער, וואס זעט זיי, דערקענט זייער שורש. זיי ברענגען קיין שום נוצן ניט, זיי זיינען אומזיסט באשאפן געווארן“. איך ברענג דיזאיקע רייד פאר דעם משפט פון דער געשיכטע, נאך דעם, ווי ביידע זיינען שוין לאנג אויפן עולם האמת, און דא קען שוין ניט זיין קיין נשיאת פנים.

ר׳ טוביה פעדער האט דאך געזאגט ליגן, אז ר׳ מענדל לעפינס ספרים ברענגען קיין שום נוצן ניט, נאכדעם ווי מיר האבן געזען, אז פיל יידישע קהילות האבן געפאלגט די עצה פון דעם איבער־זעצער, האבן געקויפט דעם ספר „רפואות העם“ פאר דעם רב אדער דעם שטאט־מגיד, און יענע פלעגן אים גוט דורכשטודירן און באזוכן קראנקע, און היילן לויט די רעצעפטן פון דעם ספר. אזוי האבן מיר אויך געזען און געהערט, אז עס האבן זיך געגרינדעט חברות, וואס פירן זיך לויט דעם ספר „חשבון הנפש“ און לויט דעמדאזיקן ספר פלייסן זיי זיך אויסצובעסערן זייערע מידות.

וואס קען אויף דעם ענטפערן ר׳ טוביה פעדער, וואס פאלט אומזיסט אן אויף איינעם פון די געלערנטסטע און פיינסטע לייט אין דעם פאמפלעט „קול מחצצים“? מיט דעם אליין האט ער זיך דאך

אוועקגעשטעלט אַן אייביקן דענקמאָל פֿון שאַנד. דערדאָזיקער מאַן, וואָס זיין מויל איז שטענדיק געווען אַ בעכער מיט סם, איז טאַקע געווען אַ גרויסער מדקדק, האָט אָבער ניט באַגריפֿן דעם ציל, צו וועלכן אַזאַ אָדם גדול, ווי ר׳ מענדל לעפֿין איז געווען, האָט געשטרעבט.

ר׳ טוביה פֿעדער האָט פֿיינט געהאַט יידיש, ווייל עס איז ניט קיין שיינע שפּראַך; אָבער דערדאָזיקער משורר און מדקדק האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז אַ שפּראַך ווערט מיטאַמאָל ניט געבאָרן, אַז די ליטעראַטור שאַפֿט די שפּראַך, אַז דאָס פֿאָלק קען ניט באַנעמען אַ שפּראַך, וואָס עס פֿאַרשטייט ניט, און וואָס איז די פּעולה, וואָס מיר וועלן רייֿדן צום פֿאָלק אין אַ שפּראַך, וועלכע ער פֿאַרשטייט ניט?

„מע האָט אָבער דעמדאָזיקן פֿאַנאַטיקער אייך ניט אָפּגעשוויגן! אַקעגן ר׳ טוביה פֿעדער איז אויפֿגעטרעטן ר׳ יעקב-שמואל ביק פֿון בראָד, אַ גרויסער יידישער געלערנטער און מפֿורסם אין יענער צייט. זיין בריוו צו ר׳ טוביה פֿעדער געדרוקט צו מאַכן דעם גרויסן געלערנטן מענדל לעפֿין איז שפּעטער געדריקט געוואָרן אין „כרם חמד“.

אָבער ר׳ טוביה פֿעדער, וואָס זיין צונג איז געווען אָנגעזאַפּט מיט גיפֿט פֿון אַ בייזער שלאַנג, און זיין פֿעדער איז געווען, ווי אַ לאַנגע שווערד גרייט צום שעכטן, האָט זיך ניט גענומען צום האַרצן פֿון ביקס בריוו, און האָט אים צוריק געענטפֿערט מיט עזות אין אַ בריוו אין כרם חמד*), וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיין נאַקן טו איך טאָן אייזן און מיין שטערן קופּער“. אין

*) 1833. ביקס בריוו — ז. 96—97; פעדערס בריוו — ז. 97 — 202.
אויך ריב״ל האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון זיין פריינד מענדל לעפין און איז ארויסגעטראָטן קעגן פעדערן מיט א שיר אונטערן נאָמען „אל המשורר טוביה פעדער“ („אשכול הסופר“, ז. 11), אין וועלכן ער טראַקטירט פעדערן, ווי א שיכור. אין הערה צו דעם שיר שרייבט ער: „ס׳איז אלעמען באוואוסט, אז דעמדאָזיקן פּאָעט פלעגט די מוזע ניט באזוכן ביז ער פלעגט ניט מאכן א שנאפּס פון שטארקן בראנפן“. „דערדאָזיקער שיר איז פארפאסט געוואָרן, כדי אָנצונעמען זיך די קריוודע פון מיין פריינד ר׳ מענדל לעפין פון סאטאנאָוו, און די סיבה דערפון איז באוואוסט די משכילים. דעם שיר האָב איך אָנגעשריבן אין ראדזיוויל, תקע״ו, אויף דער בקשה פון מיין פריינד ר׳ יעקב-שמואל ביק“.—א. פ.

דעמדאָזיקן בריוו שיט ער מיט פֿעך און שוועבל, אַזוי ווי ר׳ מענדל לעפֿין וואָלט חס ושלום אָפּגעטאָן מי יודע וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע זאַך מיט דעם, וואָס ער האָט געוואָלט ריידן צום המון אויף זיין שפּראַך און מעורר זיין אים צו הערן גוטע רייד. דען מיר ווייסן דאָך די אמתע כּוונה פֿון ר׳ מענדל לעפֿין, דאָס איז דאָך די זאַך, וואָס מיר אַלע ווילן: צו עפֿענען די אויגן פֿון דעם פֿאָלק און עפֿענען זיין האַרץ צו פֿאַרשטאַנדיקייט, און דאָס איז דאָך ידוע, אַז דער תּנך איז אַ באַליבטע קוועלע פֿאַר השכּלה צו עפֿענען בלינדע די אויגן; און וואָס מערער דאָס פֿאָלק לערנט דעם תּנך, אַלץ מערער וואַרפֿט ער פֿון זיך אַראָפּ דעם יאָך פֿון נאַרישע גלייבונגען און פֿאַנאַטישע מנהגים, דען פֿון די הייליקע ספֿרים שטראַלט אַרויס אַ ליכט, וואָס פֿאַרטרייבט דעם חושך. אויף דעם דרך זיינען געגאַנגען אַלע, וואָס האָבן געזוכט ליכטיקייט און אויפֿקלערונג פֿאַרן פֿאָלק פֿון שטענדיק אָן: זיי האָבן זיך געווענדט צום תּנך, האָבן אויפֿגעשלאָסן דעמדאָזיקן פֿאַרשלאָסענעם גאָרטן און אַרויסגעשטעלט זיינע קוואַלן אין דרויסן אַרויס, איז געקומען דאָס פֿאָלק און האָט געטרונקען פֿון דעמדאָזיקן לעבעדיקן קוואַל און כּ׳איז אים ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

ווי עס שיינט, האָט ר׳ מענדל לעפֿין בכּיוון אויסגעוויילט איבערצוזעצן דעם ספֿר „קהלת“ און געבן אים פֿאַר די קינדער פֿון זיין פֿאָלק אויף דער שפּראַך, וואָס איז אָנגענומען צווישן זיי, געבן אים מיט דער שיינקייט און צאַרטקייט, וואָס דערדאָזיקער געמישטער לשון פֿאַרמאָגט; די שקלאָ־וטריא איז צוגעפּאַסט צו דער נשמה פֿון דעם תּלמודיסט, וואָס איז שטענדיק געווינט צו די טענות ומענות — און דאָס וועט געבן שטאָף זיין נשמה נאָכצודענקען און נאָכצופֿאָרשן, ביז ער ווערט אַ משכּיל און אַ דענקער.

אָ, ווען טוביה פֿעדער וואָלט אויפֿגעשטאַנען פֿון קבֿר און דערזען די גרויסע זאַך, וואָס ר׳ מענדל לעפֿין האָט אויפֿגעטאָן פֿאַר יידן, זייענדיק דער ערשטער, וואָס האָט פֿאַרפֿלאַנצט דעם עץ־הדעת אויף דער פֿאָלקס־שפּראַך, — ווען ער וואָלט געזען, וויפֿיל וויכטיקע און נוצלעכע ספֿרים עס זיינען פֿון דעמאָלט אָן ביז איצט געשריבן

און געדרוקט געוואָרן אויף העבּראַאיש שפּראַך, וואָס האָט דעם פֿאָלק געעפֿנט די אויגן, ער זאָל אויפֿהערן צו זיין ווילד!

שטייט אויף, טובֿיה, און זע, ווער איז דער אמתער חכם,
וואָס זעט פֿאָראויס די צוקונפֿט — דו, צי ר׳ מענדל לעפֿין?

„עס פֿאַרשטייט זיך, אַז ר׳ מענדל לעפֿין האָט באַלד געהאַט נאָכטוערס, וואָס האָבן בּיסלעכווייז גענומען שרייבן זשאַרגאָן, נאָר זייערע שריפֿטן זיינען ניט באַקאַנט געוואָרן. ר׳ מרדכי סוכאָסטאַווער פֿון בראָד האָט אויך אינם יאָר 1829, ווען ער איז געוועזן אין אַלט-קאָנסטאַנטין לעהרער, איבּערזעצט פֿון רוסישן קרילאָווס פֿאַבּלען „דעם ווילן עצה-געבּער" „Совѣтъ мышей", וועלכן איך האָב געדרוקט אינם „יידישן פֿאָלקסבּלאַט" 1885, נומ. 20). באַלד האָט זיך געוויאַזעט אין זאַמאָשץ דער דאָקטאָר שלמה עטינגער, וואָס האָט געענדיקט זיין שטודיום אין לעמבּערג און איז דאָרטן באַקאַנט געוואָרן מיט ר׳ מענדל לעפֿינס שריפֿטן. דאָקטאָר עטינגער האָט זייער פֿיל געשריבּן אינם זשאַרגאָן און אַלץ אויסגעצייכנט. אַ טייל פֿון זיינע שירים און פֿאַבּלען האָט מיין גוטער פֿריינד הער צעדערבּוים אַרויסגעגעבּן אינם „קול מבֿשר" און אינם „יידישן פֿאָלקס-בּלאַט"; דאָס אויסגעצייכנטסטע פֿון זיינע שריפֿטן איז זיין טעאַטער-שטיק „סערקעלע". איך בּין מיט אים געוועזן גוט באַקאַנט און ער האָט מיר זיינע שריפֿטן פֿאָרגעלעזן".

די דאָזיקע איבּערזעצונגען (פֿון מענדל לעפֿין) האָבּן אויך מיר געגעבּן דעם שטויס צו ווידן צום פֿאָלק אויף זיין אייגענער שפּראַך. פֿון דעמאָלט אָן האָב איך גענומען פּרוּוון מיינע כּוחות און שרייבּן ווערק אויף דער שפּראַך. איצט וועלן אַלע לעזער פֿון מיינע יידישע לידער מודה זיין, אַז איך האָב געהאַט ערפֿאָלג און געהאָלפֿן אויפֿקלערן דעם פֿאָלק. פֿון מיינע יידישע ווערק האָבּן זיך אָפּגע-דרוקט זייער ווייניק: 1) דער „קוגעל", פּאַראָדיע אויף שילערס „ליעד פֿאָן דער גלאָקקע", געדרוקט אין 1863 אין אָדעס; 2) „דער סעים אָדער די גרויסע אסיפֿה אין וואַלד, ווען די חיות האָבּן אויסגעקליבּן דעם לייבּ פֿאַר אַ מלך", געדרוקט אין זשיטאָמיר, 1863; 3) „דער גלגול" (לויטן גלגול פֿון ד״ר ערטער, אין נייע בילדער פֿון פֿאָלקס-לעבּן), געדרוקט אין „קול מבֿשר" פֿון יאָר 1871; 4) „דאָס גרע-

בער־ליער״, „קול מבֿשר״, 1863; 5) „דאָס זומער פֿייגעלע״, אין אויבנדערמאָנטן זשורנאַל, 1863; 6) „שטעה אויף״, אַ ליד געדרוקט אין 1־טן נומער פֿון זשורנאַל „ישראליק״, לעמבערג, תרל״ו; 7) „דער בידנער ישראליק״, אַ ליד, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער, און ס׳איז כּמעט ניט געווען קיין איין יידיש הויז, וואו מע זאָל אים ניט זינגען. כ׳האָב אים אויפֿגעשריבן זומער תר״ג אין מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, אין יאָר תרל״ו, האָט מען אים אָן מיין ידיעה אָפּגעדרוקט און אונטערגעשריבן אונטער אים דעם נאָמען פֿון מיין פֿריינד ר׳ יצחק־בער לעווינזאָן ז״ל, בעת אַלע ווייסן, אַז דאָס איז מיינס אַ ליד; 8) „דער דעקטוך, אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט״, אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן״, געשריבן אין יאָר תר״ד אין קרעמעניעץ און געדרוקט אין יאָר 1896 אין וואַרשע אָן מיין וויסן און אָן מיין אונטערשריפֿט, בעת אַלע ווייסן, אַז ס׳איז מיינע. דער פֿאַרלעגער האָט דאָס ווערק אַרויסגעלאָזן מיט אַזויפֿיל פֿעלערן, אַז ער האָט אים לחלוטין איבערגעפֿירט. ס׳איז אַלץ איינס, ווי ניט געדרוקט, ווייל ביי מיר ליגט דער פֿולשטענדיק פֿאַרענדיקטער און גענויער מאַנוסקריפּט; 9—10) דאָ ניט לאַנג האָבן זיך אָפּגעדרוקט אין צעדער־בוימס „קול מבֿשר״ (פֿאָלקס־בלאַט?) אין יאָר תר״ם אין פּעטערבורג מיינע צוויי לידער: 1) „געהט אין שול אַריין״ און 2) „די אַסיפֿה, אַן אַלטע מעשה גאָר שפּאָגעל נייא״.

מיינע איבעריקע ביכער אין שורים אין יידיש זיינען נאָך אין מאַנוסקריפּט און איך רעכן זיי, אם ירצה השם, אָפּדרוקן, אויף מיין חשבון, ווייל די פּעטערבורגער משכּילים, וואָס האָבן אויף מיין זיבעציק־יאָריקן יובילייִ (18 טעג אין טבֿת תרמ״א) זיך גענומען זיי אַרויסצוגעבן, האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון דער אידעע, צוליב די ביטערע צייטן, וואָס זיינען אויף אונז אָנגעשטאַנען, בעת יידן זיינען צעראַבירט און פּאָגראָמירט געוואָרן. פֿון ווען אָן עס ציט זיך אונזער האָפֿענונג און מיר זיינען נאָך אַלץ ניט געהאָלפֿן געוואָרן.

די לעזער פֿון מיינע זכרונות געדענקען געוויס די ווערק, וואָס איך האָב געשריבן ביי מיין שווער אין טשערניכאָוו, בעת איך בין

אַלט געווען 15—14 יאָר; איך קען וועגן זיי איצט ניט אורטיילן, מחמת זיי זיינען פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אומקערנדיק זיך ווינטער תק"ה פֿון באַר קיין אַלט־קאָנסטאַנטין, האָב איך זיך גענומען שרייבן אַניי העבּרעאיש ווערק מיטן נאָמען „אַמנון און תמר", אַ פּיעסע פֿון דעם איצטיקן לעבן, אין פֿיר אַקטן. פֿאַר דעם ווינטער האָב איך בלויז באַוויזן אָנצושרייבן איין אַקט; די איבעריקע דריי האָב איך פֿאַרענדיקט אין אָדעס זומער דעמזעלביקן יאָר. דאָס דאָזיקע ווערק געפֿינט זיך ביי מיר נאָך איצט איך, און הגם ס'איז רוי און אומרייף, דאָך קען מען שוין אין דעם זען סימנים, אַז מיינע ליטעראַרישע כשרונות האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען.

כד.

גאָטלאָבער פאָרט קיין אָדעס. — א געשיכטע מיט א יונגנמאַן. — גאָטלאָבער שרייבט פאַר אים א קבלה־ספר. — גאָטלאָבער טראַכט אויס פאַרשיידענע נעמען און מלאכים פון קבלה און דער יונ־גערמאַן נעמט עס אָן פאַר גוט געלט. — אז דער יונגער מאַן וועט אים קומען לאָדן, וואָס וועט אים גאָטלאָבער זאָגן. — גאָטלאָבערס באַגעגעניש מיט זיין בעוועזעגעם שווער. — דער שווער רייסט אויף זיך די האָר, ס'איז אָבער פאַרפאַלן. — אָדעס. — זיינע באַ־קאַנטשאַפטן מיט די דאָרטיקע משכילים. — די אָדעסער שול. — יאָאַכים טאַרנאָפּאָל. — דער דירעקטאָר שטערן. — די איבעריקע לערער.

מאָנטאָג פּרשה נשא, ט׳ סיון (17 מאַי, 1830), בין איך אַוועק פון אַלט־קאָנסטאַנטין קיין אָדעס, צו זוכן פאַר זיך עפּעס אַ באַ־שעפטיקונג, און דינסטאָג פאַרנאַכט בין איך אויפן וועג אָנגע־קומען קיין באַרדיטשעוו, אין דער שטאָט, וואו עס זיינען באַגראָבן געוואָרן אַסך פון מיינע יוגנט־חלומות, וואו איך בין צו עלף יאָר געוואָרן אַ חתן; די שטאָט, וועלכע איך פלעג דייער אָפּט באַזוכן אַלס יונגערמאַן ביים שווער אויף קעסט, בעת מע האָט מיך געקיצלט און געצערטלט. איך פלעג שטענדיק קומען און אַוועק־פאָרן מיט אַ פריילעך האַרץ, דער גלאַנץ פון גליק און הצלחה האָט באַלויכטן דעם פרילינג פון מיין לעבן און אומעטום, וואו מיין פוס האָט געטראָטן, האָבן מיך באַגלייט גוטסקייט און ליטוע־ליקייט. דאָס מאָל אָבער בין איך אַהין געקומען, ווי אַ ווילד־פרעמדער. אין דער אַכסניה, וואו איך פלעג אַמאָל שטענדיק פאַר־פאָרן מיטן שווער, האָט מען מיך גאָרניט דערקענט, ווייל איך בין שוין געוואָרן אויס נגיד און האָב געקראָגן אַ שלעכטן נאָמען: אַלע הויזלייט פון דער אַכסניה האָבן געוואוסט, אַז מע האָט מיך אַרויסגעטריבן פון דעם שווערס שטוב, אַראָפּגענומען די קרוין

פֿון מײַן קאָפּ, און איך בין געוואָרן אַ געוויינלעכער בשר־ודם. כ׳וואָלט נאָך אַזוי געזעסן אין האָטעל אין צרות און שאַנד, ווער ווייסט וויפֿיל, ווען ניט דער פֿאָלגנדיקער צופֿאַל, וועלכן איך האָב נאָך ביז היינט ניט פֿאַרגעסן.

אין צווייטן צימער פֿון מײַנעם, איז איינגעשטאַנען אַ יונגער־מאַן, דוכט זיך אַ באָהוסלאַווער. דערדאָזיקער יונגערמאַן האָט שוין געהערט פֿון מיר נאָך פֿון פֿריער, ווײַל אַלס ייִנגל האָב איך שוין געשמט אין פֿאַרשיידענע שטעט מיט מײַנע ידיעות אין קבלה, דערהויפּט אין דער קבלה מעשית, וואָס איז געווען דער אידעאַל פֿון די חסידישע יונגעלײַט אין יענער צײַט, וועלכע האָבן מיט איר הילף געגלוסט צו מאַכן פֿאַרשיידענע וואונדער; ער האָט אויך געמיזט הערן וועגן מיר בײַ אַ חסידישן רבין אין שטוב, וואו עס פֿלעגן זיך אײַפֿזאַמלען ייִדישע יונגעלײַט פֿון אומעטום. דערוואוסט, אַז איך האָב אַן אוצר פֿון קבלה־אַנטיקן, האָט ער זיך שטאַרק דער־פֿרייט, וואָס ער האָט זיך מיט מיר געטראָפֿן אין איין האָטעל, איז גלײַך אַרײַן צו מיר אין צימער און געפֿרעגט, צי בין איך עס דער און דער.

— איך האָב געהערט, זאָגט ער, אַז פֿון אײַך זיינען ניט פֿאַרהיילן די פֿאַרבאָרגענע סודות פֿון דער קבלה מעשית און אַז בײַ אײַך געפֿינט זיך אַ גאַנצער אוצר פֿון כּתבֿ־ידן מיט הייליקע שמות, מיט וועלכע מע קען ווייזן געוואַלטיקע וואונדער.

— יאָ, זאָג איך, איז וואָס־זשע ווילט איר?

— ווײַל איך — זאָגט ער, איר זאָלט מיר געבן דידאָזיקע כּתבֿ־ידן, און איך וועל אײַך דערפֿאַר באַצאָלן, וויפֿיל איר וועט וועלן.

ענטפֿער איך אים, אַז דאָס קען איך פֿאַר קיין געלט ניט טאָן: כּתבֿ־ידן האָב איך זייער פֿיל, און איבערשרײַבן די אַלע שמות מיט די השבעות וועל איך גאָר קיינמאָל ניט באַווייזן. אויב ער וויל, קען איך אים איבערשרײַבן איין כּתבֿ־יד פֿון אַכט בלעטלעך — און דערפֿאַר פֿאַרלאַנג איך פֿון אים פֿינף־און־צוואַנציק רובל. פּונקט אַזאַ סומע האָב איך טאַקע געדאַרפֿט האָבן אויף הוצאות.

דער יונגערמאַן איז באַלד מרוצה געוואָרן און איך האָב אים געהייסן קומען מאָרגן אינדערפֿרי, וועט ער האָבן דעם ספֿר.

מאָרגן פֿרי — דער יונגערמאַן איז דאָ. איך האָב שוין געהאַט צוגעגרייט אַ ספֿר פֿון אַכט זייטלעך, אין פֿאָרמאַט פֿון אַן אַכטל בויגן, אָנגעפֿילט מיט שמות און השבעות, מיט ראשי־תּבֿותן און סופֿי־תּבֿותן, וואָס איך האָב אַליין אויסגעטראַכט, כּדי צו מאַכן מיט זיי וואונדער. איך האָב אים דערלאַנגט דאָס ספֿרל און גלייך באַקומען דאָס געלט. דער יונגערמאַן איז געווען שטאַרק צופֿרידן, האָט פֿאַר מיר געלייענט דעם ספֿר און געפֿרעגט דעם טייטש פֿון פֿאַרשיידענע שמות און השבֿעות, אין דעם אויך דעם שם „נ ע ר ת ן ב ו ה ו“, מיט וועלכן מע איז משבּיע די מלאָכים בעת אַ קימפּעטאָרין גייט שווער צו קינד.

— כ'האָב — זאָג איך — געמאַכט אַ שאלת־חלום און פֿון הימל האָט מען מיר מגלה געווען, אַז די אותיות „נ ע ר“ — זיינען די צווייטע אותיות פֿון די ווערטער „ה נ“ה הע“למה הר“ה“, די אותיות „ת ן“ זיינען די לעצטע אותיות פֿון די ווערטער: „ו י ו ל ד“ת ב“ן“, און די אותיות „ב ו ה ו“ — דער ראשי־תּבֿות פֿון: „ו“אם ב“ת ה“יא ו“חיה“.

דער יונגערמאַן האָט פֿון התפּעלות אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געבעטן, איך זאָל אים מגלה זיין נאָך אַזעלכע סודות. זאָג איך אים, אַז איך דאַרף מאַכן אויף דעם אַ שאלת־חלום, און דאָס איז אַ גרויסע סכּנה. בעט ער זיך ביי מיר, איך זאָל אים אַליין אויסלערנען צו מאַכן אַ שאלת־חלום — און די סכּנה נעמט ער אויף זיך, אַבי צו דערגיין גרויסע סודות.

האָב איך אויסגעטראַכט אַ שם און זאָג אים: בעת איר וועט מאַכן אַ שאלת־חלום, זאָלט איר דעמדאָזיקן שם הלילה ניט אַרויסברענגען אויף די ליפּן — וואָרעם, זאָג איך, איר שטעלט אין קאָן אייער לעבן...

אויב דערדאָזיקער מענטש לעבט נאָך ערגעץ און מיינע ווערטער וועלן צו אים דערגרייכן — וועט ער אויף מיר געוויס שטאַרק פֿאַראיבל האָבן, וואָס איך האָב אים תּחילת געמאַכט פֿאַר אַ גאַנצן בעל־מופֿת, פֿון די וואָס זיינען ביכולת משנה צו זיין די

סדרי־בראשית, און צום סוף, ווייזט זיך אַרויס, אַז איך האָב אים גאָר פאַרפירט און אָפּגעלאַכט פֿון זיינע מלאָכים. מעגלעך, אַז ער וועט נאָך בעטן ביי מיר צוריק זיין געלט, און אויב ער איז אַ מלווה — וועט ער נאָך בעטן ביי מיר 20 פּראָצענט, וואָס עס מאַכט אויס צוזאַמען מיט זיין געלט — 290 רובל פאַר די 35 יאָר, וואָס זיינען אַריבער פון דעמאָלט ביז אַצונד.

נאָר טאָמער וועט ער מיך לאָדן צום משפט, וועל איך אַזוי טענהן: הערט נאָר צו, איר שופטים פון גערעכטיקייט, וועט איך גאָט צוהערן. צי דען איך אַליין האָב אויסגעטראַכט מלאָכים, פון זינט עס עקסיסטירן בעל־מופתים און בעל־שמען אויף דער וועלט? און די אַלע מלאָכים, וואָס גייען אַרויס פון דעם אָנהייב ביז סוף וואָרט פון דעם מלאך „פּצפּציה“, דעם ממונה איבערן שופר־בלאָזן, ביז דעם מלאך „יואַחצצבירון“, דעם היטער פון פּענסטער און טירן? דאָס האָבן דאָך אַלץ מענטשן באַשאַפן — פאַרוואָס־זשע זאָל איך זיין ערגער פון זיי? און דו, חשובער האַר, זייַ בעסער אינדערהיים און קום זיך מיט מיר ניט לאָדן, ווייל, ערשטנס, ווייסטו ביי מיר גאָרנישט געפינען וואָס צו נעמען, און, צווייטנס, בין איך זיכער, אַז איך וועל נאָך געווינען דעם משפט, ווארעם דו האָסט מיר צו ווייניק געגעבן פאַר דעם מלאך, וואָס איך האָב דיר פאַרקויפט אויף שטענדיק; ווען איך דריק עס אָפּ און צעשיק עס די אַלע יידן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מופתים — ווער ווייס, צי וואָלט איך פאַר דעם איין דיילקן ספרל ניט אָפּגענומען מערער, וויפיל פאַר אַלע ספרים, וואָס איך האָב פאַרפאַסט פון דעמאָלט אָן ביז איצט! די פּראַקטיק האָט שוין באַוויזן, אַז אַזעלכע מיני ספרים פאַרקויפן זיך אין די טויזנטער, און די וואָס זיינען זיך אין זיי עוסק, לעבן אַ גוטן טאָג און זיינען נאָך דערצו היילקע לייט אויך.

און דו, פריינד לעזער, זאָלסט פאַרשטיין, וואָס די האָסט צו טאָן: אויב דיר וועט אַריינפאַלן אַזאַ ספר, זאָלסטו וויסן זיין, אַז זיינע מלאָכים מיט זיינע השבעות זיינען קיין גראָשן ניט ווערט, דאָס איז די אַרבעט פון אַ בשר־ודם און זיי ברענגען קיין שום נוצן ניט.

אין זעלבן טאָג (י״א סיון) איז מיין געוועזענער שווער, ר׳ נחמן־לייב, אויך געקומען קיין באַרדיטשעוו, וואוהין ער פלעגט קומען צוליב געשעפט, און איז פאַרפאָרן אין דעמזעלבן האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען. אַז ר׳ נחמן־לייב האָט מיך דערזען, איז ער מיר געפאַלן אויפן האַלז און האָט זיך ביטער צעוויינט; ער האָט אויך זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, האָט אויסגעלאָזט כּל־חמתו צו די פאַרפלוכטע חסידים, וואָס האָבן אומזיסט און אומנישט געמאַכט צווישן אונז אַ בייז לעבן, און ער האָט געשוואָרן, אַז מהיום והלאה וועט ער אויס חסיד און הערט אויף צו גלייבן אין די חסידישע רביים, ווייל זיי זיינען אומווערדיקע און פאַלשע לייט.

אָבער זיינע רייד זיינען געווען גאַנץ איבעריק. דאָס, וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, איז שוין געווען פאַרפאַלן. זיינע ווערטער האָבן בלויז צוגעגאָסן בוימל אויף דעם שייטער פון מיין האַרצן; אַ פּשיטא שוין נאָכדעם, ווי איך האָב זיך פון אים דערוואוסט, אַז מיין קליין יינגעלע איז, אויס גרויס בענקשאַפט נאָך מיר, קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן — דאָס איז אין מיר אויפגעפלאַקערט אַ העלישער האַס, וואָס האָט מיך דורכגעבּרענט דורך־און־דורך און האָט געשריען: „נקמה! באַצאָלונג!״ איך האָב געמאַכט אַ חשבון פון אַלע מיינע מעשים ביי דעם שווער, פון זינט איך בין אַריין צו אים אין הויז מיט שמחה און מוזיק, ביז דער צייט, ווען איך בין אַרויס פון דאָרטן מיט טרויער און זיפצן — און האָב ניט געפונען קיין איין חטא, פאַר וועלכן מע זאָל מיך קענען מאַכן שולדיק אין מיין אומגליק, אַ חטא, צוליב וועלכן מע האָט אויף מיר אַרויסגעטראָגן אַזאַ גרויזאַמען פּסק־דין: חרובֿ מאַכן אַלץ, וואָס ביי מיר איז געווען טייער און ליב און איבערשטעלן מיך צו שאַנד אין צו שפּאָט. כ׳האָב דעריבער געטראַכט נקמה צו נעמען פון מיינע שונאים, ווען גאָט וועט מיך אַרויספירן אויפן ריכטיקן דרך אין די השכלה וועט ווערן דער פאַקעל אויף מיין שטעג; דעמאָלט וועל איך אַרויס קעגן די נידערטרעכטיקע לייט, וועל מיט זיי מלחמה האַלטן, ביז איך וועל זיי אויסראָטן! מיט דער צייט אָבער האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז מיט האַס קען מען דעם ציל ניט דער־

גרייכן. ניט קענען די פֿאַרפֿירטע דאַרף מען ווענדן דעם קאַמף: זיי וועט שוין קיין זאַך ניט העלפֿן; דער עיקר אויפֿמערקזאַמקייט דאַרף מען לייגן אויף די פֿאַרפֿירער, מע דאַרף אויסראָטן דעם וואָרצל, וואָס ברענגט אַרויס ביטערע קרייטעכער, וועלכע פֿאַרשפּרייטן חנופֿה אויף דער גאַנצער וועלט. וואָס קען מען האָבן צו די חסידים? זיי זיינען דאָך בלויז פֿאַרפֿירטע!

אין דעמזעלבן טאָג בין איך אַוועק פֿון באַרדיטשעוו און געלאָזן זיך קיין אָדעס, וואָס איז געווען מיין טרוים, ווייל אָדעס איז געווען אַ גרויסע שטאָט, דאָרט האָט מען געקענט קריגן באַשעפֿטיקונג און פֿאַרפֿולקומען זיך אין בילדונג.

דעמאָלט, מיט דריי־און־פֿופֿציק יאָר צוריק, איז מען ניט געפֿאָרן אַזוי האַסטיק ווי איצט, בעת אַ נסיעה פֿון באַרדיטשעוו קיין אָדעס מאַכט מען דורך אין איין מעת־לעת. אין אַ פֿול־געפּאַקטן וואָגן, געשפּאַנט מיט פֿיר פֿערד, זיינען מיר מיטוואָך אַרויסגעפֿאָרן פֿון באַרדיטשעוו, איבערגענעכטיקט די נאַכט אונטערוועגנס, אויף מאָרגן ווידער איבערגענעכטיקט אין אַ קרעטשמע און פֿרייטאָג זיינען מיר געקומען אין ליניץ און דאָרטן געהאַלטן שבת. זונטאָג זיינען מיר פֿון דאָרטן אַרויסגעפֿאָרן, און געפֿאָרן אַ גאַנצע וואָך, ביז מיר זיינען פֿרייטאָג, צוואַנציק טעג אין סיוון תק״ץ, געקומען קיין אָדעס. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 19 יאָר.

די שטאָט אָדעס האָט זיך אויסגעבויט אין יאָר 1807 (לויט דער יידישער צייטרעכענונג — אין יאָר תקס״ז), מיט פֿיר־און־צוואַנציק יאָר פֿריער, איידער איך בין אַהין געקומען. הגם זי איז נאָך דעמאָלט, בעת איך בין אַהין געקומען, געווען אַ יונגע שטאָט, האָט זי שוין געפֿירט מסחר מיט דער גאַנצער וועלט און איז געווען פֿול מיט מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער: פֿון גריכנלאַנד, אַראַביע, טאַטאַרנלאַנד, טערקיי, אויסער די איינגעבאָרענע רוסן, פּאָליאַקן און יידן. איר לאַגע, אַלס האַפֿנשטאָט ביים שוואַרצן ים, האָט זי געמאַכט פֿאַר אַ גרויסע האַנדלס־שטאָט און איר פֿאַרשאַפֿט גרויס רייכטום: אַ סך יידן פֿון גאַליציע, דערהויפּט פֿון בראָד, האָבן זיך באַזעצט אין אָדעס, געמאַכט גרויסע מסחרים און זיינען רייך געוואָרן. די יידן האָבן זי נאָך פֿאַרפֿיינערט דערמיט, וואָס זיי האָבן

דורכגעלייגט אַ וועג פֿאַר דעם יידישן קיבוץ און פֿאַר דעם פּראָגרעס לויט דעם גייסט פֿון דער צייט. זיי האָבן געגרינדעט אַ גרויסע און ווילטיקע שול פֿאַר יינגלעך, פֿון וועלכע עס זיינען אַרויס פֿיל באַרימטע תּלמידים, וואָס זיינען נאָכדעם אַוועק אין די אוניווערסיטעטן, אָפּגעגעבן זיך מיט מסחר און אינדוסטריע און געהאַט חן ביי גאָט און לייט.

איינער פֿון דידאָזיקע תּלמידים איז געווען יאָאַכים טאַרנאָפּאָל, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען אַ 16—17=יאָריק יינגל. ער איז געווען אַ מאַלאַנטפֿולער שרייבער, דערהויפּט אין פֿראַנצויזיש. זיין אידעלער גייסט האָט אים באַוואויגן צו שרייבן פֿון צייט צו צייט, כּדי צו דערהויבן דעם כּבֿוד פֿון זיין פֿאָלק. אין יאָר תּרי״ט (1859) האָט ער אָפּגעדרוקט אין רוסיש אין דער צייטונג „רוסקי אינוואַליד“, (נומ. 47) אַ גרויסן און ווילטיקן מאמר וועגן די השפּעות פֿון די מאָדערנע פֿעלקער און דעם גייסט פֿון דער צייט אויף דעם פּראָצעס פֿון דער יידישער השלמה און זייער פּאָליטישן מצבֿ. דעמדאָזיקן מאמר האָב איך תּיכּף איבערגעזעצט אויף העברעאיש און אָפּגעדרוקט אין „המגיד“ (דריטער יאָרגאַנג תּרי״ט פֿון נומער 22 ביז נומער 29), נאָך פֿאַר דעם, אין יאָר 1855 האָט ער אַרויסגעלאָזן אין אָדעס אין פֿראַנצויזיש דאָס בוך „Notices“; שיקנדיק צום רעדאַקטאָר פֿון „רוסקי אינוואַליד“ זיין איבנדערמאָנטן מאמר, שרייבט ער אים אויך אַ ספּעציעלן בריוו, (אויך איבערגעזעצט דורך מיר אין „המגיד“) וועגן זיין בוך, אַז: „ער האָט געפֿונען חן אין די אויגן פֿון אַלע רוסישע שרים און אַ סך שטעלן פֿון דעם בוך זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין ענגלישע, דייטשע און יידישע זשורנאַלן“. אין יאָר 1868 האָט ער אָפּגעדרוקט אין אָדעס אויף רוסיש דאָס ווילטיקע בוך „Опытъ“. דאָס בוך האָט זיך געמאַכט אַ גרויסן נאָמען און אַרויסגערופֿן גרויס אינטערעס ביי פֿיל יידן און רוסן. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעלאָזט אויף פֿראַנצויזיש דאָס בוך „Reflexsions“, וואָס האָט אויך אויסגענומען.

וואויל איז צו אַ שול, וואָס לאָזט אַרויס אַזעלכע תּלמידים! דאָס איז די פֿרוכט פֿון דער שול, וואָס די יידישע משׂכּילים אין אָדעס האָבן געגרינדעט לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו, אידער נאָך

די דערהויבענע רעגירונג האָט געגעבן איר האַנט צו דעמדאָזיקן וויכטיקן אויפטו; וואויל איז צו דער געמיינדע, וואָס פירט זיך אַזוי אויך!

בעת איך בין געקומען קיין אָדעס, האָט די שול געהאַלטן אין בליען. אָנשטאָט דעם פאַרשטאָרבענעם ר׳ אַברהם זיטנפעלד, האָט פאַרנומען די שטעלע פון אַ דירעקטאָר אין דער שול דער באַרימטער משכיל ר׳ בצלאל שטערן, וועלכן איך האָב נאָך געקענט, בעת ער איז געווען אַ לערער אין אַ טאַרנאָפּאָלער שול. איך בין אים געגאַנגען באַזוכן און ער האָט מיך גלייך דערקענט און צוגענומען זייער פריינדלעך. ביי אים האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט די לערער ר׳ שמחה פינסקער, ר׳ איציק הורוויץ און ר׳ אליהו פרענקעל; דערהויפט שטאַרק באַפריינדעט האָב איך זיך מיט דעם גרויסן תלמודיסט ר׳ אבלי שליטא ז״ל, וועלכער איז געווען דער לערער פון תלמוד אין דערדאָזיקער שול. מיט אים בין איך געוואָרן זייער אויפגעטראָגן די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין אָדעס. ער איז צו מיר געווען ווי אַ ברודער און פלעגט מיר אויסהעלפן אין אַלע מיינע נייטן.

כה.

גאָטלאָבער קריגט אַ פּריוואַטע קאָנדיציע. — ער פאַרענדיקט זיין פּיעסע „אמנון און תמר“. — שרעקט זיך פאַר דעם געדאַנק, אַז ער דאַרף זיין אַ מלמד. — פאַרלאָזט די קאָנדיציע און בלייבט ווי־דער אָן באַשעפטיקונג. — טויג ניט צו קיין זאַך. — וויל פאָרן אין דייטשלאַנד און בלייבט אין אָדעס. — גאָטלאָבערס באַקאַנטשאַפט מיט דעם אָדעסער קאַראַאימישן „חכם“. — ער שרייבט אַן עלעגיע אויף דעם טויט פון קאַראַאימישן חזן. — ער ווערט אַן אריינ־גייער ביי דעם „חכם“ אין שטוב און שטודירט זייערע רעלי־גיעזע ספרים. — אַ שאלה מכּוח אַ גט. — מען לייגט אים פאָר אָנ־נעמען קאַראַאימענטום און מע וויל אים חתונה מאַכן פאַר דעם חכמס טאָכטער. — גאָטלאָבער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ.

אָפּזיצנדיק אין אָדעס אַ קורצע צייט און זעענדיק, אַז איך קריג ניט קיין שום שטיצע, איך זאָל האָבן פינאַנסן צו לעבן, האָב איך זיך אויסגעזוכט אַ קאָנדיציע ביי איינעם אַן אָדעסער גביר הירש אַבראַמאָוו, וועלכער האָט געהאַלטן די פּאָכט. איך האָב געלערנט מיט זיין זון (שוין אַ באַוויבטער) גמרא און העברעאיש און דערפאַר האָב איך געקראָגן אַ באַזונדער צימער מיט קעסט און אַ געוויסן געהאַלט דערצו. אויף דערדאָזיקער קאָנדיציע האָב איך פאַרענדיקט די איבעריקע דריי אַקטן פון „אַמנון און תמר“ און דאָב די פּיעסע אַוועקגעשענקט אַ מתנה מיין תלמיד. (בעת איך בין אין יאָר ת״ר אַ צווייטן מאָל געווען אין אָדעס, האָט ער עס מיר צוריקגעקערט. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זעלבשטענדיקער מענטש און אַ גרויסער גביר).

קיין סך צייט בין איך אָבער ביי דעם הירש אַבראַמאָוו אין שטוב ניט געווען: אַ שרעק איז מיר באַפאַלן פון דעם געדאַנק, אַז איך בין געוואָרן אַ מלמד, וואָס איז מיר פריער, בעת איך בין געווען ביים שווער אין שטוב, קיינמאָל אַפילו אויפן זינען ניט אַרויף. מיט דער צייט אָבער האָב איך זיך איבערציינגט, אַז קיין

אַנדער אויסוועג צו קריגן חיונה, אויסער לערערײַ, האָב איך ניט, און האָב ביסלעכווײַז גענומען גלויבן, אַז דאָס איז מײַן באַרוף.

אינאַ נדייב יאָר תּקצ"א האָב איך פֿאַרלאָזן אַבראַמאָוס הויז און האָב זיך גענומען זוכן אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג, כ'האָב אָבער ניט געקענט געפֿינען. לכתּחילה האָב איך זיך געוואונדערט, וואָס מײַנע באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיך אַזוי מקרבֿ געווען, געווען מיט מיר אַזוי נאָענט און ליב געהאַט מיט מיר צו פֿאַרברענגען — האָבן מיר מיט קיין זאַך ניט געהאָלפֿן; דערנאָך אָבער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז זיי זײַנען ניט שולדיק. וואָס האָבן זיי דען געקאָנט טאָן? אָפּגעבן מיך אין אַ געשעפֿט? האָב איך ניט געקאָנט קיין בוכהאַלטעריע. איינגל אַ משרת האָט דאָך אַמאָליקע צײַטן געקאָנט ריידן איניקע שפּראַכן, און וואָס פֿאַר אַ שפּראַכן האָב איך געקאָנט? דײַטש האָב איך בלויז געקענט לייענען, אָבער ריידן אויף דער שפּראַך מיט אַ קונה און שרײַבן — האָב איך ניט געקאָנט; שוין אָפּגערעדט פֿון רוסיש און אַנדערע שפּראַכן, וואָס זײַנען מיר געווען פֿרעמד. טאָ וואָס האָבן פֿאַר מיר מײַנע פֿרײַנד געקענט טאָן? אַרײַנגעבן מיך, ווידער, אין אַ גימנאַזיע — איז אויך געווען אוממעגלעך, מחמת איך בין שוין געווען אַריבער די יאָרן און מע וואָלט מיך [illegible] ניט צוגענומען — איז פֿאַר מיר געבליבן בלויז איין זאַך: אַוועקפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד שטודירן. אָבער אויף אַזאַ פּלי האָב איך געהאַט צו קורצע פֿליגלען: כ'האָב קיין געלט ניט געהאַט און ניט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט. בין איך דעריבער אָפּגעזעסן פֿאַרדאַגהט אַ גאַנצן ווינטער אין אָדעס און באַזוכט פֿון צײַט צו צײַט מײַנע גוטע פֿרײַנד און באַקאַנטע, און געוואַרט אויף בעסערע צײַטן.

צווישן די, וואָס זײַנען געקומען קיין אָדעס מאַכן מסחר און געוואָרן גרויסע גבֿירים, זײַנען אויך געווען די קאַראַאימער. מיר האָט זיך זייער געגלוסט צו באַקענען זיך מיט דערדאָזיקער סעקטע און מיט איר'ע ספֿרים, צו דערגיין, פֿון וואַנען זיי שטאַמען און מיט וואָס שיידן זיי זיך אונטער פֿון די תּלמודישע ייִדן. איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו זייער „חכם" אַבֿרהם בּוים, זייער אַלטיטשער און קלוגער מאַן, און האָב אים געבעטן אַנטלײַען מיר איניקע ספֿרים, וואָס אויף זיי שטיצט זיך דער קאַראַאימישער

דת, ווײַל אַלע זייערע ספֿרים זײַנען דעמאָלט געווען בלויז אין כּתבֿ־יד און האָבן זיך געפֿונען בלויז בײַ זיי.

דער „חכם" האָט תּיכּף געשיקט צו מיר זײַן זון און מיך אײַנגעלאַדן צו אים.

אַן אויסטערליש בילד, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט ניט געזען, האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מײַנע אויגן, אַרײַנקומענדיק צום „חכם" אין הויז אַרײַן: אין אַלע צימערן, אין אַלע ווינקלען, אויף די ווענט און אויף די דילן איז געלעגן דער חותם פֿון מזרח. אויף די לאַנגע נידעריקע בענקלעך זײַנען געווען אויסגעבעט בעטגעוואַנט, מיט טײַערע שטיקערײַען באַדעקט, אויף צום זיצן; דער באַלעבאָס איז אויך געווען אָנגעטאָן אין אָריענטאַלישע קליידער, וואָס איך האָב אַזעלכע ביז אַהער קיינמאָל ניט געזען, בלויז געהערט (איינמאָל נאָר, אין מאָלדאַוויע, זײַענדיק אַ קינד, האָב איך געזען אַ ייִדן אַ י ר ו ש ל מ י אָנגעטאָן אין אַזעלכע קליידער). דאָס אַלץ האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז מיר האָט זיך געדוכט, גלײַך איך בין אַרײַן אין איינעם פֿון די פּאַלאַצן, וואָס איך האָב וועגן דעם געלייענט אין דעם בוך „טויזנט און איין נאַכט".

דער „חכם" האָט מיר געגעבן שלום און אָנגעהויבן רעדן מיט מיר אויף העברעאיש מיט דער ספֿרדישער הבֿרה; איך האָב אים געענטפֿערט מיט דערזעלבער הבֿרה און בשעת מעשה האָב איך געפֿילט, ווי איך וואָלט גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. ער האָט מיר געגעבן די ספֿרים, וואָס איך האָב בײַ אים געבעטן („אורחות צדיקים" און „דוד מרדכי", „החילוק בין הרבנים להקראים", דעם ספֿר „אַפּריון עשׂה", ביידע אין כּתבֿ־יד, און דעם „ספֿר המובֿחר" פֿון אהרן בן יוסף, וועלכער הייסט ר' אהרן הראשון — אויך אין כּתבֿ־יד). פֿאַרן אַוועקגיין האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל באַזוכן שבת אינדערפֿרי זייער שול, וואו ער וועט מאַכן אַ הספּד נאָך זייער פֿאַרשטאָרבענעם חזן ר' יצחק.

קומענדיק אויף מײַן קוואַרטיר, האָב איך שנעל גענומען אַ טינט־און־פֿעדער און אײַנגעשריבן אַ קליינע עלעגיע אויפֿן טויט פֿון דעם חזן און אַוועקגעשיקט עס צום חכם. אין זעלבן טאָג האָב

איך פֿון אים דערהאַלטן אַן אײַנלאַדונג צו קומען מאָרגן אויף דער לוויה. אויף מאָרגן איז מיט גרויס פֿייערלעכקייט פֿאָרגעקומען די לוויה. פֿיר פֿון די חשובֿסטע פֿון דער געמיינדע האָבן געטראָגן דעם אָרון, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ פֿאַרביקגעהאָפֿטן טוך. פֿאַר דעם אָרון איז געגאַנגען דער „חכם", אין צווײ ינגלעך האָבן פֿאַר אים געטראָגן אַן אָפֿענעם תנ"ך, פֿינוואַגען דער „חכם", האָט פֿאָרגעלייענט מיט אַ וויינענדיקן ניגון דעם מזמור אַשרי תמימי דרך, און דער עולם האָט נאָכגעזאָגט פּסוק פֿאַר פּסוק. שבת, אַז איך בין געקומען צו זיי אין שול, האָט מען מיך מכבד געווען מיט אַן עליה, און נאָך קריאת התורה האָט דער חכם איבערגעלייענט פֿאַרן עולם מײַן עלעגיע־ליד, וואָס האָט זייער אויסגענומען, און אַלע האָבן מיר געדאַנקט. בעת איך בין אין יאָר תרכ"ג געווען אין אָדעס, האָט מיר דער חכם ר' שלמה, דעם פֿריערדיקן חכמס אַ זון, באַוויזן דעם שול־פּינקס, וואו מײַן ליד איז פֿאַרשריבן געוואָרן לדורות.

פֿון דעמאָלט אָן, בין איך געוואָרן אַן אָפֿטער אַרײַנגייער בײַם „חכם" און מיט גרויס התמדה שטודירט אַלע אַנטיקן פֿון זיין ביבליאָטעק. דאָס האָט מיר שפּעטער געגעבן דעם שטויס צו מאַכן אַ ווערק וועגן די קאַראַאימען.

איינמאָל, זיצנדיק אַזוי בײַם חכם, קומט אָן אַ בריוו פֿון קאָנסטאַנטינאָפּאָלער חכם, מיט אַ שאלה וועגן אַ יידן, וואָס האָט אָנגענומען קאַראַאימענטום, האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאַראַאימערין און איצט איז ער צוריק געוואָרן אַ ייד און וויל גטן זיין פֿרוי— ווי זאָל דער חכם אים גטן, צו לויט דעם יידישן דת, אָדער לויט דעם קאַראַאימישן? דער חכם האָט זיך געווענדעט צו מיר, איך זאָל זאָגן מײַן מיינונג וועגן דעם. האָב איך אים געגעבן צו ערקלערן על־פּי דין, אַז דער ייד דאַרף געגט ווערן לויט דעם קאַראַאימישן דת, ווײַל ער האָט דאָך די קאַראַאימערין אויך מקדש געווען לויט דעם קאַראַאימישן דת; דען על־פּי דעם תלמוד זיינען דײַנע קידושין קיין קידושין ניט און ס'איז אַלץ איינס, ווי ער וואָלט געלעבט מיט אַן אומגעזעצלעכער פֿרוי. און אויב זי וואָלט איצט אָנגענומען יידנטום, וואָלט זי באַדאַרפֿט האָבן אַנדערע קידושין.

דער חכם האָט מיט מיר מסכּים געווען און האָט אַוועקגעשריבן מיין מיינונג צו דעם אָנפֿרעגער.

זיין זון דוד, וואָס האָט זייער געגלוסט מיך צו מאַכן פֿאַר אַ קאַראַאים און משדך זיין מיך פֿאַר זיין שוועסטער, האָבן מיינע ווערטער וועגן דעם שטאַרקן חילוק צווישן דעם קאַראַאימישן און יידישן דת, געשטאָכן ווי מיט נאָדלען. באַגלייטנדיק מיך דערנאָך אַהיים, האָט ער מיט מיר פֿאַרפֿירט אַ שמועס, פֿאַרוואָס איך האָב אַזוי אָנגעגריפֿן אַ מענטשן, וואָס האָט אָנגענומען די קאַראַאימישע אמונה. „מיר האָבן דאָך, זאָגט ער, איין גאָט און איין תורה און דאַוונען אויף איין שפּראַך, אויף לשון־קודש — בלויז אין קלייניקייטן שיידן מיר זיך אונטער. פֿאָלגט מיך און ווערט אויך פֿון די אונזעריקע, וועט איך זיין וואויל. איך ווייס דאָך אייער שלעכטע לאַגע, און קיין אויסזיכט אויף שפּעטער האָט איר אויך ניט, ווייל איר האָט ניט קיין פּאַסיקע באַשעפֿטיקונג. אין אייערע גלויבנסברידער קערן זיך דאָס רוב אום מיטן רוקן צו אַ מענטשן, וואָס זוכט בילדונג און וויסן — טאָ ווי וועט איר זיך איינאָרדענען? איר זייט דאָך נאָך אַ יונגערמאַן און אייך שטייט פֿאַר אַ שרעקלעכע צוקונפֿט. אויב איר וועט זיך איצט ניט באַטראַכטן, וועט איר שפּעטער שטאַרק חרטה האָבן. פֿאָלגט מיין ריכטיקע עצה, איך בין אייך אַ גוטער פֿריינד און ליב אייך מיטן גאַנצן האַרצן. איך בין זיכער, אַז צווישן אונז וועט איר לעבן רואיק, איר וועט נעמען שטייגן און וועט ווערן אַ חכם אין אַ גרויסער קהילה. איך בין אויך זיכער, אַז מיין פֿאָטער וועט אייך געבן טויזנט רובל נדן פֿאַר זיין טאָכטער. מיין שוועסטער איז זייער אַ שיינע און זי וועט אייך געווים געפֿעלן. וואונדערט זיך ניט, וואָס איר האָט זי ביז איצט ניט געזען: איר ווייסט דאָך, אַז מיר לעבן לויט דעם אָריענטאַלישן שטייגער: די פֿרויען זיצן ביי אונז אין אַ באַזונדער צימער און קיין אויג פֿון קיין פֿרעמדן מאַנסביל מאָר זיי ניט אָנקוקן. ס׳וועט אָבער קומען אַ טאָג, איר וועט זען מיין שוועסטער, נאַטירלעך אויב איר וועט וועלן, און איך בין זיכער, אַז זי וועט אייך געפֿעלן. אַלזאָ, פֿאָלגט מיך, וועט אייך זיין גוט...

אַזוי האָט ער מיט מיר גערעדט, ביז מיר זיינען אַריין צו מיר אין צימער; דאָרטן האָב איך אים באַוויזן די ספרים פון די גרויסע קאַראַאימישע חכמים, וואו זיי אָנערקענען בפירוש דעם תלמוד, אייניקע פון זיי פאַרפליכטן זאָגאַר די קאַראַאימער צו לערנען משנה און תלמוד. „היינט — זאָג איך — אַז אייערע חכמים האָבן זיך ניט געקענט אָפּזאָגן פון תלמוד, אַ פשיטא שוין איך, וואָס גאָט האָט מיך באַגליקט צו זיין פון די אמתע בעלי-קבלה — זאָל איך אָוועקוואַרפן די תורה צוליב געלט? די תורה, אויף וועלכער עס שטייט די גאַנצע יידישקייט און פון וועלכער די קאַראַאימער גופא ציען זייער יניקה, און אָן איר זיינען זיי גאָרנישט? מיין לאַגע איז טאַקע ניט קיין גוטע, איך בין זייער באַאומרואיקט פון מיין געגנוואַרט און צוקונפט, אָבער דערפאַר זאָל איך אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך? איב שוין אויסקלייבן אַזעלכע וועגן, איז שוין בעסער אויס-קלייבן די וועלט, וואו ס'איז דורכאויס גוט, וואו ס'איז פאַרהאַן אַסך כבוד און וואו מיר שטייט פאָר אַ גרויסע צוקונפט, עס וועלן זיך עפענען פאַר מיר די טויערן פון וויסן און איך וועל קענען שטייגן און שטייגן. ניין, אַזוינס וועל איך ניט טאָן! איך וועל בעסער גיין מיטן גלייכן וועג, מיטן גלויבן מאַך איך ניט קיין געשעפט. איך פאַרלאָז מיך אויף גאָט, אַז ער וועט מיך שוין פירן אויף דעם ריכטיקן וועג און וועט מיך ברענגען צום ציל, וועלכן ער וועט אויסדערוויילן.

דוד האָט זיך מיט מיר זייער ליבלעך צעזעגנט, האָט אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט. פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שוין מער וועגן דעם ניט גערעדט.

כו.

דער „תעודה בישראל“ און „התורה והחיים“. — ער שלינגט דעם „תעודה“. — זיין טרוים צו זען זיך מיט ריב״לן. — די כאָלערע אין אָדעס. — ער אנטלויפט פון אָדעס קיין קעשעניעוו. — דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב פון די יידן אין בעסאַראַביע. — חסידישע רביים דערשמעקן א פעטן ביין און פארפלייצן בעסאַראַביע. — זיין קרוב יונה־הירש. — ער האָט ניט פאר וואָס צו נעמען זיך.

אין יאָר תקפ״ט, זייענדיק אין אָדעס, זיינען צו מיר אין האַנט אַריינגעפאַלן צוויי ספרים, וואָס זיינען ערשינען אין איין יאָר, אין תקפ״ח (1828). דער ערשטער ספר איז געווען „התורה והפילוסופיה“ פון ר׳ יצחק־שמואל רעדזשיאָ אויס גאָריציע (איטאַליע), געדרוקט אין ווין, און דער צווייטער ספר איז געווען „תעודה בישראל“ פון ר׳ יצחק־בער לעווינזאָן אויס קרעמעניץ, געדרוקט אין ווילנע. די דאָזיקע צוויי מחברים זיינען כמעט איינס געווען אין זאַך, דאָך האָט מיך דער צווייטער ספר מערער פאַראינטערעסירט און איך האָב אים געלייענט מיט גרויס התמדה, ווייל זיין מחבר איז געווען מיינער אַ לאַנדסמאַן, און די טעמע פון דעם ספר איז געווען — דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד, וואָס איז איך מיין געבורטסלאַנד, מיט וועלכן איך בין אַזוי פאַרקניפט און פאַרבונדן. דער מחבר, האָב איך געזען, שטרעבט צו דערזעלבער אידעע, מיט וועלכער איך האָב זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגן, און דעריבער האָב איך דעם ספר ממש געשלונגען, דיינע ווערטער זיינען אַריין אין מיינע ביינער אַזוי ווי אַ בוימל. פון דעמאָלט אָן האָב איך ליב געקראָגן דעם מחבר און האָב געלוסט צו באַקענען זיך מיט אים, דורכצושמועסן זיך, דערציילן אים אַלץ, וואָס ביי מיר אין האַרצן איז טיף פאַרבאָרגן און איבערצייגן זיך, צי דענק איך לאָגיש אָדער איך בלאָנדזשע. אָבער קעגן מיין פאַרלאַנג, האָט נאָך געדויערט אַ צייט, אידער איך

האָב באַקומען די מעגלעכקייט צו קומען צו דעם אָרט, וואוהין איך האָב געשטרעבט מיט מיין גאַנצן וועזן.

נאָך מיט צוויי יאָר צוריק האָבן זיך גענומען טראָגן קלאַנגען, אַז אַ שרעקלעכע מגפה דערנעענטערט זיך צו אונז פון מזרח־אינדיע, — די כאָלערע — וואָס קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס דאָס איז אַזינס און קיין דאָקטאָר האָט צו איר קיין תרופה ניט געקענט געפינען. דער וואָס איז אַריינגעפאַלן אין איר נעץ, איז שוין קיין לעבעדיקער ניט אַרויס. בעת די דאָזיקע מחלה האָט זיך אין יאָר תק״צ באַוויזן אין אָדעס און איר אומגעגנט און האָט גענומען שניידן אויף רעכטס און לינקס, האָבן זיך אַלע איינגעהילט אין פיין און מורא, אין פחד און האָפענונגסלאָזיקייט. מע איז אַרומ־אַרומגעגאַנגען חושך ווי די ערד און קיינער האָט ניט געגלויבט אין זיין לעבן. פון דעמאָלט אָן איז מיר אויסגעקומען צו איבערלעבן די דאָזיקע עפּידעמיע ניט איינמאָל, דערהייפּט אין יאָר תר״ח (1848), בעת איך בין געווען אין באַרדיטשעוו; דאָרט זיינען געפאַלן פון דער כאָלערע אָן אַ שיעור מענטשן, ס׳איז געווען שוידערלעך, דאָך איז עס קיין דמיון ניט צו דער בהלה, וואָס די באַפעלקערונג האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן מאָל, אײדער זי האָט זיך צוגעוויינט צו קוקן דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין. קיין פעדער און קיין שפּראַך זיינען עס גאָרניט אימשטאַנד צו שילדערן. איך וועל דעריבער זיך גאָר ניט פּרווון איבערגעבן פאַר די לעזער פון מיינע זכרונות דאָס אַלץ, וואָס מיינע אויגן האָבן געזען און מיינע אויערן האָבן געהערט. איינס וויל איך נאָר זאָגן, אַז איך בין מיד געוואָרן צו זיצן אין אָדעס אין שרעק און פחד און בין פון דאָרטן אַוועק קיין קעשעניעוו.

די שטאָט קעשעניעוו איז דעמאָלט ניט געווען דיזעלבע וואָס איצט; זי האָט זיך שטאַרק געענדערט, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאָלדאַוויש־וואַלאַכישע פיזיאָנאָמיע און האָט זיך דערנעענטערט מערער צו דער אייראָפּעאישער השכלה. דער, וואָס האָט זי דעמאָלט געזען, וועט זי איצט ניט דערקענען און וועט גאָרניט גלויבן, אַז דאָס איז די זעלביקע. בעסאַראַביע, וואָס געפינט זיך אויף דער גרעניץ פון מאָלדאַוויע־וואַלאַכיע (איצט רומעניע) און וואָס

האָט דעמאָלט געהערט צו טערקיי, האָט זיך ניט אונטערשיידט — ניט אין דער שפּראַך, ניט אין זייערע מלבושים — פֿון די וואָלאַכן. אַזוי ווי די איבעריקע באַפֿעלקערונג, אַזוי זיינען אויך די יידן ווייט געווען פֿון דער אייראָפּעאישער קולטור, און זייער שטייגער לעבן האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פֿון דעם אַרט לעבן פֿון זייערע ברידער אין רוסלאַנד. היות בעסאַראַביע איז זייער אַ פֿעט און פּרוכטבאַר לאַנד, איז זיי די חיונה אָנגעקומען לייכט און זייערע הצטרכות זיינען געווען קליינע. זיי האָבן געהאַט צו עסן און צו טרינקען פֿון דעם טייערסטן פֿלייש און פֿון ווייַן, און האָבן דעריבער ניט געוואַקסט פֿון זאָרג. די חסידישע רביים האָבן פֿינוויטן דערשמעקט דעם גוטן ריח און זיינען אָנגעלאָפֿן אַהין מיט זייערע קאָטשן אַזוי ווי די הייִשעריקן כדי אָפּצולעקן אַ ביינדל און נעמען פּדיון־געלט.

די קעשענעווער יידן, וואָס האָבן געלעבט אין גרויס רחבות, האָבן זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט די רביים און האָבן זיי אַנטפֿאַנגען מיט אָפֿענע אָרעמס. זיי האָבן נאָך ניט געזען אַזעלכע פֿרייליכע צייטן, ווי דעמאָלט, בעת צו זיי פֿלעגט אַראָפּקומען אַ צדיק: די גאַנצע צייט, וואָס ער פֿלעגט דאָרטן פֿאַרברענגען, פֿלעגט מען הוליען און זיך משמח זיין.

קומענדיק קיין קעשענעוו, האָב איך תחילת ניט געהאַט צו וועמען זיך צו ווענדן, ווייל קיינער האָט מיך דאָרטן ניט געקענט; דערנאָך האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַ שוועסטערקינד, ר׳ יונה־הירש, וואָס איז אַמאָל געווען אַ העלפֿער ביי מיין זיידן און איצט איז ער גאַנץ תקיף, פֿירט געשעפֿטן. אָבער וואו געפֿינט מען אים? קעשענעוו איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ סך יידן, און אַז איך זאָל פֿרעגן, וואו וואוינט דאָ יונה־הירש, וועט מען פֿון מיר לאַכן, ווייל ער איז ניט געווען פֿון די באַוואוסטע. כ׳האָב זיך דעריבער אומגעדרייט איבער די גאַסן, ניט וויסנדיק, וואָס צו טאָן. פּלוצלונג האָב איך אָנגעטראָפֿן אַ לאַנדסמאַן פֿון אַלטקאָנסטאַנטין, פֿון מיין פֿאָטערס מקורבים, ר׳ לייב ראָזנפֿעלד. ער האָט זיך שטאַרק פֿאַרוואונדערט, דערזעענדיק מיך, און געפֿרעגט, וואָס איך טו דאָ. האָב איך אים אין קורצן דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט און געפֿרעגט, צי ער ווייס פֿון מיין קרובֿ

יונה=הירש. ער האָט גראָד געוואוסט און מיך אַוועקגעפֿירט צו
אים. יונה=הירש האָט מיך אַנטפֿאַנגען זייער פֿריינדלעך, מיך אַריינ=
גענומען צו זיך אין שטוב, איך זאָל זיין ביי אים, ביז איך וועל
געפֿינען אַ באַשעפֿטיקונג. כ'האָב אָבער אַליין ניט געוואוסט, וואָס
פֿאַר אַ באַשעפֿטיקונג איך זוך, ווייל אויסער תלמוד און פּוסקים,
העברעאיש און אַ ביסל דייטש, וואָס האָט קיין אָפּגאַנג ניט געהאַט
ביי אונז, האָב איך קיין זאַך ניט געקענט.

כז.

אן אמתע מעשה פון דעם סאווראנער רבי.—א בראָדער קאָמיסיאָנער און באַלטער סוחר. — דער קאָמיסיאָנער דארף שיקן דעם באַלטער סוחר א רשימה פון סחורות און שיקט אים אוועק די וועקסלען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויף דעם באַלטער סוחר.— דער באַלטער סוחר לייקנט שטיין און ביין. — דער סאווראנער רבי דערגייט דעם ענין דורך א שפּיצל. — אקסנפעלד באשרייבט עס שפּעטער אין א דערציילונג.

מיט עטלעכע טעג פריער איידער איך בין געקומען קיין קעשעניעוו, איז פון דאָרטן אַוועקגעפאָרן דער באַרימטער רבי, ר׳ משה סאַוראַנער, און די גאַנצע באַפעלקערונג האָט נאָך גערעדט, נאָכגעדערציילט און נאָכגעזאָגט זיינע שבחים און זיינע מופתים ביי אַגלעזל וויין. איך האָב זיך גראָד געטראָפן מיט איינעם, וואָס איז ניט געווען קיין חסיד און האָט קיין שייכות ניט געהאַט צו די מופתים-דערציילער, און ער האָט מיר דערציילט אַ וואונדערלעכע זאַך פון דעמדאָזיקן צדיק, וואָס ער האָט אַליין מיט זיינע אייגן געזען; ניט חלילה קיין ניסים פון מלאכים, בלויז אויסערגעוויינלעכע בריהשקייט און גרויסע פעאיקייט צו אַנטפּלעקן פאַרבאָרגענע זאַכן, וואָס איז ווערט, מע זאָל עס פאַרשרייבן לזכרון.

דאָס איז די געשיכטע:

אין בראָד האָט געוואוינט איינער ר׳ דוד פוינער, אַ קאָמיסיאָנער פון גרויסע רוסישע פירמעס, וועלכע האָבן געפירט געשעפטן מיט בראָד, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע האַנדלס-שטאָט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך פאָרן קיין רוסלאַנד, דערהויפּט קיין באַרדיטשעוו, דעם צענטער פון מסחר, צו שליסן געשעפטן מיט די דאָרטיקע און מיט די אָנגעפאָרענע סוחרים. איינער פון די סוחרים, אַ באַלטער גביר, איז שולדיק געווען ר׳ דודן טויזנט רובל, וועלכע ער האָט ניט געהאַט אין דעם מאָמענט אַוועקצוגעבן,

און ער האָט אים אויסגעשטעלט אויף דעם אַ וועקסל. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ר' דוד באַדאַרפֿט שיקן דעם באַלטער סוחר אַ רשימה פֿון פֿאַרשיידענע סחורות, האָט ער אויפֿגעשריבן די רשימה און אַוועקגעלייגט אין דעם קעסטעלע, וואו עס זיינען געלעגן די קאָרעספּאָנדענץ אין דעם באַלטער סוחרס וועקסלען, וואָרעם אַזוי איז געווען זיין שטייגער צו מאַכן פֿאַר יעדן סוחר אַ באַזונדער קעסטעלע, כדי ער זאָל צו יעדער צייט קענען עס גלייך געפֿינען און ניט דאַרפֿן פּטרן אומזיסטע צייט אויף זוכן. ס'איז געווען אין דעם טאָג, ווען פֿון בראָד האָט באַדאַרפֿט אַרויסגיין די פּאָסט קיין באַלטע, האָט ר' דוד פֿאַרזאָגט דער טאָכטער, וואָס איז געווען אַ גרויסע בריה און פֿלעגט פֿירן דעם פֿאָטערס געשעפֿטן, זי זאָל אַריינלייגן אין אין אַ בריוו די רשימה און אַוועקשיקן עס קיין באַלטע. די טאָכטער האָט אָנגעשריבן דעם בריוו, נאָר אָנשטאָט די רשימה האָט זי פֿון קעסטעלע אַרויסגענומען דעם באַלטער סוחרס וועקסלען אויף די טויזנט רובל, אַריינגעלייגט אין בריוו, פֿאַרזיגלט און אַוועקגעשיקט.

אויף מאָרגן האָט ר' דוד באַדאַרפֿט עפּעס האָבן צו דעם קעסטעלע פֿון באַלטער סוחר, און זוכנדיק, האָט ער געפֿונען די רשימה פֿון די סחורות. ווערט אים זייער קשה, און ער ווענדט זיך צו דער טאָכטער מיט אַ פֿראַגע, פֿאַרוואָס זי האָט ניט אַוועקגעשיקט די רשימה קיין באַלטע. ענטפֿערט די טאָכטער, אַז זי האָט אַוועקגעשיקט. ווייזט איר דער פֿאָטער, אַז די רשימה ליגט גאָר אין קעסטעלע; בקיצור, מע האָט גענומען זוכן און געפֿונען, אַז אָנשטאָט דער רשימה, האָט זי אַוועקגעשיקט דעם וועקסל...

ר' דוד האָט תיכּף אַוועקגעשריבן אַ בריוו מיט דער רשימה, ערקלערנדיק דעם באַלטער ייִדן דער טאָכטערס טעות און געבעטן אים אָפּשיקן דעם וועקסל. אָבער צו זיין גרויס עגמת-נפֿש איז אַוועק אַ שטיק צייט און דער באַלטער האָט גאָרניט געענטפֿערט. אַז ר' דוד האָט אים געשריבן נאָך עטלעכע מאָל, האָט אים יענער געענטפֿערט, אַז ער ווייסט ניט פֿון קיין פּותר און פֿון קיין חלום, אַז ער האָט ביי אים גאָר קיינמאָל קיין וועקסל ניט גענומען.

ר׳ דוד האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ צרה, און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

ויהי היום, איז ר׳ דוד געפֿאָרן, ווי זיין שטייגער איז, קיין באַר־דיטשעוו וועגן מסחר־ענינים. גראָד איז דעמאָלט אַהין געקומען דער סאַוראַנער צדיק; איז זיך מיישב ר׳ דוד: לאָמיך גאָר פּרוּוון אַריינגיין צו אים און דערציילן אים די מעשׂה. הגם ר׳ דוד אַליין איז קיין חסיד ניט געווען און האָט ניט געגלייבט אין די רביישע מופֿתים, האָט ער אָבער געוואוסט, אַז דער רבי איז זייער אַ קלוגער — און אפֿשר וועט עפּעס דערפֿון אַרויסקומען.

גערעדט און געטאָן.

אַז דער סאַוראַנער רבי האָט אויסגעהערט ר׳ דודן, האָט ער צו אים אַזוי געזאָגט: קענסט דאָ זיצן אָדער אַוועקפֿאָרן וואו דו דאַרפֿסט, נאָר אין דריי וואָכן אַרום זאָלסטו קומען קיין באַלטע, ווייל איך וועל דעמאָלט דאָרטן אויך זיין, און איך האָף, אַז מיר וועט זיך איינגעבן צו געפֿינען אַ תּרופֿה צו דיין אומגליק.

עס זיינען אַריבער די דריי וואָכן, ר׳ דוד איז געקומען קיין באַלטע צום צדיק און מיט אַ פּאַרטייעטער האָפֿענונג געוואַרט, דער צדיק זאָל אים עפּעס מגלה זיין וועגן זיין ענין. דער רבי האָט אָבער קיין זאַך ניט דערציילט, הגם ער האָט שוין געמאַכט אַן אויספֿאָרשונג און האָט שוין אַלץ געוואוסט. ער האָט אים נאָר געזאָגט: „לאַר אים איין, דעם באַלטער, אויף אַ דין־תּורה, און אַז איר וועט פֿאַר מיר ביידע קומען מיט אייערע טענות, זאָלסטו קיין זאַך ניט פֿאַרלייקענען. איך וועל הערן, וואָס ער וועט דיר ענטפֿערן, און דעמאָלט וועל איך אַרויסטראָגן מיין פּסק.

זיי זיינען ביידע געקומען צו דער דין־תּורה. ר׳ דוד האָט בפֿירוש געטענהט, אַז ער האָט געהאַט אויף דעם באַלטער סוחר אַ וועקסל אויף טויזנט רובל, און דער באַלטער סוחר האָט געטענהט: ס׳איז נישט געשטויגן און ניט געפֿלויגן, לא דובים ולא יער! דער צדיק האָט ביידן אויסגעהערט און געהייסן ביידן אויף אייניקע מינוט אַרויסגיין. אַז זיי זיינען אַרויס, האָט דער צדיק זיך גע־ווענדט צו דעם גרויסן עולם אויפֿן קול, „אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן אַרויסצוגיין פֿון דאַנען ביז דער משפּט וועט זיך ענדיקן.

דעם טעם דערפֿון וועל איך אייך שפּעטער זאָגן. איר זאָלט פֿאָלגן, וואָס איך זאָג אייך". האָבן אַלע געענטפֿערט פּה אחד: „מיר וועלן ניט אַרויסגיין!"

עס זיינען אַריבער נאָך עטלעכע מינוט און די בעלי־טענות זיינען צוריק אַריין אין צימער. זאָגט דער צדיק צו דעם באַלטער יידן:

— גיב אָפּ די טויזנט רובל, אַזוי היים איך!

ענטפֿערט דער נתבֿע מיט כּעס:

— וואָס פֿאָדערט איר פֿון מיר? דאָס, וואָס איך בין ניט שול־דיק, זאָל איך באַצאָלן? טויזנט רובל איז ביי אייך דען אַ קלייני־קייט? איר ווילט, איך זאָל זיך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט, לייטן זאָלן זאָגן, ס'איז טאַקע אַן אמת, דער מענטש האָט אויף מיר געהאַט אַ וועקסל און איך האָב געלייקנט — און דורכדעם זאָל מען מיך האַלטן פֿאַר אַ שווינדלער און אַ רמאי? ניין, אַזעלכע זאַכן טו איך ניט. ווי גאָט וועט געבן, אַזוי וועט זיין.

— ווילסטו, הייסט דאָס, זאָגט דער צדיק, אַ מופֿת? אָט האָסטו אים: פֿרייטאָג־צו נאַכטס האָסטו אָן די ליכט, וואָס דיין ווייב האָט געבענטשט לכּבֿוד שבת, פֿאַרברענט דעם וועקסל, וואָס איז דיר אָנגעקומען צוזאַמען מיטן בריוו.

דערהערט אַזעלכע ווערטער, האָט זיך דעם יידנס פּנים גענומען ביטן אין אַלערליי קאָלירן; ער האָט גלייך געחלשט און אַני־דערגעפֿאַלן אויף דער ערד.

דער גאַנצער עולם איז געבליבן פֿאַרגאַפֿט און געוואַרט, וואָס וועט דאָ זיין דער סוף. דער צדיק האָט גענומען שרייען: וואַ־סער! וואַסער! מע האָט געבראַכט קאַלט וואַסער און אַרויפֿגעגאָסן אויפֿן געחלשטן, און ער איז געקומען צו זיך. מע האָט אים אַנידער־געשטעלט און דער צדיק האָט צו אים געזאָגט: זעסט, איך האָב דיר באַוויזן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, וואָס משפּט פֿאַר אַלץ, וואָס וועט ניט לאָזן פֿאַלן דעם גערעכטן און וועט ניט לאָזן דעם רשע אויסקוילען דעם צווייטנס פֿאַרמעגן. איצט זאָג אָן דיין ווייב, זי זאָל אָפּשיקן אַהער די טויזנט רובל, און דו וועסט עס אָפּגעבן

דעם, ביי וועמען דו האָסט געגזלט. דערפֿאַר וועל איך בעטן גאָט, ער זאָל דיך מוחל זיין.

דער באַלטער סוחר האָט געשיקט נאָך דעם געלט און אָפּגעגעבן עס ר׳ דוד פּייזנער.

דעמאָלט האָט זיך דער צדיק געווענדט צו דעם עולם מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער: איך האָב אייך געהייסן, איר זאָלט פֿון דאַנען ניט אַרויס ביז נאָכן משפּט — איר ווייסט, פֿאַרוואָס? ווייל איך האָב געוואוסט, אַז בעת יעדער פֿון אייך וועט אַוועקגיין פֿון דאַנען צו זיך אַהיים, וועט איר האָבן צו דערציילן ניסים ונפֿלאות און איר וועט זיך טראַכטן: אַנדערש ניט, דער איבערשטער האָט מגלה געווען דעם רבין דעם סוד דורך אַ מלאך; וואָרעם אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס מיר האָבן דאָ געזען, איז קיין בשר־ודם ניט ביכולת צו מאַכן. און אַזוי ווי איר האָט דעמדאָזיקן מלאך געוויס קיינמאָל ניט געזען, האָב איך דעריבער פֿאַרהאַלטן, כּדי צו באַווייזן אייך דעם מלאך, קוקט!

אַ געדודער איז דורכגעלאָפֿן דורך דעם עולם: אַ מלאך וועט מען זיי באַלד באַווייזן! און תּוך כּדי דיבור האָט דער צדיק אויפֿגעפֿנט דעם דערבייאיקן צימער און האָט אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרטן אַ קליין יינגל פֿון אַ יאָר 13, וועלכן ער האָט פֿאָרגעשטעלט פֿאַרן עולם און האָט געזאָגט: זעט, אָט דאָס איז דער שרעקלעכער מלאך, וואָס האָט מיר אַנטפּלעקט דעם סוד...

דער באַלטער ייִד איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער, ווייל דאָס יינגל איז געווען זיינס אַ שוועסטערנזון, אַ יתום, וואָס האָט זיך ביי אים אויפֿגעהאַלטן. אַלע אַנוועזנדיקע זיינען געבליבן געפּלעפֿט און האָבן זיך איבערגעקוקט פֿאַרחידושט, אָן ווערטער.

דער צדיק האָט זיך דעמאָלט געווענדט צו דעם באַלטער יידן, ער זאָל ניט אָנרירן דאָס יינגל און זאָל אים קיין זאַך ניט טאָן, ווייל ער איז געשיקט געוואָרן פֿון גאָט, צו פֿאַרהיטן אים פֿון גזלה. „האָדעווע דאָס יינגל, ווי אַ געטרייער פֿאָטער, און גאָט וועט דיר דערפֿאַר מוחל זיין און וועט דיר שיקן זיין ברכה אין אַלע דיינע געשעפֿטן“.

און איר, געערטע לעזער, ווילט דאָך מסתמא וויסן, ווי אַזוי האָט זיך דער רבי דערוואוסט פֿון דעם יינגל און ווי אַזוי האָט ער אים מגלה געווען דעם סוד — טאָ הערט, וועל איך אייך דערציילן.

אַז דער צדיק איז געקומען קיין באַלטע, האָט ער זיך אָנגעהויבן נאָכפֿרעגן וועגן דעם באַלטער סוחר ביי יעדן מענטשן, וואָס פֿלעגט קומען צו אים אָדער בענטשן זיך אָדער מכּוח זיינע געשעפֿטן; ער פֿלעגט קיינעם ניט אָפּלאָזן, ביז ער פֿלעגט ניט חוקר ודורש זיין ווי עס געהער צו זיין וועגן דעם באַלטערס טועכץ, ווי פֿירט ער זיך אַנטקעגן גאָט און לייט. כּמעט אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז ער איז אַן אָרנטלעכער סוחר, פֿירט זיך אויף ווי אַן ערלעכער ייד און איז קיין שום עוולה ניט באַגאַנגען. דער צדיק האָט זיך שוין געוועזט מיאש געווען פֿון דער גאַנצער מעשׂה, ווען ניט אַ דרדקי־מלמד, וואָס איז געקומען אים בעטן, ער זאָל פֿאַר אים מתפּלל זיין און פֿון וועלכן ער איז דערגאַנגען דעם גאַנצן אמת. הווית זיין שטייגער איז געווען נאָכצופֿרעגן זיך ביי יעדן וועגן דעם באַלטער סוחר, האָט ער דאָס זעלבע אויך געטאָן מיט דעם מלמד, און גראָד האָט דער מלמד געענטפֿערט, אַז ער קען אים, ווייל ביי אים, ביים מלמד, לערנט זיינער אַ שוועסטערנזון, אַ 13־יאָריקער יתום. „אַזוי — זאָגט דער מלמד — ווייזט ער אויס צו זיין אַן ערלעכער ייד, נאָר איינמאָל האָט ער געהערט, ווי דער יתום האָט געזאָגט צו זיינעם אַ חבֿר, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי זיין פֿעטער האָט מחלל שבת געווען. איך אָבער ווייס דאָך, אַז עס קען ניט זיין, ער האָט עפּעס געזען און ווייס ניט וואָס ער האָט געזען, האָב איך אויף אים אָנגעשריען און ער האָט עס מער ניט דערציילט“.

דעם צדיק זיינען דידאָזיקע ווערטער אַריין אין האַרצן, ווי אַ קייל, וואָס פֿליט גלייך צום ציל־ברעט, און ער האָט געהייסן דעם מלמד ברענגען צו אים דאָס יינגל און דערווילע קיינעם גאָרנישט ניט דערציילן.

דער מלמד האָט גלייך געבראַכט דעם יינגל צום רבין און פֿאַרשלאָסן הינטער אים די טיר. דער רבי האָט אים געזאָגט, ער

זאָל קיין מורא ניט האָבן און זאָל אים זאָגן, ווער איז זיין פֿעטער, צי איז ער אַ פֿרומער ייִד? צי טוט ער ניט קיין עבֿירות? „דיין רבי, זאָגט ער, האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט געזען דיין פֿעטער מחלל־שבת זיין. דערצייל־זשע מיר, ווי איז עס געשען?“

מיט גרויס פּחד האָט דאָס ייִנגל דערציילט, אַז די גאַנצע צייט, וואָס ער קען אים, איז ער אַ פֿרומער ייִד, „נאָר איינמאָל פֿרייטאָג־צונאַכטס, בעת איך בין מיט אים געקומען פֿון קלויז, אָפּגעזאָגט „שלום־עליכם“ און דער פֿעטער האָט אָנגעגאָסן דעם כּוס אויף קידוש — האָט זיך געעפֿנט די טיר און דער בריווטרעגער האָט געבראַכט אַ פֿאַרזיגלטן בריוו. דער פֿעטער האָט מיך געבעטן אויפֿרייסן דעם בריוו, האָט אים געעפֿנט און האָט פֿון דאָרטן אַרויסגענומען, אויסער בריוו, נאָך עפּעס אַ פּאַפּירל. דערזעענדיק דאָס „פּאַפּיר“, האָט דער פֿעטער כּמעט געגעבן אַ שפּרונג. די שטוביקע, זעענדיק, אַז דער פֿעטער וועט ניט מאַכן קיין קידוש, ביז ער וועט ניט ענדיקן לייענען דעם בריוו, זיינען זיך צעגאַנגען אין די חדרים, בלויז איך אַליין בין געבליבן פֿאַרשטעקט אין די פֿילע בגדים, וואָס זיינען געהאַנגען אויף דער וואַנט, הינטערן טיש, און מע האָט מיך ניט באַמערקט. געזען, אַז קיינער איז ניטאָ אין צימער, האָט ער אויף גיך גענומען דאָס פּאַפּירל און האָט אים אָנגעצונדן אָן די שבת־ליכט. אַ צעציטערטער בין איך געוואָרן פֿון שרעק, עס האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון און איך בין געשטאַנען און געשוויגן.

— גיי אַהיים — האָט דער צדיק געזאָגט צום ייִנגעלע, האָב קיין מורא ניט, מע וועט דיר גאָרנישט ניט טאָן, און אינגיכן וועל איך דיך דאָ זען.

דאָס ייִנגעלע איז אַוועקגעגאַנגען, און דער רבי האָט גענוי אויסגערעכנט, אַז דער בריוו, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון בראָד, איז פּונקט אין דעם פֿרייטאָג־צו נאַכטס אָנגעקומען קיין באַלטע, און דאָס פֿאַרברענטע „פּאַפּיר“ איז געווען דער וועקסל.

דידאָזיקע געשיכטע, וואָס איך האָב געהערט פֿון אַ באַגלויבטן מענטשן, האָט אין צוואַנציק יאָר אַרום באַשריבן אויף ייִדיש־דייטש

(זשאַרגאָן) דער באַגאַבטער שריפטשטעלער ר׳ ישראל אַקסנפעלד, און האָט די דערציילונג אַ נאָמען געגעבן „דער מופת״. האָרט איז אָבער דער סוזשעט אַביסל געענדערט לויט דעם גייסט פון דער דערציילונג. די שינויים געדענק איך שוין אפילו ניט, אָבער די אמתע מעשה, ווי זי האָט פּאַסירט, האָב איך דאָ איבערגעגעבן, עס זאָל בלייבן לזכרון.

כח.

גאָטלאָבער קריגט ניט קיין באשעפטיקונג אין קעשעניעוו און וואנדערט איבער קיין דובאָסאר.—קריגט א קאָנדיציע און שטודירט דייטש.—ער נעמט זיך צו באַארבעטן אויף אן אָריגינעלן שטייגער שילערס „רויבער".— ער פארלאָזט דובאָסאר און גייט אָפּגעטן זיין צווייטע פרוי.—ער טראכט ווידער וועגן דייטשלאנד.—קרעמעניעץ.—ריב"ל.—זיין לעבן.—זיין ווירקונג.—זיין באקאנטשאפט מיט די דעמאָלטיקע משכילים.—זיין טעטיקייט פאר דער השכלה.— אין וואָס פאר א צייט דער „תעודה" איז ערשינען.— די גוטע כוונות פון דער רעגירונג.— א פראָקלאמאציע קעגן די רביים, וואָס פארפירן דאָס פאָלק.— די אומגעהייערע השפעה פון דעם „תעודה".—ריב"לס ווענדונג צו דער רעגירונג, זי זאָל עפענען שולן פאר יידן.— די רעגירונג גרינדעט שולן און יידן ווילן ניט שיקן אהין זייערע קינדער.

אין קעשעניעוו האָט געוואוינט אַן אָנגעזעענער גביר, וועלכער האָט געהאַלטן אין אַרענדע דעם בראַנפֿן-מאָנאָפּאָל, ר' הירש קאַראַסיק; דערדאָזיקער קאַראַסיק האָט געשטאַמט פֿון ליטע און ווי דאָס רוב ליטווישע יידן, איז ער געווען אַ משכיל און בעל-תורה, און דערצו מיט פֿיינע מידות. קומענדיק קיין קעשעניעוו, האָב איך זיך געווענדט צו אים, ער זאָל מיר עפּעס געבן אַרבעט. ער האָט מיך טאַקע שטאַרק מקרב געווען, אָבער אַרבעט האָט ער מיר ניט געקענט געבן, ווייל צוליב דעם מאַנגל אין די נייטיקע קענטענישן, האָב איך קיין שטעלע ניט געקאָנט פֿאַרטרעטן, אויסער לערעריי, וואָס איז בכלל דער מין אין קעשעניעוו ניט געווען. זיצנדיק אויף אַלעם פֿאַרטיקן ביי מיין קרוב און זעענדיק, אַז עס איז קיין תכלית ניט, ווייל קיין באַשעפֿטיקונג וועל איך סיי-ווי ניט קריגן, האָב איך אַראָפּגענומען די זילבערנע קרוין פֿון מיין טלית און האָב זי פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ היפּשן פּרייז, כדי איך זאָל האָבן אויף הוצאות הדרך קיין דובאָסאַר, אויף דער וצווייטער

זייט דניעסטער, וואוהין מיינע פֿריינד און באַקאַנטע האָבן מיר געראַטן צו פֿאָרן. דעמאָלט איז אויף מיר מקוים געוואָרן דער פּסוק (יחזקאל כ״א ל״א): ער האָט אָפּגעטאָן די מיץ און האָט אַראָפּגענומען די קרוין.

דעם לעצטן טאָג פּסח, מוצאי-יום-טוב, 25 מערץ, בין איך אַרויס פֿון קעשעניעוו און געלאָזט זיך וואַנדערן ווייטער, ניט וויסנדיק, צוליב וואָס און נאָך וואָס.

אינאָוונט דעמזעלבן טאָג האָב איך איבערגענעכטיקט אין קליינעם שטעטל קריווליאַן, בײַם ברעג דניעסטער, און אויף מאָרגן פֿאַרנאַכט בין איך געקומען קיין דובאָסאַר, וואו עס האָבן געהערשט די בערשעדער חסידים. אין אַ קורצער צײַט אַרום בין איך אָנגעקומען אויף אַ קאָנדיציע צו דעם גביר ר׳ יצחק-אייזיק גאָלדענשטיין, אַ ייד אַ חסיד, אָבער ניט קיין פֿאַנאַטיקער. איך האָב מיט זיינע צוויי זין געדאַרפֿט לערנען גמרא.

פֿאַר דעם זומער צײַט, וואָס איך בין דאָ געזעסן, האָב איך פֿלײַסיק געלערנט. דײַטש, העברעיִש שילערן. איבערגעלייענט זיין בוך „די רויבער", האָב איך אָנגעהויבן שפּירן אַ שנאה צו פֿראַנץ מאָר. איך האָב גענומען באַאַרבעטן זיין חלום אויף העבעריאיש אין ביבלישער פֿאָרם. די דאָזיקע איבערזעצונג איז נאָך געווען אַ יינגלשע אַרבעט, דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען מיינע פֿעאיקייטן האָבן זיך ערשט גענומען אַנטוויקלען.

די ערשטע צײַט, וואָס איך בין געקומען אין דובאָסאַר, האָבן די חסידים, געוואָר ווערנדיק, ווער עס זון איך בין, מיך שטאַרק מקרב געווען, ווייל זיי האָבן געהערט פֿון דער גוט-פֿריינדשאַפֿט צווישן זייער רבין ר׳ רפֿאלן און מיין פֿאָטער. נאָר צום סוף האָבן זיי דערשמעקט, אַז איך גיי אין אַן אַנדער ־דרך און האָבן זיך פֿון מיר אָפּגעטרייסלט, אַזוי אַז אין אַ קורצער צײַט אַרום (זיבן טעג אין אלול) האָב איך געמוזט פֿאַרלאָזן דובאָסאַר. איך האָב געוואָרפֿן מיין אַרבעט, וואָס איז מיר נמאס געוואָרן, און בין אַוועק אָפּגעטן מיין פֿרוי, מיט וועלכער איך האָב זיך ניט געקענט איבערלעבן (ווי איך האָב פֿריער געשריבן), ווייל איך האָב געהאַט בדעה אַוועקפֿאָרן קיין דײַטשלאַנד און דערשלאָגן זיך דאָרטן

צו אַ געווייסער בילדונג, כּדי איך זאָל האָבן פּנוואַנגע צו לעבן. דעמאָלט האָב איך שוין געקענט גוט דייטש, און מיט דער הילף פֿון דער דייטשער שפּראַך האָב איך גערעכנט צו קריגן אַ באַשעפטיקונג. ווייל ביי אונז, אין רוסלאַנד, זיינען די וועגן פֿון בילדונג כמעט געווען פֿאַרמאַכט פֿאַר יידן.

בעת די משכּילים פֿון אָדעס האָבן זיך געפּלייסט מיט רעש און שטורעם צו קומען צו הילף דער בילדונג און דעם וויסן אין אונזער לאַנד, צו פֿאַרפֿעסטיקן זי און פֿאַרפֿונדעווען און באַלייכטן די פֿינסטערניש פֿון אונזער פֿאָלק אין רוסלאַנד, און ס'איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה אין זייער מחנה, ווי דאָס ברומען פֿון די כוואַליעס פֿון ים אין אַ שטורעמדיקן טאָג, און עס האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ ביטערער קאַמף צווישן די רעכטע און די לינקע, האָט אינדערשטיל אָנגעהויבן פֿליסן אַ פֿרישער שטראָם פֿון אַ קליינעם קוואַל אַרויס אין אַ פֿאַרוואָרפֿענעם קליינעם שטעטל, ווי די וואַסערן פֿון שילוח, וואָס גייען זיך לאַנגזאַם, אָן רעש, און דאָס קלאַפּן פֿון זייערע כוואַליעס שטערן ניט קיינעמס רו, זיי טראָגן היילונג פֿאַר יעדער שווערער קראַנקהייט און יעדן מענטשן, וואָס טרינקט זיי, ברענגען זיי לעבן און אַ רפֿואה צום גוף.

צווישן די פֿעלזנשפּאַלטן פֿון דער שטאָט קרעמעניץ, האַרט לעבן רוסישן און עסטרייכישן גרעניץ, שטייט אַ קליין אָרעם הייזל, ווייט פֿון מענטשן; מע דערקענט נאָך פֿונדערווייטן, אַז דער באַלעבאָס פֿון דעם הייזל באַדאַרף זיך ניט אין רחבֿות. און ווער עס וואָלט עס געקענט איינפֿאַלן, אַז פֿון דעמדאָזיקן הייזל וועט אַרויסגיין אַ נייע ליכט פֿאַר די יידן אין רוסלאַנד און וועט עפֿענען בלינדע די אויגן, ניט מיט כּוח, ניט מיט שטורעם און מיט זיין שטאַרקער האַנט, נאָר מיט זיין מעכטיקן גייסט, אַ גייסט פֿון וויסן און ריינער גאָטספֿאָרכטיקייט, און מיט דער פֿעדער וואָס אין זיין האַנט, אַ פֿעדער פֿון אַ טאַלאַנטפֿולן שרייבער, מיט וועלכער ער רעדט צו זיין פֿאָלק פֿון טיפֿן האַרצן מיט פֿאַרשטאַנד און איבערצייגונג; דורך די ווערטער פֿון זיינע קלוגע ספֿרים, וועלכע גייען אַרויס פֿון אַ ריינעם האַרצן און אַ רעכטפֿאַרטיקן גייסט

און גייען אַריין אין די אויערן פֿון אַסך לעזער, און זייערע אויגן ווערן ליכטיק.

דער אויפֿגעקלערטער לעזער וועט פֿאַרשטיין, אַז דערדאָזיקער מענטש, וואָס פֿון אים איז אַרויס אַ ליכט פֿאַר אַלע באַוואוינער פֿון אונזער לאַנד — איז געווען דער באַרימטער געלערנטער, דער איינציקער אין זיין צייט, וועלכער איז געווען געשעצט ביי זיין פֿאָלק, ר' יצחק־בער לעווינזאָן ז"ל — ער און ניט קיין אַנדערער.

ריב"ל איז געבאָרן געוואָרן אין קרעמעניץ דעם לעצטן טאָג פֿון יאָר תקמ"ח, דאָס הייסט — ראש־השנה פֿון יאָר תקמ"ט, און איז געשטאָרבן 24 טעג אין חודש שבט תר"ך, נאָכדעם ווי אים איז ערב־ראש־השנה געוואָרן 71 יאָר. געלעבט האָט ער סך־הכּל איין־און־זיבעציק יאָר מיט פֿיר חדשים און 24 טעג.

דעמדאָזיקן פֿענאָמענאַלן מאַן ר' יצחק־בער לעווינזאָן, וואָס איז געווען זייער גרויס און הויך אין וויסנשאַפֿט און האָט ליב געהאַט זיין פֿאָלק אָן אַ ברעג, וואָס איז העלדיש און מוטיק ווי אַ לייב אַרויס מלחמה צו האַלטן פֿאַר תורה און חכמה און דרך־ארץ — דעם דאָזיקן גרויסן מאַן האָט גאָט אויסדערוויילט צו באַלייכטן מיט אַ נייעם ליכט זיינע ברידער און זיין געבורטס־לאַנד. פֿון דעם טאָג אָן, וואָס דערדאָזיקער באַרימטער מאַן האָט גענומען פֿאַרשפּרייטן די שטראַלן פֿון זיין ליכט איבערן גאַנצן לאַנד, איז דער צאָרן פֿון דער נאַרישקייט ביסלעכווייז שטיל געוואָרן און איר שווערד האָט זיך צוריקגעקערט אין איר שייד אַריין. די פֿאַנאַטיקער האָבן אויפֿגעהערט צו רודפֿן די, וואָס האָבן געשטרעבט צו בילדונג, ווי זיי פֿלעגן עס טאָן אין די פֿריערדיקע צייטן; דען דער פּחד פֿאַרן אמת, וואָס רעדט אַרויס פֿון זיינע ספֿרים, איז אויף זיי געפֿאַלן. פֿיל פֿון די, וואָס זיינען שוין געווען איינגעשלאָפֿן אין דער נאַרישקייט, האָבן אויפֿגעוואַכט, אין זיי איז אַריין דער גייסט פֿון אויפֿקלערונג און זיי זיינען געוואָרן אַנדערע מענטשן.

אמת, אין די ערשטע צייטן איז ער אויך געווען אַ צילברעט פֿאַר דעם גרימצאָרן פֿון די פֿאַנאַטיקער און אָפּקוראָגטן, אָבער נאָכדעם, ווי ער האָט אַרויסגעלאָזן זיין ספֿר „תעודה בישראל“

(געדרוקט צוערשט אין יאָר תקפ"ח) און ער האָט געקראָגן אַ גוטן שם בײַ די גרויסע שרים, אַפֿילו בײַ דעם קיסר אַליין, האָבן זײַנע שונאים פֿאַרמאַכט די מײַלער און זײַנען כמעט שטום געוואָרן, ווײַל זיי האָבן געזען, אַז גאָט איז מיט אים, אַז ער האָט אים געגעבן חן אין די אויגן פֿון דעם מלך און זײַנע שרים; זיי האָבן אויך קיין שום חטא אויף אים ניט געפֿונען, זיי זאָלן זיך אויף אים קענען קלאָגן, האָבן זיי דערײַבער מיט געוואַלט פֿאַרמאַכט דאָס מויל.

בעת ריב"ל איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט ער זיך באַזעצט אין בראָד, וואָס איז דעמאָלט און אויך שפּעטער געווען אַ שטאָט פֿון משכּילים און שרײַפֿטשטעלער. אין בראָד און אין די דערבײַיאיקע שטעט האָט ער זיך באַפֿרײַנדעט מיט די גרעסטע געלערנטע פֿון יענער צײַט, ווי ר' שלמה-לייב ראַפּאָפּאָרט, ר' נחמן קראָכמאַל, ר' יוסף פּערל (ער האָט אויך פּערזענלעך געקענט ר' מענדל לעפֿין, וואָס איז דעמאָלט שוין געווען אַן אַלטער מאַן), ר' בעריש בלומענפֿעלד (וועלכער האָט איבערגעזעצט דעם ספֿר איוב), ר' יעקב-שמואל ביק, ר' ישראל בודק, דאָקטאָר ערטער, ר' לייבוש מיזים און נאָך און נאָך. אין זייער געזעלשאַפֿט האָט זיך בײַ אים דערוועקט די איניציאַטיווע צו טאָן עפּעס אויך פֿאַר זײַנע ברידער אין רוסלאַנד, כּדי אויפֿצוהייבן זיי פֿון זייער שפֿלות, באַפֿרײַען זיי פֿון דער קנעכטשאַפֿט פֿון נאַרישקייט און אָבערגלייבן און געבן זיי אַ פּלאַץ צווישן די משכּילים, וואָס גענייסן פֿון ליכט.

אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער גענומען פֿאַרווירקלעכן זײַן אידעע: נאָכדעם ווי ער האָט אייניקע יאָר געגעבן שטונדן אין גבֿירישע הײַזער (ווי מע פֿלעגט זיך פֿירן אין יענע צײַטן, בעת עס זײַנען נאָך קיין שולן ניט געווען און דער, וואָס האָט געוואָלט בילדן זײַנע קינדער, פֿלעגט נעמען אַ לערער צו זיך אַהיים, אויב ער האָט עס מאַטעריעל געקענט דערווייזן), האָט ער צוריקגעקערט אין זײַן געבורט שטאָט קרעמעניעץ, האָט באַוויליגט צו בלײַבן אַליין, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעגט זײַן פֿרוי און קיין קינדער האָט ער אויך ניט געהאַט (זײַן איינציק קינד איז גע-

שטאָרבן קליינערהייט), און האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט די אינטערעסן פֿון זיין פֿאָלק, צו פֿאַרבעסערן זיין לאַגע. פֿון דעמאָלט אָן איז ער ניט אַרויס פֿון דעם געצעלט פֿון תורה און חכמה און די פֿעדער האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פֿון צווישן זיינע פֿינגער ביז זיין לעצטן טאָג.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, איז דער ספר „תעודה בישראל" ערשינען אין יאָר תקפ"ח, דאָס איז געווען דאָס ערשטע יאָר, ווען די רוסישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן צו נעמען זעלנער ביי יידן. ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז די רעגירונג איז אויסן געווען די טובה פֿון די יידן: זי האָט געוואָלט אויסגלייכן זיי מיט די בירגער פֿון לאַנד און געבן זיי גוטע געזעצן, כדי זיי זאָלן לעבן ווי די איבעריקע ניט־יידישע באַפֿעלקערונג. ווען די יידישע מנהיגים וואָלטן געהאַט פֿאַרשטאַנד אָנצונעמען דעמדאָזיקן באַפֿעל בספֿר פּנים יפֿות און דאַנקען דער רעגירונג, וואָס זי האָט די יידן גענומען אויף דינסט צוגלייך מיט אירע איבעריקע פֿילע פֿעלקער, וואָס לעבן אין איר שוץ, וואָלט די רעגירונג אויך אויף זיי געהאַט אַן אויג צום גוטן. אָבער דאָס איז דעמאָלט געווען אוממעגלעך, מחמת די יידן האָבן זיך געפֿונען אין אַזאַ מצב, ביי וועלכן זיי האָבן ניט געקענט פֿאַרשטיין, אַז די רעגירונג האָט אַ גוטע כוונה, און האָבן עס אָנגענומען פֿאַר אַ גזרה, און האָבן גוזר תענית געווען און געקלאָגט און געוויינט אויף דעם אומגליק. די רבנים מיט די צדיקים האָבן זיך, כידוע, פֿון דער גזרה באַפֿרייט, פֿאַרשרייבנדיק זיך אין דעם שטאַנד פֿון סוחרים פֿון דער ערשטער מדרגה, און דאָס פֿאָלק האָבן זיי געלאָזן אויף הפקר. דעמאָלט איז קעגן זיי שאַרף אַרויסגעטראָטן איינער פֿון די משכילים פֿון יענער צייט ר' שלמה ישעיה לאַנדסבערג פֿון קרעמעניעץ, אַ תושב פֿון קאָרעץ, וואָלין, און האָט אָנגעשריבן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער ער וואַרפֿט זיי אויף, אַז זיי זיינען פֿאַרפֿירער און שווינדלער. אויף וויפֿל איך ווייס, איז דאָס געווען דאָס ערשטע מאָל, אַז אַ רוסישער ייד זאָל זיך דערוועגן אַרויסצוטרעטן ברּיש גלי קעגן דידאָזיקע פֿאַרפֿירער. ווי עס ווייזט אויס, האָט די פּראָקלאַמאַציע זייער אויסגענומען, ווייל מע האָט פֿון איר געמאַכט אַ סך קאָפּיעס

און אין פֿיל שטעט פֿלעגט מען זי לייענען עפֿנטלעך אין אַלע גאַסן; צום דרוק איז זי אָבער ניט געקומען, און מיט דער צייט איז זי פֿאַרלאָרן געגאַנגען. אַ טייל פֿון איר געפֿינט זיך בײַ מיר אין כתבֿ-יד.

אין יענער צייט איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דאָס ווערק „תעודה בישׂראל", וואָס זײַן צוועק איז געווען צו אויפֿקלערן דאָס פֿאָלק, אַז ס'איז זייער נייטיק צו לערנען, אויסער לשון-קודש לויט אַ ריכ-טיקער מעטאָדע, אויך פֿרעמדע שפּראַכן, דערהויפּט די לאַנד-שפּראַך, וואָס אָן איר קען זיך קיין מענטש ניט רירן און איז איז אַזוי ווי אַ פֿרעמדער אין זײַן אייגן פֿאָטערלאַנד.

ס'איז זיך גרינג פֿאָרצושטעלן, אַז יענע צייט איז געווען מסוגל צו פֿאַרנעמען אַזעלכע געדאַנקען, און דעריבער איז דער ספֿר „תעודה בישׂראל" געוואָרן פּאָפּולער און זײַנע לעזער האָבן זיך געמערט פֿון טאָג צו טאָג.

אָן אַ שיעור ייִדישע יונגעלייט האָבן דעמאָלט געעפֿנט די אויגן און האָבן זיך גענומען צו לערנען לשון-קודש און די לאַנדס-שפּראַך. זיי האָבן זיך אָנגענומען מיט שטאַרקן מוט און האָבן זיך ניט דער-שראָקן פֿאַר די פֿאַנאַטיקער, וואָס זײַנען זיי געשטאַנען אין וועג; אין יעדער שטאָט האָבן זיי געגרינדעט אַגודות, און די איינצלנע משׂכּילים, וואָס זײַנען שוין געווען פֿון פֿריער צעשפּרייט דאָ און דאָרטן, האָבן זיי דערבײַ מיטגעהאָלפֿן. זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון דעם חסידישן כּלל און האָבן זיך געווענדט צו בילדונג און צו וויסן.

ריב"ל האָט נאָך אַ וויכטיקערע זאַך אויפֿגעטאָן: ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט מעורר געווען די יונגעלייט, זיי זאָלן גיין אין דעם ליכט פֿון וויסן, נאָר ער האָט זיך אויך געווענדט צו דער רעגירונג מיט אַ שטאַרקער השתּדלות, זי זאָל גרינדן שולן פֿאַר ייִדן און לערנען זיי די לאַנד-שפּראַך און אַנ-דערע נייטיקע ידיעות, און געבן זיי ערד צו באַאַרבעטן. זייענדיק אַליין אין זייער אַ געדריקטן מצבֿ, לעבנדיק אין גרויס דחקות און נויט, האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן שטים צו דער געאַכפּערטער רע-גירונג און געשריבן בריוו און בקשות צו הויכגעשטעלטע לייט

אין פּעטערבורג, — און קיינער האָט ניט געוואוסט פֿון זיין טואונג, וואָס ער האָט געטאָן לטובֿת זיינע ברידער אין אַזאַ נויט.

עס האָט קיין סך ניט געדויערט און די רעגירונג איז געוואָרן מער אויפֿמערקזאַם אויפֿן יידישן מצבֿ און האָט באַשלאָסן צו פֿאַרענדיקן דאָס, וואָס זי האָט אָנגעהויבן. נאָך אין יאָר 1804 איז אַרויס אין רוסלאַנד אַ געזעץ, און נאָך מיט מער שטאַרקייט אין יאָר 1835, מע זאָל ניט דערווייטערן די יידן, וואָס ווילן לערנען, פֿון די אַלגעמיינע שולן, און אויפֿגענומען זיי פֿריינדלעך, אַזוי ווי די ניט־יידישע תּלמידים. אָבער זייער ווייניק עלטערן האָבן זיך געפֿונען, וואָס האָבן איין זיך געהאַט די דרייסטקייט צו שיקן זייערע קינדער אין די רוסישע שולן, ווייל ביי זיי איז דעמאָלט אויסגעקומען (און ביי אַ סך — נאָך היינט אויך), אַז די שולן דינען אַן אומגליק פֿאַר זייערע קינדער, זיי וועלן זיי אַראָפּפֿירן פֿון יידישן וועג און ברענגען צו שמד, ווייל מע דאַרף דאָרטן שרייבן אום שבת און יום־טובֿ — און דעריבער האָבן זיי אויפֿגעהערט אַהין צו שיקן זייערע קינדער.

די יידן האָבן דעמאָלט ניט פֿאַרשטאַנען, אַז זייערע קינדער קענען זיין כּשרע יידן, ווען זיי וועלן אַפֿילו, חס־ושלום, שרייבן אום שבת מער ווי צוויי אותיות, און אַז אַ ייד זאָל אַמאָל אַפֿילו פֿאַרבייגן איינע פֿון די תּרי״ג מצוות בשעת הדחק — איז ער נאָך אויך ניט קיין כּופֿר בעיקר און איז נאָך ניט אויס ייד. בכל אופֿן, די יידן זיינען דעמאָלט געשטאַנען מחמת דעם פֿונווייטן און ניט געוואָלט געניסן פֿון דעם פֿיל גוטס, וואָס די רעגירונג האָט זיי געוואָלט מזכּה זיין צוגלייך מיט די איבעריקע בירגער פֿון לאַנד. דער נסיון האָט נאָכדעם באַוויזן, אַז דערמיט האָבן זיי ניט גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג און ניט דערלאָזן, זייערע קינדער זאָלן קענען האָבן אַ בכּבֿודיקן ברויט, און פֿיל פֿון זיי זיינען דורכדעם געווען געצוואונגען צו פֿאַרנעמען זיך מיט אומגעזעצלעכע מלאָכות, זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ נעץ פֿון גרויסע פֿאַרברעכנס און זיינען געוואָרן צו שפּאָט און צו שאַנד אין די אויגן פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג.

כט.

די איינצלנע משכילים אין די פארשיידענע שטעט פאר ריב״לן אין וואָלין און פאָדאָליע. — באַרדיטשעוו. ראָוונע, מעזשעריטש, קרעמעניעץ.—די ברידער לאַנדסבערג. — ראַדזיוויל, לוצק, באַר, פראָסקוראָוו, קאַמעניעץ־פאָדאָלסק.—אומאַן מיט אירע משכילים.—בער און ישעיה הורוויץ.—יעקב אייכנבוים.—דער „תעודה״ דער איינציקער וועג־ווייזער פון די משכילים.—זיי באַשיצן די יוגנט פון די אָבסקוראַנטן. — דער „תעודה״ שטאַרק אָנגענומען אויך ביי די ליטווישע משכילים. — זיין טרוים צו זען ריב״לן ווערט פאַרווירקלעכט.— ער ווערט צו אים צוגעבונדן אויף אייביק.

אַזוי ווי פאַלמען אין דער מדבר, האָבן זיך אין יענע צייטן געפונען איינציקע משכילים אין דער פּראָווינץ, וואָס זיינען זעלבּ־שטענדיק געגאַנגען אין דעם וועג פון וויסן, נאָך אײדער ריב״ל איז אַרויס צו באַלייכטן די ערד, און די וואָס וואוינען אויף איר.

אין דער גרויסער שטאָט באַרדיטשעוו, וואָס איז געווען פול מיט יידן, האָט דעמאָלט געגלאַנצט אין פראַכט דער געלערנטער ר׳ יוסף־הירש פּאָליטשינעצקי (וואָס איז נאָכדעם געווען דירעקטאָר אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול איבער צוואַנציק יאָר, און נאָכ־דעם ווי די ראַבינער־שול האָט זיך אין תרל״ג (1873) פאַרמאַכט, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין באַרדיטשעוו). ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן, אָבער שוין אַסך געבילדעט, ווייל ער האָט פיל געלערנט, און מערער נאָך, ווי ער איז אַליין געבילדעט, האָט ער געלערנט מיט אַסך תלמידים און האָט זיי געפירט אויף די רעכטפאַרטיקע וועגן. ער האָט אַרויסגעלאָזן אַסך תלמידים, וואָס זיינען שפּעטער אַוועק אין די הויכשולן, זיינען געוואָרן גע־בילדעטע לייט און זיינען געווען גליקלעך און געמאַכט אַנדערע גליקלעך.

איבער אים זיינען דאָרטן געווען נאָך משכילים, ווי ר׳ הירש ראַבינאָוויטש, ר׳ אַביגדור וואָלקנשטיין, וואָס האָבן אויפגעשטעלט

אַ סך תּלמידים און געבראַכט פֿיל גוטס. אין ראָוונע האָט אין יענער צייט געלעבט דער באַרימטער משכּיל ר׳ צבֿי־הירש סגל (ער האָט שפּעטער אויך פֿאַרנומען די שטעלע פֿון אַ לערער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול, און איז דאָרטן געשטאָרבן), וועלכער איז דאָרטן אויך געווען ראַבינער; אין מעזריטש — דער גבֿיר ר׳ לייבוש כּאַרי; וועלכער איז דאָרטן געווען ראַבינער; אין קרעמעניעץ האָבן זיך דעמאָלט גערעכנט פֿאַר די הויפּט־משׂכּילים די ברידער לאַנדסבערג: דער עלטערער, ר׳ לייבוש, איז געווען ריב״לס אַ נאָנטער פֿריינד, און דעם בריוו צו זיין ברודער וועגן דעם פּאָטערס טויט, וואָס ריב״ל האָט אָפּגעדרוקט אין „שרשי לבנון“, איז איינער פֿון די בעסטע אין אונזער ליטעראַטור און איז ווערט פֿאַראייביקט צו ווערן. אין „ספר הזכרונות“ פֿון ה׳ נאַטאַנזאָן איז אָפּגעדרוקט לאַנדסבערגס אַ בריוו פֿון אָדעס אין יאָר תרי״ט צו ריב״לס 70־יאָריקן געבורטסטאָג. דערדאָזיקער בריוו איז זייער וויכטיק צוליב זיין אינהאַלט, ווייל אין אים קענען מיר זען, ווי אין אַ שפּיגל, דעם גאַנצן שטייגער לעבן פֿון ריב״לן. זיין ייִנגערער ברודער, מענדל לאַנדסבערג, איז געווען אַ גרויסער ביבליאָפֿיל, האָט געזאַמלט אַ סך ספֿרים און צווישן זיי יקר־המציאותן. דער דריטער ברודער, ר׳ שלמה־ישעיה (ראַבינער אין קאָרעץ), איז אויך געווען אַן אויפֿגעקלערטער מענטש און געהאַט אַ שיינע פּעדער אין העבּרעאיש. נאָר איבערגעשטייגט אַלעמען מיט זיינע ידיעות אין העבּרעאיש, דייטש, פֿראַנצויזיש, רוסיש, פּויליש און לאַטיין — האָט ר׳ דוד־אייזיק לאַנדסבערג, וואָס האָט יאָרנלאַנג פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון דירעקטאָר אין דער אָדעסער שול און האָט געשריבן אַ סך פֿילאָלאָגישע אַרטיקלען אין „המליץ“.

אויך אין ראַדזיוויל איז דעמאָלט געווען אַ פֿאַרשטאַנדיקער און רעכטפֿאַרטיקער מאַן ר׳ דניאל האָרטנשטיין ז״ל. ער האָט אויך געזאַמלט אַ סך טייערע ספֿרים און איז געווען ריב״לס אַ טרייער פֿריינד; אין לוצק — ר׳ בערל־לייב שטאָקפֿיש, איינער פֿון די פּאָרנעמסטע לייט פֿון שטאָט; אין באַר, פּאָדאָליער גובערניע — ר׳ מאיר רייך, ר׳ מענדל לעפֿינס אַ תּלמיד; אין פּראָסקוראָוו — דער גבֿיר און געבילדעטער מאַן ר׳ יהושע האָרנשטיין, וואָס האָט גענומען

צו זיינע קינדער באַרימטע לערער, גרויסע לייט — איינער פון זיי איז געווען ר׳ מאיר האָרן; אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק — דער אָנגעזעענער גביר ר׳ מרדכי לעווינזאָן, דער מחותן פון דעם אויבנדערמאָנטן גביר, וועלכער האָט אויך געהאַלטן באַרימטע לערער משכּילים צו זיינע קינדער, און נאָך פיל אַזעלכע.

אומאַן איז דעמאָלט געווען אַ שטאָט פון געלערנטע און גרייכע לייט. דערהויפּט האָט זיך אויסגעצייכנט דאָס הויז פון דעם באַרימטן גביר און משכּיל ר׳ נחמן-נתן ראַפּאָפּאָרט מיט זיינע דריי איידעמס, ר׳ משה לאַנדע, דעם בעל-„נודע ביהודהס״, ר׳ יחזקאל לאַנדעס אַן אייניקל, ר׳ הירש-בער הורוויץ, דעם באַרימטן משכּיל ר׳ חייקל הורוויצעס אַ זון פון אומאַן, און ר׳ ישעיה הורוויץ *) פון מאָהילעוו-פּאָדאָלסק, וואָס האָבן געשמט מיט זייער בילדונג און קענטעניש.

אַז ר׳ בער הורוויץ איז געוואָרן גרויס און רייך, האָט ער צונויפגערופן אַלע משכּילים פון זיין שטאָט און האָט זיי פאָרגעלייגט צו גרינדן אַ שול פאַר קינדער, זיי זאָלן ניט פאַרווילדערט ווערן ביי די פינסטערע מלמדים אין די חדרים. די משכּילים האָבן

*) אין זיינע „זכרונות״ אין שלום-עליכמס „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק״ (1888, ז. 256—257) שרייבט גאָטלאָבער וועגן דעמדאָזיקן ר׳ ישעיה הורוויץ:
„נאָך אַ זשאַרגאָניסט געדענק איך גאָר פון אַמאָליקע צייטן: ר׳ ישעיהו הורוויץ פון מאָהלוב פּאָדאָלסק. (דער ישעיהו הורוויץ איז געווען דער פאָטער פון דעם שפּעטער באַרימטן מיליאָנער אברהם איסאַיעוויטש הורוויץ אין פּעטערבורג, וואָס איז דאָ ניט לאַנג געשטאָרבן. ער און זיינע צוויי ברידער האָבן אויסגעטרעטן פון יידנטום). ער איז געווען אַ געבילדעטער מאַן; אחוץ העברעיש, וואָס ער האָט אויסגעצייכנט געשריבן, האָט ער געקאָנט רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש זייער גוט. ביי דעם אַלעמען האָט ער ליב געהאַט צו שרייבן זשאַרגאָן; צום מייַנסטן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט איבערזעצן די זמירות פון שבת אין גראַמען, איבערהויפּט די זמירות פון שבת-צו-נאַכט, ווי למשל „איש חסיד״, „אליהו הנביא״ און אַז. וו. און ער פלעגט זיי זינגען מיט זיינע אייגענע מעלאָדיען. ער האָט אָבער געהאַט אַ פעלער: ער איז זיך אַליין זייער געפעלן, און אַז ער האָט עמיצן זיינע זאַכן פאָרגעלעזן, חוץ וואָס ער האָט אַליין אָנגעקוועלט, פלעגט ער נאָך דערצו יענעם שטורכען און זאָגן אַלע ווייַלע: „איר הערט, איר הערט, ווי מע שרייבט יידיש״. — א. פ.

אים געפֿאָלגט און האָבן געעפֿנט אַ שול. פֿאַר אַ פֿירער איז אױסגעקליבן געװאָרן ר׳ מאיר האָרן ז״ל. דאָס איז געװען די ערשטע שול אין דעם קאַנט, און דאָס האָט געגעבן דעם שטױס צו דער אַנטשטײאונג פֿון דער השׂכּלה־באַװעגונג אין דער גאַנצער סבֿיבֿה. דער באַרימטער געלערנטער און פּאָעט ר׳ יעקבֿ אײכנבױם, װאָס איז אױך דער עלטער געװאָרן אינספּעקטאָר פֿון זשיטאָמירער ראַבינער־שול, איז דאָרטן געזעסן אַ קורצע צײַט, איז געװאָרן אױפֿגעטראָגן מיט ר׳ הירש־בער הורװיץ און האָט בײַ אים געלערנט מאַטעמאַטיק.

דידאָזיקע װיכטיקע לײַט, הגם זײ האָבן מקדים געװען ריב״לן מיט זײער בילדונג און װיסן, און האָבן ניט געשעפּט פֿון זײַן מקור, אָבער נאָכדעם, װי ער איז געװאָרן באַרימט און זײַנע ספֿרים האָבן זיך צעשפּרײט איבער דער װעלט, האָבן זײ זיך אַלע אױפֿגעזאַמלט אונטער זײַן פֿאָן און ער איז געװאָרן זײער פֿירער, װײַל זײ האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז גרעסער פֿאַר זײ אין חכמה און איז פֿעאיק אױפֿצוטאָן גרױסע זאַכן און פֿון אים װעט אַרױס אַ ישועה פֿאַר ייִדן בנוגע זײער עקאָנאָמישן און גײַסטיקן מצבֿ. די אַלע משׂכּילים זײַנען שפּעטער געװאָרן דער עמוד התּווך בײַ דער יוגנט, בעת דער גײַסט פֿון השׂכּלה האָט זײ פֿאַרכאַפּט, און זײ האָבן זײ באַשיצט פֿון די אָבסקוראַנטן. דער ספֿר „תּעודה בישׂראל“ איז פֿאַר זײ געװען אַ װעגװײַזער און פֿאַר זײַן ליכט זײַנען זײ געגאַנגען.

אױך אין ליטע, װאו עס האָבן דעמאָלט געלעבט די גרױסע משׂכּילים, דערהױפּט אין װילנע, אין „ירושלים דליטע“, און װאו עס האָבן שױן דעמאָלט געשמט דער באַרימטער משורר ר׳ אד״ם לעבענזאָן, נרו יאיר, דער פֿאַרשטאָרבענער ר׳ מרדכי נאַטאַנזאָן ז״ל און ר׳ הירש קאַצינעלינבױגן ז״ל, און עס האָט שױן געבליט ר׳ שמואל־יוסף פֿין (הגם ער איז נאָך געװען זײער יונג), ר׳ מרדכי פּלונגיאַן און דער באַרימטער שרײַבער ר׳ קלמן שולמאַן מיט זײערע איבעריקע חבֿרים משׂכּילים — האָט דער ספֿר „תּעודה בישׂראל“ געקראָגן אַ גרױסן נאָמען, װײַל דידאָזיקע קלוגע לײַט האָבן פֿאַרשטאַנען זײַן גרױסן װערט און זײַן ריכטיקן ציל.

אַז ער וועט אין דער צוקונפֿט מאַכן אַ קאָלאָסאַלע איבערקערעניש בײַ ייִדן. די ווערדע פֿון דעם ספֿר איז בײַ זיי געווען אַזוי טייער, אַז זיי האָבן ריב״לן גערופֿן איף דעם נאָמען פֿון זיין ספֿר „בעל התעודה“ אָדער סתּם „תּעודה“, און פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי אים געשוואָרן אייביקע ליבע, און זיין וואָרט איז בײַ זיי געווען זייער טייער.

צום סוף יאָר תּקצ״ב — איך בין דעמאָלט אַלט געווען איין-און-צוואַנציק יאָר — בין איך אַוועק פֿון מיין געבורט-שטאָט אַלט-קאָנסטאַנטין קיין קרעמענעץ*), און דאָרט האָב איך צום ערשטן מאָל געזען דעם גרויסן מאַן ר׳ יצחק-בער לעווינזאָן. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 41 יאָר. ער האָט צוגעצייגן מיין האַרץ מיט זיין איסזען און מיט זיינע אָנגענעמע רייד, און מיין נשמה איז צוגעקלעפּט געוואָרן צו אים און איך האָב אים ליב געקראָגן אויף אייביק.

---

*) דעמאָלט האָט גאָטלאָבער אין באַרדיטשעווער חתונה געהאַט צום דריטן מאָל פֿאַר אַ קרעמענעצער מיידל, וואָס האָט זיך נאָך דער חתונה באַזעצט אין קרעמעניעץ, און פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער באַזוכן זיין פֿרוי און דערווײַלע זיך זען מיט ריב״לן. — א. פּ.

ל.

דובנע.—גאָטלאָבער.—דער רבי פון די דובנער משכילים—וואָלף אדלזאָן.—זיינע אויסטערלישע דרכים.—א גרויסער מופלג און א פריי־דענקער.—אין קלויזן און בתי־מדרשים פאַרשפּרייט ער השכלה.—די חסידים ווילן גאָטלאָבערן און אדלזאָנען רודפן.—די דובנער משכילים נעמען זיך אָן פאַר אדלזאָנען.—אדלזאָנס ביאָגראַפיע.—זיין עלנטער טויט. אדלזאָנס תלמידים. — גאָטלאָבער פאָרט אין מעשעריטש אויף א קאָנדיציע.

אין אָנהייב יאָר תקצ"ג בין איך געקומען קיין דובנע. אַחוץ מיר האָבן זיך איינגעזאַמלט אַלע יונגעלייט און משכילים פון שטאָט און האָבן מיך געמאַכט פאַר זייער רבי, וועלכער זאָל זיי פירן אין דעם וועג פון השכלה, איך האָב מסכים געווען און בין דאָרטן פאַרבליבן אויף דעם גאַנצן ווינטער.

דובנע געפינט זיך ניט ווייט פון גאַליציע, פון בראָד, און פון דאָרטן האָט אויף איר איינגעשיינט די זון פון השכלה. אין יענע צייטן, נאָך איידער עס האָט איינגעשיינט דער מאָרגנשטערן אויף אונזער לאַנד, זיינען איניקע גאַליציישע יידן, וואָס האָבן ניט געקענט איינאָרדענען זיך אין זייער לאַנד מיט זייערע ידיעות, וועלכע זיי האָבן זיך דאָרטן ערוואָרבן, געקומען קיין דובנע און זיינען דאָרטן געוואָרן יידישע לערער. דעריבער איז די ערשטע זאַך, וואָס דובנער יידישע קינדער האָבן גענומען לערנען, געווען דייטש, און די ווערק פון שילער און געטע זיינען אין דובנע געווען זייער פּאָפּולער. אַהין האָבן גענומען פאָרן פון די פינסטערע שטעטלעך די אַלע, וואָס האָבן געליטן פאַר השכלה.

דאָרטן האָב איך אויך געטראָפן דעם באַרימטן משכיל און למדן מיט דעם שאַרפן קאָפּ און קלאָרן קוק ר' זאב־וואָלף אַדלזאָן ז"ל, וועלכער איז מיט אַ יאָר פריער פאַר מיר געקומען אַהער פון דער ליטע צו באַזעצן זיך דאָ און צו פאַרשפּרייטן תורה און חכמה.

דערדאָזיקער מאַן, ר' מנשה איליערס אַ תּלמיד, איז געווען אַ גרויסער מופלג און אַ גרויסער פרײַדענקער, ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע קראַפט צו פאַרשפּרייטן זיינע אידעען. ער האָט אָנגעמאַכט אַ רעש אין שטאָט, פאַרשפּרייטנדיק זיינע פרייע געדאַנקען צווישן פאָלק, ניט שרעקנדיק זיך פאַר קיינעם. ער האָט דעריבער געקראָגן זייער אַ סך שונאים, וואָס האָבן אים געוואָלט שלעכטס טאָן.

און דאָס דאַרף מען וויסן, אַז פיל זאַכן, וואָס זיינען איצט אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר אַלעמען, און קיינער גיט גאָר קיין פּיפּס ניט וועגן זייער אמתדיקייט, זיינען אין יענער צייט געווען קאָנסערוואַטיוו, און מע האָט זיי ניט געטאָרט עפנטלעך אַרויסזאָגן, סיידן פאַר אַ געלערנטן מענטשן, וואָס פלעגט אַליין זיך אויף דעם אָנשטויסן; דעריבער האָט דערדאָזיקער אַדלזאָן דעמאָלט געקראָגן אַ סך שונאים און מע האָט אים געוואָלט אַרויסטרייבן פון דובנע.

אַדלזאָן, וואָס האָט געהאַט געוואַלטיקע ידיעות אין תּלמוד, האָט זיך געמאַכט זיין אָרט אין די בתּי־מדרשים און קלויזן און דאָרטן האָט ער געוואָרפן דעם ווינקלשטיין צו עפענען בלינדע די אויגן און צו צעשטערן ביזן גרונט די פאַלשע אָבערגלייבנס און פלעגט אָפטמאָל אַרויסטרעטן אַפילו קעגן תּלמוד און דערווייזן, אַז ניט אַלץ, וואָס געפינט זיך אין תּלמוד, איז תּורת משה; אַז אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ יחיד האָט זיי אַרויסגעזאָגט און דער שׂכל לייקנט זיי אָפּ, זיינען מיר ניט מחויב אָנצונעמען.

אָבער אין דובנע זיינען געווען צוויי משׂכּילים, יוסף אַלעקסאַנדראָוויטש און זיין שוואָגער בער פאַלקאָוויטש, וואָס זיינען געווען די גרעסטע תּקיפים אין שטאָט, ווייל נאָר זיי האָבן געקאָנט רוסיש, — און זיי האָבן אים געשיצט. דער לעצטער, בער פאַלקאָוויטש, איז געווען אַ פיינער העבראַישער שרייבער, האָט איבערגעזעצט אין העבראַיש לעסינגס „פילאָטאָס" און האָט אים אויף דער עלטער, אין יאָר תּרכ"ח, אָפּגעדרוקט אין אָרעם אונטערן טיטל „אַבינדב", ניט איבערגעבנדיק זיין נאָמען *).

*) דערזעלביקער פאַלקאָוויטש האָט אויך אָפּגעדרוקט צוויי דראַמאַטישע ווערק אויף יידיש „ר' חיימל דער קצין" און „רחלע די זינגערין", ניט אויפגעבנדיק זיין נאָמען. ז. רייזען, „לעקסיקאָן" ז. 461. — א. פ.

תּחילת איז אויך אויף מיר אַרויף דער צאָרן פֿון די אָבסקוראַנטן; זיי האָבן געזאָגט, אַז מיר ביידע פֿאַרדאַרבן די יוגנט דערמיט, וואָס מיר גיבן זיי צו עסן פֿון דעם עץ הדעת און ביי זיי עפֿענען זיך די אויגן, צו דערגיין וואָס גוט איז און וואָס שלעכט, און צו מבֿחין זיין צווישן אמת און שקר. די דאָזיקע פֿאַרפֿירטע לייט האָבן ניט געוואוסט, אַז ביי מיין גרעסטער שׂנאה צו די נאַרישע אָבערגלויבנס, האָב איך זיך שטענדיק געהיט, ניט אַרויסצוזאָגן פֿאַר מיינע תּלמידים מיינע געדאַנקען וועגן אמונה-זאַכן, אַפֿילו וועגן נאַרישע אָבערגלויבנס. דען איך האָב שטענדיק געהאַלטן פֿון דעם דאָזיקן כּלל, אַז היות די יוגנט האָט ניט קיין מאָס אין די ענינים פֿון אמונה, כּדי אויסצווײַלן דאָס עסנוואַרג פֿון די פּסולת, כּדי אַוועקצוואַרפֿן די שאָלעכץ און נעמען דעם קערן, וועלן זיי אַוועקוואַרפֿן ביידע זאַכן צוזאַמען, בעת זיי וועלן עפּעס אָנהייבן צו צווייפֿלען; און אַז די שוועלן וועלן זיך נעמען וואַקלען, וועט איינפֿאַלן דאָס גאַנצע הויז און ווערן אַ תּל-עולם. דעריבער פֿלעג איך שטענדיק, לערנענדיק מיט מיינע תּלמידים, מאַכן אַ חילוק צווישן די וועלטלעכע און רעליגיעזע לימודים. דעם וועג פֿון בילדונג האָב איך אויסגעקליבן פֿאַר די תּלמידים און דעם וועג פֿון אמונה האָב איך איבערגעלאָזן פֿאַר זיך, און קיינמאָל האָב איך מיט מיינע תּלמידים ניט גערעדט וועגן אמונה-זאַכן. וואָרעם וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דאָס פֿילאָזאָפֿירן צו דיקדוק? און וואָס פֿאַר אַ שייכות האָבן די עלעמענטאַרע כּללים פֿון דער דייטשער און פֿראַנצייזישער שפּראַך מיט די עיקרים פֿון דת? און אַזוי ווי איך בין פֿון שטענדיק אָן געווען אַ פֿרידלעכער מענטש און געוואוסט ווי אויסצוקומען מיט לייטן, זיינען די טענות צו מיר פֿון די קעגנער פֿון השׂכּלה אינגיכן בטל געוואָרן, און זיי האָבן אַלע געוואוסט, אַז איך וועל זיך זייערע הייליקייטן ניט אָנרירן. הגם זיי זיינען ניט געווען צופֿרידן מיט די לימודים, וואָס איך האָב געלערנט מיט דער יוגנט, האָבן ניט געפֿונען קיין שום אויסרייד צו שטעלן זיך קעגן מיר. אַ ביסל האָבן זיי איך מורא געהאַט פֿאַר מיר, ווייל איך האָב געקאָנט שפּראַכן. דען דער כּוח פֿון די דאָזיקע אָנאַלפֿאַבעטן איז בלויז אין בית-מדרש הינטערן אויוון,

דאָרטן איז זייער הויז, אָבער פֿאַר אַ מענטשן, וואָס ווייס אייראָפּעאישע שפּראַכן, ציטערן זיי, ווייל זיי זאָגן, אַז יעדערער, וואָס קאָן ניט קיין שפּראַך, וועט געווים פֿאַרשפּילן, אויב יענער וועט זיי לאָדן אין געריכט פֿאַר די שרים.

זאב אַרלזאָן איז געווען פֿון די געציילטע, וואָס האָבן אַ סך געטאָן צו פֿאַרשפּרייטן בילדונג און אויפֿקלערונג ביי יידן. היות ער האָט ניט געהאַט קיין אַריכת ימים און איז געשטאָרבן זייער אָרעם און עלנט אין אָדעס דעם צווייטן טאָג פֿון חודש אלול תרכ״ז, וויל איך דאָ דעריבער ברענגען די עטלעכע ווערטער, וואָס עס האָט וועגן אים געשריבן מיין פֿריינד ר׳ לייבוש כאַרי ז״ל אין איינער פֿון זיינע הערות צו מענדל לעפֿינס יידישע איבערזעצונג פֿון קהלת, וואָס ר׳ הירש רייך פֿון באַר האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר תרל״ג אין אָדעס:

„דאָ איז דער אָרט צו דערמאָנען דעם וואונדערלעכן מאַן ר׳ זאב אַרלזאָן, וואָס אַלע, ווער עס קען אים, וועלן עדות זאָגן וועגן זיין צדקות, אַז ער איז געווען פֿון די וואָס זיינען דאָס גאַנצע לעבן געווען פֿאַרפֿאָלגט, איז אָפּגעקומען מיט גאָרנישט און האָט געלעבט אין דחקות און איינזאַמקייט. האָט קיינמאָל קיינעם ניט מקנא געווען און האָט ניט געוואָלט באַקומען קיין שום טובה און גאָב פֿון גבירים, און האָט זיך דערפֿון אָפּגעקלט. אויך פֿון פֿרעמדע טישן האָט ער קיינמאָל ניט נהגה געווען, און פֿלעגט זיך באַנוגענען מיט אַ שטיקל טריקן ברויט מיט זאַלץ און אַ קליינעם הערינג מיט אַ ביסל וואַסער. דאָך איז ער שטענדיק געווען אַ שמח בחלקו, גלייך ער וואָלט געווען דער גרעסטער גביר. זיין גאַנצער שטרעבונג און בענקשאַפֿט איז געווען שטענדיק צו תורה און ווינסשאַפֿט. ער האָט געהאַט אַ לויטערן קלאָרן שכל אין לערנען, האָט אויך געהאַט גרויסע ידיעות אין תלמוד און פּוסקים. דערדאָזיקער אויסגעצייכנטער מאַן איז געווען אַ ליטוואַק. ווער איז געווען זיין פֿאָטער? — האָבן מיר פֿון אים קיין מאָל ניט געהערט, נאָר מאַנכע מאָל האָט ער דערמאָנט, אַז דער גאון ר׳ מנשה איליער איז געווען זיין רבי.

בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן

וואַנדערן אין דער פרעמד. וואָס האָט אים דערצו געטריבן — האָט ער ניט דערציילט, ווייל ער איז ניט געווען קיין ריידער. זיין ער־שטער אַרויספאָר איז געווען אין בריסק: דאָרטן איז ער געווען אַ לערער ביי דעם משכיל ר׳ ליפע עטינגער ז״ל, און פון דאָרטן איז ער געקומען קיין דובנע און האָט איינגיכן געקראָגן אַ נאָמען פון אַ למדן און אַ משכיל און אַ ידען אין וויסנשאַפט און פילאָ־סאָפיע, און דער עיקר, וואָס ער האָט געקענט ריידן מיט גרויס פאַרשטאַנד און זין. אויסער דעם האָט ער געהאַט אַ גרויסן חוש פאַר קריטיק, צו טרעפן אין פינטל אַריין, און האָט געקענט פאַר־שטיין די כוונה פון דעם מאמר אין די כאַמע אומקלאָרע און מטושטשע שטעלן. אַליין, וואָס ער איז דערגאַנגען אין אַרויסגעפונען, האָט ער ניט געשראָקן זיך מפרסם צו זיין אין קאָנסטאַטירן פע־לערן אַפילו ביי גרויסע באַרימטע לייט, וואָס האָבן ניט אומעטום געמיינט דעם אמת. מחמת דעם האָט ער זיך ערוואָרבן די שנאה פון חסידים צבועקעס, וועלכע האָבן אים ערקלערט מלחמה דורך מסירות, האָבן ביי אים צוגענומען זיין פרנסה און האָבן אים ניט געלאָזן זיין קיין לערער אין די נגידישע הייזער. און היות ער איז בטבע געווען שטאַרק ווי אַ פעלז און פלעגט פאַר קיין זאַך ניט נתפעל ווערן, האָט ער זיך דערפון ניט גענומען צום האַרצן, האָט זיך פאַר זיי ניט דערשראָקן, האָט זיך געלעבט אין גרויס דחקות, צונויפגעקליבן תלמידים פון אָרעמע עלטערן און געלערנט מיט זיי אָן קיין שום געצאָלט.

אַזוי אַרום, האָט זיך פאַרשפרייט זיין גוטער און נוצלעכער לימוד, און אַ סך וויכטיקע תלמידים זיינען פון אים אַרויס און זיינען שפעטער געוואָרן גרויסע געלערנטע לייט. איינער פון זיי איז מיין פריינד דער געלערנטער און משכיל חיים־צבי לערנער, אַ לערער פון העברעאיש אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול, וועל־כער איז באַוואוסט מיט זיין ספר „מורה הלשון". די איבעריקע געשיכטע פון זיין לעבן, ווי אַזוי אַרום ער איז מגולגל געוואָרן אין גרויס־מעזעריטש אַלס לערער ביי מיר אין שטוב פאַר מיין פאַרשטאָרבענעם זון שמואל ז״ל, און ווי אַזוי אַרום ער איז דער־נאָך געקומען קיין אָדעס און זיין גאַנצע פירונג דאָ — אויב גאָט

װעט מיר שענקען דאָס לעבן, װעל איך, בלי נדר, אָנשרײַבן אַ באַזונדער ביכל, צוזאַמען מיט דער קריטיק, װאָס ער האָט געשריבן אויף מגילת־אסתּר קעגן דעם באַרימטן געלערנטן יצחק־שמואל רעדזשיאָ ז״ל, און זײַנע בריװ, װאָס געפֿינען זיך בײַ מיר״.

אײנער פֿון אַדלזאָנס גרעסטע תּלמידים איז געװען צה״ג, דער הײַנט באַװאוסטער געלערנטער סטאַטס־ראַט װלאַדימיר פֿיאָ־דאָראָװ. דער דאָזיקער זעלטענער מאַן, װען די טיפּשים װאָלטן אים אומזיסט ניט גערודפֿט, װאָלט איצט געװען אַ צירונג פֿאַר זײַן פֿאָלק, אַלס אײנער פֿון די גרױסע געלערנטע לײַט, װעלכע ייִדן האָבן פֿאַרמאָגט אין אַלע צײַטן. און אַפֿילו איצט אויך, אַלס אײנער װאָס האָט ליב זײַן פֿאָלק און פֿלײַסט זיך צו מאַכן זײ גערעכט און אַראָפּנעמען פֿון זײ די פֿאַלשע בילבולים.

דאָס איז די פּעולה פֿון די פֿײַנט פֿון װיסן, װאָס פֿאַרטרײַבן די גרױסע געלערנטע לײַט, װאָס װאָלטן זײ געקענט גערעכט מאַכן אין דעם יום־הדין. זײ מײנען אין זײער נאַרישקײט, אַז זײ פֿאַר־לענדן דאָס שלעכטס און ראַמען אויס די דערנער פֿון װײַנגאָרטן, און אין דער אמתן פֿאַרדאַרבן זײ אַלע פֿרוכטבײמער, װאָס װאָלטן געקענט זײַן אַ צירונג פֿאַר ייִדן, און לאָזן איבער די שטעכיקע דערנער — דאָס זײַנען זײ אַלײן! ניט פֿיאָדאָראָװס קריװדע, װעל־כער האָט צוליב אויסערלעכע סיבות פֿאַרלאָזן ייִדנטום (אָבער ניט זײַן ליבע צו ייִדן!) און אויך ניט אַדלזאָנס קריװדע בין איך דאָ דער עיקר אויסן זיך אָנצונעמען — אין כּעס אָבער בין איך דערהיצט אויף די פֿאַנאַטיקער, װאָס רודפֿן מיט גרימצאָרן און זײַנען יורד לחיים יעדערן, װער עס זוכט װיסן! און װיפֿל גרױסע געלערנטע לײַט האָבן זײ אָפּגעשטױסן פֿון זיך, און האָבן דורכ־דעם אָפּגעשװאַכט די קראַפֿט פֿון זײער פֿאָלק! זײ װעלן טראָגן די זינד פֿון די פֿאַרשטײסענע, זײ זײַנען דער חײב! צום באַדױערן, האָבן זיך נאָך ניט אויסגענומען די דאָזיקע פֿאַנאַטיקער בײַ ייִדן, זײ מאַכן נאָך אָן בײַ אונדז היבשע צרות און רודפֿן נאָך מיט דער גרעסטער אַכזריות דעם, װאָס שטרעבט צו בילדונג *).

---

*) אַן ענלעכע באַמערקונג שרײַבט ער אויך אויף פּיאָדאָראָװס בריװ („Евр. Старина“, 1910, ז. 414—416).

בעת מיר זיינען צוזאַמען, איך מיט מיין פֿאַרשטאָרבענעם פֿריינד אַדלזאָן געזעסן אין דובנע, האָבן מיר זיך געפֿליסט צו פֿאַרשפּרייטן דאָס ליכט פֿון וויסן צווישן דער יידישער יוגנט, און אונזער מי האָט געגעבן פֿרוכטן, ווייל עס האָט זיך אין יענער צייט געמערט דאָרטן דאָס וויסן און פֿיל זיינען אַרויס פֿון פֿינסטערניש צו גרויס ליכטיקייט און זיינען אַריין אין די אוני־ווערסיטעטן און זיינען געוואָרן אַ בענטשונג פֿאַרן לאַנד.

איך בין אין דובנע קיין סך ניט געזעסן; סוף יאָר תקצ״ג האָט מיך גענומען דער גביר און משכיל ר׳ לייבוש כאַרי צו זיך אין מעזשעריטש אויף אַ קאָנדיציע, צו לערנען מיט זיין זון שמואל, וועלכער האָט זיך שפּעטער דערטרונקען.

לא.

דירעקטאָר שטערנס השתדלות, מע זאָל עפענען שולן אין בעסאַראַביע. — 1840־טער יאָר. — מיניסטער אוואַראָוו. — ד״ר ליליענטאַל. — ליליענטאַל — דער שליח פון דער רעגירונג.

פון זינט דער דירעקטאָר שטערן איז געקומען קיין אָדעס אָנצופירן מיט דער אָדעסער שול, האָט ער זיך אַלץ אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק, ווי צו ברענגען נוצן און צו העלפן זיין פאָלק אין דעם לאַנד, וואו ער איז זיך געקומען באַזעצן און וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר זיין נייער געבורטס־לאַנד. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז איין שול איז ווינציק צו עפענען די אויגן פון אַזאַ גרויס פאָלק, ווי די יידן אין רוסלאַנד און צו פאַריאָגן פון זיי די פינסטערניש, וואָס האָט זיך האָרטן איינגעוואָרצלט פון לאַנגע צייטן. היות ער איז געווען זייער חשוב ביי די אָדעסער מאַכט־האָבער, דערהויפט ביי גראַף וואָראָנצאָוו, וואָס איז אויך געווען גענעראַל־גובערנאַטאָר פון בעסאַראַביע, האָט ער זיך זייער ענערגיש משתדל געווען, און איז איז געלונגען אויסצופועלן, אַז מע זאָל עפענען אַ שול אין קישינעוו, די הויפט־שטאָט פון בעסאַראַביע, הגם קישענעוו איז דעמאָלט געווען פול מיט פאַנאַטישע חסידים, וואָס פלעגן טראָגן פדיונות צו זייערע רביים, וועלכע האָבן דאָרטן געהאַט די גרעסטע שליטה איבער די יידן.

ער האָט אַהין אַוועקגעשיקט דעם באַרימטן געלערנטן ר׳ משה סגל לאַנדע, דעם בעל „נודע ביהודה‟ס אייניקל און ר׳ נחמן נתנס, דעם אומאַנער גבירס אַן איידעם, ער זאָל זיין פאַרוואַלטער איבער דער שול. מיר האָט ער אויך געוואָלט געבן אַ פאָסטן אין דערדאָזיקער שול, און אין יאָר ת״ר בין איך אַהין געקומען. נאָר לאַנדע איז שוין געהאַט אַוועק פון דאָרטן, ווייל שלעכטע לערער האָבן אים פאַרביטערט דאָס לעבן, און איך האָב אויך דאָרטן ניט געוואָלט פאַרבלייבן און בין אַוועק פון דער שול.

בעת איך בין אין יאָר ,תרי"א געקומען קיין באַרדיטשעוו, האָב איך פֿון דאָרטן געשריבן אַ בריוו דעם דירעקטאָר ר' בצלאל שטערן קיין אָדעס און האָב אים פֿאָרגעלייגט לויט דער עצה פֿון מיין פֿריינד דאָקטאָר ראָטענבערג, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין ביי דער מאַכֿט, מע זאָל עפֿענען אַ שול אין דער שטאָט באַרדיטשעוו. ס'איז אָבער געווען באַשערט, אַז ניט הירך שטערנען זאָל דידאָזיקע שטאָט געהאָלפֿן ווערן און די בלינדע זאָלן דאָרטן אויפֿעפֿענען די אויגן, נאָר אַן אַנדער מענטש האָט גאָט אויסגעוויילט צו ברענגען פֿאַר יידן די גרויסע ישועה, ווי מיר וועלן זען ווייטער.

אין יאָר 1840 האָט גאָט דערוועקט דעם געמיט פֿון דעם מעכֿטיקן קיסר ניקאָלאַי דעם I, נשמתו עדן, ער זאָל אויפֿמערקזאַם ווערן אויף דעם מצבֿ פֿון יידן, און ער האָט דערזען, אַז ער איז זייער אַ שלעכֿטער, ווייל זייערע אויגן זיינען פֿאַרמאַכֿט פֿון צו זען, און זייער האַרץ — פֿון צו פֿאַרשטיין, אַז זיצנדיק אין אַ פֿרעמד לאַנד צווישן אַזאַ גרויסן פֿאָלק, ווי די רוסן, מוזן זיי קענען די לאַנד־שפּראַך און די געזעצן פֿון דעם לאַנד און דאַרפֿן זיך דערנעענטערן צו די בירגער אין אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָס איז ניט נוגע דעם דת און דער אמונה, און דאַרפֿן אַזוי ערציען זייערע קינדער, זיי זאָלן זיין צוגעגרייט צו באַקומען בירגער־רעכֿט.

דער קיסר האָט דערזען און פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז ניט גוט, וואָס די יידן זיינען אָפּגעזונדערט, און זיינען אַזוי ווי אַ פֿרעמדער אין זיין אייגן פֿאָטערלאַנד, און ביי די יידן גופֿא איז ניטאָ קיינער, ווער עס זאָל זיי אויפֿמערקזאַם מאַכֿן צו פֿאַרריכֿטן דעם פֿעלער, אויסער דאָס ביסעלע משכּילים, וואָס האָבן גיט געהאַט קיין שום אַוטאָריטעט, און מע פֿלעגט נאָך, פֿאַרקערט, פֿון זיי אָפּלאַכֿן, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוגיין דעמדאָזיקן פֿאָלק צו הילף, און מיט אַ קייזערלעכֿן באַפֿעל איינפֿירן ביי זיי גוטע אָרדענונגען און געזעצן, אין וועלכֿע זיי זאָלן קענען לעבן, כּדי צוגרייטן זיי, זיי זאָלן קענען אויפֿנעמען זיינע טובֿות אין די קומענדיקע צייטן. ער האָט אַלץ געטראַכֿט, ווי צו העלפֿן זיי, נאָך זייער דרך נאָך,

צו גרינדן פֿאַר זיי באַזונדערע שולן. ער האָט באַפֿוילן דעם מיניסטער פֿון פֿאָלקסבילדונג צו זוכן עצות און מיטלען, ווי אויפֿצוהייבן דאָס יידישע פֿאָלק פֿון זיין נידעריקן מצבֿ און געבן אים אַ גוטן אויסלאָז און אַ האָפֿענונג אין דער צוקונפֿט.

דער מיניסטער פֿון פֿאָלקס-בילדונג, סערגעי סעמיאָנאָוויטש אוּוואַראָוו, איז געווען אַ גוטער און רעכטפֿאַרטיקער מאַן, האָט ליב געהאַט אַלע מענטשן אָן אונטערשייד פֿון רעליגיע און פֿאָלק, און ער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט פֿון דעם קיסרס באַפֿעל, און האָט ניט געזאַמט אים אויסצופֿירן. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַרויס אַן „אוּקאַז“ צו אַלע גענעראַל-גובערנאַטאָרן און אַלע גובערניעס, וואו יידן וואוינען, מע זאָל גרינדן קאָמיטעטן, און וועלכע מע זאָל איינלאַדן, אויסער די הייכע שררות, אויך קלוגע לייט פֿון יידן, און צוזאַמען באַטראַכטן, מיט וואָס צו העלפֿן די יידן, זיי זאָלן קענען לעבן גליקלעך אין דעם געבענטשטן רוסלאַנד, און זאָלן ניט זיין אָפּגעזונדערט פֿון די איבעריקע פֿעלקער.

אין יאָר 1841 האָט אוּוואַראָוו אַרומגערייזט קורלאַנד און ליפֿלאַנד און איז איפֿן וועג אָפּגעשטיגן אין ריגע. ער האָט דאָרטן באַזוכט די פֿילאַנטראָפּישע און לערנאַנשטאַלטן, האָט אויך באַזוכט די יידישע שול און די קאָר-שיל, וואָס די משכּילים האָבן דאָרטן געגרינדעט, און געזען דעם פּרידיקער פֿון קאָרשול, דאָקטאָר ליליענטאַל, אַ מינכענער יונגערמאַן, וואָס איז אויך געווען לערער אין דער יידישער שול. ליליענטאַל האָט זייער אויסגענומען ביי דעם מיניסטער מיט זיין שיינעם אויסזען און מיט זיין פֿיינעם ריידן, און אוּוואַראָוו האָט זיך דערפֿרייט מיט אים. זיין האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז אָט דער מאַן וועט ברענגען אַ ישועה זיין פֿאָלק און זיין ביי אים אַ פֿירער, ווייל ער איז געווען אַ געבילדעטער מענטש און אַ שיינער רעדנער, און דאָס פֿאָלק וועט נאָך אים גיין און וועט אים פֿאָלגן. אוּוואַראָוו האָט געוואוסט דעם קיסרס כאַראַקטער, זיין שטרעבונג צו טאָן טובֿות, און זיין שרעקלעכער צאָרן אויף די, וואָס ווידערשפּעניגן זיין ווילן; פֿון אים איז אויך ניט געווען פֿאַרהוילן די האַרטנעקיקייט פֿון יידן אין אַלע ענינים

פֿון זייער אמונה, וואָס איבער איר האָבן זיי זיך געלאָזט טויטן אין פֿייער און אין וואַסער — און ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אַז אויב בײַ די יידן גופֿא וועט ניט אויפֿשטיין אַ פֿאַרשטאַנדיקער און קלוגער מאַן, וואָס גאָטס גייסט לעבט אין אים און זיין וואָרט איז אויף זיין צונג, און זאָל עפֿענען דעם פֿאָלק די אויגן און געבן אים צו דערקלערן, אַז דער קיסר וויל מיט זיי טאָן נאָר גוטס און אַז ער מיינט ניט, הלילה, אָנצורירן דעם יידישן דת; אויב עס זאָל זיך ניט געפֿינען אַזאַ מענטש, וואָס זאָל זיי ערקלערן, אַז פֿון זייער טובֿה וועגן דאַרפֿן זיי פֿאָלגן דעם קיסרס געבאָט, און זיי זאָלן זיך ניט דערוועגן אים ווידערשפּעניקן — דעמאָלט וועט מיט זיי זיין זייער ביטער.

אוואַראָוו האָט דערציילט ליליענטאַלן אַלץ, וואָס דער קיסר האָט אים באַפֿוילן צו טאָן פֿאַר יידן, כּדי אויפֿצוהייבן זיי פֿון זייער נידעריקן מצבֿ, און האָט אים איינגערעדט, אַז אויס ליבשאַפֿט צו זיין פֿאָלק זאָל ער אויף זיך נעמען די שליחות, צו גיין אין אַלע גרויסע יידישע שטעט און מיט דעם טאַלאַנט פֿון זיין ריידן זאָל ער ווירקן אויף די יידן, זיי זאָלן שיקן דאַנק-בריוו צום קיסר פֿאַר דעם חסד, וואָס ער האָט מיט זיי בדעה צו טאָן, און זיי זאָלן אים בעטן, ער זאָל פֿאַר זיי עפֿענען שולן און זאָל זיי האָבן אין זינען צום גוטן, און זאָל זיי לייטזעליקן, ווי אַ פֿאָטער זיינע קינדער. דער מיניסטער האָט געוואוסט, אַז דעם קיסרס ווילן איז, די יידן זאָלן זיך אַליין מעורר זיין צו בעטן בײַ אים חסד — דעמאָלט וואָלט ער געניגט צו זיי זיין רחמנות און וואָלט זיי גוטס געטאָן דאָס גאַנצע לעבן.

ד"ר ליליענטאַל האָט מסכּים געווען צו נעמען אויף זיך די-דאָזיקע מיסיע, הגם ער האָט געוואוסט, אַז ס'איז זייער שווער צו איבעררײדן אַ פֿאָלק, וואָס האָט שוין זינט הונדערטער יאָרן פֿאַרוואָרפֿן בילדונג, וואָס זיינע פֿירער האָבן אים אָראָפּגעפֿירט פֿון דעם וועג פֿון חכמה צו ווילדע אָבערגלויבנס; ס'איז פֿאַרשטאָפּט געוואָרן דער אויער פֿון פֿאָלק צו הערן קלוגע שטראָף-רייד און פֿאַרוואַרפֿן, וואָס ברענגען לעבן, בפֿרט נאָך פֿון אַ מענטש, וואָס איז אָנגעטאָן אייראָפּעאיש, מיט אַ געגאָלטער באָרד. ער האָט גוט

געוואוסט דעם שווערן יאָך, וואָס ער נעמט אויף זיך. דאָך האָט ער זיך פֿאַרלאָזן אויף גאָט, אַז זיינע ווערטער, וואָס גייען אַרויס פֿון אַ האַרץ, פֿול מיט ליבע צום פֿאָלק, וועלן געהערט ווערן.

דער מיניסטער איז אַוועקגעפֿאָרן, און ליליענטאַל האָט ער געהייסן זיין גרייט צו קומען קיין פּעטערבורג אין אַלע ציטן, ווען מע וועט אים רופֿן. דערווייל זאָל ער אַליין אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, וואָס צו טאָן מיט די יידישע קהילות, וואו ער טראַכט איצט צו פֿאָרן.

לב.

ד״ר ליליענטאלס בריוו צו די יידישע קהילות.— די ווילנער יידן פאר זיין פראיעקט און די מינסקער קעגן. — די ווילנער—אויך קעגן. — מע וויל ניט אננעמען די טובה פון קיסר. — עס קען זיין זייער ביטער פאר יידן. — יידן דארפן זיך לאזן בילדן גלייך מיט אלע מענטשן — שמואל־יוסף פין פאראייביקט זיין נאמען אין ליליענטאלס בריוו.

כדי צו האבן א השגה פון די אלע צרות, וואס ד״ר ליליענטאל איז אויסגעשטאנען אין די ערשטע צייטן, בעת ער האט געפרוווט ריידן צו די יידן, זיי זאלן פאלגן דעם ווילן פון קיסר, צו זייער גליק און טובה, ברענג איך דא פאר די לעזער דעם בריוו, וואס ליליענטאל האט געשריבן דעם זיבעטן טאג אין חודש תשרי תר״ג, און וועלכער האט זיך דערמזעלבן יאר אפגעדרוקט אין ווילנע.

„מיינע ברידער און מיין פאלק!*)

צו אייך, מענטשן, טו איך רופן, און מיין שטימע צו די קינדער פון מיין פאלק; דען גרויסע זאכן האב איך אייך צו דערציילן און ישועות פון נאענטן געקומען, וואס אונזערע עלטערן האבן ניט געזען און אונזערע זקנים ניט געהערט; מיינע טרערן אויף מיינע באקן, טרערן פון פרייד און התפעלות. מיין הארץ צאפלט זיך אין מיר און מיט ציטער גיב איך אפ א שבח דעם אויבערשטן, וואס האט געטאן מיט אונז אזא חסד, צו דערהאלטן אונז צווישן די פעלקער און צו נייגן די הערצער פון די מלכים און די שרים, זיי זאלן זיך אויף אונז דערבארימען. שוין צוויי יאר, ווי גאט האט דערוועקט דעם געמיט פון דעם קיסר, ירום הודו, צו באפוילן די הויכע שררות, וואס פארנעמען דעם ערשטן פלאץ

---

*) ליליענטאל האט ניט באהערשט די העברעאישע שפראך און האט דעם בריוו געשריבן אין דייטש, און ר׳ שמואל־יוסף פין האט אים איבערגעזעצט אדער אליין אנגעשריבן אין העברעאיש. — א. ב. ג.

אין דער מלוכה, צו באַראַטן זיך און באַטראַכטן, ווי צו פֿאַרבעסערן די לאַגע פֿון יידן אין דעם פּרט פֿון בילדונג און זיטלעכקייט, דען ער האָט געזאָגט: „איך קען ניט זען די שפֿלות פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק. איך בין זיי אַלעמען אַ פֿאָטער און זיי אַלע זיינען מיינע אונטערטעניקע; דעריבער פֿלייסט זיך און געפֿינט אים אַ תּרופֿה צו אייערע מחלות, און איך וועל טאָן, וואָס איך וועל געפֿינען פֿאַר גוט פֿאַר די יידן, וואָס וואוינען אין מיין מלוכה".

אַזוי האָט גערעדט דער קיסר, ירום הודו. ניט דער „מלוכה־ראַט" און ניט דער מיניסטאָרן־קאַבינעט האָבן אים מקדים געווען מיט דידאָזיקע עצות, ניט זיי האָבן דערוועקט זיין דערהויבענעם גייסט, בלויז ער אַליין איז דער איינציקער הערשער אין דער מעכטיקסטער מלוכה אויף דער וועלט, בלויז ער אַליין האָט זיך אין זיין גענאָד געווענדט צו דעמדאָזיקן אָרימען פֿאָלק, האָט זיך געווענדט מיט זיין גוט האַרץ, ווי אַ דערבאַרעמדיקער פֿאָטער, צו די הונדערטער טויזנטער מענטשן, כּדי אויפֿצוהייבן זיי אויף דער העכסטער הייך פֿון דעם גליקלעכן לעבן, געבן זיי שולן און דערמיט מאַכן אויפֿשיינען, אַזוי ווי דער מאָרגנשטערן, זייער ליכט און זייער גליק, אַזוי ווי די שיין אין האַלבן טאָג, און זייער איציקן לעבן מאַכן בעסער פֿון דעם פֿריערדיקן.

שנעל און אייליק האָבן די שׂררות גענומען דערפֿילן דעם אַלערהעכסטן באַפֿעל און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַרויס דעם קיסרס מאַניפֿעסט צו אַלע גענעראַל־גובערנאַטאָרן, אומעטום וואו יידן וואוינען, צו גרינדן קאָמיטעטן, און די קאָמיטעטן זאָלן זיך אויך מיישב זיין מיט יידן, וועגן דער עבֿודה פֿון די רבנים בכּלל און זייער טואונג בפּרט, און צוזאַמען באַראַטן זיך, כּדי צו געפֿינען אַן עצה, ווי צו מאַכן די יידן פֿאַר גליקלעכע און נוצלעכע בירגער. נאָך דעם אַלעם, ניט וויסנדיק פֿון קיין זאַך, וואָס עס ווערט געפּלאַנט, בין איך אַרויסגערופֿן געוואָרן קיין פּעטערבורג, כּדי אַרויסצוזאָגן אויך מיין מיינונג וועגן די יידישע אָנגעלעגנהייטן פֿאַר דעם מיניסטער אוּוואַראָוו, און דערדאָזיקער גוטער און ריינהאַרציקער מיניסטער האָט געטראָפֿן מיט טרייסט־

ווערטער און רחמים פֿאַר זיינע גרויסע פֿריינד, די איבעריקע מיניסטאָרן, און האָט זיך מיט זיי מיישב געווען, ווי צו געפֿינען אַ תרופֿה פֿאַר די יידישע קראַנקהייטן.

זעקס וואָכן האָב איך דאָרטן פֿאַרבראַכט לויט דעם ווילן פֿון דעם מיניסטער, און אומקערנדיק זיך קיין ריגע, האָב איך דערהאַלטן אַ באַפֿעל צוצוגרייטן אַן ענטפֿער אויף אַלע פֿראַגן, וואָס מע וועט מיך פֿרעגן פֿון מיניסטעריום וועגן דידאָזיקע ענינים, און איך האָב געהאַט אַרבעט ביז חודש טבֿת, דעמאָלט האָב איך באַקומען אַ באַפֿעל צו פֿאָרן קיין ווילנע — כּדי צו איבערציַיגן זיך, צי איז מיין פֿאָלק גרייט צו דערפֿילן דעם רצון פֿון דער רעגירונג און צי זיינען זיי מסכּים צו עפֿענען שולן אויס פֿרייען ווילן — און דערמיט גופֿא צו שטיצן די פֿעסטונגען פֿון זייער גליק, צוליב זייער טובֿה וועגן.

די פֿאָרשטייער פֿון דער ווילנער געמיינדע האָבן מיך אויפֿגענומען מיט גרויס פֿריינדשאַפֿט, און איך האָב זיך אויך פֿאַרטרויט מיטן גאַנצן האַרצן צו זייערע אינטערעסן און שטרעבונגען; האָבן זיי געהאַלטן מיט מיר, ביז איך אַוועק קיין מינסק. די מינסקער לייט האָבן ניט פֿאַרשטאַנען די כּוונה פֿון מיין שליחות, זיי זיינען געווען טעמפּ און בלינד, כּדי צו קענען פֿאַרשטיין דעם ווילן פֿון דעם מיניסטער, וואָס פֿאַרלאַנגט זייער טובֿה. זיי האָבן זיך אומגעקערט צו מיר מיטן רוקן, אין אָנשטאָט צו פֿאַרשטיין, אַז ווען זיי טוען פֿרייוויליק דעם רצון פֿון דער רעגירונג, קויפֿן זיי זיך דערמיט איין ביי איר אין לאַסקע, האָבן זיי אויף מיר אויסגעגאָסן זייער צאָרנדיקן האַס, האָבן ניט געוואָלט הערן פֿון קיין אמתע עצה, האָבן ניט געגלייבט מיינע ווערטער, אַז אויב זיי וועלן זיך שטעלן אַנטקעגן, וועט דער קיסר זיין באַפֿעל אויספֿירן מיט גוואַלד, זיי האָבן מיך אויסגעלאַכט, מיך געהאַסט און גערודפֿט, אַז ס'איז מיר אַ שאַנד און אַ חרפּה אין פּנים.

אַזוי האָב איך זיך אין דריי וואָכן אַרום אומגעקערט קיין ווילנע מיט אַ טרויעריקן געמיט, און מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָב איך געוויינט אויף דעם, וואָס מיינע ברידער האָבן פֿאַרלאָרן דעם דינען — אין דער שטיל האָב איך אויסגעגאָסן מיין ביטער האַרץ

איך האָב תּפֿילה געטאָן און געזאָגט: ביז וואַנען, גאָט! ביז וואַנען, וועלן זיי מיט די אייגענע הענט אַרויסקערן אויף זיך דעם בראָך און דעם אומגליק.

דערווײַל האָבן די ווילנער ייִדן אויך חרטה געהאַט און דעם צווייטן טאָג חול־המועד פּסח האָבן זיי אַליין צעשטערט דעם פֿאַרפֿלוכטן בנין, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט, און האָבן מיך גערודפֿט: — „אַרויס, אומרייִנער מענטש, האָבן זיי מיר נאָכגעשריען, אַרויס, פֿאַרפֿירער און פֿאַררעטער פֿון דײַן אייגן פֿאָלק, מיר וועלן דיך פֿאַר דער רעגירונג פֿאַרקלאָגן!“

איך בין אויסגעגאַנגען פֿון צער, און גאָט, וואָס איז אַ בוחן כּליות, ווייס, אַז בלויז צוליב זײַן גרויסן נאָמען און זײַן הייליקן דת, בלויז צוליב דעם גליק פֿון מײַנע ברידער און מײַן פֿאָלק האָב איך אויף זיך גענומען די דאָזיקע גרויסע אַרבעט — גאָט, וואָס זעט דעם מענטשנס האַרץ, האָט געזען, אַז מיטן גאַנצן האַרצן האָב איך אויפֿמערקזאַם געמאַכט מײַנע ברידער, וואָס וווינען אין רוסלאַנד, מקדים צו זײַן די רעגירונג, כּדי זי זאָל אויך מיט אונדז גוטס טאָן און כּדי עס זאָל אַראָפּגענומען ווערן פֿון אונדז די שאַנד, און צו דעם דאָזיקן ציל קענען מיר קומען בלויז, אויב מיר וועלן זיך פֿלײַסן אָפּהיטן אונדזער דת און אונדזער אמונה אין זייער עכטער ריינקייט און אויב מיר וועלן געבן אונדזערע קינדער אַ גוטע ערציִאונג — בלויז מיט דעם וועט זיך די הויכע רעגירונג לאָזן איבערבעטן און עפֿענען פֿאַר אונדז נײַע מקורים פֿון חיונה. גאָט אַליין ווייס, אַז מײַנע מחשבֿות זײַנען ריין! פֿאַר מײַנע ברידער אָבער זײַנען זיי געווען פֿרעמד און זיי האָבן מיך געמאַכט פֿאַר אַ גאָט־לעסטערער, פֿאַר אַ שונא און עוכר ישׂראל, און האָבן געטראַכט, אַז גאָט פֿאַרלאַנגט, מע זאָל מיך פֿײַנט האָבן און האַסן.

אַ גערודפֿטער, אַ פֿאַרהאַסטער און באַשימפּטער בין איך אַוועק קיין פּעטערבורג, ווײַל דער גענעראַל גרובער, דער בילדונגס־קוראַטאָר, האָט מיך געשיקט רופֿן. דער מיניסטער האָט שוין געוווּסט פֿון אַלץ, וואָס עס האָט פּאַסירט, און האָט געוואַרט אויף מײַן קומען.

בעת איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון ווילנע, איז די שטאָט ניט אַרויס מיך באַגלייטן, מע האָט זיך מיט מיר אַפֿילו ניט געזעגנט, ניט צעקושט און געמונטערט מיך מיט קיין טרייסט־ווערטער, עס האָבן זיך דערווייטערט פֿון מיר די אַלע, צוליב וועלכע איך האָב פֿאַרלאָזן מיין פֿאָטערס הויז און מיין געבורטס־לאַנד, נאָר, אויפֿהייבנדיק מיין אויג צום פֿאָטער אין הימל, האָב איך פֿאַרגעסן אָן אַלע צרות, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין, וואָס איך האָב געשטעלט דאָס לעבן אין קאָן, כדי צו טאָן עפּעס פֿאַרן פֿאָלק, אייכפּועלן עפּעס פֿאַר זייער גליק, אויף וויפֿיל עס וועט מיר אָפּגילטן.

און ווער וואָלט אויף מיר געקענט פֿאַראיבל האָבן, אויב פֿאָרנדיק איצט קיין פּעטערבורג, וואָלט איך זיך אָפּגערעכנט מיט מיינע שונאים? ווער קען דען צו מיר האָבן טענות, אויב איך וואָלט דאַמאָלסט צו זיך געזאָגט: „נאָך וואָס זאָלסטו זיין אַ רודף־שלום, בעת זיי רודפֿן דיך און שילטן דיך פֿאַר יעדן גוטן אויפֿטו?“ אָדער ווער קען זיך נעמען דאָס רעכט מיך צו באַשולדיקן, אויב זייענדיק נאָך אַ יונגערמאַן און ניט האָבנדיק מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן, וואָלט איך אין מיין גרויסן צער געוואָלט היילן מיינע אייגענע וואונדן?

ס'איז אָבער דאָ אַ גאָט אין מיין האַרצן און די ליבשאַפֿט צו מיין אמונה און צו מיין פֿאָלק ברענט אין מיר, ווי אַ פֿלאַקער פֿון גאָט ניט איינצולעשן. „ווער בין איך און וואָס בין איך — האָב איך זיך געטראַכט — איך זאָל זיך אָפּרעכענען פֿאַר מיין אייגענעם כבוד, צי בין איך דען ניט דער קלענסטער צווישן יידן? און דער געמיינסטער צווישן צענדליקער טויזנטער מענטשן? גאָט, וואָס פֿירט מיך פֿון מיין יוגנט אָן, און די רייד פֿון זיין פֿאַרטרויטן וועלן שטענדיק שטיין פֿאַר מיינע אויגן. איך ער האָט געבעטן ביי גאָט: „מעק מיך אויס פֿון „דיין ספֿר“, און מיר דאַרפֿן גיין אין זיינע הייליקע דרכים, כדי אַראָפּצונעמען די חרפּה פֿון די, וואָס טאַדלען אונז, און צו האַלטן שטענדיק די טובֿה פֿון אונזערע ברידער פֿאַר די אויגן. איך האָב געבעטן גאָט, ער זאָל מיך שטאַרקן

און מיט די־האָזיקע מחשבֿות בין איך געקומען אין דער הויפּטשטאָט אַריין און האָב זיך געשטעלט פֿאַרן מיניסטער.

איך האָב אים און די שׂרות וואָס רינגלען אים אַרום דערציילט אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, און איך האָב אים געבעטן, ער זאָל ניט זיין שטאַרק בייז אויף מיינע ברידער, נאָכמאָל זיי האָבן מיך ניט געוואָלט פֿאָלגן. זיי האָבן עס ניט געטאָן אויס ווידערשפּעניקייט צו דעם ווילן פֿון קיסר — וואָרעם ווער איז נאָך אַזוי געטריי דעם קיסר, ווי די יידן? און ווער פֿאָלגט נאָך אַזוי זייער האַר, ווי די יידן? בלויז מיר אַליין האָבן זיי ניט געגלויבט, ווייל איך בין ביי זיי אַ פֿרעמדער מענטש פֿון אַ פֿרעמד לאַנד, און דעם קיסרס באַפֿעל האָבן זיי נאָך שריפֿטלעך ניט געזען; צווייטנס, געפֿינענדיק זיך אין זייער אַ נידעריקן מצבֿ, ציטערן זיי פֿאַר יעדער נייס, ז׳ זאָל ניט שוואַך מאַכן די זיילן פֿון זייער דת און יעדער נייער קלאַנג וואַרפֿט אויף זיי אָן אַן אימה, ווייל די־יעניקע, וואָס דער איינציקער אָנהאַלט פֿון זייער לעבן איז בלויז די אמונה, די־יעניקע, וואָס אין דינען גאָט געפֿינען זיי דעם מקור פֿון זייער פֿרייד און האָפֿענונג — ציטערן זייער שטאַרק, זיי זאָלן די אמונה ניט פֿאַרלירן, און דעריבער טרייסטן זיי זיך: בעסער זאָלן אונזערע קינדער אויסוואַקסן אָן חינוך און אָן קענטעניש, וועלן זיי זיך ניט שעמען צו עסן דעם געמיינעם ברויט, וואָס זיי האָבן אַליין פֿאַרדינט, וועלן זיך ניט שעמען צו טראָגן דעם גאַנצן יאָך פֿון יידישקייט, וועלן זיך ניט שעמען אַפֿילו צו זיין פּאַקטוירים. וואָס וועט אָבער זיין אויב זיי וועלן זייערע קינדער דערציען אין בילדונג, און קיין אַנדער ברויט, אויסער די פֿריערדיקע פּרנסה, פֿון וועלכער זיי וועלן זיך מיאוסן, וועלן זיי ניט האָבן — וועלן זיי דעמאָלט אַוועקוואַרפֿן די אמונה פֿון זייערע עלטערן, — און ווער קען עלטערן דן זיין, אויב זיי האָבן אַזעלכע מחשבֿות, אויב זיי האָבן מורא פֿאַר דעם? ניין, ניין! די אמונה — דאָס איז זייער אייגנס, די תּורה — איז זייער אַרבֿ, און אַפֿילו זייער גאַנץ לעבן און פֿאַרמעגן זיינען גאָרנישט ניט ווערט אַנטקעגן זיי. ווען זיי וואָלטן פֿאַרשטאַנען, אַז די געהויבענע רעגירונג וויל אויך זייער גליק, ניט אָנרירנדיק זייער אמונה, וואָלטן

זיי אַלע איינגעשטימט צו גיין אין דעם וועג, אין וועלכן דו וואָלסט פאַרזאָגט צו גיין, דען דאָס דאָזיקע פאָלק איז קלוג און פאַרשטאַנדיק צו קענען אונטערשיידן פון גוטס צו שלעכטס, זיי פאַרמאָגן גוטע כשרונות, און אין משך פון אַ קורצער צייט וועט רוסלאַנד האָבן נאָך הונדערטער טויזנטער נוצלעכע און גוטע מענטשן.

דער מיניסטער האָט מיט פרייד אויסגעהערט די דאָזיקע רייד מיינע און האָט געענטפערט: דו ביסט גערעכט! מיר דאַרפן זאָרגן צו געפינען אַ מיטל, דעם קיסרס רצון זאָל אויסגעפירט ווערן, כדי זיי זאָלן אויף זיך ניט ברענגען קיין גרעסערן אומגליק מיט זייער אָפּזאָגן זיך. זייער לעבנסשטייגער און זייער טועכץ וועלן אויסגעפאָרשט ווערן און דורך אַ באַפעל פון דער רעגירונג וועט עס אַלץ פאַרעפנטלעכט ווערן. אָבער וואָס וועט זיין זייער סוף, אויב זיי וועלן זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען דעם חסד און ניט וועלן הערן די גוטע רייד פון דער רעגירונג?

טאָ וואָס-זשע וואונדערט איר זיך, מיינע טייערע ברידער, אויב אונזערע שכנים רופן אונדז פוילער און אָפּגעלאָזענע, בעת זיי זעען אונזערע עלנטע אָרימעלייט, וואָס שלעפן זיך מהנות-זיין איבער די גאַסן אָן אַ קלייד אום ווינטער אין שמאַטעס, קראַנקע און צעווייטאָגטע, און בעת זיי גיבן אַ קוק אויף זייערע וואוינונגען, וואָס זיינען פול מיט ברוד און שמוץ? צו וואָס-זשע זאָלט איר זיך הידושן, אויב אַלע, זיינען אייך מבזה, ווי אַן אומנוציקע כלי, מע מיאוסט זיך צו שטיין אין אייער נאָענטקייט און מע דערווייטערט זיך פון אייך, און מע וויל אייך ניט געבן קיין בירגער-רעכט?

און אויב איר וועט ענטפערן: מיר זיינען ריין פון שולד, דען וואָס וואָלטן געטאָן די אַנדערע פעלקער, ווען זיי וואָלטן געווען אין אונזער לאַגע? וואָס וואָלטן זיי געטאָן, אויב זיי וואָלטן דאַרפן אַרומגישטערן אַ גאַנצן טאָג, כדי צו ברענגען אַ שטיקל טרוקן ברויט פאַר זייער פאַמיליע? מיר, ביי אונזער גאַנצער פיין, האָפן מיר נאָך צו גאָט, און אין אונזער געדריקטן מצב פרייען מיר זיך פונדעסטוועגן אַלע שבת און יום-טוב מיט הייליקער יראה אַפילו ביי אַן אַלט געבאַקן שטיקל ברויט, און ווען די צרות

זאָלן נאָך שווערער ווערן, וועט אַלץ ניט אָפּגעטאָן ווערן פֿון אונ־
זער זכּרון דער גרויסער און פֿאָרכֿטיקער נאָמען פֿון גאָט, וועלן
מיר ניט פֿאַרגעסן דעם יום־הדין אין דאָס אייביקע לעבן אויף יענער
וועלט. מיר וועלן מורא האָבן פֿאַר אונזער פֿאָרכֿטיקן גאָט און
מיר וועלן זיך מיען אָפּצוטאָן פֿון אונז יעדע זינד און פֿאַרברעכן.

גוט, ברידער, איר זאָגט אמת, אָבער ווער וויס דאָס? ווער
וועט פֿאַר אונז ריידן אין אָננעמען זיך אונזער קריוודע? וואו זיי־
נען די מענטשן, וואָס זאָלן פֿאַרשטאָפּן די מיילער פֿון די, וואָס
ריידן אויף אונז בייז? וואו זיינען די, וואָס זאָלן אַרויסברענגען,
ווי דאָס ליכט, אונזער משפּט? יאָ, אמת, ביי אונז איז פֿאַראַן
אהבה און ענווות, פֿאַראַן ביי אונז צדקה און רחמנות, אָבער ווער
וועט דאָס קענען פֿאָרברענגען פֿאַר די גרויסע לייט? און ווער וועט
דאָס קענען דערציילן אין דעם ראַט פֿון די שררות פֿון לאַנד? ביי
אונז געפֿינען זיך תּלמוד־תּורות און ישיבֿות, פֿאַראַן ביי אונז
לומדים, אָבער ווער פֿון זיי וועט קענען אָפּנייגן דאָס האַרץ פֿון
די גרויסע שׂרים צו אונזער טובֿה. אמת, אַפֿילו דער ויסטער קבצן
לויפֿט הערן גאָטס וואָרט, הערן תּורה פֿון די וואָס דרשענען זי און
חכמה, פֿון די, וואָס לערנען זי, אָבער ווער קען עס פֿעסטשטעלן,
צי ער גייט אין גאָטס הויז און ניט אין קראָם אַריין נאַרן? ווער
קען זיי אויפֿקלערן, אַז ער לויפֿט עס צו לערנען זיין הייליק געזעץ
און ניט—צו שטילן זיינע תּאוות?

וויי־וויי! ס'איז אַפֿילו קיין איין מענטש ניטאָ, וואָס זאָל קע־
נען ריידן פֿאַר זיין פֿאָלק, בלויז ביז הערט מען וועגן אונז,
די שטימע, וואָס איז מבֿזה אונזער כּבֿוד, דערנידעריקט אונזער
נאָמען ביי די פֿעלקער, וועט שטענדיק אויסגעהערט ווערן, פֿון
יעדער זייט און יעדן ווינקל הערט מען רק אומרעכֿט און פֿאַר־
ברעכן: דאָ האָט איינער פֿון אונזער פֿאָלק געזאָגט ליגן, דאָ האָט
איינער פֿון אונזער עדה געגנבֿעט, דאָ האָט איינער געשוואַרצט די
גרעניץ, דאָרטן האָט איינער גובֿר געווען אויף אַ געזעץ פֿון לאַנד,
און יעדע גערעכֿטיקייט פֿעלט, און יעדער חסד שטומט, דעריבער
דינען מיר פֿאַרמיאוסט און געפֿאַלן, דער וויינגאָרטן פֿון גאָט
איז וויסט און דערנער וואַקסן אין אים.

אַז דער מיניסטער האָט געענדיקט ריידן, האָט ער דערלאַנגט דעם מעמאָראַנדום דעם מיניסטאָרן־קאָמיטעט, וואָס איז געווען דער ממונה איבער די יידישע אָנגעלעגנהייטן. דערדאָזיקער מאָמענט איז געווען אַ ווילדטיקער און אַן ערנסטער, דערדאָזיקער טאָג איז געווען אַ הייליקער און אַ פאָרכטיקער: ווען זיי וואָלטן, חלילה, געשטעלט זיך אַנטקעגן אייער עקשנות און אייער אומווילן — ווער וואָלט דערוועגט זיך זיי איבערצושפּאַרן? ווער וואָלט זיך דען אָנגענומען מיט דרייסטקייט אויסצוריידן זיי אַנטקעגן כאָטש איין וואָרט?

אָבער גאָט האָט דערוועקט דעם רחמנות פון די שרים, דען מיט ליבשאַפט זייט איר דערמאָנט געוואָרן אין הערמדאָזיקן טאָג, און מיט חסד איז גערופן געוואָרן אייער נאָמען. זיי האָבן געזען אייער מצב און האָבן געוואוסט, אַז איר זייט געטריי דעם מישל און איר היט זיך, ניט עובר צו זיין אויף זיינע געבאָטן, און פה אחד האָבן אַלע גרויסע לייט געענטפערט: „בלויז צוליב זייער מורא, מע זאָל זיי ניט אַראָפּפירן פון זייער אמונה, ווילן זיי ניט פאָלגן, בלויז צוליב זייער פחד, עס זאָל, חלילה, ניט פאַרשוועכט ווערן זייער הייליקע תורה, פאַרשטאָפּן זיי זייערע אויערן פון יעדער עצה, ווייל דאָס דאָזיקע פאָלק איז זייער גאָטספאָרכטיק און זייער גאַנץ לעבן איז נאָר די תורה, וועלכע זיי ווילן ניט אַוועקגעבן פאַר קיין פּרייז, און די איז ביי זיי טייערער פון אַלץ אין דער וועלט. זיי לאָכן זיך אויס פון אַלע אַנטיקן פון דער וועלט: זייער פאַרמעגן, זייער אַרבע, זייער האָפענונג און שטיצע איז דער נאָמען פון דעם איין־איינציקן גאָט. אָבער מיר דאַרפן דערוויזן דעמדאָזיקן פאָלק, אַז מיר האָבן, חלילה, ניט בדעה צו אָנרירן זייער תורה, ניט דורכברעכן אַפילו אַ קליינעם גדר, און מיר ווילן אים לאָזן הערן, אַז אונזער ווילן און אונזער קוק איז בלויז די טובה פון דעם יידישן כלל, וואָס געניסט דעם שוץ אונטער די פליגלען פון דער רעגירונג. דעמאָלט וועט דאָס חאָזיקע פאָלק זאָגן: „דער קיסר האָט זיך טאַקע דערבאַרימט אויף דעם איבערבלייבס פון יעקבן, און די הערן פון דער מדינה האָבן געגעבן זייער האַנט צו אויפהייבן דעם יידישן האָרן, כדי זיי זאָלן פיל מיט שמחה בענטשן דעם גרויסן מלך און זאָלן בעטן ביי

גאָט איפּן שלום פון לאַנד און פאָלגן אַלע באַפעלן, וואָס וועלן אַרויסגעגעבן ווערן דורך דעם מלך און זיינע שרים".

אַזוי האָבן גערעדט דיזאָזיקע שררות און מיט אַ דערבאַרימדיק האַרץ און מיט אַ נשמה פול רחמנות האָבן זיי דערלאַנגט זייער בקשה צו די פיס פון אונזער האַר דעם קיסר, אַז ער זאָל באַפעלן אויפצורופן אין דער קרוינשטאָט אויסדערווילטע מענטשן פון דעם יידישן פאָלק און גאָטספאָרכטיקע לייט, וואָס זייערע רייד זאָלן זיין הייליק אין די אויגן פון זייערע ברידער — און אָט־די זאָלן זיצן אין דעם ראַט פון די שררות און זאָגן, מיט וואָס קען מען מאַכן גליקלעך זייער פאָלק, און אויך ווייזן, ווי אָפצוהיטן דעם געזעץ און דעם געבאָט, און מאַכן אַ סוף צו יעטווידער פיינדשאַפט און שאַנד, זיי זאָלן מער ניט זיין צו שפּאָט אין די אויגן פון זייערע שכנים.

אונזער האַר, דער קיסר, אַז ער האָט דערהערט די בקשה פון זיינע יועצים און דעם ווילן פון זיינע שרים, האָט ער אין זיין גרויס גענאָד אָנגענומען זייער פאַרלאַנג, און ס'איז (געגעבן געוואָרן דער באַפעל, געשריבן און געחתמעט מיט דעם זיגל פון מלך. און פאַר די יידן, וואָס זיינען געווען אין דער קרוינשטאָט, איז געווען אַ יום־טוב און אַ פרייד. דער מיניסטער אוּוואַראָוו האָט געשיקט נאָך מיר און מיט אַ פריילעכן פנים האָט ער צו מיר געזאָגט: „גאָט האָט זיך דערבאַרימט אויף זיין פאָלק, און אויף זיינע קנעכט האָט ער זיך באַדאַכט, איצט וועלן אָנשטיין גוטע טעג פאַר יעקבן און יאָרן פון הצלחה פאַר ישראל. די שטאָט, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרשלאָסן, האָט איפגעמאַכט אירע טויערן, און די הייזער, וואו עס האָט ביז איצט קיין יידישע פוס ניט געטראָטן, האָבן איפגעעפנט זייערע טירן פאַר די יידישע רבנים, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם ראַט פון די גרעסטע שררות. דיינע פאָלקס־ברידער וועלן זען און הערן, אַז בלויז די טובה און די הצלחה פון דעמדאָזיקן פאָלק פאַרלאַנגען מיר, און דער ווילן פון אונזער האַר דעם הערשער איז: אָפּטאָן די חרפה פון דיינע ברידער. וואָס פאַר אַ פרייד! ווי עס וועלן זיך דאָס פרייען דיינע ברידער, דערהערנדיק דיזאָזיקע בשורה און ווי זיי וועלן עס

בענטשן דעם נאָמען פֿון דעם קיסר, דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך איבער זיי דערבאַרימט אין זיין גרויסער גוטסקייט און האָט זיי דערמאָנט מיט ליבשאַפֿט. איך האָף, אַז איצט וועלן דיינע ברידער באַנעמען דעם חסד, וואָס איז אויסגעגאָסן איבער זיי און דעם גרויסן כּבֿוד, וואָס ווערט זיי אָנגעטאָן פֿאַר אַלע פֿעלקער אין די אויגן. איך האָף, אַז איצט וועלן זיי קליגער ווערן און ניט דורכלאָזן דעם שעת הכּושר, כּדי עס זאָל זיי גוט זיין אַלע טעג. אויב זיי וועלן אָבער איצט זיין נאַכלעסיק און וועלן זיך ניט מיען צו האָבן ערפֿאָלג און אויספֿירלן פֿאַר זיי אַ דערלייכטערונג און אַ דערלייזונג, וועט די שעה פֿון חסד פֿאַרשווינדן, און ניט אַזוי גיך וועלן זיך אַזעלכע טעג אומקערן, און זייערע שונאים וועלן זיין גערעכט, דען זיי וועלן זאָגן: ס'איז אַן אומווּסנדיק און נאַריש פֿאָלק! זייערע צרות און זייער ביטערן מזל האָבן זיי אַליין פֿאַרדינט; דען די רעגירונג האָט געוואָלט זייער הצלחה און נאָר זיי אין זייער מוטוויליקייט האָבן זיך אומגעקערט צו דעם מיטן פּלייצע".

און ער האָט נאָך געזאָגט: כּדי דיינע ברידער זאָלן זיך אויסהיטן פֿון די שטרויכלונגען פֿון דערמדאָזיקן שלעכטס, און כּדי זיי זאָלן ניצול ווערן פֿון דער סכּנה פֿון דעם שרעקלעכן אָפּגרונט, וואָס איז אָנגעברייט פֿאַר זיי, גיי אין אַלע שטעט, וווּ עס וואוינען יידן, און גיב זיי צו פֿאַרשטיין די וויכטיקייט פֿון דערדאָזיקער גרויסער צייט און גיב זיי צו ערקלערן די ליבע און דעם חסד, וואָס וועט איבער זיי אַרויפֿשיינען פֿון דעם טרוין פֿון אונזער האַר דעם קיסר. דערצייל זיי, ווי די רעגירונג האָט אומגעקערט זייער חרפּה איבער כּבֿוד, אַוועקצוזעצן זיי אין דעם מיניסטאָרןקאַבינעט. און אָנשטאָט דעם, וואָס ביז איצט האָבן זיי בלויז באַדאַרפֿט הערן, וועלן זיי איצט אָנטיילנעמען אין דער באַראַטונג פֿון די גרויסע לייט פֿון לאַנד, רוף אין זייערע אויערן, זיי זאָלן ניט מורא האָבן און ניט שרעקן זיך, און זאָלן זיי גלייבן, אַז די שולן וועלן זיי געבן אַ נייעם מקור פֿון פּרנסה, זיי וועלן האָבן הונה בשופֿע און זיין גליקלעך, און ניט דאַרפֿן אָפּקערן זיך פֿון דער אמונה. זאָג זיי, דען ניט אין מיין נאָמען האָב איך דיך

געשיקט, נאָר אין דעם נאָמען פֿון דעם מעכטיקן קיסר ביסטו געשיקט, צו אויסדריקן די זיין הייליקן ווילן, וואָרעם ער האָט מיר באַפֿוילן צו שיקן דיך באַוואוסט צו מאַכן אין דעם גאַנצן לאַנד דעם גייסט פֿון דערבאַרימונג, וואָס גאָט האָט אים אַריינגעגעבן אין האַרצן און די שטרעבונג צו רחמנות, וואָס דער וואָס זיצט אין הימל האָט אַריינגעשיקט אין דער נשמה פֿון זיין געזאַלבטן, דעם אַלערהעכסטן קיסר".

ניט מיט שאלות און בקשות טו איך איצט קומען; איך וויל פֿון אייך קיין זאַך ניט און פֿאַרלאַנג פֿון אייך גאָרנישט, איר האָט ניט קיינע נייסן אויפֿצוטאָן און איר באַדאַרפֿט ניט קיין שום נייע זאַך איינצופֿירן, ניט בויען שולן און ניט גרונדפֿע־סטיקן אוניווערסיטעטן — איך בין אייך בלויז געקומען לאָזן הערן די רייד, וואָס די רעגירונג האָט מיר אַריינגעלייגט אין מויל, כּדי איר זאָלט פֿאַרשטיין איר בליק, אַז נאָר אייער טובֿה און אייער הצלחה איז די אויסן.

איר זעט, מיינע ברידער, אַז עס איז ניטאָ קיין מאָס צו אונזער בראָך, פֿון טאָג צו טאָג זינקען מיר אויף צען שטאַפּלען צוריק, דער דלות און די דחקות ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער צווישן אונזערע ברידער; די וואָס האָבן נאָך ניט לאַנג געהאַט הייזער פֿול מיט גוטס, זיינען איצט געוואָרן אָרעמעלייט. און ווער קרענקט אויף דעם בראָך פֿון יידן? ווער פֿון אונז זאָרגט צו היילן די דאָזיקע גייסטיקע פּלאָגן אונזערע? ווער אינטערעסירט זיך צו געבן אַ רפֿואה צו אונזערע וואונדן! וויי! ס'איז ניטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל זיך אַוועקשטעלן, וואָס זאָל עפּעס טאָן צו דעם אומגליק. ס'איז נשתומם צו ווערן, וואָס ס'איז ניטאָ קיין מענטש, ניטאָ ווער עס זאָל העלפֿן און שטיצן.

טאָ ווי זאָלט איר זיך ניט פֿרייען, אַז איר שטייט פֿאַרן מלך, אַז איר שטעלט זיך פֿאַר די האַרן צו ריידן פֿאַר דעם גליק פֿון אייער פֿאָלק! קומט, ברידער, לאָמיר אָפּגעבן אַ שבֿח צו גאָט אונזער פֿעסטונג, לאָמיר אים זינגען אַ ניי געזאַנג! לאָמיר צו אים זינגען, וואָס ער האָט זיך דערבאַרימט איבער אונז, צו געבן אונז צו חן און צו חסד אין די אויגן פֿון אונזער העכסטן

האַר, צו געבן אונז אַ צוטריט אין דעם גליקלעכן הויף אַריין, צו רופן די גרעסטע פון אונזער פאָלק אין דעם ראַט פון די גרעסטע שרים, כדי אַרויסצוזאָגן זייער ברייטע דעה וועגן אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע דעם גליק פון אונזער פאָלק, און וועגן אַלע ענינים, וואָס זיינען נוגע אונזער אמונה, און צו באַראַטן זיך דאָרטן, מיט וואָס צו העלפן איך און פונוואַנען עס זאָל קומען אייער ישועה.

און אַז זיי וועלן דאָרטן זיצן און ריידן וועגן דעם מצב פון די יידן בכלל, וועלן זוכן די מחלה און זען געפינען אַ תרופה, וועלן דערגיין די פּלאָג און געפינען די רפואה — צי דען וועט דעמאָלט איך זיין שלעכט פאַר אונז? מע וועט זאָגן: דער פויער דאַרף קענען ריידן רוסיש, דער בעל-מלאכה דאַרף זיך לערנען שרייבן און חשבונען, דער סוחר דאַרף וויסן פאַרשיידענע שפּראַכן, און אויך דער רב, וואָס זיצט אויף דער שטול פון רבנות, דאַרף זיין אַ מענטש, וואָס זאָל קענען שטיין אין קיניגלעכע הויפן און ריידן צו זיין געמיינדע מיט אַ קלאָרער שפּראַך, צו פיטערן זיין פאָלק אויף דעם פעלד פון מוסר און אויף די קוואַלן פון אמונה, ווי אַ געטרייער פאַסטעך און היטער.

ניין, מיינע ברידער — איך ווייס, אַז דאָס איז פאַר אונז אַ טובה און אַ תועלת פאַר אַלעמען. דען אויב מען וואָלט אָנגעשטאַנען אויף אונז צו מאַכן אונז פאַרגעסן די תורה, חלילה, און צווינגען אונז אָפּצוטרעטן פון דעם תלמוד און פוסקים, וואָלטן מיר אַלע אויפגעהויבן אַ געשריי און אין דער שטיל וואָלטן מיר געוויינט אויף דעם בראָך פון ציונס טאָכטער. אָבער אין דער אמתן איז ניט אַזוי. אונזער תורה וועט בליען און דער תלמוד וועט שלאָגן וואָרצלען, און אָנשטאָט דעם, וואָס פריער האָט מען אויף אונז געזאָגט, אַז די אויגן פון פאָלק זיינען פאַרמאַכט געווען פון צו זען, וועט מען איצט זאָגן צו יעקבן: דאָס איז זייער חכמה און זייער פאַרשטאַנד אין די אויגן פון די פעלקער, ז. י., די חכמה, איז זייער ציר, דורך וועלכער זיי קענען פאַרנעמען אַ פּלאַץ אויבנאָן און פאַרשאַפן זיך כבוד פון זייערע באַשיצער.

הערט צו מיינע רייד און זאָל אייער האַרץ אויפהערן זיין האַרטנעקיק *). נאָר אפשר ווילט איר ניט הערן מיינע רייד, ווייל איך בין נאָך אַ יונגערמאַן און געבאָרן אין אַ פרעמד לאַנד — טאָ הערט זיך צו צו דעם קול פון אייערע רבנים, הערט צו צו די זיילן פון דער וועלט, וואָס וועלן שטיין, ווי שטאַרקע פעלזן פאַר דעם כבוד פון דער תורה און פאַר דעם כבוד פון דת, הען זיי זיינען אייך גערופן; און ווי זיי וועלן זאָגן, אַזוי וועט בלייבן, און צו זיי פאָר איך עס האַלטן זיך אַן עצה וועגן דער הצלחה פון דעמדאָזיקן פאָלק, און אויב זיי וועלן זיך אייך שטאַרקן און מיר וועלן זיך שטעלן ווי אַ פעסטע וואַנט, וועט אונז גאָט מטיב זיין אונזער אַרויסגאַנג און אַריינגאַנג — און פריד וועט זיין צו אונז און צו אַלע יידן.

דאָס זיינען די רייד פון אייער ברודער

מנחם בר׳ יהודה ליליענטאַל,
ז׳ תשרי תר״ג, ווילנע״.

---

*) אין העברעאיש הייסט דער זאץ: „ואל יוסף פנות לבבכם להקשות עורף עוד", די ווערטער „ואל יוסף פנות" ווערן געבראַכט מיט גרעסערע אותיות. גאָטלאָבער באַמערקט צום אָנהייב בריוו („הבוקר־אור" תרל״ט, ז. 111): „כדי עס גאָל בלייבן אין דער געשיכטע, אז ר׳ שמואל־יוסף פין האָט געשריבן דעם בריוו האָט ער צום סוף געשריבן דידאָזיקע ווערטער, וואָס אין זייערע אותיות (יוסף פנות) געפינט זיך דער נאָמען פון יוסף פין. אזוי האָט מיר מיין פריינד ר׳ שמואל־יוסף פין אליין געזאָגט". — א. פ.

לג.

ליליענטאל טוט אלץ, כדי צו געווינען די יידן. — די פרייד צווישן די משכילים. — זיי שיקן באגריסונגס־בריוו צו ליליענטאלן. — בארדיטשעווער משכילים לאדן אים איין קיין בארדיטשעוו. — די משכילים פון מאהילעוו אויפן דניעסטער. — ליליענטאל קומט קיין מאהילעוו. — די באפעלקערונג שרעקט זיך תחילת און שטייט פון ווייטן. — גאטלאבער שרייבט אין ליליענטאלס נאמען בריוו צו די יידישע קהילות. — ריב״ל לויבט אים דערפאר. — ליליענטאל דערציילט גאטלאבערן וועגן זיין מיסיע. — די רעגירונג הייסט אים נאכפרעגן זיך אויף די ארטיקע משכילים און מונטערן זיי.

ד״ר ליליענטאל האט געטאן אלץ, ווי אזוי עס איז געווען געשריבן אין דעמדאזיקן בריוו. ער האט באזוכט אלע גרויסע שטעט, וואו עס געפינען זיך פיל יידן, און האט געהאלטן פאר זיי רעדעס אין א שיינער שפראך און מיט ערנסטע ווערטער; ער האט מיט א צעווייטאגט הארץ געשריען צו דעם עולם, מע זאל אים פאלגן, ער האט זיי געגעבן צו פארשטיין, וואס עס קען, חלילה, ווערן, אויב זיי וועלן ניט הערן דעם באפעל פון דעם קיסר, און ווי גוט עס וועט זיין, אויב זיי וועלן אויסוויילן קלוגע און באריממטע גאטספארכטיקע לייט אויף דער אסיפה אין פעטערבורג, כדי אנטיילצונעמען אין דער בארעטונג פון די מיניסטארן וועגן די יידן און זייער מצב, און וואס זאל מען טאן, כדי אפצוראמען די שטרויכלונגען פון דעם וועג פון דעמדאזיקן פאלק; און פון דערדאזיקער אסיפה וועט ארויסקומען א ישועה פאר יידן און אן אמתע עצה, ווי צו פארבעסערן זייער מצב אויף שטענדיק.

נאך איידער דערדאזיקער בריוו איז אנגעקומען אין די פראווינציעלע שטעט, איז ארויס א קלאנג צווישן די משכילים, אז דער מיניסטער האט באשטימט ד״ר ליליענטאלן פאר א ראש איבער זיין פאלק, ער זאל גיין צו די און מעורר זיין זיי און צוגרייטן

זיי צו דעם גרויסן טאָג, ווען עס וועלן זיך צונויפקלייבן די רבנים און די חכמים אין דער קרוינשטאָט צו זיצן מיט די אַדללייט פון דעם רוסישן פאָלק און זיינע שרים, כדי צו באַטראַכטן די יידישע לאַגע. די משכּילים האָבן זיך געפרייט מיט הערדאָזיקער בשׂורה און האָבן זיך גענומען אַגיטירן ביי זיי אין שטאָט, יעדערער לויט זיין שׂכל און לויט זיינע פעאיקייטן, מע זאָל פאָלגן דעם וואונטש פון דעם קיסר און זיינע שׂרים צוליב זייער אייגענעם גליק, וואָס וועט אַרויסקומען פאַר זיי פון דערדאָזיקער קאָנפערענץ. זיי האָבן אַוועקגעשיקט באַגריסונגס־בריוו צו ליליענטאַלן און האָבן אים געמונטערט מיט גוטע האָפענונגען, און האָבן אים פאַרזיכערט, אַז אומעטום, וואו ער וועט קומען, וועט ער געפינען גוטע פריינד און חבֿרים, וואָס וועלן אים העלפן פאַרווירקלעכן זיין גוטע אידעע. צווישן די משכּילים, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו זייער באַוועגונג, זאָלן אויך דידאָזיקע משכּילים. דערמאָנט ווערן צום גוטן. דערהויפט האָבן זיך געפונען משכּילים, קלוגע לייט און זייער גוטע פריינד פון זייער פאָלק אין באַרדיטשעוו, דאָקטאָר שפּערלינג און זיין איידעם דאָקטאָר ראָטענבערג, און דער גרויסער משכּיל ר' אבֿרהם ראָטהויז, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען פיל מיט יוגנט, מיט אַהאַרץ, וואָס שפּירט און פאַרשטייט. זיי האָבן זיך אַלע אויפגעזאַמלט און אָנגעשריבן צו ליליענטאַלן אַ בריוו, וואו זיי האָבן אים געשטאַרקט און געמוטיקט, כּדי ער זאָל וויסן, אַז קומענדיק קיין באַרדיטשעוו, וועט ער געפינען אָפענע אויערן און אויסגעשטרעקטע אָרעמס צו האַלזן אים מיט גרויס ליבשאַפט און צו בענטשן אים פאַר דער גוטס, וואָס ער טוט מיט יידן.

אין מאָהילעוו אויפן דניעסטער, אין פּאָדאָליער גובערניע, האָבן אין יענער צייט געלעבט צוויי גרויסע גבֿירים, ר' מענדל און ר' שמואל לעווינזאָן, וואָס האָבן אויפגעעפנט די אויגן און דערזען, אַז עס איז ניט גוט מחנך צו זיין זייערע קינדער ביי מלמדים, וועלכע ווייסן ניט פאַרשטייען גאָרנישט, און האָבן אויסגעזוכט פאַר זייערע קינדער באַרימטע לערער משכּילים און געלערנטע לייט, ר' אהרן לערנער פון יעראָסלאַוו אין גאַליציע (דאָס איז הערזעל־בוקער ר' אהרן לערנער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ פּרעכטיק ליד אין אָנפאַנג פון דעם ספר „תּעודה בישׂראל" לכּבֿוד זיין ערשיינען

צום ערשטן מאָל, אין יאָר תקפ״ח) און דעם באַרימטן פּאָעט ר׳ יעקב אייכנבוים; דערנאָך האָט מען אַהין געבראַכט פון טאַרנאָפּאָל דעם אויסגעצייכנטן פּאָעט ר׳ אליהו ווערבעל, און מיך האָט מען אויך אַהין צוגעצויגן אין יאָר תקצ״ט. פיל פון די שטאָטישע איינוואוינער האָבן זיך אַראָפּגענומען אַ מוסר און האָבן אויך אָפּגעגעבן זייערע קינדער צו דיזאָזיקע לערער, און אין שטאָט האָט זיך געמערט וויסן. מיט דיזאָזיקע לערער, וואָס זיינען געקומען פון ווייטע ערטער, פלעגן זיך חברן אַלע, וואָס האָבן געשטרעבט צו השׂכלה און צו חכמה, בראש מיט די פולקומע חכמים ר׳ ישעיה הורוויץ און ר׳ לוי יודלזאָן, וועלכער האָט אָפּגעדרוקט אַ וווילטיקן שיר מיטן נאָמען „ליל הכיפורים״ („הכרמל״, 1-טן יאָר), און דער לעצטער דער סאַמע גרעסטער, דער געלערנטער מאַן ר׳ יוסף הערצבערג, ז״ל, וועלכער האָט פאַרפאַסט אַ סך ספרים (דאָס רוב פון זיי געפינען זיך נאָך אין כתב-יד). ער איז געווען איינער פון מיינע טייערע פריינד, צו וועמען איך בין צוגעקלעפּט געוואָרן מיט מיין גאַנצער נשמה. בעת ער האָט אַרויסגעגעבן אין ווילנע זיין ספר „סולם הטבע״, האָב איך לכבוד אים אָנגעשריבן אַ שיר, און צוליב דער שולד פון דעם פאַרלעגער, איז ער בייגעלייגט געוואָרן בלויז צו איינצלנע עקזעמפּלאַרן.

אין יענעם יאָר, אינמיטן חודש כסלו, איז ליליענטאַל געקומען קיין מאָהילעוו. די גאַנצע שטאָט האָט גערוישט. די פאַרנעמסטע לייט פון שטאָט, די ברידער ר׳ מענדל און ר׳ שמואל לעווינזאָן, וואָס זיינען שוין אין יענער צייט געגאַנגען מיט זייערע קינדער אייראָפּעאיש געקליידט, און די קינדער האָבן אַ העלפט גערעדט דייטש, האָבן מיט גרויס פחד מקבל פנים געווען ליליענטאַלן און זיינען געשטאַנען פאַר אים, ווי אונטערטעניקע. די באַפעלקערונג האָט זיך תחילת דערשראָקן און איז געשטאַנען פון ווייטן. ליליענטאַל האָט זיי אָבער מיט זיינע זיסע און אָנגענעמע רייד אויפגעזאַמלט און האָט געוואונען זייער האַרץ.

דעמאָלט האָב איך אין זיין נאָמען געשריבן פיל בריוו צו יידישע קהילות. די דריי טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין מאָהילעוו, האָב איך געשריבן זיינע בריוו, און צוויי נעכט נאָכאַ-

נאַנד האָב איך כּמעט ניט צוגעמאַכט מיט אַן אויג. נאָכדעם ווי ליליענטאַל איז פֿון דאָרטן אַוועקגעפֿאָרן, האָב איך געשריבן צו מיין פֿאַרשטאָרבענעם פֿריינד ר׳ יצחק־בער לעווינזאָן ז״ל אַלץ, וואָס איך האָב געזען מיט מיינע אויגן, און אויף דעם האָט ער מיר געענטפֿערט: „דאָס, וואָס דו האָסט מיר געשריבן אין דעם ערשטן בריוו, אַז דו האָסט זוכה געווען צו באַדינען דעמדאָזיקן גרויסן מאַן, דעם רבֿ הכּולל, פֿריינד פֿון זיין פֿאָלק און העכסט געלערנטן, ליליענטאַל, נרו יאיר, און האָסט געשריבן פֿאַר אים אין די שטעט פֿיל בריוו, שווער איך דיר, אַז דו האָסט זוכה געווען צו אַ גרויסער און וויכטיקער זאַך, ווייל דערדאָזיקער מענטש איז ווירקלעך פֿון די זעלטענע חכמים, און גאָט האָט אים אויסדערוויילט, ער זאָל העלפֿן און זיין אַ פֿירער ביי יידן, ווייל אים פּאַסט עס און ער איז דערצו באַרופֿן!

זיצנדיק אין מאָהילעוו, האָט ער זיך מיט מיר איינמאָל פֿאַרשפּאַרט אין זיין קאַבינעט גאַנצע צוויי שעה און האָט מיט מיר גערעדט וועגן זיין מיסיע. אין דעם המשך פֿון דעם געשפּרעך האָט ער מיר דערציילט, אַז דער ווּנטש פֿון דעם מיניסטער, גראַף אוּוואַראָוו, איז, אַז אומעטום, וואו ער וועט קומען, זאָל ער זיך נאָכפֿרעגן אויף די אָרטיקע משׂכּילים און שטאַרקן זייער מוט אין דער הילף פֿון דעם קיסר און זיינע שׂרים; ער האָט אים פֿאַרזאָגט, ער זאָל זיך נאָכפֿרעגן אויף אַלע משׂכּילים, הגם זיי זיינען ווייניק פֿאַרהאַן, און אַזוי ווי ער אַליין קאָן זיי ניט, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אים זאָגן, וועמען איך קאָן אין די שטעט, וואו ער קלייבט זיך צו פֿאָרן, כּדי ער זאָל זיי צונויפֿרופֿן און אָנזאָגן זיי די גוטע בשׂורות און אויך באַראַטן זיך מיט זיי, וואָס צו טאָן צו דעם צוועק.

לד.

גאָטלאָבער גיט אים אַ רשימה פון אלע משכּילים. — גאָטלאָבער האָט בדעה צו שרייבן אַ ווערק מיט די ביאָגראַפיעס פון די משכּילים. — זיין בריוו מכּוח דעם צו ליליענטאַלן.

איך האָב אים אויפגעשריבן אַ רשימה פון אַלע משכּילים, וועלכע איך האָב געוואוסט, וואָס זולן דאָס גליק פון זייער פאָלק, און האָב אים אויך מגלה געווען, אַז איך האָב בדעה צו שרייבן אַ ווערק, וואָס זאָל אַנטהאַלטן די ביאָגראַפיעס פון די רוסישע משכּילים, סיי פון די, וואָס זיינען געשטאָרבן, סיי פון די, וואָס לעבן. — נאָר היות אין מאָהילעוו איז שוין קורץ די צייט וועגן דעם צו ריידן, האָב איך אים צוגעזאָגט צו שרייבן וועגן דעם אַ בריוו קיין פּעטערבורג.

און דאָס איז דער בריוו:

„מאָהילעוו אויפן דניעסטער, סוף ווינטער תר״ג.

מיין האַר האָט געפרעגט ביי זיין קנעכט, ער זאָל אים זאָגן, וואָס וועט עס זיין אַזוינס דער ספר פון די ביאָגראַפיעס, וואָס איך האָב בדעה צו שרייבן, אויב דיין עצה וועט מיך אונטערלענען און דיין האַנט וועט מיך אונטערשפּאַרן? איך בין גרייט, מיין האַר, צו דערפילן דיין וואונטש און איך וואַרט, ביז איך וועל באַקומען פון דיר אַ תשובה צו נעמען זיך פאַר דער אַרבעט.

ס׳איז קלאָר און באַוואוסט פאַר אַלע פעלקער, אַז אַפילו נאָכדעם, ווי די זון פון השׂכּלה האָט אויפגעשיינט ביי יידן אין פיל אייראָפּעאישע לענדער, און זיי האָבן זיך מתקנא געווען אין זייערע קריסטלעכע ברידער און האָבן געטאָן, ווי די ציוויליזירטסטע פון זיי, צו בילדן זיך, צו האַלטן אַ פעדער אין האַנט, שרייבן ספרים און פאַרגרעסערן די חכמה און פאַרשטאַרקן זי, און האָבן פאַר איר געמאַכט אַ הייליקן פּלאַץ, וואו זי זאָל רוען — אַפילו נאָכדעם האָבן ניט אַלע יידן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זייערע טרויער=

קלײדער און זיך אַרומגעװאַשן און אַרומגערײניקט; אַ סך טאַפּן נאָך, װי בלינדע, האָבן אױגן און זעען ניט די העלע שײַן, און זײערע לימודים זײנען אַנדערש פֿון אַלע פֿאַרשטאַנדיקע און אױפֿגעקלערטע פֿעלקער.

צװישן די בלינדע ייִדן רעכנט מען אונז, די באַװױנער פֿון דעמדאָזיקן לאַנד, װאָס איז געבענטשט דורך גאָט מיט אַ קלוגן מושל. און װאָס מער דער מלך, ירום הודו, װעט זוכן צו טאָן חסד און גוטס מיט ייִדן, אַזױ װי מיט די איבעריקע פֿעלקער, װאָס געניסן זײַן שײַן, אַלץ מערער, זאָגן זײ, װעט דאָס דאָזיקע פֿאָלק זינדיקן און ניט װעלן הערן די עצה פֿון דעם גערעכטן מושל און בעסער גײן אין קרומע װעגן, אײדער אין גלײַכע; מחמת דעם זײנען מיר געװאָרן צו אַ משל אין זײערע מײַלער, װײַל מיר האָבן פֿאַרגרײַזט און פֿאַרקרימט.

אָבער הגם מיר קענען ניט לײקענען, אַז זײ זײנען גערעכט, אַז די ייִדן האָבן אָפּגעקערט פֿון דעם װעג פֿון חכמה, אױף װעלכן זײ זײנען שטענדיק געגאַנגען פֿון זינט זײ זײנען געװאָרן אַ פֿאָלק, איז דאָך דאָס ייִדישע פֿאָלק נאָך ניט אַזױ פֿרוכטלאָז פֿון חכמים אין אַלע צײַטן און אױך אין אונזער לאַנד, און שטאַרבנדיק, איז זײער חכמה מיט זײ ניט געשטאָרבן, נאָר האָט זיך אַנטפּלעקט אין זײערע ספֿרים, װאָס האָבן זיך צעשפּרײט איבער דער װעלט. און אין יעדן דור פֿירן זײ דעם קאַמף פֿון דער ליכטיקײט מיט דער פֿינצטערניש — און זײ זיגן. דען מיר זעען מיט אונזערע אױגן, אַז פֿון טאָג צו טאָג מערן און שטאַרקן זיך די װאָס זוכן װיסן, און מיר װעלן נאָך דערלעבן דעם טאָג, אַז אונזער לאַנד װעט פֿול װערן מיט װיסן, װי די װאַסערן, װאָס באַדעקן דעם ים.

כּדי דאָס אַלץ צו באַװײַזן די פֿעלקער, װאָס באַשולדיקן אונז, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ ספֿר, װאָס זאָל אַנטהאַלטן די לעבנסבאַשרײַבונגען פֿון דידאָזיקע גרױסע לײַט, װאָס האָבן געלעבט אין אונזער לאַנד און האָבן געװידמעט זײער גאַנצע צײַט, אָן קײן שום האָפֿענונג אױף געצאָלט, צו מאַכן נוצלעכע ספֿרים, לױט דעם אָרט און לױט דער צײַט: אײניקע װעגן דיקדוק, אײניקע — װעגן מליצה און אײניקע — װעגן װיסנשאַפֿטן, װי ר' יצחק

פֿון סאַטאַנאָוו און ר׳ מענדל לעפֿין, וואָס האָבן ביידע געלעבט אין דער צייט פֿון דעם רמב״מ׳ן, און דער לעצטער (לעפֿין) איז געוועזן זיין תּלמיד און האָט באַשיינט אונזער לאַנד, און נאָך אַסך, וואָס זיינען געגאַנגען אין זייערע דרכים. דאָס פֿאָלק האָט זיך אויסגעשפּרייט און געקליבן פֿון דער זיסקייט פֿון דער חכמה און דאָס אָנגעקליבענע געבראַכט פֿאַר זייערע ברידער, זיי זאָלן אויך דערפֿון הנאה האָבן. בכן, זאָלן די ניט-יידישע חכמים זען און חידושן זיך מיט דער לעבנס-געשיכטע פֿון דיזאָזיקע לייט, ווי אַזוי זיי האָבן ליב געהאַט די חכמה לשמה, ניט צוליב רייכקייט, און ניט צוליב כּבֿוד, ווייל אַ ייד האָט ניט געהאַט וואָס צו הופֿען — ניט אויף רייכקייט און ניט אויף כּבֿוד; להיפּך, צוליב זייער ליב האָבן די חכמה, פֿלעגן זיי לעבן אין דלות און דחקות. — זאָלן זיי זען און חידושן זיך, ווי אַזוי דיזאָזיקע לייט האָבן ליב געהאַט זייער פֿאָלק מיט אַן אמת און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פֿון זייער אייגנליבע בלויז כּדי צו העלפֿן זייער גערודפֿט פֿאָלק, ניט האָפֿנדיק אויף דעם קלענסטן שכר פֿאַר זייער מי — אויף אַ דאַנק פֿון זייערע ברידער. דען די יידן ווייסן ניט, ווי אָפּצושאַצן דאָס גוטס, וואָס מע טוט זיי, און זיי האָבן פֿיינט זייערע ליבהאָבער, און זיי האַסן די, וואָס זוכן זייער טובה און זייער גליק. די מחברים פֿון טייערע ווערק האָבן נאָך געהאַט אויסצושטיין חרפּות. זאָלן זיי זען און באַטראַכטן די חסדים פֿון גאָט, אַז די עצה פֿון צדיקים קערט זיך ניט אום ליידיק. עס האָט אויפֿגעשיינט דער מאָרגנשטערן אויף אונזער פֿאָלק, עס האָבן זיך געעפֿנט זייערע אויגן און די מי פֿון יענע חכמים איז ניט געגאַנגען לאיבוד, דען פֿון הימל האָט גאָט צוגעקוקט, האָט געזען די אָרעמקייט פֿון זיין פֿאָלק (ניט קיין אַנדער אָרימקייט, אויסער די אָרימקייט אין וויכן), און האָט געשיקט זיין שליח, וואָס האָט זיי געהאָלפֿן מיט זיין ליבשאַפֿט און רחמנות. זיין נאָמען איז מ נ ח ם, און ער וועט אונז טרייסטן אין זיין טאָן אַרומגיין און רופֿן אין די אויערן פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: לערנט גוט, הערט זיך צו צו די געבילדעטע לייט, זאַמלט זיך צונויף, דען עס האָט אויפֿגעשיינט אייער ליכט און די ברכה פֿון גאָט זאָל אייך באַגליקן.

אונזערע קינדער און קינדס־קינדער ביז אייביק זאָלן דאַנקען די צדיקים פֿאַר דעם גוטס, און זאָלן עסן די פֿרוכט פֿון זייערע מעשׂים. זייער נאָמען און זייער אָנדענק זאָל ניט פֿאַרגעסן ווערן פֿון אונזערע אוראוראייניקלעך, ביז אייביק. אָנשטאָט דעם, וואָס זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געהאַט הרפּות, זאָלן זיי איצט האָבן כּבֿוד און זאָלן זיין אַ בייִשפּיל פֿאַר יידישע קינדער צו ליבן חכמה און מוסר און ניט פֿאַרנעמען זיך מיט פּוסטע און נאַרישע זאַכן. אויף זיי קוקנדיק, וועלן זיך יידישע קינדער אָפּלערנען צו פֿאַר־מיאוסן דעם געמאַכטן כּבֿוד, וואָס פֿאַרשווינדט ווי אַ שאָטן, און מלחמה האַלטן מיט גרויס העפֿטיקייט קעגן טיפּשות אין אָבערגלייבן, און דער כּבֿוד וועט ממלא קומען, אַן אמתער און אייביקער כּבֿוד, ניט ווי דער, וועלכן עס האָבן זיך אַצונד פֿאַרשאַפֿט די העלדן, וואָס טוען גאָטס זאַך.

דאָס איז די טעמע פֿון דעם ספֿר, וואָס איך האָב איצט בדעה צו שרייבן און פֿאַרשפּרייטן צווישן יידן, און שפּעטער, בעת עס וועלן געגרינדעט ווערן שולן, און דערדאָזיקער ספֿר וועט גע־פֿינען חן אין די אויגן פֿון די געבילדעטע לייט, וועט מען אים אפֿשר קענען נוצן אָנשטאָט אַ לערנבוך, צו דערציִען אויף אים יידישע קינדער. דען מיין האַר ווייס וואויל, אַז ביי אונז פֿעלן דערציִאונגס־ביכער אויף אונזער לשון (העבראיש) און ווי גוט איז צו באַהעפֿטן דעם חינוך פֿון דער שפּראַך מיט דער בילדונג פֿון די זיטן דורך ביישפּילן פֿון באַרימטע און באַוואוסטע לייט, וואָס זיינען געווען פֿאַר אונז אַ מוסטער. און צו וואָס דאַרפֿן מיר זוכן אַזעלכע פֿון אַ ווייטן לאַנד און פֿון אַן אַנדער פֿאָלק, אַז צווישן אונז, ביי אונז אין לאַנד גופֿא, זיינען דאָ אַזעלכע.

פֿון מיין האַר איז געוויס ניט פֿאַרבאָרגן, אַז ס'איז ניט לייכט צו שרייבן די געשיכטע פֿון גרויסע לייט, ווער רעדט נאָך פֿון אַזעלכע, וואָס פֿאַר זייער לעבן זיינען זיי ניט געווען באַרימט און קיינער האָט זיי ניט באַמערקט, און וועגן זיי איז באַוואוסט בלויז דאָס, וואָס עס איז דערמאָנט אין זייערע ספֿרים, וועלכע זיינען אַ גרויסע זעלטנהייט, און אויך דאָס, וואָס ווערט וועגן זיי דערציילט בעל־פּה פֿון מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען צו זיי

נאָענט. אָבער אַזעלכע זיינען ווינציק דאָ. נאָך אַזאַך: אונזער פֿאָלק איז בדרך כלל צעטיילט אויף צוויי כיתות, פֿון וועלכע דאָס רוב זיינען אָבסקוראַנטן און זיינען מבזה, די וואָס זיינען זיך עוסק אין בילדונג, און דער קלענסטער טייל. האָט פֿאַרלאָזן די שפּראַך פֿון זיינע אָבות און אויך זייער לאַנד און זייער געבורטס־אָרט און אַוועק שטילן דעם דאָרשט פֿון זייער נשמה און זוכן פּרנסה פֿאַר זייער פֿאַמיליע אין דער חכמה פֿון פֿרעמדע פֿעלקער. טאָ ווער וועט אַצינד דערציילן די לעבנסגעשיכטע פֿון די יידישע מחברים? אייב די ערשטע שיטן אויף זיי פּעך און שוועבל, ווייסן אָבער אויך די לעצטע ניט ווי אַזוי צו האַלטן זיי ערליך, מחמת דעם איז כמעט פֿאַרגעסן געוואָרן זייער אָנדענק ביי יידן, און זיי וועלן ניט פֿאַרשריבן ווערן צווישן די צדיקים, וואָס זוכן דעם גליק פֿון זייע׳ע ברידער. אַפֿילו דער קריסטלעכער געלערנטער דעליטש, דער גרייסער זאַמלער פֿון אַלע ביאָגראַפֿיעס פֿון די חכמי ישראל, וואָס איסער זיין בקיאות אין זיי און אין זייערע ספֿרים, העלפֿט אים גאָך מיט דערין זיין רבי, דער גרויסער יידישער געלערנטער יוסף אַלזרי, וועלכער הייסט יוליוס פֿירסט — האָט אויך ניט דערמאָנט אַסך יידישע מחברים פֿון רוסלאַנד, הגם ער שטעלט העכער די יידישע מליצה־שרייבער אין די סלאַווישע לענדער, איידער אַלע יידישע רעטאָריקער אין אַנדערע לענדער — און ער האָט וועגן זיי און זייע׳ע ספֿרים קיין זאַך ניט געוואוסט; ווייזט אויס, אַז זיין רבי האָט וועגן זיי אויך ניט געוואוסט.

אָבער ניט אַזוי איך, דער יינגסטער און דער קלענסטער צווישן יידן, וועלכער לעבט צווישן זיין פֿאָלק פֿון מיין יוגנט אָן, נאָך איידער איך האָב געקענט לייענען און שרייבן אויף אַ פֿרעמדער שפּראַך, פֿון דעם טאָג אָן, וואָס איך האָב גענומען שעפּן מיט פֿרייד פֿון די קוואַלן פֿון תלמוד און פּוסקים און האָב געטרונקען מיט דאָרשט די רייד פֿון די חכמים פֿון מיין פֿאָלק; כ׳האָב זיך געפֿרייט, ווי מיט אַ גרויסן געווינס, לערנענדיק די כללים פֿון דיקדוק לויט פֿאַרשיידענע שיטות, כ׳האָב געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון טוביה פֿעדערס טייערע שירים, כ׳האָב זיך געפֿרייט, לייענענדיק די זיסע רייד פֿון ר׳ מענדל לעפֿין אין זיינע טייערע ספֿרים, וואָס זיינען אָנגעפֿילט מיט וויסן און חכמה און מוסר,

אין ענלעכע אַזעלכע ספרים, און שטענדיק, לייענענדיק זייערע ווערק, האָב איך מיט גרויס פאַרגעניגן געגאַרט צו הערן זייער לעבנסגעשיכטע, ווייל זיי זיינען געווען נאָענט צו מיין געבורטשטאָט. דאָס רוב דערציילונגען וועגן זיי זיינען נאָך ביי מיר איינגעקריצט אין זכּרון און די איבעריקע פּאַסירונגען וועל איך אויפזוכן אין זייערע ספרים.

זייענדיק אין אומאַן, זייט איר געווען אַזוי פריינדלעך און געענטפערט מיין פריינד דעם שטאַטראַט דאָקטאָר אַבראַמזאָן אויף מיין בריוו, וואָס ער האָט אייך איבערגעגעבן, אַז איר וועט מיך האָבן אין זינען און צוציען מיך צו דער הייליקער אַרבעט אין איינער פון די שולן, וואָס וועלן געגרינדעט ווערן. דער אויבנדערמאָנטער דאָקטאָר האָט תּיכּף מיר געגעבן צו וויסן וועגן דעם אין אייער נאָמען. איך דאַנק אייך דעריבער, געערטער האַר, גאָטס ברכה זאָל זיין אויף אייך און די טואונג פון אייערע הענט זאָל ער באַפעסטיקן. פריי זיך, יעקב! יובל ישראל!

אויף דער שאלה, וואָס איך האָב אייך געפרעגט: צי איז אָנגענעם פאַר אייך, איך זאָל אייך ווידמען מיין ספר „הניצנים“, וואָס איך לאָז אַצינד אַרויס, — דאָס איז דערזעלבער ספר, וואָס איך האָט געזען און האָט געגעבן אויף אים אייער הסכּמה — אויף דערדאָזיקער שאלה מיינער האָב איך נאָך קיין תּשובה ניט באַקומען; דעריבער נעם איך זיך אָן מיט דרייסטקייט צו קומען פאַר אייער אַכטונגסווערדיקייט מיט מיין שאלה און בקשה: באַערט מיך מיט אייער געערטן ענטפער לכּל־הפּחות אין איינעם פון אייערע בריוו צום דאָקטאָר ב. לעווינזאָן, כּדי איך זאָל וויסן, צי אַרויפצושטעלן אייער געליבטן נאָמען אין דעם אָנהויב פון מיין ספר, אַלס צירונג.

נאָך אַ זאַך האָב איך געוואָלט פרעגן ביי אייער געאַכפּערטקייט: לויט דער עצה פון ד״ר לעווינזאָנען, בין איך גרייט זיך צו נעמען פאַר דער אַרבעט. האָב איך ביי אייך געוואָלט פרעגן, ווי אַ תּלמיד ביי אַ רבין: צי עס געפעלט אייך די זאַך, צי וועט עפּעס אַרויסקומען אַ נוצן פון אַזאַ חבר — אויב יאָ, וועם איך זיך גלייך צו דער אַרבעט, כּדי צו פאַראייביקן די וויכטיקע לייט

מיט זייערע ספרים און זייערע לעבנסגעשיכטע, אלין דייטלעך, ווערליכן די ידיעות, וואס איך האב אויפגעזאמלט פון זיי און וואס איך וועל נאך אויפזאמלען מיט גאטס הילף. און אויך איר, וואס פארמאגט אין זיך גאטס גייסט און באזיצט אלע ידיעות, וואס זיינען שייך צום יידישן פאלק, וועמעס גאנצן יאך איר טראגט אויף זיך — זאלט מיר זיין א וועגווייזער אין דערהאזיקער זאך און זאלט מיך לערנען, ווי צונויפשטעלן דיהאזיקע ביאגראפיעס, וואס פאר א ציל זאל איך זיך שטעלן און וואסער וועג זאל איך אויסוויילן. אויף דאס אלץ פארלאנג איך אריכטיקע תשובה און אן אמתע עצה. הגם איך בין זייער קליין פון די אלע חסדים צו ווארטן אויף אן ענטפער פון אזא פארשטאנדיקן און קלוגן מענטשן, ווי איר, וואס צו אייך זיינען געווענדט די אויגן פון דעם גאנצן פאלק — דאך מיין איך, אז ווען עס רעדט זיך וועגן אן ענין, וואס איז נוגע כלל־ישראל, וועט איר מוחל זיין אויף אייער דייכן כבוד און ענטפערן אייער טרייען קנעכט, וואס איז דער קנעכט פון אלע חכמים, וועלכער בוקט זיך פון וויטן פאר דעם פראכט פון אייער געאכפערטקייט".

לה.

גאָטלאָבער נעמט זיך מאַכן דעם ספר מיט די לעבנסבאַשרייבונגען.—אין דעם ווערק גייט אויך אַריין די ביאָגראַפיע פון יוסף ווייזנער. — ד"ר ליליענטאַל פאַרלאָזט זיין שליחות און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. — מאַנדלשטאַם אַנשטאָט ליליענטאַלן. — די רעגירונג עפנט אויף שולן פאַר יידן און יידן נעמען עס אָן פאַר אַ גזירה.—די משכילים קריכן אַרויס פון די לעכער.— זיי קומען זיך פאָרשטעלן פאַר מאַנדלשטאַמען און באַקומען ביי אים שטעלעס.—אָן גאָטלאָבערן פאַרגעסט ער. — ביטערע צייטן ביי גאָטלאָבערן. זיינע פריינד ראָטן אים עקזאַמענירן זיך אויף לערער. — זייענדיק אַ טאַטע פון 3 קינדער און אַ באַיאָרנטער מענטש, גייט ער זיך עקזאַמענירן.—ער לאָזט אַרויס זיין ביכל מיט שירים „הניצנים".

נאָכדעם, ווי איך האָב אַוועקגעשיקט דעם בריוו קיין פעטערבורג צו ד"ר ליליענטאַלן, האָב איך זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. יעדער, וואָס האַלט אַ פעדער אין האַנט, ווייס און פאַרשטייט, ווי שווער עס איז אַזאַ אַרבעט פאַר אַ יונגמאַן, וואָס שרייבט בלויז אויפן זכרון, ניט האָבנדיק פאַר זיך קיין געשיכטע אָדער אַ צייטשריפט, וואָס זיינען נאָך דעמאָלט ביי יידן ניט געווען בנמצא, און קיינעם האָט זיך גאָרניט געחלומט, אַז אַזוינס וועט ווען עס איז זיין, אַז אַ בוך פון געשיכטע וועט ווען עס איז ערשיינען, אַז צייטשריפטן וועלן דעם רוסישן יידן באַלייכטן דעם וועג און פאַרטרייבן די פינסטערניש. ווער האָט עס דעמאָלט געגלייבט?

אין יענעם ספר פון ביאָגראַפיעס איז אויך אַריין די ביאָגראַפיע פון ר' יוסף ווייזנער, וואָס איז מיר געווען אָנשטאָט אויגן, האָט מיך ליב געהאַט ווי אַ פאָטער און פלעגט מיר, גייענדיק מיט מיר פאַרנאַכט שפּאַצירן, נאָך אַ גאַנצן טאָג זיצן איף דער גמרא, יורה-דעה און תוספות, דערקוויקן מיין נשמה מיט דערציילונגען פון דער יידישער געשיכטע, פון יידישע גרויסע לייט, פון מענדעל-

כּאָנען, לעסינגען, מענדעלסאָנס תּלמידים ר׳ יצחק סאַטאַנאָװ, ר׳ מענדל לעפֿין און ר׳ יוסף פּערל און זײער גלײַכן, װאָס אײניקע פֿון זײ האָבן נאָך דעמאָלט געלעבט. ער פֿלעגט אױך שרײַבן, ניט האָפֿנדיק, זײַנע זאַכן זאָלן װען־עס־איז געדרוקט װערן, דען װער פֿון די יידישע משׂכּילים האָט דעמאָלט געחלומט װעגן דרוקן ספֿרים? אין יאָר 1828 (תּקפּ״ח), בשעת ס׳איז אַרױס די גזרה פֿון נעמען יידן אין מיליטער, און די יידן זײַנען געװען אין גרױס טרױער, האָט ער אָנגעשריבן אַ טרױער־שפּיל מיטן נאָמען „קול בוכים“, װאָס האָט אַפֿילו הײַנט אױך געקענט זײַן אַ מוסטער פֿאַר העברעאישע שרײַבער, אָבער מיט דער צײַט איז די פֿאַרלאָרן געגאַנגען. ער איז געװען אַ שטאַמלער, דאָך פֿלעגט ער שפּריצן מיט פֿײַער בעתן רײדן. ער האָט ליב געהאַט די יוגנט, אַפֿילו קלײנע קינדער אױך, אױב נאָר זײ האָבן פֿאַרמאָגט גוטע פֿעאיקײטן.

איך האָב דעמאָלט אַ סך געאַרבעט אױף דעם װערק װעגן די יידישע משׂכּילים און געװאַרט אױף אַ תּשובֿה פֿון ד״ר ליליענטאַל, װאָס צו טאָן מיטן ספֿר. אָבער אומזיסט איז געװען מײַן האָפֿענונג! אַן אַנדער גײַסט האָט באַהערשט ד״ר ליליענטאַל: פּלוצלינג האָט ער אַװעקגעװאָרפֿן זײַן שליחות, װאָס די רעגירונג האָט אים אָנגעטרױט, האָט פֿאַרלאָזן זײַן לאַנד און איז אַװעק קײן אַמעריקע, װאו ער איז געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג.

אַז די דאָזיקע װערטער מײַנע װעלן אָנקומען צו אים, װער װײס, צי װעט ער שױן מיך געדענקען, אַן אײנצלנעם צװישן הונדערטער יידישע יונגעלײַט, װאָס האָבן זיך געזאַמלט אַרום אים, אומעטום, װאו ער פֿלעגט קומען, שױן אַ מעשׂה מיט פֿינף־און־דרײַסיק יאָר צוריק; איצט איז ער שױן אַן אַלטער מאַן, אַזױ װי איך אַצינד, און װער װײס, צי האָט ער שױן ניט פֿאַרגעסן די גאַנצע געשיכטע, אַלץ, װאָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן יענע צײַטן. מילא, זאָל זײַן װאָס עס װיל! איך געדענק זײ און װעל זײ אָפּדרוקן אין אַ ספֿר אױף אײביקן אָנדענק.

בעת ד״ר ליליענטאַל האָט אונז אַװעקגעװאָרפֿן, האָט די רעגירונג פֿונדעסטװעגן ניט אױפֿגעהערט צו טאָן אירס; זי האָט באַ־

שטימט אַן אַנדערן, דעם באַריִמטן מאַן, קאַנדידאַט ד׳ אַריה־ לייב (לעאָן) מאַנדעלשטאַם, און האָט אים געשיקט אין איר שליחות צו ענדיקן דאָס, וואָס ליליענטאַל האָט אָנגעהויבן. עס זיינען געגרינדעט געוואָרן שולן, מיט די צוויי ראַבינער־שולן אין ווילנע און זשי־ טאָמיר בראָש, און אַהינצו האָבן זיך גענומען ציען תּלמידים פון אַלע עקן לאַנד, צו לערנען דאָרטן שפּראַכן און וויסנשאַפטן, תּורה מיט דרך־ארץ, און זיינען געווען אַ מוסטער ביז היינטיקן טאָג. פון זיי הייבט זיך אָן אַ נייע תּקופה אין דער יידישער געשיכטע אין אונזער געבענטשט לאַנד, דאָס איז די איצטיקע עפּאָכע.

פיל יידן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען בלינד און טעמפּ, האָבן זיך זייער דערשראָקן פאַר דעם באַפעל פון דער רעגירונג, און אַ פינסטערע אימה איז אויף זיי אָנגעפאַלן, זיי האָבן דאָס אָנגענומען פאַר אַ גזירה, ס׳איז אָבער באַשערט געווען, אַז פון דער גזירה זאָל אויפגעבויט ווערן דער בנין פון דער השכלה ביי יידן, צו מאַכן זיי גליקלעך און גוטס טאָן זיי אין דער צוקונפט.

אין יענע צייטן האָבן זיך ביי ידן גענומען עפענען שולן. דאָס הייפעלע משכּילים, וואָס איז געווען פאַרשטעקט און באַהאַלטן אין די לעכער און האָט מורא געהאַט צו באַווייזן זיך פאַר דער עפנטלעכקייט, אַז זיי זיינען אָנהענגער פון השכלה, האָבן בים־ לעכוויַיז גענומען אַרויסגיין פון די באַהעלטענישן און אַנטפּלעקן זייערע פאַרבאָרגענע אידעען פאַר די מנהיגים פון דער השכלה מיט מאַנדעלשטאַמען בראָש, וועלכער האָט אַרומגערייזט אין דער שליחות פון דער רעגירונג אין דעם יידישן תּהום, כּדי צו גרינדן שולן, צו געפינען לערער און אָפּקלייבן לערנביכער, אָדער אַליין די פאַרפאַסן פאַר די יידישע שולן,

פאַר אים זיינען געווען אַנטפּלעקט אַלע געהיימענישן פון די משכּילים; מאַנכע פון זיי זיינען געווען אָנגעטאָן נאָכן פרומען שניט: אין קורצע ליינענע הויזן און אין קאַפּאָטעס, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער דער ערד.

מאַנכע פֿון זיי האָבן גאָרנישט ניט געקענט, אויסער אַ ביסל תנך, וואָס זיי האָבן אין דער יוגנט געלערנט און צוריק פֿאַרגעסן, און האָבן געקראָגן אַ נאָמען פֿון אַ שטיקל אַפּיקורוס, און דערמיט באַרימט געוואָרן ביי איניקע יידישע גבֿירים, וואָס האָבן זיי גענומען פֿאַר לערער צו זייערע קינדער. דיזאָזיקע לייט זיינען אויך געקומען פֿאַרשטעלן זיך. און היות זיי זיינען דאָס רובֿ געווען גרויסע אָרעמעלייט, ווי אַלע דרדקי־מלמדים, געגאַנגען אָפּגעריסן, האָט ער זיי פֿאַרצייכנט אין זיין ביכעלע, און אַז עס איז געקומען די צייט, האָט ער זיך אָן זיי דערמאָנט און באַשטימט זיי פֿאַר לערער — אויסער אַ קליינע צאָל משכּילים, וואָס האָבן זיך מיט אַן אמת מוסר נפֿש געווען פֿאַר דער השכּלה, האָבן עפֿנטלעך אַגיטירט פֿאַר אויפֿקלערונג און בילדונג און זיינען געווען ווי אַ שטעכיקער דאָרן אין די אויגן פֿון די פֿינסטערע לייט, מיט די מנהיגים פֿון פֿאָלק, די געלט־זעק, בראש, וואָס זיינען דאָס רובֿ געווען ווילדע פֿאַנאַטיקער. דיזאָזיקע פֿאַנאַטיקער האָבן פֿאַרמסרט די משכּילים פֿאַר מאַנדלשטאַמען: „זאָלסט זיך היטן פֿון יענעם און ניט באַשטימען אים, חס־ושלום, פֿאַר קיין לערער, ווייל ער וועט איבערפֿירן די קינדער“.

איינער פֿון דיזאָזיקע אומגליקלעכע, וואָס מאַנדלשטאַם האָט ניט פֿאַרצייכנט ביי זיך אין ביכעלע, איז אויך געווען איך. בעת מאַנדלשטאַם איז געווען אין באַרדיטשעוו, וואו איך האָב דעמאָלט געוואוינט און איך האָב זיך מיט אים געזען, האָט ער מיך זייער גוט אויפֿגענומען און האָט מיר דערציילט, אַז בעת איך האָב געשיקט מיין ספֿר „פּרחי אָבֿיבֿ“ דעם מיניסטער אוואַראָוו מיט אַ געשריבענעם שיר, געווידמעט דעם מיניסטער, האָט דער מיניסטער געבעטן איבערזעצן אים דעם שיר. איך בין שוין געווען זיכער, אַז איך וועל זיין דער ערשטער קאַנדידאַט אויף אַ לערער־שטעלע. דער סוף איז אָבער געווען, אַז בעת מע האָט באַשטימט לערער, האָט מען אָן מיר פֿאַרגעסן.

אַז איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט, איז מיר געוואָרן

דייער טרויעריק, מחמת ביי מיר איז דעמאָלט געווען אַ שלעכטע צייט: די לעקציעס אויף דייטש און פראַנצויזיש האָב איך ביסלעכווייז אָנגעוואָרן, און דעמאָלט בין איך געווען אַ טאַטע פון דריי קליינע קינדער און אַ מאַן פון אַ שוואַכער און איידעלער פרוי. פון מיינע אַלע האָפענונגען אויף מאַנדלשטאַמען האָבן זיך אויסגעלאָזן אַ בוידעם — און איך בין געווען זייער פאַרצווייפלט. אַז איך דערמאָן זיך איצט יענע צייטן, גייט מיר אַריבער אַ שוידער איבערן לייב.

אין באַרדיטשעוו האָב איך דעמאָלט געהאַט אַ גוטן פריינד דעם משכיל אַברהם ראָטהויז (ער וואוינט איצט אין אָדעס און גאָט האָט אים מצליח געווען — זאָל ער ווייטער שטייגן אין שטייגן אין עושר און אין כבוד דאָס גאַנצע לעבן!) און אין קיעוו — דעם היכן באַאַמטן און געלערנטן וולאַדימיר פיאָדאָראָוו (בעת ער איז געווען אַ ייד, האָט ער געהייסן הירש גרינבוים). זיי ביידע האָבן מיך געמונטערט און געטרייסט, אַז איך קען נאָך האָפן צו קריגן אַ שטעלע, אַלס לערער אין די ניי-געגרינדעטע שולן, אויב איך וועל אַוועק קיין זשיטאָמיר און שטעלן זיך צום עקזאַמען, ווי עס טוען די קריסטלעכע לערער. איך האָב זיי געפאָלגט און האָב אַזוי געטאָן.

דעמאָלט בין איך אַלט געווען 39 יאָר און געהאַט אַ ווייב מיט אַ זון און צוויי טעכטער, און אין שטוב האָב איך, אויסער אַנזערע מיילער, ניט פאַרמאָגט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן. האָב איך געלאָזן מיין פאַמיליע אויף גאָטס באַראָט און בין אַוועק אויף עטלעכע וואָכן קיין זשיטאָמיר צוצוגרייטן זיך צום עקזאַמען.

דעם 22 שבט תר"י (1850) האָב איך זיך עקזאַמענירט אין דער זשיטאָמירער גימנאַזיע און האָב מיט ערפאָלג אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס קאַנדידאַט אויף לערער אין אַ גרויסער יידישער שול און האָב זיך אומגעקערט קיין באַרדיטשעוו פריילעך און צופרידן. נאָר אַזוי ווי פאַר מיר איז נאָך דעמאָלט קיין וואַקאַנטער

פלאַין ניט געווען, האָב איך דערווייל באַשלאָסן צו פאָרן קיין ווילנע אָפּצודרוקן מיין בוך „הנצנים", און דער גביר ר' משה־יצחק הורוויץ, וואָס אים האָב איך געווידמעט דעם בוך, איז מיר געווען אין דעם באַהילפיק *).

---

*) אינמיטן די שירים פון „הניצנים" איז אויך פאַראַן אַן אויפרוף צו אַלע יידן, פאַרוואָס זיי ווילן ניט אָננעמען די טובות, וואָס דער קיסר וויל מיט זיי טאָן, עפענען פאַר זיי שולן, אָנטאָן זיי אין קורצע קליידער און מאַכן זיי גליקלעך. „מיין פאָלק — רופט ער אויס — עפן אויף דיינע אויגן און זע דיין גליק אין דער איצטיקער צייט. טראַכט זיך אַריין אין דער געשיכטע און דערמאָן זיך אָן די אַלטע צייטן, ווען זע, אַז גאָט האָט דיך גליקלעך געמאַכט. גיב אָפּ אַ שבח דעם אויבערשטן און האָב מורא פאַר גאָט און פאַרן קיסר". „דען ניט נאָר צווישן די פעלקער ביסטו געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט, נייערט אויך ביי דיינע אייגענע רעכטפאַרטיקע אויפגעקלערטע ברידער פון אַנדערע לענדער. און דער נאָמען „פוילישער ייד" איז געוואָרן אַ שימף־וואָרט אומעטום. — אַדאַנק גאָט, וואָס האָט מעורר געווען אונזער באַליבטן מלך צו וואַרפן אויף אונז אַ רחמנותדיק אויג, כדי אָפּצוטאָן די חרפה פון יידן, און מיט רעכט קענען מיר ענטפערן דעם, וואָס רופט אונז מיט דעמדאָזיקן שפּאָטיקן נאָמען: ניט קיין פוילישע יידן זיינען מיר, נאָר רוסישע! יידן פון אַ געבענטשט לאַנד, אין וועלכער עס פעלט ניט קיין גערעכטיקייט און חכמה, אַ לאַנד, וואָס אירע הערשער זיינען חכמים, גבורים און צדיקים צוזאַמען, אַ לאַנד, וואָס ווינטשט נאָר גוטס די וואָס וואוינען אונטער איר שוץ — און איר גליק איז אויך אייער גליק." — אַ. פּ.

II=טער טייל

א. ב. גאָטלאָבער און זיין עפּאָכע

לויט פארשיידענע מאטעריאלן

תרי״א (1851) — תרנ״ט (1899)

א.

גאָטלאָבער ווערט איינגעלאַדן אַלס לערער אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. — דער בריוו פון דעם משומד פּיאָדאָראָוו-גרינבוים. — זיין באַמערקונג אויף פּיאָדאָראָווס בריוו.

קומענדיק פון ווילנע, ווערט גאָטלאָבער איינגעלאַדן פון דער רעגירונג אין יאָר 1852 צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון אַ לערער אין דער קאַמעניצער יידישער קאַזיאָנער שול.

יענע יאָרן זיינען עס געווען די ערשטע יאָרן פון דער „קאַזיאָנער השכלה“ אין רוסלאַנד, בעת אַלע יידישע משכילים האָבן זיך אַוואָרף געטאָן צו העלפן דער „פּאַטערלעכער השגחה“ פון דער רעגירונג, וואָס איז געווען געווענדט צו רעפאָרמירן דעם יידישן חינוך. צו דיזאָזיקע משכילים האָט אויך געהערט גאָטלאָבער. זיין קאָרעספּאָנדענץ איז אין אַ סך פּרטים זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָנגערופענעם פּעריאָד. דערהויפּט איז אינטערעסאַנט זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין יוגנט-פריינד דעם געשמדטן וולאַדימיר פּיאָדאָראָוו-גרינבוים, וואָס איז דעמאָלט געווען קיעווער צענזאָר.

גרינבוים-פּיאָדאָראָוו איז, ווי באַוואוסט, צוליב די רדיפות פון די אָרטאָדאָקסן, ווייל ער איז אַרויס לתרבות-רעה, אַנטלאָפן פון דובנע, איז אָנגעקומען אין קיעווער גימנאַזיע; נאָכן ענדיקן זי איז ער אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט און האָט זיך לסוף געשמדט.

גאָטלאָבער פרעגט ביי אים אָן אין אַ בריוו מכּות זיין נייער אמונה, זיין נייעם נאָמען וכדומה, און אויף דעם ענטפערט אים פּיאָדאָראָוו אַ לאַנגן בריוו, אויף וועלכן גאָטלאָבער מאַכט אינטערעסאַנטע באַמערקונגען, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די השגות פון גאָטלאָבער דעם משכיל, ווי פאַר אַלע משכילים פון יענער צייט.

פיאָדאָראָוס בריוו הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקער איבשריפט*):

„זיי מיר מוחל איבּ דו וועסט געפינען אין דעמדאָזיקן בריוו אייניקע גרייזן; איך האָבּ אים געשריבּן אין גרויס אײַלעניש, ווייל היינט איז בּיי אונז יום-טוב, און איך דאַרף גיין אין קלויסטער“.

אויף דעם בּאַמערקט גאָטלאָבּער: „מע דאַרף וויסן זיין, אַז בּעת ער, גרינבּוים, איז געווען אַ ייד, האָט ער זיך לחלוטין ניט געאיילט צו גיין אין שול דאַווענען. פאַרוואָס? — דערפאַר, ווייל בּיי יידן איז ניטאָ קיין אָרדענונג און שיינקייט“.

דאָ הייבּט זיך אָן דער עצם בּריוו:

„קיעוו, 25 דעצעמבּער 1843. מע רופט מיך איצט וולאַדימיר פּיאָדאָראָוו. מיין אַרבּעט איז איצטער גאָטס אַרבּעט. איך פאַרנעם זיך מיט וויסנשאַפט, און מיין פאָלק — איז דאָס גרויסע מעכטיקע און פאָרכטיקע רוסישע פאָלק. מגלה געווען דיר עס מיט איינמאָל, וועל איך דיר איצט ענטפערן פּונקטנוויז אויף דיין בּריוו. נאָר פריער וועל איך דיר בּאַשרייבּן מיין מצבֿ, איידער איך האָבּ טובֿל געווען מיין גוף און מיין נשמה אין דעם רייניקונגסוואַסער, כּדי אויסצוקויפן אַלע מיינע זינד; ווייל איך בּין פון געבּורט אַ ייד, און דעמדאָזיקן חטא האָבּ איך גערשנט פון מיינע עלטערן.

צו דעם אויסוואָרף ל—ט (ליליענטאַל) האָבּ איך אָנגעשריבּן דעם ערשטן בּריוו אויף העבּרעאיש, נאָך זייענדיק אין קאַמעניץ (דאַכט זיך, דו האָסט אים געלייענט, בּעת איך בּין געווען אויף פּסח אין מאָהילעוו), און האָבּ אים געבּעטן צו ערפילן זיין הבֿטחה און מודיע זיין מיר: צי קענען מענטשן פון מיין גראַד רעכענען איינצואָרדענען זיך בּיי די שולן, וואָס ווערן געעפנט דורך זיין מיטווירקונג. איך האָבּ אים איך געשיקט אַן אויסצוג פון מיין איבּערזעצונג „ירושלים“ מיט אַ בּקשה צו געבּן מיר זיין הסכּמה און ערלויבּן מיר צו ווידמען אים די אַרבּעט, אַלס דעם מאַן, וואָס ווערט געאַכט בּיי יידן. נאָך אַ קורצן שווייגן, האָבּ איך אים

*) ז. 414—415. Изъ переп. Готлобера, Евр. Стар. 1910

אַ צווייטן מאָל געשיקט אַ בריוו מיט אַזאַ אינהאַלט: „אָט איז שוין אַריבער אַ יאָר צייט זינט איך האָב געענדיקט גימנאַזיע און ביז הײַנט בין איך ניט פֿאַרזיכערט מיט חיונה און האָב ניט קיינע זיכערקייטן, אַז להבא וועל איך ניט דאַרפֿן לעבן אין אָרעמקייט. דעריבער האָב איך באַשלאָסן צו פֿאָרן קיין קיעוו, כּדי אַרײַנצוטרעטן אין דעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. אָבער מײַן גייסט קען זיך ניט באַפֿרידיקן מיט לערנען מעדיצין און זוכט פֿאַר זיך אַן אַנדער אַרבעטס־פֿעלד. דעריבער האָב איך מורא, אַז מיר וועט אײַנקומען צו פֿאַרלאָזן די רעליגיע פֿון מײַנע עלטערן און גיין נאָך אַ גאָט, וואָס איז מיר ביז איצט אומבאַקאַנט. און היות איך ווייס אײַער גרויסע גאָטספֿאָרכטיקייט און אײַער ליבע צום פֿאָלק, ווענד איך זיך צו אײַך מיט אַ בקשה: פֿאַרנעמט די שטימע פֿון אַ מענטשן, וועלכער שטייט אויפֿן שייד־וועג און ווייס ניט, וואוהין צו גיין; באַווײַזט מיר מיט אײַער הויכער חכמה דעם וועג, אין וועלכן איך זאָל גיין, כּדי צו דערגרייכן דעם דערווײַליקן און אייביקן גליק". אָבער אַפֿילו אויף דעם בריוו האָט ער מיר אייך ניט באַוויליקט צו ענטפֿערן, הגם ער (ליליענטאַל) האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגן פּוסטן בריוו צו די קאַמעניצער גבֿירים, די עם־הארצים און פּראָסטאַקעס, וואָס זייער מוח אַרבעט ניט (אין געזעלשאַפֿטלעכע פֿראַגן).

אַזוי ווי ליליענטאַל האָט געשוויגן, האָב איך באַשלאָסן, אַז ער האָט ניט וואָס צו ענטפֿערן, אַז אַלע זײַנע כּוונות און מעשׂים — זײַנען פּוסטע זאַכן, און אַז ער יאָגט זיך נאָך ווינט. אין דעם האָט מיך אויך איבערצייגט דײַן ביטערער מזל צווישן יידן, און דער מזל פֿון אַסך דײַן גלײַכן, וואָס פֿאַלן ניט אַראָפּ פֿאַר מיר אין געלערנטקייט און בילדונג, און אפֿשר שטייגן זיי נאָך מיר אַריבער. דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן, אַז פֿאַר מיר איז דאָס בעסטע צו פֿאַרלאָזן די דערנידעריקטע אומה, וואָס האָט ניט קיין הלק אין דעם גליק פֿון דער צײַט־ווײַליקער וועלט און ניט אין דעם גליק פֿון דער אייביקער וועלט, ווײַל אירע מעשׂים זײַנען זייער שלעכטע; איך האָב באַשלאָסן צו באַהעפֿטן זיך צו דעם הערשנדיקן פֿאָלק.

וואָס איז זייער געמאַכט צווישן די פֿעלקער און פֿאַר וועלכן אַלע קריגן זיך.

דאָך האָב איך ניט געאײַלט פֿערווירקליכן מײַן פּלאַן. בעת איך האָב דאָ שוין אָפּגעגעבן עקזאַמען, און די רעגירונג האָט מיר אין איין קול געמאָלדן, אַז מע וואָלט מיך צוגענומען אין אוניווערסיטעט, אויף קאַזיאָנע הוצאות, אויב איך וואָלט ניט געווען קיין ייד, — האָב איך דיר נאָך אָנגעשריבן אַ בריוו וועגן ליליענטאַלן און זײַנע מעשׂים און האָב געפֿרעגט, צי עס איז דאָ, אויף וועמען צו פֿאַרלאָזן זיך; איך האָב אויך אַוועקגעשריבן 2—3 בריוו קיין באַרדיטשעוו. בעת אָבער איך האָב דערזען, אַז יעדע האָפֿענונג איז פֿאַרלאָרן און אַז פֿאַר מיר איז ניטאָ קיין אויסוועג, אויב איך וועל זיך ניט אָפּרייניקן, האָב איך באַשלאָסן: זאָל זײַן וואָס עס וויל! קיין טאַטן און קיין מאַמען האָב איך ניט; איך האָב אַפֿילו גיט ניט קיין ברודער, ניט קיין שוועסטער, וועלכע איך זאָל קענען מצער זײַן מיט מײַנע מיאוסע מעשׂים, לויט זייער קוק; און זיי וויסן דאָך דאָרטן, אין דעם עולם האמת, אַז איך בין גערעכט; סײַ־ווי־סײַ בין איך אַלעמען אַ פֿרעמדער; די יידן האַסן מיך איצט נאָך מער, איידער איך וואָלט געווען אַ קריסט, — וואָס־זשע האָב איך דאָ צו פֿאַרלירן? איך וועל גיין און וועל אַרײַנטרעטן אין דעם קרייז פֿון די מענטשן, וועלכע באַזיצן די מאַכט און די קראַפֿט, דעם רום און דעם גלאַנץ דאָ אויף דער ערד, און לעתיד־לבֿא — אייביקן שלום, פֿול מיט תּענוג און אייביקן גליק. באַשלאָסן — און זיך גענומען גרייטן צו דעמדאָזיקן וויכטיקן מעמד, און איך האָב זיך אָפּגערייניקט. און דאַנקען גאָט! ער האָט מיך ניט פֿאַרלאָזן, און האָט מיך געבראַכט צו מײַן איצטיקן מצבֿ. גיב־זשע מיר, גאָט, אַ ריין האַרץ און אַ קלאָרן גייסט, אַז איך זאָל קענען ליב האָבן אַלע מענטשן, ליב האָבן דעם אמתן גאָט אין דער דרייאיינִיקייט, און איך ליב האָבן יידן, ווי יעזוס האָט געזאָגט: „פֿאַרגיב זיי, גאָט, דען זיי וויסן ניט, וואָס זיי טוען". און זאָג מיר מיט אַן אמת: צי דען וועלן די יידן אויך נאָכן טויט ניט לײַדן אייביקע יסורים, אויב זיי איז אַזוי לײַכט געווען אויסצודרייען זיך פֿון גיהנום, אויב בלויז מיט דער אמונה

אַליין האָבן זיי געקוקט דערשלאָגן זיך צו דעם אָנגענומען און איביקן לעבן? און די דיינען דאָך אַן עם קשה עורף, באַציען זיך נאָך אַלץ מיט פאַראַכטונג צו איר (דעם קריסטליכן גלויבן). אַליין דיינען זיי שולדיק, און אויך אונז האָבן זיי ניט וואָס צו זיין ברוגז; איך האָב מיין נשמה געראַטעוועט" און אַז. וו.

דיין פריינד וולאַדימיר פיאָדאָראָוו.

ב.

פיאָדאָראָווס ראָלע אין דער קאַזיאָנער השכלה.—גאָטלאָבערס אי־דעאַל.—ער קלאָגט זיך.—זיין וואונטש ווערט מקויים.—גאָטלאָבער — אבראַמאָוויטשעס ערשטער רבי. — אבראַמאָוויטשעס באַקאַנטשאַפט מיט גאָטלאָבערן.—ער ווערט אַן אריינגייער ביי גאָטלאָבערן אין שטוב.—גאָטלאָבערס טאָכטער לערנט אים שפּראַכן. — גאָטלאָבער פירט אים אריין אין דער ליטעראַטור. — גאָטלאָבער אלס העלד אין מענדעלעס „קליין מענטשעלע”.

פיאָדאָראָוו האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אָרגאַניזירן די קאַזיאָנע השכלה אין דעם פּעריאָד פון 1850 — 1870, און גאָטלאָבער פלעגט אים אויסנוצן אין זיינע באַציאונגען מיט דער אַדמיני־סטראַציע פון קיעווער בילדונגס־קוראַטאָריום. זיצנדיק אין קאַמע־ניץ, איז זיין אידעאַל געווען: צו ווערן אַ לערער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול, און ער ווענדט זיך מכוח דעם אין אַ בריוו צו פיאָדאָראָוון און קלאָגט זיך, אַז מיט דעם קליינעם געהאַלט פאַר זיין לערער־שטעלע קען ער ניט אויסקומען און ער מוז ליידן הונגער. ער בעט אים דעריבער אַריבערפירן אין זשיטאָמירער ראַ־בינער־שול צו פאַרנעמען זייבערלינגס פּאָסטן, אַלס לערער פון העברעאיש און דייטש. מיט אייכנבוימען, דעם אינספּעקטאָר פון ראַבינער־שול, וויל ער וועגן דעם ניט ריידן, ווייל ער האַלט, אַז אייכנבוים, אַלס פּאָעט, איז שטאַרק מקנא גאָטלאָבערן זיין גרעסערן ערפאָלג, און איז אים דעריבער ניט קיין גוטער פריינד. אַחוץ דעם טעם פון גרעסערן געהאַלט, גיט ער אָן נאָך מאָ־טיוון, צוליב וועלכע ער וויל אַריבערפאָרן קיין זשיטאָמיר: זשי־טאָמיר איז אַ גרעסערע שטאָט, און אַגב האָט ער אַ טאָכטער אַ בגרות, און זיין אידעאַל איז— אויסגעבן זיין טאָכטער פאַר אַ געענדיקטן שילער פון ראַבינער־שול. אויסער דעם איז זשיטאָמיר אַן אָרט פון דרוקערייען, און ער וועט דאָרטן קענען דרוקן זיינע

בעלעטריסטישע, עקזעגעטישע און פּעדאַגאָגישע ווערק. יעדנפֿאַלס בעט ער אים רחמים, ניט איבערלאָזן אים אין קאַמעניץ, וואָס איז אַ קליין שטעטל און די תּלמידים פֿון דער דאָרטיקער שול ווערן אַליין ווייניקער, אַזוי אַז זי וועט זיך אינגיכן מוזן פֿאַרמאַכן — איז דעריבער, אויב ניט אין זשיטאָמיר, זאָל ער אים כאָטש אַריבערפֿירן אין זיין געבורטשטאָט, אַלט־קאָנסטאַנטין. דאָרטן וועט ער פֿירן אַ קלענערע הוצאה און זיין פֿאַרזיכערט אויף דער עלטער. „און טאָמער איז מיר באַשערט צו שטאַרבן, איז שוין בעסער צו ליגן אין דער ערד פֿון מיין געבורטשטאָט און ניט אין קאַמעניץ, וואָס איז מיר נמאס געוואָרן און וועלכע איך פֿאַרשילט“ *).

אין דריי יאָר אַרום איז זיין וואונטש מקוים געוואָרן.

דאָ, אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק, איז אויך באַשערט געווען, גאָטלאָבער זאָל זיך אויפֿטרעפֿן מיט שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטשן, וועלכער איז אַ דאַנק גאָטלאָבערן אַריין אין דער ליטעראַטור און איז נאָכדעם געוואָרן דער באַרימטער מענדעלע מוכר ספֿרים, דער ווינקלשטיין פֿון אונזער נייער ליטעראַטור.

מגולגל געוואָרן פֿון זיין ליטוויש שטעטל קאַפּוליע קיין קאַמעניץ, האָט דער 17־יעריקער אַבראַמאָוויטש, לערנענדיק אין קאַמעניצער בית־המדרש, ניט געקענט זיך מער באַנוגענען מיט דער טרוקענער גמרא מיט מפֿרשים און דערפֿילט אַ דראַנג צו אַנטוויקלען און בילדן זיך. נאָר ווי בילדעט מען זיך אָן אַ שום וועגווייזער? וואו קריגט מען די נייטיקע ביכער דערצו?

דאָ איז אים געקומען צו הילף אַן אַלטער ייד, וואָס האָט געלערנט אין יענעם בית־מדרש, ר' אַבֿרהמצע, (דער פּראָטאָטיפּ פֿון ר' אַבֿרהם מקובל אין „ווינטשפֿינגערל“). אַז ר' אַבֿרהמצע האָט זיך דערוואוסט, אַז דער ליטווישער בחור איז, אויסער אַ גרויסער בקי אין גמרא, אויך אין גאַנץ תּנך און אַ קענער אין דיקדוק, האָט ער אים איינמאָל איינגערוימט אַ סוד, אַז עס וואָלט געווען כדאי, ער זאָל זיך באַקענען מיט דעם גרויסן „בעל־תּנך“ און „מדקדק“

Изъ переписки Б. А. Готлобера, „Еврейская Старина“ 1911 (*

אין שטאָט. „הערסטו, שלומקע שקאָץ — האָט ער אים שטילערהייט געעצהט — וואָלסט געמעגט דורכגיין זיך אַמאָל פאַרנאַכט, קיינער זאָל נישט זען, צו יענעם שייגעץ, וואָס קאָן דיר נוצן אין די זאַכן. פרומע יידן וייכן אַפילו אין שטאָט פון יענעם גלוה, דו אָבער מעגסט גיין צו אים, ער וועט דיך פון דרך־הישר ניט אַראָפפירן, וועסט האָבן, נישקשה, וואָס צו ענטפערן דעם אַפיקורוס*)". דער גלוה און אַפיקורוס — איז געווען א. ב. גאָטלאָבער.

אַבראַמאָוויטש האָט דאַן ניט געוואוסט, אַז אים איז באַשערט צו זיין אַ שרייבער ביי יידן, נאָר אַזאַ מנהג איז שוין געווען: ווען מע פלעגט אַריינגיין צום ערשטן מאָל צו אַ משורר אָדער צו אַ משכיל אַ מפורסם, פלעגט מען ווייזן „כתבים". באַלד אויף מאָרגן אָוונט איז דער יונגער אַבראַמאָוויטש שוין געווען ביי גאָט־לאָבערן. אַבראַמאָוויטש האָט אים געבראַכט מיט האַרצקלאַפעניש זיינע כתבים, די דראַמע, וואָס ער האָט אויפגעשריבן ביים שטיפ־פאָטער אין דערפל, ניט וויט פון קאַפוליע, אויפן שניט פון לוצאַטים „לישרים תהילה", און די שירים אויפן אַרט פון „ברכי נפשי". איינס פון די שירים האָט געטראָגן דעם נאָמען „מזמור לשלום בהיותו במדבר מעלניקי". גאָטלאָבער האָט מיט אַ שמייכל איבערגעקוקט די קינדיש געשריבענע זאַכן, און וועלכע ס'איז נאָך ניט געווען קאָנטיק די סימנים פון שפּעטערדיקן גרויסן קינסטלער, געזאָגט אים, אַז ס'איז נאָך דערווייל נישט קיין צייטיקע פרוכט, נאָר געגעבן האָפענונג אויף שפּעטער, און דערווייל אים געראַטן בילדן זיך.

אַבראַמאָוויטש האָט שוין לאַנג געדאָרשט נאָך בילדונג, און ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו איר מיט פלייס און ברען. ער איז געוואָרן ביי גאָטלאָבערן אין שטוב אַ היימישער מענטש, געליען אָפט פון זיי ביבליאָטעק ביכער, וועלכע ער האָט ממש געשלונגען, און אונטער דער השגחה פון זיין עלטערער טאָכטער ראָזאַליע, האָט ער זיך געלערנט רוסיש און דייטש און אויך חשבון, און האָט אַזוי וויט דערגרייכט אין קענטעניש, אַז ער האָט איסגעהאַלטן

*) י. ח. ראַבניצקי, מענדעלע מוכר ספרים, אין יובליי־בוך.

עקזאַמען אויף לערער און פֿאַרנומען די שטעל פֿון אַ לערער אין קאַמעניצער קאַזיאָנער שול.

דאָ אין קאַמעניץ האָט ער אָנגעשריבן דעם ערשטן אַרטיקל „מכתב ע״ד החינוך“, וואָס האָט זיך אָן זיין וויסן אָפּגעדרוקט אין דער ערשטער העברעאישער צייטונג „המגיד“ מיט אַ הסכּמה־בריוו פֿון זיין לערער, גאָטלאָבער, אַז דער מאמר מאָג געדרוקט ווערן ניט נאָר אין העברעאיש, נאָר אויך איבערגעזעצט ווערן אין דער לאַנד־שפּראַך „כּדי להראות את העמים והשרים את יפי.“*). דאָס דאָזיקע אַרטיקל האָט געהאַט אַ גוואַלטיקן ערפֿאָלג צווישן דעם יידישן לעזער־פּובליקום און האָט אויף זיך געצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דעם דעמאָלטיקן באַרימטן טוער מאַנדלשטאַמען. בעת ער האָט צוזאַמען מיט דעם בילדונגס־מיניסטער נאָראָוו אַרומגערייזט דעם דרום־מערבֿ־קאַנט, האָט ער זיך באַקאַנט מיט אַבראַמאָוויטשן און איז געווען אין גרויס הידוש דערזעענדיק פֿאַר זיך גאָר אַ יונגנמאַן. „איך בין געווען איבערצייגט — האָט ער געזאָגט, — אַז אַזאַ ערנסטן אַרטיקל האָט געשריבן אַ פֿופֿציק־יאָריקער געלערנטער מאַן“ **). אַזוי אַרום האָט מענדעלע דורך גאָטלאָבערן פֿאַרבינדן זיין גורל מיט אונזער ליטעראַטור.

די באַציאונגען צווישן גאָטלאָבערן און אַבראַמאָוויטשן זיינען שטענדיק געווען אינטימע און האַרציקע. אַבראַמאָוויטש האָט קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן, ווי אַזוי דורך גאָטלאָבערן איז ער אַרויס אויפֿן ברייטן וועג פֿון בילדונג און ליטעראַטור, אַז די וואַרימע סבֿיבֿה האָט אים אויפֿגעמונטערט צו דערשלאָגן זיך צו גרויסע צילן, און ניט לאָזן פֿאַרזונקען ווערן אין קליינשטעטלשן לעבן, אַלס איידעם פֿון אַ רייכן שווער. גאָטלאָבערס פֿיגור האָט ער דעריבער מיט אַזויפֿיל ליבע געמאָלט אין „קליין מענטשעלע“ אין דער געשטאַלט פֿון גוטמאַן דעם משכּיל.

און אַפֿילו דעמאָלט, בעת אַבראַמאָוויטש האָט אין „משפּט שלום“ (1860) און „עין משפּט“ (1867) אַראָפּגעריסן די אַלטע מליצה־שרייבער, האָט ער גאָטלאָבערן ניט אָנגערירט.

---

*) המגיד, 1857, נומ. 31.

**) י. ח. ראַבניצקי, אין יובֿילעאום־בוך וועגן מענדעלען.

ג.

גאָטלאָבער ווערט אריבערגעפירט קיין אלט־קאָנסטאנטין. — זיין נייער תלמיד אברהם גאָלדפאדען. — גאָלדפאדען באקאָנט זיך ביי גאָטלאָבערן מיטן יידישן פאָלקסליד. — בעזאנג־אָוונטן ביי גאָטלאָבערן אין הויז. — גאָלדפאדען פארפאסט אייגענע לידער. — גאָטלאָבערס השפעה אויף גאָלדפאדענען אלס דראמאטורג. — גאָטלאָבערס ליטערארישע טעטיקייט. — פיאַדאָראָווס ווענדונג צו אים. — זיין באקאַנטשאפט מיט אקסנפעלדן. — זיין נסיעה קיין אויסלאנד. — גאָטלאָבער ווערט באשטימט אלס לערער אין ראבינער־שול. — ער גיט ארויס א בוך וועגן די קאראאימער. — אינצידענט מיט פירקאָוויטשן. — ער ווערט לערער אין ראבינער־שול.

אין יאָר 1855 ווערט גאָטלאָבער אַריבערגעפירט קיין אַלט־קאָנסטאַנטין, אַלס לערער אין דער דאָרטיקער יידישער קאַזיאָנער שול. צווישן זיינע תלמידים איז אויך געווען דער שפּעטער באַרימטער געוואָרענער גרינדער פֿון יידישן טעאַטער אַברהם גאָלדפֿאַדען. אין זיינע זכרונות וועגן יידישע שרייבער „אין שלום־עליכמס „פֿאָלקס ביבליאָטעק" *) שרייבט גאָטלאָבער וועגן גאָלדפֿאַדענען צווישן אַנדערן: „צווישן מיינע תלמידים איז געווען אַ ייִנגל גאָר אַ יונגס אַברהמעלע גאָלדפֿאַדען. דאָס ייִנגל האָט הוץ דער שולע ביי מיר צו הויזע פּריוואַט געלערנט. איבערהויפּט פֿלעגט ער זיך זייער צוקוקן, ווי איך האָב געשריבן זשאַרגאָן: דאָס איז געווען גאָר זיין לייַדנשאַפֿט. ציינד דאַרף איך אייך ניט דערציילן, איר ווייסט שוין ווער ער איז און וואָס ער האָט שוין אָנגעשריבן".

גאָלדפֿאַדענס פֿאָטער איז געווען אַ זייגער־מאַכער, וועלכער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער השכלה. דעמאָלט איז געווען די צייט פֿון די „כאַפּערס" און געוויינלעך האָט מען פאַר רעקרוטן געכאַפּט די קינדער פֿון בעלי־מלאָכות. אָבער די בעלי־מלאָכות האָבן אויך געהאַט מיטלען, ווי אַזוי צו באַוואָרענען זייערע קינדער פֿון די כאַפּערס, און דער מיטל איז געווען צו שיקן זיי, די קינדער הייסט

*) I ב. ז. 254—255.

עס, אין שקאָלעס. אַברהם גאָלדפאַדען איז געווען צווישן די ערשטע קינדער אין דער „קאַזיאָנער שקאָלע". ער האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן און צו צען יאָר האָט ער אָנגעשריבן אַ העברעאישן שיר. גאָטלאָבער איז דעמאָלט געווען לערער אין דערדאָזיקער שול און האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם געראָטענעם יינגל און האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט אים, געלערנט אים העברעאיש און געוועקט אין אים דעם פּאָעטישן געפיל.

פּאַפּירנא אין ווילנער „פּנקס" פון פאַרלאַג ב. א. קלעצקין דערציילט אין זיינע זכרונות, ז. 188: „ביי גאָטלאָבערן איז גאָלדפאַדען אויך באַקאַנט געוואָרן מיט דעם יידישן ליד. אַ זון פון אַ חזן, האָט גאָטלאָבער געירשנט פון זיין פאָטער אַ גוטע שטים און אַ ליבע צו נגינה. ער פלעגט אַליין שאַפן די ניגונים צו זיינע לידער. דידאָזיקע לידער מיט די ניגונים האָט גאָלדפאַדען איבערגענומען. אין גאָטלאָבערס הויז האָט גאָלדפאַדען געלערנט שעצן די יידישע שפּראַך און צו ליבן דאָס יידישע פאָלקסליד. גאָטלאָבערס יידישע לידער האָט ער געקענט אַלע אויף אויסווייניק און פלעגט ליב האָבן זיי צו זינגען"... „אין ראַבינער-שולע אין דער צייט פון רעקרעאַציע פלעגט גאָלדפאַדען אָפּט אָנציען אַ גאָטלאָבערישן לידל, און די איבעריקע שילער פלעגן אונטערהאַלטן. איינע פון זיי, געדענק איך, האָט זיך אָנגעהויבן מיט די פערזן:

„שוין צוויי טויזנט יאָר, גייט דער ייד אַרום,
ער איז פול חיי וועלט, פול אומעטום,
אומעטום געהאַסט גאָר ווי אַ וואָרעם.
אין מזרח, אין מערב, אין צפון, אין דרום

ביי גאָטלאָבערן האָט ער זיך אויך באַקאָנט מיט דער יידישער דראַמע: „אין איב — שרייבט גאָרין אין זיין „געשיכטע פון יידישן טעאַטער", ז. 153: גאָלדפאַדען האָט אין דער „מומע סאָסיע", (גאָלדפאַדענס אַ קאָמעדיע) אַרויסגעוויזן דעם שטאַרקן איינפלוס פון סערקעלע, האָט ער אין די שפּעטערדיקע פאַרסן געוויזן דעם איינפלוס פון גאָטלאָבערס „דעקטור".

אין זשיטאָמיר פלעגן זיך ביי גאָטלאָבערן אין שטוב אָפט צונויפקומען די גרעסטע מנגנים פון שטאָט. עס פלעגן פאָרקומען

בײַ אים באַזונדערע געזאַנג-אָוונטן, אין וועלכע עס פֿלעגן אַרומגערעדט ווערן פֿאַרשיידענע ענינים פֿון מוזיק, אַלגעמיינער און יידישער. דידאָזיקע אָוונטן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דעם יונגן גאָלדפֿאַדענען, וואָס האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו פֿאַרפֿאַסן זיינע נאָכדעם זייער פּאָפּולער-געוואָרענע לידער, צו וועלכע ער האָט אויך אַליין קאָמפּאָנירט מוזיק *).

פֿאַר דער צייט, וואָס א. ב. גאָטלאָבער איז געווען לערער אין קאַמעניץ און אַלט-קאָנסטאַנטין, האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו עוסקן זיך מיט ליטעראַרישע אַרבעט. אין יאָר 1858 דרוקט ער אָפּ זיין ספֿר „ענף עץ עבֿות“ (ווילנע, תרי״ח), וועלכער אַנטהאַלט דריי שירים, איינער אויף דעם טויט פֿון ניקאָלאַי דעם I און דער קריינונג פֿון אַלעקסאַנדער דעם II, איינער אויף דעם שלום פֿון 1856, און דער דריטער — לכּבֿוד אַלעקסאַנדער II ניצול ווערן פֿון קאַראַקאָזאָווס אַטענטאַט אין 1856. צום סוף פֿון ספֿר קומט אַ רעדע אין דייטש, וואָס גאָטלאָבער האָט געהאַלטן אין 1857 אין אַלט-קאָנסטאַנטין, בעת מע האָט אים שבת אין שול איבערגעגעבן דעם מעדאַל אין דעם דאַנק, וואָס דער קיסר האָט אים צוגעשיקט דורכן קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר.

אין אַלט-קאָנסטאַנטין האָרעוועט ער זייער אַ סך אויף הזנה. און פֿילט זיך זייער שוואַך. אין אַ בריוו צו דעם בראָדער משכּיל יעקבֿ בודק קלאָגט ער זיך, אַז הגם ער פֿאַרדינט 325 רובל אַ יאָר אַלס שול-לערער, און נאָכאַמאָל אַזויפֿיל פֿון פּריוואַטע לעקציעס, פֿילט ער דאָך אַ פֿיזישע און גייסטיקע שוואַכקייט. „אפֿשר איז עס מחמת צופֿיל אַרבעט אָבער וואָס זאָל איך טאָן, דאָס ביסעלע גיט מיר ניט אויף צום לעבן. ווי (עס) זאָל ניט זיין — איז מיין גאַנץ לעבן אַ צרהדיקס און אָט אַזוי מאַטערט מען זיך אויף דער וועלט *).

אין 1859 האָט פֿיאָדאָראָוו באַהאַרפֿט צושטעלן דער מאַכט אַן אָפֿיציעלן מעמאָראַנדום וועגן דעם העמאָלטיקן רעליגיעזן און

*) ש. ל. ציטראָן, „דריי ליטעראַרישע דורות“, ב. II, ז. 14 — 15.

**) „שם ושארית“ (ביילאַגע צום „הבקר אור“ תרל״ז) ז. 3—5.

פֿאַמיליען־לעבן פֿון די יידן, און ער ווענדט זיך צו גאָטלאָבערן, ער זאָל אים צושטעלן די נייטיקע ידיעות וועגן דעם *).

.... „ווינסנדיק, שרייבט ער אים, אייערע פֿעאיקייטן צו שילדערן דאָס יידישע לעבן, וואָס איז אַזוי געלונגען אַרויסגעבראַכט אין אַלע אייערע יידיש־דייטשע ווערק, ווענד איך זיך צו אייך מיט אַ געפּעליקסטער בקשה צונויפֿשטעלן פֿאַר מיר אויף העברעאיש, אָדער, אויב אייך וועט זיין באַקוועמער, אויף יידיש־דייטש, אַ באַשרייבונג פֿון די זאַכן, וואָס זיינען באַצייכנט אין דער ביי־געלייגטער פּראָגראַם". נאָך דעם בריוו גייט אַן אַנקעטע וועגן יידישע רעליגיעזע מנהגים, וועגן קימפּעט, בריתן, חינוך, וכדומה, אויף וועלכע גאָטלאָבער האָט באַריכות געענטפֿערט **).

אין 1862 פֿאָרט ער קיין אָדעס און דאָרטן טרעפֿט ער זיך מיט דעם באַרימטן שריפֿטשטעלער ישראל אָקסנפֿעלד. וועגן דעם־דאָזיקן מערקווירדיקן שריפֿטשטעלער, ברענגט גאָטלאָבער אינטע־רעסאַנטע זכרונות אין שלום־עליכמס „יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק" ***).

„ר' ישראל אַקסנפֿעלד איז געווען מיט אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק צוריק געשוואוירענער אַדוואָקאַט און נאָטאַריוס אין אָדעס. אין זיינער יוגנט איז ער געווען אַ בראַסלאַווער חסיד, אַ גרויסער מקורב צום רבין ר' נחמן בראַסלאַווער און אַ חבר פֿון ר' נתן בראַס־לאַווער, וואָס האָט געשריבן און געדרוקט אַלע ר' נחמנס ספֿרים; שפּעטער האָט אַקסנפֿעלד דאָס חסידות אַוועקגעוואָרפֿן, האָט זיך אייראָפּעאיש אויסגעבילדעט און איז געוואָרן זייער אַ געבילדעטער מאַן. ער האָט אָבער זיין יידיש לשון זייער ליב געהאַט און האָט נאָר אין דעם געשריבן". — אין דעם יאָר 1882, אַז איך בין געווען אין אָדעס און מיר האָבן זיך זייער אָפֿט געזען, האָט מיר אָקסנפֿעלד פֿאַר מיין אָפּרייזע אַריינגעשיקט אַ רשימה פֿון אַלע ספֿרים מיט אַ קליין צואה־בריוול:

„אַ רעעסטער פֿון אַלע ספֿרים, וואָס איך, דער געשוואוירענער אַדוואָקאַט, נאָטאַריוס אָקסנפֿעלד אין אָדעס האָב געמאַכט אין לשון

*) ז. 284—285, Изъ переписки Готлобера, Евр. Стар., 1910

**) זע פֿריער, ז. 25—32.

***) ב. I, ז. 257.

„פּראַכט יודיש“ (די זענען נאָך ניט געדרוקט). פֿון פֿאַר דרייסיק יאָר האָב איך אַליין די ספֿרים געשריבן פֿון פּראָסטע יידנסוועגן. די וואָס קענען קיין שום אַנדער לשון ניט. אַ טייל ספֿרים זענען קאָמעדיעס, אַ טייל אמתע מעשׂיות גוט דערציילט, אַ טייל זענען פֿון הולטאַיעס, שווינדלערס אָפּגערעדט, פֿון זייער שוואַרצן סוף, וואָס זיי האָבן געהאַט. די מענטשן, וואָס ווילן די ספֿרים לעזן לאַכנדיק, וועלן אין איינוועגס הערן מוסר און דרך־ארץ און טאַקע אַלערליי וויסנשאַפֿטן אויך“.

ווייטער גייען די נעמען פֿון 26 שריפֿטן; איך האָב כמעט אַלע געלעזן געשריבענערהייט. באַזונדערס מערקווירדיק איז „מיכל דער עזרקים“, אַ וואַרע פּערזאָן מיט דעם אייגענעם נאָמען. איך האָב דעם מענטשן אַליין געקענט אין אָדעס; ער איז אַליין געוועזן פֿון מאָהילעוו־פּאָדאָלסק, און די באַרימטע געטויפֿטע מאַדאַם אַדמיראַלשע יולי אַגרייאַ אין ניקאָלאַיעוו (שפּעטער האָפֿדאַמע אין פּעטערבורג). די געוועזענע פֿרוי פֿון ר' דוד ראַפּאַלאָוויטש אין מאָהילעוו איז געוועזן זיין שוועסטער. ער איז געוועזן אַ שרעקלעכער אַבענטירער, איז געוועזן אַ מחמדאַנער, דערנאָך אַ קריסט, און ווערנד ער איז געוועזן אַ קריסט און האָט אין אָדעס געשפּילט אַ ראָלע פֿון אַ דאָקטאָר, האָט ער זיך פּלוצים געלאָזט וואַקסן אַ באָרד און איז אַוועקגעפֿאָרן קיין אָטשאַקאָוו אין חודש אלול און האָט דאָרט געדאַוונט פֿאַרן עמוד, אַלס חזן, ימים־נוראים פֿאַר 200 קערבלעך. זיינע אַלע אַבענטייער זיינען באַשריבן אין דעם ספֿר פֿון אָקסנפֿעלד זייער וואונדערבאַר. — אַ טייל פֿון די ספֿרים זיינען שפּעטער געדרוקט געוואָרן אונטער אַנדערע, „דער באַרדיטשעווער חסיד“.

אין יאָר תר״ך איז ער אַוועק קיין אויסלאַנד. די דאָרטיקע משׂכּילים און געלערנטע האָבן אים זייער וואַרעם אויפֿגענומען. אין ווין האָט ער זיך באַקענט מיט פֿיל יידישע געלערנטע, נאָר זיין גרעסטע פֿרייד איז געוועזן די באַקאַנטשאַפֿט מיט דעם באַרימטן שריפֿטשטעלער לודוויק אַוגוסט פֿראַנקל, וועלכער האָט אים געגעבן איבערצוזעצן אויף העבּרעאיש זיין בוך „אויס עגיפּטען“. דאָס בוך

האָט זיך אָפּגעדרוקט אויף די קאָסטן פון דער מעצינאַטין עליזע הערץ פאַן לעמעל.

אין יאָר תרכ"ד האָט גאָטלאָבער אָפּגעדרוקט אין ווילנע זיין בוך וועגן דער געשיכטע פון די קאַראַאימער, „בקורת לתולדות הקראים", וואָס האָט זיך ערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען, מיט הוספות פון יאָסט, גרעץ, פירסט כוואָלסאָן און מיט הערות פון אַברהם פירקאָוויטש. דער בילדונגס-מיניסטער האָט גאָטלאָבערן געגעבן די נייטיקע סומע געלט אויף צו דרוקן דעם ספר. בנוגע דעמדאָזיקן ספר איז אינטערעסאַנט צו ברענגען פאָלגנדיקן עפּיזאָד:

אין דעם ספר „בקורת לתולדות הקראים" האָט גאָטלאָבער געשריבן, אַז די רבנישע יידן האָבן צורעשט גערופן די קאַראַאימער „קרעים", אָפּגעריסענע, אָפּגעשפּאָלטענע, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון יידן. הערביי איז ער זיך אויך סומך אויף ריבל"ס בוך „תער הסופר" און אויף דעם קרעמעניצער רבֿ, וועלכע האָבן אויך אַזוי געשריבן, און דער קרעמעניצער רבֿ האָט נאָך געשריבן, אַז: „דאָס, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן, קען זיך שוין צוריק ניט באַהעפטן".

די דאָזיקע אויסטייטשונג פון דעם נאָמען קאַראַאימער, וואָס שטאַמט אין דער אמת פון דעם וואָרט „קראים", אָנהענגער פון דער ביבל, האָט אַריינגעבראַכט אין גרויס צאָרן דעם באַרימטן קאַראַאימען-פאָרשער אַברהם פירקאָוויטש, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט זיין פּסעוודאָנים „אב"ן-רש"ף". ער האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן וועגן דעם אַן אָנקלאַגע צו דעם זשיטאָמירער גובערנאַטאָר, אַז גאָטלאָבער האָט באַליידיקט אַלע קאַראַאימער, אָנרופנדיק זיי „אָפּגעריסענע", און מע זאָל אים דערפאַר באַשטראָפן. גאָטלאָבער האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט און האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. ער איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו פירקאָוויטשן, וואָס איז איינגעשטאַנען ביים זשיטאָמירער רבֿ קולישער, האָט זיך מודה געווען, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער און האָט אים גענומען בעטן, ער זאָל דאָס ניט טאָן, און גלייך אויף אָרט האָט ער אָנגעשריבן אַ הכחשה, וואו ער זאָגט זיך אָפּ פון זיין ערשטער מיינונג, אין וועלכער ער האָט זיך געשטיצט אויף ריב"ל'ן און דעם

קרעמעניצער רבֿ. ער האָט פּירקאָוויטשן פֿאַרזיכערט מיט אַ שבֿועה, אַז ער וועט עס אָפּדרוקן אין „המליץ“ אין אָרעם.

נאָך דער מעשה איז אַריבערגעגאַנגען צוויי יאָר און גאָטלאָבער האָט זיין וואָרט ניט געהאַלטן און האָט אין „המליץ“ די הכחשה ניט אָפּגעדרוקט.

אין יאָר תרל״ג האָט פּירקאָוויטש אים געשיקט אַ בריוו און דערמאָנט אים ווידער וועגן זיין וואָרט, וואָס ער האָט אים געגעבן. אויף דעם ענטפֿערט גאָטלאָבער מיט אַ לאַנגן בריוו, וואו ער ווייזט אויף, אַז אייגנטלעך האָט ער גאָרניט געשריבן קיין שלעכטס אויף די קאַראַאימער; ער האָט בלויז געזאָגט, אַז זייערע פֿאַרפֿאָלגער, די רבנישע יידן, האָבן זיי אין יענער צייט, ווען זיי האָבן זיך אָפּגעטיילט, גערופֿן אָפּגעריסענע, „קרעים“, ווייל זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פֿון די יידן. די דאָזיקע מיינונג איז ניט זיינע, נאָר לעווינזאָנס און דעם קרעמעניצער רבֿס און אדרבא, ער גיט איך ניט גערעכט די רבנים, נאָכמאָל זיי האָבן אַזוי אָנגערופֿן די קאַראַאימער און וויפֿיל מאָל האָט ער זיי שוין פֿאַר דעם געשטראָפֿט. „און דער כבוד פֿון די קאַראַאימער ווערט ניט געמינערט פֿון דעם, וואָס זייערע שונאים רופֿן זיי „קרעים“, אָפּגעריסענע, ווייל דער שונא איז בלויז אויסן צו שימפֿן און לעסטערן, טאָ ווער וועט אים גלייבן?“... מיט איין וואָרט, פֿון איין זייט פֿאַרענטפֿערט ער זיך פֿאַר פּירקאָוויטשן און פֿון דער צווייטער זייט באַשטעטיקט ער זיין ערשטע מיינונג. צווישן אַנדערן איז אויך אינטערעסאַנט פֿאָלגנדיקע שטעלע אין בריוו:

„אַ גרויסע שאלה האָסטו, מיין פֿריינד, געפֿרעגט, פֿאַרוואָס האָב איך ניט געהאַלטן וואָרט. יאָ, מיין פֿריינד, איך האָב דיר צוגעזאָגט און ניט מקיים געווען. מיט וואָס זאָל איך זיך פֿאַרענטפֿערן? אָבער הער נאָר אויס מיין התנצלות און איך פֿאַרהאָף, אַז דו וועסט מיר גערעכט געבן, דו וועסט פֿאַרשטיין, אַז איך האָב אַנדערש ניט געקענט טאָן.

בטבע בין איך אַ ווייכער מענטש, מיר איז זייער שווער אָפּזאָגן ווען עס איז אַ בקשה. אַלע מיינע באַקאַנטע ווייסן שוין, אַז אָפּטמאָל קומען צו מיר אַריין יונגעלייט, אָנפאַנגער און קאָנען אַפילו ניט רעכט די שפּראַך, און בעטן ביי מיר אַ הסכמה אָדער אַ מיינונג אויף זייערע ווערק. מחמת שוואַכקייט קען איך זיי ניט אָפּזאָגן, און זיי דרוקן אָפּ מיינע רייד אויבנאָן אין זייערע ביכער, אַלס באַווייז, אַז זיי זיינען פיינע שרייבער און מחברים און מאַכן מיין נאָמען צו שאַנד פאַר די משכילים. איך ווייס דאָס אַלץ גאַנץ גוט, און פונדעסטוועגן טו איך דאָס, ווייל איך בין אַ שוואַכמוטיקער מענטש. היינט מה-דאָך בנוגע צו יינגלעך פיר איך זיך אַזוי, איז בנוגע צו אַן אַלטן מאַן און אַ גרויסן מענטשן ווי דו ביסט — אַוודאי און אַוודאי! זעענדיק דיך און וויסנדיק, ווי ווייט עס גרייכט די ליבשאַפט צו מיר פון אַזאַ אָדם גדול, ווי דו ביסט, האָב איך זיך ניט געקענט באַהערשן און אָנגעשריבן וואָס עס איז מיר געקומען אויפן זינען. אָבער נאָכדעם, ווי דו ביסט אַוועקגעפאָרן, האָב איך זיך באַטראַכט, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן, און האָב חרטה געקראָגן, וואָס איך האָב געשריבן נאַרישקייטן. אַלע, וואָס וואָלטן עס געלעזן, וואָלטן בלויז געלאַכט פון דעם".

פירקאָוויטש פאַרעפנטלעכט דורך דעם רייזנדער אפרים ריינאַרד גאָטלאָבערס בריוו אין „המגיד", תרל"ג, נומ. 32 און זיין ענטפער „המגיד" נומ. 33 וואָס איז ווי אַ מין ווענדונג צו דער עפנטלעכקייט. אין דעם צווייטן בריוו זיינעם דעקט ער אויף די גאַנצע געשיכטע מיט גאָטלאָבערן ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין מיינונג און ניט געהאַלטן וואָרט, און דערווייזט אים, אַז אין קיין ספר, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער פראַגע, איז ניטאָ דאָס וואָרט „קרעים", נאָר „קראים", און ער ווענדט זיך צו דער יידישער געלערנטער וועלט: אויב אין אַ וואָסער עס איז רבנישן ספר געפינט זיך דאָס וואָרט „קרעים", איז ער גאָטלאָבערן מוחל די באַליידיקונג, וואָס ער האָט באַליידיקט די קאַראַאימער, און אויב ניט, וועט ער „די באַליידיקונג צושטעלן דער העכערער מאַכט און מע זאָל אים משפטן פאַר אַרויסלאָזן אַ שלעכטן נאָמען אויף

אַלע קאַראַאימער, וואָס איז קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט געוואָרן".

וואָס איז געווען דער סוף פֿון דער געשיכטע, איז ניט באַוואוסט.

בעת דער דעלעגאַט פֿון בילדונגס־מיניסטעריום פּאָסטעלס האָט אין יאָר 1864 רעווידירט די יידישע שולן, איז ער אויך געווען אין אַלט־קאָנסטאַנטין. גאָטלאָבער האָט ביי אים זייער אויסגענומען מיט די פּעולות פֿון זיינע תּלמידים און מיט דעם מעמאָראַנדום, וועלכן ער האָט אים איבערגעגעבן איף דייטש וועגן דעם מצבֿ פֿון די יידן און דעם יידישן חינוך; אומקערנדיק זיך קיין פּעטערבורג, האָט אים פּאָסטעלס רעקאָמענדירט פֿאַר דעם בילדונגס־מיניסטער, בעת עס איז געוואָרן וואַקאַנט די שטעלע פֿון אַ לערער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול, און אין יאָר 1865, נאָכדעם, ווי ער איז 11 יאָר אָפּגעווען לערער אין אַלט־קאָנסטאַנטין, האָט מען אים באַשטימט אַלס לערער אין זשיטאָמירער ראַבינער־שול איפֿן אָרט פֿון דעם פֿאַרשטאָרבענעם הירש כּעגאַל.

זיין אידעאַל איז סוף־כּל־סוף מקוים געוואָרן.

ד.

די פרוכטבאַרסטע יאָרן פון גאָטלאָבערס ליטעראַרישע טעטיקייט. — דער אידעאַל פון רוסיפיקאַציע. — דער תּנך אויף רוסיש אַלס מיטל צו רוסיפיקאַציע. — דער אַרטיקל אין „Московскія Вѣдомости“ - צי דאַרפן יידן באַזוכן פוילישע שולן. — „זשאַרגאָן“ האָט קיין ליטעראַרישע ווערט ניט, בלויז אַלס זכר פון דער הערשאַפט איבער יידן. — רבנים אויך גוט — אבי השכּלה. — די האָפענונג פון די משׂכּילים אויף די „קאַזיאָנע“ שולן ווערן ניט מקויים.

די 60-ער יאָרן זיינען געווען די פרוכטבאַרסטע פאַר גאָטלאָבערן. דאָס זיינען געווען די יאָרן, ווען די אידעע פון רוסיפיקאַציע האָט פאַרכאַפּט אַלע משׂכּילים, די יאָרן פון דער קאַזיאָנער השׂכּלה אין רוסלאַנד, די ערשטע יאָרן פון דעם ערשטן העברעאישן אָרגאַן אין רוסלאַנד, „המליץ“, וואָס האָט געפּרעדיקט, צוזאַמען מיט השׂכּלה, אויך אַסימילאַציע — און גאָטלאָבער וואַרפט זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דערדאָזיקער באַוועגונג, אין וועלכער ער זעט די איינציקע ישועה פאַר יידן. גאָטלאָבער ווערט איינער פון אירע מיטיקסטע פאָנענטרעגער.

אין אָנהייב 60-ער יאָרן האָט די רוסישע רעגירונג בנוגע דער „יידנפראַגע“ געהאַלטן מיט דעם „יידישן קאָמיטעט“, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט אין יאָר 1859 די מיינונג, אַז „דאָס אויסגלייכן די יידן אין זייערע רעכט מיט דער רוסישער באַפעלקערונג קען קומען נאָר ביסלעכווייז, בהדרגה, אויף וויפיל עס וועט צווישן זיי פאַרשפּרייט ווערן אמתע בילדונג, אויף וויפיל עס וועט געענדערט ווערן זייער אינעווייניקסטער לעבן און זייער טעטיקייט וועט פאַרווענדט ווערן אויף נוצלעכער באַשעפטיקונג“. דעמאָלט האָבן איינצלנע פערזאָנען באַשלאָסן אַרויסטרעטן אָפן און פון דער הויפט-שטאָט געמאָלדן פאַר אַלע יידן, אַז „עס איז אָנגעשטאַנען דער טאָג, ווען מע דאַרף אַראָפּנעמען פון זיך די אייביקע שאַנד“. צו דעם צוועק איז געגרינדעט געוואָרן די „חברה מפיצי השׂכּלה“: דורכדעם האָבן זיי געהאָפט צו דערגרייכן בירגער-

רעכט, וואס ס'איז אוממעגלעך געווען, ניט קענענדיק די לאנד-שפראך *).

די יידישע משכילים, צווישן זיי אויך גאטלאבער, זיינען געווען זייער באגייסטערט פון דער געזעלשאפט. אין איינעם פון דער סעריע ארטיקלען אין „המליץ“ (1864, ז. 298), אונטערן נאמען „כל מבקר“, רעכנט ער אויס פיר ליכטיקסטע געשעענישן אין דעם יידישן לעבן: יידישע שולן, קאזיאנע ראבינער, די העברעאישע פעריאדישע פרעסע און די „חברה מפיצי השכלה“. אין זעלבן ארטיקל ווייזט גאטלאבער אויף, אז דער בעסטער מיטל צו פארשפרייטן רוסיש ביי יידן, איז די איבערזעצונג פון תנ"ך.

אין גרויס התפעלות האט אריינגעבראכט גאטלאבערן דער ארטיקל אין „Московскія Вѣдомости“ 1865, וואס א פסעוודאנים „רוסקי יעווריי“ האט פארעפנטלעכט אין שייכות מיט דער רוסיפיקאטארישער פאליטיק פון דער רוסישער רעגירונג אין דעם צפון-מערבדיקן קאנט באלד נאכן דערשטיקן דעם פוילישן אויפשטאנד. דער אומבאקאנטער מחבר לייגט דא פאר, אז די לערנשפראך אין די יידישע שולן זאל זיין רוסיש, ניט דער „צעקאליעטשעטער דייטשער זשארגאן“. דערדאזיקער זשארגאן, אויף וועלכן מאכן יידן דריקן אויס זייערע געדאנקען און געפילן, איז בלויז א גערעדטע שפראך, וועלכע פארמאגט אבער ניט קיין ליטעראַרישן ווערט, און קען בשום-אופן ניט געברויכט ווערן ביים איבערלייגן א באליביקע וויסנשאפט, — נמצא, אז ער קען ניט געברויכט ווערן ביי דעם אונטערריכט אין געזעלשאפטלעכע שולן“. „דער זשארגאן איז אינטערעסאנט, אלס מערקווירדיקער פראטעסט קעגן די פאליאקן און דער פוילישער שפראך. די עקסיסטענץ פון זשארגאן דינט אלס באווייז, אז די פאליאקן האבן שטענדיק דערווייטערט די יידן פון דעם בירגערלעכן לעבן און ליטעראטור... בלויז אין פוילן און אין די מערב-גובערניעס האבן די יידן איינגעהאלטן זייער היסטארישן זשארגאן. דידאזיקע אפפרעמדונג און אפזונדערונג פון די יידן באווייזט אונדז קלאר, אז די פוילישע שפראך

*) „תולדות חברת מרבי השכלה“, לויט צינבערגס Истор. Евр. Печ. ז. 131.

האָט בײַ הײַנטיקן טאָג קײן שום רעכט ניט אַרײַנגעמען אין איר שײַם דאָס גאַנצע ייִדנטום". לויט דער מײנונג פֿון דעם אַוטאָר, טאָרן די ייִדן ניט באַזוכן פּוילישע שולן אַפֿילו אין דעם פֿאַל, וואו די רוסישע שפּראַך וואָלט געווען אָבליגאַטאָריש. „פֿון פּוילישע שולן... קען מען ניט דערוואַרטן, אַז זײ זאָלן ערציִען, אַפֿילו בלויז ייִדן אַלײן, אין ליבע צום טראָן און פֿאָטערלאַנד. אין די פּוילישע שולן קענען ייִדן באַקומען פֿאַרשײדענע וויסנשאַפֿטן, אָבער ניט דעם באַוואוסטזײַן, אַז זײ זײַנען רוסישע בירגער". „כּדי די ייִדן פֿון פּוילן זאָלן ווערן אמתע בירגער און זאָלן צום סוף קענען צונויפֿגיסן זיך מיט דער אײַנגעבאָרענער רוסישער באַפֿעלקערונג אין אײן גאַנצס, מוזן זײ פֿון קינדווײַז אויף באַקומען אַ רוסישע ערציִונג און רוסישע שולן. נאָר אַזוי ווי די אָרטאָדאָקסיע באַציט זיך מיט חשד צו די אַלגעמײנע שולן, מחמת דעם, וואָס זײ קענען בײַ זיך ניט פּועלן, אַז זײערע קינדער זאָלן מחלל זײַן שבת און יום-טובֿ, לײגט פֿאָר דער אַוטאָר צו גרינדן אין פּוילן ספּעציעלע ייִדישע שולן, וועלכע זאָלן זײַן דורכגעדרונגען מיטן רוסישן גײַסט, מיט דעם אונטעררײַכט אויף רוסיש. כּדי צו געבן די פּוילישע ייִדן העכערע בילדונג, לײגט ער פֿאָר צו גרינדן ראַבינער-שולן, צוערשט אין וואַרשע און לובלין. דער אַוטאָר באַמערקט אָבער גלײַך אויף אַן אָרט, אַז „רײדנדיק וועגן גרינדן ס פּ ע צ י ע ל ע ייִדישע שולן", „מײנט ער ניט, חלילה, צו באַזײַטיקן די ייִדן פֿון די אַלגעמײנע רוסישע לערנאַנשטאַלטן", אָבער דער צוטריט פֿון די פּוילישע ייִדן צו די די פּוילישע שולן מוז קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטן ווערן" *).

דערדאָזיקער אַרטיקל האָט, ווי געזאָגט, אַרײַנגעבראַכט אין התפּעלות געטלאָבערן. אויסדריקנדיק ק אַ ט קאָ וו ן אַ דאַנק פֿאַר דעם, וואָס ער גיט גערן די שפּאַלטן פֿון זײַן צײַטונג אויף צו באַהאַנדלען די ייִדישע פֿראַגע און איז בכלל זײער ווױלגעניגט צו פֿאַרברײטערן די בירגערלעכע רעכט פֿון די ייִדן, האָט זיך געטלאָבער געווענדט מיט אַן אויפֿרוף צו די פּוילישע ייִדן, אַז זײ זאָלן זיך ניט לאָזן פֿאַרפֿירן פֿון די חניפֿהדיקע פּוילישע פּאַט-

*) ציטירט לויט ס. צינבערג, «Истор. Евр. Печати», ז. 123.

ריאַטן. די פּוילישע ייִדן דאַרפֿן מיטן גאַנצן האַרצן צושטיין צו דער רוסישער רעגירונג, וואָס באַציט זיך מיט חסד צום ייִדישן פֿאָלק, און טאָרן ניט פֿאַרגעסן, ווי די פּוילישע פּעאָראַלן האָבן געטראָטן מיט די פֿיס אַלע זייערע מענטשלעכע רעכט און האָבן תּמיד דעם ייִדן געהאַלטן, ווי אַ הונט. „ווענדט זיך — רופֿט אויס צום סוף גאָטלאָזער — צו אונזער רעכטפֿאַרטיקן קיסר, ער זאָל באַפֿעלן עפֿענען פֿאַר אייך עלעמענטאַרע און ראַבינער־שולן, ווי עס איז געשריבן אין דעם אַרטיקל פֿון „רוסקי יעווריי“. לערנט די שפּראַך פֿון דעם גרויסן און גרעניצלאָזן רוסלאַנד און ווערט עכטע און כּשרע רוסישע ייִדן *).

אין די 60־קער יאָרן האָבן די משׂכּילים גענומען זוכן עצות, ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די קאַזיאָנע ראַבינערס, וועלכע זיינען געווען פֿון די אַקטיווע טוער פֿון השׂכּלה און אויפֿקלערונג, לויט דעם דעמאָלטיקן באַגריף, זאָלן ניט זיין אָפּהענגיק פֿון דעם רעדלפֿירער פֿון דער קהילה, וואָס קענען זיי בײַ יעדע נייע וואַלן פֿאַרבאַלאָטירן. די פּרעסע האָט די זאַך באַהאַנדלט און פֿאָרגעשלאָגן פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן, אָבער ווייטער פֿון פּראָיעקטן איז די זאַך ניט דערגאַנגען; נאָכמער, אָפֿטמאָל האָבן די משׂכּילים גופֿא געפּרוווט אויסנוצן דעם אַווטאָריטעט פֿון די גרויסע באַרימטע רבנים אויף פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. אַזוי, צום בײַשפּיל, וועלנדיק אויסנוצן דעם גרויסן אַווטאָריטעט פֿון ר' ישׂראל סאַלאַנטער, האָבן די משׂכּילים זיך געפֿלייסט צו פֿאָרשטעלן אים, אַלס היימן חסיד פֿון השׂכּלה. און בעת דער קוידאַנאָווער רבֿ, אבֿרהם־שמעון טרויב, איז אַרויס אין „הכּרמל“ (VI, נומ. 36) און אין „המליץ“ 1867, נומ. 6) מיט אַ ווענדונג צו די רבנים, זיי זאָלן ניט שטיין אָן אַ זייט פֿון די העבּרעאישע פּרעסע־אָרגאַנען, נאָר זאָלן זיי אויסנוצן צו פֿאַרשפּרייטן פֿרומקייט און פֿאַרטיידיקן די אמונה, — האָט גאָטלאָזער דערזען אין דעם אַ וואונדערלעכע געשעעניש. ער איז געווען גרייט אָנצונעמען דעמדאָזיקן אַרויסטריט אַלס סימבאָל, אַז די רבנים הייבן אָן דורכגעדרונגען צו ווערן מיט דעם גייסט פֿון דער נייער צייט.

---

*) המליץ 1866, נומ. 14.

„שטאַרקט זיך און קרעפּטיקט זיך — ווענדט ער זיך צו די רבנים אין „המליץ“ פון 1867, נום. 11 צום גליק פון אונזער עדה; דען פון אייך וועט אַרויסגיין תורה און ליכט“.

די האָפענונגען, וואָס די משכילים האָבן געלייגט אויף די קאַזיאָנע שולן, זיינען אָבער ניט מקויים געוואָרן: ביים פאָלק זיינען זיי ניט געווען פּאָפּולער. און עס האָט מיט די „קאַזיאָנע שקאָלעס“ ניט סימפּאַטיזירט — און גאָטלאָבער ווענדט זיך פון צייט צו צייט צו די יידן, און מאָלט פאַר זיי אין ליכטיקע פאַרבן דידאָזיקע אַנשטאַלטן און פאָדערט זיי אויף, זיי זאָלן שטיצן די שולן, זיי זאָלן שיקן אַהין זייערע קינדער. אַזוי ווענדט ער זיך אין „המגיד“ פון 1865, נום. 39 מיט אַ הייסן רוף:

„זאָלן אַלע יידן הערן! אַן אוצר פון גליק ליגט פאַר אייך אין די ראַבינער־שולן און אין די אַנדערע שולן פון די איבעריקע שטעט; איר דאַרפט אָננעמען פולע הויפנס און פאָלעס, און קיינער וועט אייך אין דעם ניט שטערן. גייט, קויפט אייך אָן געלט, נעמט ווייַן און בוימל, טרינקט און זייט זיך משמח! ווייל דאָרטן ליגט דאָס איביקע גליק! זייט זיך משתדל ביי דער געאַכפּערטער רעגירונג, זי זאָל פאַר אייך בויען נאָך שולן, כדי צו פאַרשפּרייטן בילדונג און וויסן, דערציילט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז ביי אייך איז זייער טייער דער כבוד פון די שולן און איר קוקט אויף זיי אויס אייערע אויגן, צו מחנך זיין אין זיי אייערע קינדער, דען אין זיי קענט איר געפינען אַ רפואה שלמה צו אַלע אייערע מחלות, וואָס די צייט האָט אויף אייך אָנגעשיקט“. „ברידער! עפנט אויף אייערע אויגן און זעט, אַז פון דידאָזיקע שולן וועט קומען אייער ישועה; זעט, ווי פּוסט עס זיינען די שולן צוליב דער קליינער צאָל תלמידים, בעת די חדרים פון די מלמדים זיינען געפּאַקט מיט קינדער, און באַגרייפט, אַז אייערע שולן שטייען אין אַ געפאַר פאַרמאַכט צו ווערן! זייט וויסן, אַז איר וועט אין דעם זיין שולדיק, און איר וועט אויף זיך טראָגן די איביקע חרפּה פאַר אייערע קינדער און קינדס־קינדער“. צום סוף ווענדט

*) זע וועגן דעם אויך אויבן, ז. 212 און 257.

ער זיך איך צו די אַביטוריענטן, וואָס פֿאַרענדיקן די ראַבינער־שולן, זיי זאָלן זיך פֿלייסן פֿאַרשפּרייטן בילדונג און קעמפֿן מיט די אָבסקוראַנטן, יעדער אין זיין שטאָט, און ווייזן דער מלוכה, אַז יידן דיינען איר טריי — „דעמאָלט וועט גאָט געבן אַלע יידן אין אונזער לאַנד איין שפּראַך — די לאַנדשפּראַך, און אַ רוס וועט זיך צוזאַמענלעבן מיט אַ יידן; יעדער וועט זיך האַלטן זיין אמונה, נאָר אַ שפּראַך וועלן זיי האָבן איינע, וואָס וועט זיי פֿאַראייניקן ווי ברידער".

אַן ענלעכן אויפֿרוף האָט גאָטלאָבער נאָך פֿריער פֿאַרעפֿנטלעכט אין „המליץ" 1860, ז. 520, וואו ער פֿאַרטיידיקט מיט די העכסטע מליצות די שולן, וואָס אַלכּסנדר II האָט געגרינדעט. אין שוואַרצסטע פֿאַרבן שילדערט ער דעם ענגן פֿאַרדומפּטן „חדר" אָן לופֿט, מיט דעם מלמד דעם „קאַט" און עם־הארץ, וואָס פֿאַרטעמפּט די מוחות פֿון די קינדער, מיט דעם באַהעלפֿער, וואָס ווייס נאָר פֿון איין זאַך: שלאָגן — און רופֿט די יידן, „זיי זאָלן שיקן זייערע קינדער אין די שולן, וואָס געפֿינען זיך אונטער דער השגחה פֿון געבילדעטע לערער", און אַז. וו.

אַז די ראַבינער־שולן האָבן ניט געהאַט ביי דער באַפֿעלקערונג דעם ערפֿאָלג, וועלכן מע האָט ערוואַרט פֿון זיי, איז אַגב אויך צו זען פֿון גאָטלאָבערס קאָרעספּאָנדענץ פֿון זשיטאָמיר אין „המליץ" 1866, נומ. 2, אין וועלכער ער קלאָגט זיך צווישן אַנדערן, אַז „טראָץ דעם, וואָס די ראַבינערשול געפֿינט זיך אין זשיטאָמיר, האָט זי אויף דעם פֿאַנאַטיזם פֿון די דאָרטיקע יידן גופֿא גאָר קיין שום השפּעה ניט, גלייך זי וואָלט גאָר ניט עקסיסטירט, און אין דעם זין פֿון השכּלה קען זיך זשיטאָמיר פֿאַרגלייכן מיט יעדער אַנדער אָפּגעשטאַנענער שטאָט".

די משכּילים האָבן אויף דער רוסישער רעגירונג געקוקט ווי אויף זייער משיח, און אין יעדער קלענסטער געשעעניש, וואָס האָט גאָר קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג, האָבן זיי געזען די פֿאַרווירקלעכונג פֿון זייערע אידעאַלן, אַז די „געאַכפּערטע רעגירונג" איז אויסן בלויז די יידישע טובֿה, נאָר יידן אַליין ווילן ניט. זיי זיינען געקראָכן אויסן הויט,

אַבי נאָר פֿאַרצושטעלן די רעגירונג אַלס סימבאָל פֿון יושר און גערעכטיקייט — און ניט איינמאָל פֿלעגט די זאַך דערגיין ביז לעבערלעכקייט. אַלס בײַשפּיל קען דינען פֿאָלגנדיקער פֿאַקט: אין זשיטאָמיר האָט די מיליטערישע מאַכט איינגעאָרדנט אַ מאָלצײַט פֿאַר איינעם אַ גרויסן שׂררה באַראָן וראַנגעל. אויפֿן מאָלצײַט זיינען געווען אַ סך הויכע מיליטער־לײַט און פֿון דער ציווילער מאַכט. צווישן די אײַנגעלאַדענע איז אויך געווען דער זשיטאָמירער ראַבינער בינשטאָק. מיט גרויס התפּעלות באַשרײַבט גאָטלאָבער אין „המליץ“ *), ווי מע האָט דעם ראַבינער אויפֿגענומען, ווי אַלע גרויכע לײַט האָבן מיט דעם ראַבינער גערעדט און ווי מען האָט אים געגעבן צו עסן אַזעלכע גוטע זאַכן, וואָס אַ כּשרער ייִד מעג זיי עסן, און פֿאַרענדיקט מיט אַ מוסר השׂכּל, „אַז די שׂרים פֿון רוסלאַנד זיינען פֿון אַלע מאָל געווען צו זאונז גוט, שטענדיק גרייט אויסצושפּרייטן אויף אונז זייער ליבע און דערבאַרעמדיקייט, ניט אָנרירנדיק אונזער הייליקן דת; מיר אַליין דאַרפֿן דעריבער וויסן, ווי צו דערנענטערן זיך צו זיי“.

---

*) 1861, נומ. 43.

ה.

די רעאַקציע. — די משכילים אָפּגעריסן פון פאָלק. — דער נעבעכ־דיקער צושטאַנד פון דער העברעאישער פרעסע. — השכלה די טאָכטער פון הימל. — דער יונגער דור משכילים קעגן די אַלטע. אבראַמאָוויטש גיט דעם ערשטן סיגנאַל צו דער אַטאַקע. גאָט־לאָבער מישט זיך אַריין. — די גרויסע פּאָלעמיק: אבראַמאָוויטש, צווייפעל, האַרקאַווי, גאָטלאָבער. — די אַנקעטע פון „Кiевля-нинъ". — אורי־צבי קאָוונער און זיין בראָשור „חקר דבר". — דער גרויסער שטורעם. — גאָטלאָבערס פּאַמפלעט „אגרת צער בעלי־חיים. — יוסף־יהודה לערנער קעגן גאָטלאָבערן.

אויף די שטרעבונגען פֿון די משכּילים איז ביסלעכווייז אָנגעקומען אַ רעאַקציע. אַחוץ אַ קליינעם טייל, האָבן די משכּילים ניט געהאַט קיין קאָנקרעטע פֿאָרשטעלונג וועגן די רעפֿאָרמען, וואָס זיינען נייטיק אין יידישן לעבן. דען די השכּלה איז ביי זיי בלויז געווען אַן אַבסטראַקטע הימל־זאַך, וועלכע מע דאַרף באַזינגען אין שירים און זאָגן איר שבחים; אויפֿקלערונג און בילדונג — דאָס איז געווען דער לאָזונג פֿון די משכּילים. אָבער די אויפֿקלערונג איז באַשטאַנען אין קענען די לאַנד־שפּראַך און שרייבן העברעאישע מליצה; דאָס יידישע לעבן מיט זיינע נויטן איז זיי פֿרעמד געווען. די העברעאישע פּרעסע, וואָס האָט זיך דעמאָלט באַוויזן אין רוסלאַנד, („המליץ", „הכּרמל"), איז געווען זייער אָרעם סיי ליטעראַריש סיי געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטיש; זי איז געווען פֿול מיט בטלנות, האָט ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פֿון פֿאָלק און האָט געפֿירט אַ נעבעכדיקע עקסיסטענץ; די אַרטיקלען האָבן ניט רעאַגירט אויף די טאָג־טעגלעכע געשעענישן אין יידישן לעבן, האָבן ניט געוויזן קיין וועג, ווי אַזוי אַרום צו פֿאַרבעסערן און אויפֿהייבן דעם מצבֿ פֿון פֿאָלק. ס'איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ מחיצה צווישן דער השכּלה און צווישן די פֿאָלקס־אינטערעסן.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף.

דעם ערשטן סיגנאַל צו דער אַטאַקע האָט געגעבן שלום-יעקבֿ אַבראַמאָוויטש. אָנגעהויבן האָט זיך די מלחמה צוליב אליעזר צווייפֿלס ביכל שירים „מינים ועוגבֿ“, אין וועלכן צווייפֿל איז זיך מתנצל אין דער הקדמה (ז. 14), אַז „היות ער האָט אין יעדער שורה פֿון די שירים געדאַרפֿט מכוון זיין דעם „לפ“ק“, זיינען אים די שירים אָנגעקומען זייער שווער און זיינען אים ניט געלונגען“, נאָר עס קומט אים אַ יישר-כוח פֿאַר אויסגעפֿינען דעם גראַם צו יעדער שורה. קעגן דעם איז עס אַרויסגעטראָטן אַבראַמאָוויטש אין אַ באַזונדער בראָשורע (1860) אונטערן נאָמען „משפט שלום“, וואו ער פֿרעגט ביי צווייפֿלען אַ קשיא: „ווער האָט דיך געבעטן שרייבן שירים, אַז דו קענסט ניט?“ אין דערדאָזיקער בראָשורע טרעט דער שפּעטערדיקער מענדעלע מוכר-ספֿרים אַרויס קעגן די פֿאַרעלטערטע מנהגים און געשמאַקן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און ווייזט אָן, אַז אַ בינטל מליצות פֿון תּנך הייסט נאָך ניט ליטעראַטור. ער שטרייכט אונטער די נייטיקייט פֿאַר דער ליטעראַטור אָנצונעמען מער אייראָפּעאישע פֿאָרמען. נאָר אַבראַמאָוויטש גופֿא, אַרויסטרעטנדיק קעגן די פֿאַרעלטערטע פֿאָרמען, איז נאָך אין יענעם פּעריאָד פֿון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט אַליין אויך ניט אינגאַנצן פֿרייען פֿון דידאָזיקע פֿאָרמען. זיינע אַרטיקלען פֿון יענער עפּאָכע האָבן זיך לויט זייער כּטיל און מאַניער פֿון שרייבן ניט אויסגעצייכנט פֿון דעם געוויינלעכן שאַבלאָן; אַזוי, אַ שטייגער, אין זיין „מכתּבֿים על-דבר החינוך“ העברעאיזירט ער אַזוי די ווערטער: פּיראָגאָף — „פּאר אַגף“; דאַמאָקלעס — „דם אוכלת“; אינאָקענטיע — „הנה-כן-תּהיה“ און אַז. וו. *).

---

*) ז. 77—82. אגב, זיינען אַזעלכע העברעאיזירונגען געווען די באַליבטע מאַניר ביי דעמאָלטיקע און פֿריערדיקע משׂכּילים; אַזוי, אַ שטייגער, האָט מען געשריבן: איגקוויזיציאָן—יונקי-בוזי-ציון; אוואַראָוו — עבר-עב; דעם נאָמען פֿון דעם פֿילאָסאָף קאַנט האָט מען געשריבן: כּאַנת, ווייל מע האָט פֿון דעם אַרויסגעדרשנט אַראַשי-תּבֿות: כּי אליך נפֿשי תּערוג (ז. וועגן דעם גאָטלאָבערס „אגרת צער בעלי-חיים“, ז. 13); קאַטערינאָסלאָוו—כּתּר-יָבֿא-שָׁלֵו, אָדער;

דידאָזיקע בראָשורע פֿון אַן אָנפֿאַנגער קעגן אַ באַרימטן שריפֿט־שטעלער האָט אָנגעמאַכט אַ רעש צווישן די משכּילים, און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ מלחמה אויף די שפּאַלטן פֿון „המליץ“ און „הכּרמל“. אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט, אויסער די פּאַראינטערעסירטע, אַבראַמאָוויטש און צווייפֿל, אויך אַנדערע. אין „הכּרמל“ איז אַרויס אַברהם־אליהו הרכּבי און האָט אויפֿגעוויזן, אַז אַבראַמאָוויטש האָט אויך געשריבן אַזאַ התנצלות צו זיינע שירים „ההצלחה“ (ז. 108) און „התהמם“ (ז. 110), וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט צוזאַמען מיט זיינע „מכתּבים על־דבר החינוך“, אין וועלכער ער פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר זייער אומגעלונגענקייט „מחמת זיי זיינען די ערשטע פּרוכט פֿון מיין פֿעדער“. דעמאָלט איז אויך גאַטלאָבער, וואָס הגם ער האָט געהערט צו די אַלטע משכּילים און איז, לויט זיין מאַניר פֿון שרייבן און אידעען־גאַנג, מער נוטה געווען צו צווייפֿלען, (ווי ער שרייבט עס אַליין אין 4־טן יאָרגאַנג „המליץ“, נומ. 11, 16), אַרויס צו פֿאַרטיידיקן זיין תּלמיד אַבראַמאָוויטשן, און די מלחמה האָט זיך געצויגן פֿיר יאָר צייט.

אין 1864 האָט זיך אין „Кіевлянинъ“ (נומ. 58) אָפּגעדרוקט אַן אַנקעטע צו די יידישע ליטעראַטן פֿון דעם קיעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר מכּוח דער פֿראַגע פֿון בילדונג ביי יידן.

„דער טרויעריקער מצב פֿון דעם יידישן פֿאָלק — ווערט געזאָגט אין דער אַנקעטע — אין מאָראַלישער און בירגערלעכער הינזיכט, דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס פֿאַרכאַפּט ביי אים פֿון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסערע מאַסן און דאָס פֿאַרשווינדן זיינע געזונטע פֿיזישע און גייסטיקע כּוחות אויף אומפּראָדוקטיווער אַרבעט — האָבן נאָך אין די פֿערציקער יאָרן געצוואונגען די גינציקע רעגירונג אָנצונעמען ווירקלעכע מיטלען צו איבעראַנדערשן די יידן און צוצופּאַסן זיי, זיי זאָלן בהדרגה קענען פֿאַרדינען די־יעניקע בירגערלעכע רעכט, וועלכע מע האָט געשענקט די אונטערטאַנען פֿון די איבעריקע אמונות פֿון דער אימפּעריע“.

כּת־רינת־להב און אנד. שוין אָפּגערעדט פֿון די סקאָרבאָווע ווער־טער, ווי: טעלעגראַף — דילוג־רב; דעפּעשע — דיעה־פּתע וכדומה. אויף דעמדאָזיקן מאַניר מאַכט אויך גאָטלאָבער איבער מאַנכע ווערטער.

צווישן די פֿילע פּונקטן, וואָס דער קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט פֿאָרגעלייגט צו באַהאַנדלען, איז אויך באַריִרט געוואָרן די פֿראַגע, וואָסערע ביכער דאַרף מען פֿאַרשפּרייטן צווישן דער מאַסע אויף העברעיִש, צי ס'איז נוציק צו פֿאַרשפּרייטן די ספֿרים פֿון דעם מיטלאַלטערלעכן פּעריאָד פֿון דער יידישער ליטעראַטור, צי מע זאָל אינגאַנצן פֿאַרבאָטן אָדער באַגרעניצן דאָס דרוקן מוסר- און קבלה-ספֿרים, צי זיינען נייטיק ספּעציעלע יידישע שולן, בשעת ווען די אַלגעמיינע שולן זיינען פֿאַר זיי אָפֿן; וואָס פֿאַר אַ מיטלען זאָל מען אָננעמען, אַז די עקסיסטירנדיקע יידישע קהילישע שולן זאָלן באַזוכט ווערן פֿון אַלע יידישע שיכטן און די שולן גופֿא זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די נייטן פֿון פֿאָלק, און נאָך אַנדערע פּונקטן.

די דאָזיקע אַנקעטע פֿון „Кіевлянинъ“ האָט אַרויסגערופֿן ביי די יידישע שריפֿטשטעלער פֿאַרשיידענע פֿאָרשלאָגן, און אייניקע, ווי קאָוונער און אַבראַמאָוויטש, האָבן זיך, אַגבֿ, אויך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט אַרויסצוזאָגן זייער קוק אויף דער דעמאָלטיקער העברעיִשער ליטעראַטור.

אין זיין מעמאָראַנדום, וועלכן קאָוונער האָט צוגעשטעלט אין דער קאַנצעלאַריע פֿון דעם קיעווער גענעראַל-גובערנאַטאָר, אַלס ענטפֿער אויף דער אַנקעטע פֿון „Кіевлянинъ“ און וועלכן ער האָט נאָכדעם אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט אַנדערע קריטישע און פּאָפּולער-וויסנשאַפֿטלעכע אַרטיקלען אין אַ באַזונדער ביכעלע אין העברעיִש אונטערן נאָמען „חקר דבֿר“ (1865), פֿרעגט ער: „וואָס פֿאַר אַ נוצן פֿאַר דער בילדונג פֿון די יידישע מאַסן, וואָס נייטיקן זיך קודם-כּל אין עלעמענטאַרע ידיעות, קען אַרויסקומען פֿון אַרויסגעבן העברעיִשע ביכער אויף אַלע געביטן פֿון דעם מענטשלעכן וויסן, דערהויפּט אויף דעם געביט פֿון נאַטור-וויסנשאַפֿט, מאַטעמאַטיק און פֿילאָסאָפֿיע?“ „אויב די אַלטע רבנישע ליטעראַטור איז שלעכט, איז אָבער ניט בעסער פֿאַר איר אויך די ליטעראַטור די משכּילים. אין זייערע אָנגעבלאָזענע מליצות איז ניטאָ קיין שום אינהאַלט, ס'איז ניטאָ קיין נייע לעבנס-אידעען. די העברעיִשע ליטעראַטור איז אַ ספּעקט-פּלאַנץ, ווייל די העברעיִשע ליטעראַטן,

ניט קאָנענדיק הײַנט לעבן, קימערן זיך ניט װעגן זײַנע נײטן; זײ שרײַבן בלױז צוליב דעם, כּדי צו גלאַנצן מיט זײער קענען די שפּראַך פֿון תּנך. „די ייִדישע שרײַבער שרײַבן ניט פֿאַר די לעזער, שטרעבן ניט אַרײַנצובלאָזן אַ נײַ לעבן אין האַרץ פֿון פֿאָלק... זײ שרײַבן בלױז אױס גאװה, כּדי צו באַװײַזן זײער גרױסקײט פֿאַר אַנדערע שרײַבער, אױך אַזעלכע עם־הארצים װי זײ אַלײן". אַפֿילו די איבערזעצונגען פֿון נאַטור־װיסנשאַפֿט — שטרײַכט ער אונטער, אָנשטאָט זײ אַרױסצוגעבן אױף דער אַלגעמײן צוטריט־לעכער ייִדישער שפּראַך, אָדער לכל־הפּחות, אױף אַ קלאָרער און פּאָפּולערער העברעאישער שפּראַך, װערן געשריבן אין אַן אומ־מעגלעכן מליצה־סטיל. און „װײַבאַלד די העברעאישע שרײַבער װײסן ניט און פֿאַרשטײען ניט — ניט דעם גײסט פֿון דער צײַט, ניט די נױטן פֿון זײער פֿאָלק, קענען מיר פֿון זײ ניט פֿאָדערן, אַז זײ זאָלן שרײַבן נוציקע ספֿרים פֿאַרן פֿאָלק. אָבער אױפֿגע־בראַכט זײַנען מיר ביז די טיפֿענישן פֿון אונזער נשמה אױף דעם, װאָס די העברעאישע שרײַבער ערקלערן אַזױ האָפֿערדיק, אַז זײ שאַפֿן נוציקע זאַכן פֿאַרן פֿאָלק; אױף דעם, װאָס זײ באַרימען זיך, אַז זײ פֿאַרשפּרײטן ליכט צװישן דעם פֿאָלק ישׂראל, בשעת װען אין דער אמתן פּוזען זײ נאָך אַלײן אַרום אין דער פֿינסטער; פֿאַרװאָס טרומײטערן זײ מיט אַזאַ גדלות װעגן זיך: מיר זײַנען די חכמים, מיר זײַנען די װײזער — בעת אין דער אמתן זײַנען זײ עם־הארצים גמורים!" „איז דען אַזעלכעס מעגלעך אין אַ װעל־כער עס איז אַנדער ליטעראַטור? — שרײַט ער אױס. װאָס איז אַװינס די העברעאישע שפּראַך פֿאַר זיך אַלײן? די העברעאישע שפּראַך איז, װי יעדע אַנדערע שפּראַך, צונױפֿגעשטעלט פֿון טױטע אותיות, אין װעלכע ס'איז ניטאָ קײן שום הײליקײט; הײליק קע־נען נאָר זײַן די געדאַנקען און אידעען, װעלכע מיר דריקן אױס דורך זײער הילף. אונזערע שרײַבער אָבער האָבן די שפּראַך גופֿא, די טױטע אותיות פֿאַרװאַנדלט אין אַן אָפּגאָט, צו װעלכן זײ רױכערן װײַרױך און זינגען ליב־לידער". דיזאָזיקע געצנדינערײ האָט, לױט קאָװנערס מײנונג, געבראַכט צו דעם, אַז די העברעאישע

ליטעראַטור, אויב זי האָט געבראַכט געוויסע נוצן, האָט זי אָבער אויך געבראַכט ניט ווייניק שאָדן. מענטשן מיט גרויסע פֿעאיקייטן, וואָס וואָלטן געקאָנט אַ סך אויפֿטאָן לטובֿת זייער פֿאָלק, פּטרן אַוועק צייט און כּוחות אויף פֿלעכטן גראַמען, אויף איבן זיך אין מליצה, אויף מאַכן ספֿרי דיקדוק, וואָס זיינען קיינעם ניט נייטיק, און אויף מחבר זיין להלוטין ווערטלאָזע פּירושים אין דעם פֿולן גלויבן, אַז זיי טוען אַ הייליקע אַרבעט, אַז זיי דינען דער „האַרינטע“ — לשון־קודש“.

קאָוונער טרעט אַרויס שאַרף קעגן דער פּלאָג, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט צו די משכּילים צו טיטולירן און צו רופֿן איינע די אַנדערע מיט די טיטלען פֿון די גרעסטע רבנים און גאונים — און אָן דעם גייט עס ניט (ז. 6). אַזוי אַ שטייגער, ברענגט ער דאָרטן אַ טיטל, וואָס גאָטלאָבער האָט געשריבן אויף צווייפֿלען אין נום. 44 פֿון „השרון“ (1862), וואָס איז געגאַנגען אַלס ביילאַגע צום „הכּרמל“, און וואָס לאָזט זיך כּמעט ניט איבערזעצן אויף ייִדיש, און רופֿט אויס: פּרווט, אַדרבּא, איבערזעצן די דאָזיקע טיטלען אויף אַ לעבעדיקער שפּראַך, וועט איר, פּשוט, שטוינען! אָט זיינען זיי: „איש כּלבֿבֿי, עז כּלבֿיא, אשר במאמרו הוצבֿ להבֿי ובֿדבֿרו מעריבֿ ערבֿי ומסדר כּוכּבֿי כּרצונו, בּורא יום ולילה בּקרבֿי, כּי רוח בּאופֿני מליצתו ולכּל אשר יהפֿוץ ישני בּאהבֿתו ואין נסתר מחמתו, ה"ה המליץ הנעים ונהחמד תאוה לעינם ולאזנים ולרוח, החכם השלם הרבֿ מוה"א צווייפֿל“.

צוזאַמען מיט די אַלטע שרייבער רייסט ער אויך אַרונטער די העבּרעאישע פּרעסע פֿון יענער צייט, דעם „המגיד“, „המליץ“, וואָס זיינען אָפּגעריסן פֿון לעבן, און לויבט דעם „קול מבֿשר“, וואָס איז זייער נוצלעך פֿאַרן פֿאָלק, ווייל אַלע קענען אים לייענען. זיין פֿאַרלאַנג איז, אַז ווען די ליטווישע ייִדן זאָלן אויך אַרויסגעבן אַזאַ צייטשריפֿט אויף דעם ליטוויש־ייִדישן דיאַלעקט, „וואָלטן פֿיל מענטשן אויפֿגעוואַכט פֿון זייער שלאָף און דערזען אַ ניי ליכט“.*)

*) „חקר דבר“, 54—55.

אין דעמדאזיקן ביכעלע „חקר דבר" שאנעוועט קאוונער קיינעם ניט פון די העברעאישע מליצה־שרייבער, און רייסט אויך אראפ גאטלאבערן פון וועמעס פאעזיע ער לאכט זיך אויס.

דאס קליינינקע ביסעלע האט געמאכט אן אומגעהייערן רושם, עס האט זיך אויפגעהויבן א מוראדיקער שטורעם. אויף אים האבן זיך גענומען שיטן אנפאלן פון אלע זייטן, אין „המגיד" און „המליץ". צווישן די אנפאלער איז אויך געווען אבראמאוויטש, וועמען קאוונער האט פארטשעפעט אלס פאפולאריזאטאר פון נאטורוויסנשאפטלעכע ידיעות. אבראמאוויטש האט אים אויפגעווארפן, אז קאוונער האט זיין ביכעלע „חקר דבר" געווידמעט איינער א פרייליין, און אין דעם האט אבראמאוויטש איינגעזען א שטיק ניהיליזם; ער האט אים אויך אויפגעווארפן, אז זיינע איבערזעצטע ארטיקלען פון שליידענס „ווי אלט איז די ערד" שטימען ניט מיט דער יידישער טראדיציאנעלער אויפפאסונג מכּוח בריאת העולם.

אינטערעסאנטער פאר אלע איז אבער געווען גאטלאבערס פאמפלעט „אגרת צער בעלי חיים" (1868). אויף צוויי שער־בלעטער ערקלערט ער אויף רוסיש און העברעאיש דעם ציל און די כוונה פון דעם פאמפלעט. דער רוסישער שער־בלאט הייסט אזוי:

Игеретъ цаар-баалехаимъ, или посланіе къ скорбящимъ о безжизненности еврейской литературы, и разсужденіе о вредномъ вліяніи нигилизма и дутыхъ его „послѣдствіяхъ“.

О НИГИЛИСТАХЪ.

Грѣхъ преслѣдовать ихъ укоромъ или свистомъ.
На нѣтъ, нѣтъ и суда.
Пдодъ-ли дастъ пустоцвѣтъ,
Ума въ нихъ нѣтъ, души въ нихъ нѣтъ,
Тутъ поневолѣ будешь нигилистомъ.

ניט ווייניקער אינטערעסאנט איז אויך דער העברעאישער שער־בלאט, וואס זיין אינהאלט איז אזא:

„צו ענטפערן רעכטפארטיקע רייד איינעם פון די קליינע פיקסלעך, וואס פארדארבן דעם ווייגארטן פון אונזער ליטעראטור,

דאָס איז דער עזות־פּנים פון היינטיקער צייט, וואָס מיט זיין עזות און פאַרשייטקייט האָט ער זיך אָנגעטאָן הערנער צו שטויסן און געקראָגן אַ צונג צו בילן, און האָט אַרויסגעזאָגט אומגעהערטע רייד אויף די גרעסטע שרייבער פון אַמאָל און פון איצט אין זיין פּאַכקוויל „חקר דבר". דאָס איז אַ שרעקלעכע פּלאָג. און מיט זיינע פּיכטע מעשיות, וואָס צוליב דעם פאַרזען פון די רעדאַקטאָרן האָבן זיי געפונען אַן אָרט אין די יידישע צייטונגען (דער רעדאַקטאָר פון „המליץ" האָט שוין אויף דעם לאַנג חרטה געהאַט און האָט אים אַרויסגעטריבן פון „המליץ") האָט ער אויף זיי אויסגעטראַכט אַ בילבול, פּשוט גיט געשטויגן ניט געפלויגן, אָן טעם און אָן ריח, אַז אין זייערע ווערק איז ניטאָ קיין רוח חיים, און אויך אויף דעם ספר, וואָס איז הייליק ביי אַלע מאָדערנע פעלקער, דעם תנך, זאָגט ער, אַז ער איז אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע, ווי אַלע תורות פון די הײדנישע מזרח־פעלקער; און אויף די ספרים פון די וועלט־גאונים, די זיילן פון דעם דת און פון דער אומה, זאָגט ער בפירוש אָן שום בושה, אַז זיי זיינען אַ קופּע מיט טיפּשות, און נאָך און אַזעלכע זינדיקע רייד, וואָס מע טאָר זיי ניט זאָגן און ניט הערן זאָל פאַרשטאָפּט ווערן דער מויל פון דעם, וואָס רעדט שקרים. — איז אויף מיר אַרויף אַ גייסט פון קנאה און איך האָב זיך אָנגענומען די קרייוודע פון אונדזער תורה, שבכתב און שבעל־פה און פון אונדזערע שרייבער די חכמים און די ליכט פון אונדזערע אויגן, און איך האָב אים באַצאָלט ווי ער איז ווערט. איך האָב אויפגעדעקט זיין פאַרדאָרבענעם מקור, פון וואַנען עס פליסן די דאָזיקע מוטוויליקע וואַסערן. אַגב, וועל איך שוין אויך ריידן אויספירלעך וועגן דעם ניהיליזם, וואָס האָט אַראָפּגעפירט פון וועג די יוגנט, וועלכע גייט נאָך אים, ווי אַן אָקס צו דער שחיטה, כדי יעדער אויפגעקלערטער לעזער זאָל וויסן צו היטן זיך פון אַזעלכע נייגעבאַקענע שרייבער, ביי וועלכע עס האָט זיך פונאַנדערגעבליט די דאָזיקע מיאוסע קרעץ און וואָס איז אַרויף אויף אַ פינסטערן גליטשיקן וועג און זאָל ניט אַריינפאַלן אין זייער גרוב".

און דאָס אַלץ בלויז אויפֿן שער־בלאַט!

אָנגעגריפֿן פֿון קאָוונערס הוזק מאַכן איבער אים, האָט גאָטלאָבער פֿון אים נקמה גענומען מיט דעם, וואָס ער האָט קאָוונערס פֿאַמיליע איבערגעמאַכט אויף „קבֿ נוער" (אַ כּלי פֿון יינגלשקייט) און „כּבֿה־נר" (אויסלעשער פֿון ליכט) און רופֿט אים „שוטה", „עזות־פּנים" וכדומה עפּיטעטן.

און ניט נאָר קעגן קאָוונערן אַליין טרעט ער אַרויס, נאָר אויך קעגן דער גאַנצער אידעאישער שטרעמונג, — די ניהיליסטן — (גאָטלאָבער מאַכט עס איבער: „נגעי ליסטעס"), וואָס פֿאַר איר פֿאַרשטייער האָט גאָטלאָבער געהאַלטן דעם פֿאַרהאַסטן מחבר פֿון „הכך דבֿר". אַזוי זאָגט ער אויף זייט 16: „פֿון דעם פֿייער פֿון דעמדאָזיקן גהינום איז אַרויס די שרעקלעכע קאַלב „כּר־כּזבֿ" (קאַראַקאָזאָוו), וואָס האָט געוואָלט אומברענגען דעם געזאַלבטן קיסר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן". אויף די פֿרויען זאָגט ער (דאָרטן): „דען אויך פֿרויען האַלטן שטאַרק פֿון ניהיליזם, גייען אין קורצע האָר און קורצע „קרני־לינה" (קרינאָלינע) און קיילעכדיקע היטעלעך און אין האַרצן טראָגן זיי זיבן אומווערדיקייטן". דער ניהיליזם איז, לויט גאָטלאָבערן, אַ בייזע קרעץ, פֿאַר די אָנהענגער פֿון דעראָזיקער שעדלעכער לערע איז ניטאָ קיין שום הייליקס, זיי זיינען מבֿטל די אַווטאָריטעטן, אָנערקענען ניט קיין שום דערהויבנס און אידעאַלס, וואַרפֿן אָפּ די הייליקייט פֿון חתונה און אַז. וו. און וו. צו באַשטעטיקן זיינע רייד, שטיצט ער זיך אויף „Что дѣлать" טשערנישעווסקיס — „אַ שרייבער, וואָס האָט מיט זיין פֿעדער אַ היבש ביסל מענטשן געפּטרט און אַראָפּגעפֿירט פֿון דרך הישר". צום סוף „אגרת צער בעלי חיים" האָט גאָטלאָבער אויך אָפּגעדרוקט אַ פּאָעזימען וועגן קאָוונערן מיטן נאָמען „גם אלה משלי מהללאל".

אַלס ענטפֿער אויף גאָטלאָבערס פּאַמפֿלעט, איז אַרויס יוסף יהודה לערנער מיט אַ קאָנטר־פּאַמפֿלעט אין אַ באַזונדער בראָשור אונטערן נאָמען „דורש אל המתים"*) אין וועלכן ער נעמט זיך

*) 1868.

אָן די קריוודע פֿון קאָונערן און פֿון די יונגע משכּילים. ער באַשטעטיקט קאָונערס ווערטער, אַז די אַלטע משכּילים זיינען טויטע און אָפּגעלעבטע מענטשן און פֿאַלט שאַרף אָן אויף גאָטלאָבערן, און מאַכט אים פֿאַר אַ בטלן, פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט גאָרנישט צו געבן, וואָס אויסער אויסגעדראָשענע נאַרישע מליצה פֿאַרמאָגט ער גאָרנישט.

ו.

כאַראַקטעריסטיק פֿון די ליטעראַרישע זיטן פֿון יענער צייט.—דער „המליץ" אַ פּלאַץ פֿאַר אַלעמען.—צעדערבוימס הערות צו די אַרטיקלען.—צעדערבוים־גאָטלאָבער.—

בײַ דערדאָזיקער פּאָלעמיק, וואָס איז אַנטשטאַנען צווישן די צוויי לאַגערן, די אַלטע מיט די יונגע, און וואָס האָט באַטײַט אַ ווענד־פּונקט אין דער השכלה־באַוועגונג, איז אינטערעסאַנט צו באַצײַכענען די פּרעסע־זיטן פֿון יענער צײַט.

דער „המליץ", וואָס איז געווען דער אַוואַנגאַרד און די פֿעסטונג פֿון דער השכלה, האָט געגעבן פּלאַץ פֿאַר אַלעמען, סײַ פֿאַר די רעכטע בײַ פֿאַר די לינקע, אַפֿילו פֿאַר אַרטיקלען, וואָס זײַנען געווען געווענדט קעגן אים אַליין. אַזוי אַ שטייגער איז קאָוונער אַרײַנגעטראָטן אין „המליץ" קעגן „המליץ" גופֿא. דאָס זעלבע אויך בנוגע אַנדערע מיטאַרבעטער זײַנע, האָט דער רעדאַקטאָר צעדערבוים תּחילת געלאָזט דרוקן זייערע אַרטיקלען און דערנאָך דורך אַנדערע מיטאַרבעטער געלאָזט זיי שאַרף קריטיקירן אָדער ואָגאַר זיי אויסלאַכן.

אַזוי אַ שטייגער אויף אַן אַרטיקל פֿון איינעם אַ לערער מענדעלס־בורג אין „המליץ" (1865, נומ. 9—10), אונטערן נאָמען „דברי שלום ואמת", אין וועלכן דער מחבר קלאָגט זיך שטאַרק אויף דער אומדאַנקבאַרקייט פֿון די יונגע, וואָס ווילן אינגאַנצן באַזייטיקן די אַוטאָרידיקאַטן פֿון די שולן, „וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן מקריב געווען אויף דעם מזבח פֿון דער השכלה", ענטפֿערט קאָוונער מיט אַן אַרטיקל „לא שלום ולא אמת", וואו ער לאַכט אויס גאָטלאָבערס אופֿן פֿון שרײַבן אין „קול מבקר" און גאָטלאָבערס סמיכה אויף אַבראַמאָוויטשעס שירים, אין וועלכע קאָוונער געפֿינט ניט קיין פֿונק פּאָעזיע. פּאַראַלעל מיט קאָוונערס „דבר אל סופֿרי ישראל" (1864,

נומ. 16), וואו ער טרעט אַרויס קעגן די פוסטע און בטלנישע „מליצה־שרייבער“ פון די אַלטע שריפטשטעלער און רעקאָמענדירט אָנשטאָט דעם — פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע איבערזעצונגען, גייט גאָטלאָבער'ס ענטפער הרכבין, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן גאָטלאָבערן.

צעדערבוים האָט געהאַט אַ טבע צו מאַכן באַמערקונגען צו די אַרטיקלען פון די שרייבער; זעלטנוועז ער פלעגט דורכלאָזן אַן אַרטיקל אָן אַ באַמערקונג. אין די באַמערקונגען פלעגט ער גלייך אויף אַן אָרט ענטפערן דעם מחבר, פּאָלעמיזירן מיט אים, און אַמאָל אויסזידלען אים אויך, און אַלץ אין אַ פריינדלעכן טאָן. ער פלעגט זיך אויך ניט פוילן צוצושטעלן אַן אייגענעם געדאַנק צום מחברס אַרטיקל.

פון די דאָזיקע באַמערקונגען האָט אויך גאָטלאָבער זייער שטאַרק געליטן און געדראָט צעדערבוימען, אַז ער וועט אויפהערן צו שרייבן אין „המליץ“. בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די קאָמפּאַניע פון די יונגע (קאָוונער, הר"ש, האַרקאַווי און אַנדערע) קעגן די אַלטע שריפטשטעלער און מע האָט, צווישן אַנדערע, אַראָפּגעריסן אויך גאָטלאָבערן, האָט צעדערבוים, ווי באַוואוסט, פריי געעפנט פאַר דעם די שפאַלטן פון „המליץ“. דאָס האָט אויפגערעגט גאָטלאָבערן, און אין אַ ריי אַרטיקלען אונטערן נאָמען „מכתב לארד“*) רעדט ער אים אויס פאַר אַלע עוולות, וואָס צעדערבוים טוט מיט אים, פאַר זיין מתקן די מאַנוסקריפּטן, פאַר די לאַנגע הערות צו זיינע אַרטיקלען און אַנדערע הטאים. פאַרשטייט זיך, אַז צעדערבוים באַדעקט די דאָזיקע אַרטיקלען גופא מיט גלות־לאַנגע באַמערקונגען, וואו ער רעכנט זיך אָפּ מיט גאָטלאָבערן אויף אַן אָרט.

אַ שטייגער: גאָטלאָבער וואַרפט אים פאָר, אַז ער נעמט זיך צו דעם האָנאָראַר פון זיינע מיטאַרבעטער**). דערצו גייט אַזאַ הערה פון צעדערבוימען, אַז בעת ער, צעדערבוים, האָט פאַרפאַסט ספרים, וואָס זיינען אָנערקענט געוואָרן פון פיל יידישע געלערנטע,

*) המליץ 1867.

**) דאָרטן, נומ. 20, ז 154.

איז ער מיט זיי ניט אומגעגאַנגען איבער די הייזער אויסבעטלען פּרענומעראַנטן אָדער אָנוואַרפֿן זיי אויף יעהערן, ווער עס האָט נאָר אַ היבל אין קעשענע; פֿאַרקערט, ער האָט נאָך פֿון זיין אייגענער קעשענע געגעבן מחברים, „און נאָך היינט אויך האָבן מיר די מעגלעכקייט געפֿינען הזונה אויף אַנדערע געביטן, און אַפֿילו אונזערע שונאים וועלן, צוליב דעם אמת, וואָס מיר זאָגן אַרויס אָן פּניות, אונז אויך מקרב זיין און אונטערשטיצן, ווען מיר זאָלן נאָר ווען אַוועקוואַרפֿן די פּעדער".

אין אַן אַנדער אָרט אין דעמזעלבן אַרטיקל שרייבט צעהערבוים:

„ביי מיר קומט אויס, אַז הגם דו באַרימסט זיך, אַז דו ביסט שוין געווען באַוואוסט, נאָך איידער צייטונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין, מוזטו מודה זיין, אַז מיט דער הילף פֿון דער צייטונג האָסטו געקראָגן אַ נאָמען אויך אין די ערטער, וואו דו ביסט ניט אַרומגעפֿאָרן צו צעטיילן דיינע ספֿרים; דו האָסט אויך געהאַט אַ טובֿת הנאה פֿון די אַנאָנסן און רעצענזיעס אויף דיינע ספֿרים צו קריגן פֿאַר זיי קויפֿער"... „צי דען גלויבסטו, אַז אַלע אייראָפּעאישע בלעטער צאָלן זייערע שרייבער האָנאָראַר? צי דען ווייסטו ניט, אַז בלויז איינעם פֿון הונדערט, פֿון די בעסטע, צאָלט מען, און די איבעריקע דאַנקען נאָך, אַז מע דרוקט זייערע אַרטיקלען, און מאָנען גאָרניט ביים רעדאַקטאָר, אויב ער איילט זיך ניט צו דרוקן זיי (די אַרטיקלען) אָדער ער „צעשעטקעוועט" זיי? און דאָס אַלץ — אין פּאָליטישע און ליטעראַרישע צייטונגען, וואו דער רעדאַקטאָר באַקומט אַ סך געהאַלט פֿון אַ לאַנד פֿון מעצענאַטן אָדער פֿון דער רעגירונג, און ניט אַ בלעטל ביי אַ קליין אָרעם פֿאָלק, ווי דאָס יידישע. צי האָט מען געהערט פֿון שד"לן, ער זאָל ווען באַקומען האָנאָראַר? אַדרבא, ער איז נאָך געקומען אַנטקעגן יעדן רעדאַקטאָר, וואָס האָט אים גערופֿן מיטאַרבעטן. פֿרעג ביי אונזער פֿריינד, הז"ס, וואָס יעדעס וואָרט פֿון זיינע טייערע מאמרים וועגן איבער הונדערט אַנדערע, צי האָט ער

געמאָנט האָנאָראַר ביי אַ יידישן רעדאַקטאָר? אַפילו די רבנים, צו וועלכע דיך ציט, און די יונגע, וואָס זיינען דיר ווי אַ דאָרן אין אויג — טראַכטן אויך ניט וועגן געלט. פרעג ביי ד״ר פיליפזאָנען, צי האָט ער אין משך פון 30 יאָר באַצאָלט כאָטש אַ פרוטה זיינע מיטאַרבעטער, און אַזוי אַלע יידישע צייט־שריפטן אין אַנדערע שפראַכן. דער פוילישער שריפטשטעלער טשינסקי האָט אויך געשיקט זיינע אַרטיקלען, וואָס זיינען פול מיט ליבע צו יידן און וועלכע האָבן באמת געמאַכט אַ גרויסן רושם, צו דער צייטונג: „Archiw israelit“ און האָט ניט געבעטן קיין שום געצאָלט, איבער וואָס די יידן האָבן אים געגעבן אַ מתנה; און נאָך אַנדערע קריכטן אויך אַזוי ווי ער. דען באמת, איז עס דער היכל פון אַלעמען, וואָס האָבן ליב יידן מיטן גאַנצן האַרצן, צו העלפן דעם רעדאַקטאָר, וואָס מיט זיך לטובת הכלל, אַפילו ווען ער לעבט אַ גוטן טאָג“.

ווייטער גייט נאָך אינטערעסאַנטער: *)

„...און אַפילו אַז דו וועסט אויפהערן פון איצט אָן צו שרייבן אין „המליץ“, וועט אויך דעם „המליץ“ גאָרנישט ניט פעלן; דאַנקען גאָט, מיר האָבן גענוג מיטאַרבעטער און אונזער פעדער איז נאָך אויך ניט אויסגעטריקנט געוואָרן. די ברירה געהערט צו דיר, ווי פריער אַזוי איצט, צו שרייבן אָדער ניט, פונקט ווי ביי אונז איז די ברירה צו דרוקן אָדער ניט“. און דאָס אַלץ ווערט געשריבן אין אַ גאַנץ פריינדלעכן טאָן **).

מיט דעמזעלבן טאָן שרייבט אויך גאָטלאָבער ***).

„...דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין אויף דיר ניט אין כעס, אויב דו וועסט מיר אַפילו מערער מעקן, אַפילו אַז דו וואָלסט

*) „המליץ“ 1867, נומ. 20 ז. 154.

**) אַן ענלעכע הערה שרייבט אויך צעדערבוים צו איינעם פון אבראַמאָוויטשעס אַרטיקלען אונטערן נאָמען „עין משפט“, „המליץ“, 1865 נומ. 41. דאָרטן זידלט ער אַבראַמאָוויטשן אויס גאַנץ געמיטלעך און ווייזט אים אויף, אַז ער באַשטייט אָן אים ניט, אַז „אַזעלכע שרייבער פון נאַטורוויסנשאַפט, וואָס זאָלן קאָנען איבערזעצן פון רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש און אַנדערע שפראַכן, זיינען פאַראַן אַ סך“...

***) „המליץ“, 1867, ז. 155.

אויסגעמעקט אַלע מיינע פֿילע אַרטיקלען, וואָס איך האָב דיר געשיקט פֿון זינט דער „המליץ“ איז ערשינען, ביז איצט, וועט פֿון מיר אויך גאָרנישט אַפּקומען, און דאָס, וואָס איך בין געוועז, וועל איך בלייבן; בכל אופן וועסטו מוזן מודה זיין, מיין פֿריינד, אַז ניט דו האָסט מיך געמאַכט פֿאַר אַ שרייבער ביי יידן, און ניט דו און ניט אַלע מיינע קעגנער, וואָס זיינען גריים דיר צו דינען — זיינען ניט ביכולת אַרויסצורייסן די פֿעדער פֿון מיינע הענט“.

אין דידאַקטיקע הערות פֿיגורירט אויך אַ זעצער (ראַבינאָוויטש), וועלכער שטעלט פֿעסט, אַז איינציקע שטעלן גאָטלאָבערס זיינען אויסגעמעקט פֿון צענזור, כדי גאָטלאָבער זאָל נאָכדעם קיין טענות ניט האָבן, אַז צעדערבוים מעקט אים אַך.

אין די אַרטיקלען אין „המליץ“ זוכט גאָטלאָבער אויך צו באַוויזן, אַז ער איז ניט קעגן די יונגע, און צווישן אַנדערן דערציילט ער, אַז ער האָט דער ערשטער געטראָגן ליכט, בעת קיינער איז נאָך ניט געוועזן.

„זאָל דער שונא זאָגן, וואָס ער וויל, אָבער איך און די מענטשן, וואָס זיינען געוועזן מיט מיר איבער 30 יאָר, ווייסן, וויפֿיל איך האָב געהאָרעוועט פֿון אָנהייב אָן, בעת קיינעם האָט זיך נאָך ניט געחלומט צו זען דאָס, וואָס ער זעט היינט. (אַ שטייגער שולן, מאָדערנע רבנים, צייטונגען אויף העברעאיש און יידיש, דאָס קליידן זיך אייראָפּעאיש וכדומה נייסן, וואָס מע האָט זיך גאָרניט פֿאָרגעשטעלט מיט 30 יאָר צוריק.), ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען צוצוגרייטן די יוגנט צו דעם איצטיקן מצב; ווי איך האָב אויפֿגעהויבן מיין שטים און גערופֿן די יוגנט, ווייל קיין צייטונגען זיינען נאָך דעמאָלט ניט געוועזן; וויפֿיל מאָל בין איך אַרומגעפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט און פּראָפּאַגאַנדירט — אָן געלט. (דאָ שטעלט צעדערבוים אַ פֿראַגע־צייכן). מיט דעם שווייס פֿון מיין פּנים האָב איך געגעסן טרוקן ברויט און געלערנט אומזיסט מיט דאָס רוב תלמידים, וואָס פֿלעגן זיך זאַמלען אַרום מיר אומעטום, וואו איך פֿלעג קומען“. *)

*) „המליץ“, 1867, נומ. 22, ז. 169.

אויף דעם מאַכט צעדערבוים אַ באַמערקונג, אַז אמת, גאָטלאָבער האָט אַ פֿילע אויפֿגעטאָן, אַרומפֿאָרנדיק איבער די שטעט און טיילנדיק זיינע ספֿרים, און אַלע זיינע פֿאָלקסלידער האָבן אויך געבראַכט נוצן, אָבער באַרימען זיך דאַרף ער ניט, ווען מיט זיין לויבן זיך אַליין איז ער אַריבער יעדע מאָס און יעדע גרעניץ. „צי קענסטו זיך דען פֿאַרמעסטן מיט די ספֿרים פֿון הז״ם און מאַפּו, וואָס באַרימען זיך ניט, אַז זיי זיינען אַרומגעפֿאָרן פֿון שטאָט צו שטאָט צו האַלטן דרשות, און דער לעצטער האָט ווירקלעך זיין גאַנץ לעבן געלייגט פֿאַר זיין פֿאָלק, און האָט זיך באַנוגנט מיט גאָרנישט; און אַזוינע ספֿרים האָבן פֿאַרשפּרייט ליכטיקייט אין אַלע פֿאַרבאַהאַלטענע ווינקעלעך פֿון יידישע הייזער*).

אינטערעסאַנט איז די לעצטע הערה צום אַרטיקל:

נאָכדעם, ווי צעדערבוים זידלט אָפּ גאָטלאָבערן גאַנץ געשמאַק, פֿאַרענדיקט ער: „...נאָר דאָס קענען מיר דיר זאָגן, אַז נאָכדעם, ווי מיר האָבן דיר אַלץ אויספֿירלעך געענטפֿערט, וועסטו שוין אויף אונז קיין שום תּרעומות ניט האָבן... און אויב דו וועסט זיך אומקערן צו אונז, וועלן מיר זיך אומקערן צו דיר, ווען איך בין ניט קיין נוקם ונוטר; דאָס איז אַ מחלוקת לשם שמים, וואָס ברענגט ניט צו שנאה״...

נאָכדעם האָט טאַקע גאָטלאָבער ווידער אָנטייל גענומען אין „המליץ״, גלייך ווי ס׳וואָלט גאָרניט געווען, און צעדערבוים פֿלעגט אים ווידער אַרומקריזן מיט זיינע באַמערקונגען.

---

*) דאַרטן, ז. 169.

ז. 177.

ז.

גאָטלאָבערס פּאָעטישע ווערק.—ער שרייבט יידיש צו גלייך מיט העברעאיש. — זיין פארלאָרן זאמלהעפט מיט די יידישע לידער. זיין קאָמעדיע דער „דעקטוך“. — זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר שלמה עטינגערן.—

די אינטענסיווע פּובליציסטישע טעטיקייט אין די זעכציקער יאָרן האָט אים אָבער ניט געשטערט אָפּצוגעבן זיך אויך מיט פּאָעזיע אין יידיש און העברעאיש.

יידיש האָט גאָטלאָבער געשריבן כמעט אין איין צייט, ווען ער האָט זיך גענומען פאַר דער העברעאישער מליצה. נאָך אַן אַכטצניאָריקער בחור, האָט ער אונטער דער השפּעה פון מענדל לעפינס יידישע כתבים, וועלכע ער האָט געזען ביי מאיר רייכן אין באַר, אָנגעהויבן שרייבן אין „זשאַרגאָן“. „נאָר אַזוי ווי איך האָב פון קינדהייט אָן געהאַט אַ נייגונג צו שרייבן שירים, האָב איך אינם זשאַרגאָן אויך אָנגעהויבן שרייבן שירים. צי זיינען זיי עפּעס ווערט געוועזן, צי ניין—ווייס איך ניט, ווייל עס איז פון זיי ניט געבליבן קיין זכר“*). דאָס ביסל, וואָס עס איז פון אים יאָ געבליבן, האָט ער אַ צייט געהאַלטן אין כתב־יד, ווייל אין יענע יאָרן האָבן זיך די משכילים געשעמט אָפן אַרויסצוטרעטן מיט יידיש, אָדער מיט „זשאַרגאָן“, ווי זיי האָבן עס גערופן**). אָבער

*) שלום־עליכמס „יוד. פ״ב“, 1888, ז. 252.

**) א. י. פּאַפּירנא, „די ערשטע יידישע דראַמע“, פּינקס, פארלאַג ב. א. קלעצקין, ז. 188. אינטערעסאַנט איז דערביי צו ברענגען גאָטלאָבערס באַמערקונג אין אַקסנלפעלדס אַרטיקל (שלום־עליכמס „יודישע פאָלקס־ביבל“. 1888, ז. 257) ווי מע זאָל רופן יידיש: „אין פריערע צייטן האָט מען ניט געוואוסט פון דעם נאָמען זשאַרגאָן; אונזער לשון האָט געהייסן יידיש־דייטש. מיר געפעלט אויך דער נאָמען זשאַרגאָן ניט, ווייל באמת הייסט זשאַרגאָן אייגע אונ־פארשטענדלעכע גערעדע; עס איז גלייכער צו בלייבן ביים נאָמען יידיש אָדער יידיש־דייטש“.

פון כתב־יד זיינע לידער דורך געשריבענע קאָפּיעס אַריין אין פֿאָלק און זיינען אין XIX יאָרהונדערט באַקאַנט געווען אין וואָלין און פּאָדאָליע. „דער בידנער ישראליק" (אָדער „דער עלנטער ישראליק") „איז געווען זייער פּאָפּולער און ס'איז כמעט ניט געווען קיין איין יידיש הויז, וואו מע זאָל אים ניט זינגען"*). דאָס, וואָס מיכל גאָרדאָנס זיינען געווען אין דער ליטע, זיינען גאָרדאָנס לידער געווען אין אוקראַאינע און וואָלין. וועגן דעם שרייבט אויך א. י. פּאַפּירנא **), אַז „גאָרדאָנס סאַטירישע לידער האָט מען שוין דעמאָלט געהערט אומעטום זינגענדיק אין ליטע, און גאָטלאָבערס נאַציאָנאַלע לידער — אין וואָלין און פּאָדאָליען". אָבער דאָס זיינען אַלץ געווען אַנאָנימע לידער, וואָס האָבן אויף זיך קיין באַלעבאָס ניט געהאַט, אַזוי אַז מע האָט דאָס פּאָפּולערע ליד „דער בידנער ישראליק" שפּעטער גאָר געהאַט אָנגענומען פֿאַר ריב"לס און אָפּגעדרוקט עס אויף זיין נאָמען. ערשט מיט דעם ערשיינען פֿון דעם „קול מבשר" און אַנדערע יידישע צייטשריפֿטן, באַקומט גאָטלאָבער די מעגלעכקייט צו דרוקן זיינע לידער. אין 1862 דרוקט ער אין „קול מבשר" (נומ. 3 — 5) „דאָס גראָבער־ליעד", מיט דער התימה טלגרב, וואָס איז דער פֿאַרקערטער נאָמען פֿון גאָטלאָבער; אין „קול מבשר" 1863 (נומ. 13) — „דער אָרימער עושר" („אויס דעם רוסישען נאָך קרילאָווען"); אין 1864 (נומ. 11 פֿון אויבנדערמאָנטן זשורנאַל) — „דאָז זומער־פֿאָגעלע"***). דאָס דאָזיקע ליד איז ביי אים אויך פֿאַרהאַן אין העברעאיש מיטן נאָמען „קול ישורר בהלון" (כל שירי מהללאל); אין „קול מבשר" דעמזעלבן יאָר (נומ. 20) — „דער גענאַרטער מענטש" מיט דער אונטערשריפֿט א'ב'ג'. (אברהם־בער גאָטלאָבער).

*) ז. פּריער ז. 177 (אגב, איז דאָרטן על־פּי טעות דורכגעלאָזט געוואָרן, אַז דאָסדאָזיקע ליד איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין נומ. 6 פֿון זשורנאַל „היועץ", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין בוקאַרעשט). מאַנדלקערן („האָסיף", תרמ"ז) ברענגט אין גאָטלאָבערס ביאָגראַפיע, אַז צווישן גאָטלאָבערס פּאָפּולערע פֿאָלקס־לידער איז אויך געווען דאָס ליד „קין", וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער ניגון. דאָסדאָזיקע ליד איז ביי גאָטלאָבערן פֿאַרהאַן אַ העברעאיש מיטן זעלבן נאָמען (כל שירי מהללאל).

**) „פּינקס", ז. 187.

***) אויבן ז. 177 איז על־פּי טעות אָנגעגעבן געוואָרן, אַז „דאָס גראָבער־ליד" און דאָס „זומער־פֿייגעלע" האָבן זיך געדרוקט אין 1863.

הײַנט די לידער וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט, האָט ער אין דעמזעלבן פּעריאָד אויך אָפּגעדרוקט אין אַ באַזונדער אויסגאַבע אַ פּאַראָדיע אויף שולערס „ליעד פֿאָן דער גלאָקקע" מיטן נאָמען „פֿינים קוגעל" (אָדעס 1863), און „דער סעים אָדער דיא גרויסע אַסיפֿה אין וואַלד, ווען דיא חיות האָבּין אויסגעקליבּען דעם לייבּ פֿאַר אַ מלך" (זשיטאָמיר, 1863). ער האָט אויך, ווי ער שרײַבּט אין זײַנע „זכרונות" *) געהאַט אין כּתבֿ־יד אַ ביכלעך אונטער דעם נאָמען „פֿעלד־בּלומען", צונויפֿגעזעצט פֿון פֿיל שירים: „דאָס בּי־בעלע מינץ", „דאָס שטריימיל מיט׳ן קאַפּעליעש", „דער ייד אין קיעוו", „די גזירה דייטש" און נאָך, וועלכע זײַנען צום באַדויערן פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דורך אַ פּאָסט־טרעגער פֿון ה׳ דינעסזאָן אין וואַרשע מיט מײַן ווערק „די פֿאַרקערטע וועלט".

דאָ דאַרף, אַגבֿ, דערמאָנט ווערן, אַז אַ טייל פֿון די לידער, וואָס זײַנען אַרײַן אין זײַן זאַמלונג „די פֿעלדבּלומען", האָט גאָט־לאָבּער אין פֿאַרשיידענע ערטער געהאַט יאָ אָפּגעדריקט. אַזוי האָט ער „דאָס בּיסעלע מינץ" אַרײַנגעגעבּן אין דעם „גלגול" **), דאָס ליד „גזירה דייטש" האָט ער געשריבּן אין יאָר תר״ה און האָט אים אָפּגעדרוקט אין „המליץ" 1869, אין 1־טן פֿון דער סעריע אַרטיקלען „לצדקה והנה צעקה" מיט אַ באַמערקונג, אַז „דאָרטן געפֿינען זיך די פֿאָלגנדיקע ווערטער, וואָס זײַנען ראוי, די זאָלן בּלײַבּן פֿאַר די שפּעטערדיקע דורות, וועלכע האָבּן מיט זייערע אויגן ניט גע־זען די אַלטע בּגדים און זיי ווייסן ניט, ווי זיי האָבּן אויסגעזען".

וועגן דער געשיכטע פֿון דעם ליד „דאָס שטריימל און דער קאַפּעליוש" שרײַבּט ער אין „המליץ" פֿון זעלבּן יאָר אין זעלבּן אַרטיקל: „אים זומער פֿון יאָר תר״א האָבּן די בּראָדער משׂכּילים בּאַשלאָסן אַראָפּצונעמען דאָס שטריימל און אָנטאָן אום שבת אַ הוט, — איז געוואָרן אַ קאָך אין שטאָט, און די אַלטע לײַט, וואָס האָבּן זיך געהאַלטן אָן זייערע טראַדיציאָנעלע מנהגים, האָבּן אײַנגעלייגט

---

*) שלום־עליכמס „יוד. פֿאָלקס־ביבל". 1888, ז. 259.

**) נומ. 20, „קול מבשר", 1871; דאָס זעלבע ליד אין דער באַזונדער אויסגאַבע פֿון „גלגול" איז שרעקליך פֿאַרגרײַזט און צעקאַלעטשעט: עס פֿעלן גאַנצע זײַטן.

די וועלט; בלויז דער בכּבֿודיקער זקן ר' אבֿרהם־יצחק לאַנדע איז צוגעשטאַנען צו די יונגע און איז געגאַנגען אום שבת מיט אַ הוט אין גאַס. גראָד בין איך דעמאָלט געווען צו גאַסט אין בראָד און ביי דער געלעגנהייט האָב איך פֿאַרפֿאַסט אַ ליד אויף יידיש מיטן נאָמען: „דאָס שטריימיל מיט׳ן קאַפּעליעש“, וואָס איז געוואָרן באַוואוסט אין דער גאַנצער וועלט, הען מע האָט פֿון דעם ליד געמאַכט אַ סך אָפּשריפֿטן און עס איז זייער פֿאַרשפּרייט געוואָרן צווישן פֿאָלק. ווער האָט מיר דעמאָלט געקענט זאָגן, אַז אין פֿינף יאָר אַרום וועט קומען אַ סוף צו דעם שטריימל אין חסלאַנד?“

די שוין אויבן דערמאָנטע קאָמעדיע „דער העקטיך אָדער צוויי חופּות אין איין נאַכט“ *). האָט גאָטלאָבער אָנגעשריבן — צו 27 יאָר — אונטער דעם איינפֿלוס פֿון ד״ר שלמה עטינגער; מיט וועלכן ער האָט זיך דעמאָלט געהאַט באַקאַנט. וואָס ער דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט דעם באַרימטן יידישן דיכטער פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע: **)

„דעם דאָקטאָר שלמה עטינגער האָב איך קענען געלערנט אינם יאָר 1837, ווען איך האָב אַרויסגעגעבן מיין ערשטעס ווערק „פּרחי אָבֿיב“. דענסטמאָל בין איך עטלעכע מאָל געווען אין זאַמאָשץ, וואו דער דאָקטאָר עטינגער האָט געוואוינט. איינמאָל בין איך געקומען קיין זאַמאָשץ און עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב כאָלעריע, וועלכע איז דענסטמאָל אַרומגעגאַנגען אין פּוילן. איך האָב געשיקט בעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל צו מיר קומען. ער איז געקומען, האָט מיך באַטראַכט און זאָגט צו מיר: „וואָס טויג אייך כאָלעריע? איך וויל אייך בעסער פֿאָרלעזן מיין „סערקעלע“. ער האָט מיר פֿאָרגעלעזן און איך בין געזונט געוואָרן... זאַמאָשץ איז תּמיד געווען אַ שטאָט פֿון יידישע געלערנטע, דאָרטן האָט פֿריער געוואוינט ר' שמשון בלאָך, ר' יעקבֿ אייכנבוים, ר' יוסף צעדערבוים (זיין זון, ה' אַלכּסנדר צעדערבוים, ווי עס איז באַוואוסט, האָט גרויסן נוצן געבראַכט דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור:

*) ז. 177.

**) שלום־עליכמס „יוד. פֿאָלקס־ביבל“. ז. 253—254.

ער איז געווען דער הערויסגעבער פון די זשאַרגאָנישע צייטונ־גען „קול מבשר“ און „יודישעס פאָלקס בלאַט“). צוויי יאָר שפּעטער איז דאָקטאָר עטינגער געווען ביי מיר אין קרעמעניעץ. עס איז אים שוין ניט גוט געווען, ווייל ער האָט אין רוסלאַנד ניט געמאַכט קיין עקזאַמען (ער האָט געענדיקט זיין קורס, אַלס דאָקטאָר, אין לעמבערג). האָט מען אים אין רוסלאַנד פאַרבאָטן צו פּראַקטי־צירן, איז ער געוואָרן אַ קאָלאָניסט. עס איז אים אָבער דאָ אויך ניט גוט געגאַנגען. ביי מיר אין קרעמעניעץ איז ער געווען אויף זיין רייזע קיין אָדעססאַ; דאָרט האָט מען געפּייערט דעם דאָק־טאָר עטינגערס פּאָפּציקאָריקן געבורטסטאָג ביי יעקב אייכענבוים, וועל־כער האָט דענסטמאָל געוואוינט אין אָדעססאַ. אַז אַלע גוטע פריינד זיינען זיך צונויפגעקומען, האָט עטינגער געשריבן אַ קליינעם שיר אינם זשאַרגאָן:

> היינט בין איך געוואָרן פופציק יאָר,
> איך האָב נאָך ניט איין גראָע האָר;
> עס זאָל אייך ניט זיין קשה קיינעם, —
> די ווערן פאַרשוואַרצט מיט מיר אינאיינעם.

זייט יענער צייט האָב איך שוין דעם דאָקטאָר עטינגער מער ניט געזען; אַחוץ סערקעלע, האָט ער געשריבן זייער פיל שירים, מאַבלען (אַ טייל האָט ה' צעדערבוים געדרוקט אין דעם „קול מבשר“ און אינם „יודישן פאָלקסבלאַט“). עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז זיינע קינדער, אָדער איין אַנדערער, ביי וועמען זיי געפינען זיך, זאָל זיי לאָזן דרוקן, ווייל זיי זיינען אַלע אויסגע־צייכנט.

דער דאָקטאָר האָט מיך אָנגעאייפערט, צוגעגעבן חשק, און איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אינם זשאַרגאָן. אינם יאָר 1838 האָב איך געשריבן אַ קאָמעדיע אין דריי אַקטן: „דאָס דעקטוך, אָדער צוויא תיפות אין איין נאַכט“.

מע דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז דער „דעקטוך“ האָט אַ שייכות צו „סערקעלע“; ער איז בלויז געשריבן אונטער דער השפעה פון „סערקעלע“. עטינגער האָט קיין קאַמף מיט די פרומע ניט געפירט, האָט געלעבט מיט זיי בשלום, אינדערצייט, וואָס גאָטלאָבער האָט

געפֿירט קעגן די חסידים אַ קאַמף. גאָטלאָבער האָט געהאַט מיט די חסידים פֿערזענלעכע חשבונות (דאָס אַריינמישן זיך פֿון זשיטאָמירער צדיק אין זיין פֿאַמיליען-לעבן און דאָס אָפּרייסן אים מיט געוואַלד פֿון זיין יונג ווייבל און זיין קינד, וועלכע ער האָט ליב געהאַט), דערצו נאָך דער שאַרפֿער איבערגאַנג פֿון חסידות צו השכלה — האָט צוגעגעבן דעם קאַמף זיינעם אַ באַזונדערן ברען און אויך אין זיין „דעקטוך" אַטאַקירט ער די הויפּט-זיילן פֿון חסידות, כּדי איינצוּוואַרפֿן דעם גאַנצן בנין.

דער סוזשעט פֿון דער קאָמעדיע איז אַזאַ: יאָסעלע און פֿריידעלע, אַן אַכטצן יאָריק בחורל און אַ זעכצן יאָריק מיידל האָבן זיך ביידע שטאַרק ליב; נאָר זייערע פֿאַנאַטישע עלטערן, ווי דער שטייגער איז אין יענע צייטן, האַלטן ווינציק וועגן אַזעלכע זאַכן ווי ליבע; ליבע איז ניט קיין כּשר קינד אין דער פֿרום-פּאַרצייטיקער וועלט: דער עיקר איז יחוס — און יאָסעלען מיט פֿריידעלען מאַכט מען חתונה קעגן זייער ווילן מיט פֿרעמדע חתן-כּלה: יאָסעלען — פֿאַר אַ בלינדן מיידל אַ זאַאיקע, וואָס איר טאַטע איז אַ רבֿ, און פֿריידעלען — פֿאַר אַ בחור אַ קאַליקע. די חופּות דאַרפֿן פֿאָרקומען אין איין טאָג, און דאָ טוט יאָסעלע אָפּ אַ שפּיצל: דורך עזריאל דעם משרת פֿאַרהאַלט ער די מחותנים אויפֿן טראַקט, וואָס דאַרפֿן צו דער צייט אָנקומען אין שטעטל, אַליין טוט ער זיך אָן פֿאַר אַ ניט-גוטן, גנבֿעט זיך אונטער צו די מחותנים און שרעקט זיי איבער. זיי אַנטלויפֿן, בלויז דער חתן, לעמל, בלייבט. דאָ טוט ער אים געשווינד אָן זיינע חתונה-קליידער, דאָס שטריימל מיט דער קאַפּאָטע, און לעמלס קליידער נעמט ער צו מיט זיך, און בייט זיך מיט אים מיט די ראָלן: לעמלען פֿירט ער אַוועק צו דער בלינדער מיידל, און ער אַליין יאָסעלע, פֿאַרשטעלט פֿאַר לעמלען, גייט אַוועק צו זיין אמתער כּלה. נאָך דער חופּה זעט מען זיך אַרום, אָבער ס'איז שוין פֿאַרפֿאַלן. די גאַנצע קאָמעדיע איז געבויט אויף דעם נאַרישן גלויבן אין ליצנים, טייוואָלים און גוטע יידן. ער האָט אין דער קאָמעדיע אַריינגעפֿירט אַ רבֿ און אַ גוטן יידן און געוויזן, אַז דער רבֿ איז אַן ערלעכער ייד, נאָר אַ שוטה, און דער גוטער ייד איז אַ שווינדלער. „גאָטלאָבער האָט געבריכט

אַלע מיטלען — שרייבט גאָרין אין זיין „געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער“ ב. I, ז. 116—און האָט אַפֿילו איינגעפֿירט אין דראַמע שאַנסאָנעטקעס“*)

דער וויץ און דער הומאָר ביי גאָטלאָזערן איז אַ גראָבלעכער, דערפֿאַר איז ער נאָענט און פֿאַרשטענדלעך פֿאַרן פּראָסטן פֿאָלק. „עס איז קיין שום צווייפֿל ניט — זאָגט גאָרין אין דער שוין ציטירטער שטעלע וועגן „רעקרוט“ אַז אונטער אַנדערע אומשטענדן וואָלט גאָטלאָזער געקענט ווערן דער גרינדער פֿון דעם יידישן טעאַטער. ער האָט געהאַט יענע מעלות, וואָס האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר שפּעטער אַזוי בריליאַנט אַרויסגעוויזן אין אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען“. די-דאָזיקע פּיעסן פֿון באַקאַנטע משׂכּילים, זיינען אַרומגעגאַנגען אין כּתבֿ-יד פֿון האַנט צו האַנט. מענטשן, וואָס האָבן זיך ניט געפֿוילט, האָבן געמאַכט פֿון זיי קאָפּיעס און מיט יאָרן זיינען פֿון די קאָפּיעס געמאַכט געוואָרן אַנדערע קאָפּיעס און ביים איבערשרייבן האָט מען פֿאַרגעסן אָנצוגעבן דעם נאָמען פֿון דעם פֿאַרפֿאַסער, און ווען ס'איז אַנטשטאַנען אַ פֿאָדערונג אויף געדרוקטע דראַמעס, האָט דער דרוקער געכאַפּט אַ וועלכע קאָפּיע עס איז און האָט זי אָפּגעדרוקט אָן דעם מחברס נאָמען — און אַזוי איז אויך געווען מיט גאָטלאָזערס קאָמעדיע „דער רעקרוט“: זי האָט זיך אָפּגעדרוקט אין יאָר 1876 אין וואַרשע צעהרגעט און צעקאַליעטשעט און אינטער אַ פֿרעמדן נאָמען יאָזעף ווערבלינסקי, מיט אַ באַמערקונג דערצו: „נאָכדרוק פֿאַרבאָטן“ **).

---

*) אין דער אויסגאַבע, וואָס מיר האָבן, און ווי עס באַשטעטיקט אויך ש. ביגער, „צוקונפֿט“, 1924, אין דעם אַרטיקל וועגן גאָטלאָבערן, זיינען קיין שאַנסאָנעטס ניטאָ.

**) ש"ע „יוד. פֿאָלקס-ביבל.“, ז. 258 אין דער אויסגאַבע, וואָס מיר האָבן, איז ניטאָ „נאָכדרוק פֿאַרבאָטן“.

ח.

גאָטלאָבערס צווייִדייטיקע באַציאונג צו יידיש.—פֿריידיקט רוסיפֿיקאַציע און דרוקט אויפֿרופֿן צו שרייבן יידיש. — זשיטאָמיר אַ שטאָט פֿון דרוקערייען.—גאָטלאָבער דרוקט דאָרטן זיינע ווייטערדיקע העברעאישע ווערק. — די איבערזעצונג פֿון מענדעלסאָנס „ירושלים“ און די העברעאישע פּיעסע תפארת לבני בינה“. אַמאָליקער שטייגער פֿון אַרויסגעבן ספרים.—גאָטלאָבער מיט בינשטאָקן פּלאַנעווען אַרויסצוגעבן די געשיכטע פֿון יידן אין דרום־מעריב רוסלאַנד. — גאָטלאָבער וויל אַרויסגעבן מיט מענדעלען אַ העברעאישן זשורנאַל.—אין זשיטאָמיר שטאַרבט גאָטלאָבערס טאָכטער, מענדעלעס ערשטע לערערין. — גאָטלאָבערס סאַטירע דער „גלגול“ — זיין ווערק „לתולדות הקבלה והחסידות“. — גאָטלאָבער אַלס פּאָעט.

עס איז כּדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער מערקווירדיקער באַציאונג פֿון גאָטלאָבערן צו יידיש: פֿון איין זייט איז גאָטלאָבער געווען פֿאַרכאַפּט פֿון דער רוסיפֿיקאַטאָרישער אידעע און האָט, ווי אַלע משׂכּילים פֿון זיין צייט, געהאַסט דעם „עקלהאַפֿטן זשאַרגאָן“, און פֿון דער צווייטער זייט האָט ער געשריבן און געדרוקט יידיש; פֿון איין זייט פֿלעגט ער כּמעט ביי יעדער געלעגנהייט אויפֿמערקזאַם מאַכן אין זיינע אַרטיקלען דעם יידישן עולם, אַז מע זאָל פֿאַרוואַרפֿן און פֿאַרבייטן די „מבולבלע“ שפּראַך אויף דער „שיינער“ לאַנדשפּראַך, און אין דערזעלבער צייט—געדרוקט אייפֿרופֿן צו דער יידישער אינטעליגענץ און צו די יידישע שריפֿטשטעלער, מע זאָל שרייבן און לייענען יידיש.

נאָך אין „פּרחי אָביב“, וואָס איז אַרויס אין יאָר 1837, שרייבט ער אַ בריוו צו אַ תּלמיד*), ער זאָל זיך זען לערנען, אַחוץ רוסיש, אויך העברעאיש און דייטש: וויל „זי (דייטש) איז זייער נאָענט צו דער געמישטער שפּראַך יידיש, קען זיך דעריבער יעדער ייד

*) ז .57.

לייכט באַנוצן מיט איר אָנשטאָט דער מבֿולבלער שפּראַך פֿון אונ־
זער פֿאָלק ״, וועלכע איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַלע לשונות
אָן אַ סיסטעם און אָן אַ גראַמאַטיק. דען זי איז אַ חרפּה פֿאַר יידן,
צוליב איר זיינען מיר פֿאַררעכנט פֿאַר ציגיינער, פֿאַר אַן אומ־
געבילדעט פֿאָלק״.

אין „המליץ״ *), אין איינעם פֿון די אַרטיקלען „לצדקה והנה
צעקה״, שרייבט ער צווישן אַנדערן, אַז „ס׳איז ניט גוט, וואָס יידן
טיילן זיך אָפּ פֿון די רוסן מיט זייער שפּראַך, וואָס איז אַ מקור
פֿאַר אַ סך צרות, בשעת זיי האָבן געקענט וואוינען צוזאַמען בשלום
ובשלוה״. און ווייטער: „און פֿאַרוואָס זאָלן מיר ניט ריידן בעסער
אויף דער לאַנדשפּראַך—און נעמען אַ פֿרעמדע שפּראַך, וואָס איז
אַ געמיש פֿון אַלע שפּראַכן און פֿאַרמאָגט ניט גענוג ווערטער אויס־
צודריקן אַ ריין רעכטן געדאַנק, דערהויפּט אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן גע־
ביט איז די פֿולקום אָפּגעשטאַנען; און דער, וואָס קען בלויז די שפּראַך
אַליין, איז אַזוי אײנס, ווי ער וואָלט געווען אַ שטומער, און
זיין האַרץ איז אויף אייביק פֿאַרשלאָסן פֿאַר אַלע וויסנשאַפֿטן. איז
שוין לכל הפּחות בעסער צו פֿאַרהיטן אונזער יונגן דור, אונזערע
קינדער פֿון דער דאָזיקער צעקאַליעטשעטער שפּראַך, און געוויינען
זיי פֿון זייער יוגנט אָן צו דער לאַנדשפּראַך, בפֿרט אַז אונזער
גאַנצער פּאָליטישער גליק איז אָפּהענגיק דערפֿון״.

און פֿון דער צווייטער זייט ווידער דרוקט ער אין „המליץ״
אַן אויפֿרוף אונטערן נאָמען „עת לטעת״ **), וואו ער שרייבט צווישן
אַנדערן פּונקט דעם היפּך:

... „ווי זאָלן מיר העלפֿן אונזערע פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע זוכן
חכמה אין דער אַרומיקער וויסטעניש און געפֿינען ביטערניש? וואָס
זאָלן מיר טאָן, כּדי זיי צו באַפֿרייען (פֿון דער וויסטעניש) און
אַריינפֿירן אין דעם לאַנד פֿון לעבן, וואו זיי זאָלן עפֿענען די

---

*) 1869, ז. 232.

**) „המליץ״, 1865 נומ. 12. ציטירט לויט ש. ניגערס אַרטיקל אין „צוקונפֿט״,
אויגוסט, 1924: „די אידישע ווערק פֿון אברהם־בער גאָטלאָבער״. אין ווילנער „סטראַ־
שונס ביבליאָטעק״ איז אונז צום באַדויערן דעמדאָזיקן נומ. ניט מעגלעך געווען צו
קריגן.

אייגן און דערזען, דאָס ליכט פֿון וויסן און אָנהייבן צו פֿאַרשטיין, וואָס עס פֿאָדערט פֿון זיי די היינטיקע צייט? — אָט איז די עצה און אָט איז דער ליכטיקער וועג: לאָמיר בעטן די שרייבער די משכּילים, וואָס גאָט האָט זיי איינגעטיילט אַ חלק פֿון זיין חכמה, אַז זיי זאָלן זיך ניט שעמען צו רײדן צום פֿאָלק אויף דער שפּראַך, וואָס עס רעדט. זאָלן זיי געדענקען, אַז אַזוי האָבן געטאָן אונזערע אַמאָליקע חכמים, יעדער אין זיין לאַנד, און זאָלן זיי ניט זאָגן: „סטייטש, ווי אַזוי קאָנען מיר פֿאַרלאָזן אונזערע ריינע און שיינע לשונות און אָנהייבן שרייבן אויף אַ געמישטן און מבֿולבלדיקן לשון, אויף אַ לשון, וואָס האָט קיין פּנים ניט!" מיינע ליבע! ווייסט איר דען ניט, אַז אַ סך שפּראַכן זיינען פֿון אָנהייב געווען אין דעמזעלביקן צושטאַנד, אין וועלכן די שפּראַך (יידיש) געפֿינט זיך? די שרייבער און זייערע ווערק בעסערן אויס די שפּראַכן און מאַכן זיי לייטן־גלייך. גיט דערדאָזיקער שפּראַך די פֿרוכט פֿון אייערע הענט (ד. ה. שרייבט אויף איר), וועט זי קריגן גאָר אַן אַנדער אויסזען! אָט גיט נאָר אַ קוק, זינט עס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין דער „קול מבֿשר", האָט זיך די דאָזיקע שפּראַך שטאַרק אַ הייב געטאָן! וויפֿל שיינע לידער, וויפֿל טייערע ערציילונגען און חכמה־זאַכן און מוסר זיינען דאָרט געדרוקט געוואָרן און זיי האָבן געלאָזן טיפֿע וואָרצלען אין די הערצער פֿון די לעזער און לעזערינס פֿון המון־עם, וואָס פֿאַרשטייט ניט קיין אַנדערע שפּראַך? וויפֿיל שירים און שיינע זאַכן אויף דערדאָזיקער שפּראַך גייען אום אין אונזער לאַנד אין דער פֿאָרם פֿון מאַנוסקריפּטן, וואָס זיינען נאָך ניט געדרוקט געוואָרן, און וואָס אויך איר, שרייבער משכּילים, וועלכע קענען אַ סך שפּראַכן, האָבן הנאה פֿון זיי און באַוואונדערן זיי, ווען איר לייענט זיי? היינט וואָס האָט איר צו דעמדאָזיקן לשון? פֿאַרוואָס ווילט איר אים אַרויסשטופּן פֿון דער ליטעראַטור און לאָזט אים ניט ווערן מיט אייער הילף אַ ברייט און פּרעכטיק געביי? דאָס איז דאָך די שפּראַך, וואָס דורך איר אַליין נאָר קענט איר געפֿינען אַ וועג צו די מאַסן פֿון אייער פֿאָלק, וואָס איר האָט אַזוי ליב? א. אַז. וו."

און אין דערזעלבער צייט — ווידער אַמאָל די נעגאַטיווע באַציִ־אונג פֿון דעם דעמאָלטיקן משכּיל: אין „המליץ“, 1866 נומ. 2, ז. 22, בײַ דער געלעגנהייט פֿון אַלעקסאַנדער דעם II־נס התונה, ווענדט ער זיך מיט אַ רוף צו אַלע יִדן פֿון רוסלאַנד, מע זאָל „גע־נומען די הסדים פֿון קיסר, ירום הודו, און מע זאָל זיך נעמען צו בילדונג, אַראָפּוואַרפֿן דעם יאָך פֿון די נאַרישע טראַדיציעס אַוועק־וואַרפֿן די יידישע שפּראַך, וואָס איז אַ מיאוסער זשאַרגאָן, אויס־לערנען זיך די לאַנד־שפּראַך און ווערן לייטן־גלייך“.

און אַזעלכע צווייטייטיקע באַציִאונגען צו יידיש געפֿינט מען בײַ אים אַ סך, אַפֿילו שפּעטער אויך. „אין טעאָריע — שרייבט צינ־בערג*) — האָט דער גרעסטער טייל משכּילים, וואָס זיינען געווען טרײַ די טראַדיציעס פֿון די דייטשע, „אויפֿקלערער“, וועלכע האָבן געהאַסט דעם „זשאַרגאָן“, ווי אַ סימבאָל פֿון דער קנעכטישער געטאָ, — זיך באַציִגן נעגאַטיוו צום „זשאַרגאָן“ און היים געקעמפּט פֿאַר דעם, מע זאָל אים פֿאַרבייטן מיט דער רוסישער אָדער מיט דער דייטשער שפּראַך. דאָס רעאַלע לעבן אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן שטאַרקער פֿאַר אַלע טעאָריעס; און די־יעניקע פּראָגרעסיסטן, וועל־כע האָבן ניט געוואָלט מיט אַ כּיוון פֿאַרמאַכן די אויגן פֿאַר דערווירקלעכקייט, זיינען געווען געצוואונגען, אָפּטמאָל קעגן זייער ווילן, צו באַנוצן זיך מיט דער יידישער שפּראַך אין דעם קאַמף פֿאַר השכּלה“.

וואוינענדיק אין זשיטאָמיר, אַן אָרט פֿון דרוקערייען, האָט ער געהאַט אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן זיינע ווייטערדיקע העב־רעאישע ספֿרים. אין יאָר תּרכ״ד דרוקט ער דאָרטן אָפּ זיין איבער־זעצונג פֿון מענדעלסאָנס ספֿר „ירושלים“, וואָס איז געווען זיין טרוים נאָך אין דער יוגנט, מיט אַ הקדמה דערצו.

דער אופֿן פֿון דרוקן דאַן ספֿרים איז געווען, ווי באַוואוסט, פּרענומעראַנטן. יעדער מחבר, יעדנפֿאַלס דער גרעסטער טייל פֿון זיי, אַפֿילו פֿון די באַרימטע, בעת ער האָט געדאַרפֿט אָפּדרוקן אַ ספֿר, פֿלעגט זיך ווענדן אָדער דורך דער פּרעסע, אָדער ער פֿלעגט נע־

*) ז. 92 История еврейской печати

מען דעם כּתבֿ־יד און אַליין אַרומפֿאָרן איבער דער וועלט, אויפֿ־ קלייבן אַזויפֿיל פּרענומעראַנטן, ער זאָל זיין בּיכולת אָפּדרוקן דעם ספֿר; אָפּטמאָל פֿלעגן די מחבּרים אויך אומגיין מיט די געדרוקטע ספֿרים איבער די הייזער. אַזוי האָט אויך געטאָן גאָטלאָבער. בּשעת ער האָט געדאַרפֿט אָפּדרוקן אין תּרי״א דאָס בּיכל שירים „הנצנים“, האָט ער אויף אים אויפֿגעזאַמלט אין וואָלין, ליטע, פּוילן און גאַליציע קרובֿ אַכט הונדערט פּרענומעראַנטן.ו אויך פֿלעגט זיין אַ מאָדע, אַז די משׂכּילים פֿלעגן אַ נייעם ספֿר פֿון אַ באַרימטן שרייבער מקבּל פּנים זיין מיט אַ שיר פֿון זיין כּבֿוד וועגן, און צו דער ערשיינונג פֿון דעם „הנצנים“ האָבן אַליין אַ סך באַרימטע משׂכּילים געווידמעט אים שירים, אויסער דעם באַרימטן אד״ם הכּהן, וועלכער האָט אין גאָטלאָבערן, אַלס פּאָעט, געזען אַ קאָנקורענט *). אייניקע משׂכּילים פֿלעגן אויך, ווי די רבנישע מחבּרים, קלייבן הסכּמות אויף די ווערק. אַזוי האָט אויך גאָטלאָבער אין זיין ערשטן בּיכל שירים „פּרחי אבֿיבֿ“ 1838, געבראַכט הסכּמות: פֿון ד״ר שלמה עטינגער, — אַ שיר מיטן נאָמען „שירת דודים“, דאָס זעלבע אויך אין „הנצנים“ — הסכּמות פֿון די ווילנער משׂכּילים און פֿון הלל ריטמאַן פֿון טאַרנאָפּאָל — אויף דייטש.

בּשעת ער האָט געדאַרפֿט אָפּדרוקן מענדעלסאָנס איבערזעצונג פֿון „ירושלים“ האָט ער זיך אויך אַפֿריער געווענדט אין „המליץ“ 1865, נומ. 27 מיט אַ קול קורא, מע זאָל אים שטיצן מיט פּרענומעראַנטן. וועגן זיין ספֿר „תּפֿארת לבני בינה“, אַן אַלעגאָרישע דראַמע, נאָכגעמאַכט שד״לס „מגדל־עוז“, וועלכע ער האָט אָפּגעדרוקט אין זשיטאָמיר תּרל״ח לכּבֿוד דער חתונה פֿון זשיטאָמירער ראַבּינער בּינשטאָק, ווענדט ער זיך אויך אין „המליץ“ מיט אַ פּאַרטיקער קריטיק פֿון דעם משורר ווערבל איף דער דראַמע, טאָמער וועט עמיצער נעמען אויף זיך אָפּצודרוקן זי, און דערביי שטעלט ער אַרויס אַזעלכע תּנאים: געבן אים צוויי הונדערט עקזעמפּלאַרן בּראָשירט אין געפֿאַרבּט פּאַפּיר, אויף דער רעכטער זייט דער העבּרעאישער שער־בּלאַט און אויף דער לינקער — אַ דייטשער!

---

*) „האסיף,“ תּרמ״ז, מאַנדעלקערנס ביאָגראַפֿיע פֿון גאָטלאָבערן; זע אויך שטיינשניידערס הקדמה צו לעבנזאָנס שירים.

אין יאָר תרכ״ז האָט ער אָפּגעדרוקט אין דעם זשורנאַל „הכּוכבים“ אַ גרויסן קריטישן אַרטיקל, וואָס איז נאָכדעם אַרויס באַזונדער „אגרות בקרת“, וועגן דער מעטריק פֿון דער העברעאישער פּאָעזיע אין די סלאַווישע לענדער, וועלכע דאַרף זיין מלעיל און ניט מלרע, און ווייזט־אויף די ניט־ריכטיקייט פֿון אַך באַרימטע העברעאישע פּאָעטן, ווי יל״ג און אַנד., וואָס שרייבן דווקא פֿאַרקערט און פֿאַרדאַרבן דערמיט די שענקייט פֿון דער העברעאישער פּאָעזיע.

גאָטלאָבער פּלאַנעוועט אויך מיט בינשטאָקן אַרויסצולאָזן אַ געשיכטע פֿון די יידן אין וואָלין — בינשטאָק אויף רוסיש און גאָטלאָבער אויף העברעאיש. דידאָזיקע געשיכטע אין דער פֿאָרם פֿון אַ בראָשור, וואָס איז גרעסטנטייל גענומען פֿון גאָטלאָבערס ענטפֿער אויף פּיראָגאָווס אַנקעטע און פֿון זיינע זכרונות, וואָס ער האָט אַ צייט לאַנג געהאַלטן אין מאַנוסקריפּט, ביז ער האָט זיי דערנאָך אָפּגעדרוקט אין „הבוקר אור“, האָט גאָטלאָבער אָפּגעדרוקט אין „המליץ“ 1869 אין אַ ריי אַרטיקלען אונטערן נאָמען „לצדקה והנה צעקה“.

זיצנדיק אין זשיטאָמיר, וואו עס האָט דעמאָלט אויך געוואוינט זיין געוועזענער תלמיד מענדעלע מוכר־ספרים, פּלאַנעוועט ער צוזאַמען מיט אים אַרויסגעבן אין יאָר תרכ״ח אַ העברעאישע צייטשריפֿט אונטער נאָמען „בן־עמי“ *).

אין 1868 טרעפֿט אים אַ גרויס אומגליק: זיין עלטסטע טאָכטער, די ערשטע לערערין פֿון מענדעלע מוכר־ספרים, ראָזאַליע, שטאַרבט פֿון אַ קימפּעט, און דאָס וואַרפֿט אים אַריין אין טיפֿן טרויער, פֿון וועלכן ער קען זיך אַ צייט ניט טרייסטן.

אין תר״ל דרוקט ער אָפּ אין זשיטאָמיר דעם ערשטן טייל פֿון זיין ספר „תולדות הקבלה והחסידות“ וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון חסידיזם. געשריבן איז דאָס ווערק מיט אַ באַשטימטער טענדענץ: צו פֿאַרשוואַרצן די חסידים מיט זייערע גוטע יידן. דאָ געפֿינט ער אַן אָרט אָפּצורעכענען זיך מיט זיינע אַמאָליקע פֿיינט, וועלכע

*) אגרות יל״ג, ערשטער באַנד, ז. 116.

האבן צעשטערט זיין גליקלעך פאמיליען־לעבן. אין דער הקדמה ווענדט ער זיך צום לעזער: „שטיי אויף און לייען! באגרייף, וואס איך האב דיר דא געשריבן! שילט מיך מיט דער ערגסטער קללה, אייב דו ווילסט, מאך פון מיר אויסצודרייען, נאר לעז, און איך בין זיכער, אז נאכן שילטן וועסטו מיך בענטשן, און נאכן זידלען, וועסטו מיך ליבן — און וועסט ווערן אן אנדער מענטש“. צוליב דער קראנקהייט פון זיינע אויגן זיינען די איבעריקע טיילן פון דעמדאזיקן ספר ניט ערשינען.

אין יאר 1871 דרוקט ער אפ אין „קול מבשר“ זיין סאטירע „דער גלגול“, וואס איז שפעטער אין 1896 ארויס באזונדער אין ווארשע אונטערן טיטל: „דער גלגול, איין הומאריסטישע מעשה פון אברהם־בער גאטלאבער (אב"ג), הערויסגעגעבן פון דעם גבאים עניקל“. גאטלאבער האט שוין ניט איינמאל באוויזן זיין באזונדער פעאיקייט צו פאראדיעס; זיין „קוגעל“, ווי שוין געזאגט, איז א פאראדיע אויף שילערס „די גלאקקע“; אין דעם „רעקטוך“ איז דא אן איינגעצייכנטע פאראדיע אויף די גראמען פון א מארשאלעק. און אויך „דער גלגול“ איז א נאכמאכונג פון יצחק ערטערס „הצופה לבית ישראל“.

ניגער אין זיין ארטיקל וועגן גאטלאבערן („צוקונפט“, אויגוסט, 1924) מיינט, אז „אייזיק־מאיר דיק, וועלכער האט אין זיין ווערטלעכער איבערזעצונג פון ערטערן אריינגעגעבן פון זיך א קליינע הוספה פון דעם איבערזעצער, האט געווירקט אויף גאטלאבערן, ער זאל מאכן נאך ווייטערע ענדערונגען. דיק האט צו די אלע גלגולים בלויז צוגעגעבן די קריטיק אויפן משכיל, מחמת ער האט ניט געוואלט איינרייסן מיט די פרומע יידן, און גאטלאבער האט גענומען די סכעמע פון ערטערס דערציילונג און האט איר אנגעקלעפט מיט גאר א נייעם אינהאלט“. ער האט צוגעגעבן אזעלכע געשטאלטן, וואס ביי ערטערן זיינען זיי ניטא. ער האט צוגעגעבן דעם פערד, דעם קריטיקער (ארמז אויף זיין אלטן שונא: דעם קריטיקער אורי־צבי קאוונער), די פיאווקע, דעם בעל־הלוואה, דעם הויז און דעם פאדריאטשיק“.

„דער אופן און די שפראך איז ביי גאָטלאָבערן גרעבער, אָבער דערפאַר שאַרפער און שנײַדנדיקער, ווי ביי יצחק ערטערן".

קיין גרויסער פּאָעט איז גאָטלאָבער ניט געווען, דער עיקר איז ביי אים, ווי ש. ניגער ווייזט ריכטיק אָן, „ניט אויסגיסן זיין האַרץ, נאָר אויסצולאַכן די אַלטע פירונגען און גלויבונגען". און אין דעם פּרט איז טאַקע זייער כאַראַקטעריסטיש דאָס ליד „אַ דיפּק", אין „דעקטוך", וואָס ווערט ציטירט דורך ניגערן און וועלכע הייבט זיך אָן ליריש און ענדיקט זיך בדהניש:

גיב מיר מיין יוגנט אַוועק,
גיב מיר די קינדערשע צייט!
דאָס איז געווען מיין גליק,
יעצט איז דאָס גליק פון מיר ווייט,
וואָס איך וויל, וויל יענער אויך.
שטאַרקער פון מיר וויל ער גאָר.
מיר דאַרט תמיד דער מוח,
עס ווערט מיר גראָ אַלע האָר.
עס האָט זיך מיר חכמה פאַרגלוסט —
זי צו דערלאַנגען איז שווער.
אַצינד זע איך — עס איז גאָר אומזיסט:
נאַרישקייט גילטן דאָך מער.
מענטשן, וואָס בענטשן פאַר געלט,
לויפט מען נאָך און מען שרייט: נעם!
זעט נאָר, ווער סגילט אין דער וועלט:
איינינקלעך פונם בעל־שם!"

און נאָך אַסך אַזעלכע לידער, וועלכע זיינען אייגנטלעך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה־צייט, וואָס איז צו יעדער זאַך צוגעגאַנגען מיט דער ראַציאָנעלער מאָס, וואָס האָט פון יעדער זאַך געוואָלט אַרויסברענגען דעם מוסר־השכל. אָבער דאָס ביסל, וואָס ער פאַרמאָגט, אַ שטייגער די וויציקייט און שפּילעוודיקייט, פון אַזאַ ליד, ווי „רבנים, דיינים", וואָס יאָסעלע זינגט אין „דעקטוך" און וואָס גיט אַ בולט בילד פון דעם פאַרצייטיקן לעבנס־שטייגער, פול מיט לעבעדיקן הומאָר:

„רבנים, דיינים *),
אביונים, קבצנים
מלמדים, שמשים,
דיינען אויך מיוחסים.
די הענגט מען אָן ווייבלעך,
ווי די שיינע טייבלעך,
וואו ערגעץ אַ מיידל,
שיין און איידל,
באַקומט אויף איר חלק
אַזאַ דיסע מתנה,
ווייל ער איז הייליק
און דאַוונט מיט כוונה.
אין דעם הסידישן קלייזל
ליגט ער ווי אַ מייזל
ימים ושנים,
פאַרכמאַרעט און בייל,
פאַרקרימט דאָס פּנים,
און מאַכט מיטן מויל.
ער טרינקט יאָרצייט און תיקון,
עסט רעטשענע קיכלעך,
און שרייט: „עס איז מסוכן
אַריינצוקוקן אין ביכלעך".
שעלט יונגעלייט,
וואָס לערנען לשונות,
וואָס פאַרברענגען צייט
מיט שרייבן און חשבונות.
דאָס ווייב אין דער היים
באַוויינט נעבעך איר לעבן,
וואָס מע האָט איר דעם
פאַר אַמאַן געגעבן...

*) ווערט אויך ציטירט ביי ניגערן.

אַ פֿערד, אַ נאַליע,
אַ ליידאַק, אַ שיכור —
וואָס הערט ער זי?
ער איז נאָר דער עיקר!
זי מוז קאָכן און באַקן,
האַלץ אַליין האַקן,
און מוז ארויסלויפֿן
אַלדינג איינקויפֿן.
איטלעכן באַזונדער:
דאָס שלאָפֿן לייגן,
דעם געבן זויגן,
דעם עסן געבן,
דאָס ארויספֿירן,
דאָס אויף די הענט הייבן,
דעם — דעם פֿערד שמירן,
דאָס הייטע טראָגן,
יענץ אויסצוואָגן —
אויף איר ליגט גאָר —
און אַ ברית אַלע יאָר!
ער גלעט זיך די באָרד
און איז תמיד מיד,
טרינקט בראָנפֿן מיט אַ קוואָרט
און איז אַ שיינער ייד!

אָדער דאָס ליד „ביי דעם קוואַל זיצט אַ יינגל"*), וואָס איז פֿול מיט אַזויפֿיל רירנדיק־האַרציקער פּשטות פֿון דעם יידישן פֿאָלקס־ליד:

ביי דער קוואַל זיצט אַ יינגל,
פֿלעכט פֿון צאַצקעס זיך אַ קרענצל.
ער זעט די שווימען אויפֿן וואַסער,
די כוואַליעס טאַנצן דייער טענצל.
אַזוי פֿליען מיינע יאָרן,
ווי דאָס וואַסער אַזוי געשווינד;

*) לויט שילערס „אַן דער קוועלע זאַס דער קנאַבע".

זוי דער קרענצל ווערט פֿאַרוויאַלעט,
אַזוי וויאַלעט מיין געזונט.
פֿרעגט מיך ניט, פֿאַרוואָס איך טרויער
אין מיין בעסטער יונגער צייט,
ווען עס פֿרייט זיך יעדער מענטש,
ווען עס האָפֿן אַלע לייט.
ווען אַלע מענטשן פֿרייען זיך,
אום שמחת־תורה און אום פּורים,
ווערן מיר דערוועקט אין האַרצן
מיינע ביטערע יסורים.
וואָס נוצט מיר דען דער גאַנצער תענוג,
וואָס איך האָב אין דער שיינער צייט?
נאָר די אַליין איז וואָס איך זוך,
זי איז נאָענט און עוויג ווייט.
איך שטרעק די הענט ווי ווייט איך קען.
איך וואָלט זי גערן צו מיר געצווינגן.
אָך! אים קאָן זי ניט דערלאַנגען,
דאָס האַרץ איז מיר שיר אַרויסגעפֿליגן.
קום אַהער, דו שיינע, זיסע,
וואַרף אַוועק דיין רייכע משפּחה.
מיט דעם שוויים וויל איך אַרבעטן,
גאָט וועט געבן אונז די ברכה.
הער אין וועלדל פֿישטשען פֿייגעליך
און דאָס וואַסער רוישט דערביי.
פּלאַץ איז אינם קלענסטן שטיבל
פֿאַר מאַן און ווייב, וואָס ליבן טריי.

באַווייזן, אַז גאָטלאָבער איז דאָך געווען אַ פּאָעט.

און לסוף, די קלאָרקייט און די קערנדיקייט פֿון זיין פּראָזע, הגם קיין סך איז פֿון אים ניט פֿאַרבליבן, זאָגן עדות, אַז ער איז געווען אַ שפּראַך־מייסטער.

אין 1873, איידער מע האָט פֿאַרמאַכט די ראַבינער־שול, האָט ער זיך געווענדט צום קיעווער בילדונגס־קוראַטאָר מיט אַ בקשה

אַז ער איז קראַנק און די אויגן זיינען אים קאַליע פֿון צופֿיל אַרבעטן ביינאַכט איבער זיינע ספֿרים, בעט ער, מע זאָל אים געבן אורלויב און באַשטימען פּענסיע. דער קוראַטאָר האָט די בקשה אָפּגעשיקט צום בילדונגס-מיניסטער אין פּעטערבורג.

פֿון קיעוו לאָזט זיך גאָטלאָבער קיין פּעטערבורג און נוצט אויס זיין נסיעה אויף צו קלייבן פּרענומעראַנטן און געלט אויף זיין מאַנוסקריפּט „נתן החכם“, וואָס ער וויל דרוקן.

קומענדיק קיין פּעטערבורג, איז ער אַוועק צו דעם דעמאָלטיקן בילדונגס-מיניסטער דעליאַנאָוו בעטן מכות זיין פּענסיע. דעליאַנאָוו האָט אים געגעבן אַ גרויסע סומע געלט און צוגעזאָגט זיין בקשה ממלא זיין און באַזאָרגן אים אויף דער עלטער, אָבער דעליאַנאָוו איז פּלוצלונג אַוועק פֿון דער שטעלע און גאָטלאָבערס בקשה איז געבליבן הענגען אין דער לופֿטן.

די דאָזיקע נסיעה האָט גאָטלאָבער שפּעטער באַשריבן אין אַ ריי קאָרעספּאָנדענצן אין „המגיד“ פֿון תרל״ג-תרל״ד-תרל״ה, וואָס זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. דער עיקר פֿאַרנעמט ער זיך דאָרט מיט זאָגן שבֿחים זיינע פּריוואַטע גוטע פֿריינד, ביי וועמען ער איז איינגעשטאַנען, און די קאַזיאָנע ראַבינערס פֿאַר זייערע רוסישע דרשות: קריגנדיק התפּעלות פֿון מאָסקווער ראַבינער מינאָר, וואָס זיינע דרשות אין רוסיש „זיינען אָנגעפּילט מיט ליבע פֿון שכל און שטראַלן מיט שיין פֿון מוסר-השכל און מיט רעכטפֿאַרטיקער הנהגה לרוח הזמן“, דערציילט ער אויך, אַז ער האָט אַ ווייב אַ משכּלת און זייער וואוילע שיינע קינדער און רופֿט אויס: „ווי גוט און וואויל איז אַזאַ מאַן און אַזאַ פֿרוי צו לעבן צוזאַמען“ *).

וועגן פּעטערבורג שרייבט ער אַ גאַנצע פֿילאָסאָפֿיע אין נומ. 93:

„דאָס איז דער חלק פֿון אַלע גרויסע שטעט, וואוהין עס ציען זיך מאַסן מענטשן פֿון אַלע עקן וועלט און ווייטע אינזלען. אייניקע קומען קויפֿן בילדונג און וויסנשאַפֿט צו זייער גליק און צו דעם גליק פֿון דעם מענטשלעכן מין, און מאַנכע קומען זיך אָנטאָן פֿאַרגעניגן און וואוילטאָג, אָדער נאָכגעבן זייערע תאוות

*) „המגיד“ תרל״ג, נומ. 33, ז. 30

און פֿאַרדאַרבן זייער נשמה און זייער גוף. די קומען אַהער האַנדלען און פֿירן אַן אָרנטלעך לעבן דורך פֿאַרשיידענע באַשעפֿטיקונגען, און די — צו באַשווינדלען לייטן, פֿאַרשאַפֿן זיך רייכטום אויף אַן אומגעזעצלעכן אופֿן. טרעפֿט, אַז איינעם גילט אָפּ און ער ווערט אַן עושר, און קיינער ווייס ניט, אַז מיט פֿאַלשקייט און שווינדל האָט ער זיך דעם קאַפּיטאַל פֿאַרשאַפֿט. די פּאָליציי, וואָס לויערט מיט זיבן אויגן, קען אויך ניט בײַשטיין קעגן די נידערטרעכטיקע לייט, ווען זי האָט אויך בלויז מענטשישע אויגן און קען אויך ניט טרעפֿן, ווער זיינען די פֿאַלשע לייט. פֿיל פֿון זיי שטייען אויף דעם העכסטן באַרג פֿון גליק, זייערע הייזער זיינען פֿול מיט אַלדאָס גוטס, און זייער אינגעווייד — איז אומרעכט און זינד. ניט מיט פֿלייסיקע הענט האָבן זיי אויפֿגעזאַמלט זייער רייכטום, נייערט מיט רויב און פֿאַלשקייט, און דאָך זיצן זיי רואיק און פֿון זייער קאָפּ ווערט קיין האָר ניט געמינערט, ווייל זייער וועג איז פֿאַרבאָרגן און קיינער, אויסער גאָט, ווייסט ניט, וואָס זיי טוען. יאָ, גאָט מאַכט זיך ניט זעענדיק; נישט שטענדיק באַצאָלט ער אַ מענטשן נאָך זיין פֿאַרדינסט. ווען גאָט וואָלט געוואָלט אַראָפּרייסן די מאַסקע פֿון די אויסוואָרפֿן און זינדיקע לייט, ווער ווייס צי וואָלט ניט שטאַרק ווינציק געוואָרן די צאָל פֿון די רעכטפֿאַרטיקע, וואָס ווייסן ניט פֿון שלעכטס! — גייט אין דעם ליכט פֿון אייער פֿייער, מענטשן פֿון אומרעכט! זעטיקט אָן מיט פֿעטקייט אייער לייב, ' , ווייסט אָבער, אַז כל־זמן די פּאָליציי וועט ניט אַנטדעקן אייערע פֿאַרברעכנס, וועט גאָט ניט עפֿענען קיין פֿענסטער אין הימל צו מאַכן רעגענען דורך זיי אויף אייך פֿייער און שוועבל און אָנשיקן מוראדיקע מדבר־ווינטן — און איר טוט אייך געהיים אייערע מעשים, און כּבוד און פּראַכט וועט אייך באַצירן, ווי אַ פּאַנצער, ביז עס וועט קומען אייער צייט און אייערע זינד וועלן אַנטפּלעקט ווערן".

פֿון פּעטערבורג פּאָרט ער קיין ווילנע אָפּצודרוקן זיין שוין באַקאַנטע איבערזעצונג פֿון לעסינגס „נתן החכם". פֿאַר דער צייט, וואָס דער כתב־יד איז געלעגן ביים צענזאָר, האָט ער געמאַכט אַ רייזע אין אַ ריי שטעט, אין קאָוונע, גראָדנע, מינסק, ביאַליסטאָק

מיטן ציל צו קלייבן פּרענומעראַנטן אויף דעם ספֿר. וועגן דער שטאָט ווילנע זאָגט ער אין „המגיד" פֿון זעלבן יאָר (נומ. 44), אַז זי איז ניט דיזעלבע ווילנע וואָס אַמאָל מיט 23 יאָר צוריק, בעת ער איז געקומען דרוקן דעם „הנצנים"; די משכּילים, ווי קלמן שולמאַן, פֿון אַנדערע לאָזן זיך נאָך הערן, „אָבער אַ טונקעלער גייסט האָט זיי באַהערשט, און די פֿרייד האָט זיך פֿון זיי אָפּגעטאָן, אויסער איין אייזיק-מאיר דיק, וועלכער האָט זיך ניט געענדערט, און זיינע ווערק דערפֿרייען דאָס האַרץ און די נשמה".

קומענדיק פֿון ווילנע קיין זשיטאָמיר, האָט ער געפֿונען אַ גאַנצע איבערקערעניש: די ראַבינער-שול איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערער-אינסטיטוט, די תּלמידים (אַרום פֿיר הונדערט) האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אין פֿאַרשיידענע קאַנטן, די לערער, צוזאַמען מיט גאָטלאָבערן, זיינען געבליבן אָן באַשעפֿטיקונג, און די פֿאַנאַטישע חסידים, וואָס די ראַבינער-שול איז פֿאַר זיי געווען ווי אַ דאָרן אין אויג, האָבן איצט טריאומפֿירט. גאָטלאָבער באַשרייבט דידאָזיקע געשעעניש*) אין אַ עלעגיע פֿון געגראַמטער פּראָזע. די ראַבינער-שול האָט מען געמסרט, אַז אין אירע ווענט האָט זיך אַריינגעכאַפּט די קראַמאָלע, און אין זעלבן נומ. „המגיד" שרייבט ער וועגן דעם: „גאָט איז אַן עדות, אַז מיר האָבן זיך מיט אַלע אונזערע כּוחות געפֿלייסט צו פֿאַרהאַלטן דאָס דאָזיקע שלעכטס, וואָס איז אַרויס פֿון די טיפֿענישן פֿון גהינום צו מאַכן אַ חורבן אין דער אמונה און אין די מענטשלעכע געזעצן. ניט בלויז אין אונזער ראַבינער-שול אַליין האָט זיך אַריינגעכאַפּט יענער פֿאַלשער גייסט, נאָר אין גאַנצן לאַנד. בעת דידאָזיקע בייטש גייט דורך, צעטרעט זי יעדע הייליקייט און קיינער קען צו איר ניט העלפֿן. און וועמען וועט איר דאָ לערנען? וועמען וועט איר זאָגן אַ דעה? דען ביי די אַלע, וואָס זיינען פֿאַרכאַפּט פֿון דערדאָזיקער שרעקלעכער פּלאָג, זיינען די אויערן פֿאַרשטאָפּט און זיי ווילן גאָרניט הערן. זיי האַלטן זיך פֿאַר די גרעסטע חכמים. אויסער, וואָס זיי קלייבן אויס אַזעלכע ביכער, וואָס די לערער זיינען פֿון זיי ניט צופֿרידן, איז זייער

*) „המגיד" נומ. 50

לערנען בכלל אַרויסגעוואָרפֿן, זיי פֿאַרשטייען ניט און באַגרייפֿן ניט, טאַפּן אין דער פֿינסטער, דאָס שלעכטס נעמען זיי אָן און דאָס גוטס — ניט. בלייבט איבער זיי אין האַרצן אַ ווייסטעניש מיט אַ פֿאַלשן גייסט און זיי ווערן געשטרויכלט און פֿאַלן, און קיינער העלפֿט זיי ניט"...

דאָס פֿאַרמאַכן די ראַבינער-שול באַשרייבט ער אין גוואַלדיקע מליצות אין דער פֿאָרם פֿון פּיוט, וואו ער באַדויערט די לערער; ער טרייסט זיי אָבער, אַז מע וועט געבן פּענסיע, און ער שרייבט וועגן דעם:

„ווען ניט אונזער האָפֿענונג, ווער פֿון אונז וואָלט פֿאַרקויפֿט זיינע בעסטע יאָרן פֿאַר אַ קלייניקייט? דען וואָס האָבן מיר געהאַט פֿאַר אונזער אַרבעט, אויסער ברויט מיט וואַסער? בלויז די האָפֿענונג אויף דער צוקונפֿט, אַז אויף דער עלטער, בעת מיר בלייבן אינוואַלידן, וועט אונז די רעגירונג ניט פֿאַרלאָזן", „און ווי וועט זיין צו אונז, אויב די האָפֿענונג וועט אונז אָפּנאַרן"...

און די האָפֿענונג האָט אים אָפּגענאַרט: קיין פּענסיע האָט מען פֿאַר די לערער ניט באַשטימט, און אין איינער פֿון זיינע קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד" *) קלאָגט ער זיך ביטער:

... „נאָכדעם, ווי איך האָב אָפּגעאַרבעט אין די שולן 22 יאָר מיט גרויס מי און פֿלייס, נאָכדעם ווי איך האָב אַרויסגעלאָזן צוועלף ביכער, נאָכדעם ווי איך האָב זיך דערדינט צו אַ דאַנק פֿון די העכסטע שררות, אַפֿילו פֿון קיסר אַליין, וועלכער האָט מיר גיט גרויס חסד געשענקט אַ מעדאַל, — נאָך דעם אַלעמען האָבן זיך די שולן פֿאַרמאַכט, אָנשטאָט זיי זיינען געוואָרן אַנדערע, און איך בין געבליבן אַזוי ווי פֿריער מיט דער בייטש און פֿון מיינע האָפֿענונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך"...

---

*) תרל"ג, נומ. 44.

ט.

גאָטלאָבער קערט זיך אום צוריק קיין דובנע. ניט דיזעלבע דובנע וואָס אמאָל.—זיינע אויפרופן אין „השחר" און „המגיד" וועגן פרע־נומעראַנטן העלפן ניט.—ער לאָזט זיך קיין ווין דרוקן די איבער־זעצונג פון „נתן החכם". — ער איז זייער פאַרביטערט, וואָס מע קומט אים ניט צו הילף. ער באַזוכט אויפן וועג אַ ריי שטעט אין גאַליציע און פּרייסן. — זיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם שריפטשטעלער בראַנדשטעטער. זיין באַגעגעניש מיט פּרץ סמאָלענסקינען אין ווין.— יוסף־יהודה לערנער אַנטלויפט פון רוסלאַנד און קומט קיין ווין.— ער פּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן מיט גאָטלאָבערן אַ העבּרעאישע צייטונג.—סמאָלענסקין האַלט גאָטלאָבערן אָפּ דערפון.—דער מיסיאָנער זאַלקינדסאָן רעדט גאָטלאָבערן צו צו שמד. — גאָטלאָבער האָט ניט מיט וואָס אויסצולייזן די אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן פון „נתן החכם".—סמאָלענסקין קומט אים צו הילף.—גאָטלאָבער פאָרט אַוועק פון ווין פאַרצווייפלט.—גאָטלאָבער איז שטאַרק נתפּעל פון סמאָלענסקי־נען.—אין וואַרשע טרעפט ער זיך מיט זיין יוגנט־פריינד וולאַדימיר פּיאָדאָראָוו.—פּיאָדאָראָווס רוסישע איבערזעצונג פון תּלמוד.—„די וועלט וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ חכמה עס שטעקט אין תּלמוד, וואָלט מען אָנגעהויבן ליב האָבן יידן".—פון גאָטלאָבערס קוריאָזן.

נאָכדעם, ווי די ראַבּינער־שול אין זשיטאָמיר האָט זיך פאַר־מאַכט אין יולי תרל"ג, האָט זיך גאָטלאָבער אומגעקערט צוריק קיין דובנע, וואו ער איז געזעסן מיט 42 יאָר צוריק. אין דובנע האָט געוואוינט זיין איידעם, וואָס איז פריער האָרט געווען ראַבּינער און איצט פּריוואַטער אַדוואָקאַט. עס זיינען אָבער אָנגעשטאַנען אַנדערע צייטן, און ער האָט דובנע ניט דערקענט. דעמאָלט האָבן זיך צו אים פון אַלע זייטן געצויגן יונגעלייט, וואָס האָבן געדאָרשט נאָך וויסן, תּלמידים און חברים, מיט וועמען ער פלעגט פאַר־ברענגען, און איצט איז ער געווען עלנט און איינזאַם, ווייל זינט עס זיינען געוואָרן שולן, איז די יוגנט אַוועק אַהין, מיט העברע־איש האָט מען זיך אויפגעהערט אינטערעסירן — און ער האָט מער קיין לעקציעס ניט געהאַט.

נאָכדעם ווי גאָטלאָבערס אױפֿרוף אין „השחר“*) וועגן שטיצע פֿאַר זײַן ספֿר „נתן החכם“, ער זאָל אים קענען דרוקן, האָט ניט געהאָלפֿן; נאָכדעם ווי עס האָבן אויך ניט געהאָלפֿן ניט די ווענדונג פֿון דעם רעדאַקטאָר פֿון „השחר“ און ניט זײַן ווענדונג אין ניט דער אױפֿרוף פֿון רעדאַקטאָר פֿון „המגיד“*), איז אים ניט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי אָפּצונעמען דעם מאַנוסקריפּט, וואָס איז געלעגן בײַם ווילנער צענזאָר, און פֿאַר וועלכן ער האָט אנגב. מורא געהאַט, ער זאָל אים ניט צעשעדיקן זײַנע מליצות, און ער לאָזט זיך אַוועק אין יאָר תרל״ד אַ צווייטן מאָל איבער דער וועלט קלייבן געלט און פּרענומעראַנטן.

מיט פֿאַרביטערונג שרײַבט ער וועגן זײַן אַרויספֿאָר אין אײנער פֿון זײַנע רײזע־קאָרעספּאָנדענציעס**):

„טרויעריקע מחשבֿות האָבן געפּיקט אין מײַן מוח און ניט געלאָזט רוען. ניט־שוין־זשע זײַנען ייִדן נידעריקער פֿון אַלע אומות? דען מיט אַלע זייערע געהויבענע מעלות האָבן זיי נאָך ניט דערגרייכט די מדרגה פֿון אַ מאָדערן פֿאָלק, וואָס לאָזט ניט, אַז זײַנע שרײַבער זאָלן לײַדן דחקות און נויט און זאָלן גיין צום גרונד. דאָס דאָזיקע פֿאָלק איז דאָך פֿון די רחמנים בני רחמנים, וועלכע האָבן רחמנות אַפֿילו אויף דער קלענסטער באַשעפֿעניש, דער געוויין פֿון אַן אָרעמאַן ברענגט זיי ביז טרערן — דאָס דאָזיקע פֿאָלק הערט גלײַכגילטיק צו דעם געשריי פֿון אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט זיך אינגאַנצן געבראַכט פֿאַר אַ קרבן דער ליבשאַפֿט צו זײַן פֿאָלק און זײַן ליטעראַטור, וועלכער האָט כּל ימיו געלערנט מיט אַנדערע און געלערנט אַליין, האָט געפֿאָרשט, געזוכט און געשריבן, האָט פֿאַרשפּרייט בילדונג צווישן ייִדישע קינדער אין די שולן און בײַ זיי אינדערהיים, אַלס לערער, און האָט פֿאַרמאָגט אַן אַ שיעור תּלמידים, און איצט, אויף דער עלטער, בעת די ראַבינער־שול, פֿון וועלכער ער האָט געגעסן ברויט, האָט זיך פֿאַרמאַכט, און די אויגן דינען אים ניט אויס אַלטקייט און

*) תרל״ג ז. 392, „אל אוהבי ספרות ישראל“.

**) תרל״ג, נומ. 36.

***) „מכתב מסע“, „המגיד“ תרל״ד, ז. 211.

פֿיל אַרבעט בײַם מאַכן פֿיל װערק, װאָס האָבן אַסך לעזער — שטייט עס זיך פֿון װײַטן און קײנער האָט קײן רחמנות ניט, קײנער דערבאַרעמט זיך ניט, אַלע פֿאַרמאַכן די אױערן און װילן ניט הערן די אױפֿרופֿן פֿון „המגיד“ און „השחר“, מע זאָל אים שטיצן אין געבן די מעגלעכקייט אָפּצודרוקן זײַן 12־טן ספֿר „נתן החכם“, װאָס אױף זײַן איבערזעצונג האָט ער געאַרבעט אַלאַנגע צײַט און האָט אין אים אַנטפּלעקט די װאונדער פֿון דעם גרעסטן דײַטשן דיכטער, װעלכער איז געװען אַ אוהבֿ ישׂראל און זיך אָנגענומען פֿאַר ייִדן. „ברידער, צי דען בלויז צו די, װאָס בעטן נדבֿות, שטרעקט איר אויס אַ האַנט פֿון הילף? צי דען בלויז אויף די האָט איר רחמנות? און פֿאַר שרײַבער און לערער פֿון אײַערע קינדער איז בײַ אײַך אין האַרצן ניטאָ קײן רחמנות? זײ לאָזט איר איבער אויף הפֿקר פֿאַר יעדער צרה און אומגליק און קימערט זיך ניט צו ראַטעװען זײ, זײ זאָלן ניט פֿאַרלאָרן גײן אױף אײביק! אויב אַזוי — איז אַז־אָך־און־װיי צו מײַן מאַמען, װאָס האָט מיך געבאָרן אַלס זון פֿון דעם עם רחום וחנון! בעסער װאָלט איך געבאָרן געװאָרן אַ ציגײַנער אָדער אַ נעגער, אַ באַשקיר אָדער אַ קאַמטשאַ־דאַל — װאָלט מײַן נשמה ניט געלעכצט צו די קװאַלן פֿון חכמה און װיסן, איך װאָלט ניט געלערנט מיט אַנדערע און װאָלט ניט געשריבן, איך װאָלט קײן ביכער ניט געמאַכט און װאָלט קײן האַס ניט געטראָגן אױף דעם קלוגן פֿאָלק, װאָס פֿאַרמאָגט ניט קײן קלוגשאַפֿט, אויף דעם פֿאָלק פֿון רחמנות און דערבאַרעמקייט, װאָס װייס ניט פֿון קײן רחמנות“. *)

גאָטלאָבער באַזוכט אַ רײ שטעט אין גאַליציע, בראָד, לעמ־בערג, יאַראָסלאַװ, טאַרנאָװ און קראָקע. אין טאַרנאָװ באַקענט ער זיך מיט דעם באַרימטן העבראַישן שריפֿטשטעלער און משׂכּיל בראַנדשטעטער, װעגן װעלכן ער דערצײלט אַגבֿ, אַז בײַ זיך אין שטוב פֿירט ער זיך װי אַ חסיד, גײט לאַנג געקלײדט

---

*) דערויף גייט א באמערקונג פון רעדאקטאר: „דער שרייבער איז בלויז גערעכט בנוגע די משכּילים און זיינע תּלמידים, אָבער דאָס יידישע פאָלק באשטייט פון רחמנים“...

און שבת גייט ער אין אַ שטריימל: אַז ער דאַרף אָבער פֿאָרן צוליב זיינע געשעפֿטן קיין ווין טוט ער זיך איבער הינטערן שטאָט אין אייראָפּעאישע קליידער און מע דערקענט אים ניט*).

אומעטום, וואו גאָטלאָבער קומט, נעמען אים אויף די משכילים זייער וואַרעם, קיין געלט אָבער גיט מען אים ניט. ער פֿאַרלאָזט גאַליציע און פֿאָרט איבער קיין קאַטאָוויץ, פּרייסן און קומט אויך מיט ליידיקן פֿון דאָרטן, און לאָזט זיך קיין ווין, וואו ער האָט געהאַט איבערגעגעבן פּרץ סמאָלענסקינען צו דרוקן זיין איבערזעצונג „נתן החכם“. די ווינער גבירים האָבן אים אויפֿגענומען זייער קאַלט און קיין פּרענומעראַנטן האָט ער ניט געמאַכט.

אין ווין האָט ער פֿאַרבראַכט זעקס וואָכן צייט, ביזוואַנען דאָס בוך איז פֿאַרטיק געוואָרן. פֿאַר דערדאָזיקער צייט איז געקומען פֿון רוסלאַנד קיין ווין דער העברעאיש-ייִדיש-רוסישער שריפֿטשטע-לער יוסף יהודה לערנער, וואָס איז אין 1868 אַרויס קעגן גאָטלאָבערן מיט אַ בראָשור „דורש אל המתים“. פֿון רוסלאַנד איז ער אַנטלאָפֿן צוליב עפּעס אַ קרימינעלן פֿאַרברעך.

לערנער האָט זיך אויפֿגעטראָפֿן מיט גאָטלאָבערן און אָפּ-גערעדט צוזאַמען אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל „הזמן“. מע האָט שוין געהאַט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט סמאָלענסקין און האָט אָפּגערעדט גאָטלאָבערן, ער זאָל ניט מאַכן קיין שותּפֿות מיט אַ מענטשן, וועלכן מע באַשולדיקט אין אַ פֿאַר-ברעכן. לערנער האָט אָבער דעם זשורנאַל אַרויסגעלאָזן אונטערן נאָמען „עמק שושנים“ מיט גאָטלאָבערס אַ שיר, וועלכער איז ביי אים פֿאַרבליבן אין פּאָרטפֿעל**).

אין דער צייט, וואָס גאָטלאָבער איז געזעסן אין ווין, איז אַהין געקומען פֿון פּרעסבורג דער באַקאַנטער מיסיאָנער זאַל-קינדסאָן (יע״ס), וועלכער האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַט איבערזעצט פֿון „השחר“ גאָטלאָבערס אַ שיר אין ענגליש און האָט אים אָפּ-געדרוקט אין אַ ייִדיש-ענגלישער בלאַט. זאַלקינדסאָן האָט איצט

---

*) „המגיד“ תרל״ד, נומ. 31.

**) „המגיד“ תרל״ה, נומ. 36.

געהאַט די מעגלעכקייט, צו באַקענען זיך מיט גאָטלאָבערן און האָט אים גענומען איינריידן, ער זאָל זיך שמדן; ער האָט אָבער גאָטלאָבערן ניט געקענט איבעררײדן *).

דאָס דרוקן דעם ספר „נתן החכם“ האָט אים אַרײַנגעטריבן אין אַ כך הוצאות און ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס אויסצולייזן דאָס בוך. סמאָלענסקין האָט זיך אין דעם אַרײַנגעלייגט און האָט פאַרקויפט אַ געוויסע צאָל עקזעמפּליאַרן נאָך אין דרוק, און האָט אויסגעלייזט די איבעריקע עקזעמפּליאַרן.

גאָטלאָבער האָט פאַרלאָזן ווין זייער פאַרצווייפלט, וואָס ער האָט געמאַכט אַזאַ שלעכטן געשעפט מיט זײַן בוך און איז געבליבן שולדיק דעם דרוקער אַ סך געלט. די ביכער האָט ער אַוועקגעפירט קיין וואַרשע און אויף דער אַכסניה האָט ער אַליין פאַרקויפט אַ פּאָר הונדערט עקזעמפּלאַרן.

ווען סמאָלענסקינען גופא שרײַבט ער אין איינע פון זײַנע קאָרעספּאָנדענציעס אין „המגיד“: „איך האָב מײַן גאַנץ לעבן פאַרבראַכט צווישן חכמים און האָב געקענט אַ סך משכילים, וועלכע איך האָב ליב געקראָגן, אָבער קיינמאָל האָב איך נאָך ניט געזען אַזאַ פילזײַטיקן טאַלאַנט, ווי סמאָלענסקין“ **.

דאָס האָט אים פונדעסטוועגן ניט געשטערט אַרויסצוטרעטן קעגן סמאָלענסקינען אין זײַן פּאָלעמיק מיט אים און מאַכן פון אים אַש און רויך.

קומענדיק קיין וואַרשע, האָט גאָטלאָבער געטראָפן זײַן אַלטן יוגנטפרײַנד, דעם משומד וולאַדימיר פעדאָראָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען וואַרשעווער אָבער-צענזאָר, זיך עסקנדיק מיטן אַרויסלאָזן די רוסישע איבערזעצונג פון תלמוד, וועלכע ער האָט נאָך געמאַכט פאַרן שמד. געטראָפן פעדאָראָוון לייענענדיק די רוסישע קאָרעקטור-בויגנס פון תלמוד, וואָס האָט זיך געדרוקט בײַ צעדערבוימען אין פּעטערבורג, האָט ער געמוזט אויסהערן דעם משומדס תרעומות, וואָס די יידישע געלערנטע האָבן אויף זיך ניט

*) „המגיד“ תרל״ה, נומ. 39.

**) „המגיד“ תרל״ה, נומ. 44.

גענומען איבערצוועצן דעם תלמוד פאר די רוסישע געלערנטע. פיאָ־דאָראָוו איז געווען זיכער, אַז ווען האָט דאָזיקע ווערק וואָלט געווען אָפן פאַר די רוסישע געלערנטע, „וואָלטן זיך אַלע געחידושט איף דער חכמה, וואָס שטעקט אין אים, וואָלטן זיך איבערצייגט אין דער פאַלשקייט פון אַלע בילבולים אויפן תלמוד און וואָלטן אָנגעהויבן ליב צו האָבן יידן" *).

פון גאָטלאָבערס פילע קריאָון, וואָס כאַראַקטעריזירן די דע־מאָלטיקע עפּאָכע, איז כדאַי צו ברענגען אַ שטעל אין זיין קאָ־רעספּאָנדענץ פון וואַרשע אין אויבנדערמאָנטן נומ. „המגיד": שרייבנ־דיק צווישן אַנדערן מיט גרויס התפּעלות וועגן איינע אַ פרוי ראָזנטאַל־ברזין, וואָס קען גוט העברעאיש, באַמערקט ער דרך־אגב: „די דאָזיקע פרוי איז איצט אַ פרייע, האָט זיך געגט מיטן מאַן און וואויל וועט זיין דעם, וועמען זי וועט אָנקומען פאַר אַ ווייב! דען אויסער אירע אַלע מעלות, איז זי נאָך דערצו אַ גרויסע פאַרשוין און אַ זעל־טענע בריה".

---

*) „המגיד, תרל״ה, נומ. 5.

י.

סמאָלענסקינס „השחר“.—זיין קאָמפּאַניע קעגן מענדעלסאָנען.— דער צאָרן צווישן די אַלטע משכּילים.—דער „הבוקר אור“.—ראובן-אשר בראָדעס—הויפּט-מיטאַרבעטער פון „הבוקר אור“. די פּאָלעמיק צווישן „הבוקר אור“ און „השחר“. — אליעזר שולמאַן און בראָדעס.— דוד פרישמאַן.—די אָפּגעשטאַנענקייט פון „הבוקר אור“.

אין יאָר תרכ״ט הייבט פּרץ סמאָלענסקין אָן אַרויסצוגעבן אין ווין דעם זשורנאַל „השחר“, וועלכער מאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די מוחות פון די יידישע משכּילים אין רוסלאַנד. צוקוקנדיק זיך צו די רעזולטאַטן, וואָס די אַסימילאַציע האָט געבראַכט אין מערב-אייראָפּע, טרעט ער אַרויס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און פאַרביסנקייט קעגן דעם אַסימילאַציע אידעאַל פון די רוסישע משכּילים, קעגן די אַלערליי פּראָיעקטן פון רעפאָרמירן דעם יידישן דת, קעגן דעם געדאַנק, אַז יידן זיינען בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע און ניט קיין נאַציע, צעברעכט אומברחמנותדיק די געטער פון דער בערלינער השכּלה און ווענדט דערהויפּט זיינע פיילן קעגן דעם גייסטיקן פאָטער פון דער השכּלה, משה מענדעלסאָן, מאַכנדיק אים פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ריכטונג, אין וועלכער ס׳איז געגאַנגען די קולטורעלע אַנטוויקלונג פון דעם מערבדיקן יידנטום אין XIX יאָרהונדערט.

סמאָלענסקינס קאַמפּאַניע קעגן דעם אָפּגאָט פון דער השכּלה האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן צאָרן אין די רייען פון דעם אַלטן דור משכּילים, צווישן זיי אויך גאָטלאָבערן, און אין 1876 (תרל״ו) האָט גאָטלאָבער געגרינדעט דעם זשורנאַל „הבוקר אור“, מיט דעם ספּעציעלן צוועק צו באַשיצן מענדלסאָנען און די בערלינער השכּלה פון סמאָלענסקינס אַטאַקעס.

גאָטלאָבער האָט רעדאַגירט דעם זשורנאַל אין דובנע, און געדרוקט האָט ער זיך אין לעמבערג ביי דער הויפּט-מיטאַרבע-

טערשאַפֿט פֿון ראובֿן-אשר ברוידעס, וועלכער האָט אין „הבוקר אור“ געדרוקט זיין באַרימטן ראָמאַן „הדת והחיים“, וואָס האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

גלייך אין די ערשטע נומערן עפֿנט גאָטלאָבער דעם קאַמף מיט אַ מעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „עת לעקור נטוע“, אַלס ענטפֿער אויף סמאָלענסקינס באַוואוסטע אַרטיקלען אין „השחר“ אונטערן נאָמען „עת לטעת“, אין וועלכע סמאָלענסקין באַשולדיקט מענדעלסאָנען און זיינע צייטגייער אין שמד און אַסימילאַציע, אָנ-רופֿנדיק אַפֿילו מענדעלסאָנען עוכר ישראל. גאָטלאָבער פֿאַרטיידיקט מענדעלסאָנען און פֿרוווט אָפּפֿרעגן סמאָלענסקינס טענות. פֿון אַ פֿריד-לעכער פּאָלעמיק וועגן דעם עצם ענין גייט מען אַריבער צו פּער-זענלעכע אָנפֿאַלן. גאָטלאָבערן רעגט שטאַרק אויף דער ביטולדיקער טאָן פֿון סמאָלענסקינען צו אים, וואָס אָנשטאָט צו ענטפֿערן אים אויף זיינע טענות, מאַכט אים סמאָלענסקין אַוועק אונטער דער האַנט גאָר אין אַ מודעה צו די לעזער אין איינעם פֿון די ביכלעך „השחר“ תרל״ו מכּוח באַנייען דעם אַבאָנעמענט און רעגולירן דאָס ערשיינען פֿון זשורנאַל, און ערלויבט זיך צו זאָגן, אַז דער „הבוקר אור“ איז אָנגעפֿילט מיט פּוסטע זאַכן *).

גאָטלאָבערס באַמערקונג אין זיין אַרטיקל „עת לעקור נטוע“ **), אַז „דער, וואָס לייגט ניט קיין תּפֿילין און גיסט ניט אָפּ קיין נעגלוואַסער, האָט ניט דאָס רעכט צו זאָגן אויף מענדעלסאָנען, אַז ער האָט זיך אומגעקערט מיטן רוקן צום יידישן דת“ — רירט שטאַרק אָן סמאָלענסקינען, און עס גייט אַוועק אַ נייע סדרה פּערזענ-לעכע זילזולים. אין דעם אַרטיקל „עתה ארומם עתה אנשא“ ***), אין דער הערה ענטפֿערט סמאָלענסקין גאָטלאָבערן: „כּ'איז אַ צווייטיקע העזה פֿון דעמדאָזיקן מענטשן אַריינצומישן זיך אין אַזאַ ענין; דערדאָזיקער מענטש הייבט ניט אָן צו פֿאַרשטיין קיין דייטש, ווי איך האָב זיך שוין איבערציינט, בעת ער האָט מיר געוויזן זיין איבערזעצונג פֿון „נתן החכם“, איך האָב געזען, אַז ער האָט פּשוט

*) „השחר“ תרל״ו, ז. 417.
**) „הבוקר אור“ תרל״ו, ז. 9.
***) „השחר“ תרל״ז, ז. 128.

ניט פֿאַרשטאַנען דעם פּירוש המילות. בעת איך האָב אים אויף דעם „אויפֿמערקזאַם געמאַכט, האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל זי מתקן זיין, ווי איך פֿאַרשטיי, און איך האָב טאַקע צוגעגעבן, אויסגעמעקט און משנה געווען לויט מיין איינזען, און דאָרטן, וואו איך האָב ניט געענדערט, קען מען נאָך היינט אויך זען, אַז ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען קיין דייטש. אָט דערדאָזיקער מענטש וואַגט אַרויסזאָגן זיין אורטייל אין אַ זאַך, וואו מע דאַרף זיין באַהאַוונט אין דער גאַנצער דייטשער ליטעראַטור". „דערדאָזיקער מאַן, וואָס אַלע זיינע באַקאַנטע ווייסן, אַז ביי אים איז קיין זאַך ניט הייליק, אַז פֿאַר אַ קערבל אָדער אַ גלעזל בראָנפֿן וועט ער פֿאַרקויפֿן דאָס הייליקסטע — ער וואַגט מיר אויפֿוואַרפֿן, אַז איך לייג ניט קיין תּפֿילין. אָבער נאָך גרעסער ווערט די עזות, ווען מע דערוויסט זיך, אַז די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען דאָ (אין ווין) האָבן מיר קיין וואָרט ניט גערעדט וועגן רעליגיעזע זאַכן, דען דערדאָזיקער מענטש רעדט ניט וועגן אַזעלכע מינדערווערטיקע ענינים, נאָר בלויז: וואו איז ערגעץ אַ גוטער רעסטאָראַן אָדער אַ שענק, בלויז איינמאָל, בעת איך האָב אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, למאי ער עסט טרפֿות און רייכערט אום שבת און האָב אים געזאָגט, אַז לפּחות צוליב דעם כּבוד פֿון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס צוליב איר איז ער אַהער געקומען, האָט ער זיך געדאַרפֿט אָפּהאַלטן — האָט ער זיך פֿון מיר אויסגעלאַכט און האָט מיך גערופֿן פֿאַנאַטיקער און חסיד. איצט, אַז ער איז אַוועק פֿון מיר, איז ער געוואָרן אַ מוסר־זאָגער. נעם, מיין פֿאָלק, אַראָפּ אַ מוסר און זע, ווער דיינע שטראָפֿער און ווער דיינע פירער".

פֿאַראייניקט רעכנט זיך סמאָלענסקין אויך אָפּ מיט דעם רעדאַקטאָר פֿון „מגיד ירחים", יוסף כּהן צדק, און מיטן „הבצלת", וועלכע נעמען זיך אָן גאָטלאָזערס קריוודע. דאָס גיט צו ברענשטאָף אין גאָטלאָזער, וואָס האָט בטבע קיין זאַך ניט געקענט פֿאַרשווייגן, גייט אַריין אין זיין ראָל און הייבט אָן אַ שאַרפֿן פּערזענלעכן קאַמף קעגן סמאָלענסקינען אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים, דורך אַרטיקלען, לידער, אַפּאָריזמען וכדומה. אויף סמאָלענסקינס אויבנדערמאָנטע זידלערייען, ענטפֿערט ער מיט אַן אַרטיקל אונטערן

נאָמען „פּרש עלפֿני פּרץ״ — מיסט איף פּרצעם (סמאָלענסקים) פּנים *).

סמאָלענסקין פֿלעגט זיך איף דער לינקער זייט פֿון „השחר״ התמענען מיט לאַטיינישע אותיות „פּעטער סמאָלענסקין״ — מאַכֿט איף דעם גאָטלאָבער אַ וואָרט־שפּיל, „וכל פּטר חמור תּפֿדה״, וואָס דינט אַלס מאָטאָ צו דעם דערמאָנטן אַרטיקל. אין אַ הערה צו דעמדאָזיקן אַרטיקל ענטפֿערט אים גאָטלאָבער: „איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט יבֿרעה צו זידלען אים מיט דידאָזיקע ווערטער (אַז ער לייגט קיין תּפֿילין ניט) און אַז איך וואָלט וועלן אים דערצאָרענען, וואָלט איך נאָך אַ גרעסערע זאַך געזאָגט, אַז דערדאָזיקער נידערטרעכטיקער מענטש האָט געזאָגט, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט איף דער וועלט — וואָס איך האָב פֿון אים בפֿירוש געהערט, און ווי ס׳איז קלאָר פֿאַר יעדן, ווער עס לייענט אויפֿמערקזאַם זיינע מאמרים. איך בין אָבער ניט גאָטס סטראַפּטשע און איך משפּט ניט קיין מענטשן פֿאַר זאַכן וואָס בין אדם למקום. איך וויל זיך ניט באַרימען מיט ליגנס, ווי ער באַרימט זיך אַנטקעגן מיר. דען וואָלט ער עס מיר געטאָן (אויפֿמערקזאַם געמאַכט, למאַי ער עסט טרפֿות און רויכערט אום שבת.—א. פ.), וואָלט איך אים אָנגעשפּיגן אין זיין העסלעכן פּנים, וואָס האָט דעם אויסזען פֿון אַ שפּײ־שיסל, וועלכע איז נאָר איף דעם באַשאַפֿן געוואָרן״**).

„אָבער צו וועמען זאָל איך ריידן? ס׳איז גענוג פֿאַר אים, אַז ער האָט געהאַלטן אַ שוענקל אין אָדעם און קיין אָנשטענדיקער מענטש האָט מיט אים ניט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא. גענוג פֿאַר אים, פֿאַר דעמדאָזיקן פֿאַרפֿירער און פֿאַרפֿירטן אין די וועגן פֿון לעבן***), אַז ער האָט זוכה געווען צו קריגן זיך מיט מיר און מיך מבֿזה זיין; אָבער מיט וואָס זאָל איך זיך באַרימען? אַז איך זאָל אַפֿילו אים מנצח זיין, — איז וועמען האָב איך מנצח געווען? דאָס איז דאָך פּרץ, פּרץ דער עזות־פּנים פֿון אָנהייב ביזן סוף. דעריבער וועל

---

*) „הבוקר אור״ תרל״ז, ז. 148.

**) סמאָלענסקין איז געווען אַ געפּאָקטער.

***) אַ רמז איף סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים״.

איך אויפהערן וועגן אים צו ריידן און זיין נאמען ניט דערמאנען, גלייך ווי ער וואלט גארניט עקזיסטירט. איך, פון מיין זייט, האב וועגן אים פארגעסן, אזוי ווי וועגן א טויטן, איך קען אבער ניט אפזאגן די יידישע שרייבער, וואס שיקן צו מיר זייערע קריטישע ארטיקלען וועגן זיינע ספרים, וואס ער האט אין זיי געשאטן זאמד אין די אויגן פון די לעזער. זייער אויפגאבע איז צו עפענען די אויגן פון די פארשטאנדיקע לעזער אויף זיינע אלע שווינדלערייען — פאר זיי קען איך ניט פארמאכן דעם „הבוקר אור". און דאס, וואס ער זאגט, אז איך קאן ניט קיין דייטש, איז מיר גאר א חרפה צו ענטפערן אים; איך פארלאז מיך בלויז אויף מיינע גוטע פריינד, וואס האבן געוויס גוט געלאכט, לייענענדיק דיזאויקע רייד. דער יינגסטער פון מיינע תלמידים, וואס פרץ איז ניט ווערט זיין קנאפל, קען בעסער דייטש פון אים".

אבער הגם ער זאגט צו, אז מער קיין פערזענלעכע פאלעמיקעס וועט ער ניט פירן, קעמפט ער דאך קעגן אים ווייטער אייך און רופט אים אן מיט די ערגסטע נעמען. סמאלענסקין האט אים אבער מער ניט געענטפערט.

עס האבן זיך געבילדעט צדדים: פון סמאלענסקינס צד איז ארויסגעטראטן אליעזר שולמאן, וואס האט אראפגעריסן גאטלאבערן אלס משורר, און פון גאטלאבערס צד איז ארויס ראובן-אשר ברוידעס, וועלכער געפינט די געלעגנהייט אפצורעכענען זיך מיט סמאלענסקינען צוליב א זייטיקן ענין. אין 4-טן ביכל „השחר" תרל"ו, אין דינעזאנס א מאמר „ההרגל והבקורת", אין וועלכן ער קלאגט זיך אויף א באוואוסטן יידישן שרייבער, וואס ערלויבט זיך אויסצולאכן די דעמאלטיקע העבראישע ליטעראַרישע שטערן, דערדויפט הז"סן *) — מאכט סמאלענסקין פאלגנדיקע באמערקונג: „א געבילדעטער מענטש א בעל-כשרון — און שרייבט זשארגאן, זיינען צוויי קאנטראסטן אין איין סוביעקט. איך גיב אן ארט פאר דער באמערקונג, כדי איינמאל פאר אלע מאל א סוף מאכן צו דער נארישער מיינונג פון די שרייבער, וואס האלטן דידאזיקע פאר-

*) לינעצקי אין „ישראליק".

דאָרבענע שפּראַך פֿאַר אַ שפּראַך, און די וואָס שרייבן אין איר — פֿאַר געבילדעטע מענטשן און טאַלאַנטן".

פֿאַר דעם כאַפּט זיך אָן דער שריפטשטעלער ראובן־אשר בראַודעס. און אין אַ רעצענזיע אין „הבוקר אור" תרל"ז *) וועגן מענדעלעס „פּרק שירה" און „דער נוצלעכער קאַלענדאַר פֿאַר רוסישע יידן" שרייבט ער: „זאָל זיך דער לעזער ניט שרעקן, וואָס איך לויב אַבראַמאָוויטשן נאָך דעם, ווי סמאָלענסקין האָט באַשלאָסן, אַז „אַ טאַלאַנט און שרייבט אויף זשאַרגאָן זיינען צוויי קעגנזועצלעכע זאַכן". „אָ, ווער וועט אַראָפּנעמען די ערד פֿון דיינע אויגן, מענדל לעפֿין! אומזיסט האָסטו זיך געפֿלייסט איבערצוזעצן דעם תנך אויף פּראָסט זשאַרגאָן — דער רעדאַקטאָר פֿון „השחר" שרייבט דאָך, אַז די וואָס שרייבן אויף יידיש האָבן קיין טאַלאַנט ניט! וויי צו דעם טאָג! אייערע טאַלאַנטן, ד"ר עטינגער, דירעקטאָר רייטמאַן, הייקל הורוויץ פֿון אומאַן, זכרונם לברכה, זיינען איבערגעבראַכט געוואָרן אויף גאָרנישט, ווייל איר האָט געשריבן יידיש; און ס'איז מיר אַ גרויסער חידוש, — איך צו לאַנגע יאָר, די באַרימטע לייט, די פּער פֿון יידן, א. ב. גאָטלאָבער, אליעזר צווייפֿל, אַלכּסנדר צעדערבוים, אייזיק־מאיר דיק, דוד כּהנא און די אַלע, וואָס האָבן געשריבן צו זייער פֿאָלק אויף זיין שפּראַך — שטעלט זיך אַוועק און זאָגט: ניט־שוין־זשע האָט איר פֿאַרלאָרן אַלע אייערע כּשרונות, שרייבנדיק זשאַרגאָן? וויי־וויי, כּאַר אַ בושה! ווער ווייס־דען ניט, אַז די זשאַרגאָנישע שירים, וואָס דער באַרימטער משורר גאָטלאָבער האָט פֿאַרפֿאַסט און וואָס עס איז ניטאָ קיין איין מאַן און פֿרוי, וואָס זאָל זיי ניט קאָנען, און עס איז ניטאָ קיין משכּיל, וואָס זאָל זיי ניט ליבן, האָבן אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַר דעם יידישן גייסט? ווער ווייס ניט, אַז אייזיק־מאיר דיקס סיפּורים אין ליטע אין די צייטונג „קול מבשר" אין דרום־רוסלאַנד האָבן פֿיל מענטשן מחזיר למוטב געווען! וויפֿיל מענטשן האָבן אַוועקגעוואָרפֿן זייערע אָבערגלויבנס און גענומען זיך פֿאַר השׂכּלה צוליב דער ווירקונג פֿון דערדאָזיקער זשאַרגאָנישער שפּראַך".

*) זייט 51—52.

אָבער די אמתע שטיצע האָט גאָטלאָבער געפֿונען אין דוד פֿרישמאַנען: דווקא אין „הבוקר אור“, וואָס איז גאָר ניט דער ערך געשטאַנען נידעריקער פֿון „השחר“, האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרוקן די באַרימטע קריטישע אַרטיקלען פֿון דוד פֿרישמאַן, וואָס איז געווען פֿאַר דער העברעאישער ליטעראַטור אַ צווייטער קאָוונער און האָט אינגאַנצן אַראָפּגעריסן פֿרץ סמאָלענסקינען און פֿאַרמאָסטן זיך צו געבן אים אַ טויט קלאַפּ. דרוקנדיק זיך אָבער אין „הבוקר אור“, האָבן זיי קיין גרויסן רושם ניט געקענט מאַכן, ווייל, ערשטנס, איז דער „הבוקר אור“ די גאַנצע צייט ניט אַרויס רעגולער. און האָט דעריבער קיין סך לעזער ניט געקענט האָבן, און, צווייטנס, האָט דער „הבוקר אור“ בשום אופֿן זיך ניט געקענט פֿאַרמעסטן מיט דעם קאַמפּלוסטיקן „השחר“, וואָס איז געווען פֿול מיט לעבן און באַוועגונג, האָט געהאַט אַ גוואַלטיקן אויטאָריטעט און אַ שטאַרק פֿאַרשפּרייטן לעזער-קרייז, הגם דאָס רוב מיטאַרבעטער זיינע האָבן אויך גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין „הבוקר אור“ *).

---

*) אין „מערב עד ערב“, ב. I. ז. 144—145, דערציילט מרדכי בן הלל הכהן, אַז בעת סמאָלענסקין האָט אַרויסגעגעבן דעם 4־טן טייל פֿון „התועה“, וועלכער איז שוין געווען דורכגעגאַנגען דורך דער וואַרשעווער צענזור, האָט אַן אָנגעזעענער עלטערער יידישער שרייבער געמסרט, און די צענזור האָט די גאַנצע אויפלאַגע קאָנפיסקירט. שפּעטער האָבן זיך אין דעם צריינגעלייגט גוטע פריינד, און די פּעטערבורגער צענזור האָט אַראָפּגענומען די קאָנפיסקאַציע. דער דאָזיקער אָנגעזעענער שרייבער איז געווען א. ב. גאָטלאָבער. זע וועגן דעם אויך ש. ל. ציטראָנס זכרונות אין „הד הזמן“, 1911, „בקורי הראשון בבית סמולינסקין“.

יא.

אָן אַ פּראָגראַם און אָן אַ פיזאָנאָמיע.—כאַראַקטעריסטיק פון „הבוקר אור".—דער „הבוקר אור" טראָגט זיך אַריבער פון לעמבערג קיין וואַרשע.—אינצידענט צווישן ברוידעסן מיט גאָטלאָבערן.—ברוידעס טרעט אַרויס פון רעדאַקציע.— אליעזר-יצחק שאַפּיראָ אָנשטאָט ברוידעסן. — גאָטלאָבערס ווענדונג צו דער מאַכט. — מע דאַרף אויסוואָרצלען די סאָציאַליסטישע אידעען ביי דער יידישער יוגנט.— קול-קורא צו די לעזער.

דער „הבוקר אור" האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע פּראָגראַם און קיין באַשטימטע פיזיאָנאָמיע, אויסער דעם צעשוואומענעם לאָזונג פון „השכלה", וואָס האָט שוין אָנגעוואָרן זיין אַמאָליקע אַקטועלקייט און איז ניט געווען קאָנקרעטיזירט אין אַ באַשטימטן אינהאַלט. דער זשורנאַל פלעגט אָנגעפילט ווערן מיט אַ צופעליקן מאַטעריאַל, דאָס רוב — פון גאָטלאָבערן אַליין; אויף יעדער געשעעניש אין רוסישן קייזערלעכן הויף, אויף אַ טויט, אַ געבורט, אַ חתונה, דאָס ניצול ווערן פון אַן אַטענטאַט, אָדער פאַרקערט, פלעגט ער שרייבן אַ לאַנגן שיר אין דער פאָרם פון אַן אַקראָסטיך — דאָס זעלבע אויך בנוגע ענלעכע געשעענישן אין יידישן לעבן: אַ בר-מצוה, אַ ברית, אַ יובילייִ פון באַראָן גינצבורג, דער טויט פון משה מאָנטעפיאָרע, וכדומה. אויסערדעם פלעגן קומען שירים, אַפאָריזמען, „מכתמים", אַרטיקלען און סיפּורים, וואָס פלעגן גרעסטנטייל געדרוקט ווערן בלויז צוליב זייער מליצה. אַזוי אַ שטייגער דרוקט ער אין יוני-ביכל פון „הבוקר אור"*) אַ בריוו פון איינער אַ מיידל מערקע אַלטשולער מיט געפערלעכע מליצות, כדי צו ווייזן דער וועלט, אַז מיידלעך קענען אויך שרייבן העברעאישע מליצה. מזה אָהט אָנגעשריבן אויף אַ ניי-זאַגערער יידינע אַ נוסח

*) תר"ם, ז. 216.

פֿון אַ מצבֿה מיט — קאָנקעדיקער מליצה — איז דאָס בײַ אים אויך אַ קרן אין ער דרוקט עס אָפּ *).

דערצו פֿלעגן אויך קומען תּלמודישע, עקזעגעטישע און פֿי־לאָלאָגישע הקירות. דער רעדאַקטאָר אַליין האָט אויך פֿון צײַט צו צײַט ליב געהאַט אַרויסצוווײַזן זײַנע בקיאות אין דקדוק; דאָס זעלבע טוט ער אָפּטמאָל אויך אין אַ באַמערקונג אונטער אַן אײַנגע־נעם אָדער אַ פֿרעמדן שיר, וואָס רעדט גאָר וועגן דער שײנקייט פֿון דער „טבֿע" — און פֿלוצים אַ הערה פֿון צוויי זײַטן מכּוח דיקדוק. אין „הבוקר אור" תּר"ם דרוקט ער אַ מאמר וועגן אַן „אתנחתּא אין וואָרט ימינך", וכדומה. אין אײנעם פֿון די ביכלעך פֿון 7־טן יאָרגאַנג „הבוקר אור" (תּרמ"ו) פֿאַרגינט ער זיך אינמיטן פֿון זײַנע זכרונות צו ווײַזן בקיאות אין תּלמוד און לאָזט זיך אַוועק אינמיטן דערינען אין אַ לומדישן פּילפּול **).

פֿאַרנומען מיט זײַן זשורנאַל, פֿאַרגעסט גאָטלאָבער ניט צו שרײַבן ייִדיש און דרוקט אין דעם זשורנאַל „ישראליק", וואָס עס גיבן אַרויס לינעצקי און גאָלדפֿאַדען אין לעמבערג, אַ ליד „שטיי איך מײַן פֿאָלק".

ביז 1878 דרוקט זיך דער „הבוקר אור" אין לעמבערג. אין 1878 געלינגט גאָטלאָבערן, נאָך גרויס מי, אַריבערצופֿירן דעם זשורנאַל קײן וואַרשע. מיטן אַריבערפֿירן דעם זשורנאַל ענדערט זיך אויך דער רעדאַקציאָנעלער באַשטאַנד: ראובֿן־אשר ברוידעס גייט אַרויס פֿון רעדאַקציע, צוליב אַ אינטערעסאַנטן קאָנפֿליקט מיט גאָטלאָבערן. וועגן דעם קאָנפֿליקט דערציילט גאָטלאָבער אַליין אין אויגוסט־ביכל פֿון „הבוקר אור" 1879 אין דער רובריק „העונה לקוראיו". דער גאַנצער פֿירער פֿון דער רעדאַקציע איז געווען ברוידעס, הגם פֿאַר דער וועלט איז דער „הבוקר אור" געגאַנגען אונטער גאָטלאָבערס פֿירמע. ברוידעס האָט זיך דערמיט באַרימט

*) אָקטאָבער־ביכל „הבוקר אור", תּר"ם.

**) ז. 155—157.

אין זיינעם אַ בריוו צו לינעצקין, און איינמאָל, בעת גאָטלאָבער איז געווען אין אָדעס ביי לינעצקין, האָט אים לינעצקי באַוויזן ברודערס בריוו, אין וועלכן ער שרייבט, אַז ער איז דער אמתער רעדאַקטאָר פון „הבוקר אור“, ניט גאָטלאָבער, אַז אַפילו גאָטלאָבערס מאמרים שרייבט ער גאָר אין דעראמתן. גאָטלאָבערן פאַרדריסט עס, און אונטערן אויסרייד, אַז ברודערס איז ניט פונקטלעך אין דער אַדמיניסטראַציע פון זשורנאַל, וועלכע ער האָט אויך געהאַט אין זיין האַנט, זאָגט ער אים אָפּ און נעמט אויף זיין אָרט דעם העברעאישן שריפטשטעלער אליעזר-יצחק שאַפּירא.

די מאַטעריעלע לאַגע פון זשורנאַל איז געווען זייער אַ שלעכטע. דעמאָלט האָט גאָטלאָבער באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען דעם זשורנאַל אין אַ וואָכנבלאַט; אָבער אַזוי ווי אין וואַרשע איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען סלאָנימסקיס „הצפירה“, האָט גאָטלאָבער געפּלאַנט איבערצוטראָגן דעם „הבוקר אור“ קיין אָדעס. ער האָט, פאַרשטייט זיך, אויף דעם געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע ערלויבעניש, און ס'איז זייער אינטערעסאַנט דעריבער די בקשה, וואָס ער האָט וועגן דעם געשיקט אין הויפּט-פאַרוואַלטונג פאַר די פּרעסע-ענינים *), אין וועלכער עס זעט זיך אַרויס דער טיפּישער משכיל פון די 40-קער, 50-קער יאָרן.

„אַרבעטנדיק איבער 50 יאָר אויפן געביט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָב איך די גאַנצע צייט קאָנסעקווענט פאַרפאָלגט דעם הייליקסטן ציל פון מיין האַרצן — צו פאַרשפּרייטן וויסן און ליכט צווישן מיינע גלויבנס-ברידער, צו פאַרפעסטיקן אין זיי דעם צובונד צום טראָן און מיטווירקן צו דער פיל געוואונטשענער צונויפגיסונג זייערער מיט דער רוסישער באַפעלקערונג אין דעם זין פון אַ געמיינזאַמער פּראָדוקטיווער אַרבעט לטובת דעם פאָטערלאַנד. אין די גרעניצן פון דער דאָזיקער ברייטער אויפגאַבע האָב איך אין פאַרשיידענע צייטן אָפּגעדרוקט פילע ווערק, פון וועלכע אייניקע, דערהויפּט די פּאָעטיש-פּאַטריאָטישע חיבורים, האָבן געהאַט די זכיה גנעדיק אויפגענומען צו ווערן דורך דעם קיסר,

*) ס. צינבערג, Исторія еврейской печати, ז. 267

װעלכער האָט מיך באַגליקט מיט באַלױנונגען, װי מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, אַזױ אױך מיט אַן אַלערהעכסטן דאַנק. צוגלייך מיט די ליטעראַרישע באַשעפֿטיקונגען, בין איך אױך גערופֿן געװאָרן צו פּעדאַגאָגישער טעטיקייט, װעלכער איך האָב געװידמעט 22 יאָר, בלייבנדיק אַ לערער פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער-שול ביז איר פֿאַרמאַכן זיך און באַרעכטיקנדיק דעם צוטרױ פֿון מיניסטער פֿאַר פֿאָלקס-בילדונג, װעלכער האָט מיר ניט איינמאָל אױסגעדריקט זיין אָנערקענונג פֿאַר מיינע אַרבעטן. נאָכן פֿאַרמאַכן זיך פֿון דער ראַבינער-שול, האָב איך זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער אַרבעט און, אָנהייבנדיק אַרױסצוגעבן תהילת אין לעמבערג, דער-נאָך אין װאַרשע אַ חודשדיקע פּעריאָדישע אױסגאַבע אױף העברע-איש, מיטן נאָמען „הבוקר אור", האָב איך זיך נאָך מיט מער פֿלייס גענומען פּראָפּאַגאַנדירן צװישן די רוסישע יידן די-יעניקע באַ-גריפֿן און ידיעות, װעלכע זיינען דער דעװיז פֿון מיינע אַרבעטן אין אַ משך פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

אַגב, האָט די נאָענטע באַקאַנטשאַפֿט מיינע מיט די טואונגען און מיט די הצטרכותן פֿון די רוסישע יידן אױסגעאַרבעט אין מיר די איבערצייגונג, אַז אין דער איצטיקער צייט איז נייטיק צו אָרגאַניזירן אַן אױסגאַבע, װעלכע זאָל זיך שטעלן פֿאַר איר הױפּטציל קעגנצװירקן קעגן די נייסטע שעדלעכע סאָציאַליסטישע טעאָריעס, װאָס װערן, צום אומגליק, אַזױ שנעל פֿאַרשפּרייט צװישן דער רוסיש-יידישער יוגנט. דערביי װאָלט געװען צװעקמעסיק אַרױס-צוגעבן דעם אָרגאַן אין אָדעס, אַלס הױפּט-צענטער פֿון דעם יידנטום פֿון דרום-רוסלאַנד, װוּ די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט גע-לאָזן װאָרצלען אין דעם יידישן באָדן—און דערביי אַרױסגעבן אים ניט אין דער פֿאָרם פֿון אַ זשורנאַל, נאָר פֿון אַ װאָכנבלאַט. די גרינדונג פֿון אַזאַ אָרגאַן, װעלכער זאָל, גלייכצייטיק מיט דעם קאַמף קעגן סאָציאַליזם, אומדערמידלעך פּאָפּולאַריזירן אױך די אידעע פֿון רוסיפֿיצירן יידן — האַלט איך פֿאַר אַן אומבאַדינגטער און פּרוכט-באַרער ערשיינונג, און, ניט געקוקט אױף מיינע עלטערע יאָרן, װאָלט איך גערן געװאָלט אָפּגעבן מיינע כּוחות דעמדאָזיקן נוצלעכן ענין, מקריב זייענדיק פֿאַר דעם אַפֿילו דעם זשורנאַל, װעלכער

ברענגט מיר טיילוויז היבשע מאַטעריעלע רווחים, וואָס פֿון אַ נייער אונטערנעמונג איז עס שווער צו ערוואַרטן.

דידאָזיקע איבערצייגונג אין דער נוצלעכקייט פֿון אַן ענלעכן פּרעסע-אָרגאַן און מיין הייסע ליבע צו מיין פֿאָטערלאַנד און מיין פֿאָלק צווינגען מיך צו ווענדן זיך מיט מיין איצטיקער השתדלות אין דער הויפּט-פֿאַרוואַלטונג פֿאַר די פּרעסע-ענינים, און סומך זייענדיק זיך אויף די-ייעניקע מאַטעריאַלן און ידיעות, וועלכע געפֿינען זיך אין דער הויפּט-פֿאַרוואַלטונג בנוגע מיין פּערזענלעכער טעטיקייט און די ריכטונגען פֿון מיינע ליטעראַרישע ווערק בשייכות מיט דעם ענין אַריבערטראָגן מיין זשורנאַל „הבוקר אור" פֿון לעמבערג קיין וואַרשע... האָב איך דעם כּבוד צו בעטן אונטערטעניקסט: ערלויבן מיר דעם זשורנאַל, וועלכן איך גיב אַרויס אין וואַרשע, אַריבערפֿירן קיין אָדעס, כּדי אַרויסצוגעבן אים דאָרט אונטער דעמזעלבן נאָמען אויף לשון-קודש, אונטער אַ פֿאָרצענזור, אַלס וועכנטלעכע צייטונג אין דעם פֿאָרמאַט פֿון איין גרויסן דרוק-בויגן".

דער רעזולטאַט פֿון דערדאָזיקער בקשה איז ניט באַוואוסט.

אין אַ קול קורא צו די לעזער פֿון „הבוקר אור" תשרי תרל"ז ווענדט ער זיך מיט פֿאָלגנדיקע ווערטער: „זייט וויסן, ברידער, אַז איך האָב פֿון מיין גרויסער האָרעוואַניע גאָרנישט געהאַט, דאָך האָב איך געשוואָרן און וועל האַלטן וואָרט, אַז דער „הבוקר אור" זאָל ניט אויפֿהערן צו גיין, כּל-זמן איך וועל לעבן, אויב איך וועל נאָר האָבן די הוצאות אויפֿן דרוק; ער האָט אָבער ניט געקענט האַלטן וואָרט.

יב.

גאָטלאָבער פאַרנעמט זיך אויך מיט שדכנות. — זיין נסיעה קיין רומעניע. — ער שלאָגט זיך אליין אָן, מע זאָל אים מאַכן א יובילײ. — צעדערבוים גייט איין, בתנאי, אַז דער „הבוקר אור" זאָל זיך אָפּשטעלן. — דער איבערבראָך אין גאָטלאָבערס אידעען. — פון רוסיפיקאַציע צו חיבת־ציון. — די נעבעכדיקע עקסיסטענץ פון „הבוקר אור". — די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „הבוקר אור".

אין וואַרשע פאַרנעמט זיך גאָטלאָבער אויך מיט שדכנות בשותפות מיט זיין נייעם הויפּט־מיטאַרבעטער שאַפּיראָ. אין יולי־ביכל פון „הבוקר אור" תרל"ט איז אָפּגעדרוקט אַ מודעה מיט דער אונטערשריפט פון גאָטלאָבער און שאַפּיראָ, אַז „התנים און כלות, וואָס ווילן טאָן אַ שידוך, זאָלן זיך ווענדן צו זיי שריפטלעך, איבערשרייבן אַלץ אויספירלעך, אויך צושיקן די פאָטאָגראַפיעס, און מיר וועלן שוין טאָן לטובת די צדדים און אויך פון אונזער טובה וועגן".

אין יאָר תרל"ט מאַכט גאָטלאָבער אַ נסיעה קיין רומעניע, וואו ער באַזוכט פיל יידישע אַנשטאַלטן און האָט באַגעגענישן מיט די דאָרטיקע משכילים, בתוכם אויך מיטן מערקווירדיקן פאָלקס־זינגער יעקב פסנתר, וועלכע ער באַשרייבט דערנאָך אין אַ ריי אַרטיקלען אין „הבוקר אור" פון דעמזעלבן יאָר.

אין יאָר תרמ"א ווערט גאָטלאָבערן זיבעציק יאָר. מרדכי בן הלל הכהן ווענדט זיך דאַן מיט אַן אויפרוף אין „המגיד", „המליץ" און „הצפירה", מע זאָל פייערן זיין יובילײ. גאָטלאָבער גופא ווענדט זיך אין „הבוקר אור" לכבוד דער געשעעניש צו די לעזער, דערציילט זיי, אַז שוין 50 יאָר, ווי ער אַרבעט אין דער ליטעראַטור, און בעט, מע זאָל אים שטיצן מיט אַבאָנעמענטן, ווייל „ער קען

שוין ניט אַרויספֿאָרן נאָך פֿרענומעראַנטן איבער דער וועלט, ווי אַמאָל, ער איז שוין צו אַלט" *).

פֿינדעסטוועגן לאָזט ער זיך אַוועק אין זעלבן יאָר קיין פּעטערבורג און שלאָגט זיך אַליין אָן צעדערבוימען, מע זאָל פֿייערן זיין יובילײ. צעדערבוים האָט אײַנגעשטימט, בתנאי, אַז גאָטלאָבער זאָל אָפּשטעלן דעם „הבוקר אור". דעמאָלט האָט זיך גאָטלאָבער געווענדט צו הרכבֿין און יענער האָט אים געהאָלפֿן איינאָרדענען זיין יובילײ. ביידע דעמאָלטיקע רוסיש־יידישע צייטונגען, „רוסקי יעווריי" און „ראַזסוועט" האָבן אָפּגעדרוקט אַן אויפֿרוף און געעפֿנט אַ געלט־זאַמלונג לטובֿת דעם יובילאַר. **)

עס קומט אָן דער 82־קער יאָר מיט די פּאָגראָמען און מאַכט אַן איבערבראָך אין די מוחות פֿון דער יידישער אינטעליגענץ, פֿון די משׂכּילים; די חלומות און האָפֿענונגען אויף דער רוסישער רעגירונג באַנקראָטירן. דער חלום פֿון דער רוסיפֿיקאַציע און אַסימילאַציע, וועלכער האָט גאַנצע דורות משׂכּילים גענערט, צערינט; עס אַנטשטייט די נאַציאָנאַלע באַוועגונג, און גאָטלאָבער צוזאַמען מיט אַלע משׂכּילים גיט זיך אַ קער צוריק, ער ווערט אַ חובֿבֿ ציון, שרייבט זיינע שירים „נס ציונה", נצח ישׂראל" און „אסירי התקוה", אין וועלכע ער שלאָגט זיך על־חטא פֿאַר זיינע פֿריערדיקע אידעען. אין זיי הערט זיך שוין דער פּראָטעסט פֿון דעם באַוואוסטזיניקן יידן, וואָס קומט ניט פֿאַרטיידיקן די רעגירונג, ניט זוכן ביי אונז עוולות, ווי אַמאָל, נאָר מאָנען גערעכטיקייט:

„און אַז מיר פֿרעגן זיך: מיט וואָס האָבן מיר געזינדיקט,
צי דען זיינען מיר אַלע פּראָצענטניקעס?
צי דען האַנדלען מיר אַלע מיט בראָנפֿן?
צי דען איז ביי אונז ניטאָ קיין בוי־אַרבעטער און מויערער?
אָדער וועבער און שפּינער?
אָדער איז ביי אונז קיין ערד־אַרבעטער ניטאָ?...
אונזערע שונאים האָבן דאָך אויך חרובֿ געמאַכט
די פֿעלדער און וויינגערטענער!

---

*) „הבוקר אור" תרמ"א.

**) „מערב עד ערב", „זכרונות נשכּחים" פֿון מרדכי בן הלל הכהן.

דער ענטפֿער איז: יאָ, מיר זיינען זינדיק!
אָבער ניט אַנטקעגן די, וואָס שטראָפֿן אונז,
אַנטקעגן דעם, וואָס איז הייליק ביי יידן האָבן מיר געזינדיקט,
אין אונזער נאַציאָנאַליטעט האָבן מיר געפֿעלשט,
אונזער לעבנסמיסיע האָבן מיר פֿאַרנאַכלעסיקט,
ווי שעפֿסן האָבן מיר געבלאָנדזשעט, דעריבער זיינען
מיר ניט געהאָלפֿן געוואָרן.
ווער קען זען אַ פֿאָלק, וואָס גייט אונטער שוין צוויי טויזנט
יאָר
און ניט אויפֿעפֿענען די אויגן צו היילן זיין בראָך?" *)
ער זעט דעם פֿילשטענדיקן חורבן פֿון אַלע זיינע אידעאַלן,
אויף וועלכע ער האָט אַלעבן אַוועקגעגעבן. און ער שרייבט: **)
"... די שאָטנס פֿון מיין אָוונט שפּרייטן זיך שוין.
מיינע אויגן זעען, ווי עס וואַקלען זיך די טריט פֿון מיין פֿאָלק.
אַלע מיינע האָפֿענונגען זיינען אַראָפּגעזונקען ווי אַ בליי.
איך האָב פֿיל געהאָפֿט פֿון מיין יוגנט אָן ביז איצט.
כ'האָב געהאָפֿט, אַז מיר וועלן שטייגן—און מיר זיינען נאָך
נידעריקער געזונקען.
אומזיסט האָבן מיר מקריב געווען דאָס בלוט פֿון אונזערע
קינדער.
און איצט זיינען מיר נאָך געוואָרן צו שאַנד ביי אונזערע
שכנים".

אין "יידישן פֿאָלקסבלאַט" דרוקט ער דאָס ליד "גייט אין שול אַריין", וואו ער רופֿט צוריק צו דער יידישער רעליגיע (1882, נומ. 10), אין "וועקער" דרוקט ער אָפּ אַ ליד אונטערן נאָמען "די מאַמע מיט די קינדער", וואו ער רופֿט קיין פּאַלעסטינע צו באַארבעטן די ערד—אויס נאַטירלעכער רעאַקציע קעגן די טרוימען פֿון דער אַסימילאַציע־באַוועגונג, פֿון "איין שפּראַך און איין פֿאָלק—די רוכן".

---

*) "אסירי התקוה", "הבוקר אור", תרמ"ו, ז. 3.
**) דאָרטן.

דער „הבוקר אור" האָט געפֿירט אַ נעבעכדיקע עקסיסטענץ, דער רעדאַקטאָר איז שטענדיק געווען פֿאַרזאָרגט צו זוכן געלט־מיטלען, און די ביכלעך האָבן ניט געקענט ערשײַנען רעגלמעסיק: אין די ערשטע דרײַ יאָרן — צו זעקס ביכלעך אַ יאָר, אין 1879 — אַלע 12, און אין די יאָרן 1880 און 81, — צו זעקס ביכלעך. נאָך יעדער הפסקה פֿלעגט ער אָנהייבן רעכענען אַ נײַעם יאָר. נאָך 1881 האָט ער זיך פֿאַרמאַכט אויף פֿיר יאָר, צוליב דוחק אין געלט. און אין 1885 האָט ער אָפּגעעקסיסטירט אַ קורצע צײַט, האָט דערצויגן ביז 5 ביכלעך און, נאָך פֿיל ווענדונגען צו די לעזער, מע זאָל אים שטיצן מיט אַבאָנעמענטן און אים געבן די מעגלעכקייט צו עקסיסטירן, האָט ער זיך אין יאָר 1866 ענדגילטיק פֿאַרמאַכט. דעם לעצטן יאָרגאַנג איז, אָנשטאָט שאַפּיראָן, סעקרעטאַר פֿון רעדאַקציע געווען אַברהם צוקערמאַן, דער בוכהענדלער.

פֿון די זאַכן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין „הבוקר אור", איז ווערט צו פֿאַרצייכענען, אויסער ברוידעסעס ראָמאַן „הדת והחיים", גאָטלאָבערס מעמואַרן *) און צוויי כּרוזים אויף יידיש פֿון אַן אַלטן פּינקס פֿון דעם ועד אַרבע ארצות**). דאָרטן האָט אויך מענדעלע געדרוקט זײַנע איבערזעצונגען וועגן נאַטור־וויסנשאַפֿט***), דאָרטן (און אין „השחר") האָט פּרץ דעביוטירט מיט זײַנע ערשטע לידער אין פֿרישמאַן — מיט לידער און דערציילונגען. דאָרטן האָט שמ"ר פֿאַרעפֿנטלעכט, אויסער לידער, אויך זײַנע ערשטע ראָמאַנען („אחרית צדיקים", „מומר להכעיס", „כויה תחת כויה" און „טעות גוי"****). אין „הבוקר אור" פֿון 1880 האָט גאָלדפֿאַדנס שוואָגער מרדכי־אליהו ווערבל איבערזעצט גאָלדפֿאַדנס פּאָפּולערן ליד „שטיי אויף, מײַן פֿאָלק". דאָרטן האָט גאָטלאָבער אויך געדרוקט די סעריע אַרטיקלען וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון דער השכלה, „הגזרה והבניה"*****).

*) תר"ם, תרמ"א, תרמ"ו.

**) „הבוקר אור", תר"לו, ז. 310—311.

***) תרל"ז, תרל"ח.

****) תר"לט, תר"ם. אינטערעסאַנט איז, וואָס בעת שמרס ראָמאַנען אין יידיש זײַנען געשריבן אין אַ פֿאַרדײַטשמערישטן לשון, זײַנען זײַנע העברעאישע ווערק געשריבן אין אַ גוטער שפּראַך, וואָס קען פֿאַר יענער צײַט מיט אירע מליצות דינען פֿאַר אַ מוסטער.

*****) תר"ח, תרל"ט, תר"ם.

פֿון גאָטלאָבערס ווערק, וואָס זיינען נאָכדעם אַרויס אין באַזונדערע ביכער, האָבן זיך אין „הבוקר אור" געדרוקט די איבערזעצונג פֿון באַראָן קאָרפֿס ווערק וועגן דעם טרוינבאַשטייג פֿון ניקאָלאַי דעם I, מיטן נאָמען: „יום הזכרון", צוליב דערהאָזיקער איבערזעצונג האָט ער געקראָגן די ערלויבעניש אַריינצופֿירן די ביכלעך פֿון „הבוקר אור" קיין רוסלאַנד*). „פּרי־קיץ", עקזעגעטישע און פֿילאָלאָגישע קאָמענטאַרן אויף תנך, אין צוויי טיילן; חוץ דעם, בעלעטריסטיק: „הזהרו בבני העניים". (תרל"ט) און „אורות מאופל" (תרל"ז), וואָס צוזאַמען מיט „קול רינה וישועה" („השחר" תרל"ד) בילדן זיי זיין אויטאָביאָגראַפֿיע און זיינען אַ וויכטיקער מאַטעריאַל פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער השכלה־באַוועגונג אין רוסלאַנד. אין „הבוקר אור" (תרל"ז) האָט ער אויך אָפּגעדרוקט, אַלס ביילאַגע, אַ זאַמלונג פֿון טוביה פֿעדערס איבערגעבליבענע כתבים אונטערן נאָמען „שם ושארית".

---

*) י. ח. זאגאָראָדסקי, ספר השנה תר"ס, ז. 312.

י״ג.

גאָטלאָבער צוריק אין דובנע.—פון דובנע אין ביאַלאָסטאָק.—זאַגאָראַדסקיס זכרונות וועגן גאָטלאָבערן.—גאָטלאָבער אין פריוואַט לעבן. זיין רעגלמעסיקייט און פּינקטלעכקייט.—זיין פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט. — זיין פאַרפאַסן לידער. — זכרונות פון זיין תלמיד פּייגין.—גאָטלאָבערס אַנעקדאָט וועגן כוואָלסאָנען.

נאָך דעם, ווי עס האָט זיך פאַרמאַכט דער „הבוקר אור", איז גאָטלאָבער אַוועק צו זיין אײדעם און טאָכטער אין דובנע. פון דובנע זיינען זיי אַלע אַוועק קיין ביאַליסטאָק, וואו גאָטלאָבער האָט פאַרבראַכט זיינע לעצטע יאָרן.

וועגן זיין פּריוואַט לעבן אין דובנע, וועגן זיין פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט און וועגן זיין אָריגינעלן אופן פון פאַרפאַסן לידער געפינען מיר אינטערעסאַנטע זכרונות פון דעם העברעאישן שריפט־שטעלער י. ה. זאַגאָראָדסקי אין „ספר השנה" תר״ס (1900), ז. 313:

„דער ערשטער באַזוך האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם, וואָס וועט קיינמאָל ניט אָפּגעווישט ווערן פון מיין האַרצן. איך האָב געקראָגן שטאַרקן רעספּעקט און אָפּשיי פאַר דעם זקן מיט דעם קיילעכדיקן און שיינעם פּנים, וואָס האָט געלויכטן פון חכמה. ער איז געווען איינער פון די, וואָס דער אָנבליק פון זייער געזיכט אַליין האָט אָן ווערטער דערציילט, אַז זיי זיינען מענטשן פון גייסט, הגם פון דער דיקייט פון זיין גוף איז ניט געווען קענטיק, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון קערפּערלעכע פאַרגעניגנס. זיינע צוויי גרויסע שוואַרצע אויגן, אפילו נאָכדעם, ווי זיי זיינען פאַרלאָשן געוואָרן, האָבן געברענט ווי ברענענדיקע קוילן און האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן דורכגענומען דורך־און־דורך, הגם ווייטער פון זיין נאָז האָט ער שוין ניט געזען.

גאָטלאָבער האָט זוכה געווען צו טיפער עלטער דורך זיין רעגלמעסיקן לעבן, וואָס ער האָט שטענדיק געפירט. זיין שטייגער

לעבן און זיין פֿירונג זיינען געווען פּינקטלעך, ווי אַ זייגער. ער האָט קיין איין טאָג ניט פֿאַרפֿעלט צו וואַשן זיין לייב מיט קאַלט וואַסער אַלע אינדערפֿרי, אַפֿילו ווינטער אין די גרעסטע פֿרעסט, און אַפֿילו בעת ער איז שוין געווען אַ זקן פֿון אַריבער אַכציק. ער האָט געגעסן אין אַ באַשטימטער צייט, האָט געשפּאַצירט אין אַ באַשטימטער צייט, האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספֿר אין אַ באַשטימטער צייט און איז געגאַנגען שלאָפֿן אין אַ באַשטימטער צייט. איינמאָל אינאָוונט האָבן זיך בּיי אים אין הויז אויפֿגעזאַמלט אַ גרופּע משׂכּילים און גוטעפֿריינד צו גראַטולירן אים צו זיין געבורטסטאָג. מע האָט פֿאַרבראַכט אין זיין געזעלשאַפֿט, געגעסן צוזאַמען, און אַז ס'איז געקומען די צייט פֿון שלאָפֿן, האָט ער זיך צעזעגנט מיט זיינע פֿאַרערער, האָט זיי איבערגעלאָזן אַליין און איז אַוועק אין זיין צימער שלאָפֿן. — האַלטן ריין זיין לייב און זיינע קליידער איז געווען זיין נאַטור, און דאָס מקפּיד זיין אויף דער ריינקייט האָט בּיי אים דערגרייכט די העכסטע מדרגה; ער איז געווען זייער איפּגערעגט און אויפֿגעבראַכט, ווען ער האָט געפֿונען אַ פֿלעק אויף זיין בגד.

ער האָט געהאַט אַ נשמה פֿון אַ פּאָעט, וואָס ווערט לייכט באַגייסטערט און אָנגעצונדן. דערדאָזיקער שטריך האָט זיך בּיי אים אויפֿגעהיט ביז די לעצטע טעג פֿון זיין לעבן. ער פֿלעגט לייכט אַריין אין כּעס און לייכט זיך לאָזן איבערבעטן. אין זיין כּעס איז ער אויף זיך ניט געווען קיין באַלעבאָס, אָבער אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז ער געוואָרן ווי אַ שטילע טויב.

ס'איז זייער אָנגענעם געווען צו פֿאַרברענגען מיט אים. טויזנטער זכרונות פֿלעגן בּיי אים אַרויפֿשווימען אין זכּרון. טויזנטער מענטשן האָט ער פּערזענלעך געקענט, און וועגן יעדערן האָט ער געהאַט וואָס צו אורטיילן און דערציילן, און די דערציילונג איז געווען פֿאַרמישט מיט אַ גלייכווערטל און מיט אַ שפּריכוואָרט אָדער מיט אַ שאַרפֿן וויץ, אָדער אַמאָל פֿלעגט אויף אים אַרויפֿגיין די מוזע און ער פֿלעגט אָנהייבן זינגען מיט אַ ניגון אַ העבּרעאיש אָדער יידיש ליד. דען ער האָט פֿאַרמאָגט אַ פֿיינע שטימע און געהאַט אַ ידיעה אין נגינה. ער פֿלעגט אַרויפֿברענגען אויפֿן זכּרון די לי-

דער, וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין דער יוגנט מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, געענדיקט זינגען, און גענומען זיך צו אַ אינטערעסאַנטער דערציילונג: וואָס פֿאַר אַ צופֿאַל האָט אַרויסגעבראַכט דאָס אָדער יענץ ליד, און ווי האָט געלעבט אַ יידישער פּאָעט אין אַמאָליקע צייטן.

גאָטלאָבער פֿלעגט שרייבן זיינע העברעאישע און יידישע לידער פֿון דער ערשטער פֿעדער. די פֿערזן פֿלעגן גלייך אַרויסגיין געמאַכטן און געוואויגן, און אים פֿלעגט זייער זעלטן אויסקומען צו פֿאַרריכטן זיי. ער פֿלעגט ניט זיצן „שבֿעה נקיים" אויף יעדן פֿערז, און זיינע לידער פֿלעגן אים אָנקומען לייכט. וואָכן און חדשים פֿלעגן פֿאַרבייגיין און ער פֿלעגט ניט איינטונקען קיין פֿעדער; פּלוצלונג זיצט ער שוין איינגעבויגן איבערן טיש, די נאָז אַריינגעשטעקט אין פּאַפּיר, און מיטן פֿעדער שנירלט ער פֿערזן נאָך פֿערזן, ביז עס גייט אַרויס אַ פֿאַרענדיקט ליד, פֿאַרטיק צום דרוק".

„אויף דער עלטער איז אין זיינע אידעען און זיינע מיינונגען וועגן רעליגיע אַריינגעטראָטן אַ גרויסער שינוי: אָנשטאָט דעם, וואָס ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען אַ פֿרייזיניקער מענטש, איז ער אויף דער עלטער געוואָרן רעליגיעז און האָט געהאַט פֿאַרגעניגן פֿון אָפּהיטן אַלע יידישע מנהגים, פֿלעגט דאַווענען אַלע טאָג און וואַשן זיך צום עסן און די אמונה איז געבליבן זיין איינציקע טרייסט".

אינטערעסאַנטע זכרונות וועגן גאָטלאָבערן געפֿינען מיר אויך אין ביאַליסטאָקער „נייעם לעבן" *) פֿון זיין נאָענטן תלמיד ל. פֿייגין:

„אין פּריוואַט-לעבן איז גאָטלאָבער געווען זייער אַ אינטערעסאַנטער מענטש. ער האָט געלעבט און געשאַפֿן מיט אַ שמייכל, מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ וויץ. ער איז געווען זייער פּינקטלעך, זומער און ווינטער פֿלעגט ער 6 אינדערפֿרי שוין זיין אויף די פֿיס, 7 אַ זייגער דאַווענען, 8 פֿרישטיקן און נאָכדעם אויסרויכערן

*) 1925, נומ. 14.

זיין ערשטן פּאַפּיראָס. פֿון 8 ביז 10 פֿלעג איך אים פֿאָרלייענען צייטונגען און ביכער. פֿון 10 ביז 12 פֿלעגט ער שפּאַצירן און פֿאַרברענגען ביי זיין חבֿר, דעם אַלטן אליעזר האַלבערשטאַם. 12 פֿלעגט ער מיטאָגן און זיך אָפּרוען ביז 3. געטרונקען טיי און איינגערויכערט דעם צווייטן פּאַפּיראָס. פֿון 5 ביז 7 פֿלעג איך אים פֿאָרלייענען צייטונגען פֿון דער אָוונט-פּאָסט. נאָכדעם פֿלעגט ער איבערכאַפּן אַ לייכטן אָונטברויט, אויסרויכערן דעם דריטן און לעצטן פּאַפּיראָס און אויפֿנעמען געסט און באַזוכערס. 10 געגאַנגען שלאָפֿן.

גאָטלאָבער איז געווען אַ „לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע“ פֿון מעשׂיות אַנעקדאָטן, זכרונות און באַגעגענישן מיט גרויסע באַרימטע מענטשן און כּלל-טוערס.

איינער פֿון זיינע אַנעקדאָטן בעטן זיך מיר דאָ אויף דער פֿעדער:

נאָך דניאל כוואָלסאָנס שמדן זיך האָט אים גאָטלאָבער באַזוכט אין פּעטערבורג.

— ס׳טייטש, ווי קומט עס ר׳ דניאל — פֿרעגט אים גאָטלאָבער פֿאַרוואונדערט, — מרבּיץ תּורה געווען אין ווילנער קלויזן און פּלוצלונג... זיך „איבערגעקערט“.

— צוליב איבערצייגונג — האָט פּראָפֿעסאָר כוואָלסאָן אים געענטפֿערט.

— וואָס פֿאַר אַן איבערצייגונג האָט איר געהאַט ר׳ דניאל — גיט אים אַ פֿרעג גאָטלאָבער איבערראַשט.

— איך האָב זיך איבערצייגט, אַז ס׳איז בעסער צו זיין אַ פּראָפֿעסאָר אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט איידער אַ — מלמד אין ווילנע“.

יד.

ער גיט ארויס זיינע געזאמלטע לידער אויף העברעאיש. — די די פאררעדע צו די לידער. — די העברעאישע לידער האָבן אַ קנאַפּן פּאָעטישן ווערט. — ביז דער טיפער עלטער לאָזט ער ניט ארויס די פעדער פון האנט. — זכרינות פון מ. מ. בערך. — מאסלאנסקיס באזוך ביי גאָטלאָבערן. — וואָס באַטייט דעם ראשי-תבות פון א. ב. ג.? — גאָטלאָבערס לעצטע טעג. — זיין טויט.

אין יאָר 1890 זיינען אַרויס זיינע געזאַמלטע שירים אין דריי טייל, וואָס ער האָט געשריבן פֿון זיין יוגנט אָן ביז דריי און זיבעציק יאָר, אונטערן נאָמען „כל שירי מהללאל“. דער ערשטער טייל אַנטהאַלט אָריגינעלע שירים, דער צווייטער — געלעגנהייטס-שירים, און דער דריטער — אַ געשלעכטלעכער איבערבליק וועגן פּאָעזיע — בלויז פֿון איין גרויסן שיר „לתולדות השיר והמליצה“. אין אים לעבט נאָך דער אַלטער כעס און האַס און אפֿשר אויך די מורא פֿאַר די קריטיקער, וואָס האָבן אים מיט יאָרן צוריק אַראָפּגעזעצט פֿון זיין פּאָעטישן טרוינשטול, און ער באַוואָרנט זיך וועגן דעם אין זיין הקדמה, וואו ער זאָגט צווישן אַנדערן: „אַז ער (דער לעזער) וועט זיך אין די לידער גוט אַריינטאָן, וועט ער געפֿינען, אַז יעדעס ליד פֿון זיי איז געווען פּאַסיק פֿאַר זיין צייט און איז ניט קיין פּוסטע זאַך. דערמיט בין איך דאָ אויסן דעם אויפֿגעקלערטן לעזער, און דאָס הייפֿעלע ניי-געבאַקענע קריטיקער, וואָס זייער גאַנצער מיין איז נאָר צו קריטיקירן און צו געפֿינען חסרונות, האָב איך ניט אין זינען... דען ווער קען פֿאַר זיי יוצא זיין, ס'איז ניטאָ איין באַשעפֿעניש, וואָס זאָל קאָנען בייִשטיין קעגן דיזאָזיקע טייוואָלים — און פֿאַר זיי העלפֿט ניט קיין שום התנצלות“...

זיינע העברעאישע לידער שטייען נאָך נידעריקער פֿון די יידישע. די יידישע לידער האָבן כאָטש די מעלה, וואָס זיי זיינען געשריבן מיט אַ פּשוטער מענטשלעכער שפּראַך, און די העב-

רעאַלישע זיינען געשריבן בלויז כּדי צו ווייזן קונצן אין מליצה, אין דער ספּעציעלער לשון־קודשדיקער פּיערלעך־פּוסטער מליצה, צוליב דעם גראַם על־פּי דיקדוק, און זיינען שרעקלעך צעצויגן, אָן בילדער און פאַנטאַזיע — הקירות אין דער וועלט אַריין. אַפילו די בעסערע פון זיי, ווי „הקיצה", „סמל הקנאה המקנה", „עמי", „נצח ישראל" און אַנד. מאַכן אויך קיין שום איינדרוק ניט, ס'איז ווערטער אָן אַ נשמה; זעלטן־וואו דער משכּיל וואָס לאָזט אים אָפּ, עס וואַכט אויף דער פּשוטער מענטש מיט די פּשוטע מענטשלעכע געפילן — און עס לאָזן הערן נאַטירלעכע מענטשלעכע טענער.

אַ שטייגער, מאַנכע שורות פון זיין אַוטאָביאָגראַפיש ליד:

...ימים יבוא טובים מאלה,
אָסור שכמי מסבל, רגלי מנוע,
אֶשקוט, אָנוח ונפשי לא תלא.
אָז עמי יזכרוני, לי ראשי יניע,
עמי יזכרוני — אַך לי לא יושיע *).

אָדער די פאָלגנדיקע סטראָפן פון דעם ליד „רומניה":

„וואָס זידט עס דאָס בלוט פון דעם גראָ־אַלטן גרייז?
וואָס ברומט עס און כוואַליעט — אַ שטורמישער ים?
בלוט אַלט פון אַ זקן, בלוט קאַלטע ווי אייז! —
וואָס ברומט עס און שטורעמט גאָר יוגנטלעך היים?
וואָס ברענט עס מיין קאָפּ אין אַ גלוטיקן פלאַם?
וואָס ציטערט און שרעקט זיך די פעדער אין האַנט?
ס'פאַרגאָסענע בלוט פון מיין פאָלק אין מיר ברויזט,
זיין ווי: ברומט אַרוים ווי אַ לייב און ער רוישט,
רייסט דורך אַלע הימלען מיט פייער און בראַנד,

---

*) עס וועלן אָנשטיין בעסערע צייטן,
איך וועל מער ניט דאַרפן וואַנדערן און פּלאָגן זיך.
איך וועל רוען אָן זאָרגן.
מיין פאָלק וועט מיך דערמאָנען, צושאָקלען מיטן קאָפּ;
צושאָקלען מיטן קאָפּ, — העלפן אָבער ניט... („עמי", כל שירי מהלל).

שרייט ווייטאָגלעך, שרייט און זוכט משפט און דין,
פֿאַר טאַטעס און מאַמעס און טעכטער און זין..." *)

בדרך כלל אָבער האָבן זיינע לידער אַ קליינעם פּאָעטישן ווערט. זיי קענען דינען בלויז אַלס אָפּיציעלע דאַטעס צו געוויסע געשעענישן אין יידישן לעבן **).

ביז דער טיפֿער עלטער, אַפֿילו דעמאָלט בעת ער איז געווען אינגאַנצן בלינד און די הענט האָבן אים מער ניט געדינט שוין, האָט ער ניט אויפֿגעהערט צו באַטייליקן זיך אין פֿאַרשיידענע יידישע זשורנאַלן, צייטונגען און זאַמלביכער. כמעט ביזן לעצטן טאָג האָט ער ניט אַרויסגעלאָזט די פֿעדער פֿון האַנט. איבער אַלע העברעאישע צייטשריפֿטן און זשורנאַלן זיינען צעזייט זיינע אַרטיקלען און שירים: אין „המגיד", „הכרמל", „המליץ", „העברי", „הבכורים", „הכוכבים", „השחר", „מגד ירחים", „האור", „האסיף" (אין דעם לעצטן אַחוץ לידער, אַ גרויס אַרטיקל, „זכרונות לקורות ההשכלה בארצנו ארץ רוסיא"), אויסער די יידישע צייטשריפֿטן „קול מבשר", „פֿאָלקסבלאַט", „ישראליק" און „יידישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק" ***)—

*)
מה תרתח בי דָמי, תרעש כפלג?
מה יהמו גליך כים ביום סער?
דם זקן, איש שֵיבָה, דם קר כשלג,

איך יהמה, איך יחמר ויהי לדם נער?
מה ילהב ראשי כלהב אש יוקדת?
מה ינוע עטי וידי רועדת?

דם עמי בקרבי הוא שוטף כנחל,
וכאבו האנוש יגאה כשחל!
וקולו הוא יעלה עד לב השמים,
יזעק בחבליו, יבקש משפָטֵהו—
מאל קנא ונוקם יקום דָמֵיהו!... „רומניה", כל שירי מהללאל, ז. 210, פֿרייע איבערזעצונג.

**) איניקע פֿון זיינע יידישע לידער זיינען אויך פֿאַרהאַן אין העברע־איש, ווי דאָס „זומער־פֿייגעלע", „קין" און דאָס לידל, וואָס פּאַפּירנא ברענגט אין „פּנקס", ז. 188, און וואָס איז אַ פּאַראַפֿראַזע פֿון „היהודי הנצחי" און אנד.

***) אין „יודי פֿאָלקס־ביבליאָטעק" האָט ער, אַחוץ זיינע ווערטגולע זכרונות, אויך געשריבן אַ ליד „דער חסיד", וואו ער לאַכט אויס אַ גע־יסן חסיד אַ פּראָצענטניק.

און דאָס אַלץ אָן אַ גראָשן האָנאָראַר, בלויז לשם שמים, צו דינען דער השכלה.

אין ביאַליסטאָקער „נייעם לעבן" גיט אויך איבער איינער מ. מ. בערך כאַראַקטעריסטישע פּרטים וועגן גאָטלאָבערס לעבן אין ביאַליסטאָק: *)

גאָטלאָבער האָט געמאַכט אַ רושם פון אַ באַלעבאָס מיט אַ רייכער, ברייטער נאַטור, וואָס איז שטענדיק צופרידן אויפגעמען ביי זיך געסט און מיט זיי פאַרברענגען. דערהויפּט פלעגן אים באַזוכן דורכפאָרנדיקע ליטעראַטן!

זיין וואוינונג איז געווען אַ געסט פאַר יונגעלייט, וועלכע האָבן געוואָלט פון אים עפּעס געניסן. אָט די אַלע יונגעלייט זיינען נאָכדעם געוואָרן לערער אָדער ליטעראַטן. ער פלעגט די יונגעלייט זייער מקרב זיין, לערנען און עצות געבן. ער איז געווען פאַר זיי אַ לערער און אויך אַ חבר. ער האָט זיך ניט געשראָקן טאָמער וועט זיין כבוד דורכדעם געמינערט ווערן.

איך געדענק, עס פלעגן זיצן אַרום אים אַ בינטל פון צען אָדער מער יונגעלייט, מייסטנס אינאָוונט, ער פלעגט ליגן אויף זיין בעטל און עפּעס דערציילן און אַלע פלעגן מיט אָפענע מיילער און מיט אָנגעשטעלטע אויערן אויסהערן זיינע אַנעקדאָטן און שה־הולין.

גאָטלאָבער האָט געהאַט אין זיך אַ כוח צו דערוועקן זיינע באַזוכער, די „פרחי־כהונה" צום שרייבן. ער האָט געהאַט געדולד אויסהערן שריפטן פעלערהאַפטע, נודנע, און אַלעמען אײַסבעסערן. בעסער אָדער הייסן אַליין איבעסערן.

שרייבט — פלעגט ער זאָגן — וועט איר זיך אויסשרייבן.

דערציילן פלעגט גאָטלאָבער זייער שיין. גערעדט האָט ער יידיש אַ ביסל פאַרצויגן, נאָר ריין, געמישט מיט תורה־ווערטלעך און געשמאַלצן מיט תלמוד־חכמשע שאַרפזיניקע וויצן.

ווען ער פלעגט גיין אין גאַס, פלעגט ער מיט זיין הויכער שלאַנקער פיגור, לאַנגער שניי־ווייסער באָרד, קײלעכדיקן ליכ־

*) צום באַדויערן, האָבן מיר געקראָגן בלויז אַן אויסשניט און ס'איז אונז אוממעגלעך געווען פעסטצושטעלן דעם נומ.

טיקן פּנים, לאַנגע שוואַרצע פּעלערינע און אַ ביסל פֿאַרעלטערטן צילינדער, אויסזען, ווי אַ איראָפּעאישער געלערנטער מאַן, און אַלע פֿלעגן אים נאָכקוקן מיט גרויס נייגעריקייט.

צבֿי-הירש מאַסלאַנסקי דערציילט אין זיינע „זכרונות פֿון אַ פֿאָלקס-רעדנער" („מאָרגן-זשורנאַל", 26 נאָוועמבער, 1923*), אַז בשעת ער האָט אים באַזוכט אין ביאַליסטאָק אין אָנהייב ניינציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, איז דער באַרימטער השׂכּלה-שריפֿט-שטעלער געווען שטאַרק אַלט, צוויי-און-אַכציק יאָר. זיינע אויגן זיינען שוין פֿאַרלאָשן געוואָרן און דאָך איז ער נאָך געווען שיין. דער קערפּער גלייך און שטאָלץ, דאָס געזיכט האָט געלויכטן און ער האָט נאָך ליב געהאַט צו זאָגן שאַרפֿע וויצן. „ווען איך האָב אים געפֿונען עסנדיק זיין מאָגערן מאָלצייט און האָב אים געוואונטשן „מיט גוטן אַפּעטיט", האָט ער מיר געענטפֿערט: „ווינטשט מיר בעסער גוטע שפּייז, אַפּעטיט האָב איך צופֿיל, נאָר עסן האָב איך, ליידער, ווייניק"... מען האָט דערציילט אין ביאַליסטאָק, אַז ווען ער איז בלינד געוואָרן, האָט ער געזאָגט: „ניט אומזיסט האָב איך זיך געגעבן מיין פֿען-נאָמען אב"ג, דאָס מיינט ניט מיין נאָמען אַבֿרהם-בער גאָטלאָבער, דאָס מיינט: „אַלטער בלינדער גוי".

„אַ היבשע צייט האָב איך פֿאַרבראַכט מיט דעם אַלטן פּאָעט, איך האָב מיט אים גערעדט וועגן דער „תּקופֿת השׂכּלה", פֿון וועלכע ער איז געווען איינער פֿון די פֿאַקל-טרעגער, ער האָט זיך נעבאַך באַקלאָגט, וואָס אויף זיינע אַלטע יאָרן האָט ער זיך דערלעבט די שרעקלעכע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. ער האָט זיך מודה געווען, אַז די משׂכּילים אין זיינע צייטן האָבן געמאַכט דעם גרעסטן טעות אין דעם, וואָס זיי האָבן געגלייבט אין דעם פּראָגרעס מיט דער ציוויליזאַציע. ער האָט פֿאַר מיר דעקלאַמירט זיין גרויסע ייִדישע ליד „דער בידנער ישׂראליק", וועלכע ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין דער צייט פֿון די פּאָגראָמען אין זיד-רוסלאַנד.

---

*) ציטירט לויט ניגערס אַרטיקל „צוקונפֿט" 1924, אויגוסט-ביכל.

**) צי איז דאָ ניט קיין טעות: דאָס דאָזיקע ליד איז, לויט גאָטלאָבערס רייד (זע פֿריער ז. 177) פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין תּר"ג—אַלזאָ נאָך אַ סך פֿריער פֿאַר די פּאָגראָמען.

און ווייטער דערציילט מאַסלאַנסקי:

„ווען איך האָב זיך געשיידט מיט דעם אַלטן העבּרעאישן דיכטער, האָט ער מיר געזאָגט די ווערטער: איר ווייסט, מיין יונגער פריינד, אַז נאָך אין צוויי טעג אַרום וועל איך אייך קאָנען צייגן אַ וואונדערבּאַרע ערשיינונג, נעמליך: „אַ חסידישן עילוי". בּיי מתנגדים זעט מען זיי אָפט, אָבער בּיי חסידים איז דאָס אַ זעלטנהייט, און איר ווייסט, ווער דאָס איז? דאָס בּין איך זעלבּסט. נאָך צוויי טעג ווער איך אַלט צוויי־און־אַכציק יאָר, בּגמטריא „חסיד". מיינע אויגן זעען שוין ניט, דאָס זיינען די ראשי־תבות פון „עילוי", „עינים להם ולא יראו", אַלזאָ, האָב איך דערלעבּט צו זיין אויף דער עלטער אַ „חסידישער עילוי".

ער האָט נאָך געלעבּט אַ קורצע צייט, פלעגט שטענדיק זיצן איינזאַם און ניט אַרויס מפתח ביתו, נאָכדעם ווי ער איז איינמאָל, גייענדיק אין גאַס, געפאַלן און פון נאָז האָט בּיי אים אַ פלייץ געטאָן בּלוט. פון דענסטמאָל אָן האָט אים אַן אומעט בּאַהערשט.

דאָס לעצטע יאָר איז ער שוין ניט אַראָפּ פון בּעט, זיין לעבּן האָט זיך בּיסלעכווייז אויסגעלאָשן, בּיז ער איז דעם 12 אַפּריל 1899 (תרנ"ט), אַכט און אַכציק יאָר אַלט, אַנטשלאָפן געוואָרן אויף אייבּיק — אָט דער פּיאָנער און פאָרגעגער פון דער השׂכּלה, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אין אירע ערשטע רייען און האָט דורכגעמאַכט אַ שטורמישן לעבּן פול מיט אומאויפהערלעכן קאַמף און מיט פּאָזיטיווע מעשׂים פאַר דער בּאַנייאונג און איבּערבּויאונג פון דעם יידישן לעבּן.

אינהאַלט:

זייט

הקדמה 1

אריינפיר.

נעבורט און ערציאונג פון גאָטלאָבערס פאָטער. — דעם פאָטערס רבי. — חסידות און מתנגדות. — זיין פאָטער פאַרזוכט דעם האָניק פון דער השכלה. — יידן שילטן מענדעלסאָנען מיט טויטע קללות. — חסידים רייסן אראָפּ דעם אויטאָריטעט פון די רבנים און דער־הויבן אָנשטאָט דעם די חזנים. — די חזנים ענדערן דעם נוסח פון דאווענען. — דער ערשטער תנאי פון א רבין איז — צו זיין א חזן. — גאָטלאָבערס פאָטער נעמט זיך צו חזנות. — ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער מאַכט אים פאַר א חזן אין אלט־קאָנסטאַנטין. — ער איז באַליבט און געאַכט ביי שטאָט. — א הויכער סאָרט מענטש. 5

א. גאָטלאָבערס געבורט. — גאָטלאָבערס פאָטער ווייזט חידושים אין נגינה. — אין אים טליעט א פונק פון א פּאָעט. — גאָטלאָבערס פאָטער חלומט זיך א חלום. — גאָטלאָבער מיטן פאָטער פאַרלאָזן אלט־קאָנסטאַנטין. — זיי קומען צוריק. — מע גיט גאָטלאָבערן אוועק אין חדר. — אמאָליקע חדרים. — דער מלמד, דער באַהעלפער. — גאָטלאָבערס געליבטע. — ער אנטלויפט פון חדר 12

ב. דער גמרא־מלמד. — פּונוואַנען רעקרוטורן זיך די מלמדים. — דאָס ערשטע השכלה־ביכל — דער „צוהר התבה“. — ער שלינגט דעם „תלמוד לשון עברי“. — זיין לערער 18

ג. צו 12 יאָר פאַרט מען מיט אים טאָן א שידוך. — מע פאַרהערט אים. — מע ברעכט טעלער און מע זאָגט מזל־טוב. — ער ווערט א חתן. — זיין מחותן גיט אים א זילבערנעם זייגער און א זילבערנע טאַבאַק־פּושקע. — זיין כלה — א צעניאָריק מיידעלע. — מע ווייזט אים פון ווייטן די כלה. — אמאָליקע מנהגים ביים געבאָרן און ביי מחנך זיין קינדער 24

זייט

ד. ווי מע פלעגט אמאל חתונה מאכן קינדער. — צו וואסער יאר הייבן די עלטערן אן טראכטן וועגן א שידוך פאר זייער קינד.— שדכנים. — מחותּנים. — חתן־כלה. — ערב־חתונה. — חתונה־צערע־מאניעס 33

ה. גאטלאבערס חתונה צו 13 יאר אלט. — די כלה—צוועלף יאר אלט.—ער פארט אריבער צום שווער אויף קעסט.—זיין שווער און שוויגער.— זיין שווער — א רוזשינער חסיד. — גאטלאבער ווערט אויך א רוזשינער חסיד. — ער זיצט און לערנט. — זיין גייער רבי — א מקובל און א שיכור. — ווילדע זאכן. — זיין רבי טרייבט ארויס דיבוקים.—גאטלאבער לערנט קבלה און קריגט חשק צו מאכן עקספערימענטן.— ער וויל זיין א „רואה ואינו נראה״.— א לעמבערגער ייד מיט אלטע קאבאליסטישע כתבים. — ער אנטפלעקט דעם סוד זיינעם א חבר. — ביידע נעמען זיך אויספרווון זייער כוח דורך שמות און השבעות.—ווילן האבן קפיצת הדרך און לויפן 25 וויארסט צו פוס נאך א קארעטע. — זיי קומען קוים מיטן לעבן 49

ו. גאטלאבער פאראינטערעסירט זיך מיט דער חסידות פון חב״ד און שטודירט מיט התמדה זייערע ספרים און כתבים. — זיין נשמה צינדט זיך אן מיט זייער התלהבות און ער ווערט א חבדער חסיד. — ער מאכט נאך זייערע ספרים און זאגט חסידות פאר יונגעלייט.—ער שרייבט אויך שירים. — זיין פרוי געבערט אים א זון.—דער פאטער קומט אויפן ברית און געפינט אים א פארענדערטן.—ער גיט א נאמען זיין זון נאך ר׳ שניאור־זלמן דעם ליאדיער.—זיין פאטער קאן ר׳ שניאור־זלמנען פערזענלעך . . 56

ז. איבערבליק איבער דער אנטשטייאונג פון חסידות. — פונוואנען שטאמט דער נאמען חסיד. — דער בעש״ט — דער גרינדער פון חסידות. — זיין כוח צוצוציען מענטשלעכע הערצער. — ער דארף אויף חיונה — און ווערט א בעל־נס. — דעם בעש״טס נייע שיטה. — זי ברענגט א ישועה אויף יידן. — זי ברענגט אויך צו מחלוקת און צו א קאמף צווישן די מתנגדים און די חסידים. — די רבנים פארשטייען ניט די צילן פון חסידיזם. — חסידות גרייט צו דעם באדן פאר השכלה. — חסידים מאכן אן איבערקערעניש אין דעם יידישן ריטואל. — די פאזיציע פון פאלק בעת דעם קאמף צווישן די מתנגדים מיט די חסידים 60

ז י י ט

ח. צי איז דער בעש״ט געווען אַ שווינדלער אָדער אַ האַלוציגאַ־טאָר.—זיין בריוו צו ר׳ גרשון קיטיווער. — וואָס האָט אויפּ־געטאָן דער בעש״ט און וואָס האָט אויפגעטאָן דער ווילנער גאון.—דער ווילנער גאון קימערט זיך ניט וועגן די נייטן פון פאָלק.—דאָס פאָלק גייט ניט צו אים.—דער בעש״ט אַלס רע־פאָרמאַטאָר. — די אמתע ליכטיקייט קומט פון אַן אַנדער אָרט. 69

ט. דער ווילנער גאון רודפט די חסידים. — נאָך זיין טויט פירן די מתנגדים ווייטער דעם קאַמף. — די מסירה אויף די ווילנער חסידים. — די יידן צעטיילן זיך אויף דריי לאַגערן. — די מתנגדים—די שטאַרקסטע פּאַרטיי. — זייער ראָלע אין רעליגיעזן לעבן. — די ליטווישע רבנים ניט קיין קעגנער פון השכלה. — א ליטווישער רב גיט אַ הסכמה אויפן ספר „תעודה בישראל״. — די קאָנסערוואַטיווקייט פון די ליטווישע יידן. — זייער באַציאונג צו קבלה.—די סעקטע פון די חסידים. — זייערע גלויבונגען. — דער כוח פון צדיק אָדער רבין.—אין תלמוד און אין די דינים שטעקן סודות.—בילדונג איז אַ חטא.—די חבדער חסידים. — זייער באַציאונג צו בילדונג, צו מסחר און מלאכה. — די איבעריקע חסידישע סעקטעס.—זייער קליידונג. — קישעלעך אַנשטאָט אַ בויך. 74

י. די יידן פון גאַליציע נעמען די ערשטע אויף די השכלה. — די בראָדער סוחרים טראָגן אַן די השכלה אין רוסלאַנד.—דער אַפּטער שילט די בראָדער מיט טויטע קללות. — די רדיפות אויף די משכילים. — ווי הייסן די משכילים אין ליטע — מענזיל לעפין.—אין יעדער שטאָט ווערט אַ חברה פון משכילים.—מענדל־סאָנס ביאור, די „מאספים״ און ווייזלס שירים.—די השכלה געפינט אַ גינסטיקערן באָדן אין וואָלין איידער אין זיער ליטע. — פאַר־שפּרייט זיך אָבער ניט אין במות.—די סיבות דערפון . . . 84

יא. איבערבליק אויף די פאַרשיידענע חסידישע סעקטעס.—דער מעזשעריי־טשער מגיד.—דער אָסטרער רב. — שווינדלער פאַרשפּרייטן צווישן המון מעשהלעך וועגן די מופתים פון בעש״ט — און דרוקן זיי דערנאָך אָפּ. — דעם מעזשעריטשער מגידס תלמיד ר׳ שניאור־זלמן — דער גרינדער פון חב״ד. — דער „תניא״. — זיינע גרויסע ידיעות אין דקדוק און אַסטראָנאָמיע.—ניט פרעמד פון אַנדערע וויסנשאַפטן. — זיין כוח איבערצוגעבן קלאָר און לאָגיש זיינע געדאַנקען. — ער רעפאָרמירט דעם נוסח פון דאַווענען.—ר׳ שניאור־זלמנס יורש ר׳ בער. — ר׳ שניאור־זלמנס עלטערער זון זיך געשמדט. — ער

ווערט אַ בעל־תשובה און ריכט אָפּ גלות. — ר׳ אהרן סטראַשעי־לער. — ער גרינדעט אַ באַזונדער פּיתה 90

יב. דעם בעש״טס אייניקל ר׳ ברוך. — ר׳ הערשעלע אָסטראָפּאָלער — ר׳ ברוכס הויף־לץ. — ער זאָגט אַ ריין ר׳ ברוכן דעם אמת און ברענגט אויף זיך דעם טויט. — ר׳ שניאור־זלמן ליאַדיער פּאָרט צו ר׳ ברוכן. — ר׳ נחמן בראַסלאַווערס ווערטל. — די באַגעגעניש פון ר׳ שניאור־זלמן ליאַדיער מיט ר׳ ברוך מעדזשיבוזשער. — ר׳ שניאור־זלמן אַנטטויִשט פון ר׳ ברוכן. — ר׳ ברוך ווייט פון די באַדערפענישן פון פאָלק. — ר׳ שניאור־זלמן פאַרטיפט זיך אין חסידות און דערהויבט זי צו אַ פילאָסאָפישער שיטה . . . 97

יג. ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער. — זיין הנהגה. — ר׳ לוי־יצחק רופט צונויף אַ גרויסע אסיפה קיין באַרדיטשעוו. — ווער זיינען געווען צווישן די פאַרזאַלטע. — ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווערס שטעלונג צו השכלה. — דער „שפּאָלער זיידע״. — זיין הנהגה. — זיין פּאָפּולערקייט ביים פאָלק. — די שנאה צווישן ר׳ ברוכן און דעם שפּאָלער זיידע. — די באַרדיטשעווער אסיפה ברענגט צו גאָרנישט. — ר׳ לייב שרהס. — זיינע אויסטערלישע דרכים. — ר׳ לייב שרהס אַ רואה ואינו נראה. — ר׳ לייב שרהס אַ שפּיאָן. — ר׳ לייב שרהס און דער עסטרייכישער קייסער. — דער ספר רזיאל המלאך. — ר׳ לייב שרהס יורשים 103

יד. ר׳ פּנחס קאָרעצער — דער אַפּאָסאָל פון עניוות. — זיין אויסערגעווינלעכער האַס צו שקר. — זיין באַגיין זיך מיט אָרעמעלייט, וואָס זאָגן ליגן. — ער גייט ניט אַרויס מפּתח ביתו. — ער ווירקט אויף די קינדער, זיי זאָלן ניט ווערן קיין רביים. — די סלאַוואוטער דרוקעריי. — ר׳ רפאל בערשעטער. — ער איז ממשיך דעם רבינס הנהגה. — „טאָר ניט זאָגן ליגן, טאָר ניט האָבן גדלות״. — אַ מעשה מיט אַ יידן, וואָס האָט געפירט קאָנטראַבאַנד. — ר׳ רפאל וויל ניט שווערן פאַלש און פאַלט און שטאַרבט. 111

טו. ר׳ אברהם מלאך. — זיין אָפּזונדערן זיך פון דער וועלט. — ר׳ ישראל רוזשינער. — זיין הויף און זיין פירונג. — זיין אַרעסט. — ער פאָרט אַריבער קיין גאַליציע. — אַ זילבערנער טיש מיט אַ גילדערנער מנורה. — זיינע יורשים. — ר׳ מאָטעלע טשערנאָבילער און ר׳ משה סאַווראַנער. — דעם סאַווראַנערס און ר׳ מאָטעלעס יורשים. — דאָס צעטיילן זיך מיט דער ממשלה. — די יורשים רופן איינע

זייט

די אַנדערע און זיינען זיך איינע די אַנדערע מבזה. — זיינען להוט נאָך געלט און כבוד. — דער „אַפּטער". — זיינע יורשים. — די אויפשריפט אויף זיין מצבה. — די אייניקלעך גייען איבער די הייזער 118

טז. ר' נחמן בראַסלאַווער. — זיין חתונה. — זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל. — זיין גייסט קען קיין רו ניט געפינען. — זיין נטיה צו התבודדות. — זיין פּאָעטישער כּוח־הדמיון. — אַ דואַליסטישע נאַטור. — ער בלאָנדזשעט אין דער פינסטער. — די רדיפות אויף אים מצד די חסידישע רביים. — זיינע מעשהלעך, זיינע געדאַנקען און חקירהס. — זיין שנאה צו השכלה. — זיין טויט. — די רדיפות אויף זיינע תלמידים 124

יז. די גזירה וועגן נעמען יידן אין מיליטער. — ניקאָלאַיס שווערע האַנט. — טרערן, טרויער און תעניתים. — די רביים און צדיקים קויפן זיך אויס פון סאָלדאַטן. — אַ מעשה מיט אַ מלמד, וואָס ער־קלערט זיך פאַר אַ בעל־שם. — ער זאָגט־צו צו העלפן יידן פון דער גזירה. — ער לייגט אריין אַ בר־מינן אַ צעטל צום רבונו־של־עולם. — אַ שפּיצל פון כאַפּערס. — חיים־מיכל דער כאַפּער. — גאָטלאָבער באַפרייט זיך פון מיליטער־דינסט. — זיין פאָטער חלומט זיך ווידער דער אַלטער חלום. — דאָס מאָל ווערט ער מקויים. 134

יח. די כאַפּערס באַזעצן זיך בשכנות מיט גאָטלאָבערס הויז. — געוויי־נען פון טאַטעס און קינדער. — גאָטלאָבערס פאָטער קען עס ניט אריבערטראָגן. — ער פאַרברענגט די טעג אין תעניתים און די נעכט אין געוויין. — ער פאָרט אריבער מיט גאָטלאָבערן קיין גאַליציע. — זיי שווארצן דעם גרעניץ. — קומען אָפּ מיט שרעק. — גאָטלאָבער זוכט השכלה און געפינט חסידים. — טאַרנאָפּאָל. — ר' יוסף פערל. — גאָטלאָבערס באַגעגעניש מיט ר' יוסף פערל. — גאָטלאָבער ווערט אַן אַנדער מענטש 139

יט. זיי וואַנדערן פון שטעטל צו שטעטל. — בראָד. — דער נאָמען „בראָדער" — סינאָנים פון אַפּיקורוס. — אַ חסיד, וואָס לאַכט אָפּ פון משכּילים. — גאָטלאָבער שליסט באַקאַנטשאַפט מיט בראָדער בחורימלעך. — משה מענדעלסאָנס ביאָגראַפיע. — ער טרוימט איבער־צוזעצן אין העברעאיש מענדעלסאָנס בוך „ירושלים". — אַ שטריימל מיט אַ ספּאָדיק. — סאַדיגורע און טשערנאָוויץ. — זיי פאָרן אריבער אין דער שטאָט הערצע. — גאָטלאָבערס פאָטער ווערט דאָרטן

זייט

חזן. — ר׳ מאיר פרעמישליאַנער. — גאָטלאָבערס פאָטער נעמט שטאַרק אויס ביי די הערצער באַלעבאַטים. — גאָטלאָבער שטודירט דייטש פון מענדעלסאָנס „ביאור“. — דער הערצער גוטער־ייד . . 146

כ. גאָטלאָבער מיטן פאָטער ווערן קראַנק אויף פיבער. — גאָטלאָבערס פאָטער דערמאָנט זיך אָן זיין אַמאָליקן חלום. — די קראַנקהייט פאַרערגערט זיך. — זיי קערן זיך אום אַהיים. — בלייבן שטעקן אין וועג. — גאָטלאָבער ליגט צום בעט און זעט, ווי זיין פאָטער גוססט. — גאָטלאָבערס פאָטער שטאַרבט מתוך שמחה. — גאָטלאָבער בלייבט אָן עלנטער יתום אין אַ פרעמדער שטאָט. — ער פאַרקויפט זיין פאָטערס זאַכן. — ער לאָזט זיך אין וועג אַריין. — שטעלט דאָס לעבן אין סכנה און גנבעט די גרעניץ. — האָט ניט מיט וואָס צו באַצאָלן די גרעניץ־שמוגלער און פאַרמשכונט די זאַכן. — זיין שווערס קאָמיסיאָנער לייזט אים אויס פון דער לאַגע. — דער רושם פון זיין פאָטערס טויט אין אַלט־קאָנסטאַנטין. — צוריק ביים שווער. 151

כא. ער פאַרגעסט זיינע ספרים אינדערהיים. — די מאַמע שיקט אים אָפּ — און זיי פאַלן אַריין צו די חסידים. — „טרייפע“ ספרים. — מע פאַרמסרט אים פאַרן גוטן־יידן. — מע צווינגט אים צו גטן זיין פרוי, ווען זייערע ליבע־געפילן דערוואַכן ערשט. — ער פאַרלאָזט דעם שווערס הויז. — שווערט נקמה צו נעמען פון די חסידים. — ער וויל פאָרן קיין דייטשלאַנד און זיין פריינד ראָט אים איבערבעטן זיך מיטן זשיטאָמירער צדיק. — ער מיינט, אַז ליבע איז אַ פוסטע זאַך און איבערצייגט זיך, אַז ס׳איז אַ טעות. — דער שווער גט אים אָפּ און האָט חרטה. — אומזיסטע פרייד. — די לעצטע פּאַדעם ווערט איבערגעריסן. — דער פונק פון ליבע קען ניט פאַרלאָשן ווערן 158

כב. גאָטלאָבערס קרובים האָבן מורא, ער זאָל ניט פאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן — און פאַרשלייערן אים אַ צווייטן מאָל. — גאָטלאָבער קען זיך מיט דער נייער פרוי ניט איינלעבן און גייט פון איר אַוועק. — מענדל לעפינס איבערזעצונגען אין יידיש און העברעאיש. — מענדל לעפינס ביאָגראַפיע 164

כג. מענדל לעפין טוט פאַר די יידן אין רוסלאַנד, וואָס מענדעלסאָן אין דייטשלאַנד. — דעם וועג צום פאָלק איז אויף זיין שפּראַך. — די ווירקונג פון מענדל לעפינס ווערק. — מע לערנט זיך היילן קראַנ־

זייט

קע און מע גרינדעט עטישע חברות לויט מענדל לעפינס
ספרים. — זיינע העברעאישע ספרים דרינגען אריין אין די קלויזן
און רופן צו בילדונג. — ער איבערזעצט אויף א פאפולערער
שפראך דעם „מורה נבוכים“. — הסכמות צו זיינע ספרים פון באַ־
רימטע רבנים און משה מענדעלסאָנען. — די נוצן פון לעפינס
חיבורים — טוביה פעדערס פאמפלעט קעגן מענדל לעפינען. — טוביה
פעדער זאָגט ליגן. — טוביה פעדער פארשטייט ניט, אז א שפראך
ווערט מיט אמאָל ניט געבאָרן. — ביקס ענטפער פעדערן. — פע־
דער ענטפערט צוריק. — די אמתע כוונה פון לעפינס איבערזעצונ־
גען. — דער תנך אלס מקור פון השכלה. — ווען פעדער וואָלט
איינגעשטאַנען פון קבר. — ווער איז געווען קליגער. — מענדל לע־
פינס נאָכטוער: מרדכי סוכאָסטאָווער, ד״ר שלמה עטינגער,
א. ב. גאָטלאָבער 170

כד. גאָטלאָבער פאָרט קיין אָדעס. — א געשיכטע מיט א יונגנמאָן. —
גאָטלאָבער שרייבט פאַר אים א קבלה־ספר. — גאָטלאָבער טראַכט
אויס פארשיידענע נעמען אין מלאכים פין קבלה און דער יונ־
גערמאָן נעמט עס אָן פאַר גוט געלט. — אז דער יונגערמאָן
וועט אים קומען לאָדן, וואָס וועט אים גאָטלאָבער זאָגן. — גאָטלאָבערס
באַגעגעניש מיט זיין געוועזענעם שווער. — דער שווער רייסט
אויף זיך די האָר, ס׳איז אָבער פארפאַלן. — אָדעס. — זיינע באַ־
קאַנטשאַפטן מיט די דאָרטיקע משכילים. — די אָדעסער שול. —
יאָאַכים טאַרנאָפּאָל. — דער דירעקטאָר שטערן. — די איבעריקע
לערער 179

כה. גאָטלאָבער קריגט א פריוואטע קאָנדיציע. — ער פארענדיקט זיין
פיעסע „אמנון און תמר“. — שרעקט זיך פאַר דעם געדאַנק, אז
ער דאַרף זיין א מלמד. — פארלאָזט די קאָנדיציע און בלייבט ווי־
דער אָן באַשעפטיקונג. — טויג ניט צו קיין זאַך. — וויל פאָרן אין
דייטשלאַנד און בלייבט אין אָדעס. — גאָטלאָבערס באַקאַנטשאַפט
מיט דעם אָדעסער קאַראַאימישן „חכם“. — ער שרייבט אַן עלעגיע
אויף דעם טויט פון קאַראַאימישן חזן. — ער ווערט אַן אריינ־
גייער ביי דעם „חכם“ אין שטוב און שטודירט זייערע רעלי־
גיעזע ספרים. — א שאלה מכוח א גט. — מען לייגט אים פאָר אָנ־
נעמען קאַראַאימענטום און מע וויל אים חתונה מאַכן פאַר דעם
חכמס טאָכטער. — גאָטלאָבער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ 187

כו. דער „תעודה בישראל" און „התורה והחיים". — ער שלינגט דעם „תעודה".—זיין טרוים צו זען זיך מיט ריב"לן.—די כאָלערע אין אָדעס.—ער אנטלויפט פון אָדעס קיין קישיניעוו.— דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב פון די יידן אין בעסאַראַביע. — חסידישע רביים דערשמעקן א פעטן ביין און פארפלייצן בעסאַראַביע. — זיין קרוב יונה־הירש. — ער האָט ניט פאר וואָס צו נעמען זיך 193

כז. אן אמתע מעשה פון דעם סאווראַנער רבי.—א בראָדער קאָמיסיאָנער און א באַלטער שסוחר.—דער קאָמיסיאָנער דאַרף שיקן דעם באַלטער סוחר א רעימה פון סחורות און שיקט אים אוועק די וועקסלען, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויף דעם באַלטער סוחר.—דער באַלטער סוחר לייקנט שטיין און ביין. — דער סאווראַנער רבי דערגייט דעם ענין דורך א שפיצל. — אקסנפעלד באַשרייבט עס שפּעטער אין א דערציילונג 197

כח. גאָטלאָבער קריגט ניט קיין באַשעפטיקונג אין קישיניעוו און וואַנדערט איבער קיין דובאָסאַר.—קריגט א קאָנדיציע און שטודירט דייטש.—ער נעמט זיך צו באַאַרבעטן אויף אן אָריגינעלן שטייגער שילערס „רויבער". — ער פארלאָזט דובאָסאַר און גייט אָפּגעטן זיין צווייטע פרוי.—ער טראַכט ווידער וועגן דייטשלאַנד.—קרעמעניעץ.—ריב"ל.—זיין לעבן.—זיין ווירקונג.—זיין באַקאַנטשאַפט מיט די דעמאָלטיקע משכילים.—זיין טעטיקייט פאר דער השכלה.—אין וואָס פאר א צייט דער „תעודה" איז ערשינען. — די גוטע כוונות פון דער רעגירונג.— א פּראָקלאַמאַציע קעגן די רביים, וואָס פארפירן דאָס פאָלק. — די אומגעהייערע השפעה פון דעם „תעודה".—ריב"לס ווענדונג צו דער רעגירונג, זי זאָל עפענען שולן פאר יידן.— די רעגירונג גרינדעט שולן און יידן ווילן ניט שיקן אהין זייערע קינדער 205

כט. די איינצעלנע משכילים אין די פארשיידענע שטעט פאר ריב"לן אין וואָלין און פּאָדאָליע. — באַרדיטשעוו, ראָוונע, מעזשעריטש, קרעמעניעץ.—די ברידער לאַנדסבערג. — ראַדזיוויל, לוצק, באַר, פּראָסקוראָוו, קאַמעניעץ־פּאָדאָלסק.—אומאַן מיט אירע משכילים.—בער און ישעיה הורוויץ.— יעקב אייכנבוים.—דער „תעודה" דער איינציקער וועג־ווייזער פון די משכילים.—זיי באַשיצן די יוגנט פון די אַבסקוראַנטן. — דער „תעודה" שטאַרק אָנגענומען אויך ביי די ליטווישע משכילים. — זיין טרוים צו זען ריב"לן ווערט פארוויקלעכט.— ער ווערט צו אים צוגעבונדן אויף אייביק. . 213

ל. דובנע.— גאָטלאָבער—דער רבי פון די דובנער משכּילים.—וואָלף אדלזאָן.— זיינע אויסטערלישע דרכים.— אַ גרויסער מופלג און אַ פריי־ דענקער.— אין קלויזן און בתי־מדרשים פאַרשפּרייט ער השכּלה.— די חסידים ווילן גאָטלאָבערן און אדלזאָנען רודפן.—די דובנער משכּילים נעמען זיך אָן פאַר אדלזאָנען.—אדלזאָנס ביאָגראַפיע.— זיין עלנטער טויט. אדלזאָנס תּלמידים. — גאָטלאָבער פאָרט אין מעזשעריטש אויף אַ קאָנדיציע. 218

לא. דירעקטאָר שטערנס השתּדלות, מע זאָל עפענען שולן אין בעסאַ־ ראַביע. — 1840־טער יאָר. — מיניסטער אוּוואַראָוו.—ד״ר ליליענ־ טאַל. — ליליענטאַל—דער שליח פון דער רעגירונג. . . . 225

לב. ד״ר ליליענטאַלס בריוו צו די יידישע קהילות.—די ווילנער יידן פאַר זיין פּראָיעקט און די מינסקער קעגן. — די ווילנער—אויך קעגן. — מע וויל ניט אָננעמען די טובה פון קיסר. — עס קען זיין זייער ביטער פאַר יידן. — יידן דאַרפן זיך לאָזן בילדן גלייך מיט אַלע מענטשן — שמואל־יוסף פין פּאַראַייביקט זיין נאָמען אין ליליענטאַלס בריוו 230

לג. ליליענטאַל טוט אַלץ, כּדי צו געווינען די יידן. — די פּרייד צווישן די משכּילים. — זיי שיקן באַגריסונגס־בריוו צו ליליענ־ טאַלן. — באַרדיטשעווער משכּילים לאַדן אים איין קיין באַר־ דיטשעוו. — די משכּילים פון מאָהילעוו אויפן דניעסטער. — ליליענטאַל קומט קיין מאָהילעוו. — די באַפעלקערונג שרעקט זיך תּחילת און שטייט פין ווייטן. — גאָטלאָבער שרייבט אין ליליענ־ טאַלס נאָמען בריוו צו די יידישע קהילות. — ריב״ל לויבט אים דערפאַר. — ליליענטאַל דערציילט גאָטלאָבערן וועגן זיין מיסיע.— די רעגירונג הייסט אים נאָכפרעגן זיך אויף די אָרטיקע משכּילים און מונטערן זיי 244

לד. גאָטלאָבער גיט אים אַ רשימה פון אַלע משכּילים. — גאָטלאָבער האָט בדעה צו שרייבן אַ ווערק מיט די ביאָגראַפיעס פון די משכּילים. — זיין בריוו מכּוח דעם צו ליליענטאַלן 248

לה. גאָטלאָבער נעמט זיך מאַכן דעם ספר מיט די לעבנסבאַשרייבונ־ גען.—אין דעם ווערק גייט אויך אַריין די ביאָגראַפיע פון יוסף ווייזנער. — ד״ר ליליענטאַל פאַרלאָזט זיין שליחות און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע. — מאַנדלשטאַם אָנשטאָט ליליענטאַלן. — די רעגירונג עפנט אויף שולן פאַר יידן און יידן נעמען עס

אָן פאַר אַ גזירה.—די משכּילים קריכן אַרויס פֿון די לעכער.— זיי קומען זיך פאַרשטעלן פאַר מאַנדלשטאַמען און באַקומען ביי אים שטעלעס.—אַן גאָטלאָבערן פאַרגעסט ער. — ביטערע צייטן ביי גאָטלאָבערן. זיינע פריינד ראָטן אים עקזאַמענירן זיך אויף לערער. — זייענדיק אַ טאַטע פון 3 קינדער און אַ באַיאָרנטער מענטש, גייט ער זיך עקזאַמענירן.—ער לאָזט אַרויס זיין ביכל מיט שירים „הניצנים". 255

2-טער טייל.

א. גאָטלאָבער ווערט איינגעלאַדן אַלס לערער אין קאַמענעץ-פּאָדאָלסק. — דער בריוו פון דעם משומד פּיאָדאָראָוו-גרינבוים. — זיין באַמערקונג אויף פּיאָדאָראָווס בריוו 263

ב. פּיאָדאָראָווס ראָלע אין דער קאַזיאָנער השכלה.—גאָטלאָבערס אידעאַל.—ער קלאָגט זיך.—זיין וואונטש ווערט מקויים.—גאָטלאָבער — אַבראַמאָוויטשעס ערשטער רבי. — אַבראַמאָוויטשעס באַקאַנטשאַפט מיט גאָטלאָבערן.—ער ווערט אַן אריינגייער ביי גאָטלאָבערן אין שטוב.—גאָטלאָבערס טאָכטער לערנט אים שפּראַכן. — גאָטלאָבער פירט אים אַריין אין דער ליטעראַטור. — גאָטלאָבער אַלס העלד אין מענדעלעס „קליין מענטשעלע" 268

ג. גאָטלאָבער ווערט אַריבערגעפירט קיין אַלט-קאָנסטאַנטין — זיין נייער תלמיד אברהם גאָלדפאַדען. – גאָלדפאַדען באַקאָנט זיך ביי גאָטלאָבערן מיטן יידישן פאָלקסליד.—געזאַנג-אָוונטן ביי גאָטלאָבערן אין הויז.—גאָלדפאַדען פאַרפאַסט אייגענע לידער.—גאָטלאָבערס השפּעה אויף גאָלדפאַדענען אַלס דראַמאַטורג.—גאָטלאָבערס ליטעראַרישע טעטיקייט. — פּיאָדאָראָווס ווענדונג צו אים. — זיין באַקאַנטשאַפט מיט אַקסנפעלדן.—זיין נסיעה קיין אויסלאַנד.—גאָטלאָבער ווערט באַשטימט אַלס לערער אין ראַבינער-שול.—ער גיט אַרויס אַ בוך וועגן די קאַראַאימער. — אינצידענט מיט פּירקאָוויטשן.—ער ווערט לערער אין ראַבינער-שול 272

ד. די פרוכטבאַרסטע יאָרן פון גאָטלאָבערס ליטעראַרישע טעטיקייט.— דער אידעאַל פון רוסיפיקאַציע. — דער תנך אויף רוסיש אַלס מיטל צו רוסיפיקאַציע.—דער אַרטיקל אין „Московскія Вѣдомости", צי דאַרפן יידן באַזוכן פוילישע שולן. — „זשאַרגאָן"

האָט קיין ליטעראַרישע ווערט ניט, בלויז אַלס זכר פון דער הערשאַפט איבער יידן. — רבנים אויך גוט—אַבי השכלה. — די האָפענונג פון די משכילים אויף די „קאַזיאָנע״ שולן ווערן ניט מקויים. 281

ה. די רעאַקציע. — די משכילים אָפּגעריסן פון פאָלק. — דער נעבעכדיקער צושטאַנד פון דער העברעאישער פּרעסע. — השכלה די טאָכטער פון הימל. — דער יונגער דור משכילים קעגן די אַלטע. אַבראַמאָוויטש גיט דעם ערשטן סיגנאַל צו דער אַטאַקע. גאָטלאָבער מישט זיך אַריין. — די גרויסע פּאָלעמיק: אַבראַמאָוויטש, צווייפּל, האַרקאַווי, גאָטלאָבער. — די אַנקעטע פון „Кiевлянинъ“. — אורי-צבי קאָווּנער און זיין בראָשור „חקר דבר״. — דער גרויסער שטורעם. — גאָטלאָבערס פּאַמפלעט „אגרת צער בעלי-חיים. — יוסף-יהודה לערנער קעגן גאָטלאָבערן 288

ו. כאַראַקטעריסטיק פון די ליטעראַרישע זיטן פון יענער צייט. — דער „המליץ״ אַפלאַץ פאַר אַלעמען. — צעדערבוימס הערות צו די אַרטיקלען. — צעדערבוים-גאָטלאָבער 298

ז. גאָטלאָבערס פּאָעטישע ווערק. — ער שרייבט יידיש צו גלייך מיט העברעאיש. — זיין פאַרלאָרן זאַמלהעפט מיט די יידישע לידער. זיין קאָמעדיע דער „זעקטוך״. — זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ד״ר שלמה עטינגערן 304

ח. גאָטלאָבערס צווייטייטיקע באַציאונג צו יידיש. — פריידיקט רוסיפיקאַציע און דרוקט אויפרופן צו שרייבן יידיש. — זשיטאָמיר אַ שטאָט פון דרוקערייען. — גאָטלאָבער דרוקט דאָרטן זיינע ווייטערדיקע העברעאישע ווערק. — די איבערזעצונג פון מענדעלסאָנס „ירושלים״ און די העברעאישע פּיעסע תפארת לבני בינה״. אַמאָליקער שטייגער פון אַרויסגעבן ספרים. — גאָטלאָבער מיט ביני-שטאָקן פּלאַנעווען אַרויסצוגעבן די געשיכטע פון יידן אין דרום-מעריב רוסלאַנד. — גאָטלאָבער וויל אַרויסגעבן מיט מענדעלען אַ העברעאישן זשורנאַל. — אין זשיטאָמיר שטאַרבט גאָטלאָבערס טאָכטער, מענדעלעס ערשטע לערערין. — גאָטלאָבערס סאַטירע דער „גלגול״. — זיין ווערק „לתולדות הקבלה והחסידות״. — גאָטלאָבער אַלס פּאָעט 311

ט. גאָטלאָבער קערט זיך אום צוריק קיין דובנע. ניט דיזעלבע דובנע וואָס אַמאָל. — זיינע אויפרופן אין „השחר״ און „המגיד״ וועגן פּרענומעראַנטן העלפן ניט. — ער לאָזט זיך קיין ווין דרוקן די איבער-

זעצונג פון „נתן החכם“. — ער איז זייער פארביטערט, וואָס מ'ע קומט אים ניט צו הילף. ער באַזוכט אויפן וועג אַ ריי שטעט אין גאַליציע און פּרייסן.— זיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם שריפטשטעלער בראַנדשטעטער. זיין באַגעגעניש מיט פּרץ סמאָלענסקינען אין ווין.— יוסף־יהודה לערנער אַנטלויפט פון רוסלאַנד און קומט קיין ווין.— ער פּלאַנעוועט אַרויסצוגעבן מיט גאָטלאָבערן אַ העברעאישע צייטונג.—סמאָלענסקין האַלט גאָטלאָבערן אָפּ דערפון.—דער מיסיאָנער זאַלקינדסאָן רעדט גאָטלאָבערן צו צו שמד. — גאָטלאָבער האָט ניט מיט וואָס אויסצולייזן די אָפּגעדרוקטע עקזעמפּלאַרן פון „נתן החכם“.—סמאָלענסקין קומט אים צו הילף.—גאָטלאָבער פאָרט אוועק פון ווין פאַרצווייפלט.—גאָטלאָבער איז שטאַרק נתפּעל פון סמאָלענסקינען.— אין וואַרשע טרעפט ער זיך מיט זיין יוגנט־פריינד וולאַדימיר פּיאָדאָראָוו.—פּיאָדאָראָווס רוסישע איבערזעצונג פון תלמוד.—„די וועלט וואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ חכמה עס שטעקט אין תלמוד, וואָלט מען אָנגעהויבן ליב האָבן יידן“.—פון גאָטלאָבערס קוריאָזן 326

י. סמאָלענסקינס „השחר“.— זיין קאַמפּאַניע קעגן מענדעלסאָנען.— דער צאָרן צווישן די אַלטע משכּילים.—דער „הבוקר אור“.—ראובן־אשר בּרוידעס—הויפּט־מיטאַרבעטער פון „הבוקר אור“. די פּאָלעמיק צווישן „הבוקר אור“ און „השחר“. — אליעזר שולמאַן און בּרוידעס.—דוד פרישמאַן.—די אָפּגעשטאַנענקייט פון „הבוקר אור“. 332

יא. אַן אַ פּראָגראַם און אַן אַ פיזאָנאָמיע.—כאַראַקטעריסטיק פון „הבוקר אור“.—דער „הבוקר אור“ טראָגט זיך אַריבער פון לעמבערג קיין וואַרשע.—אינצידענט צווישן בּרוידעסן מיט גאָטלאָבערן.—בּרוידעס טריעט אַרויס פון רעדאַקציע.— אליעזר־יצחק שאַפּירא אָנשטאָט בּרוידעסן. — גאָטלאָבערס ווענדונג צו דער מאַכט. — מ'ע דאַרף אויסוואָרצלען די סאָציאַליסטישע אידעען ביי דער יידישער יוגנט.— קול־קורא צו די לעזער 339

יב. גאָטלאָבער פאַרנעמט זיך אויך מיט שדכנות. — זיין נסיעה קיין רומעניע.—ער שלאָגט זיך אַליין אָן, מ'ע זאָל אים מאַכן אַ יובילײ.— צעדערבוים גייט איין, בתנאי, אַז דער „הבוקר אור“ זאָל זיך אָפּשטעלן. — דער איבערבראָך אין גאָטלאָבערס אידעען.—פון רוסיפיקאַציע צו חיבת־ציון. — די נעבעכדיקע עקסיסטענץ פון „הבוקר אור“. — די וויכטיקסטע זאַכן, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין „הבוקר אור“ 344

זייט

יג. גאָטלאָבער צוריק אין דובנע.—פון דובנע אין ביאַלאָסטאָק.—זאַגאָראָדסקיס זכרונות וועגן גאָטלאָבערן.—גאָטלאָבער אין פריוואַט לעבן. זיין רעגלמעסיקייט און פינקטלעכקייט.—זיין פארברענגען אין א געזעלשאפט. — זיין פארפאסן לידער. — זכרונות פון זיין תלמיד פייגין.—גאָטלאָבערס אנעקדאָט וועגן כוואָלסאָנען . . . 349

יד. ער גיט ארויס זיינע געזאמלטע לידער אויף העֶברעאיש. — די די פאָררעדע צו די לידער.—די העברעאישע לידער האָבן א קנאפן פאָעטישן ווערט.—ביז דער טיפער עלטער לאָזט ער ניט ארויס די פעדער פון האנט.—זכרונות פון מ. מ. בערך.—מאסלאנסקיס באזוך ביי גאָטלאָבערן.—וואָס באטייט דער ראשי־תבות פון א. ב. ג.?—גאָטלאָבערס לעצטע טעג.—זיין טויט. 353

גאָטלאָבערס אַ בריוו צו ליליענטאַלן *).

אין יענע צייטן האָב איך אויך געשריבן צו ד"ר ליליענ־טאַלן פֿון מאָהילעוו אויפֿן דניעסטער דעמדאָזיקן בריוו:

דאָנערשטאָג, ד' תשרי, תרג לפ"ק.

אָבי, אָבי, רכב ישראל ופרשיו! נשיא הדור ודורשיו! איש מהיר במלאכת ה' לפני מלכים יתיצב, שר וגדול ליהודים ורצוי לכל אחיו, דורש טוב לעמו ודובר שלום לכל בית ישראל, ה"ה הרב החכם הנודע בשערים לשם ולתהלה, כבודו מלא ארצנו מוהר"ר מנחם נ"י ליליענטאַל! —

איך שטיי שוין אַ צייט אויף דער וואַך, קוק און וואַרט, ווען וועל איך קענען קומען בוקן זיך פֿאַר דיר און אָפּדאַנקען דיר פֿאַר די אַלע טובֿות, וואָס דו טוסט מיט מיין פֿאָלק, און דו האָסט אָנגעגורט די לענדן, כדי אָנצונעמען זיך אונזער קריוודע און פֿאַרריכטן די שפּאַלטן פֿון דעם הויז פֿון יהודה און ישראל. איך האָב געוואָלט שיקן מיין בריוו צו דיר קיין ריגע, ערשט איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דו געפֿינסט זיך אין ווילנע, שטייסט אין די בתי־מדרשים אויף די בימות פֿול מיט מוט און באַגיי־סטערונג, צו רופֿן מיט דעם נאָמען פֿון גאָט אין די אויערן פֿון דעם איבערבלייבס פֿון יהודה, צו טאָן גוטס און רעכטפֿאַרטיקייט, צוצוגרייטן זייער האַרץ אַנטקעגן די חסדים פֿון גאָט, וועלכע ער וועט שיקן דורך זיינע קנעכט די מלכים און די שרים.

איך האָב זיך געווענדט אַהער (אין ווילנע), דיך צו זוכן, ערשט דער גייסט, וואָס רעדט אין דיר, דער גייסט פֿון וויסן און גאָטספֿאָרכטיקייט, האָט דיך פֿאַרטראָגן קיין מינסק, צו עפֿענען

---

*) דערדאָזיקער בריוו איז על־פּי טעות דורכגעלאָזן געוואָרן און דאַרף קומען אויבן, צו ז. 245, פֿאַר דעם אָבזאַץ „אין מאָהילעוו אויפֿן דניעסטער".—א. פּ.

דאָרטן די אויגן פֿון די בלינדע, זיי זאָלן גיין אין דעם ליכט פֿון גאָט, אַראָפּצונעמען די אייזערנע קייטן, די שטריק פֿון די וויסטע גלויבענישן, די דיקע שטריק פֿון אומרעכט — פֿון די פֿיס פֿון דעם פֿאָלק, וואָס גייט אין דער פֿינסטער, כּדי צו פֿירן זיי אויפֿן אויסגעטראָטענעם וועג (דען צוליב אונזערע זינד. זיינען נאָך פֿיל, ווי די הייַשעריקן, די פּאַסטעכער· די פֿאַרפֿירער, וואָס פֿרעסן נאָך געשמאַק דאָס עלנטע שעפֿעלע ישראל; דיין געשריי איז נאָך ווייט פֿון זייער הילף, און מיט געוויינען און זיפֿצן וועלן מיר ניט קענען פֿאַרלייקענען, אַז זייער ווילדקייט איז נאָך אין אונזער לאַנד ניט אויסגעהיילט געוואָרן, זיי הויערן נאָך אונטערן יאָך פֿון אומוויסנהייט, וואָס דריקט אויף זיי זייער שווער!). אין איך האָב זיך ווידער געקערט צו דיר אַהין, ערשט פֿון עק לאַנד האָבן מיר געהערט, אַז דיינע פֿיס האָבן דיך אַוועקגעפֿירט צו דער הערהויבענער קרוינשטאָט, די פֿרייד פֿון אונזער גאַנצן לאַנד, פּעטערבורג (גאָט זאָל זי גרונדפֿעסטיקן ביז אייביק!), און פֿון דאָרטן וועסטו טאָן קומען מיט געזאַנג צו טראָגן די זייאונג פֿון אמת, צו זייען גערעכטיקייט אויך אין אונזערע שטעט. מיין אויער האָט געהערט, און מיין נשמה האָט זיך געפֿרייט, און איך האָב אויף דיר ביז איצט געוואַרט.

אין יענע צייטן האָב איך אויך געהאַט פֿאַרלאָזן מיין וואוינ=שטאָט, קרעמענעץ, צו גיין זוכן שפּייז פֿאַר מיין הויזגעזינד, דען איך בין דער קלענסטער און דער געמיינסטער צווישן די טויזנטער פֿון ישראל, און איך פֿאַרמאָג ניט — ניט קיין פֿעלדער, ניט קיין וויינגערטענער, מיין טייל איז דער טייל פֿון אַלע, וואָס געפֿינען זיך אין גאָטס הויז, וואָס זייער לייב האָט פֿאַר=מיאוסט צו איינצושמוצן זיך מיט דעם ברויט פֿון די צבֿועקעס; דען איך בין געוואָרן צו שפּאָט ביי מיין פֿאָלק פֿאַר מיין יאָגן זיך נאָך גוטס, בלויז גאָט איז מיין אַרב, און מיט זיין נאָמען גרוס איך זיך און זיין לערע איז מיין ליבלינג.

דיזאָזיקע פֿעדער, מיט וועלכע איך שרייב צו דיר, מיין דאַר, בלויז זי אַליין איז מיין טייל פֿון מיין גאַנצער מי אונטער דער זון. מיט איר בין איך אַריבער דעם גרויסן ברייטן ים, דעם

ים פון תלמוד און פוסקים, מיט איר האב איך געשפאלטן די קוואלן און טייכן פון חכמה, כדי צו שעפן דאס וואסער (פון חכמה) מיט פרייד, צו שטילן דעם דארשט פון מיין גלוסטיקער נשמה; מיט איר האב איך געשפאלטן די שטרויכלענדיקע פעלזן און שטיינער. צוויי שטארקע פעלזן, וואס זיינען מיר געשטאנען אין וועג, האב איך צעבראכן און פון דארטן איז ארויס קוועלדיק וואסער, שטראמען שורה, צו גיסן א הייליקע גיסונג פאר גאט און צו דאנקען אים פאר זיין גענאד, ווען מיין נשמה ווערט פארטייעט. —

פון דער צייט, ווען גאט האט מיר אריינגעגעבן אין הארצן צו נעמען א פרוי, כדי איך זאל ניט ארומגיין עלנט אויף דער ערד (שוין פון אכט יאר), פון דעמאלט אן האב איך זיך אפגעגעבן דער ארבעט, צו לערנען מיט יידישע קינדער אומעטום, וואו אזעלכע זיינען פארהאן. (הען די, וואס זוכן וויסן, זיינען זייער ווייניק אין דיזאזיקע שטעט), שפראכן און זיטלעכקייט, כדי צו קענען געבן עסן מיין ווייב און מיינע קינדער, וואס גאט האט מיר געשאנקען; און נון, וואנדער איך ארום איבער דער וועלט אומצוזוכן פאר זיך א פיטער-פלאץ. איצט בין איך אוועק אויף מיינע וואנדערונגען און בין אנגעקומען קיין מאהילעוו אויפן דניעסטער, ערשט גאט האט מיר צוגעשיקט אין דערזאיקער שטאט דיינע שיינע און ליבע דרשות, וואס דו האסט גערעדט אין די אויערן פון די קינדער פון ישראל אין דער שטאט ריגע. איך האב אויף זיי געווארפן אן אויג און איך האב דערזען, אז זיי זיינען גוט צו ווייזן בלאנדזשענדיקע דעם וועג; מע דערקענט, אז דאס זיינען אמתע רייד, וואס גייען ארויס פון דער טיפעניש פון הארצן. דו דרשנסט וואויל און דו ביסט אויך אזוי וואויל מקיים. געבענטשט זאלסטו זיין צו גאט, וואס האט דיר געגעבן אזא פיינעם לשון און א פארשטאנדיק הארץ.

פאר דיר זיינען אנטפלעקט אלץ, וואס איז פארבארגן אין די הערצער פון אונזערע ברידער אין דעם לאנד, דו ביסט דערגאנגען אלע זייערע וואונטשן און דו ווייסט, מיט וואס מע קען זיי צופרידנשטעלן, כדי אומצוקערן זיי צו גאט, דעריבער האפן זיי אויף

דיר שטענדיק און דאָס, וואָס פיל מענטשן פאַר דיר האָבן ניט געקענט פועלן, האָסטו מיט גאָטס הילף יאָ געפועלט.

אָ, ווער קען מאַכן, דו זאָלסט אייביק זיצן אין דעם גאָרטן פון אונזער לאַנד, דו רויז פון יידן! ווער קען מאַכן, דו זאָלסט אייביק בליען, דו שיינע רויז! ווער קען מאַכן, דו זאָלסט זיין ווי אַ פאָטער פאַר די יידישע קינדער, ביז זיי וועלן אויסוואַקסן און ווערן מענטשן, וואָס קענען זיך פונאַנדערקלייבן אין גוטס און שלעכטס, און זאָלן ניט זיין אַזוי ווי בלינדע, וואָס ווייסן ניט, און וואָס זיי וועלן געשטרויכלט ווערן! דען אויב דו וועסט פאַרלאָזן דידאָזיקע שאָף דיינע, ווער ווייס, וואָס מיט זיי וועט זיין?

ווער וועט פיטערן די שאָף פון מיין פאָלק נאָך דיר? אפשר וועלן זיי גאָר פאַרווילדערט ווערן, ניט האָבנדיק קיין פאַסטעך. און אפשר — ווי! — ס׳קען זיין נאָך שרעקלעכערס! דער פאַסטעך, וואָס וועט קומען נאָך דיר, וועט די פאַרלאָרענע שעפעלעך ניט אויפזוכן און די פאַרשטויסענע ניט אומקערן, ער וועט בלויז אויסן זיין זייער פלייש, זייער פעטס וועט אים גאָר געפעלן ווערן, און ער וועט פאַרבייסן מיט די ציינער און וועט זאָגן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, און דאָס פאָלק ישראל וועט אין יענעם טאָג געשטרויכלט ווערן, דיינע גוטע מעשים וועט מען ניט דערמאָנען און מע וועט זיי פאַרגעסן! זע, גאָט! נעם ניט צו פון אונזער קאָפ די קרוין פון אונזער פראַכט! זאָל בליען ביזן אין טיפן עלטער מנחם*) דער דערקוויקער פון אונזער נשמה, — ער וועט אונז טרייסטן, אין זיין ליכט וועלן מיר גיין זיכער און ניט געשטרויכלט ווערן, ער וועט אונז פירן צו דער אייביקייט.

איך בין דורכגעגאַנגען איבער דעם געלומטיקן ווייַנגאָרטן פון דיינע דרשות, און איך האָב זיך געטראַכט, לאָמיך פרוּוון, צי וועט מיין האַנט מיר באַהילפיק זיין אויסצוטאָן די פראַכטיקע קליידער פון דיינע רייד, וועלכע דו האָסט אַרומגעצירט מיט שכל און וויסן, מיט דער קלאָרער דייטשער שפּראַך און אָנטאָן זיי אין די הייליקע קליידער פון אונזער שיינער שפּראַך. איך בין אומ-

---

*) מנחם ליליענטאַל. — א. פ.

געזאַמט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, און איך האָב די ערשטע דרשה איבערגעזעצט פון אָנהייב ביזן סוף אין איין טאָג. איז ביי מיר געבליבן, איך זאָל ניט נעמען זיך ווידער פאַר דער אַרבעט, ביז איך וועל דיר די דרשה ניט ווייזן, כדי צו זען, צי זי געפעלט דיר אין דעם שלייער, וואָס איך האָב זי אָנגעטאָן, און אויב זי וועט דיר ניט געפעלן, נעם און פאַרברען זי אויפן פייער. נאָר טאָמער וועט זי געפינען חן אין דיינע אויגן, זאָלסטו פאַרשפּרייטן איף איר דיין פליגל, דען זי געהערט דיר, מיין האַר, און דו זאָלסט באַפעלן, און איך וועל אויך איבערזעצן דיינע איבעריקע דרשות. דער שכר מיינער וועט זיין, וואָס לייענדיק זיי, וועסטו מיך דערמאָנען. דער געטרייער קנעכט פון דעם גאַנצן הויזגע-זינד פון ישראל, וואָס געלוסט צו זען דיין ליכטיק פנים

א. ב. גאָטלאָבער.

דרוק=פעלערן.

ז. 10 שורה 12 לייג איך אייך פאר, אנשטאט: לייג איך פאר.

„ 17 „ 29 פלעגט ער עס דערציילן, אנשטאט: פלעגט ער דערציילן.

„ 22 אין הערה פעלט די אונטערשריפט א. פ.

„ 25 שורה 32 זי צאמט אפ, אנשטאט: זי פארצאמט.

„ 26 „ 7 חוץ, אנשטאט: חול.

„ 27 „ 1 מיידלעך, אנשטאט: די מיידלעך.

„ 29 „ 9 דארף זיין: ; אנשטאט: ,

„ 40 אין הערה פעלט די אונטערשריפט א. ב. ג.

„ 82 שורה 13 דארף זיין: און מע האט זיי דערפאר געגעבן, אנשטאט:
און האבן דערפאר געכאפט.

„ 82 „ 14 „ אדער זיי האבן, אנשטאט: אדער האבן.

„ 84 אין אינהאלט: דארף זיין: אין בַמות, אנשטאט: אין בימת.

„ 101 שורה 22 דארף זיין: אליין קויפן; „ ערוועבן.

„ 127 „ 30 פעלט א שטערנדל מיט א באמערקונג, אז די ווערטער „אייערע
קינדער זאלט איר דערציילן, וואס דא האט זיך געטאן",
ווערט ביי גאטלאבערן געבראכט אין יידיש.

„ 165 אין דער דריטער הערה דארף זיין: אז אין פאדאליע, דערהויפט אין
באַרדיטשעוו, און אז. וו...; דאַרטן גופא: „דער ערשטער חסיד", ניט: חסיט.

„ 171 שורה 17 דארף ניט זיין דאס ווארט תקנ"ד.

„ 219 דארפן די שורות, וואס הייבן זיך אן מיטן אפזאץ **אדלזאן** און
ענדיקן זיך מיטן ווארט **אבצונעמען** — קומען נאך דעם ווארט
נאמען, שורה 30.

„ 243 אין הערה, דארף זיין: „שמעו ואל יוסף פנות"... און אזוי וו. די
ווערטער שמעו ואל יוסף פנות ווערן געבראכט און אז. וו.

דאַרטן גופא: כדי עס זאל; ניט: כדי עס גאל; דאַרטן גופא דארף זיין: וואס
אין זייערע אותיות (שמעו ואל יוסף פנות) און אז. וו.

ז. 275, צו דער דריטער הערה, דארף קומען די באמערקונג, אז גאטלאבער
רופט דעם נאמען אקסנפעלד אין שלום-עליכמס „יוד. פאלקס-ביבליאטעק"
כסדר **אקסנפעלד**.

ז. 296, שורה 9 דארף זיין: ליסטים, ניט: ליסטעם.

דאָרטן „ 15 „ „ די פּרויען, אַנשטאָט: פּרויען.

„ „ 17 אַ איבעריק וואָרט: ניטאָ.

ז. 297 „ 21 פעלט אַ וואָרט זיין, נאָכן וואָרט מתקן.

„ 301 „ 14 דארף דאָס שטערנדל קומען צום סוף שורה 13.

דאָרטן „ 21 דארפן קומען דריי שטערנדלעך.

ז. 303 אין הערה פעלן 2 שטערנדלעך.

„ 304 אין הערה דארף זיין: אַקסנפעלדס.

„ 305 שורה 6 דארף זיין: זיינען גאָטלאָבערס, אַנשטאָט: גאָרדאָנס.

דאָרטן אין הערה דארף זיין: פארהאַן אין העברעאיש.

אומעטום, וואו עס שטייט: קייסער—דארף זיין: קיסר.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

וואַרשע, לעשנאָ 36, וו. 32.

אַלע ווערק פון י. ל. פרץ:

		גילדן.
	אַלע ווערק אין 13 בענדער	59.90
I	פאָלקסטימלעכע געשיכטן	4.70
II	די צייט	5.50
III	דראַמען	6.00
IV	אָדם וחוה	5.00
V	חסידיש	4 70
VI	פאַר קליין און גרויס	4.00
VII	בילדער און סקיצן	4.20
VIII	אויפזאַצן און פעליעטאָנען	4.70
IX	אַלט און ניי	4.00
X	פון שטוב און גאַס	4.70
XI	געדאַנקען און אידעען	4.50
XII	מיינע זכרונות	2.00
XIII	פינף מגילות, אַקדמות און חד-גדיא, (איבערזעצט דורך י. ל. פרץ)	5.50

געבונדן אין פראַכט-באַנדן, צו 1.25 אַ באַנד.

פרץ פאַר יוגנט	2.40
פרץ פאַר דער שול (12 העפטן) פון 20 ביז	0.40
פרץ פאַר קליינע קינדער (געזאַנג און שפיל	

אַ ד ר ע ס:

Warszawa, Leszno 36/22. Wyd. B. A. Kleckina.

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

ווארשאַ, לעשגע 36, וו. 22

קריטיק און וויסנשאַפט

גילדן

אייזענשטאַט ש. ד"ר—די נביאים, זייער צייט און זייערע געזעלשאַפטלעכע אידעען . . 2.60

בעל=מחשבות.—שריפטן, 3 בענד, צו 2.70

ווייטער א.—צום אָנדענק פון א. ווייטער (זאמלונג) . 4.20

זשיטלאָווסקי חיים ד"ר—געזאַמלטע שריפטן, 4 בענד. 21.00

טאַליעוו וו. א.—טשאַרלז דאַרווין, וואָס האָט אויפגעטאָן פאַר דער מענטשהייט 0.50

לעשצינסקי י. — דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן אין דער יידישער ליטעראַטור (ריב"ל און אקסענפעלד) 0.80

מאַרקיש פרץ.—פאַרבייגייענדיק (עסייען) 1.10

מייזיל נחמן—נאָענטע און ווייטע (קריטישע ארטיקלען) . 3.20

ח. נ. ביאַליק (וועגן פון שאפן) 0.75

י. ל. פרץ (זיין לעבן און שאפן) . . . .

סאָלאָווייטשיק מ. ד"ר—„יסודות פון דער עלטסטער יידישער קולטור=געשיכטע, יידיש ד"ר ש. אייזענשטאַט 4.30

פנקס. — יאָרבוך פון דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און שפראך, פאר פאָרקלאָר, קריטיק און ביבליאָ=גראַפיע, רעד. ש. ניגער 6.50

פלאַוויוס יוסיפוס — די יידישע מלחמות, יידיש ז. קאַל=מאַנאָוויטש . . 8.50

פרץ=בוך (צום אָנדענק פון י. ל. פרץ, יידישע וועלט 1915 . . 2.00

קאָגאַן פ.—געשיכטע פון די מערב=אייראָפּעאישע ליטע=ראַטורן, יידיש פ. היילפּערין אין 3 בענד, I ב. 9.00

ראָזענטאַל פ. (פ. אַנמאַן)—דער קאַמף פאר וועלט=הער=שאַפט און וועלט=וועגן, יידיש א. פרידקין . 4.50

שירער ע. פּראָפ.—געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער צייט פון בית=שני, איבערז. ז. קאַלמאַנאָוויטש . 7.70

קאַטאַלאָגן — אומזיסט!

ווילנער פאַרלאַג ב. א. קלעצקין

ווארשע, לעשנא 36. וו. 22, טעל. 71=210. פאסט-טשעק-קאנטא 98-58.

פ. קאַגאַן
געשיכטע פון די מערב = אייראפעישע ליטעראטורן

יידיש פ. הײלפערין

מיט פאָרטרעטן אויף באזונדערע בלעטער

קורצער אינהאַלט פון ערשטן באַנד.

I. די מיטלאלטערישע ליטעראטור. דער צושטאנד פון אייראפע, איטאליע און פלאָרענץ אין דאנטעס צייטן.—דאנטע.—די „געטלעכע קאָמעדיע".—דער בוי און אלעגאָרישער זינען פון דער פאָעמע. — די שייכות צווישן דאנטען מיט דער רענעסאנס עפאכע.

II. די מיטלאלטער און דער רענעסאנס.—וויסנשאפט, קונסט, פעדאגאָגישע, מאָ-ראַלישע און פאָליטישע אָנשויאונגען אין דער עפאָכע. — איטאליענישער רענע-סאנס.—דייטשער הומאניזם.—ענגלישער הומאניזם.—פראנצויזישער הומאניזם.— סערוואנטעס.—„דאָן קיכאָט".—די אלמענטשליכע באדייטונג פון ראָמאָן. וויליאם שעקספיר.—דער טעאטער אין שעקספירס צייטן.—שעקספירס קאָמעדיעס, דראמעס און טראגעדיעס.

III. דער XVII י. ה. — ענגלאנד. — מילטאָן.—דער „פארלוירענער גן-עדן".— מאָליער און זיינע קאָמעדיעס.—ראסין. — קאָרנעל.—די פארבינדונג צווישן דער פסיידאָקלאסישער פאָעזיע מיט דער ליטעראטור פון XVIII י. ה.

IV. די אויפקלערנדיקע און די סענטימענטאלע ריכטונג וואָלטער. — רוסאָ. — די פסיידאָקלאסישע ריכטונג אין ענגלאנד.—ריטשארדסאָן.—באָמארשע.

V. די דייטשע ליטעראטור אין XVIII יאָרהונדערט. — לעסינג. געטע. שילער.

VI. דער ראָמאנטיזם און די פאָעזיע פון „וועלט-שמערץ". — נאָוואליס.—בייראָן, זיין פערזענלעכקייט און זיין שאפן.

פרייז 9 גילדן.

דאָס איז אַ בוך, וואָס איז שוין לאַנג נויטיק דעם יידישן לעזער. אַ בוך, וואָס פירט אריין דעם יידישן לעזער אין קרייז פון אלמענטשלעכן שאפן.

פאָדערט אויספירלעכע קאַטאַלאָגן

אדרעס: Wyd. B. A. Kleckina Warszawa, Leszno 36/22

ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין

וואַרשע, לעשנאָ 36, וו. 22

ד"ר פּ. ראָזענטאַל (פּ. אַנ-מאַן)

דער קאַמף פאַר וועלט-הערשאַפט און וועלט-וועגן

אין 25 קאַפּיטלען — יידיש א. פרידקין.

אינהאַלט:

די אַרענע פון מיטללענדישן פעריאָד. — די געאָגראַפישע פאַרשטעלונג פון אַלטערטום און מיטלאַלטער. — די קאָלאָניעס פון די פיניקיער און גריכן. — די רוימישע מלוכה און די רוימישע קאָלאָניעס. — דער קאַמף פון רוים מיט די קאַרטאַגענער. — די אַראַבישע הערשאַפט. — די נאָרמאַנער און זייערע קאָלאָניעס. — די איטאַליענישע האַנדלס-רעפּובליקן. ביזאַנטיע. — די אָפּצווייגונג פון די האַנדלס-וועגן אויף צפון. — דער קאַמף פאַר דעם מזרח-אייראָפּעאישן פליין: רוסלאַנד, פּוילן, ליטע. — די הערשאַפט פון די מאָנגאָלן. — די נייע תקופה. — די אַנטדעקונגען און עראָבערונגען פון די שפּאַניער. — ענגלאַנד קעגן שפּאַניע. — דער אָנהייב פון די ענגלישע קאָלאָניעס. — די הונדערט-יאָריקע מלחמה צווישן ענגלאַנד און פראַנקרייך. — דער סוף פון אָקעאַנישן פעריאָד. — דער פּאַנאָקעאַנישער פעריאָד.

288 גרויסע זייטן — פּרייז 4.50 גילדן

א. ווייטער — כּתבים.

ערשטער באַנד: א. ווייטער — זיין לעבן און זיין ווירקן פון א. י. גאָלדשמידט. 1 בעלעטריסטיק. 2 דראַמע. 3 לידער; עסיי; פּובליציסטישע אַרטיקלען. IV פון ווייטערס איבערגעבליבענע כּתבים. קורצע רשימה פון א. ווייטערס ווערק.

324 זייטן — פּרייז 4.50 גילדן

צווייטער באַנד: דראַמען — פאַרטאָג; אין פייער; דער שטומער. — פּרייז 3.30 גילדן

פאָדערט קאַטאַלאָגן, פּראָספּעקטן!

ביבליאָטעקן, בוכהענדלער, קלובן, פאַראיינען — ראַבאַט.

אַדרעס: Wyd. B. A. Kleckina Warszawa, Leszno 36/22.